STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05665

INEYNEM

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינאײנעם

זאַמלבוך

2

אַרגענטינער אָפּטײל פֿון אַלװעלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס

בוענאָס־אײרעס

1952 ה׳תשי״ב

I N E I N E M

E S C R I T O S

Buenos Aires, 1952

Copyright 1952 by

Confederación pro Cultura Judía, Ayacucho 483, Bs. Aires, Rep Argentina

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

זוכצעטל

זײַט

י. אָפּאַטאָשו:
וואָס דאַרף זײַן די ייִדישע ליטעראַטור אין די אַמעריקעס? — — — — — — — 5

א. אונדזער תקופה

שמואל ראָזשאַנסקי:
פּרץ אין זײַן יאָרהונדערט — 11

אביגדור שפּריצער:
פּרץ — פון זײַן רו אַרויס — 19

פּ. ביזבערג:
אונדזער היסטאָריקער — — 25

ב. לידער און פּאָעמעס

יצחק בלומשטיין:
לידער — — — — — — — 37

משה קויפמאַן:
דאָס ליד פון משה־בער — 40

שרה בירנבוים:
לידער — — — — — — — 49

מאַשע שטוקער־פּאַיוק:
לידער — — — — — — — 51

אסתר שטיינבערג:
לידער — — — — — — — 53

ג. נאָוועלן

י. אָקרוטני:
די מוטער פון יאָהאַן שטראַוס 57

זײַט

נחמן מיזשעריצקי:
דער זייגערמאַכער פון סאַן טעלמאָ — — — — — — — 83

מלך טשעמני:
בײַם פּיאַסעטשנער רבין — 91

ד. דראַמע

פּנחס ביזבערג:
לוי־יצחק באַרדיטשעווער — 99

ה. פּראָבלעמען

מרדכי בערנשטיין:
תורה־ווימפּלען — — — — — 193

זלמן וואַסערצוג
יאַנוש קאָרטשאַק — — — — 213

חיים בראָקאַזש:
די ייִדישע טענות צו סטעפאַן צווײַג — — — — — — 232
בריוו פון סטעפאַן צווײַג — 244

פּאַליק לערנער:
די פּראָגע אשכנזים־ספרדים אין לאַטיין־אַמעריקע — 249

י. בירנבוים:
דער נישט־ייִדישער דערציִער פון אַ ייִדישן דור — — 263

זייט

ו. זכרונות

נ. קריטשמאַר:
אויף אַ זאַמדיקן באָדן — — — 285

ז. פון קולטור־קאָנגרעס

פון קאָנפערענץ צו קאָנפערענץ 335
רעזאָלוציעס — — — — — 341
ש. ר.: 5 אויסשטעלונגען פון פלאַסטישער קונסט — — — 343
מ. קאָרנהענדלער: וואָס דאַרף זיין דער יוגנט־צענטער? — 348

ח. יובילאַרן

י. אָ.: דוד פינסקי — — — — — 355

זייט

ש. ר.: אברהם רייזען — — — — 356
שמואל ראָזשאַנסקי — — — — 358

ט. אָװעקגעגאַנגענע

פ. ב.: משה דוד גיסער — — — 367
ש. ר.: אביגדור שפּריצער — — 369

י. וועגן

פאַרלאַגן אין דער יידישער אַר־גענטינע — — — — — — — 373
ליטעראַרישע פּרעמיע פאַר יונגע שרייבערס — — — — — — 375
נייע קולטור־שאַפערישע כוחות פאַרן יישוב — — — — — — 376
אונדזערע מיטאַרבעטערס — — — 378

ישעיה שפּיגל

וואס דארף זיין די יידישע ליטעראטור אין אמעריקע?

די יידישע ליטעראטור אין די אמעריקע, ווי די יידישע ליטעראטורן איבער גאנץ דער וועלט, [illegible] אפּשפּיגלען [illegible] יידישן לעבן, [illegible] [illegible] יידיש לעבן.

[illegible] [illegible] [illegible] אין די [illegible] יידישע ליטעראטור [illegible] אמעריקע [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אין די אמעריקע. [illegible] אין [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אין די אמעריקע, [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

ווען ניעט [illegible] קיין שרייבן [illegible] וואָך-טאָג, [illegible] מיין ארבעט,
[illegible] מיין ארבעט. מיין הארץ [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] און [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible], [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible],
די [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible]-[illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]-[illegible]-[illegible]

און [illegible] [illegible] [illegible] ניעט [illegible] [illegible] וועלן
די [illegible] [illegible]. די [illegible] און [illegible], [illegible]
[illegible] [illegible]. און די [illegible]—[illegible] [illegible] [illegible]-[illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible]. [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] די [illegible], [illegible] [illegible], די די
[illegible] [illegible]-

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] די
[illegible] [illegible]-[illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] די [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] און [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible], [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] די
[illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] און [illegible] [illegible]
[illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

מען [illegible] פֿון דעם [illegible], אַז די [illegible]
[illegible]. די [illegible]
[illegible]
[illegible]
אָט וואָס [illegible]
[illegible]!

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] — [illegible]
[illegible].

א

אונדזער תקופה

שמואל ראָזשאַנסקי

אביגדור שפּריצער

פּנחס ביזבערג

שמואל ראָזשאַנסקי

בוענאָס־איירעס

י. ל. פּרץ אין זיין יאָרהונדערט

1

יצחק לייבוש פּרץ איז פאַר זיין יאָרהונדערט (1852 — 1952) מער כאַראַק־טעריסטיש ווי פאַר דער צייט פון זיין לעבן (1852 — 1915).

פאַר דער צייט פון זיינע 63 יאָר לעבן איז דער דיכטער פון „די גאָלדענע קייט" געווען צו עקסטראַוואַגאַנט, צו רעוואָלוציאָנער. ער האָט קעגן אַלעמען און קעגן אַלץ רעבעלירט. נישט געווען דעקאַדענטיש אין גייסט און דאָך געצויגן צו קאָשמאַר. געזען „די טויטע שטאָט", ווו עס „איז כמעט קיינער קיין מאָל רעכט נישט געשטאָרבן, ווייל עס האָט קיינער נישט רעכט געלעבט". און דאָך געזען דעם חסיד פאַרשיכורט פון געזאַנג און טאַנץ, ווייל „טאַנצן האָט די גרויסע מעלות: כ'האָב קיין קשיות, כ'פרעג קיין שאלות... און צעפלאַקער אין התפּעלות". סתירות אויף סתירות. אַט משכיל, אַט ראָמאַנטיקער. אַט העברעיִסט, אַט יידישיסט. אַט רעאַליסט, אַט סימבאָליקער. ווי האָט זיך פּרץ געפּאַסט פאַר זיין לעבנצייט, וואָס איז אין תוך נאָך פאַרבליבן אין די גרענעצן פון באַלעבאַטישקייט? די דאָזיקע צייט איז פאַר קיין פאַל און אין קיין פאַל נישט געווען אַזוי פאַרנעפּלט, ווי פאַרנעפּלט עס איז געווען יצחק לייבוש פּרץ. דערפאַר האָבן אונדזערע רעאַליסטן, הומאָריסטן און סאַטיריקערס געחוזקט פון פּרצעס פּינטעלעך, נישט דערזאָגטע רייד און „רזי־דרזין". משונהדיק האָבן פאַר זיי געקלונגען די ווערטער, וואָס פּרץ האָט אַריינגע־לייגט אין מויל פון לעקטאָר אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". וואָס — „מתים לאַכן"? וואָס מיינט עס: „אַלע שטריק צעריסן, די לעצטע בריק — געקראַכט, גע־פּלאַצט און אין תהום אַריין"? וואָס מיינט עס: „אינעם הילצערנעם געוויין קריצן ציין, רייבט זיך ביין אין ביין"? אַזעלכע קאָשמאַר־בילדער האָבן זיך גאָר נישט

אריינגעפּאַסט אין דער צײַט. אויף דער טעריטאָריע פון דער אויפשטײַגנדיקער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור האָבן זיי געקלונגען ווי רייד פון האַלוציציעס. נישט אומזיסט האָט פּרץ באַטיטלט „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" ווי „אַ טרוים אין אַ פיבער־נאַכט", וואָס איז אַ ייִדישלעכער עכאָ פון שעקספּירס „חלום אין אַ זומער־נאַכט". פיבערדיק — גאָר נישט ווי פאַר זײַן צײַט.

גאַנץ אַנדערש קלינגען פּרצעס רייד אין זײַן יאָרהונדערט. נאָכן קאָשמאַר פון מײַדאַנעק, טרעבלינקע און אָשוויענטשים פאַרשטייען מיר גאַנץ אַנדערש די לאָזונגען פון פּרצעס בדחן: „לעבט, וואָס איר האָט נישט דערלעבט! פילט, וואָס איר האָט נישט געפילט!"... אַזעלכע רייד הערן מיר דאָך פון די אויפגעשטאַנענע מתים אויף דער „חתונה אין פערנוואַלד". איצט, אַז ה. לייוויק זאָגט זיי, קלינגען די דאָזיקע קאָשמאַר־רייד פּשוט, פון גרויען רעאַליזם געשעפּט. און נאַטירלעך, נישט קיין ווונדער. גיהנום־רייד זײַנען ערדישע רייד געוואָרן. סימבאָלן זײַנען דורך דער צײַט נאַטוראַליזירט און פאַרוואָכעדיקט געוואָרן.

פּרץ, דער דיכטער פון אומגעווײנטלעכע סתירות, איז דער אויסדרוק גיכער פון זײַן יאָרהונדערט ווי פון זײַן לעבנצײַט. זײַן טעמפּעראַמענט און פאַנטאַזיע זײַנען זייער אָפט אַרויס פון די גרענעצן פון זײַן עפּאָכע. ער איז פאַרויסגעלאָפן. געשוועבט איבער דער ערד, הגם נאָכאַנאַנד געזוכט דאָס לעבן וואָס ווערט געלעבט, נישט בלויז דאָס לעבן וואָס דאַרף אָדער איז ווערט געלעבט צו ווערן.

געלעבט האָט פּרץ אין אַן עפּאָכע פון דראַמאַטישע קאָנפליקטן. אין זײַן שאַפן זײַנען אָבער דאָ בליצן פון אַ טראַגישער צײַט.

2

איז יצחק לייבוש פּרץ פאַר זײַן יאָרהונדערט מער כאַראַקטעריסטיש ווי פאַר דער צײַט פון זײַן לעבן.

פאַר זײַן לעבנצײַט איז פּרץ געווען אַ רעטעניש — אַ גערעטעניש פון ייִדישן גײַסט אויף דער טעריטאָריע פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. ער איז פאַר אַ סך געווען ווי „דאָס קראַנקע ייִנגל" וואָס חלומט אַז „די לבנה זאָל זײַן גרעסער"...

פּרץ, וואָס האָט נישט מורא געהאַט פאַר סתירות און איז אַן התנצלות אַריבער פון איין עקסטרעם צום צווייטן, האָט געלעבט אין אַ צײַט ווען עקסטרעמען האָבן נישט געהאַט קיין אָרט אין לעבן. ווען מ'באַטראַכט אין 1952 די רעוואָלוציעס אינעם ייִדישן לעבן מיט הונדערט און מיט פופציק יאָר צוריק, זעען זיי אויס אינעם הײַנטיקן ליכט ווי די פּאָגראָמען פון 1881 — 1882 אַנטקעגן די מעשים תעתועים אין די נאַציישע געטאָס און „פאַבריקן פון טויט" אין 1941 — 1945. אַז אפילו נאָך פּרצעס טויט איז מען אין וואַרשע געווען אײַנגעשטעלט מיטן לעבן אַרויס־

צוגיין אין גאס פארקויפן א יידישע סאציאליסטישע צייטונג און די צייטונג האט טאקע באדארפט אויפהערן ארויסגיין שבת! א סאציאלע רעוואלוציע האט דעמאלט אויסגעזען אזא אילוזיע, אז עס זיינען גענוג געווען עטלעכע נישט געראטענע צוזאמענשטויסן, און די רעוואלוציע זאל שוין זיין א דורכגעפאלענע, און די רעוואלוציאנערע שטימונג זאל פאלן, און די רעוואלוציאנערע יוגנט זאל אין די רעאקציאנערע „קאטאקאמבעס“ אראפזינקען, דער סאמע נאענטסטער זאל ווערן „א וויטער“, דער פאטעטישסטער אויסרופער פון קאמף אויף די באריקאדעס זאל ווערן „דער שטומער“.

פרצעס לעבנצייט איז — אינעם היינטיקן ליכט — געווען אן עפאכע פון אנהייבן. אומעטום בלויז און נאר אנהייבן. די יידישע ארבעטער־באוועגונג פון אלע קאלירן איז אנגעפירט געווארן פון די גרינדערס. פיאנערן האבן נאך געהאט פעךשווארצע האר. די פירערס פון דער ציוניסטישער באוועגונג זיינען נאך געווען יונגע באלעבעסלעך. דעלעגאטן צו וועלט־קאנגרעסן האבן באדארפט היפש גיין צו פוס, ווייל די ארגאניזאציעס האבן אפילו אויף א באן־בילעט נישט געהאט. אין די מאדערנע יידישע בוכהאנדלונגען איז דער פאקנטרעגער נאך געשטאנען פאר די אויגן. אין די זעלביקע הויפן, ווו דינסטמוידן האבן זיך געקושט כמעט בפרהסיא מיט שניידער־געזעלן און טרעגערס, האבן חסידישע טעכטער ערשט ביי דער גילדערנער יויך אנגעקוקט צום ערשטן מאל, נישט מער ווי מיט א בליצל פון אויג, זייער באשערטן. דער פארליבטער, וואס איז נישט געליבט געווארן, איז א זינדיקער געווען. און ביי פרצן „אין פאליש אויף דער קייט“ ווערט דער ערשטער אקט פארענדיקט מיט א סצענע, ווי דער משוגענער און דער זינדיקער גיבן זיך די הענט...

אינעם גאנג פון די טעג, אויף די פליגלען פון ווארט, בעתן חלומען פון באריקאדעס אדער פון שיבת ציון, אין די שטעטלעך פון פוילן און רוסלאנד, ווו דאס יידישע לעבן איז געווען געגליכן צו אן אלטן דעמב מיט טיפע ווארצלען, האט מען געמיינט, פונקט ווי מענדעלעס אוואנטוריסטישע וואנדערערס, אז גלייך נאכן שטעטל איז עק וועלט. ווייל אפילו ווען עס האט זיך אנגעהויבן די גרויסע עמיגראציע, זיינען די ישובים געבליבן כמעט אומבארירט. פרץ האט נישט זוכה געווען צו זען, וואס פון די נייע ישובים אין אמעריקע איז געווארן, און בנוגע ארץ־ישראל האט ער זיך ניט פארגעשטעלט די היינטיקע היסטארישע איבערוואנדלונג. אלץ פאר זיינע אויגן איז געווען אין פראצעס פון ווערן. אזוי די פראלעטארישע טראנספארמאציע ווי דער ציוניזם, אזוי די מאסן־עמיגראציע ווי די עקספערימענטן פון ארגאניזירטער קאלאניזאציע, אזוי די נייע יידישע ליטעראטור און שול ווי די קולטור און נאציאנאלע געזעלשאפטלעכקייט. אלץ איז געווען אין דער סטאדיע פון א נייעם בראשית. קיין עקסטרעמע ענדערונגען זיינען אבער אין פרצעס לעבנצייט נישט פארגעקומען. אפילו די טשערנאוויצער שפראך־קאנפערענץ (1908) האט מער ווי תורה

געבראַכט פּשט, דרוש, אינטערפּרעטאַציע. און ווי די מעשה זאָל נישט זײַן, צי מ׳דאַרף די ייִדישע פֿאָלקשול אָנהייבן רעכענען פֿון 1906 צי פֿון 1912, טאָר מען נישט פֿאַרגעסן, אַז די ברייטסטע מאַסן פֿאַר די ייִדיש־וועלטלעכע שולן נעמט זיך פֿון די קינדער־היימען, געשאַפֿענע אין וואַרשע, אין 1915, אין דער אַטמאָספֿערע פֿון מילחמה און פּליטים. אַז פּרץ איז אינספּירירט געוואָרן צו שאַפֿן זײַנע קינדער־לידער, איז די דאָזיקע אינספּיראַציע נישט געקומען פֿון אַ געוויינטלעכער ייִדישער סביבה, נאָר פֿון אַן אַזיל פֿאַר עלנטע קינדער, אַ סך פֿון זיי פּאַריתומטע, דאַכלאָזע, הונגעריקע, וועלכע מען האָט פּריִער פֿון אַלץ באַדאַרפֿט געבן אַ לעפֿל זופּ און אַן אָרט וווּ דעם קאָפּ צו לייגן. די ייִדיש־וועלטלעכע שול איז, בכן, אַרויסגעוואַקסן פֿון פֿילאַנטראָפּישער אַרבעט (מעג דער טערמין „פֿילאַנטראָפּיע״ ווי ווייניק אונדז געפֿעלן).

אַזאַ מישמאַש איז געווען אינעם ייִדישן לעבן פֿון פּרצעס לעבנצײַט. אין פֿאַר־גלײַך מיט די געשעעניש אין און אַרום דער צווייטער וועלט־מילחמה זײַנען דע־מאָלט פֿאָרגעקומען לאַנגזאַמע, קליינע ענדערונגען. אין דער פּריזמע פֿון 1952 זעט עס אויס ממש ווי אַן אויסגעטראַכט מעשהלע, אַז אין דעם זעלביקן יאָרהונ־דערט אין וועלכן מ׳האָט זיך פֿאַרגונען צו לאָזן אין מאָסקווע אַרומצופּראַצעסירן זיך אַ יאָר צײַט, צי איז טאַקע אמת געווען אַז דער אומבאַקאַנטער ייִד מענדל ביילים האָט דערהרגעט דאָס שגצל יושטשינסקי, כדי „ייִדן זאָלן האָבן בלוט אויף מצות״, אין דעם זעלביקן יאָרהונדערט, קוים דרײַ יאָרצענדלינגער נאָך 1913, זאָל מען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון מער „ציוויליזירטן״ דײַטשלאַנד אויסשטיקן יעדן טאָג, אַזוי עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, אַ סך טויזנטער ייִדן, אָן דעם מינדסטן פּראָצעס, אָן קיין שום דין, אָן קיין שום חשבון — לית דין ולית דיין...

פֿאַר וועמען זשע האָט גיכער געפּאַסט פּרצעס זאָג, אַז „דער מאָדערנער מענטש האָט נישט קיין לעבן, נאָר מאָמענטן, ער האָט דעריבער קיין כאַראַקטער נישט, קיין ווילן, נאָר קאַפּריזן און „ווילעכצער״ — פֿאַר פּרצעס לעבנצײַט אָדער פֿאַר פּרצעס יאָרהונדערט?

און פּרצעס טעזע אין „מענדעלע״ אַז „די צײַטן פֿון יחידים, וואָס טוען אַלץ און וואָס שטייען שטענדיק דאָרט וווּ עס זײַנען קיין אַנדערע נישטאָ, די צײַטן זײַנען שוין פֿאַרבײַ״, ווײַל „איצט — יעדעס געביט האָט זיך זײַן שליח־ציבור, זײַן פֿאַכ־מאַן, און יעדער פֿאַכמאַן — זײַן געביט, וואָס ער איז זיך עוסק אין דעם״ — ווען האָט די דאָזיקע טעזע בעסער זיך אַרײַנגעפּאַסט, אין פּרצעס לעבנצײַט אָדער אין פּרצעס יאָרהונדערט?

און ווען האָבן מיר טיפֿער באַגריפֿן און געפֿילט פּרצעס פֿאָרמולע פֿון „די גאָלדענע קייט״, אַז „איטלעכער ייִד האָט — אַ פּינטעלע, אַ פֿינקעלע אין האַרץ, און קליין איז דער פֿונק, און פֿול מיט אים איז דאָס האַרץ, טליעט עס קוים... גייט

מען אין חושך ארום... קומט מען זיך אָבער צוזאַמען, באַהעפט מען זיך, נעמען זיך צונויף די פינטעלעך, פלאַקערן אויף די פינקעלעך און שמעלצן זיך צוזאַמען אויף אַ זון, אויף אַ גרויסער זון" — ווען האָבן ייִדן טיפער פאַרשטאַנען און טיפער גע־פילט די דאָזיקע באַפליגלטע דעפיניציע פון צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק, וואָס וויל אײַין פאָלק זײַן: אַמאָל אָדער איצט?

און ווען האָבן צו אונדז שטאַרקער אַפּעלירט פרצעס פערזן „לשנה טובה תכתבו", געשיקט צו ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט, „צי איר שיפט אײַך איבער ימים צו אַ נײַ פאַרשפּראָכן לאַנד, צי איר טראָגט דעם יאָך דעם שווערן מיט אַ שמייכל: — איי, ווי גרינג... און איר קויפט די לופט צום לעבן און איר צאָלט פאַר יעדן שלינג" — האָבן מיר די אַ ווערטער ברייטער און טיפער באַנומען אין פרצעס לעבנצײַט אָדער אין פרצעס יאָרהונדערט?

און „דער וויכוח" בײַ פרצן, אַז „פרײַ דענקען איז דראַמאַטיש, צווייפלען טראַ־גיש, אָבער דאָס הילצערנע עם־האָרצישע זיכערקייט געהערט צום פאַרס" — ווען איז די דאָזיקע וואָרענונג געווען מער אַקטועל, אַמאָל אָדער איצט?

און מכוח „אוי, דלות, דלות", אַז „אויב אַ טעאַטער האָט זײַן פּובליקום נישט, מוז עס אַרײַנגאָרן פון גאַס, ווי אין אַ באַלאַגאַן אַרײַן, מוז עס זײַן נוחם תיבה מיט אַלע חיות, אַ כּל־בו פון זינג־טאַנץ, שפּרונג, שרײַענדיקע, וויינענדיקע סצענעס" — פאַר וועלכער צײַט זײַנען פרצעס ווערטער מער כאַראַקטעריסטיש, פאַר יענער צײַט ווען דאָס ייִדישע טעאַטער איז נאָך נישט אַרויס פון מוראַנאָווער גאָרטן און די בודעס פון די „פאַזשאַרנע קאָמאַנדעס" אָדער נאָך דעם ווי עס זײַנען געבליבן אין דער גרויסער אַמעריקע פון 26 ייִדישע טעאַטערס קוים עטלעכע בינעס וואָס שאָקלען זיך און ציטערן פאַר די פאַר חדשים לעבן?

ווייסן מיר טאַקע נישט וואָס און ווען די צײַט וועט ברענגען. מיר ווייסן אָבער אויף זיכער אַז יצחק לייבוש פרץ איז פאַר זײַן יאָרהונדערט ייִנגער פון אַלע מיטצײַטלערס זײַנע, ייִנגער פון שלום עליכמען און אוודאי פון מענדעלען. ער איז נישט בלויז דער דיכטער פון ז ײַ ן עפּאָכע. ער איז דער דיכטער פאַר די יאָרן וואָס קומען. חוץ „פאָטער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור" איז ער דער גײַסט וואָס וועקט אונדז צו קעמפן פאַרן ייִדישן מאָרגן, פאַר אונדזער זײַן ווי ייִדן־מענטשן — ווי ער האָט עס צעקלונגען אין זײַן תשובה אויף דער שאלה „וואָס פעלט אונ־דזער ליטעראַטור?" — „צום געטלעכן מענטש, צום מענטשלעכן גאָט".

3

נאָר אַזאַ לײַדנשאַפט, ווי י. ל. פרצעס, קאָן אונדז הײַנט אַרויסשטויסן פון דעם צושטאַנד פון אַנטוישונגען אָדער גלײַכגילט, וואָס די יאָרן פון בוכנוואַלד און מיי־

דאנעק האָבן אונדז געבראַכט. נאָר אַזאַ שפּאַנונג, וואָס די פּרץ־פּערזענלעכקייט רעגט אָן, איז בכוח צו צעטרייסלען די געשלאָגענע געמיטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור־ און קולטור־וועלט. נאָר אַזאַ אומרו, ווי עס שטראַמט פון פּרצעס דיכטונג, איז באַרופן צו וואָרענען קעגן דער מוטלאָזיקייט, כאַראַקטערלאָזיקייט, אידייענלאָזיקייט, וואָס פאַרפּלייצט די ייִדישע וועלט מחוץ מדינת־ישׂראל.

מער ווי ביי וועלכן ס'איז שעפער געפינען מיר ביי פּרצן, שוין אַזוי פיל יאָרן גאָך זיין אַוועקגיין, שאלות און תשובות וואָס זיינען נאָך זיין טויט געוואָרן מער אַקטועל ווי ביי זיין לעבן.

געווען ביי פּרצן אַן אומגעוויינטלעכער ווייטער קוק. בעת וואָרטזאָגערס האָבן זיך געהיט, ווי פאַר פייער, נישט צו זאָגן קיין גוט וואָרט פאַר דער „העט" ווייטער אַרגענטינע, וואָס אַ סך האָבן געהאַלטן פאַר אַ מיצווה צו פאַרשעמען און באַריידן, האָט ער זיך ממש געפרייט, ווען ער האָט געקאָנט אָנזאָגן: „וואַרמאַנט — שטום". פּרץ האָט אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס דער נאָמען פון דער ייִדישער אַרגענטינע איז אין דער וועלט געבעסערט געוואָרן. ער האָט געהאַט דעם חוש אָראָפּצובלאָזן פון געשעעניש דעם שטויב, כדי מ'זאָל דערזען דעם עיקר וואָס האָט אין זיך לעבנסדרויער. נאָך אין 1894, ענטפערנדיק אויף דער פראַגע „וואָס ווילן מיר?", אין אַריינפיר צום זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן", האָט פּרץ געשמייכלט פון יענע, וועלכע וואָלטן געוואָלט — „אין אַ צייט פון עטלעכע יאָר... אויפבויען אַ ייִדישע מלוכה אין ארץ־ישׂראל אָדער פאַרלייגן אַ ייִדישע רעפּובליק אין אַרגענטינע".

דורך פּרצן הערן מיר פאַרשיידענע קולות. אין די סתירות אַנטפּלעקן זיך קעגנזעצלעכע שיטות. זיי האָבן וויברירט, די פאַרשיידנאַרטיקע אידייען, און אים צו רו נישט געלאָזט. ער האָט ממש ווי געלאָזט אַז אין אים זאָל געפירט ווערן אַ דעבאַטע וועגן די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען אינעם ייִדישן לעבן. פון דעם נעמט זיך, וואָס אַנדערע נעמען אויף מיט פייערלעכן ערנסט די ווערטער וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין געמיט פון הומאָר און סאַטירע... און פאַרקערט. אַזאַ טיפּישער ביישפּיל זיינען די שורות פון „אַ תפילה", אַז „גאָט, גיב אונדז שוין אונדזער לאַנד, גרויס כאָטש ווי אַ גענעץ" און „גיב אונדז אונדזער פּאָליציי, אונדזער מיליטער"... די דאָזיקע ווערטער, געשריבן פון פּרצן אונטערן צייכן פון הומאָר, ווערן היינט ציטירט מיט פּאַטאָס. יעדער איינער, הייסט עס, טייטשט ווי אים איז ליב. יעדער איינער נעמט, וואָס אים געפעלט און אינטערפּרעטירט ווי עס פּאַסט פאַר אים. פּרץ גיט אַ סך פּלאַץ פאַר דעם, ווייל עסריידן דורך אים פאַרשיידענע באַוועגונגען פונעם ייִדישן לעבן. פּרץ, וואָס איז קיין מאָל קיין פּאַרטייער נישט געווען, כאָטש ער האָט זייער אַ סך געשריבן וואָס באַגייסטערט די סאָציאַליסטישע און

פּראַלעטאַרישע וועלט, האָט געהאַט אויך מוט אויסצודריקן זײַן שרעק פאַר דער רויטער פאָן, פאַר די פאָלקסמאַסן...

פּרץ איז דער פּערמאַנענטער אומרו, וואָס וועקט און מאָנט, רעוואָלטירט, וועגט און מעסט יעדן גאַנג און יעדן געדאַנק פון יחיד און פון כלל.

אין זײַן באַציִונג צו העברעיִש זעט מען צום בעסטן זײַן אַליין־קריטיציזם. העברעיִש האָט אים געהאַלטן אין כישוף. ער האָט אפילו אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ געזען אין העברעיִש די נאַציאָנאַלע שפּראַך, כאָטש העברעיִש איז דעמאָלט געווען דער לשון פון אַמאָל און נישט דער לשון פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. נאָר ווי נחום סאָקאָלאָוו האָט געזאָגט, האָט פּרץ, הגם „געשריבן אַ וווּנדערבאַרן העברעיִש", דאָך „נישט געקענט זײַן אין העברעיִש דאָס, וואָס ער איז געווען אין יידיש". פּרץ האָט זיך געראַנגלט צווישן יידיש און העברעיִש, ווי ער האָט זיך געראַנגלט צווישן אידייען, און געפונען זײַן אַליינבאַשטימונג.

אַליינבאַשטימונג — דאָס איז דער גײַסט וואָס שטראָמט פון פּרצן. עס שטורעמט פון אים אַרויס דער גײַסט פון פרײַהייט. און פאַרבינדן מיר זיך מיט פּרצן, טרינקען מיר פון זײַנע קוואַלן, ווערן מיר פון דעם גײַסט פון פרײַהייט, קריטיציזם און אַליינבאַשטימונג אינספּירירט און געפּירט. אָט דער אומרו, וואָס מוטיקט צו יידישער אַליינבאַשטימונג, קענען מיר אָנרופן: פּרציזם.

„בטבע זײַנען מיר גלײַך ווי אַלע מענטשן", האָט פּרץ פאָרמולירט נאָך אין 1891. „און דאָך איז אונדזער פאָלק נישט גלײַך צו אַנדערע פעלקער, ווײַל אונדזער לעבן איז אַנדערש, אונדזער געשיכטע איז אַנדערש. אונדזער רבי איז — דער גלות". און „דעם גלות האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אַ סך מעלות, נאָר אַ סך חסרונות אויך". מעלות? יאָ. „ווײַל מיר זײַנען אין גלות, ווײַל מיר עסן שטענדיק בײַ אַ פרעמדן טיש, ווײַל מיר זײַנען אייביקע אומגליקלעכע אורחים אויף דער וועלט, דעריבער איז מענטשלעכקייט אונדזער הייליקסטער אידעאַל, דעריבער איז אונדזער ע ג אָ י ז ם די ריינסטע מענטשן־ליבע". אַז איר ווילט, קענט איר זאָגן: עס לוינט אונדז צו זײַן הומאַניסטן. מענטשן־ליבע איז אונדזער בעסטע קאָניוקטור. דאָס איז אַזאַ דערקלערונג וועגן יידישן הומאַניזם, וואָס אפילו אַנטיסעמיטן קענען אָננעמען פאַר גוט, פאַר ריכטיק, פאַר ניצלעך. דאָס איז אָבער אַ וואָרענונג. מ'קען פרעגן: וועלן מיר אויך זײַן אַזוי הומאַניסטיש, ווען מיר וועלן אויפהערן צו זײַן „אורחים"? וועלן יידן זיך באַציִען אַזוי הומאַניסטיש בײַ אונדזער אייגענעם טיש לגבי אַנדערע, וועלכע וועלן בײַ אונדז „אורחים" זײַן? דאָ איז די פּראָבלעם אויפן באָדן פון מדינת־ישראל. וועלן מיר זיך באַציִען צו אַנדערע פעלקער אַזוי, ווי מיר ווילן אַז אַנדערע זאָלן זיך צו אונדז באַציִען?

פּרץ, וועלכער איז אין זײַן אומרו געווען אַ וווּנדערלעכער אימפּראָוויזאַטאָר, האָט אין אַ בריווקאַרטל צו אַן אומבאַקאַנטן יידן, אַ יאָר פאַר זײַן טויט, סינטעטי־

זירט אויף דעם קערנדיקסטן אופן זײַן ייִדישן אידייען־גאַנג. „אויב דאָס אויפלעבן פון ייִדישן פאָלק — האָט ער געשריבן — הייסט בײַ אײַך „ציוניזם“ — מה טוב! געהער איך דאַצו, האָב איך אַ טייל דערינען“. ער האָט אָבער גלײַך צוגעגעבן, אַז די אינטערעסן פון גאַנצן ייִדישן פאָלק שטייען בײַ אים העכער פון וועלכן ס׳איז טייל. „צום פּאָליטישן ציוניזם — האָט פּרץ געשריבן אין 1914 — האָב איך קײַן צוטרויען: דאָס גלות פאַרלייקן איך נ״י ש ט. דאָס איז דאָס שלאַכטפעלד, ווו מיר מ ו ז ן זיגן“. ווײַל „בײַ דער גאַנצער בענקשאַפט צו ארץ־ישראל (ניט צום „פאָטערלאַנד“ לויטן גויִשן באַגריף) גלייב איך פעסט אין ייִדישן וועלט־פאָלק, ווי דער פּראָפעט האָט עס געזען. איבעראַל די מינדערהײַט אין צאָל, די מערהײַט אין זין פון מאָראַלישער קולטור“. און — מ׳דאַרף אויף קײַן איין מאָמענט נישט פאַרגעסן אַז דאָס האָט פּרץ געשריבן אין 1914, ערב דער ערשטער וועלט־מילחמה — „נאָכן זיג וועט געבויט ווערן דאָס פּראָפעטישע, נישט פּאָליטישע ציון... כי מציון תצא תורה פ אַ ר אַ ל ע ...“

„פ אַ ר אַ ל ע“ — דאָס איז פּרצעס גרונטגעדאַנק — פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק, נישט פאַר יחידים און אוודאי נישט פאַר יחידי־סגולה.

ער, וואָס איז יחידיש דורך און דורך און האָט געזען אין די גרויסע יחידישע פערזענלעכקײַטן, צדיקים אָדער באַהעמען, פאַרפילפולטע קינדער אָדער פאַרעקשנ־טע פרויען, די קראַפט פון גיין אויפן אייגענעם וועג, כאָטש דער וועג איז פול מיט שטרויכלונגען און יסורים, ער וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון ייִדיש איבער און אַריבער די קעפ פון דער אַסימילאַציע און פון פאַרלייקענרישער פאַנאַטישקײַט פון דער אַלטמאָדישער השכלה מאָדערן פאַרשלייערט, האָט געזען אַלעמען און האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט אַלעמען.

מיר זעען דאָס באַזונדער נאָך חורבן פּוילן, נאָכן חורבן פון ירושלים דליטא. נאָך חורבן גאַליציע — נאָך דער פאַרלענדונג אויף פּרצעס ערד. איבער דער דאָזי־קער ערד הייבט זיך איצט אַרויס פּרצעס געשטאַלט ווי אַ מאָנומענט וואָס שטעלט פאַר דאָס ייִדנטום פון גאַנצן יאָרהונדערט: דער סינטעז פון דורות ייִדן, זייער בענקשאַפט, כוח און גערανגל פאַר אַליינדערהאַלטונג, ווי זייער דראַנג צו ייִדישער, גײַסטיקער און מענטשלעכער עמאַנציפּאַציע און גלײַכבארעכטיקונג צו קענען ווײַ־טער שאַפן, ווײַל נ אָ ר ש אַ פ נ ד י ק ק ע נ ע ן מ י ר ע ק ס י ס ט י ר ן.

אביגדור שפּריצער

פּרץ — פון זײַן רו אַרויס

(פון זײַן ליטעראַרישער ירושה)

א

פּרץ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַן שווערן שלאָף און דערזען אַרום זיך אַ באַרג ביכער, זשורנאַלן, צײַטונגען, אַ לוח, אַ זייגער און אַ שוואַרץ רעמל אויף דער וואַנט.

— וווּ בין איך עס!?

וואָס טוט זיך עס מיט מיר!? — האָבן זײַנע גרויסע אויגן זיך גענומען אַרומקוקן מיט פאַרוווּנדערונג; וואָס דאָס שוואַרצע רעמל אויף דער וואַנט באַטײַט, האָט ער געוווּסט. אין דעם שוואַרצן רעמל האָט ער געזען די ייִדן פון פּוילן, רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע, — אַלע ייִדן וואָס זײַנען אומגעקומען אויף קידוש השם, וואָס זײַנען פאַרפּײַניקט געוואָרן, וואָס זײַנען צוריק אַרויסגעקומען פון די קברים, נקמה צו נעמען אין שונא!

פּרץ איז פון זײַן רו אַרויס און דעם חורבן מיט די אייגענע אויגן צוגעזען — אָבער וואָס טוען ביכער דאָ, ייִדישער ביכער? — האָט ער זיך געוווּנדערט — ביכער, זשורנאַלן, צײַטונגען, אַ לוח...

ער האָט דאָך אַליין געזען, ווי דער שונא, דער רשע, האָט דאָס ייִדישע וואָרט דערשטיקט, דעם אַלף־בית אויסגעמעקט, די הייליקײַטן געשענדט.

דער לוח האָט געוויזן דאָס יאָר ה'תש"ה און דער זייגער האָט גענומען קלינגען:

אײנס,
צוויי,
דרײַ,

פיר,
פינף,
זעקס,
זיבן —
באגינען.
דאָס שווארצע רעמל אויף דער וואַנט, האָט זיך גענומען באַוועגן.
פון אונטער דעם רעמל איז אויף דער ערד אַרויס אַ הויפן ביינער.
פּרץ האָט דערזען דאָס שוואַרצע רעמל זיך באַוועגן און זיך רוקן צו אַ ווינקל צו.
אין דעם האָט ער דערזען, ווי אויף די ביינער נעמט זיך אַרויפציען אַ הויט.
ביינער —
הענט,
פיס,
קעפּ —
גאַנצע גופים...
טרערן צוויי האָבן זיך אַ קוילער געטאָן פון זיינע אויגן.
ער האָט די טרערן אַ וויש־אָפּ געטאָן און גענומען אָנציען דעם זייגער. ער זאָל נישט שטיין בלייבן!
דאָס שוואַרצע רעמל האָט זיך אַלץ גערוקט נענטער, נענטער צום ווינקל־צו.
און די ביינער האָבן אָנגעהויבן אויסזען ווי לעבעדיקע באַשעפעניש.

ב

פּרץ האָט אין זיין רו נישט געקענט האָבן קיין רו.
אָבער צו וואָס האָט עס אים פון זיין רו געטריבן?
צו טרויערן? —
רינט אַזוי אויך דער טרויער שוין אַריבער.
צו טרייסטן? —
ווי קען מען טרייסטן, ווען דאָס מת ליגט פאַר די אויגן? —
אָבער וווּ געפינט ער זיך ערגעץ?
וואָס טוט זיך עס אַרום אים?
אויף דער וואַנט הענגט אַ שוואַרץ רעמל.
אַ לוח פון יאָר ה׳תש״ה.
אַ זייגער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט און גייט פאַרט.
אַ באַרג מיט ספרים, ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן.
פּרץ רייסט אויף די גרויסע אויגן זיינע, דערזעט ער, אַז דאָס זיינען גאַרנישט

קיין ספרים, ביכער, צייטונגען...
דאָס זיינען שמות, שטיקלעך שמות.
און קוקט ער זיך גאָר גוט איין אין דעם, איז דאָס קיין שמות אויך נישט.
אותיות, בידנע, פאַרוואָגלטע אותיות זיינען דאָס.
דערמאָרדעטע אותיות.
פאַרפּייניקטע אותיות.
פאַרוואָגלטע אותיות.
אַן אַלף אָן אַ קעפּל.
אַ גימל אָן אַ פיסל זעט דאָ אויס, ווי אַ וואָוו — גאָט, וואָס איז דאָס פאַר אַ שטראָף!
אַ „ח" ליגט צעשלאָגן.
און אַ „ט" —
ווי אַ מת.
אַ „מ" —
ווי אין אַ קלעם.
אַ „ש" מיט אַ צעשלאָגענער קרוין
און — שוין.
אָן עק, אַ סוף,
פון אַלף ביז תיוו.
— געוואַלד! — האָט פּרץ אַ שוידער־אויף געטאָן — ווי גרויס איז די צרה, וואָס אונדז האָט געטראָפן!
נאָר מע טאָר נישט דערלאָזן צום סוף פון די סופן!
אין דעם דערזעט ער אין צעשלאָגענעם אַלף־בית אַ יוד (י).
ארומגעפליקט און ארומגעריסן, פאַרמאַטערט, פאַרפּייניקט, געשענדט.
נאָר אַן אַלף אָן אַ קאָפּ איז אויס אַלף.
אַ גימל אָן אַ פוס איז אויס גימל.
אַ צעשלאָגענע „ט" איז אַ מת.
נאָר אַ יוד (י) אָן אַ קאָפּ,
אָן אַ פוס,
צעשלאָגן, צעממיתטע — גאָט באַהיט! —
נאָר ס'קלענסטע פּיצעלע וואָס בלייבט, איז אַלץ אַ יוד (י).
פּרץ האָט אַ פלאַם־אויף געטאָן מיט זיינע גליִענדיקע אויגן און דערזען, ווי דאָס שוואַרצע רעמל אויף דער וואַנט רוקט זיך נענטער צו אַ ווינקל צו.
פון דעם צעשלאָגענעם אַלף־בית ווערן שמות.
פון די שמות — ספרים.

אינאיינעם

און דער זייגער ווי אויף דאָס ניַי אָנגעצויגן, הייבט־אָן צו קלאַפּן „טיק־טאַק", „טיק־טאַק" — גיכער, גיכער...

ג.

פּרץ האָט אין זיַין רו דערהערט יאָמערלעכע קולות פון אַלע זיַיטן.
קולות פון פינצטערע קללות.
קולות פון טענות און תביעות.
קולות פון שטילע ווידוים. —
פאַרשטיקטע קולות.
פאַרפיַיניקטע קולות.
איבערגעריסענע קולות.
אַן אַלף האָט אַ שניַיד געטאָן, ווי אַ חלף!
— אוי!
אַ בית,
אַ גימל,
האָבן צאַנקענדיק, ווי אין אַ דרימל,
געאָכצעט,
געקרעכצט:
— אַזוי?...
— אוי...
נאָר דאָס פּיצעלע יוד (י)
האָט פאַרצויגן אַ ליד:
— ווי פּיצל איך בין געבליבן!
ווי פּיצל איך בין פאַרשריבן...
נאָר געבליבן בין איך געבליבן!
און אַז דאָס האַרץ פּרצעס זאָל נישט נאָך אַמאָל פּלאַצן,
איז פּרץ אַרויס אויף די וואַרשעווער גאַסן:
— וווּ איז מיַין עדה!?
וווּ זיַינען מיַינע ברידער!?
וווּ זענט איר, וואַרשעווער יידן!?
גוואַלד!
גוואַלד! —
גייט אַזוי פּרץ און קיינער זאָגט אים נישט „האַלט".
פאַלט פּרצן איין, אַז אפשר איז עס נישט וואַרשע, וואָרן ווי קען עס געמאַלט

זײַן — װאַרשע אָן ייִדן!?
ס׳נישט װאַרשע,
נישט װילנע,
נישט קראָקע,
נישט לעמבערג.
װער װייסט עס װאָסער שטאָט דאָס איז.
װאָסער שטעטל,
װאָסער דאָרף,
אַז מע זעט נישט קיין ייִד אויף דער גאַס!?
נאָר װוּ ער זאָל נישט שטיין און גיין,
װיינט אים אין אויער אַ ייִדיש געוויין:
— איכה, איכה — װי אַזוי?...
און אַ שוואַרץ רעמל נעמט אים שווינדלען פאַר די אויגן.
נאָר דאָס שוואַרצע רעמל נעמט זיך אָפּרוקן אין אַ זײַט.
און פּרץ נעמט זיך אָן מיט מוט און גייט און גייט און גייט.

ד

שאָטנס האָבן זיך גענומען שלײַכן אויף גאַסן, אויף חורבות.

און װי פּרץ גייט אַזוי און גייט, דערהערט ער פּלוצלינג ס׳הילכן פון טראָמפּייטן.

אין אַ זײַט שטייט געבונדן אַ ייִדיש מיידל. זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ.

דער עלטסטער גיט אַ באַפעל:

„צובינדן זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע טײַוואָלאַנישע צעפּ, צום װיידל פון אָט־דעם װילדן פערד...“

„זאָל עס לויפן און שלעפּן זי, װי אַ הורג“...

דאָס מיידל האַלט אין האַנט אַ פּאָר שפּילקעס. זי בייגט זיך אַראָפּ און שפּיליעט זיך צו די זוים פונעם קלייד צו די פיס און שטעקט טיף־טיף אַרײַן די שפּילקעס אין לײַב, עס זאָל איר לײַב נישט אַנטפּלעקט װערן, װען דאָס פערד װעט זי שלעפּן אויף די גאַסן.

פּרץ האָט גענומען רײַבן זיך די אויגן.
צי האָט ער דאָס אַ מאָל געהערט?
צי האָט ער דאָס אַ מאָל אַליין דערציילט?
צי זעט ער דאָס אַליין מיט זײַנע אויגן?

דער קראָקעווער רב און דער לובלינער פּרנס פאָרן קײן טאָמאַשאָוו אויף אַ חתונה, קומען זײ גאָר אויף אַ לויה.

אברהמל באַס רעדט מיטן טאַטן, מיטן פאָטער אין הימל: „שמע ישראל!“ און שטאַרבט.

אין הימל האָט אַ באַס געפעלט, איז אברהמל באַס געזוכט געוואָרן צו דער קאַפּעליע אויפן הימל אַרויף.

גייט אברהמל, שפּילנדיק אויפן באַס:

— בוה... בוהה... בוההה... אַ טאַטע שטראָפט נישט!

דאָס ווילדע פערד לויפט און שלעפּט דאָס ייִדישע מיידל, ווי אַ הורג.

און בײַ אברהמלס באַס פּלאַצט אַ סטרונע — בוה...

ס׳פּלאַצן אַלע סטרונעס — בוההה...

חורבות אויף חורבות.

מיזרח און מערב, צפון און דרום — חורבות, חורבות.

און פון צווישן די חורבות, פון אַ קבר אַרויס, גייט אַרויס ר׳ שלמה אויסגע־גלײַכט און אויסגעצויגן.

ער גייט, ר׳ שלמה און אַן עדה ייִדן נאָך אים.

ער גייט און גייט און עס שטראַלט פון אים אַרויס:

„און מיר שבת־יום־טובדיקע ייִדן וועלן איבער די חורבות גיין... מיר שטאָלצע, גרויסע ייִדן!“

און פּרץ זעט, ווי דאָס שוואַרצע רעמל רוקט זיך אָפּ אין אַ ווינקל און אויף די טרוקענע ביינער ווערט אַרויפגעצויגן אַ הויט —

פּיס,

הענט,

קעפּ —

גאַנצע גופים.

פון די טרוקענע ביינער ווערן לעבעדיקע באַשעפענישן.

דאָס מיידל מיט די שפּילקעס גייט־אויף צום לעבן.

צום לעבן!

זי לעבט...

פ. ביזבערג
בוענאָס־איירעס

אונדזער היסטאָריקער

די ייִדישע מאָס צו מעסטן די גרייס און ווערטיקייט פון א מענטשן באַ־שטייט פון ריין עטישע עלעמענטן. מעג א פערזענלעכקייט זיין אין די בעסטע באַציִונגען מיטן הימלישן קיניגרייך (בין אדם למקום), אויב זי איז נישט אין אָרדענונג מיט בין אדם לחברו, בלייבט זי נישט אין געדעכעניש פון פאָלק.

שמעון דובנאָוו געהערט צו די שלימותדיקע ייִדן־מענטשן, וואָס גייען אריין אָן פגם אינעם פאָלקס זיכרון.

ער איז געווען גרויס אין זיינע מעלות, גרויס אין זיינע בלאָנדזשענישן; דורך זיינע בלאָנדזשענישן איז ער דערגאַנגען צו די טויערן פון ריינסטן אמת. זיין אמת איז געווען: אהבת ישראל, ליבשאַפט פון א היסטאָריקער וואָס קאָן זיין פאָלק פון וויגל ביז זיין צייטיקן עלטער.

„לא כהתה עינו ולא — נס לחה — זיין אויג איז נישט געווען טונקל און זיין פרישקייט איז נישט אַוועק, קען מען דרייסט זאָגן אויפן קדוש שמעון דובנאָוו, ווען ער איז אין א וויסטן ווינטערדיקן טאָג געשלעפט געוואָרן צו כליה צוזאַ־מען מיט זיין פאָלק, וואָס ער האָט פאַראייביקט מיט זיין ביכער־מאָנומענט, אין דער אומפאַרגלייכלעכער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק.

לעגענדאַריש קלינגט די צוואה פונעם 82 יאָריקן היסטאָריקער אויף זיין לעצטן וועג:

„מענטשן, פאַרגעסט נישט, מענטשן, דער־ציילט, מענטשן, פאַרשרייבט!"

אַן אַפּאָטעאָז פון אַן אַפּאָסטאָל, אַן התראה צו דער מענטשהייט, צו דעם גאַנצן מענטשלעכן מין.

דובנאָוו, דער איידלסטער פון דער באַליידיקטער ראַסע האָט ביז דער לעצ־

טער מינוט געגלייבט אַז דער מענטש איז מער אַן עטיש באַשעפעניש ווי אַ פּאָ־ליטיש. ער שרײַבט צו טשעריקאָווערן בײַם אָנהייב פון דער נאַצי־וואַקכאַנאַ־ליע: „צווישן לײַדן און שרעק ווערט געבוירן אַ נײַע וועלט. אונדזערע אייניקלעך וועלן מעגלעך דערלעבן אַ מער רויִקערע צײַט. אויף אונדזער גורל איז אויסגע־פאַלן דורכצומאַכן די חבלי־לידה פון דער נײַער תקופה".

באמונה שלימה האָט ער געגלייבט אַז קיין שום מאָראַלישער קריזיס, קיין שום עפּאָכע פון ציִוויליזאַציע־פאַרווילדערונג זײַנען נישט בכוח אומצוברענגען דעם סאַמע תוך, דעם קערן פון מענטשלעכקײַט.

אין מיטן פון די שטראָמען טויטנדיקן סם פון ראַסן־שינאה האַלט דער היס־טאָריקער־הומאַניסט אַז „מיר (ייִדן) זײַנען געגוג פאַרפּאַנצערט און באַשיצט קעגן פאַרחיהשטקײַט און קעגן אַנטי־הומאַניזם, אינמון קעגן אָנשטעקיקן חולאת, וואָס דראָעט דער מענטשהײַט. ווי אַפּשטאַמיקע פון די נביאים, וואָס האָבן פאַר דרײַ מויזנט יאָר צוריק געשאַפן די אידעאַלן פון הומאַניזם און גערעכטיקײַט, אַפּשטאַ־מיקע פון אַזעלכע דענקער ווי דער רמב"ם, — דאַרפן מיר געדענקען אַז מיר האָבן אין גאַנג פון דעם געשיכטע ווי אַ פאָלק פון גײַסט, זיך דורכגעקראָגן אַ דאַנק דעם כוח פון גײַסט. און ווען די נײַע פאַרגעטערער פון וואָטאַן, די אַפּאָסטאָלן פון רויער קראַפט, וועלן זיך נעמען אונדז פאַרניכטן דאַרפן מיר זיי וואָרענען אַז מיר זײַנען בײַגעשטאַנען און האָבן אויסגעהאַלטן דעם גראַנגל מיט מער ראַפי־נירטערע קולטן, פון צעאוסן און אַפּאָלאָנען, די געטער פון דער אײַזערנער פויסט פונעם פאַרצײַטיקן רוים".

ער וואָרנט די הײַנטצײַטיקע באַרבאַרן מיטן מישפּט פון דער וועלט־געשיכ־טע: „די וועלט־געשיכטע, זאָגט ער, איז דאָס טריבונאַל פון דער וועלט" און „די געשיכטע פון וועלט־ייִדנטום איז דער מישפּט פאַר אַלע באַליידיקונגען און רדי־פות, וואָס דאָס לײַדנדיקע פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין. אין צוזאַמענשטעל פון טריבונאַל וועלן זײַן די בעסטע, די הומאַנסטע פאָרשטייער פון אַלע פעלקער פון דער ערד".

דובנאָוו איז דער היסטאָריקער פון רייִנסטער מדרגה, אַ געשיכטע־שרײַבער וואָס זוכט נישט צו פאַרמינערן דעם ווערט פון אַנדערע, כדי זײַן פאָלק צו דער־הייבן. די געשיכטע פון אַ פאָלק איז אַ רינגל אין דער קייט פונעם זײַן פון אַנדערע נאַציעס, קולטורן זײַנען זיך קעגנזײַטיק משפּיע, באַפרוכפּערן איינע די אַנדערע, גיבן צו ניואַנסן צום אַלגעמיינעם מענטש־בנין; נאַציאָנאַלע געשיכטע גייט שריט בײַ שריט מיט דער אַלמענטשלעכער.

דובנאָוו האָט געשריבן געשיכטע מיט אַ רײַן הארץ. עס האָט אים געוויטיקט זיך אָנצושטויסן אויף חשכותדיקע תקופות, ער האָט ממש געהאַט פיזישע יסורים פון די בלאָנדזשענישן פון דער מענטשהײַט, ווײַל ער איז קודם־כל געווען אַן אײַנ־

געגלייבטער אינעם פּראַגרעס פון מענטשלעכן מין און ער האָט געוווּסט פון היס־טאָרישער דערפאַרונג אַז יעדער רעגרעס האָט זיך תמיד אויסגעלאָזט אויף די קעפּ פון די שוואַכסטע, אויף דעם לײַב און לעבן פון זײַן מאַרטירער־פאָלק.

און נישט נאָר אַ זכיה, נײַערט ממש אַ באַשערטקײַט איז געווען פאַרן פאָלק דער היסטאָריקער דובנאָוו. ער האָט אין מאָמענטן פון אָפּהענטיקײַט דעם פאָלק געבראַכט טרייסט און פולע זשמעניעס ביטחון און גלויבן אין זײַן חשיבות.

דער היסטאָריקער איז געגאַנגען פאָרויס דעם פאָלק, געבראַדזשעט מיט אים אין די שטאָקפינצטערנישן פון דער משוגע־געוואָרענער אייראָפּע. אין זײַן האַנט איז געווען אַ פאַקל, וואָס האָט געוויזן דעם ווײַטן ליכט־פּונקט פונעם יאוש־וועג.

אין זײַן „בוך פון לעבן" שרײַבט ער: „מיר שטייען אויף אַ ווולקאַן, וואָס האָט שוין אײַנגעשלונגען צענדליגער טויזנטער יידישע קרבנות, און דער קראַטער רייכערט נאָך, מענטשן זײַנען צעמישט... דער רוב פון די פּליטים לויפט איבער אַלטע וועגן, אַרויס פון רוסישן מיצרים, אין צוגעזאָגטן לאַנד אַמעריקע... פאַראַן נאָך אַ לאַנד, דאָס געבוירנלאַנד פון די אבות, באַשײַנט פון די שטראַלן פון אונ־דזער ווײַטער נאַציאָנאַלער יוגנט... דאָרט אַהין רײַסן זיך בענקנדיקע הערצער... נאָר די בענקשאַפט דאַרף ערשט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן אָנגעשטרענגטן ווילן. דיאַספּאָרע וועט קײַן מאָל נישט פאַרשווינדן, אָבער ווידער אויפשטעלן אין היסטאָרישן וויגל פון יידנטום כאָטש אַ נישט־גרויסן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן ג ײַ ס־ט י ק ן צ ע נ ט ע ר — דאָס איז אַ גרויסע אויפגאַבע".

דובנאָוו איז אין דעם פּרט געווען אַן אחד־העמיסט.

פּערספּעקטיוו, אין די סאַמע פאַרצווײפלטסטע מאָמענטן, דאָס איז געווען זײַן דרך אין דער היסטאָריע. ערגעץ־ווו האָט ער געזאָגט: „פאַר מיר איז געשיכטע קאָכעדיק לעבן, קאַמף, אומאויפהערלעכע באַוועגונג, אַ קוואַל פון אַ וועלט־אָנ־שויונג".

כסדר באַוועגט זיך די מענטשהײַט אין גרויסע ספּערישע קרײַזן ווי אין קאָס־מאָס, געשעענישן קייטלען זיך אין געשעענישן, מען קען כסדר מאַכן פאַרגלײַכן, אַנאַלאָגיעס, דאָס פאַרגאַנגענע אָרײַננעמען אינעם פליסנדיקן שטראָמיקן טײַך פון די געשעענישן. דיקטאַטאָרן זײַנען ענלעך צו אייננאַנדער. ניקאָלאַי דער צווייטער — און דער רוימישער קאַליגולאַ, שחיטות אין פאַרצײַטישן אַלעקסאַנדריע של מצרים, און סעוויליע, און אומאַן, און נעמיראָוו, און קעשעניעוו, און אָדעס, און האָמעל — זײַנען אַלצאיינס טײַכן בלוט און טרערן; קרײַצצוגן, גזירות ת"ח ות"ט, פּעטליורעס שחיטות האָבן איין בלוטיקן פּרצוף. דאָס אַלץ איז איין קרײַז פון מענטשלעכע בלאָנדזשענישן, איין אַספּעקט פון דער הערשאַפט פון די נידעריקע

אינסטינקטן פון פּעולל, וואָס אומעטום ווערט עס גלײַך געהעצט און דערפירט צו מטורפֿע מעשים.

דער היסטאָריקער האָט די אויפגאַבע צו זוכן צוזאַמענהאַנגען, צו אַנטדעקן די סיבות און זוכן פּערספּעקטיון.

„ער איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרגאַנגענהײַט נישט ווי צו קברים, נאָר ווי צו לעבעדיקע, וואָס מען דאַרף אויפוועקן... אומעטום געזוכט דאָס וואָס עס איז גע־בליבן לעבן; אין דער פאַרגאַנגענהײַט געזוכט דעם שליסל צו דער צוקונפֿט", — שאַצט אָפּ דובנאָווס געשיכטע־שרײַבונג דער ליטעראַטור־קריטיקער ניגער.

***

בײַ דובנאָוון איז דאָס ייִדישע פֿאָלק נישט קיין אָביעקט, וואָס טראָגט פּאַסיוו איבער די געשיכטלעכע פּאַסירונגען, ווי אַ טייל היסטאָריקער האָבן עס געזען, באַזונדערס אין די תקופות פון מיטלעלטער. זיי לאָזן דאָס פֿאָלק פּאַסיוו איבער־טראָגן כלערליי עוולות; בײַ דובנאָוון איז דאָס פֿאָלק דער סוביעקט, דער אַליין־שאַפער פון זײַן געשיכטע.

ער האָט אַרײַנגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אינעם צוגאַנג צו דער גע־שיכטע פון ייִדישן פֿאָלק, וואָס איז בײַ אַנדערע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גע־שיכטע פון גײַסט און לײַדן (צונג און צום טייל גרעץ), אין אַ געשיכטע מיט אַ טעאָלאָגישער קאָנצעפּציע — אין אַ מאַרטיראָלאָגיע.

דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען די פֿאַלשע איינטיילונג פון תקופות: אין אַ ביבלישער, אין תּלמודישער, גאונישער, רבנישער, חסידישער און השכלה עפּאָכעס.

שמעון דובנאָוו האָט מיט זײַן געניאַלן באַנעמען געשעענישן פּאַרטראַכט אַ נײַעם אַרכיטעקטאָנישן פּלאַן פון געשיכטע־שרײַבונג. ער אַליין האָט געגראָבן די ערד, געמישט ליים, געטראָגן ציגל, געלייגט דעם פונדאַמענט, שטוקאַטורעוועט און אויפגעבויט אַ סאָלידע געביידע מיט מאָס און האַרמאָניע.

ער האָט אָנגעווענדט דעם סינטעטישן מעטאָד פון „אויפדעקן די אַלגעמיינע וועגן פון היסטאָרישן לעבן אין דער וואַנדלונג פון יאָרהונדערטער און לענדער; ער האָט אַנטדעקט דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן די ברוכטיילן פון צײַט און רוים אין משך פון דער דרײַ טויזנט יאָריקער עוואָלוציע פון דער נאַציע". (אַרײַנפיר צום ערשטן באַנד פון דער „וועלט געשיכטע פון ייִדישן פֿאָלק").

שאַפן אַ נײַע קאָנצעפּציע, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז עס האַנדלט זיך נישט אין עפּעס אַ מומיפיצירטער נאַציע, וועלכע מען דאַרף קאָנסערווירן אין די קעלערן פון מוזייען אָדער אַרכיוון, — עס איז אַן אייביק־לעבעדיקע נאַציע פול מיט ברויזנדיק לעבן, כאָטש דאָס שאָלעכץ, די מלוכה איז צײַטווײַליק געוואָרן

צעשטערט, — דאָס איז געווען דובנאָווס אויפטו אין דער ייִדישער געשיכטע־שרײַבונג.

„די דאָזיקע קאָנצעפּציע פירט אַרויס אונדזער היסטאָריאָגראַפיע פונעם תחום פון טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע חקירות און שטעלט זי אַוועק אויף אַ פעסטן ביאָ־סאָציאָלאָגישן פונדאַמענט". (אַרײַנפיר צום ערשטן באַנד).

***

דער היסטאָרישער האָריזאָנט איז געוואָרן אויסגעברייטערט. די נײַע קלאַסיפיקאַציע לויט פעריאָדן און תקופות, לויט צענטערן און העגעמאָניעס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ סדר אין דער געשיכטע, וווּ פאַקטן זײַנען נישט פאַרטונקלט דורך סכאָלאַסטישע אָדער דאָגמאַטישע באַגריפן. וויכטיק איז דער סאָציאַל־פּאָליטישער הינטערגרונט, דער אינסטינקט פון אַליין־דערהאַלטונג, דער ווילן צו זײַן, צו עקסיסטירן.

דובנאָוו האָט באַוויזן אַז עס האַנדלט זיך אין אַ נאַציע „סואי גענערים", אַ פאָלק וואָס האָט פאַרלוירן זײַן טעריטאָריע, אָבער לעבט, אַנטוויקלט זיך גײַסטיק, מאַטעריעל, האַלט זיך צוזאַמען אויף פּרינציפּן פון אַליין־פאַרוואַלטונג. (סנהדרין, ישיבות — געזעצגעבנדיקע אינסטיטוציעס, נשיאים, ריש־גלותאס, אַלכאַמאַס, קהילות, וועדים א"א).

אַן אייגנאַרטיק פאָלק בײַ וועלכן אוניווערסאַליזם און מענטשהײַט־באַפרײַענדיקע אידייען פאָרן זיך מיט נאַציאָנאַליזם, אַ נאַציע וואָס זאַפּט אין זיך אַרײַן השפעות פון אַנדערע פעלקער, קאָכט זיי איבער אויף איר שטייגער. אָבער האַמוראַפּיס געזעצן זײַנען נישט משהס געזעצן, הילל איז נישט גלײַך צו יעזוסן, קריסטנטום ווערט אַ פרעמד־קערפּער אינעם ייִדנטום, די לערע פון די איסיים גייט אַוועק אויף זײַטן־וועגן, דערווײַטערט זיך פון ייִדישקײַט. „אין האָק סיגנא ווינצעס" (אין נאָמען פון דעם דאָזיקן צייכן זיגסטו) פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסן איז שווין אַפילו קײַן קריסטנטום אויך נישט; דער באַגריף פון משיחיזם איז פאַרבונדן נישט אַזוי מיט דער אויסלייזונג פונעם יחיד און נישט מיטן מלכות השמים, נאָר מיט אַן ערדישן באחרית הימים.

דובנאָוו האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם אופן פון קאַזיאָנער געשיכטשרײַבונג וואָס איז אָנגענומען בײַ די פעלקער, וווּ זעלבסטלויב פרעדאָמינירט; ער האָט נישט געמאַכט קײַן וועזן פון העלדן־קולט. ער דריקט זיך אויס אַזוי פרעציז וועגן דעם: „נישט בלויז העלדן ראַטעווען דאָס פאָלק; אויך מאַרטירער, וואָס לײַדן פאַר זייער נאַציע, טוען עס. און דערפאַר וועלן די קינדער און אייניקלעך

פון די קדושים זײַנען די קומענדיקע העלדן. די פּאָטענציעלע ענערגיע פון די ערשטע וועט קוואַליק אַרויסשפּראָצן פון זייערע נאָכקומענדיקע דורות".

שמעון דובנאָוו גופא איז געווען אַ העלד, אַ מאַרטירער. די געשיכטע פון רוסישן ייִדנטום האָט ער געשריבן ממש מיט מסירת נפש, אין לייבס פּאַרצוקנדיקן מויל, אין פּעטערבורג, וווּ די סאַמאָדערזשאַוויע פון די בלוטיקע צאַרן האָט זיך איזדיעקעוועט איבערן שאַפּערישן רוסישן ייִדנטום. דאָ אין סאַמעראָדנעם פּעטערבורג, וווּ ער האָט כסדר געמוזט פאַרלענגערן זײַן וווינרעכט, האָט ער זיך געגריבלט אין אַרכיוון, אַנטציפּערט דאָקומענטן און געשריבן די נײַעסטע געשיכטע פון די רוסישע ייִדן אָן מורא, אָן פאַרדעקטקייטן, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פרײַ און קלאָר אין דער שפּראַך פון רודף — אין רוסיש — קעגן די באַגרענעצונגען, רדיפות, שיקאַנעס און בלוטיקע מעשים פון דער ווילדוויל־מאַכט. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות, צעשיסונגען, תליות, תפיסות, קאַזעמאַטן, פעסטונגען און אַ ווײַטער קאַלטער סיביר זײַנען געווען אָנגעגרייט פאַר די איידלסטע און דרייסטע.

אונדזער היסטאָריקער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר געפאַרן, כאָטש ער איז געווען אויפן אויג פון דער זעלבסטהערשערישער קליקע. דובנאָוו האָט נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון קאַבינעט־געלערנטע, וועמען עס זײַנען פרעמד די טועכצן פון דער וועלט. ער איז געווען אַ קעמפער, תמיד געהאַט די באַדערפעניש צו זײַן דער מעורב בין הבריות, צו זײַן דער באַוועגער פון געשעענישן אין פאָלק, צו ווירקן אויף אים דירעקט. זײַן עסקנות לטובת הכלל פאַרנעמט בײַ אים אפשר מער פּלאַץ ווי דער קאַבינעט. זײַן היסטאָריש דענקען האָט אים נישט אוועקגעפירט אָן אַ זײַט, אדרבה, עס האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ מער ברוייזנדיקער קאָכעדיקער ייִדישער ווירקלעכקייט. דובנאָוו אַליין איז געווען אַ שאַפער פון געשיכטע, איז געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער יוגנט, מיט די פירער פון אַלע שאַטירונגען, געשריבן הונדערטער פּובליציסטישע אַרטיקלען, עסייען, געשאַפן פּראָיעקטן פון מוסדות, געשריבן לערנביכער, באַטייליקט זיך אין ענציקלאָפּעדיעס, רעאַגירט מיט טעמפּעראַמענט אויף געשעענישן.

**
*

דובנאָוו איז געווען אַ שלימותדיקער ייִד, דערפאַר זײַן צילבאַוווסטער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט ווו ייִדן וווינען נאָר, נ י ש ט ג ל ײַ כ ב א ר ע כ ט י ־ ק ו נ ג , וואָס קען אויך באַטײַטן אַסימילאַציע, נאָר ממש רעכט אויף אויסלעבן זיך אין דער אייגענער שפּראַך, אין דער אייגענער קולטור, אין אייגענעם לעבנשטייגער. פאַרן היסטאָריקער־הומאַניסט איז אַזאַ פאָדערונג צו די פעלקער געווען אַ

זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקײַט, אַ פּועל־יוצא פֿון די לערעס וואָס ער האָט געלערנט פֿון דער ייִדישער געשיכטע, פֿון די גײַסטיקע צענטערן, וואָס האָבן אויפֿגעהאַלטן דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק, פֿון זײַן גאַנצקײַט, פֿון צילבאַוווּסטן ווילן נישט צו דערלאָזן די צעפֿאַלונג פֿון פֿאָלק אין שבטים, אין שפּליטערן.

די וואָס ווילן דובנאָוון אָנהענגען אַ יאַרליק פֿון „גלות נאַציאָנאַליזם‟ באַגייען אַ טעות. דובנאָוו איז נישט געווען קיין קעגנער פֿון אַ נאַציאָנאַלער היים, פֿון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. ער איז נאָר שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די איינזײַטיקע, קעגן די פֿאַנאַטיקער, קעגן די שלילות־אידעאָלאָגן.

דובנאָוו איז געווען אַ פּאָזיטיוויסט. דער זײַן פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט זיך אָפּגעשפּילט פֿאַר זײַנע גײַסטיקע אויגן ווי „אַ ריזיקער עקראַן‟; אויף זײַנע רײַזעס אין צײַט און שטח פֿון דער ייִדישער וועלט־געשיכטע האָט דובנאָוו געזען גאַנצקײַט, געזען איין גאַנצע קולטור כאָטש אויסגעדריקט אין אַ שפּראַך־פּלוראַליזם. „אין פֿרעמדע שפּראַכן האָבן געשריבן דער רמב״ם, מענדלסאָן, גרעץ‟. כאָטש ער האָט דאָס נישט געהאַלטן פֿאַר קיין אידעאַל נאָר ווי אַ פֿאַקט: „איין גאַנצע קולטור אין פֿאַרשיידנשפּראַכיקײַט‟. ער גופא האָט דאָך געשאַפֿן אין דרײַ שפּראַכן: אין רוסיש, ייִדיש, העברעיִש. אין זײַן נשמה האָט געהערשט האַרמאָניע, ליבשאַפֿט צום פֿאָלק, צו מאַמע־לשון, צו העברעיִש. זײַנע קאַמפֿן מיט אחד־העמען און אַנדערע מיטצײַטלער זײַנען געווען פֿרידלעכע לשמה־קאַמפֿן. די גרויסע ייִדישע וואָרטזאָגערס האָבן לויט מענדעלעס אויסדרוק „דעמאָלט נאָך געאָטעמט מיטביידע נאָזלעכער‟. בײַ ביאַליקן, ראַווניצקין, מענדעלען, שלום עליכמען, פּרצן, אַשן און אַנדערע מיטצײַטלער זײַנען ביידע לשונות געווען ליב און נאָענט. זיי האָבן געשאַפֿן סײַ אין ייִדיש און סײַ אין העברעיִש.

דובנאָוו איז געווען, לויט זײַן אייגענער באַצייכענונג אַ פּלוראַליסט, ער האָט געשפּילט אויף אַלע אויסדרוק־אינסטרומענטן פֿון רוסישן ייִדנטום; עס איז פֿאַר אים געווען גרינג צו שאַפֿן סײַ אין ייִדיש, סײַ אין רוסיש און אַפֿילו אָנטאָן אַ נחת־רוח זײַן אַלטן פֿרײַנד אחד־העמען, „וואָס ער (דובנאָוו) האָט בדעה כאָטש דאָס איינע בוך (די צוויי־בענדיקע געשיכטע פֿון חסידיזם) אַרײַנצוברענגען אין אוצר פֿון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. דאָס וועט איבערלעבן אַלע אייערע אַנדערע ווערק, אָנגעשריבענע אויף פֿרעמדע שפּראַכן. איר זעט דאָך געוויס וואָסער גורל עס דערוואַרט אונדזער ליטעראַטור אויף פֿרעמדע שפּראַכן‟.

דובנאָוו האָט זײַן פּלוראַליזם באַזירט אויף מקורים. אַ גאַנצע ריי ייִדישע ווערק פֿון דורות־פֿריִערדיקן ווערט זײַנען געשריבן געוואָרן אין פֿרעמדע שפּראַכן. בײַ דובנאָוון איז איבערהויפּט נישט געווען שכיח דאָס ספק, אין למי אני עמל; ער האָט זיך געפֿילט פֿעסט אין בתוך עמי אני יושב, ער האָט גערעדט קאָנקרעט צו אַ לעבעדיק פֿאָלק אין אַלע זײַנע שפּראַכן. מיט פֿרייד האָט ער אויפֿגענומען הן דעם

תצא־תורה פון ירושלים אין ארץ־ישראל און פון ירושלים דליטא, הן פון ייִדישן װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין װילנע און פונעם אוניװערסיטעט אויפן הר־הצופים; ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן נײַ־צוגעקומענעם דיכטער און װיסנ־שאַפטלער אין ייִדיש און האָט מיט התלהבות אויפגענומען דעם פאַקט פון איבער־זעצן זײַן װעלט־געשיכטע אין העברעיִש.

***

װיסנשאַפטלעך איז דובנאָװ נישט געװען בלויז דער איבערגעבער פון טרו־קענע אָביעקטיװע פאַקטן. אין זײַן װערק האָט ער אַרײַנגעהויכט דעם װאַרעמען אָטעם פון זײַן נאַציאָנאַל־מענטשלעכן קוקװינקל, זײַן פּאַטאָס, פון זײַן אייגנאַר־טיקן צוגאַנג צו די היסטאָרישע פּאַסירונגען.

א באַרײדעװדיקער בײַשפּיל פון דובנאָװס סוביעקטיװן אַרײַנמישן זיך און אַרויסזאָגן זײַן פּערזענלעכע שטעלונג צו אַ געשיכטלעכער פּאַסירונג איז זײַן שאַר־פע טאַדלונג קעגן דעם מיליטערמאַן יהוא פון מלכות־ישראל, װעלכער קומט צו דער מאַכט דורך דער אויסמאָרדונג פון אחאבס גאַנצער פאַמיליע. כאָטש די האַנדלונג איז אין פּלוג געװען אַ באַרעכטיקטע, אחאב און איזבל זײַנען געװען דעספּאָטן — זאָגט דובנאָװ: „די רעסטאַװראַציע פון יהוה־קולט פאַרן פּרײַז פון אַזױפיל אכזריות האָט אַרויסגערופן אויפרעגונג אין ברייטע קרײַזן פון דער באַ־פעלקערונג, אפילו צװישן נאַציאָנאַל־געשטימטע".

דובנאָװ האָט זיך פאַררופן אויף דער נקמה פון דער געשיכטע און ער ענ־דיקט דעם זאַץ מיט די װערטער: „אין הונדערט יאָר אַרום, װען יהואס דינאַסטיע איז אַראָפּגעװאָרפן געװאָרן, האָט דער נביא הושע געזען אין דעם די שטראָף פון גאָט פאַרן בלוט, װאָס איז פאַרגאָסן געװאָרן אין יזרעאל".

עס איז אַ צוגאַנג צו היסטאָרישע געשעענישן אין גײַסט פון די נביאים, װאָס האָבן געשטראָפט דאָס פאָלק. דובנאָװס שיטה איז אהבת ישראל און דאָס פאַרשטיין די צוזאַמענהאַנגען, די זײַטנװעגן פון דער געשיכטע. אויף פרעמדע מקורים פאַר־לאָזט ער זיך נישט צו שטאַרק. ער זוכט למשל די הינטער־כװנות פון די „גוטע" קיניגן, די בישאָפן װאָס „באַשיצן" ייִדן, די האַרן װאָס שענקען פּריװילעגיעס און חסדים. מיט אַן איראָנישער באַמערקונג, מיט אַ װערטל כלאַחר־יד צייכנט ער די געגעבענע געשיכטלעכע סיטואַציע.

פון שמעון דובנאָװס סטיל װײעט מיט פּשטות צוזאַמען מיט שטרענגער װיסנשאַפטלעכקײַט. זײַן קענצייכן איז די לײַכטע הסברה, אַ קלאָרע, אַ פּאָפּו־לערע אַזאַ װי זי איז בײַ די רוסישע קלאַסיקער. דובנאָװ איז געװען אַ לירישע נאַ־טור, ער האָט אָנגעשטאַרקט ליב געהאַט דאָס פעלד, דעם װאַלד. השתפכות־הנפש

טרעפט מען אויף שריט און טריט אין זײַנע מעמואַרן־ביכער. דער היסטאָריקער האָט ליב געהאַט התבודדות, אָט געפינט ער זיך אין אַ פינלענדישן וואַלד און זײַן פאַרצייכענונג אין „בוך פון לעבן" דערציילט אָט וואָס וועגן דעם דאָזיקן אָוונט: „איך האָב געדאַוונט אין אַן אייגנאַרטיקער סינאַגאָגע. אין דער פרי בין איך אַרויס אין וואַלד וואָס שמייכלט צו דער זון דורך טרערן פון רעגן אָדער ראָסע, און אייניקע מינוט האָט די נשמה תפילה געטאָן מיט ווערטער באַקאַנטע פון דער יוגנט, הייליקע מאַרטירער פון 1903 — 1906! איך דערמאָן אײַך דאָ אין דער שטילקייט פון פינלענדישן וואַלד. מיט טרערן האָב איך געזאָגט אַן אל מלא רחמים..."

אין אַ צווייט בלעטל האָט ער אַרײַנגעשריבן: „וואַלד. אַזוי נאָענט איז צו מיר גאָט, ער איז אין מיר, אין יעדן שטרעבן מײַנעם צו אייביקייט, אין אַלע מײַנע גײַסטיקע אָנשטרענגונגען. אַזוי דאַרפן לעבן די דינער פון גײַסט. אַזוי האָט געלעבט מײַן זיידע בן־ציון, אַזוי לעב איך אין דעם מאָמענט, ווען זיידע און אייניקל, אויף צוויי פּאַראַלעלע גאַסן פון מסטיסלאַוו, אין דער שטילקייט פון זייערע ספרים־שטובן, האָבן געאַרבעט יעדער אויף זײַן שטייגער. וואַלד, שטילע גאָטס שול"...

און געווען איז דער אַלט־יונגעטשקער היסטאָריקער געקנופּט און געבונדן מיט שרײַבער און פּאָעטן מיטצײַטלער; ער איז געווען דער מעורב צווישן די פּען־מענטשן. ווי אַ מאָדערנער געשיכטע־שרײַבער האָט ער פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן דעם אמתן ווערט פון בעלעטריסטיק אויך פאַר דער געשיכטע, וואָס מוז אָפט אָנקומען צו איר כדי צו באַנעמען דאָס תוכיקע פון געשעענישן. היסטאָריע איז טאַקע נישט ליטעראַטור־געשיכטע, אָבער די פײַנע ליטעראַטור גיט אָפט איבער דעם הויך פון עפּאָכעס אין אַ פיל שטאַרקערער מאָס ווי עס טוען דאָס כראָניקערס. דעם אַרײַנקום פון אָפּטאַטשון אין דער יידישער ליטעראַטור מיט די „פּוילישע ווועלדער", האָט ער אויפגענומען מיט התלהבות. אים איז געווען צום האַרצן דער פאַרמעסט פון דעמאָלטיקן יונגן שריפטשטעלער צו שילדערן היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן אויף דער קאַנווע פון עבר.

דובנאָוו איז געווען דער ליריקער פון דער געשיכטע־שרײַבונג; זײַן נאָענטקייט צו פּאָעטן און דער עצם־שטאָף פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט האָבן אים דערצו אָנגערעגט. און מיר נעמען אים אַזוי מיט די אַלע מעלות און חסרונות.

און לייענסטו די „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" פילסטו זיך דערהויבן. אַ וואַרעמער שטראָם פון האַרצן און מוח נעמט דיך אַדורך און דיר ווערט קלאָרער און ליכטיקער, מחמת דעם קלוגן, אָפּטימיסטישן טאָן, און דו בלעטערסט איבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דאָס ווערק וואָס עס האָט אָנגעשריבן דער היסטאָריקער, דער קדוש שמעון דובנאָוו.

ב

לידער און פּאָעמעס

יצחק בלומשטיין

משה קויפמאַן

שרה בירנבוים

מאַשע שטוקער־פּאַיוק

אסתר שטיינבערג

יצחק בלומשטיין

סאנטיאגא, טשילע

ל ע ב ן

איך טראָג מיט אַ סוד זיך אַרום,
אַ זון איז אַראָפּ מיך באַזונען.
אַרומגעזוכט גאָט אומעטום
און כ׳האָב גאָר אין מיר גאָט געפונען.

ניט מער קיין תפילה געזאָגט,
צום הימל דעם בליק ניט געהויבן —
מיין גאָט האָט אין בלוט אויפגעטאָגט
און האָט מיך פון תהום אויפגעהויבן.

אין ריכטיקער שעה אים אַנטדעקט,
ווען כ׳בין שוין ביים אָפּגרונט געשטאַנען.
מיין גאָט האָט מיך צערטלעך געוועקט:
דאָ איז טויט, מוזט אַוועקגיין פון דאַנען.

ס׳איז ניט די שרעק פאַר דער ענד,
ס׳איז ניט די ליבע צום לעבן —
שאַנד, ווער מיט אייגענע הענט
טוט זיך דעם טויט איבערגעבן.

שטיל, ווי דער מאָרגן באַרוט,
אַזוי איז מײַן גאָט אויפגעקומען
אין מיר, אין מײַן אייגענעם בלוט,
און האָט מיך צום לעבן גענומען...

קוקט דורך די גראַטעס דער גזלן

קוקט דורך די גראַטעס דער גזלן,
זעט ער דעם הימל צעשניטן,
מיינט ער, ס׳איז הימל אַ תפיסה
מיט צעלן און וועכטער וואָס היטן.

הייבט אָן דאָס גזלן־הארץ צאַפּלען,
באַפאַלט אים אַ פרומקייט אַ זיסע,
דאַכט זיך אים: גאָט זיצט דאָרט אויבן,
ווי ער דאָ, פאַרשלאָסן אין תפיסה.

ציט אים דאָס האַרץ, דאָס צעוווייכטע,
צום הימל אין גראַטעס דעם בלויען.
שטייט ער אַזוי בײַ דעם פענצטער
און צלמט זיך פרום גאַנצע שעהען.

כאַפּט מיט אַ מאָל זיך דער גזלן:
גאָט איז זײַן חבר, ער קאָן אים.
איין מאָל, בײַנאַכט, נאָך אַ פּליטה
האָט ער געקושט אים אין פּנים...

ווערט אים דער הימל גאָר היימיש,
ווינקט ער צו גאָט מיט די אויגן:
חברל, גאָט, לאָמיר ביידע
די אײַזערנע גראַטעס צעבייגן...

זעען די וועכטער דעם גזלן
מיט אויגן צום הימל פאַררײסן,
צלמען זיי זיך פרום איבער
און גיבן דעם גלח צו וויסן.

זוכט אָפּ דער גלח דעם שופט,
רעדט צו אים שטיל אויפן אויער —
גייט דורך דער גזלן געאָרעמט
מיט גאָט דורכן אָפענעם טויער...

דאָס ליד פונעם פשוטן מענטשן

פאַל ניט אין שטויב פאַרן גרויסן
אין דינסט, ווי מען דינט צו אַ גאָט;
דעם פשוטן מענטשן פון דרויסן
גיי נאָך מיט פשוטן טראָט.

דער גרויסער שעפּט ליכט פון די זונען,
ער שטרעקט בלויז די האַנט אויס און נעמט;
אין פשוטן מענטש קום געפינען
די שיינקייט וואָס טליִעט פאַרשעמט.

די גרויסקייט האָט זון אויפגעהויבן
און שטראַליק די אויגן צעגליט.
צייט שוין דעם שטויב אָפּצושטויבן
פון בליִונג וואָס האָט ניט דערבליט...

משה קויפמאַן

בוענאָס־איירעס

דאָס ליד פון משה־בער

פ ת י ח ה

א

איך עפן דעם קוואַל פון מײַן וואָרט, און ווידער
פיל איך זיך קענן מײַן אייגענעם לעבן אַ בעל־חוב;
אַזוי לאַנג ווי איך מאָן שוין בײַ זיך אָט די לידער —
איצט נעם איך זיך רשות צו ענטפערן: כּי טוב.

איך בין גוזר אויף זיך צו אויפרײַסן דאָס שווײַגן,
און פיר אַליין אוים דעם הארבן גזר —
און אויב איך וועל געניזוקט ווערן בײַם קלעטערן און שטײַגן,
וועט עס ניט זײַן מײַן ערשטער און ניט מײַן לעצטער צער.

אָט די מאָנונג גייט מיר נאָך זינט דעם אָנהייב פון וואַנדער,
און טוט מיך זעטיקן מיט ווייטיק און פּײַן לרוב —
און כאָטש לײַטן טײַטן אויף מיר: — ער איז געוואָרן אַנדערש,
בין איך געבליבן דער זעלבער און כ'רוף זיך אָפּ: — כּי טוב.

אַט דער חוב גופא, איז אַ בלוט־חוב טאַקע,
וואָס מען קאָן ניט אויסקויפן פאַר קיין שום געלט —
און איך פיל, ער וועט יאָטערן אין מיר ווי אַ מכה
ביזן טאָג ווען איך וועל שוין פאַרלאָזן די וועלט.

עס וועט אין מיר ווי אַ טויב, ניט דערשאָכטן ברומען,
און כ׳וועל עס ניט קאָנען אָפּיאָגן מיט אַ בייזן „טרעט אָפּ"!
און אפשר איז טאַקע שוין די צייט געקומען,
יוייל דער ווינטער זילבערט שוין אויף מיין מידן קאָפּ.

עפן איך דאָס ליד ווי אַ הייליקן אָרון,
און האַסטיקער נעמט לויפן אין מיר דאָס בלוט —
איך קער זיך צוריק צו מיינע יוגנט־יאָרן
און חזר־איבער מיט ציטער: כי טוב, עס איז גוט.

ב

איך מאָל אַ מאָלונג: אין שטילן פאַרנאַכט
פאַלן די שקיעה־שטראַלן אויף מיין פאַרקנייטשטן שטערן.
איך זיץ דאָ פאַר זיך אַליין און טראַכט:
ווי מאָלט מען אייך אוים מיין משה־בערן?

איך ווייס טאַקע אַליין ניט פאַרוואָס,
נאָר עס איז מיר דער ענין אַ ביסל קשה —
איך וויל אייך אים מאָלן אָן פאַטאָס,
פשוט ווי ער איז: ניט קיין צדיק און ניט קיין רשע.

און דווקא דאָס איז אַ ביסל שווער
(איך האָב עס געלערנט פון מיינע מורי דרך) —
אָט איז מיין משה־בערל, ווי ער קומט אַהער,
און הייבט אָן אַרבעטן עבודת פרך.

**
*

טרוימעריש־פאַרגלויבטע בליקן, שטיקלעך דביקותדיקער קידוש.
זאַפטיק־קוואַלנדיק און פולווערטערדיק זײַן מויל —
און די נאָז — אַ שופר סטאַרטשענדיקער, האַלב העזה און האַלב חידוש
אָן התלהבות קאָן ער קײַן הבדלה מאַכן: בין קודש לחול.

אינעם דלות אויסגעפּיקט זיך פון די קינדער שיכלעך.
ניט אומזיסט זאָגן די חכמים: „הזהרו בבני עניים”.
און וויפל ער זאָל ניט האָבן פאַרשלונגען ביכלעך,
אַנגעצונדן האָט ער זיך פון אונדזערע נביאים.

פאַר דעם האָט שוין געזאָרגט זײַן מלמד רב חנן
בײַם צווייטן צענדליק פון הײַנטיקן געשמאַקן יאָרהונדערט. —
אויב איר וועט מײַן העלד פון אָט די שורות דערקאָנען
וואָלט עס מיר בפירוש גאָרניט געוווּנדערט.

משה־בערל פאָרט אַוועק

א

ס'איז פוילן פון יאָר אַכט און צוואַנציק.
דאָס מלכות פון אָדלער דעם ווײַסן
שפּרייט אויס זיך פון קאָוועל ביז דאַנציק,
וואָלין און גאַליציע און רײַסן.

אייראָפּע דאַרף היטן די שוועלן,
— דער מיזרח דאַרף הינטישע היטער —
דער נעכטיקער שקלאַף טוט באַפעלן,
דער קנעכט ווערט אַ האַר איבער גיטער.

דאָ איז מען צו תליות געגאַנגען,
אין יאָרן פון בירגער־קריג גרווילן —
ערשט שנײַדן דאָ גאָלדענע זאַנגען,
געפּעסטעטע זינדלעך פון פוילן.

זיי זײַנען געווען לעגיאָנערן,
זיי האָבן פאַרטריבן דעם שונא —
איַצט יאָגן זיי אויך משה-בערן
און פון טאַטעשן קלײטל — דעם קונה.

אין ברײַטן וואָלין און אין רײַסן,
אין ווינקל פון מערב-גאַליציע —
זיי זײַנען ס׳געוויכט קעגן פרײַסן,
פון מאָסקווע דער רויטער זיי שיצן.

זיי דאַרפן דאָ ניט משה-בערן,
די שליאַכטישע סטאַבעס און יאַנעקס;
זיי זײַנען געווען לעגיאָנערן,
אין צײַט פון בירגער-קריג-פאַניק.

די בליקן, ווי סמיקע שפיזן,
און שינאה זיי טראָגן אין הארצן —
זיי האָבן השגות פון ריזן:
„פון באַלטישן ים ביזן שווארצן!"

יאַנעקן, וואַצעקן גיב דאָס. משה-בערן
אפילו קײַן ברויט ניט צו עסן;
פאַר אים איז בלויז אומגליק און טרערן,
אין אים האָט נײַ-פּוילן פאַרגעסן.

ב

פול איז דאָס לאַנד מיט רײַכטום
און מיט שיינע זומערדיקע טעג;
זאָלן עדות-זאָגן פּוילנס טײַכן
וועגן משה-בערס זיידעס בײַ די ברעגן.

די טײַכן פליסן אין שטילן חידוש,
פאַרבײַ פעלד און וואַלד, דאָרף און שטעט —
אזויפיל דורות ווי זיי הערן יידיש,
ווי יידיש ווערט בײַ זייער ברעג גערעדט.

זיי קענען אויך דעם פּאַניטש יאַנעק
און זײַנע עלטער־זיידעס בײַם גרינעם ברעג;
זיי האָבן שוין געזען אַזויפיל גרויל און פּאַניק
און אַזויפיל בלוטיקע און שווערע טעג.

משה־בער נעמט אָפּשייד פון די פרישע טײַכן,
משה־בער געזעגנט זיך מיט גרינעם לאַנד
ווײַל ס׳בריִען זײַנע טריט אין לאַנד דעם רײַכן
די שינאה מיט סמיקן בראַנד.

ג

אַ באַן איז אַזויפיל טעג געלאָפן
איצט שווימט אַ שיף דורך לאַנגע מעת־לעתן
צו אַ לאַנד אַ ווײַטס בײַם ימישן שוועל.
משה־בערעלע ווו ועסטו שלאָפן? —
דײַן מאַמע איז דאָך שוין געוואָרן גרין און געל:
— ווו וועט מײַן משה־בערעניו עסן?

משה־בער ווייסט ניט ווהין ער וועט קומען,
קײַן צוואַנציק יאָר ר׳איז אָפילו ניט אַלט;
די בענקשאַפט קאָן ער אין זיך ניט פאַרשטיקן
און די פּרעמדקײַט וויקלט אים פראָסטיק־קאַלט.
— ווען ער קאָן, וואָלט ער די טײַכן פון זײַן לאַנד מיטגענומען,
און אויך ניט איין ליבע נאָענטע געשטאַלט.

ווען ער קאָן איצט זײַן אַן אָקס וואָס גייט אין בוינע,
וואָלט ער אוודאי ניט געטראַכט און געוועזן צופרידן.
ער טראַכט; אין נײַעם לאַנד וועט זיך געפינען אַ קונה
אויף זײַנע הענט. ס׳דאָך דאָרט פּאַראַנען אויך ייִדן!
ס׳טראַכט משה־בער: — ניט דאָס בין איך אויסן;
נאָך אַלעמען בין איך דאָ ניט איינער אַליין —
איך בין דאָך נישט מער ווי איינער, וואָס מ׳לאָזט אים אין דרויסן,
ווײַל פאַרן באַלעבאָס איז פוילן געוועזן צו קליין.
גיי טענה מיט אַ פריץ, וואָס שטייט אין גרויסן —
שמייכלט ער, נאָר ס׳הארץ זײַנס קאָן רירן אַ שטיין.

...פון דעסטוועגן זינגען זיי, די זין פון פוילן,
כאָטש ס'לאַנד האָט ניט געהאַט פאַר זיי קיין לופט, קיין ברויט;
און זייערע אויגן גליִען, ווי ברענענדיקע קוילן,
יוען זיי זינגען ס'ליד פון קאַמף און טויט.

משה־בערל קומט אָן

א

אומענדלעך רחבותדיק איז ס'פּלאַטאַ־וואַסער ביים אַטלאַנטיק־שוועל;
געל־מוטנע פליִיצעניש, צעשטראַלטע זון און בלויער הימל־ראָד —
דאָ קומען טייַכן זיך צונויף פון ווייַטע זאַמדן געל
און טאַנצן מיט דער זון אין אויפגעלויכטן קאַראַהאָד.

ווי די טייַכן קומען פעלקער זיך פון גאָר דער וועלט צונויף,
און ווי צעשטראָמטע וואַסערן זיי גיבן זיך די הענט —
און ביי דעם ברעג רייַסט זיך צום הימל־בלוי אַרויף
אַ בבל־שטאָט, אַ ריז אויף שטאָק און שטיין און ווענט.

אין האַרץ פון אַנדן־בערג שנייַדט זיך אַריין דאָס לאַנד,
עס שפּאַנט צום דרום־פּאָל, ביז עק וועלט דערגייט —
דאָ בלאָזן צוג־ווינטן מיט טראָפּיש־הייסן בראַנד
און קאַלטע דרום־ווינטן קרייצן זיך מיט זיי.

ווי די ווינטן ווייַטע קומען מענטשן אָן,
פון אַלע פעלקער מעגלעכע, פון אַלע ראַסן ווייַט;
ביים ברעג דאָס ריזן־לאַנד אויף הונגעריקן צאָן
שלינגט איַין זיי שטיקערווייַז ווילד, רוי און ניט צעקייַט.

טאָ סקאָצל־קום, ביסט נעבעך הויט און ביין, משה־בערל, אָבער יונג,
די ברענענדיקע זון פּאַרעט דייַן ווינטער־ראָק מיט חידוש —
אויב דאָס לשון איז דיר נאָך פרעמד, טאָ ברעך זיך ניט די צונג,
פאַראַן דאָ גאַסן גאַנצע, ווו מען רעדט גאָר יידיש.

טאָ גלײַך די פּלייצע אויס, ניט שרעק זיך, משה־בער.
סײַ־ווי וועט דיר זײַן גענוג פּאַסקודנע שווער
און ווי אַ שטיף־מאַמע וועט דיר זײַן די שטאָט, דער נײַער בבל.

די זון ברית דעם אַספאַלט — צעשמאָלצן פּעך און שוועבל;
דאגה זיך ניט, משה־בער, וואָס דו האָסט קײַן רעכטן פאַך,
וועסט שטאָפּן מאַטראַצן, מאַכן אײַזערנע בעטן אָדער פּוצן מעבל —
פאַר דײַן בינטל ביינער דאַרפסטו דען אַ סך?

ב

איך וויל שרײַבן אַ בריוו צו וועמען און קײַן אַדרעס געפין איך ניט, —
אַזויפיל פאַרשניטענע פאַר מײַנע אויגן שוועבן!
עס בריִען די שליאַדן פון מײַנע אויסגעברענטע טריט.
איך ווייס ניט, צי האָב איך נאָך אַ סך צו געבן, —
נאָר ווי אַ פעלד, וואָס וואַרט אויף שניט,
אַזוי זומערדיק און רײַף איז מײַן לעבן.

עס גיסט זיך אָן שוין דער מידער אָרעם
מיט אויסגעשטאַנענעם ווײַן פון קראַפט און גבורה
פון די וואָס האָבן אויסגעשמידט דאָ, אין ווײַטן דרום,
יידיש לעבן מיט עקשנות אויף פאַרשפּיצטער צורה,
כאָטש ניט איין מאָל האָט געטאָטשעט ספק־וואָרעם,
אין עלנט האָט ווי ברוזיק ים געשטורעמט.

אָט דער עלנט באַפרוכפּערט האָט דעם זאַמדיקן באָדן,
ווײַל זאַפטיק בלוט ט׳געשלאָגן אין אַ יעדן אָדער —
וואָס מערער מיר זײַנען מיט אָרעמקײַט געווען באַלאָדן,
אַלץ זאַפטיקער און ביטערער איז געווען דער יאָדער.
איצט, מיר האָבן אויסגעטרויערט שוין דעם לעצטן טרויער,
און זײַנען אַלע שבעהם אויסגעזועסן,
קענען מיר פאַרגיין דען אין פאַרגעסנקײַט גרויער,
צי קענען מיר דאָס אַלץ אַזוי פאַרגעסן?
ווידער אַקערן מיר ווי דער וואַכעדיקער פּויער
און באַפרוכפּערן אונדזער גרויע, שטויביקע מעת־לעתן.

ג

אַט שרײַב איך טאַקע ס׳בריוול פון מײַן משה־בערן,
די דאַטע: צוריק מיט העכער צוויי צענדלינג יאָרן —
ס׳איז די צײַט פונעם אָנהייב דעם ביטערן, דעם שווערן,
ס׳איז די צײַט פון פאַרשעלטן דעם טאָג פון געבאָרן.

...טרוימענדיק אַזוי פון אַ וועלט אַ נײַער,
איז ניט איינער פאַר דער צײַט געשטאָרבן —
און מיט וויפל פּאַנען און רייד און פײַער
מען פלעגט געבן דער ערד דעם פרישן קרבן.

אָרום אונדז באַלעבאַטישע, יוסטע מצבות —
אַ פרישער קבר, אַ יונגע, צעשטורעמטע עדה;
ווער האָט דאַן געטראַכט, מיר וועלן צאָלן דער וועלטס בלוטיקע חובות,
מיר זײַנען אייביק דאָס פאָלק פון עקדה!

ד

אָ, יוגנט ייִדישע, איך זינג צו דיר אַ ליד,
איך זינג מיט גבורה ס׳אויסגעשטאַנען פון מײַן רײַפן עלטער —
ווי קאָן מען אויסשעפּן די טיפקײַט פון דײַן שטורעמדיק געמיט,
דעם ווײַן פון אונדזער פאָלק וואָס צעמורשט איז ווי טרויבן אינעם קעלטער.

אין פּוילנס תפיסות האָסטו יאָרן־לאַנג געשמאַכט,
האָסט זיך געלאָזן וואַנדערן צו ווײַטע קאָנטינענטן —
דער ווינסטער גורל האָט די טרוימען דײַנע אויסגעלאַכט,
און אומעטום געפונען האָסט שטרויכלונגען און פּענטעס.

האָסט געקעמפט פאַר שפּאַניעס פרײַהײַט בײַ מאַדריד,
האָסט זיך מקריב געווען אין ווײַט בירא־בידזשאַנער —
פאַרשלעפּט האָסט אומעטום דײַן גורל פון אַ ייִד
פון ניו־יאָרקס וואָלקנקראַצערס ביז דזשונגל בראַזיליאַנער.

אויף נים אויפשטיין מער ביסט געפאַלן אין ליכטיקן פּאַריז,
דו האָסט געדאַרט אין הונגער־יאָרן אין ענגלאַנדס מעטראָפּאָליע —
קליין און דאַר האָסטו געשפּאַנט מיט פּוס־טריט פון אַ ריז,
קיין שום מרחק איז נים ווײַט געווען צו לויפן פון דײַן דאָליע.

האָסט זיך נים געקלאָגט אויף שווערן גורל אין די בריוו,
אין פּײַן און אומגליק האָסטו נים צוגעשיקט קיין גריסן —
אַ לאַנד האָסטו דעראָבערט; אויסגעבויט אַ תל־אביב —
בײַ אַלע וועלט־סלופּעס האָט מען דיך געשלעפּט צום שיסן.

האָסט אָנגעהויבן פון אָמר אַביי אויף אַ האַרטער באַנק,
און אַריבער צו מאַרקס־ענגעלס און בוכאַרין —
האָסט פריִער פון אַלע דערפילט דער וועלטס פּאַשיסטישן געשטאַנק
און ווייניקער פון אַנדערע געלאָזט זיך נאַרן.

ביסט אין אַלע פײַערן געקראָכן פון גויִשער מערדער־וועלט,
דאָך ביסטו נים ווײַט אַוועק פון דײַן עדה —
דײַן „פּולן לוין" באַקומען האָסט ווען מ'האָט דיך געשלעפּט
בראש פון אַלע דײַניקע צו קאַלכאויוון־עקדה.

שרה בירנבוים

בוענאָס-איירעס

דער לעצטער שמעטערלינג

דער לעצטער שמעטערלינג פון זומער
איז אַרײַן מיר אין צימער,
געשטעלט זיך אויפן פאָרהאַנג,
געשטעלט זיך אויפן בעט
און אויסגעזשומעט אַ געבעט:

הער מיך, מענטשן-קינד, נאָר אוים —
ניט טרײַב מיך פון דײַן הויז,
ס'האָט בייזער האַרבסט מײַן נעסט צעשטערט,
גראָז און בלום האָט אָפּגעפּליקט דער ווינט,
ערגעץ אויף אַ נאַקעט צווײַגל
פלאַטערט נאָך מײַן קינד...

זאָל דײַן פענצטער-ראַם מײַן שלאָף-בעט זײַן,
ביז נײַער פרילינג וועט אַ בלענד טאָן
אין דײַן שויב —
וועל איך דערוואַכן פאַר דיר מיט תפילה
און מיט לויב...

א י נ א יי נ ע ם

ווען עס שווייגט מײַן ליד

ווען עס שווײַגט מײַן ליד, טונקט זיך מײַן געמיט
אין ימען טרויערן,
אָדער אין ימען פרייד.

וויקלען זיך ווערטער אין האַרץ ווי די קנאָספּן,
שעפּטשען —
איך זאָל זיי צעבליִען אין ליד...

נאָר שווײַגנדע פרייד איז טיפער פון ווערטער,
שווײַגנדיקער טרויער —
טיפער פון רייד.

בלײַבן די ווערטער פאַרוויקלט אין קנאָספּן,
פאַרהילן זיך טיף אין מײַן האַרץ.

כ'האָב דערקענט מיינע טעג

כ'האָב דערקענט מײַנע טעג,
די ניט דערלעבטע;
כ'האָב דערקענט מײַנע נעכט,
די ניט דערשטרעבטע.

אין רוישן פון קוואַלן
דערקענט זייער שטראָם,
אויף טורעמס פון פרײַהײַט
דערקענט זייער טרוים.

אין קינדערשע שמייכלען
דערזען זייער פּראַכט,
אין זונען וואָס וואַשן
דאָס שוואַרץ פון דער נאַכט.

מאַשע שטוקער־פּאַיוק

בוענאָס־איירעס

דער לוח

— — — און נאָך אַ בלעטל שוין פון לוח אָפּגעריסן,
נאָך אַ טאָג אַרײַנגעוואָרפן שוין אין קויש,
נאָך אַ צאָן אין לעבן זיך אַרײַנגעביסן,
שוואַרצן זיך די קערנער פונעם סוף אַלץ מער אַרויס...

טוט אַ קריץ אַ פּענע־שפּיץ און ציט אונטער אַ סך־הכל:
ווײ, וויפל טעותן און בלויזן אינעם אויסגעחלומטן פּלאַן!
און ווי אַ בנין מיט פאַרפוילטע ראַנדן טוט אַלץ זיך מיט אַמאָל אַ וואַקל
און כאַפּט זיך ווידער ווי נ׳אַ לעצטער רעטונג אָן, פון דאָס נײַ צו טאָן אַ שפּאַן.

— פאַרמעסטן זיך, אויפסנײַ, אויפסנײַ! און ניט פרעג, צי ס׳האָט אַ זין,
זיך צעמאָלן, איבערקנעטן, אויסצופולן יעדן בלויז...
הענגט דער לוח ווי אַ דראָענדיק געשפּענסט, אַזוי אָפּגעמאָגערט, דין
און קיין אַנדערן — גיט מען דאָ מער קיינעם ניט אַרויס — — —

חלילה...

געשען איז אַן אומגליק בײַ וועמען אין שטוב.
— איז עמעץ געשטאָרבן, חלילה?
שלײַכן זיך אַלע ווי איבער אַ גרוב
לאַנגזאַמע, פאַרכטיקע, שטילע

ווי אויף ברעטלעך איבער אַ וואַסער פאַרשפּרייט
ניט פּלאַצן זיי זאָלן, חלילה.
היט מען זיך, ציילט מען, ניט נאָר די רייד,
נאָר אויכעט די בליקן אַפילו.

און גוטע פריַינד קומען, מ׳רעדט רונד אַרום,
דאָס אומגליק ניט רירן, חלילה,
נאָר סיַי־ווי דער אָפּגרונט שפּאַרט דורך אומעטום
פון די רמזים אַפילו...

אין אַ פרעמדן וואָגן

— דו האָסט מיַינע טרוימען, פאַרפּלאָנטענע צעפּ,
צעשויבערט גאָר ווילד! — יונגע פערדלעך אין סטעפּ.
די קעפּלעך פאַררײסן, זיי טראָגן מיך, טראָגן...
כ׳בין אָבער געבונדן אין אַ פרעמדן וואָגן.

חמסין, ווי דו סמאַליעסט מיַין דין וויַיסע הויט!
גליסט אָן מיַינע בלוטן נאָך רויטער ווי רויט
און פלאַמיקער, כוואַליקער יאָגן זיי, יאָגן...
און ס׳פיבערט מיַין ליַיב אינעם פרעמדן וואָגן.

אסתר שטיינבערג

בוענאס־איירעס

צו אַלע געטער

פון אַלע קוואַלן טרינקסטו,
אוי, מײַן אָרעם קינד,
נאָר דער קוואַל, דער פרישער —
דער איז פאַר דיר פרעמד.

אַלע לשונות רעדסטו,
אַלע זײַנען גרינג,
נאָר פאַר אונדזער לשון
שטומפּיק איז דײַן צונג.

אַלע ספרים לייענסטו,
אוי, וויי, אָרעם קינד,
נאָר דעם אַלטן ספר —
דעם פאַרשטייסטו ניט.

צו אַלע געטער דינסטו
אוי, מײַן אָרעם קינד!
נאָר דעם רבונו של עולם —
דעם דערקענסטו ניט!

ביידע גלייך

זיי באַגריסט, דו, גרויסער טאָג!
היינט זיינען מיר ביידע גלייך —
וואָלקנס אין בליי
הענגען חושכדיק אַראָפּ...
דער בייזער ווינט
רייסט ווילד אַראָפּ
דאָס שוואַרצע טוך
און ס׳בלייבט די ווונד
פון אויבן אויף...

וואָס דאַרף איך אים פאַרשעמען?

ווידער גרין פאַרבלעטערט
שטייט דער בוים ביי מיין טיר —
און וואַרט אויף מיר — — —

באַהאַלט איך זיך פאַר אים:
אפשר וועט ער זיך פאַרשעמען,
ווען ער וועט מיך דערזען
ווייל פאַרפוצט האָב איך זיך גאָר
מיט קנייטשן נאָך אַ פּאָר
און פאַסמעס גרויע האָר...

אַ גוטע וואָך זאָל זיין!

וואָלט איך ווי מיין מאַמע געווען, וואָלט איך איצט געזאָגט:
„גאָט פון אברהם...”
און ס׳וואָלט צעגאַנגען דער אומעט, וואָס קריכט דאָ אַרום.

וואָלט איך ווי די מאַמע געווען, וואָלט איך געזאָגט פרום:
„אַ גוטע וואָך זאָל זיין!...”
און ס׳וואָלט די שטוב ניט געשטאַנען מער שטום.

פאַרוואָס קען איך ניט ווי די מאַמע זיין — פשוט זאָגן:
„גאָט פון אברהם!”

נ

נאָוועלן

י. אָקרוטני
נחמן מיזשעריצקי
מלך טשעמני

י. אָקרוטני
בוענאָס־איַירעס

די מוטער פון יאָהאַן שטראוס

זאַלבעצווייט זיַינען זיי געקומען, די מחותנתטעס. נאָר־וואָס האָט דאָ אויפֿגעהערט דער רעגן, וואָס האָט וואָכנלאַנג געניִדערט פון די ברוגזע הימלען. געגאָסן, געכליאַפּעט, האָט מען זיי דערציילט, מיט שווערע, שווערע טראָפּנס. ס'האָט אָן אַ שיעור געגאָסן. ס'איז אַזאַ דער איטאַליענישער ווינטער, וואָס איז שוין געגאַנגען צו זיַין סוף. איצט האָט דער ים זיך געלאָזט הערן. ווי מיט מעכטיקע טרומייטערס האָט אַ פיַיכטער, שניַידיקער שטורעם געוואָיעט זינט דער לעצטער נאַכט. מיט ברייטע פּאַלעס האָט ער פאַרשפּיַיט זיך צעלייגט איבער די אַלייען, געסווישטשעט איבערן הויכן, אָפּגעליידיקטן ים־בולוואַר און איטלעך מאָל מיט ווילדקיַיט אָפּגעשפּריצט די צירלעך אויסגעפלאַסטערטע בראַנד־רויטע שטיינקלעצלעך. די מיטנשטאָטישע גאַסן זיַינען, פאַרקערט, פריש אָפּגעטריקנט געוואָרן אויף גראָ, די פּאַלמעס אין די סקווערן האָבן, שטיַיף צונויפגעבונדענע מיט די צוויַיגן אַרויף, זיך געטריַיסלט אונטער די שטויסן פון דעם קדחתדיקן ים. ווייל איז געווען די אַלטע שמאָלענקע געסלעך מיט די פּיל־גאָרנדיקע, טונקעלע היַיזער, צונויפגעשפּאַרטע זינט לאַנגע דורות אויף דער בראשיתדיקער ערד פון אָט דער טויזנטיאָריקער שטאָט. אַהין, אין די פינצטערלעכע, געדרייטע, ענגע ליקן, ענלעכע צו אויסגעגראָבענע ' מיטלאַלטערלעכע קאַטאַקאָמבעס, האָט דער שטורעם געהאַט ווינציקער שליטה.

— אַ שטאָט, אַ וועטער! — האָבן ביידע זקנות זיך איבערגעקוקט. — ס'זאָל נאָר זיַין צו גוטן, — און געשלעפּט זיך צום פּיאַצאַ טאָמאַסעאָ.

— אַמעריקען דזשאָינט, דזשאָינט, — האָט די עלטערע פון זיי, די פּול־ליַי־

ביקע, איינגעחזרט, כדי צו געדענקען, כדי נישט צו בלאָנדזשען. אַ, סערעלמעס 1), מ׳וועט ווידער דאַרפן פרעגן, — האָט זי גייענדיק אַרײַנגערעדט אין דער באַגלײַטערן, אויך אַזאַ נידעריקע ווי זי, נאָר אַ מאָגערע און מיט אַ וויגנדיקן קעפּל.

ווי אַן אומגעהייערער בלינדער האָט דער שטיינערנער כרך זיי באַגעגנט מיט פאַרמאַכטע הילצערנע שאַלוזיע־לאַדנס איבער די פענצטער. די הײַזער האָבן אויסגעזען אַקוראַט זיי וואָלטן אין מיטן־דערינען זיך אַוועקגעשטעלט אַ דרימל טאָן. אין מיטן טאָג זיך דערלויבט אַזוינס. און אין די שטובן האָט געלויכטן אַ קאַלט עלעקטריש פײַער.

אומהיימלעך! אַ גריזשעניש האָט דורכגעביסן זייערע אַלטע רוקנס.

נישט היימלעכער איז זיי געוואָרן, אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון דעם קליינעם דזשאָינט־אָפּטייל אין דער דאָזיקער פּאַרט־שטאָט. אַהער קומען שיפן פון לענדער און אינדזלען און ס׳גייען אָפּ שיפן אין דער אומענדלעכער וועלט אַרײַן. ס׳אַ ריזיקער קאָרידאָר פאַר פעלקער, פאַר לײַדנשאַפטן, און דאָך פּאַטשט דאָ אַזאַ אומעט! די ביורא־צימערלעך האָבן אויסגעזען אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געקאָרטשעט אין דערעסנדיקער דערוואַרטונג. ס׳איז פריקרע אַן רעש און ס׳פריקרע מיטן ליאַרעם, וואָס רײַסט זיך תמיד אָפּ פון ערגעצווו און שוימט, קאָכט דאָ ווי אַ באַרג־טײַך. דערפאַר נאָך דעם אַזאַ לאָקנדיקע שלעפעריקײַט. עס סטראַשעט יעדעס מאָל, ווען ס׳צעברילט זיך דאָס טיר־גלעקל און מ׳מוז אַ ריר טאָן די פיס פון אָרט — שאַט, אַט באַווײַזן זיך ווידער בלעזלעך, ס׳נעמט זידן.

ס׳איז אָנהייב חודש. אויסגעוועפּט שוין דער טומל פון לעצטן עמיגראַנטן־טראַנספּאָרט, צו וועלכן ס׳האָט פון דאָס נײַ זיך צונויפגעקליבן אַ נײַער רומל מענטשן, אַנטרונענע פון יענע שטרענג־פאַרמויערטע לענדער, וואָס באַגערן זיך נאָך מער אַרומצוצוימען, אַז אומדורכדרינגלעך זאָל זײַן יעדע שפּײַן פון דער פרעמד. איטלעך מאָל קומען זיך דאָ צונויף די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דאָרטן און גייען זיי אַוועק, בלײַבט שטענדיק נאָך זיי דער נאָכרויש ווי פון אַן אָרעמער חתונה. דאָ באַגעגנען זיך אומבאַקאַנטע, וואָס ווערן זיך גיך אומצוטרוילעך נאָענט, ס׳טרעפן זיך אָפּגעפרעמדטע, דאָך רעדט פון אַלעמען מענטשישע בענקשאַפט, ס׳צערײדן זיך געגנטן גאַנצע, לשונות כלערליי. עס פאַרשמעקט מיט נישט־דאָזיקער היימישקײַט.

אויסגעזעסענע במשך פון יאָרן אין לאַגערן, אין קיבוצים, איבלט עס דערפון איצט אין די דזשאָינט־צימערלעך מיט דערווידערדיקן דײַטשישן עיפּוש, צו וועלכן מ׳האָט זיך געמוזט צוריקקערן; עס הערט זיך פון קוועלעניש נשמהדיקע, מיט וואָס מ׳איז געפּרוווט געוואָרן אין עסטרײַך, איטאַליע. וואַגל־צער האָבן אַ סך דער־

---

1) מיין ליבע (אונגאַריש).

לעבט אויך אין די פּאַרוואָרפענע פאַריזער וואַנצן־האָטעלעכלעך. דזשאָינט זאַמלט זיי צום סוף אין איין אָרט און פון דאַנען גייען זיי שטראָמענווייז איבער ימים.

באַשיימפּערלעך זיינען די פּאָר באַאַמטע מיד פון אײַנגעשטילטן ליאַרעם. אויף די טונקעלע טישן זיינען אָנגעוואָרפן הויפנס פּאַפּירן, מיט וועלכע עס איז נישט לייכט פּאַרטיק צו ווערן, מחמת אין די הונדערטער קומען זיי איטלעך מאָל אַהער, די אויסגעליטענע; פּאַפּקעס מיט זייערע אַקטן בערגלען זיך כסדר. די לעצטע ייִדישע מחנה, אויך אַ צונויפגעמישטע פון אײַנזאַמע, פאַרעלנטע און פּריש צו־זאַמענגעקלעפּטע מישפּחות, וויגט זיך ערשט אויף די אומרויִקע וואַסערן פון ים. דאָ ווימלט עס אָבער מיט זייערע נעמען; די פּאָסט וועט זיי נאָך פונאַנדער־שפּרייטן איבער מדינות, דער טעלעגראַף וועט זיי אויסקלאַפּן אויף ווייטע קאָנ־טינענטן.

לאַנגע טעג וועט מען זיך דאָ נאָך פאַרנעמען מיט די דאַזיקע, כאָטש דעם ביז איצטיקן זיגזאַגישן לעבנס־לויף האָבן זיי אָפּגעשלאָסן טאַקע הי. דערווײַליק. ס'נייע לאַנד, וווּהין עס ציט, וועט דאַרפן באַווייזן זיינס. די ברויזיקע וואַסערן פון מיטללענדישן ים, די כוואַליעס פון אַטלאַנטיק צי פון פּאַציפיק, וועלן געוויס אָפּשווענקען דאָס איבעריקע בייז. די יאָרן, וואָס געלאָזן הינטער זיך, ווילט זיך פאַרגעסן, אין גאַנצן אָפּמעקן.

***

זי הייסט עדיט שטראוס, די וואָס מיט איר — גיט זי אַ ווונק מיטן קאָפּ אין אַ זייט — די איז שאַרלאָטע בווירמאַן. ס'איר מחותנתטע. פאַרשטייט זיך,ביידע האָבן איין ציל, ביידן איז באַשערט איין גורל. ביידע האָבן פאַרלוירן זייערע היי־מען, ביידע גייען אויף דער עלטער צו די הייסגעליבטע קינדער. אך, אך, ס'איז גענוג געשעען! ראַקאַשי, דער קאָמוניסטן־יודע, איז אויסנאַמווייז נישט געווען אַזוי אומדערבאַרעמלעך צו זיי. מ'גיט קיינעם נישט קיין אויסלאַנד־פּעסער. זיי אָבער האָבן געהאַט די זכיה. דער גאָטזעליקער מאַן און דער אומגעקומענער זון אירער, היינריך — „איך זאָגע איהנען, אַ וואָרער ענגעל צווישן די לויטע" — זיי האָבן זיך געמיט פאַר איר. „יאַ, יאַ, דאָס עלענד איסט גראַוזאַם" — שטיקט זי זיך. זי וויל נאָך דערלעבן צו זען די קינדער. „גאָט, מיין גאָט!" — העשעט זי פּלוצלינג אויס און וויל זיך אַראָפּלאָזן. און איז קיין באַנק נישטאָ נעבן איר, בלייבט זי ווייטער אויף די פיס, אָנלענענדיק זיך מיט די הענט אין באַריער.

טרערן האָבן סאָליד געקאַפּעט איבער אירע לענגלעך־בלאַסע, פליישיקע באַקן.

— „בערואיקן זי זיך דאָך, פראַו..." — בעט מען זיך ביי עדיט שטראוס פון

יענער זײַט באַריער, וואָס איז אומיסטן אויפגעשטעלט געוואָרן ווי אַ וואַנט צווישן די באַאַמטע און די געשעצטע קונדן פון דזשאָינט.

מיט קליינע, שלעפעריקע אויגן הערט די אַנדערע, וואָס די מחותנתטע כּלי־פּעט אַרויס, און זי שאָקלט צו שטומערהײַט: ריכטיק, ריכטיק...

פאַרלאַנגוויַליקטע האָבן הענט שפּעטער זיך געעסקט בײַ די פּאַפּירן, וואָס פרוי שטראַוס האָט אַרויסגעסדרט פון איר גרויסן רידיקול. דערווײַשט צווישן אַלעם די נייטיקע אויטאַריזאַציע־בריוו (אַ, די „אויטאַריזעישנס!“ אויף זיי האַלטן זיך די זײַלן פון דער פאַרקבצנטער אייראָפּע!), האָט מען פאַר די נײַע צוויי פּאַסאַזשירקעס אויסגעשריבן אַ רויט, שוואַרצגעקעסטלט פּענסיאָן־קאַרטל.

באַשײַמפּערלעך מידע האָט מען זיי אָפּגעשיקט זיך אויסרוען נאָך דער לאַנגער רײַזע, און דער דירעקטאָר, אַ באַזאַכטער מענטש מיט אַ קיל פאַרטראַכט ציגן־פּנים האָט זיי געוווּנטשן אַ געשמאַקן שלאָף — אויפן פולן טאָג.

פרוי שטראַוס איז דעם ליבן מענטש נישט שולדיק געבליבן אַן איבעריקן „דאַנקע שען“. די צווייטע מחותנתטע האָט נאָר זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום גוטן הער. שאָקלענדיק מיטן דאַרן קעפּל, האָבן אירע בלאַסע ליפּן פרום זיך אַ באַוועג געטאָן. ס'האָט אויך געקענט הייסן: „איך מיין ס'אייגענע, הערכיען“.

**
*

— אָר־אָר־אָואָואָוו! אויף אונדזערע יאָרן... אַזאַ שווערער וועג, איבער ימען און אָקעאַנען, — האָט די אַלטע ערדיט, אויפזעצנדיק זיך אין בעט, געקרעכצט אין דרימלענדיקן חלל אַרײַן. פון ליגן איז ס'פּנים איר געוווען מערער צעקנייטשט, די שטים האָט זיך אײַנגעבראָכן: — ווי דער ליבער גאָט פּרוּווט אויס דעם מענטש!

— סעגעין, סעגעין, אַ מי סעגעינשעק! (2 — האָט די מחותנתטע אין אַנטסעגנדיקן בעט מיט ציטערדיקע הענט געריבן די פאַרקלעפּטע אויגנדעקלעך. יענע האָט זי איבערגעוועקט. פּאַמעלעך זיך אויפגעזעצט, האָט זי, די אַלטע שאַרלאָטע, איצט זיך רעכט אײַנגעקוקט אין איר מיטפּאַרערן. געקוקט און אָקערשט דערזען איר אייגן פאַרגיין. נישט גוט, אַ סערעלמעם. אַזעלכע ווי מיר, טאָרן נישט אוועק פון וואַרעמען געלעגער, מיר דאַרפן רו. זי האָט צוגעקוועטשט די אויגן: — צו־פיל אָנשטרענגונג איז געפערלעך. אוי, כ'פיל, אָ, סערעלמעם — —

איר דינע שטים האָט אין דעם זיך ווי אָפּגעריסן. זיקנה האָט אַ קלאָג געטאָן.

ייִדיט האָט זי געטרײַסט, געפילט, זי מוז די־אַ אונטערהאַלטן, אַנישט וועט פאַר איר זײַן ערגער. וואָס צוויי איז נישט איינע. איינע אַזאַ ווי זי, אין עק וועלט.

---

2) נעבעך, נעבעך, אונדזער שוואַכעניש (אונגאַריש).

קען זיך אין גאַנצן פאַרלירן. זי האָט מיט דער מחותנתטע אָנגעהויבן ריידן, אָנ־געבונדן אַ גערייִדעכץ, כדי זיך גופא צו פאַרטומלען; ס׳הייסט, זי אַליין האָט גע־רעדט, די אַלטע עדיט, און נישט געלאָזט יענער ס׳מויל עפענען. שאַרלאָטע, סתם אַ צוגעלייגטע, האָט באַוויזן נאָר צו קרייזן. געוויגט מיטן דאַרן קאָפּ און געקרייסט. זעלטן אַ וואָרט האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם געקרעכץ. אין דער רויִקער דירה האָט שטאַרק אָפּגעקלונגען דאָס באַטשקען פון דעם פּריש־באַזעצטן צימער. איבערן לאַנגן קאָרידאָר האָט גראָד זיך דורכגעשלײַכט די קליינע, רירעוודיקע באַלעבאָסטע. „אויפגעשטאַנען ענדלעך, די גראָע קינדער", — האָט זי גוטמוטיק אַ שמייכל גע־מאַן. אָפּגעשטעלט זיך הינטער זייער טיר, אײַנגעהערט זיך, האָט זי אומדרײַסט אָנ־געקלאַפּט און אויך אומדרײַסט אַרײַנגערוקט זיך אַהין. מיט איר גינציקן, וואַרעמען שטימעלע האָט זי די אַלטע פרויען מיט אַ מאָל אײַנגענומען, באַרויִקט, הגם זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס די־אָ מיינט. דער דערדריקנדיקער דעמער, וואָס האָט אַקערשט געשפּאַרט פון די פרעמדע ווענט, איז אויגנבליקלעך אָפּגעטראָטן. די מיידלשע געשטאַלט פון דער אַרײַנגעקומענער האָט עפּעס ליכטיקער געמאַכט, איר זאָג האָט ליבלעך אָפּגערוישט. וועדליג דעם וויגן מיטן שאַטין־קוילעטש הויך אי־בערן שפּיץ קאָפּ פון אָט דער, האָבן זיי זיך משער געווען, אַז דאָס באַגריסט זי זיך אַזוי.

— בואָן דזשאָרנאָ, אַ בואָנאַ סעירא, סיניאָרע [3].

דאַכט זיך, נאָך אַ מאָל האָט דאָס זעלביקע איבערגעחזרט די אַנגענעמע יונגע פרוי. קוקנדיק מיט נײַגיר אויף די זקנות אין די בעטן, איז די באַלעבאָסטע גע־בליבן שטיין בײַ דער טיר. האַ־האַ, אַ דעליקאַטע אַזאַ, — האָבן די זקנות געשטוינט. ערשט דערנאָך האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט, די יונגע פרוי, און זיך דערנענ־טערט צו זיי. ס׳צײַט שוין עפּעס צו עסן. — פלינק האָט זי געדעדט אויף איר קליינ־געענדיקן, הייסן לשון און לעבעדיק צוגעלאַכט.

— מאַנזשאַ, מאַנזשאַ [4] — עטלעכע פינגער אירע האָט זי ריידנדיק נאָך אַרײַנגעפירט צו זיך אין מויל און באַוועגט מיט די קליינע, רויטע ליפּן — האָם, האָם!

זיי האָבן זיך ענדלעך פאַרשטאַנען, די אַלטע פרויען מיט דער באַלעבאָסטע. די־אָ האָט זיך באַלד דערפילט היימיש און אָוועקגעשאַרט דעם ראָלעט פון ברײַטן פענצטער. די זקנות האָבן זיך צוגעקוקט צו איר און צײנלאָז, שטיקנדיק, אין זיך אַרײַנגעלאַכט:

— ווי קינדעריש מ׳דאַרף זיך מאַכן, כדי צו פאַרשטיין אַזאַ!

---

3) גוט מאָרגן, אָדער אַ גוטן אוונט אײַך ווינטשן, פרויען? (איטאַליעניש).

4) עסן, עסן, (איטאַליעניש).

און א רגע שפּעטער:

— כאַטש גוט, מ'פאַלט אַריַין צו אַזעלכער. אוי, מ'איז עלנט און טויט־שטום!

ווען די באַלעבאָסטע איז געווען אַרויס פון צימער, האָט די מחותנתטע שאַר־לאַט באַמערקט דער עלטערער:

— ס'דאַכט זיך, זי איז אויך אַ שיינע, די יונגע דאַמע.

אין אָפּגעדעקטן פענצטער האָט זיך אַריַינגעבויגן אַ מאַטער, לייכט־אַנגע־הויכטער פאַרנאַכט.

***

זי איז אין הויכן עלטער: דורכויס גראָ דער קאָפּ, אויסגעקייַלעכט דער רוקן. די געשטאַלט איז דיַיטלעך געזונקען. אין זוניקן בלענד, וואָס צעפּאַכעט זיך שוין כמעט יעדן פאַרמיטיק (דער שפּעטער טאָג איז אָפּט מאָל נישט קיַין זיכערער, כמאַ־רעס ציען פון ים, דער בולוואַר איז נאָך שטאַר פאַרקוקט אין דער וויַיט), צייכנט זיך שטאַרק איר בכבודע אַלטקייַט, שטענדיק אַ געהילטע אין שוואַרץ.

עדיט שטראַוס וויַיזט זיך קיַין מאָל נישט אַליין. ביַי איר זיַיט שפּאַנט שטענ־דיק די מחותנתטע. שאַרלאָטע בוירמאַן איז יינגער פון איר, אָבער ווי נישטיק קוקט זי אויס נעבן דער עלטערער. זעקס און זיבעציק יענע, זיבעציק זי, און פון דעסטוועגן! אַ קזשאַק אַ פאַרדאַרטער פּנים אַל פּנים מיט אַ פונאַנדערגעוואַקסענעם מימאָזע־בוים, וואָס וואַרפט זיך גראָד אין די אויגן מיט זיַינע פרישע הענגלעך גע־לע, פּוכיקע בלימלעך. אמת,ביידע זקנות זיַינען נידעריק, שווער באַוועגלעך, ביידע האָבן די יאָרן אין פּנים, אָבער דער אונטערשייד צווישן זיי איז גרויס. ווי אַ פּאַווע איר פאַרביקן עק פאַרריַיסט די אַלטע עדיט דעם זילבערנעם קאָפּ, בעת די צווייטע גייט מיט איַינגעצויגענע אַקסעלעך און איבער זיי הוידעט זיך אַ מין הינעריש קעפּל. שטענדיק איז פרומלעך פאַרהילט איר נאַקעטער שאַרבן. אַ שאַרפע היץ־קרענק אַמאָל האָט צוגערויבט איר פרויַישע האָר־קרוין. און קוקט מען, מ'וויל זען אַ פּנים אונטער דעם תמיד פאַרקניפּטן טונקעלן טורבאַן, געפינט מען אַ חושכדיק ציפער־בלעטל. בלאַס, קרענקלעך געשרומפּן איז די יינגערע מחותנתטע. ס'זיַינען אַנזעעוו־דיק נאָר די צוויי לעבעדיקע, קליינע אויגן. ס'קול אירס איז אויך אַ קולכל, אָן איידלס, אָן אָפּגעריבנס.

פרוי עדיט שטראַוס האַלט זיך חשוב. באַשיַימפּערלעך, זי פאַרגעסט נישט אירע יאָרן. יעדער שריט אירער, איטלעך וואָרט דערציילט פון אַ וואַכן מוח. אַז די מחותנתטע גייט מיט איר, גיט די אַלטע עדיט אַכטונג, מ'זאָל איר נישט אַ שטויס טאָן, זי זאָל נישט פאַלן איבער אַ גאַסן־בריקל. און שטעלט זי אָפּ די אַלטע שאַר־

לאַטע בײַם אַריבערגײן דעם פאַר־וועג — ס'קען חלילה טרעפֿן אַן אומגליק: ווי משוגע לויפֿן די אויטאָמאָבילן, די מאָטאָציקלען! — קוקט שאַרלאָטע אויף דער על־טערער מיט פֿאַרענטפֿערונג. זי דזשאַמדזשעט די צונג אין אײַנגעפֿאַלענעם מויל. וועדליג דער מינע, וואָס שאַרלאָטע בוירמאַן שטעלט אָן אויף דער מחותנתטע איז קענטיק, אַז זי, די ייִנגערע, בעט יענע, זי זאָל נישט פֿאַריבל האָבן אויף איר. זי איז נעבעך פֿאַרבײַ, זי וועט נישט דערציען אַהין... וואָס, מ'שטײַנסגעזאָגט, יאָרן, אַז די כוחות פֿאַרלאָזן דעם מענטש! כאָטש עלטער פֿון דער, פֿאַרצרהט אַקוראַט ווי זי, שפּירט זיך עדיט שטראָוס מער תקיף אין דעם מעמד. זי, עדיט, רעדט, ווו מ'דאַרף, פֿאַר ביידן, זאָרגט פֿאַר יענער, שרײַבט אַפֿילו די בריוו צו די קינדער. אין אַלעם האָט זי די דעה, אומעטום. עדיט שטראָוס פֿירט; שאַרלאָט בוירמאַן לאָזט זיך פֿירן. און גייט די אַלטע עדיט מיט איר געלאַסן טריטעלע, קוקט זי זיך כסדר אום אויף דער, פֿאַררײַסט דעם געדיכט־גראָען קאָפּ און נעמט פּלוצלינג שטעלן אַ שפּאַן אַ דרײַסטערן. ס'הייסט: שאַט, כ'האָב עפּעס צוגעטראַכט. די צווייטע קוקט קינדיש מיטן פֿאַרוועלקטן פּנים. עדיט פֿאַרגעסט זיך נישט, חלילה, זי שפּאַנט פּעס־טער, זעט מער נישט די מחותנתטע, וועלכע באַוועגט זיך גלײַך ווי אַ לעבעדיקע, טונקעלע אַקוואַרעל אין אַ פֿאַרדראָפּירטער ראַם. זי פּילט, די אַלטע עדיט: יענע גייט איר נאָך, און דער אָפּהילך פֿון עדיטס טריט אין די ווייכע לעדער־שיך חזרט אײַן, אַז יענע, די שאַרלאָט, זאָל זיך נעמען אין זינען אַרײַן:

— עדיט שטראָוס איז קלוג. צו עדיטן אין געוועלבל אַרײַן מעג מען קומען נאָך אַ ביסל חכמה.

אַן אויגנבליק שפּעטער רעדט שוין איר גענגל מיט רוגזה... זי טרעט האַס־טיקער:

— איר מיינט עפּעס, פֿאַרשטאָפּטער קאָפּ וואָס איר זענט, איר, שאַרלאָט. — אײַך מיין איך!

די מחותנתטע הערט אַלץ נישט. אירע דינע ליפּעלעך זײַנען פֿאַרביסן און ס'קעפּל וויגט זיך אין שטומען געקלער.

**
*

צווישן פּיאַצאַ דזשוסעפּע ווערדי און פּיאַצאַ טאָמאַסעאָ ליגט די רחבותדיקע, שיינע טאַרינער אַלייע, וואָס אין זײַט אירע האָט אַן אויסבליק צום אָפֿענעם ים, בעת די צווייטע שפּאַרט זיך אָן אין דער באַנסטאַנציע בריניאַלי. עס איז אַ פּראַכ־טיקער פֿראַגמענט פֿון דער שטאָט. פֿײַערלעכקײַט איז דאָ אויסגעשפּרייט איבער יעדער מויער, איבער יעדער באַנק צווישן די גרויסע, ערגעץ פֿאַרקוקטע אַלטע ביי־מער. אין איינעם פֿון די הײַזער־פּאַלאַצן (לויטער מירמל, קינסטלערישע קאַרניזן,

פיגורן, טירן געשניצטע מיט געפּוצטן, בלאַנקנדיקן מעש) פון דער טאַרינער אַלייע איז דער פּענסיאָן, אין וועלכן ס׳זײַנען אַרײַנגעזעצט געוואָרן די מחותנתטעס.

דער פּענסיאָן „דזשענאָוועזע" איז געליבט צווישן עמיגראַנטן, וואָס דאַרפן דאָ אָפּוואַרטן זייערע שיפן. ציכטיקע, באַקוועמע צימערן, אַ געשמאַקער, זאַטער טיש, אַ גלאָז גוטן ווײַן צו דער מאָלצײַט און אַ היימישלעכן שמייכל ווי אַ צוליג — אָט וואָס עס געדענקט זיך די מענטשן, וואָס זײַנען, דורכפאָרנדיק, אײַנגעשטאַנען בײַ סילוויאַ דזשענאָוועזע.

סילוויאַ דזשענאָוועזען קאָן מען; סילוויאַ דזשענאָוועזע רעכנט זיך פאַר אַ גענוטע, קלוגע סוחרטע. די דזשאָינט־מענטשן האָבן גערן מיט איר צו האָבן עסקים. קומט אַ פּאַרטיע עמיגראַנטן, געדענקט מען קודם־כל אין איר. אירע צימערן דאַרפן זײַן באַזעצט. דאָס איז אַ כלל אין דזשאָינט. וועגן דער דזשענאָוועזע זאָגט מען: ס׳איז אַ פרוי, וואָס האָט „עפּעס" אין קאָפּ. זי טראָגט טאָקע בלומען, ווו מ׳דאַרף, פאַרבעט אין געסט וועמען מ׳באַדאַרף. זי פאַרשטייט זיך אויף געשעפט און, זי היט עס.

זי האָט אויך אַ מאַן, די פּענסיאָן־אייגנטימערן, אָבער ער ציילט זיך דאָ נישט. געקומען צו אים אָן נדן, פון אַ בידנער היים געקומען, האָט זי דערפאַר אַרײַנגעבראַכט אין שותפות — צום מאַן — אַ סכום ענערגיע און פאַרביסנקייט זיך אַרויפצואַרבעטן. יאָרנלאַנג האָט זי, שוין נאָך דער חתונה, זיך געראַנגלט פאַר איר זעלבשטענדיקייט. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט געטאָן, איז שפּאָרן אַ ליר צו אַ ליר, געמאַכט זיך אַ „קניפּל" פון דעם געלט, וואָס דער מאַן פלעגט צוטיילן. פון אירע צונויפגעזאַמלטע פּרוטות האָט זי געדונגען דעם אַפּאַרטאַמענט אין דער פאַרמעגלעכער געגנט און מיט נײַער עקשנות געפּרוּווט זיך פאַרדינען ס׳איריקע. וואָס מ׳לייגט אין בויך אַרײַן, דאַרף קיינער נישט וויסן, האָט זי געקנעלט מיטן מאַן, וועלכער האָט צײַטנווײַז זיך געקרימט אויף די מאָלצײַטן, וואָס זי פלעגט צוגרייטן. „וואָס מ׳טוט אָן אויפן בויך, ווי אַזוי מ׳גייט אַרום אין גאַס אַרײַן, דאָס, זעסטו, אַרנאָ, איז וויכטיק; אויף דיר זעט מען דווקא אַלץ". און זי וויל זיך נישט פאַרשווארצן ס׳פּנים. זי וויל זײַן שיין, זי מוז דערגרייכן כבוד. וואָס דען האָט אַ מענטש צו דערוואַרטן? אַמאָל איז זי געווען יונג, הײַנט איז דער בליאַסק שוין נישט דער. ערשט דאַרף זי זײַן שיין מיט קליידער, מיט מאַנטלען, מיט אַ פּערסיאַנער, מיט זילבער־פוקסן. און די וווינונג דאַרף זײַן הערלעך. אַ וווינונג איז דער שפּיגל, אין וועלכן ס׳שטייט שטענדיק דער לעבעדיקער מענטש. דער שפּיגל באַלײַכט. זי האָט געהאָרעוועט, ווידער געשפּאָרט און, אַרויסגעקראָכן. צוערשט האָט זי אַליין באַרוימט די גרויסע וווינונג, באַרוימט די פּרעמדע, וועלכע זי פלעגט אַרײַנפירן צו זיך מיט כל הקונצן: ס׳זײַנען געגאַנגען מעקלערס, פון די וואַקזאַלן טרעגערס, אינפאָרמאַטאָרן פון פּאָרט. איטלעכן האָט זי געגעבן פּראָוויזיע און איטלעכער האָט

געבראַכט עסערס, שלאָפּערס, און צו קיינעם לייגט מען נישט צו. דערנאָך, ס'גע־שעפּט איז געוועןָ איינגעפּירט, איז מען שוין אַליין געקומען. „דזשענאָוועזע“ איז געוואָרן אַ נאָמען צווישן פּענסיאָנען אין שטאָט. סילוויאַ דזשענאָוועזע איז איינס, מ'קאָן זאָגן, אַן עיקר. ער, דער מאַן, איז אַ פירמע פאַר זיך. אַנדערע דאגות פירן מיט דעם מענטשן, וואָס הייסט אַרנאַלדאָ דזשענאָוועזע. ער טרוימט איצט פון עקס־פּאָרט. ער וועט פּרוּוון מיט אויסלאַנד; ס'ריוח. די אָנהייבן זיינען געראָטענע. זיין אייגענע ווײַנקעלטעריי איז אים שוין קאַרג; ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די ווײַנ־קעלטערייען פון די רוימער קאַסטעלאָס: קאַסטעל־גאַנדאַלפאָ, מאַרינאָ, דזשענזאַנאָ, פראַסקאַטי... גרויס זיינען די ווײַנפעלדער אַרום אַלטן רוים; צענדליגער שטעטלעך לעבן פון שטעלן־ווײַן, ווײַן־קוועטשן; דאָ־זשע דאַרף ער, אַרנאָ, זוכן דעם שליסל צו זיין מאָרגן. ער איז פאַרקאָכט אין די געשעפטן. אין דער היים איז ער כמעט אַ גאַסט, אַ גאַסט צוגלייך מיטן ווייבס געסט. ער קומט נאָר צו מיטיק און אין אָוונט. נישט מער, די באַלעבאָסטע פון שיינעם פּענסיאָן האָט די טבע נאָך יעדן מיטיק־עסן מיט דעם גאַסט זיך אָפּצושליסן אין אַן אייגענעם צימער. ווי די שטיל־קייט, איז אויך דער נאָכמיטיק־דרימל דאָ אַזוי צו זאָגן אַ מוז־זאַך. מיט די אויס־לענדערס (בעיקר האַלט זיך דער פּענסיאָן „דזשענאָוועזע“ אויף אויסלענדישע געסט) בלייבט זי, די באַלעבאָסטע, אַ גאַנצן טאָג, זי מיט דער דינסט און מיטן קליינעם ווייס־ברוינעם הינטל, וואָס גייט אָן אין דעם הויז ווי אַ מישפּחה־גליד. ס'טרעפט נעמלעך נישט קיין איין מאָלצייט, וואָס ס'הינטל זאָל נישט מיטהאַלטן, ביים טיש, אויף אַ ספּעציעל־הויכן בענקעלע. אויסגעלערנט עס זיצן, קוקן, וואַרטן, ביז מ'וועט דערלאַנגען ס'שיסעלע. אומעטום גייט עס מיט, דאָס הינטל, מיט דער באַלעבאָסטע, ווי להבדיל אַ קינד מיט דער מאַמען. מען שמועסט מיט דעם, מ'קוועלט פון זיינע חנדלעך. אויפדערנאַכט, ווען סיניאָר אַרנאַלדאָ דזשענאָוועזע קומט אַהיים פון זיין ווײַנלאַגער, נעמט ער פון דאָס ניי אַרויס דאָס הינטל אויף שפּאַציר. פאַרן שלאָפן גיין דאַרף עס זיך איבערגיין. פאַרשטייט זיך, ס'הינטל איז אַ מילדס, איט־לעכער האָט עס גערן אַ גלעט צו טאָן, צו שמיצערן, ווי מ'שמיצערט צו אַן עופהלע. און די באַלעבאָסטע האָט שטענדיק געמיט פאַר דעם שפּילעוודיקן באַשעפעניש. מיט דער גראָבער אַרבעט גיט זיך אָפּ פאַוסטינע, ס'שטובן־מיידל. די סיניאָרע סילוויאַ גייט נאָר איינקויפן, חשבונען זיך מיטן דזשאָינט און זי גייט שפּאַצירן. געוויס, מיטן געפּיעשטשעטן הינטל ביאַנקאָ. איצט האָט די סיניאָרע דזשענאָוועזע צייט זיך צו פוילן אַ ביסל, לענגער אויסצוליגן אין בעט, פאַרבן די האָר. זי האָט אַ שוואַרצן קאָפּ און אַ ווייס, גלאַטיק פּנים, איז בלאָנד איר מער געפעלן. איצט איז סיניאָרע דזשענאָוועזע מיט איר פּענסיאָן אַן אָנשפּאַר פאַרן מאַן, און ער וואַקסט, דער סיניאָר.

קורץ, ס'א הויז, די דזשענאַוועזעס, וואָס בויט זיך אין דער שטיל. און שטיל־קײַט איז ווי הייוון פאַר אַ מענטש וואָס נעמט זיך פאַר עפּעס.

...אוןביידע מחותנתטעס האָבן נישט קײַן סיבה צו זײַן אומצופרידן פון דזשענאַוועזען, פון פענסיאָן דזשענאַוועזע. זקנות, פאַלן זיי אַ מאָל צו בעט. דעמאָלט זעט די באַלעבאָסטע זיי צו, רעדט זיי אוים: „ס'וועט אַדורך... עס וועלן צוריקקומען די כוחות און איר וועט „פּאַרטירן, וויאַ, וויאַ". אוודאי, נאָר מיט די הענט און אויפן וווּנק רעדט זי צו די זקנות — און מ'לאַכט ביינאַנד פון די אייגענע המצאות, וואָס מען געפינט אוים אין דער נויט פון פרעמד זײַן איינע צו די אַנדערע. נאַטירלעך, זי געפעלט זיי, די אַלטע, ווײַל זי פרעגט תמיד דערעיקרשט אויף זייער געזונט. נאָר געזונט זײַן ווילט זיך זיי, גוט אויסזען. ווי יונגע מיידלעך האָבן זיי ליב צו גנבענען אַ בליק אין שפּיגל, שטיין און גלעטן זיך די באַקן. יאָהאָן זאָל זיך נאָר נישט דערשרעקן: די מאַמע... הערמינע וועט זיך צעוויינען. די מאַמע אַ שאָטן. הויט און ביין. „אוי, זי מוז קומען צו זיך" — טראַכט יעדע פאַר זיך און זיי באַמיִען זיך אַרײַנצוכאַפּן אין בויך אַלץ, וואָס מ'שטעלט אונטער דער נאָז. און די סיניאָרע זשאַלעוועט נישט. זי גיט אַ סך געפּרעגלטס, פיש, פלייש, פולע טעלערם מיט לאָקשן אין טאָמאַט־סאוס. זי גיט אויך ווײַן אויף אַפּעטיט. זיי עסן, די אַלטע, פּאַקן אין זיך און פאַרפּאַקן זיך. שוואַך די מאָגנס, אויסגעדינט, ליגן זיי זיך אַנידער אויף גאַנצע טעג נאָך אַזעלכע פאַרשטאָפּונגען. זיי ווערן אָן די כוחות, האָבן פון דאָס ניִי זיך צו קלאָגן אויף אָפּמאָגערונג, האָבן מורא צו קוקן אין שפּיגל, שלאָפן נישט, האָבן מורא נישט אײַנצושלאָפן — אין גאַנצן. אַ שרעק, דאָס שוואַכעניש, וואָס באַפאַלט אַן עלנטן מענטש! — יאָהאָן, יאָהאָן! — רופט די אַלטע עדיט אין דער שטיל, — אַ, סערעלמעס, כ'וועל נישט דערציִען, — קרעכצט די אַנדערע: — קינד מײַנס, הערמינע! זי איז אַזאַ שיינע, אַ גאָלד־האָריקע ווי די מאַדאָנע; זי וואָלט כאָטש געהאַט די מאַמע בײַ זיך... — מורמלט די אַלטע שאַרלאָטע אין דער נאַכט. און מאַכט זיך, ווער פון די מחותנתטעס קילט זיך צו, לאָזט די סיניאָרע זיי שוין נישט אַרוים פון שטוב. ס'שאַדט נישט, טענהט זי, מ'גייט נישט אַ טאָג צו די געשעפטן. „מאַמאַ, נאָן", מוסרט זי די זקנה, צולייגנדיק אַ פינגער צו דער נאָז. זיי ווילן, צי זיי ווילן נישט, ס'געפעלט זיי דאָך און האָרכן איר. און לאָזן זיך מעסטן די וואַרעמקייט. ס'וועט זײַן „בואָנאַ", גוט, קלעפּלט זי אַזאַ איבערן אָרעם און פילט זיך נישט טעלעפאָניש אַרויסצורופן אַ דאָקטער. דערווײַל לייגט די סיניאָרע סילוויאַ די זקנה אין בעט אַרײַן, האַלט זי אײַנגעדעקט.

קומט דער דאָקטער, איז ער נישט ווינציקער ליבנסווירדיק. ווי אַ סך יונגע איטאַליענער האָט ער אַן אויסטערליש בערדל אויפן באַחנטן פּנים; גלאַט אויסגעגאָלט די באַקן, נאָר איבער דער גאָמבע איז גלײַך אויסגעשפּרייט אַזאַ קליין האָריק פּלעדערמײַזל. ער איז ליבלעך, דער דאָקטער. ער מאַטערט זיך נעבעך מיטן ריידן.

קוים וואָס ער ברענגט אַרויס: „גוד, מודער, גוד זײַן". די סיניאָרע לויפט דערנאָך אין אַפּטייק אַרײַן, מישט אַליין קרעסטירן, קאָכט גריצן, גיט צו טרינקען פרישען־קע הייסע מילך; זי היט די שעה, ווען מ'דאַרף געבן אַ לעפל מעדיצין, אַ ביסל זופּ. זי האָט געדולד, די איטאַליענערן, צו אימעצנס אַלטקײַט־גרימאַסן, איז מוותר פון גיין כאַפּן אַ מוטל, ביז וואַנען די קראַנקע שטעלט זיך אויף די פיס.

אָן ספק, די מחותנתטעס זײַנען דערפאַר דאַנקבאַר. זיי קענען אַלץ נאָך נישט ריידן אויף דער שפּראַך פון דער גוטער פרוי. זיי זײַנען גנאַדיק צו איר מיט אַ זקנישן שמייכל, מיט אַ מוטערלעכן גלעט יענער איבער דעם הויך צוגעקאַמטן, לײַכט פּאַרפּומירטן קאָפּ. פרוי דזשענאָוועזע קושט זיי אין די שלאַבעריקע באַקן און די אַלטע שפּירן זיך ווי קינדער, וואָס ווערן געווינט צו צערטלעכקייטן.

ס'איז זיי גוט אין דער דאָזיקער פּרעמדער דירה. זיי באַמערקן צומאָל נישט ווי די צײַט ציט זיך. אויב נישט די אָפּטע בריוו פון זון יאָהאַן — און פון דער טאָכטער הערמינע — וואָלט זיי אַזוי נישט געצערט די בענקשאַפט אַהיים, צו די קינדער. אָבער בײַ דעם בײַז פון אָפּגעריסנקייט פון די לײַבלעכע, איז ס'הויז פון די דזשענאָוועזעס דאָך אַ גליק. נישט בלויז וואָס די באַלעבאָסטע האָט אַ ווארעמען שמייכל פאַר זיי; אויך די אַנדערע באַווינער פון די דערבײַיִקע פּענסיאָן־צימערלעך זײַנען הארציק. איטלעכער קומט אַנטקעגן מיט אַ ליכטיק פּנים, מיט אַ צוזאָג און אַ מאָל מיט אַ ליבן ווונטש. כאָטש נישט יעדן איז גרינג אויפן געמיט: וועמען ס'ציט צו די היימישע, פון וועלכע מען איז אַוועק אומגעריכט, און ווער עס האָט אַ צרה מיטן קאָנסול, וועלכער איז נישט אַלע מאָל פרײַנדלעך צו מענטשן, וואָס באַגערן, נאָך יאָרן וואָגל, זיך ערגעצוווּ צו פאַראַנקערן, כדי צו געפינען אַ ביסל רו — ווי־דער אָנצוהייבן. „קאָנסולן זײַנען הארצלאָז", הערן זיך צו די באַיאָרנטע מחותנת־טעס, אַזש עס נעמט זיי אַ פּלוצלינגער שלוקערץ — באמת, אַ גליק זיי מיטן הויז פון די דזשענאָוועזעס.

און נאָך אַ מעלה האָט פאַר זיי דער פּענסיאָן דזשענאָוועזע — ער איז נישט ווײַט פון דזשאָינט־ביוראָ. אין דזשאָינט מוז מען זײַן יעדן טאָג, האָט די אַלטע עדיט שטראַוס אָפּגעמאַכט בײַ זיך. ווי לאַנג זי איז דאָ, און זי וועט נאָך באַדאַרפן בלײַבן הי, אוי, בלײַבן (פּאַפּירן נאָך אַזוי פיל צו באַזאָרגן אַהין), טאָר זי נישט דורכלאָזן דעם דזשאָינט; נאָר אין דזשאָינט קען זיך אַ מענטש אויסריידן, אין דזשאָינט דאַרף זי מאָנען אירס. זי האָט דאָך אַלץ פאַרלוירן, מ'האָט איר אַלצדינג צוגערויבט. ווו־זשע זאָל זי זוכן אַן אָנשפּאַר? דאָס האָט מען זי געלערנט, ווען דעם האָט געשריבן דער זון, איר טײַערער יאָהאַן. יאָהאַן איז אויך דורכגעגאַנגען אַ שפּאָרן וועג, — מיט צוויי יאָר צוריק — ער איז געפאָרן, געפלויגן, גראָבע געל־טער נעבעך געמוזט צאָלן די מאַכערס — ער האָט אונטערוועגס שוין דערשמעקט וואָס און ווען. ער האָט נעבעך נישט קיין צײַט געהאַט אָנצוקומען צום דזשאָינט.

וואָס שלעפּט געלט פון טויטע און פון לעבעדיקע — זי מעג זיך פאַרגינען צו נע־מען פון זיי, זי, די מוטער. שאַדט נישט, אַן עלטערע פרוי וועלן זיי געווים העלפן, מוטער, זיי מוזן העלפן, די „גאַונערס" פון דזשאָינט, האָט ער געשריבן. אויפן דזשאָינט זײַנען אַדרעסירט אירע בריוו. מיטן דזשאָינט האָט זי, אַחוץ אַלעם, אַ היפּש געטועכץ, עדיט שטראַוס.

— וואָהין געהען זי אייגנטליך? — האָט מען איר געפרעגט אין דזשאָינט, זעענדיק, אַז זי האָט גאָר נישט בדעה צו פאָרן אַהין, וווּהין עס פירן די פּאַפּירן, וועלכע זײַנען שוין פאַרטיק.

— איך געהע נאָך מאָנטעווידעאָ. — האָט זי געענטפערט, פאַרלירנדיק אַ ביסל פון איר שטײַפקייט, מיט וועלכער זי האָט באַלד אין אָנהייב אײַנגעשטעלט אירע טענות מיט די דזשאָינט־מענטשן.

— ווי זאָ? — איז צו איר שוין אַרויס דער געלאַסענער דירעקטאָר — וויר האָבען קיינען גרונד דאַפיר. זי געהען נאָך קאָלאָמביאַ, פראַו! —

אַן אַקטאַווע פון בײַזקײַט האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין דער שטים פון דעם געמיט־לעכן, געעלטערטן מענטש. ס'איז אַ שטילע ביוראָ בײַ אים, ער וויל נישט דערלאָזן צו סקאַנדאַלן, אָבער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט טראָגט ער, נאָר ער. ער קען עס מער נישט. אַוועקגעזעצט זיך און וויל זיך נישט רירן. ס'וועט אויסגיין צו זײַן קאָפּ. ער איז געווען מער ווי פאַרוווּנדערט איבער דער דרייסטקײַט פון דער אַלטער אינעם נאָנע־שוואַרצן.

— וויסן זי, וויסן זי, — האָט ער זיך אַזש פאַרשטאַמלט — וויר האָבען קיינע רעכט זי אויסצוהאַלטען הִיער.

פון טיפער אויפרעגונג האָט ער קורץ געאָטעמט און זי האָט אים געגעסן מיט די אַרויסגעזעצטע אויגן; זי האָט'ן געוואָלט איבערשרײַען, פראַו שטראַוס.

— אַך, וואָס זי זאָגען, ליבער הער דאָקטאָר! אַמעריקאַ גיבט זאָפּיל מיליאָנען פיר אונדז, איסט איהנען איינע, שאַדע איין ביסכען פיר איינע אונגליקליכע מוטער? שאַנדע, שאַנדע! — האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים פאַראַכטלעך, געפּיקט מיט די שאַרף־גלאַנציקע, אַרויסקריכנדיקע אויגן. איר גאָמבע האָט אַפּאָפּלעקסיש געציטערט. — איבעריקנס, שלאָכטן זי, דאָקטאָר, איינע אַלטע ייִדין. ביטע, דיזעס קענען זי מאַכן.

רויטע פלעקן זײַנען אַרויסגעטראָטן אויף אירע בלײַכע באַקן. פון שטערן האָבן גערונען ריטשקעס שווייס.

— איך קאָן ניכט אַנדערס. — האָט זי דערנאָך אַרויסגעדרעכעט און זיך אַ וואַקל געטאָן.

אין אָנמאַכט האָט זי זיך שווער אַנידערגעזעצט, באַלד זיך אויפגעשטעלט. אַ שטאַרקער ספּאַזם האָט באַוועגט מיט איר. זי האָט ווידער גערעדט, אַרויסגעבליפּעט,

האסטיק, הייזעריקלעך. זי האט איצט גארנישט בדעה געהאט אויפצוהערן ארײַנעק־בערן אירם: זי מוז, דער זון איז פאראַרעמט. יאָהאַן שטראוס וואָלט נישט צוגע־וואָרפן זײַן מאמע דעם גנעדיקן דזשאַינט.

— מײַן הער, ס'איז קײַן געדרייעכץ. זאָלן זיי נישט מיינען, זיי האָבן פאר זיך אַ בעטלערקע, די דזשאַינט־לײַט. דער „שיקזאל" האט זי מוראדיק געשלאָגן. זי האט געהאט אַ פײַן הויז, אַ בארימט הויז אין בודאפעשט, אַ נאָמען. איר מאַן איז גע־ווען אַן אָנגעזעענער מענטש, האט פיל גוטס געטאָן פיר לויטע, פיל האָבן געלעבט פון אים. יעצט, אַך, אַזאַ פינצטערע צײַט! מען גלייבט נישט, כאָטש קראפיר — זי באַרגלײַזט די גרויסע, פארנעפּלטע אויגן.

מ'האָט זיך דערשראָקן אין דזשאַינט, די ייִדענע זאָל נישט מאַכן „די קונץ". אַ קשיא אויף אַ מעשה. שוין נישט קײַן יונג מענטש. וויי, וויי, אַזעלכע אומאָנגעג־נעמלעכקײַטן! מען איז געלאָפן נאָך וואסער, זי געמונטערט; דער דירעקטאָר האָט פון אַ בלינדער ביוראָ־שאַנק ארויסגענומען אַ דרײַ־באַקיקע פלאַש „סטאָק", אָנגע־גאָסן אַ גלעזל און אײַנגעהענטיק דער אַלטער געגעבן דערפון. אירע פליישיקע ליפּן האָבן זשעדנע זיך געצויגן צו דעם. „ס'שטאַרק, שטאַרק, שאַדט נישט", און ער האָט בשעת מעשה צוגעוווּנקען די ארומשטייענדיקע: לאָזט צו אַ ביסל לופט. פפהאַ, פפהאַא, — האָבן זיך בייז געבלאָזן זײַנע ליפּן. צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע זײַטן־טירן, האָבן מענטשן זיך אָפּגערוקט. די פארחלשטע האָט פּאַמעלעך געעפנט די אויגן — גרויסע, שרעקלעכע ווײַסלעכער אַזוינע! — זי האָט טיף אָנגעשעפּט אָטעם און באַ־וויליקט זיך אויסצוגלײַכן. ארומגעקוקט זיך — קעפּ, אַזויפיל קעפּ האָבן ארויס־געשטעקט פון דאָ, פון דאָרט — און ביסלעכווײַז האָט זי שוואַך ארויסגעזײַעט, גלײַך יעדעם וואָרט וואָלט, חלילה, געקענט זיך צעברעכן, אויב מ'זאָל עס ארויס־ברענגען האַסטיק:

— אוי, אוי, נאָך מסתמא נישט גענוג אַלט, מ'זאָל איר נישט גלייבן...

ווידער אויפגעהויבן אַ פּאָר גרויסע ווײַסלעכער, פארקרימט ס'מויל און, גע־ווײנטלעך, אַ ראַפּטעמדיקן כליפּע געטאָן.

יאָ, אין אָנהייב האָט זי באַדאַרפט זיך שטאַרק דינגען מיטן דזשאַינט. געווען אַ שווערער ביסן. זי איז טאַקע געקומען מיט אַ קאָלומביאַנער וויזע, אָבער אַהין וועט זי נישט פאָרן. ס'איז פּרעטעקסט, הער דאָקטאָר, נישט מער ווי אַן אויסרייד. אָן דער דאָזיקער ענד־וויזע האָט זי נישט געקענט קריגן די טראַנזיט־וויזעס. שרעק־לעך פאַרדאָרבן די וועלט! געמאַכט גרענעצן, אָנגעטאָן אַ צוים די מענטשן. הער דאָקטאָר, זי האָט אַנדערש נישט געקענט. געמוזט אָראָפּפאַרקויפן פון זיך ס'לעצטע, צו קענען זיך פאַרשאַפן אַזאַ וויזע, און „זי, יודע, ווילן דאָס ניכט פערשטעהען. אַנדערש ניכט געקאַנט, קײַן ראַט" — שפּריצט זי מיט טרערן. אין מיטן כליפּען

לײַטערט זיך איר פּעט אויסגעגאַרבט פּנים און זי פּלאַצט אומגעריכט אַרויס מיט אַ געלעכטערל.

— זי האָט זיך געמוזט באַפרײַען פון איר ליבלינג, דעם וווילבאַקאַנטן הער ראַקאָשי, בע־בע־בע!

איצט האָט זי שוין אָפּטער זיך דערלויבט אַ שמייכעלע, אַ לאַכל צום הער דירעקטאָר, צום הער קאַסיר. צו אַלעמען מוז מען אָנקומען, פאַר אַלעמען דאַרף מען געפינען אַ פרעג, אַ חניפהלע, וויסן יעדנס שוואַך אָרט, אַפילו עפּעס אינטימס. וואָס אַן אַנדערן איז פאַרוועדט, מעג זיך אַזאַ זקנה דערלויבן. פרוי שטראַוס איז געגוג געניפּט צו קענען מאַניפּולירן מיט אַ ביסל היימישקײַט, מיט אַ ווערטל, אַ גלעט יענעם איבער דער באַק.

און אַז זי האָט דעם הער דירעקטאָר געפונען אַ מער צוגעלאָזענעם צו זיך, האָט זי שוין אַלץ מסביר געווען, פראַו עדיט שטראַוס: „איר זאָן יאָהאַן וואַר ווירקליך אין קאָלאָמביאַ, גאַר אָנפאַנגס. דאָרט איז אים אָבער געווען אונמעגליך, ער האָט געמוזט אַריבער נאָך מאָנטעווידעאָ. דאַרום, פערשטעהען זי, ליבער הער דאָקטאָר, מוס איך געהען צו אים — קײַנען ראַט, איך מוס וואַרטן —“.

— ווי... ווי? איסט דיזער דער וואַרער יאָהאַן שטראַוס? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר, אַן אמתער גאַליציאַנער דאָקטאָר, וועלכער האָט זינט יאָרן זיך שוין צוגעוווינט שלינגען פּאַסטאַשוטאַ 5), ליטערווײַז אַרײַנגיסן אין זיך איטאַליעניש ווײַן. אומבאַמערקבאַר איז זײַן סאַרקאַזם אַרויסגעקראָכן פון הינטער דער געדעמפּ־מער אינטאָנירונג פון דעם פרעג. די אַלטע, אַ פאַרכליניעטע פונעם געדאַנק וועגן זון, האָט עס אָבער נישט דערשפּירט.

— „בעשטימט, ליבער דאָקטאָר. ס'מײַן זאָן, יאָהאַן שטראַוס. זעער איין בע־גאַבטער מאַן אונד איין ליבעס קינד... זײַנער צײַט — האָט זי זיך שוין באַלעקט — פאַר דען קריג וואַר דערזעלבע יאָהאַן שטראַוס איינע ערווירדיקע פּערזענליכ־קײַט. ווער מיט אים געשעפט מאַכטע, האָט אין שאָן אימער געזוכט“...

— „זאָ, זאָ — האָט דער דירעקטאָר זיך שוין אויסגעלענגערט פון לאַנגווײַל, אָבער אַ וויץ האָט ער גערן סכנות — זעער שען! זאָגען זי, איינע בערימטע פיר־מע דער יאָהאַן שטראַוס?“

— „זעער בערימט... איינע גראָסער אונטערנעמער, לויטע בעשעפטיקט. דער גרעסטע צימער־מאַלער אין בודאַפּעסט!“

— פײַן — האָט דער גאַליציאַנער דאָקטאָר פון דזשאַינט הנאה געהאַט פון זײַן געפינס. — „איסט פיליכט יאָהאַן שטראַוס אין פערוואַנדשאַפט מיט איינען ריכאַרד שטראַוס?“

---

5) לאַנגע, רונדיקע לאָקשן, ווי שנירלעך — דאָס נאַציאָנאַלע מאכל פון איטאַליענער.

— „ריכארד, ריכארד שטראוס? — פארטראכט זיך די אַלטע — איך קאָן עס אויף בעשטימט ניכט זאגען. איך עראינער זיך ניכט זאָ איינען נאַמען אין אונזערן פאַמיליע". — דער שטערן קנײטשט זיך איר, קלערט, לסוף זאָגט זי: — „איך ווערדע שרײַבן מײַנעם זאָן איבער דיזן". און אין אַ רגע אַרום, נאָך אין פאַרטראַכטקײט: — „וואַרטן זי, הער דאָקטאָר, איך עראינער זיך שאָן עטוואַס. אין ווײַטערער נאָכבאַרשאַפט וואַר איין געוויסער ריכארד שטראוס, אָבער מיט דיזן האָט מײַן זאָן קײַן געמײַנזאַמעס געהאַבט. דיזער ריכארד וואַר, שטראָפע מיך ניכט, גאָט, איין דומקאָפּף. מײַן יאָהאַן האַטע בעסערע קאַמעראַדן געהאַבט. פאַרגעססען זי ניכט, הער דאָקטאָר, דער בערימטעסטע צימער־מאַלער דער שטאַדט בודאַפּעסט, יאַ, יאַ"...
— און אַ קנאַק געטאָן מיט די גראָבע ליפּן.

נאַטירלעך, פראַו שטראָוס שפּרעכט דויטש. מיט דיר ווי מיט אַנדערע אומבאַקאַנטע, וואָס זי באַגעגנט אונטערוועגס, וועט זי זיך נישט אויסגעבן מיט איר אונגאַר־לשון. דאָ רעדט זי ייִדיש, און ייִדיש, ווייסט זי, איז דײַטש. אונגאַריש אָבער איז איר שפּראַך; אין אונגאַריש זײַנען די בריוו פון זון. איצט איז עפּעס אַנדערש. זי טאָר איצט נישט פאַרגעסן, זי איז ייִדין, מ'מוז אַ מאָל אַרײַנוואַרפן אַזאַ וואָרט, ווי „שאַבאַס", „וויר האַבען טריף ניכט געגעסן". זי איז נישט אַזוי פאַרנאַרישט נישט צו געדענקען, אַז דזשאָינט איז ייִדיש. ער שיקט „געלט פיר דען יודנשטאַט, שיקט יודן נאָך פּאַלעסטינאַ". אין דזשאָינט באַגעגנט זי אַזעלכע, וואָס צעשמעלצן זיך אין גאַנצן, ווען ס'קומט צו רייד וועגן ייִדישקייט. מ'מוז קענען מיטהאַלטן, פאַרטרויט זי זיך דער מחותנתטע שאַרלאָט, אַ וואָרע, שטילע קריסטין, וועלכע האָט ליב, דורכגייענדיק די קירך אויף דער גאַס פון צוואַנציקסטן סעפּטעמבער, זיך אַהין אַרײַנצוכאַפּן און אַנידערקניען. די פּוילישע, זאָגט עדיט, זײַנען די פאַרביסנסטע ייִדן, הייסע, קאָכן זיך באַלד, אויב זיי הערן ריידן אונגאַריש: „שויז ווידער ציגײַנעריש? עגע־מעגע. כאָטש גיב זיי הונדערט כאַלערעס, אַ ייִדיש וואָרט וועלן זיי נישט אַרויסברענגען די... וואָס זיי ריידן אוים אויף אונדז!" זאָל זײַן אַזוי. די פּוילישע זײַנען אמתע ייִדן, די בעסטע, מיינען זיי... זי וועט זיך נישט רייצן, זי מוז האָבן פרײַנד; אפילו צווישן די. זאָל מען זי נישט פאַרשעלטן. און אַ רעה טאָן קען מען אויכעט. גלײַכער געאַכט צו ווערן, איידער באַשפּיגן. זי איז עדיט שטראַוס, זי האָט אַן איינציקן, טײַערן זון; צו אים איז איר גאַנץ שטרעבן. פאַר דעם מעג אַלץ זײַן די כפּרה; דעם שטאָלץ מוז זי פאַרבייגן. אַזאַ גאָלדן קינד ווי יאָהאַן! יעדער טאָג פון וואַלגערן זיך דאָ איז אַ טאָג פון געמינערטן גליק צו זײַן נאָענט מיט אים, אַ טאָג פון אירע געשאָנקענע טעג. אוי, אוי, דורכצוקומען אַ שווער פעקל. וועט עס איר כאָטש באַשערט זײַן? זי רעדט, רעדט, לאָזט יענער נישט עפענען ס'מויל און בײַ דער מחותנתטע שאַרלאָט טרערן די אויגן, עס האַמערט אין מוח. די אַלטע עדיט עסט איר ס'האַרץ, דערמאָנט כסדר די יאָרן. זעקס און זיבע־

ציק יאָר, זאָגט זי; זי דאַרף זיך ערנסט באַאומרויִקן. עס זאָל זיך נאָר נישט לאַנג פאַרציִען מיט דעם פאַרן. ס'שלעפּט זיך צופיל. ביינאַכט קען זי נישט שלאָפן; רק זי דרייט זיך אויפן געלעגער. איר אַרט, וואָס יענע, די אַלטע שאַרלאָט, שנאָרכט. פאַרוואָס פּייניקט זי זיך אַליין, איינע אַליין? גייט אַרום, קרעכצט קלאָמפּערשט ווי אַ קראַנקע און שלאָפט ווי אַ קו. אַלץ מוז זי שלעפּן אויף די אייגענע שוואַכע פּלייצעס, אויך זי, די קו.

זי ווערט בייז אויף דער מחותנתטע. אין דער פרי, ווען יענע וועקט זיך, ווייזט זי איר דעם רוקן, די אַלטע עדיט. זאָל זי זיך פּייניקן, ווי איך, זאָל זי ערשט קאָפּען ס'לייִלעך. זי האָט שוין מסתמא אַ פולן ד אַ ס מיט מעשיות, חלומות, וואָס דרייען זיך איר אין לעקישעוואַטן מוח. געגוג, כ'וויל נישט הערן. אַ לייכט לעבן געמאַכט זיך: „אָ, סערעלמעם, איך גיי אויס, כ'וועל דאָ בלייבן אַ משכון" — אָנגעהאָנגען זיך אין איר! וואָלט איר נישט גרינגער געווען איינע אַליין, ווי מיט אַזעלכער?

אָבער אַז עס גייט איר איבער, דערמאָנט זי זיך אין איר ראָל. מען מוז ווידער נעמען טאָן אין דער זאַך. מ'טאָר נישט שווייגן. אַן אויסגעטראַצלטע אין כוואַליעדיקן שוואַרץ, גיט זי זיך אַ וויג איבערן צימער און הייבט אָן יאָגן די אַלטע שאַרלאָטע:

— אָ, סערעלמעם, אײַלט זיך צו אַ ביסל.

אויפגעכאַפּט זיך פאַרטאָג, האָט עס איר באַלד געגומען טראָגן:

— דזשאַינט שלאָפט נישט — האָט זי געמורמלט, טשאַפּנדיק אין די שטעקשיך.

און אין אמתן: דזשאַינט טשעפּעט זיך ווידער. שוין חדשים ווי די זקנות זיצן און ס'נעמט נישט קיין סוף. מאַנטעווידעאָ שלאָפט אויף די פּאַפּירן פון די אַלטע ווייבער, קיין קאָלומביע קענען זיי נישט פאָרן. אָ, סערעלמעם, נו־נו, נאָך לאַנג?

אַז די שטים דער מחותנתטעס איז היפּשלעך שטעכיק, מאַכט זיך די־אָ נישט פאַרשטיין. זי איז אַ מקבל־באַהבהניצע, פאַרשווייגט בעסער; זי איילט זיך טאַקע מיטן אָנטאָן, האָבנדיק אין זינען דעם דזשאַינט. זאָל מען דאָרט ווייסן: זיי רוען נישט. זיי וועלן טאַקע גלייך גיין. אַ רגעלע, יאָ? און אפשר איז אַ טעלעגראַם אָנגעקומען, אָן אָנווייז... דער הייליקער וועט זיך דערבאַרעמען!

די דאַרענקע אַלטעטשקע איז קאָמיש אין איר איילעניש. אַלץ פאַלט איר פון די הענט און די־אָ הערט נישט אויף צו פרעסן איר מיט די אויגן, פרעפּלט אָן אויפהער:

— זאָלן זיי דאָרט נישט מיינען, מיר זיינען שוין פאַרזאָרגט. מ'קען אויסקומען אָן דזשאַינט. מ'האָט צייט. אָך, אָך, אַ ביסעלע גיכער!

און גייען זיי אַרויס, ביידע אין שוואַרצן, צייכענען זיך אין דער אַלייע צוויי געזונקענע געשטאַלטן: איינע מיט אַ זילבערנעם קאָפּ און די צווייטע מיט אַ טונ־

קעלן טורבאַן איבערן בלײַכן, געשרומפּענעם פּנימל, וואָס דערמאָנט אָן אָפּגעריבן ציפּערבלעטל.

פאַר דער שוועל פון דזשאַינט מונטערט אונטער די אַלטע עדיט די מחותנתטע:

— פּאַרטיק?

די אַלטע שאַרלאָט פאַרשטייט שוין, מ׳דאַרף פאַריכטן די קאָפּ־באַדעקונג, מיט אַ טאַשן־טוך איבערוויִשן ס׳פּנים און קאָרעקט זיך אַהינצו אַרײַנשטעלן. דזשאַינט קאָן זיי שוין: „די מחותנתטעס“, ווינקט מען זיך באַלד איבער. אויף זייער „גוט מאָרגן“ ענטפערט מען אונטער דער נאָז.

— פאַראַן דער הער דאָקטאָר?

יעדן טאָג מוז זי זיך וויַיזן פאַרן דירעקטאָר. זאָל ער נישט מיינען... עדיט שטראָוס וועט זיך נישט לאָזן!

— באַלד, — קומט טייל מאָל אַ ברום פון יענער זײַט באַריער.

און אַז זי דערוואַרט ס׳אַרויסקומען פון דירעקטאָר, צופּט זי די מחותנתטע שאַרלאָט: „איר׳ט שפּעטער זיצן. שטייט צוגלײַך מיט מיר“.

און נאָך הייסט עס:

— זאָל ער וויסן, אַז צוויי אַלטע מוטערס מאָנען זייערע רעכט.

צום זון שרײַבט זי אינצווישן, זי, עדיט:

— פאַרגעס נישט, לייג אײַן וועלטן. אין דזשאַינט הי, בילט מען בסדר: „וואָס הערט מאַן, פראַו שטראָוס?“ איך ווייס, ס׳קומט אײַך שווער אָן, דיר און הערמינען. שרײַב כאָטש אַ בריוו, ס׳זאָל זײַן זיסלעך פאַר זיי. דאַנק די דזשאַינט־הערן און זאָלן זיי זיך ווערגן. פאַר די פּוילישע מאַכן זיי אַלץ, מע צעשיקט זיי ווּהין זיי ווילן. אײַערע מאַמעס זײַנען נעבעך געשטראָפט. שרײַב אַהער צו זיי. אפשר וועט מען קענען דורכהאַלטן בײַ די דאָזיקע — —

**
*

אין דזשאַינט איז זי די ריידערקע, די אַלטע עדיט. די מחותנתטע הערט צו אַלע אירע טענות, שאָקלט מיטן אויסגעדאַרטן קעפּל און דער טורבאַן אויף אים וויגט זיך צו מיט אַ נעבעכדיקייט: ריכטיק, ריכטיק. פון דער אַלטער שאַרלאָט הערט מען נישט אַ וואָרט. ווי אַ שטומע שטייט זי, צוקט מיט די קינען, קוועטשט די אויגן. זי פאַרלאָזט זיך!

די אַלטע עדיט האָט שוין דערשמעקט, ווי עס דרייען זיך אַלע רעדלעך פון דעם אויסטערלישן געווערק, וואָס רופט זיך „דזשאַינט“. זי ווייסט ווי אָנצודריקן, אַז ס׳זאָל געשען אַזוי ווי זי באַדאַרף. ס׳איז טאָקע שלעכט, גאָר שלעכט. „אויסוואָרפן“, פּלעגט זי שטשירענדיק איבערחזרן אין זיך, ווען זי האָט באַדאַרפט גייז אין

דזשאַינט עפּעס פרעגן, דערמאָנען. און באַדאַרפן גיין האָט זי שטענדיק, טאָג איין, טאָג אויס. עס איז איר איינציקע באַשעפטיקונג, ממילא די באַשעפטיקונג פון דער אַלטער שאַרלאַט, וועלכע מוז זי באַגלייטן, אַפילו ווען זי פאַלט פון די פיס. „זאָל מען נישט מיינען, כ'בין אַליין. מ'וועט זען איינע, וועלן זיי געבן נאָר פאַר איי־נער". קומט, אַ סערעלמעס — פלעגט זי איבערקרימען די מחותנתטע, די שלימזל־ניצע — ס'וועט אייך גאָרניט זיין. אַכצט נישט, שטאַרבן שטאַרבט מען סײַ־ווי נישט, ווען מ'וויל".

דער „הער דאָקטאָר" האָט פון איר איצט נישט געהאַט קיין מנוחה. שטיין פאַרנט, אויף ד ע ר זײַט באַריער, וואָס איז באַשטימט פאַר אַלע דרויסנדיקע מענטשן, האָט זי נישט קיין געדולד. אומאויפהערלעך האָט זי זיך אַריבערגעבויגן צו דער דערבײַיִקער, צוגעלענטער טיר:

— „הער דאָקטאָר, קאָן מאָן זי ביטטען?"

איז דער דאָקטאָר גראָד געווען פאַרנומען אָדער ער האָט זיך געמאַכט גע־פּגרט — ער הערט כלומרשט נישט — האָט זי פאַרזיכטיק, כאָטש געגוג ענערגיש אָנגעקלאַפּט מיט דער בלאָ־אָדערדיקער האַנט. „הויטע ניכט", פלעגט טייל מאָל קומען אַ שרײַ פון יענער זײַט; געוואָלט זי אָפּפטרן, אָבער פרוי שטראַוס קלערט זיך אירס: זי וועט'ן שוין אָפּהיטן. און איז איר געראָטן זיך אַרײַנצוכאַפּן צו אים אין קאַבינעט, האָט זי זיך ברײַט צעזעצט, האָט געמרונצעט און נישט אָפּגעטראָטן. אַפילו בײַם מיטיק עסן האָט זי אים געלעכערט דעם מוח: „הער דאָקטאָר, פער־צײַהען זי... הער דאָקטאָר, איינע אַלטע פראַו ביטעט... זאַגען ווער, איינע גאַבע" — און שוין צענעמט זיך ס'פּנים אירס אין אַ זויערער גרימאַסע. דעם דירעקטאָרס ווײַב קריגט אַזש רחמנות אויף דער זקנה, בײַזערט זיך אויפן מאַן: „סאַלוואַטאָ־רע, קענסטו עפּעס טאָן פאַר דער דאַמע, וואָס זשע טוסטו נישט?" דער ביסן בלײַבט אים שטעקן אין האַלדז, ער פילט זיך שולדיק —

אומגעריכט איז ער געוואָרן אַ קרבן פון דער אַלטער, דער דירעקטאָר פון באַ־שײַדענעם דזשאַינט־אָפּטייל. ער האָט שוין געטאָן, וואָס זי האָט געוואָלט: געשיקט וווענדונגען, זיך אײַנגעשטעלט פאַר איר, זי רעקאָמענדירט. מ'האָט באַדאַרפט טעלע־פאָניש ריידן מיט דער צענטראַלע, איבערדרבן עמעצן, געווינען. דער סענטימענט פאַר אַן אַלטער מוטער איז, פאַרשטייט זיך, דאָ אַרײַן אין קאָן. און דו האָסט דאָך אַ מאַמע! מײַן מאַמע איז אַוועק מיט די בראַנדן פון אוישוויץ — אַ מאַנצבילישע טרער איז בײַ דער געלעגנהייט אַרויסגעצויגן געוואָרן פונעם האַרץ פון אַ טרוקע־נעם באַאַמטן און, דזשאַינט האָט סוף־כל־סוף געלאָזט זיך איבערצײַגן: צוויי אַלטע מאַמעס זײַנען אין טיפן עלנט, אין דער פרעמד. מיט סכנות זיך אַרויסגעריסן פון ראַקאָשי אונגאַרן. בשום אופן טאָר מען נישט בלײַבן גלײַכגילטיק. אויף דער טעל־לעפאָן־ליניע גענוא־רוים, גענוא־פּאַריז האָט אין משך פון טעג פיל מאָל אויסגע־

ברומט: שטראוס, שטראוס, יאָהאַן שטראוס... אַט, אַט, ווי פון באַרימטן מוזיקער, געגוי, האַ־האַ־האַאַ — — אין צעוויגטן מרחק האָט זיך געריסן אַ ברעקלדיק, קײַכיק געלעכטערל. דער דאָקטאָר האָט׳ס געוואָלט אונטערכאַפּן, פון העפלעכקייט וועגן אונטערכאַפּן. ס׳געלעכטער האָט זיך אָבער אין דעם אויסגעדריוולט, הויל אָפּגע־הילכט און אויסגעגאַנגען ווי אַ האָגל אין גליִיקן זונען־שײַן. — יאָ, מאָנטעווידעאָ, עקס בודאַפּעסט. זײַן מוטער עדיט, 76 יאָר אַלט, אויך די שוויגער־מוטער זײַנע, שאַרלאָטע בירמאַן, בוי־בוי־רר־מאַן. מיט בי, בי, ווי באַזעל, אויגסבורג, ראָם, מײַלאַנד, אַקווילאַ, נעאַפּאַל — אַלזאָ, אויטאָריזירן זי. כ׳הער, כ׳הער. דאַנקע, הער דאָקטאָר... גווט, אַדיע!

...וואָכן, חדשים פאַרגייען — דער לאַנגער בײַ־ימיקער, הייסער זומער דאַנקט שוין אָפּ און די מחותנתטעס זיצן ווי געזעסן. ס׳גאַנצע גרויסע הויז פון דער טאַ־רינער אַלייע — אַלע, וואָס הייבן זיך אויף טאָג־טעגלעך מיט דער ווינדע און די וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון די זעקס שטאָק ציכטיקע, ווײַסע מירמלנע טרעפּ, אַלע קאָנען שוין די צוויי אַלטע אויסלענדערנס. פון באַקאַנטשאַפט, צי פון געוווינט־שאַפט גריסט מען די זקנות, אַ סך שטעלן זיי העפלעך אָפּ: „קאָמע וואַ?“ — ווי גייט עס? די מערסטע ציען צונויף די ליפּן אין אַ מיטפּילנדיקן שמייכל פאַר די אומגליקלעכע, ווי זיי פאַרשטייען עס. אַלע ווייסן שוין די גראָע, פאָמעלעכע זקנות פון דער דזשענאָווזע, ווייסן צו וועמען זיי פאָרן, ווילן פאָרן אין דעם ווײַטן לאַנד. „אַ־אָ, ס׳איז אַ גוט לאַנד, באַלעקן זיך אייניקע.“ אָ, אַ זון, אַ טאָכטער וואַרטן דאָרט, און זיי דאָ, נעבעך“, מורמלען אַנדערע. ווי טרויעריק!

באמת, טרויעריק. מינכען, לאַנדסבערג, ווין, זאַלצבורג, פּאַריז, בריסל, רוים, באַרלעטאַ... פון רוישיקע ווײַטן ברענגען אהער די באַנען גרופּעס ייִדן־פּליטים; אַפילו עלטערע לײַט צווישן זיי. דאָ פּולט מען אָן מיט זיי גרויסע שיפן און זיי שווי־מען ווי אין פאַרשיכורענדיקן חלום צו אויסגעבענקטע שטעט. דאָרט וועט זיי גע־ווים שוין זײַן גוט. אוים לאַגערן, אוים בעטל־ברויט. בלויז זיי, די אַלטע, זינדיקע מאַמעס, מוזן אַלעמען איבערהאַרן. שווער דאָס געזעגענען אַנדערע, בעת אין דער אייגענער נשמה ציט עס ווי אַן אָנרײַסנדיקער געשוויר: „ווען אויך מיר דער־לעבן זיך אײַנצושיפן?“ ספּיקות צערן ס׳בלוט און דאָס לעבצן צום צאַנקענדיקן לעבן וואַקסט אײַנצײַטיק מיטן שטילן, ברענענדיקן האָס צו די וועלכע פאָרן, דערלעבן יאָ צו פאָרן צו די לאָקנדיקע ברעגן פון אומבאַקאַנטע לענדער.

— זעט נאָר די! פון מיסטקאַסטנס אַ נפש... אַזוינס האָט גליק!

די אויגנווײַסלעכער דרייען זיך איבער בײַ דער אַלטער עדיט, קוקנדיק אויף די וואָס זײַנען מיט אַלץ שוין גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַרײַן. די בלײַבע, מאָ־גערע מחותנתטע שווײַגט, מאַכט מיט די ליפּן ווי אַ זשאַבע. עס הוידעט זיך איר פאַרבונדענער, דאַרער שאַרבן.

פון צרות האָט די אַלטע עדיט זיך שוין פונאַנדערגעווייַנט, הלמאַי אַנדערע — און זי, זי מוז דאָ פּוילן. אָקערשט לייַדט זי אַ שטראָף פון גאָט; מסתמא איז זי שולדיק, טיקט ווידער אויף אין איר אַ צווייַפל. אַ גליק, טראַכט זי, וואָס די אַלטע שאַרלאָט פלעגט זיך צובייגן צו איר, גלעטן. שוין די דערמאָנונג, זי איז נישט איינע אַליין, האָט די אַלטע עדיט געקרעפטיקט.

און אַליין האָט זי זיך געשטאַרקט. אָפט האָט זי זיך געלאָזט צום דזשאָינט־ביוראָ, ווען דאָרט האָט זיך צונויפגעקליבן אַ מחנה עמיגראַנטן. אָנגערויכערט געווען דאָרט, מ'האָט גערעדט צווישן זיך, דורכגעשפּאַרט אין דער ענגשאַפט, כדי עפּעס געוואָר צו ווערן ביַי עמעצן. געווען דערשטיקט צו ווערן אין געדראַנג, כאָטש קיינער האָט'ס רעכט נישט אָפּגעשפּירט, מחמת ס'איז פשוט נישט געווען קיין צייַט זיך צוצוהערן צו זיך. יעדער איז געווען דעריאַכמעט. מ'איז געשטאַנען אַ שפּאַן ווייַט פון לעצטן גורלדיקן שריט. מאָרגן גייט אָפּ די שיף, זייער שיף. דאָרט וועט פאַר זיי זיך אָנהייבן פון ס'נייַ, דער לעצטער פון דאָס נייַ. מער וועט מען נישט וואַנדערן. ווי לאַנג האָט אַ מענטש כוח זיך אַרומצושלעפּן?

די אַלטע עדיט איז געווען פאַרשלונגען פונעם רויש. זי האָט צוזאַמענגעצויגן דאָס מויל, אָנגעשפּאַנט דעם בליק, געגנישטערט. אָקערשט האָט זי באַגערט זיך דאָ צו פאַרלירן. הלוואַי כאַפּט זי מיט דער דאָזיקער שטראָם. ווי זים עס שליסן זיך די אויגן! עס טראָגט, טראָגט.

...ווען דער רעפּערענט פאַר טראַנספּאָרט, אַלקעליי, אַ קורץ, צאַפּלדיק פאַרשוינדל מיט אַן ענגן בערעטל אויפן גאָלן קאָפּ האָט אָנגעהויבן זייַן „פּאַרטראָג וועגן די וואַליזן", ווי לייַט האָבן עס גערופן אין חוזק, איז געוואָרן שאַ־שטיל. מיט־אַמאָל. די גרויסע ענגעניש האָט זיך ווי אײַנגעקאָרטשעט. אַלע האָבן זיך צונויפגעשטופּט אויף איין אָרט, אַלע האָבן געוואָלט הערן. ס'דאַך דאָס אייגענע ביסל אָרעמקייט, מ'מוז טאַקע וויסן ווי אומצוגיין זיך מיט די וואַליזן. ששאַ! — צישעט עמעץ אוים מיט געבייזער. דער אינזשעניער רעדט איצט וועגן פּאָרט, דאָס אַרייַנגיין אין פּאָרט... דער הער אינזשעניער שילדערט ווי אַזוי צו גיין. מיט פלינקע הענט, מיטן ווינגדיקן קאָפּ וויַזט ער — רעכטס, לינקס, דערנאָך גלייַך, מיט טרעפּ. אויף אַ בויגן פּאַפּיר האָט ער אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע ליניעס, ווערטיקאַלע, האָריזאָנטאַלע, איבער אַלע — אַ קייַלעכדיקן קרייַז: „דאָס איסט די אור פאַן האַפן", גיט ער צו. „יעצט וויסן זי שאָן?" — ער האָט עס אַ סך מאָל איבערגעחזרט, געשוויצט און זיך מיד אַראָפּגעזעצט. ס'האָט ווידער זיך אַ ריר געטאָן, ס'איז ווייַטער אָנגעגאַנגען ס'געריידער וועגן מאָרגן, וועגן דער שיף. די הויפּט־זאַך: אַכט אַ זייגער אין דער פרי — האָט זיך אײַנגעפּיקט אין יעדנס מאַרך. אַכט אַ זייגער אין דער באַגאַזש־האַלע, דערנאָך דער פּאַס־קאָנטראָל, שפּעטער — —

אַ דריקנדיקע פּייַערלעכקייַט האָט זיך דורכגעטראָגן איבער דער אויפגעלייַזטער

שטילקייט און פנימער האבן געפלאמט. „שש, לאמען הערן!" — האט עמעץ זיך ווידער אויפגעכאפט. אפילו קינדער, וואס זיינען ביינגעווען, האבן באנומען דעם ערנסט. בלויז די אלטע עדיט האט מער נישט געקענט. א שלעפ געטאן די מחותנת־טע און איז ארויס אין פירהויז: מ'קען דאך דערשטיקט ווערן. אזא היץ! אוי, אוי, געזעסן, כדי צו הערן א דומהייט. געמיינט, צו באגעגענען א מענטש, הערן עפעס נייס.

די אלטע עדיט האט געצויגן די מחותנתטע אויך צו די אפגייענדיקע שיפן. מיט אויגן, מיט הענט שפרייטן זיך שיפן אויפן ריזיקן ים; יעדע שיף איז א לעבע־דיקע וועלט; די וועלט שווימט, ציט זיך, זעצט זיך ענדלעך אראפ און דארט פאר־פלאנצט זי זיך, וואקסט, צעוואקסט זיך אין דער גרעסטער האפענונג — —

כאטש ס'האט געשטאכן אין ברוסט, א באך טרערן ארויסגערופן, אבער אפ־זאגן זיך דערפון האט זי נישט געקענט, עדיט שטראוס. „מ'וועט אזוי לאנג בא־גלייטן יענעמען — האט געזאגט מחותנתטע צו מחותנתטע — ביז מיר אליין וועלן פארן. א שיף איז אויך פאר אונדז אנגעבארייט"...

מחמת איינגעגעסענער פארביטערונג, פון וואס די אויגן זיינען אפט איבער־געגאנגען, האט די זקנה עדיט זיך דערשפירט אזוי, אז פון קלעמעניש האט זי גע־מוזט ארויס אויפן קול מיט א טרייסט — פאר זיך אליין ווי פאר דער אלטער שאר־לאט.

— א, סערעלמעס, — האט שארלאט א פרעפל געטאן מיט פארבאקענע ליפן. ווי פון אן אנגעשוואומענער הארבקייט האבן זיך ביי דער צוגעקוועטשט די שמאלע אויגן.

***

די וואכן, חדשים גייען, קאלערן זיך ווי די שטיינער אויפן ברעג פונעם כונקלענדיקן ים, און זיי דא. גליווערן. גארנישט רירט זיך מיט זייער פארן. ביי פרוי שטראוס ווערן קאליע די אויגן, זיי רויטלען זיך, און זי טאמלט איבער דעם. וואס ווידער פאר א סימן! ס'זאל כאטש אין דער שטאט זיך געפינען א גוטער דאקטאר. א קאליקע וועט זי ניט צולאזן צו זיך. „דער דזשאינט איז נישט חולה צו באצאלן אן אנשטענדיקן ספעציאליסט פאר אירטוועגן". נישט אלע מאל טרעפט זיך זיי אזא באיארנטע דאמע. אוודאי, זי פארלאזט נישט דעם דזשאינט: איטלעך מאל געפינט זיך שוין אוים עפעס צו מאנען. די אויגן ראפיעען, זיינען רויט. ערשט איז צו־געקומען נאך א געטועכץ: „איר קאנסול". אין מאנטעווידעא מאכן זיך די פאפירן פאר איר מיט דער אלטער שארלאט, זיינען צו דעם נייטיק א בארג באשטעטיקונ־גען, דאקומענטן. „דער דזשאינט איז נישט קליין אלץ צו פארשאפן". דער קאנסול

באַדאַרף „דיזע שריפטן“ אַפּשיקן אַהין. דאָרט איז יאָהאַן; ער רוט נעבעך נישט. פּרוי עדיט שטראַוס קען זיך נישט פאַרשטענדיקן מיטן אורוגווײַער פּאַרשטייער (נישט ער פאַרשטייט דײַטש און נישט אונגאַריש), מוז זי זיך באַהעלפן מיט אַ דזשאַינט־מענטש. אַ פאַרטײַטשער מוז זי האָבן אומעטום, דאָ ז'נישטאָ שוין קײַן עצה. צו דער באַלעבאָסטע וועט דאָך אָזאַ איינער נישט מיטגיין. אז מ'ברויך פאָרן קאָנסול, גילטן מער נישט קײַן תירוצים. זיי וועלן זיך שוין נישט אַרויסדרייען פון עדיטן. דער „הער דאָקטאָר“ איז געווען אַזוי פרײַנדלעך און מיטגעשיקט אַ יונגנמאַן: „גייט, ביטע, דאַווידע! פראַו שטראַוס ווירד איהנען ניכט פערגעסן איבער הונדערט אונד צוואַנציק יאַרע“. ער האָט קלוג געשמייכלט, אָנגעווונטשן דער אַלטער און דער דאַווידע האָט אָנגעהויבן גיין צום קאָנסול, גיין און גיין. דאַווידע איז סוף כל סוף מיד געוואָרן. געזען נאָך דעם די אַלטע, האָט ער זיך אַוועקגעדרייט. ער האָט נישט געקענט נאָכקריכן דער זקנה, וועלכע האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע כאָטש יעדן טאָג צו גיין צום קאָנסול. גיי, גראָב זיך ווי אַ קראָט אין דער פינצטער! „נישטאָ צו וואָס, פראַו שטראַוס. מ'דאַרף נישט אומזיסט באַאומרואיקן דיזע הערן! — האָט דער יונגערמאַן געטענהט — זיי קענען זיך דערבײַזערן. מ'דאַרף נישט.“ געפּרוּווט אַפילו אָפּשרעקן איר, אָבער אָן פּעולה. זי איז נישט אָפּגעשטאַנען, די אַלטע עדיט. אַן עלטערע דאַמע וועט מען נישט באַליידיקן, האָט זי געלערנט פּשט, און אָנגעהויבן ווירקן אַליין — מיט איר אַלטקײַט, מיט מינעם וואָס זײַנען עלול אַרויסצורופן מיטלייד. זאָל דער קאָנסול זי ווידער זען. זי האָט שוין געפּלאַנט ווי אַזוי זיך אַוועקצושטעלן פאַר אים, ווי זיך צו רײַסן ס'היפּשע אַש־קאָלירטע פּנים. ער וועט זיכער נישט בײַשטיין. ס'וועט אים רירן.

— אַ שרעק, דער קאָנסול פאַרבאַהאַלט זיך כסדר אין די פאַרמאַכטע צימערן. שטענדיק קומט איר קאַפּויר די חלשותדיקע סעקרעטאַרקע. רייד הײַנט, רייד מאָרגן, ס'העלפן נישט אירע גרימאַסעס פון אומבאַהאָלפנקייט. זי, די כלבטע, האַלט אין איין צוקן מיט די אַקסלען: „נאָן סאַ“, זי ווייסט נישט. זי ווייסט, אמת, נאָך וואָס די אַלטע קומט, אָבער טאָן קען זי גאָרנישט. ס'איז אויך נישט אין דער מאַכט פון סיניאָר קאָנסול. פּאַציענצאַ, געדולד, זאָגט זי צעשפּרייטנדיק די הענט און פירט זי אַרויס מיט אַ „רעווידערלאַ, סיניאָראַ“ [6].

מ'גיט אָפּ האָנאָר איר עלטער, אָבער... זי ביטערט שוין, די זקנה, קוקנדיק זײַטיק צו דער מחותנתטע שאַרלאָט, גלײַך יענע וואָלט געהאַט אַ חלק אין דעם, וואָס מ'שלעפּט זיך כסדר אַהער אומזיסט. געמיינע קערלען אַלע! ער וויל אירע פּטור ווערן, דער קאָנסול. זי גייט, גייט און ער, גלײַך עס וואָלט גאָרנישט געשען דאָרט, אין מאָנטעווידעאָ. דאָרט שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות איר יאָהאַן. ער שרײַבט

---

6) צום ווידערזען, פרוי (איטאַליעניש).

דאך: די פּאַפּירן מאַכן זיך, דער קאָנסול קען צואײַלן, אויב ער וויל. וויל ער נישט, פאַרהאַקט זיך אין די צימערן, וויל נישט רירן אַ פינגער אין אַ פינגער. און זי מוז זיך וואַלגערן. אָט אַ האַלב יאָר, אָט דרײַ פערטל יאָר, אָט... זי ברעכט זיך שוין צוזאַמען! אוממעגלעך. זי וועט מער נישט דערלאָזן אַזוי. זאָל ער ענטפערן, דער סיניאָר... פּאַפּירן האָב איך געגעבן אַלע, אַ טויף־שײַן צוגעשטעלט? ער האָט'ס באַדאַרפט נאָר אָפּשיקן. זאָל ער האָבן אַ פליכט: אַ מוטער האָט רעכט צו קומען צו איר קינד, אַן אַלטע מוטער... נאָר אַ ביסל גוטן ווילן פון הער קאָנסול. איך וויל אים בעטן. ער מעג האָבן אַ מענטשלעך האַרץ, ערנוואַרט! ער לאָזט גאַרנישט צו צו זיך, דער... רק די סעקרעטאַרין קריכט תמיד אַרויס, צעשפּרײט די הענט: סיניאָרא — אָ! זי וועט מוזן אַרויסשיסן מיט אַלע אירע ווײַטיקן. זי וועט אים זאָגן. נאָך איין מאָל וועט זי פּרוּוון.

קוים זי שלעפּט זיך אַראָפּ פון די הויכע שטיגן, די אַלטע.

די מחותנתטע שאַרלאָט שאָקלט שולדיק מיטן פאַרדראָפּירטן שאַל אויפן אויסגעדאַרטן קעפּל און די פאַרטרוקנטע ליפּן זיך באַוועגן זיך קלאַנגלאָז.

מחמת אויפרעגונג וויל זי זיך אָנהענגען אין איר, די אַלטע עדיט, הלמאי זי וואַרפט אויך נישט צו אַ וואָרט, אין קאָנסולאַט: „אפשר וועט זי אויפהערן נאָכצוגיין איר, אַ, סערעלמעם!" זי האָט פלינק זיך אָפּגעקערט ,פרוי שטראוס, און גענומען שטעלן בײַזלעכע טריט. די אַלטע שאַרלאָט האָט קוים באַוויזן איר נאָכצואײַלן מיט די שוואַכע פיס.

דערנאָך איז אויף איר אָנגעגאַנגען אַ כוואַליע פון כעס אויפן זון:

— ער וואָלט ליבערשט מער נישט געשריבן: „טײַערע". אַ קופּע מיסט געוואָרן פון דײַן אַלטער מאַמען, יאָהאַן. יעדער טרעט אויף איר. פאַר די מיאוסקײַטן פון דזשאָינט איז מיר שוין דערעסן, ווי איך לעב! „וואָס הערט מאַן, פראַו שטראוס?" אַך, די שפּיצבובן [7]), איז זי שוין הויך אויפן קול אַרויסגעשפּרונגען מיט איר זידנדיקן צאָרן.

די מחותנתטע שאַרלאָט האָט מורא איצט צו ווײַזן זיך איר אין פּנים אַרײַן. זי קריכט איר נאָך אַ געפּלעפּטע. און ווי אויף להכעיס שיפּעט זי נאָך מער, וואַרפט זיך אין נכפּה, טופּעט מיט די פיס. אפשר מיינט זי איר?

אויף דער אַלטער שאַרלאָט האָט געגרונצלט די הויט.

**
*

אין טעמפּער פינצטערניש פאַרבאַרגן זיך די טעג, די וואָכן. אַ תהום איז די צײַט.

---

7) גנבים (דײַטשיש).

און ווידער גייען טעג האַמעטנע, ברוגזע. די אַלטע שאַרלאַט זעט זיי ווי די מידע וואַנדערערס, וועגן וועלכע עס דערציילט זיך אין דער עוואַנגעליע. דער ים טרײַבט שוין ווינטן — אוועק דער זומער, עס ציִען וואָלקנס און דער הימל טונקלט. אומעטיק. ווי לאַנג זיצן זיי שוין דאָ?

פרוי שטראַוס שפּירט אַ קעלט אין די ביינער. זי איז שוין גלײַכגילטיק צו די בריוו, וואָס דאַרפן אָנקומען. זי גייט מער נישט אין דזשאָינט פרעגן; אָפּגעשטאַנען ווי אַ פיש. זי פרעגט זיך נאָר אָן אין טעלעפאָן. פרוי דזשענאַוועזע גייט ווײַטער זיך חשבונען אין דזשאָינט פאַר פּענסיאָן פון די צוויי זקנות. „וואָס מאַכן זיי?" דאַרט אַנט מען, זיי האָבן זיך אָוועקגעלייגט קראַנק, מ'דאַרף זיי מער העלפן. זי, די אייערעלע פרוי דזשענאַוועזע, ענטפערט יעדעס מאָל: „אַ רחמנות, פײַנע אַלטעטשקע". זי האָט אַ קלאָר, בלייך, ווי אויסגעשטראַלט פּנים מיט אַ חנעוודיק נעזל, די סיניאָרע. אין דזשאָינט האָט מען אַ פאַרגעניגן מיט איר צו ריידן.

— גלײַכער אַזוי. זאָל זי גיין אַליין, די סיניאָרע — קלערט די אַלטע עדית. נישט כדאי צו קריכן זיי אין די אויגן אַרײַן, די דזשאָינט־לײַט. דער קאַסיר איז שוין צוגעוווינט צו צאָלן פאַר זיי, וועט ער ווײַטער צאָלן. בעסער זיך נישט ווײַזן.

אין מאָנטעווידעאָ מאַכן זיך נאָך די פּאַפּירן. יאָהאַן האָט ערשט אַנומלט געשריבן: „מוטער, אַט שוין אין גיכן".

באמת, איר איז שוין נמאס פאַר אַלעם. זי זאָל נאָר נישט קראַנק ווערן אונטערוועגנס. און די שאַרלאַט דערגייט איר די יאָרן. זי שווײַגט, שווײַגט! מ'זאָל זיך באַטש קענען אויסטענהן מיט אַזאַ, אַן עצה האַלטן. אַ גרויסע צרה מיט איר. נאָר מורמלט שטענדיק און גייט אין קירך אַרײַן. אַ גויע! — ווערט זי מיט אַמאָל בייז אויף איר, לייגט שווער צונויף אירע גרויסע, פלייִשיקע ליפּן און די נאָז, אַן אַראָפּהענגענדיקע, קוקט אוים ווי זי וואָלט זיך פאַרטראַכט. אַ נאָז אַ חכמה. צונויפגעקוועטשט די מאַסיווע ליפּן, צונויפגעקוועטשט די אויגן און זי, די נאָז, טוט זיך ס'איריקע: שווער הענגט זי אין שטיל־זשומענדיקן חלל פון דעם שיין־מעבלירטן פּענסיאָן־צימער און טראַכט.

...איצט טוט איר רעכט הנאה, דער פרוי שטראַוס, וואָס זי האָט צום לעצט געגומען צו הילף איר צלם. געהיטן זיך, געהיטן, צוליבן דזשאָינט, אָבער ס'איז נישט געווען אויסצוקומען אָן דעם — אַריבערגעבויגן זיך צו דער סעקרעטאַרן פון קאָנסול, כדי איר עפּעס אײַנצורוימען, עפּעס בעטן. אָט גראָד האָט עס זיך אַרויסגעגליטשט פון בוזעם. זי האָט'ס געוווּסט, די אַלטע עדית, און אין דער רגע באַלד עס אָפּגעפּילט: דער סעקרעטאַרן איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. זי וועט שוין ריידן מיטן שעף, האָט זי איר געזאָגט. אויפריכטיק. איז איר איבערדריסיק, וואָס די דאַמע גייט אַזוי לאַנג און אומזיסט. — זי האָט עס דערזען, די מיאוסע כאַליערע.

— האָט געסיקעט פון איר דער באָסט, הלמאי ערשט איצט באַמערקט זי זי, די פראַו שטראָוס.

ס'אַ מאַט, קליין, גאָלדן צלמל. עס הענגט אויף אַ גאָלד־שנירעלע.

דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט, דער אַלטער עדיט, אויף דער דערמאָנונג פון דעם. „ווען מ'זאָל עס וויסן אין דזשאָינט!... יִדן, נאָר יִדן גיב זיי. און איך וואָס בין? און איך בין אַ יִדין, איר חזירישע! וואָס, מ'קען זיך דען אייביק פירן אַזוי, ווי איר, פּוילישע? איידלקייט אַ ביסל, איידלקייט, וואָלט איר אַזוי נישט געפּייניקט אַן אַלטע מוטער...“

זי האָט נערוועז, שווער געאָטעמט און זיך באַמיט בייצוקומען דעם פּלוצלינג ז'ערוועקטן האַס. אינערלעך, אין בלוט ביי איר איז עס אויסגעבראָכן, הלמאי זי האָט גערנוויליק אויף זיך אַרויפגעצווונגען דאָס, וואָס זי איז ערשט פאַר די לייט פון דזשאָינט: אַ יִדין. אַ גליק איז איר געשען — אַ יִדין איז זי, אירדר... עס האָט ווידער אויפגעשוימט אין איר. וואָס איז דען? זי האָט רעכט צו וואַרטן אויף איר זון, דעם באַוווּסטן יאָהאַן שטראָוס. צופעליק האָט ער זיך געמוזט דערוויי־טערן פון איר. מ'האָט דען יאָהאַנען נישט אומגליקלעך געמאַכט, פון אַ שיינעם געשעפט פאַרטריבן? און איז טוביה, טיבאָר, נישט געווען קיין פיינער מאַן, אַן אַמתער יִד, איר טאַטע? אוך, אוך, איר — „איין ביסכיען פאַרטשריט, פער־שטענדליך“... און אַז הערמינע איז נישט קיין יִדישע, איז זי נישט קיין ערלעכע פרוי יאָהאַנען? ווילד, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, די פּוילישע!

זי וועט מער נישט אַזוי טאָמלען: דזשאָינט, דזשאָינט. גיין אויסקרימען ס'מויל: „שאַבאַס, שאָבעט. פוי, פוי...“

דאָס גרימעניש באַמיט זי זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר דער מחותנתטע. ס'איז איר אַ חרפּה: מורא האָבן פאַר יִדן! איר, דער אַלטער שאַרלאָט, איז מקנא צו זיין. אַ גויע — גאַנץ געוויינטלעך. זי מעג עס זיין. זי האָט עס אפילו נישט פאַר־הוילן. זי קען נישט קיין דויטש, רעדט זי נישט צו זיי, אין דזשאָינט. בעסער אַזוי, האָט זי וויניקער פאַרדראָס. אַן אמתע קאַטוילין, שאַרלאָטע בוירמאַן. זי פאַרט צו איר קינד, וואָס איז פאַרוואַנדט מיט יאָהאַן שטראָוס. יאָהאַן שטראָוס איז יודע, יאָהאַן שטראָוס איז דער מאַן פון הערמינע בוירמאַן — איז עס אַ פאַרברעכן? ער האָט רעכט, זי האָט רעכט. „און דער דזשאָינט איז נישט קראַנק צו צאָלן. מיר האָבן מער געלאָזן אין בודאַפּעסט. געזונט אַזעלכעס!“

די הענט שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער שויס, זיצט זי אַזוי מיטן פּנים צום פענצטער און קאָכט זיך אַליין אין באַסט.

— אָ, סערעלמעם! — רופט זי זיך פּלוצלינג אָן צו דער מחותנתטע — פּיי־ניקט אויך אייך דער אומעט? איך בין אויס. — און ראַפּטעם ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. אין צימער, אַ פולס מיט שאָטנס פון די אַלטע פרויען, פון דער הענגענ־

דיקער לאָמפּ און פון די שטולן, וואָס טראָגן אויף זיך די ברייטע, שוואַרצע קליי־דער פון די מחותנתטעס, איז ערשט אַרויסגעקראָכן דער אומעט; ער האָט זיך גע־שאַרט אויף זקנהשע שטעקערס.

— מאָרגן איז זונטיק, וועט איר מסתמא גיין צו דער מעסע, האָ?

די אַלטע שאַרלאָט באַוועגט מיט די טרוקענע ליפּן און גלייך ווי אַ פויגל־נעסט אויף אַ שלעפעריקן בוים גיט זיך די דראַפּעריע אַ לייכטן וויג אויף איר קאָפּ. די אַלטע עדיט פאַרשטייט, די מחותנתטע וועט מאָרגן באַשטימט גיין אין דער קירך אַריין. „יעזוס דער הייליקער זאָל נאָר געבן ס'געזונט". שטיל האָט זי עס אָפּגע־מורמלט. שפּעטער, פאַרן שלאָפן גיין, וועט זי אויפן נאַכט־שענקעלע צוגרייטן די שוואַרצע קרעלן.

ברירה, ס'איז קאַלט. גוט, וואָס זי רעדט נישט, די שאַרלאָט. זי, עדיט, וועט זיך איינוויקלען אין טוך. אפשר אַזויערנאָך וועט זי גרינגער איינשלאָפן. ביטער זיי־נען די נעכט — — די סעקרעטאַרן פון קאָנסול האָט צוגעזאָגט. זי האָט דעם נומער פון טעלעפאָן. זי וועט דורכריידן מיטן סיניאָר אירן. ער וועט צואײַלן די זאַך.

איינשלאָפנדיק האָט אין די סענקעוואַטע פאַרשטייפטע פינגער פון דער אַל־טער עדיט זיך פאַרפּלאָנטערט ס'גלאַטינקע צלמל אויפן גאָלד־שנירל. זי האָט עס געגלעט, אַריבערגעוואָרפן פון פינגער אויף פינגער; זי האָט עס געשפּירט אויף דער הויט פון איר לייב; איטלעך מאָל האָט עס אַ קיל געטאָן מיט דער קאַלטקייט פון אומגעריכט־אָנגערונענעם וואַסער; אַ, עס וואַרעמט, ציט, ציט. פּלוצלינג האָט זי אַ צאַפּל געטאָן און אָנגסטלעך דערשפּירט — זי פאַלט פון אַ הויכער הייך.

אויפגעקומען, איז אין דער קעל איר געשטאַנען אַ פאַרגליווערט געשריי.

די פאַרשטייפטע פינגער האָבן אומרויִק געטאַפּט, געטאַפּט, גענישטערט אַרום זיך — וווּ איז עס? זי האָט געזוכט און אומגעריכט דערשפּירט די קעלט ווי פון אַ פינצ־טערער גרוב. רעכט, זי איז טאַקע געפאַלן. ס'צלמל איז נישטאָ. ניין, נישט מעגלעך! ס'איז דאָך אַ חפץ, אַ גאָלד־זאַך — זי דערמאָנט זיך שוין: אייגנטלעך איז זי גע־לאָפן. אין הויז, ווו זיך אָפּגעשטעלט, איז אַריין אַ דונער. אַ שריפה האָט זיך צע־פלאַקערט. די מהומה טומלט נאָך אין גאַס. זי וועט לויפן, זי טאָר נישט שטיין דאָ — —

נאַכט. זי הערט זיך איין: עס גיסט אַ רעגן. ס'וועט אפשר ווידער אַ דונער טאָן. דער קאָפּ איז איר שווער ווי אַ שטיין. זי האָט שוין מורא געהאַט אַנטשלאָפן צו ווערן.

נחמן מיזשעריצקי

בוענאס־איירעס

דער זייגערמאַכער פון סאַן טעלמאָ

1

געווען איז ער דער ערשטער וואָס האָט אויף מיר געוואַרט אין מיין אויפנעמ־צימערל, אָבער אַריין צו מיר איז ער דער לעצטער.

יעדעס מאָל וואָס איך האָב אויפגעעפנט די טיר פון מיין קאַבינעט פאַר אַ נייעם פּאַציענט האָב איך אים געזען זיצן פאַררוקט אין אַ ווינקל, איינגעהילט אין זיין גראָבן ווינטער־מאַנטל מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער, גלייך ווי ער וואָלט געזעסן אין דרויסן אונטער אַ פראָסט.

די טונקעלע ברילן, דאָס ניט וועלן זיך רירן פון אָרט, כדי צו בלייבן אַליין דער לעצטער, דאָס האַלטן דעם פליכעוואַטן קאָפּ כסדר אַראָפּגעלאָזט און איינגעגראָבן צווישן די צוויי אָנגעפּעלצטע אַקסלען, האָבן אויפן ערשטן בליק געווירקט אויף מיר אומאַנגענעם.

איך וואָלט אפשר איבערגעטריבן, ווען איך וואָלט געזאָגט, אַז איך האָב פאַר אים מורא געקראָגן, אָבער עפּעס אימהדיקס האָט פון אים געווייעט.

אַזוי האָט זיך געצויגן איין שעה נאָך דער אַנדערער, ביז איך בין געבליבן מיט אים אַליין. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אויפגעהאָנגען דעם מאַנטל און דעם הוט, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, און צום סוף אָפּגעזאָטלט די ברילן פון זיין אַ ביסל אויסגעבויגן לענגלעכער נאָז.

עס האָט פאַר מיר זיך אַנטפּלעקט אַ לייכט איינגעהויקערטער מאַן מיט אַ פּאָר אויסגעסטאַרטשעטע צעשראָקענע אויגן, וואָס האָבן אויף מיר געקוקט מיט דערוואַרטונג. ער האָט אויסגעזען פון אַ יאָר פערציק.

—ביטע, זעצט זיך, — האָב איך צו אים אַ זאָג געטאָן, ווען ער איז שטיין געבליבן אַנטקעגן מיר פון יענער זייט שרייבטיש, און מיר ביידע, ניט אַראָפּנע־

מענדיק די אויגן איינער פון צווייטן, האבן זיך ארפגעלאזט אויף אונדזערע שטולן.

— איך זע, הער דאקטער, אז איר דערקענט מיך ניט. — האט ער ארויסגע־שטאמלט מיט א פארטעמפטער שטימע — איך האב אייך באלד דערקענט, כאטש איר האט זיך א היפש ביסל געעלטערט.

— שוין לאנג ווי איך האב אייך געזען? — האב איך אים א פרעג געטאן.

— אומגעפער א יאר צוויי און צוואנציק.

— נו, דאס בארעכטיקט מיין פארגעסן. א י ר זייט שוין אויך ניט קיין יונגערמאנטשיק. — האב איך טרוקן אפגעענטפערט — ווי הייסט איר?

נאך א ווײַלע קווענקלען האט ער אנגעגעבן זיין נאמען, וואס איך האב טאקע געפונען אין מיין רעגיסטער.

— איר האט מיך צום ערשטן מאל באטראכט — האט ער מיט מער מוט אנ־געהויבן ריידן — ווען איך בין אלט געווען זיבעצן יאר. איך בין נאר וואס אנגע־קומען פון רוסלאנד. מיין פאטער האט מיך צו אייך געבראכט, ווען איר האט נאך געוווינט אויף קאנינג. ער האט געוואלט טאקע וויסן, צי מען האט מיך צו אים אומגעקערט א געזונטן.

— וואס הייסט „אומגעקערט"? — בין איך געווארן נײַגעריק.

— איר פארשטייט, איך בין א הי־געבוירענער. ווען איך בין אלט געווען אנ־דערהאלבן יאר, האט מיין מאמע זיך צעשיידט מיטן טאטן און האט מיך אוועק־געפירט קיין רוסלאנד אין איר געבוירן־שטעטל. פארוואס זי איז זיך מיט אים צע־גאנגען ווייס איך עד היום ניט. איך ווייס נאר, אז זי פלעגט דערמאנען דעם טאטן ווען איך האב איר דערצארנט מיט מיינע קינדערשע קאפריזן. זי פלעגט אים דערמאנען מיט ביטערניש און ניט זעלטן אפילו מיט א קללה... זי איז געווען זייער א שיינע, מיין מאמע. ביי דעם זיידן מיט דער באבען, פארמעגלעכע אלטעטשקע, האב איך ארומגעבלאנקעט אן א טאטן און איך האב ניט געקענט פארשטיין, פאר־וואס איז אויף דער שטוב געהאנגען אזא טרויער און אזא אומעט און פארוואס איך וואקס אן א טאטן...

ער האט א ווײַלע זיך אפגערוט און נאך דעם ווײַטער פארגעזעצט:

— עס האט אויסגעבראכן די מלחמה פון 1914, שפעטער די איבערקערע־נישן, הונגער, נויט, קעלט און מגיפות... אין א געוויסן פרימארגן כאפ איך זיך אויף אין א שפיטאל־בעטל צווישן א סך קינדער פון מיין עלטער. צען יאר בין איך אלט געווען. צען יאר בין איך דאן אלט געווען, ווען דער פלעק־טיפוס האט אפגע־ראמט פון דער וועלט מיין מאמען מיט דער באבען און זיידן. איך בין שפעטער אוועק פון יתומים־הויז, ווו קיין פריינדשאפט איז צו די קינדער ניט געווען, און גע־וואנדערט איבער פארשיידענע אנדערע קינדער־אזילן, ביז וואנען דער טאטע האט

זיך דערוווּסט פון מיר און מיך אַרויסגעפּאָדערט אַהער, קיין בוענאָס־איירעס. ערשט אין אַרגענטינע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין טאַטע האָט גענומען אַ קריסטן פּאַר אַ פרוי, וואָס האָט איינגעפירט אַ גוייש לעבן אין מיין נייער היים און נאָך אויך אויסגעהאָנגען איקאָנעס אויף די ווענט. „מיין טאַטע — אַ גוי?", האָב איך געטראַכט. ער רעדט צו מיר יידיש, ער האָט דאָך צו מיר אויך געשריבן יידישע בריוולעך. אויך זיין נאָמען איז אַ יידישער. אַלץ איז פאַר מיר געווען ניט פאַר־שטענדלעך, פרעמד.

ער האָט אָפּגעאָטעמט, אויפגעהויבן די אויגן און פאַרענדיקט:

— און דעם צווייטן טאָג האָבן זיי ביידע, דער טאַטע מיינער און די גויע, מיך געבראַכט צו אייך, זען צי איך בין געזונט און שטאַרק... און אָט, הער דאָקטער, בין איך ווידער ביי אייך, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט.

2

נאָכן אויסהערן די דאָזיקע געשיכטע דערמאָן איך זיך פּלוצלינג ווער דער דאָ־זיקער אויסטערלישער גאַסט איז. האַסטיק הייב איך זיך אויף פון אָרט און נישטער אין מיין אַרכיוו. און אָט איז אַ דאַטע פון יאָר ניינצן אַכט און צוואַנציק, ווען ער איז רעגיסטרירט געוואָרן אין מיין חולאים־בוך אין דער קאַטעגאָריע פון געפערלעך קראַנקע אויפן האַרץ. איך דערמאָן זיך, אַז דעמאָלט, נאָך ווי אַ יונגער דאָקטאָר, ווען איך האָב אים באַטראַכט, בין איך געוואָרן איבערגעראַשט פון די שווידערלעכע סימפּטאָמען וואָס זיין קראַנק האַרץ האָט אַרויסגעוויזן.

— עס האָט דיך ביז איצט נישט געזען קיין שום דאָקטער? — האָב איך אים געפרעגט. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער איז קיינמאָל קראַנק ניט געווען.

— ברענגט מיר אים מאָרגן אין שפּיטאָל, — האָב איך דעמאָלט באַפוילן דעם טאַטן, — וועל איך אים לאָזן באַטראַכטן פון דעם פּראָפעסאָר.

דעם טאַטן זיינעם האָב איך שוין פון פריער געקענט. ער איז געווען אַן אייגנ־טימער פון אַ גרויסער „קאָנווענטיזשע".* מען פלעגט אים אָפט זען זיך אַרומ־דרייען אין גאַס מיט אַ גרויסן הונט אויף אַ קייט. נאָכן פּראָפעסאָרס אונטערזור־כונג האָב איך דאָס בחורל מער נישט געזען פאַר מיינע אויגן. עטלעכע מאָל איז ער מיר געקומען אויפן געדאַנק: געוויס איז מקוים געוואָרן דעם פּראָפעסאָרס נביי־אות, אַז דער בחור וועט נישט דערלעבן צו די צוואַנציק און... דאָ זע איך אים גאָר זיצן ביי מיר אין קאַבינעט, נאָך דעם ווי עס זיינען צוויי און צוואַנציק יאָר אָפּגע־לאָפן פון יענער צייט. איז דאָס מעגלעך? וואָס וואָלט איצט דער פּראָפעסאָר וועגן

---

*) אַז אַלטמאָדיש שכנים־הויז.

דעם געזאָגט? נו, יאָ, דער פּראָפעסאָר גופא איז אויף זיך אַליין אויך נישט געווען קיין מבין. ער פלעגט זיך נישט איין מאָל איבערנעמען אין אַ קלאַס פאַר אַלע דאָק־טוירים, אַז ער לײַדט נאָך נישט פון פאַרעלטערטע אָדערן, נאָר אויפן אַנדערן טאָג נאָך זײַן באַרימען זיך האָט ער באַקומען אַן אַטאַקע אויפן הארצן, און דער גרוי־סער קאַרדיאָלאָג ראַנגלט זיך אַליין מיטן מלאך־המות, שנײַדט זיך אין מיטן דער נאַכט אַן אָדער פון אַ האַנט, און איידער זײַנער אַ תלמיד באַוויַזט צו אים קומען ראַטעווען איז שוין אַלץ פאַרפאַלן.

דאָס אַלץ איז געקומען אין מײַן געדעכעניש, ווען איך בין געזעסן פּנים אל פּנים מיט מײַן אויסטערלישן פּאַציענט, וואָס האָט אין מײַנע אויגן אויסגעזען ווי אַ גאַסט פון יענער וועלט.

— וואָס־זשע האָט איר די גאַנצע צײַט געטאָן? איר האָט זיך געדאָקטערט? קורירט? אויסגעהיילט? — האָב איך אין אַ כלומרשט רויקן טאָן אים געפרעגט.

— און וואָס האָב איך מיך דען געהאַט צו קורירן? — האָט ער מיט אַ קווי־טשיק קולכל האַפּערדיק אָפּגעענטפערט אויף מײַן שאלה — איך האָב זיך קיין מאָל נישט געפילט קראַנק און איצט אויך נישט.

— ווואָ...אָ...ססס? — בין איך שוין געוואָרן אומגעדולדיק — טאָ וואָס־זשע זײַט איר צו מיר איצט געקומען?

— איך וויל, אַז איר זאָלט מיך באַטראַכטן, הער דאָקטער... איך האָב זיך באַרעכנט... ווי אין דער תורה שטייט: לא טוב היות האדם לבדו... איידער איך גיי חתונה האָבן, האָב איך זיך דערמאָנט אין אײַך... דער איינציקער פרײַנד, וואָס איך האָב צו געדענקען...

— נו, און אײַער פאָטער?

— ער איז גלײַך, ווי נאָר איך בין צו אים געקומען, שטאַרק פאַרהאַסט גע־וואָרן אויף מיר און איך בין אַוועק פון אים און פון זײַן גויע. איך האָב זיך אויס־געלערנט אַ פאַך, כ'בין געוואָרן אַ זייגערמאַכער, אַ יוועליר. כ'פאַרמאָג שוין אַ פײַנעם „פּראָנט" אין געגנט פון סאַן טעלמאָ. — ער האָט ווידער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און בשעת מעשה גענומען נישטערן אין זײַנע קעשענעס.

— נאַט! — האָט ער מיר דערלאַנגט דאָס אָפּגעזוכטע קאַרטל — דאָ האָט איר מײַן אַדרעס און מײַן טעלעפאָן.

און אַרײַנלייגנדיק צוריק אין די קעשענעס די אָנגעהויפנטע פּאַפּירן, וועקס־לען, קבלות, טשעקן, האָט ער, ווײַזנדיק אויף דעם קאַרטל, אונטערגעשטראָכן:

— דאָ אַרבעט איך און דאָ שלאָף איך... אַליין... צווישן וואַנט־זייגערס וואָס פאַרהילכן דעם מוח... נאָר שוין צײַט צו לעבן ווי אַ מענטש...

— נו, — האָב איך ווי צוריקגעענטפערט, — קומט. וועל איך אײַך באַ־טראַכטן.

מיר זײַנען אַרײַן אין קאַבינעט. מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך זיך צוגעהערט צו זײַן ברוסטקאַסטן. זײַן האַרץ איז געלאָפן משוגענערהייט. מיט דער צײַט איז עס אַזוי היפּערטראָפּירט געוואָרן, אַז עס האָט פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן ריפּן־שטאַנג. בשעת מעשה האָב איך געטראַכט: גאָט מײַנער, וויפל קען נאָך אַזאַ האַרץ אויסהאַלטן? אונטער מײַן אויער האָט זײַן האַרץ געכריפּעט און שווערלעך געראַשט און זיך געיאָגט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

— פילט איר זיך, הייסט עס, גאַנץ גוט? — האָב איך מיט איראָניע אַ פרעג געטאָן.

— נו, גאָר פולקאָם געזונט איז דאָך קיין בן אָדם נישט. האָב איך אַ מאָל אַ שווערלעכן אָטעם וואָס דויערט מינוטן, גיי איך מיר אַ ביסל לאַנגזאַמער... איז וואָס? פון קינדווייז אָן, צײַט איך בין צום שכל געקומען, האָב איך אַ ביסל אַ קורצן אָטעם. נאָר ווי איר זעט, לעבט מען יאַקאַש. דערפאַר מיין איך, אַז דאָס פאַרהייראַטע לעבן איז מער אָן אײַנגעהאַלטנס, נישט אַזוי שטורעמדיק...

— טאָ וואָס־זשע האָט איר זיך דערמאָנט אַזוי שפּעט?

זײַנע קאָלירן אין פּנים האָבן זיך גענומען בײַטן. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. נישט געקענט אַפּנים צום וואָרט קומען. פון מינוט צו מינוט איז קענטיק געווען, אַז ער ווערט אויפגעברויזט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב ערגעץ אָנגעקלאַפּט אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל פון זײַן נשמה, וואָס ער האָט אפשר קיין מאָל נישט געוואָלט מען זאָל עס אָנרירן. זײַן שלעכט אַנטוויקלטער גוף האָט זיך מער אײַנגעהויקערט און מיט אַ פאַרטעמפּטן קול האָט ער ענדלעך אַ זאָג געטאָן:

— ווי איך זע, הער דאָקטער, האַלט איר מיך שוין פאַר אָן אָפּגעשלאָגענע הושענה... בײַ די פערציק יאָר שוין אַ זקן, וואָס קען שוין נישט געניסן פון די ערדישע תענוגים... „שפּעט זיך דערמאָנט“, זאָגט איר?... און איך האָב אַלץ גע־מיינט, אַז איך וועל נישט פאַרשפּעטיקן. איך האָב טאַקע כסדר אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, כדי צו באַפעסטיקן קודם כל מײַן עקאָנאָמישע פּאָזיציע. זי, די כלה מײַנע, האָט געוואַרט און געוואַרט, איך זאָל זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל דעצי־דירן. אַזויפיל יאָרן זיך אַרומגעפירט מיט איר. און איצט? צו שפּעט?

איך האָב זיך גענומען פאַרענטפערן:

— נישט דאָס, מײַן פרײַנד, האָב איך געמיינט. איך האַלט נאָר, אַז איר האָט זיך באַדאַרפט באַשליסן מיט אַ פופצן יאָר צוריק. און אויב זי האָט אַזויפיל גע־וואַרט, וועט זי האָבן געדולד נאָך אַ ביסל... דערווײַל וועט מען זיך אַ ביסל אונ־טערקורירן...

און אַזוי ריידנדיק האָב איך אים באַגלייט ביז די טרעפּ און געגעבן צו פאַר־שטיין, ווי אַזוי צו נעמען די רעצעפּטן, וואָס איך האָב אים פאַרשריבן.

3

פון יענעם טאָג אָן פֿלעגט ער מיך פון צײַט צו צײַט באַזוכן. לאַנגע שעהן פֿלעגט ער אָפּזיצן בײַ מיר אין וואַרט־צימער אײנער אַליין און אָפּוואַרטן ביז איך פֿלעג זיך אומקערן אַהיים פון מײַנע באַזוכן בײַ קראַנקע. ניט איין מאָל פֿלעג איך פֿאַרציטערט ווערן, ווען איך פֿלעג אים דערזען פֿאַררוקט אַ דרימלענדיקן אין ווינקל. עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדאַכט, אַז אויף זײַן אָפּגעלעבטן פּנים פֿלאַ־טערט דער טויט. איך האָב זיך געשראָקן פֿאַרן געדאַנק, אַז ער קען נאָך אַזוי דרימ־לענדיק אויסגיין בײַ מיר אין קאַבינעט.

— איך בעט אײַך — האָב איך זיך איין מאָל געווענדט צו אים — קומט מער ניט צו מיר. ווען איר פֿילט זיך ניט גוט, רופֿט מיך בעסער אַרויס צו אײַך. מעג זײַן אַפֿילו אין מיטן דער נאַכט...

— וואָס איז? — האָט ער איבערגעראַשט איבערגעריסן — איר האָט מורא פֿאַר מיר? איך קום צו אײַך, ווײַל איך וויל ניט, אַז עמיצער זאָל זיך דערוויסן, אַז אַ דאָקטער קומט אַרײַן צו מיר. עס קען נאָך, פֿאַרשטייט איר מיך, דערגיין צו מײַן כּלה, אַז איך בין אַ קראַנקער...

— ווי די מעשה זאָל ניט זײַן — האָב איך אַנטשלאָסן און שטרענג געענט־פֿערט — ווײַל איך אײַך דאָ מער ניט זען.

ער איז יענעם אַוונט אַוועק פון מיר אַ ברוגזער. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל אים שוין מער ניט זען.

4

איבערשלאָפֿן רויִק אַ נאַכט און ניט געשטערט צו ווערן פון טעלעפֿאָן־קלונג איז ניט יעדער רופֿא זוכה. די מורא פֿאַר אַ בײַנאַכטיקן רוף איז פֿאַר אַן עלטערן דאָקטער עפּעס אַ מין אַנגסטלעך געפֿיל וואָס לאָזט זיך ניט שילדערן. דער עלעק־טרישער שטראָם, וואָס רייצט אין מיטן נאַכט דאָס טעלעפֿאָן־גלעקל, גיט אומ־רחמנותדיק אַ טרייסל אויף דעם דאָקטערס פֿאַרמאַטערטן גוף. דאָס האַרץ גיט זיך אַ צאַפּל און ער דערפֿילט אַ קראַמף אין די געדערים. אַ מאָל איז דער דאָקטער גופֿא אויך ניט מיט אַלעמען, נאָר דער רופֿער וויל פֿון דעם ניט וויסן. ער מיינט, אַז אַ דאָקטער איז שטענדיק געזונט און דאַרף זײַן גרייט צו לויפֿן ווען מען באַ־דאַרף אים. עס טרעפֿט אויך, מען באַגנוגנט זיך ניט מיט איין דאָקטער, נאָר מען טעלעפֿאָנירט צו עטלעכע מיט אַ מאָל, און ווער עס קומט דער ערשטער, דער איז זוכה צו ווערן אויפֿגענומען, און די אַנדערע בלײַבן נעבעך שטיין כּעני בפּתח און קערן זיך צוריק אַהיים, פֿאַרשעלטנדיק זיך די יאָרן פֿאַרן אויסקלײַבן זיך אַזאַ הור־

מאַניטאַרע פּראָפּעסיע. אַ פּאַרביטערטער ליגט ער זיך צוריק אַרײַן אין בעט און נעמט ציילן די שעהן, וואָס דער וואַנט־זייגער קלאַפּט אויס, ווײַל דער שלאָף קומט נישט אויף די אויגן ביז אין ווײַסן טאָג אַרײַן.

☆

אין אַ געוויסער נאַכט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעהערט צענדליגער פּאַציענטן, געדרון־קראַנקע מיט אויסגעטראַכטע קרענק און אַנדערע אויך ערנסטע חולאים, נאָך דעם ווי איך האָב זיך געיאָגט אַ גאַנצן טאָג אויף טרעפּ פון דרײַ גאָרנדיקע דעפּאַרטאַמענטן, בין איך אַהיימגעקומען אַזוי פאַר־מאַטערט, אַז איך האָב אָן וועטשערע זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפן געלעגער און געשמאַק אײַנגעשלאָפן.

וויפל צײַט איך בין אַזוי אָפּגעלעגן ווייס איך נישט. דורכן שלאָף האָב איך עפּעס פאַרנומען דעם אַלאַרם פון טעלעפאָן־גלעקל, אָבער מײַנע גלידער זײַנען גע־ווען אַזוי מאַכטלאָז, די אויגן־לעפּלעך אַזוי אָנגעפּולט מיט בלײַ, אַז איך האָב גאָר־נישט געקענט רעאַגירן מיט אַן אבר. ענדלעך האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך לייג צו דאָס טרײַבל צום אויער און דערהער אַ הייזעריקע שטימע, וואָס רופט מיט אָפּ־געהאַקטע, נישט־פאַרשטענדלעכע ווערטער. עס דערטראָגט זיך צו מיר אַ שוידער־לעכער כאָרכל פון טרײַבל אַרויס, אויסגעמישט מיט אַ שטאַרקן הוסט. בשום אופן קען איך נישט כאַפּן אַ וואָרט. אָן ספק, טראַכט איך, ראַנגלט זיך דאָרט עמיצער מיטן מלאך־המות. ווער קען דאָס זײַן?

איך שטעל זיך פאָר: אַ מענטש מיט צעשראָקענע אויגן, וואָס זעט דעם טויט פאַר זיך, טרינקט זיך אין זײַן אייגענעם בלוט וואָס פאַרפּלײַצט זײַנע אָטעם־רערן. איך הער דעם כאָרכל אונטער דעם בלאַט פון זײַן ברוסטקאַסטן. ער איז דאָרט אַליין אין זײַן גסיסה־מאָמענט, קיינער קומט אים נישט צו הילף אין אַ שטאָט פון מיליאָ־נען מענטשן.

— ווער רעדט דאָרט? — פרעג איך אין טרײַבל אַרײַן. אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער הער איך אַ שווערן אָטעם, אַ גערויש ווי פון אַ זידנדיקן קעסל, אין וועלכן עס פּראַלן אויף טויזנטער וואַסער־בלעזלעך. עס טראָגט מיך פון בעט אַרויס. איך וואָלט געלאָפן, געפלויגן צו יענעם דאָרטן, וואָס איז אין סאַמע שרעקלעכסטן מאָ־מענט. עס קען דאָך זײַן, טראַכט איך, אַז יענער איז גאָר איצט אַליין. אָבער ווער איז ער? צו וועמען רופט מען? איך קען זיך בשום אופן נישט אָריענטירן. מיט אַ מאָל דערהער איך אַ טעמפּן קלאַפּ און עס ווערט שטיל. איך קען דאָס טרײַבל נישט אָפּרײַסן פון אויער. איך האַלט קוים דעם אָטעם אײַן און וואָלט וועלן, אַז אויך מײַן האַרץ זאָל נישט אַזוי האַמערן, כדי צו קענען אויפכאַפּן דורך דאָס טרײַבל דעם

מינדסטן שארך, וואס קומט פון דארט... הא? וואס?... עס דאכט זיך מיר, אז איך הער עפּעס. יא. דאס איז דער טיק־טאק פון א זייגער וואס הענגט אפּנים נאענט פון יענעם ארט, ווו א מענטשנס לעבן איז נאר־וואס פארלאשן געווארן. אט זע איך אפילו יענעם נארישן אומרו וואס טעלעבענדעט אהין און אהער און ציילט די סעקונדעס וואס גייען שוין אליין אן באלעבאס, וועלכער האט אנגעצויגן דעם זייגער ווער ווייסט וויפל יארן שוין. פּלוצלינג דערהער איך דורכן טעלעפאן ווי דער זייגער צעקלינגט זיך מיט אן אויסגעצויגענעם טרויעריקן טאן, ווי א גלאק פון אן אלטער קירכע. איך שוידער אויף, ווען עס רייסן זיך אריין אין דער טרויעריקייט אנדערע טענער פון נאך זייגערס. א מאדנע געמיש־סימפאניע פון קלינגענדיקע זייגערס. שטאט־קלויסטערס קלינגען... ווי א גרויסע חגא אדער גאר ווי ביי א רייכער לויה...

עס גערויערט נישט לאנג און די שטילקייט נעמט ווידער הערשן, אבער דער טיק־טאק לאזט נישט אפּ.

מיט א מאל ווערט מיר קלאר וואס דא איז געשען. איך דערמאן זיך דעם זייגערמאכערס רייד: „שטענדיק אליין, צווישן וואנט־זייגערס וואס פארהילכן מיר דעם מוח מיט זייער טיק־טאק און מיט זייער קלאנג.. שוין צייט צו לעבן ווי א מענטש...“

— יא. — זאג איך צו זיך אליין — דאס איז דער זייגער־מייסטער פון כאן טעלמא, וועמענס הארץ עס האט זיך איצט אפּגעשטעלט.

אומגעפּער מיט א האלבער שעה שפּעטער בין איך געשטאנען אין יענעם זייגער־געשעפט. נעבן מיר — דער באלעבאס פון יענעם הויז פון סאן־טעלמא. איך האב געזען, ווי דער האלב־נאקעטער, איינגעהויקערטער קערפּער פון דעם פארזעסענעם בחור איז געלעגן אנגעשפּארט אויפן ווערקשטאט, אין זיין לאנגער האנט איינגעקלאמערט דאס טעלעפאן־טרייבל, די אנדערע האנט אראפּגעהאנגען ווי אן אומרו וואס איז שטיין געבליבן. זיינע אויגן ברייט אויפגעריסן און פארגליווערט, און צוויי רויטע שנירלעך וואסער האבן זיך געצויגן פוןביידע ווינקלען פון זיין פינצטערן, אפּענעם מויל.

מלך טשעמני
בוענאס־איירעס

ביים פיאַסעטשנער רבין

1

רב קלונימוס־קלמיש — דער רבי פון פיאַסעטשנע: בלויז צדיק, בלויז קדושה. זיין יעדער קער — אויסגערעכנט, אריינגעטראַכט; זיין יעדער באַוועג — אַ טובה פאַר אַ נצרך, אַ גוט וואָרט, אַ טרייסט.

די ימים־טובים פון אַ גאַנץ יאָר האָט דער רבי געפּראַוועט אין וואַרשע — יום־טוב־טעג, וועלכע דאַרפן ניט קיין ספּעציעלן לבוש, קיין אָפּגעטיילט ווינקעלע פאַר זייער לעילאדיקייט.

די ימים־נוראים האָט דער רבי געפּראַוועט אין אייגענעם בית־המדרש — געפירט „טיש" אין פיאַסעטשנע.

ער אַליין, דער רבי, אַלץ אויף אים: זיין ווייס, אויסגעפילט פּנים, קיילעכ־דיקע באָרד, ווייכער בליק — אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט ליב דעם עולם, וואָס רינגלט אַרום זיין טיש.

אַ ייִד — פּלא־פּלאים: פרייליכקייט און גוטסקייט — בלויז יושר.

***

צוגלייך מיטן רבינס בחורים לאָזט איבער ר' הענעך זיין ווייב אינעם שפּייז־קרעמל, טוט אַ קוש די מזוזה און פאָרט אַוועק, אין די סליחות־טעג, מיט דער קליינבאַן קיין פיאַסעטשנע.

אַזוי איטלעכם יאָר.

און שטענדיק:

זעלדע פֿאַרהאַלט אים אויף אַ ווײַלע, טענהט:

— זאָלסט ניט פֿאַרגעסן, הענעך, דו הערסט, למען השם, פֿאַרגעס ניט!

און הענעך פֿאַרגעסט ניט. אפֿילו ס'ווײַב זאָל אים ניט דערמאָנען ווייס ער אויך, אַז די בתולה זײַנע איז שוין ווײַט ניט קײַן קינד, אַז — שוין צײַט צו פֿירן הינדען אונטער דער חופּה. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? שוין געווען עטלעכע שידו־כים, לײַטישע בחורים, ייִדישע מחותנים — ווילן זיי נדן, ווילן זיי אַ פּרנסה־געשעפֿט. ווו זאָל ער נעמען, הא, ווו? שוין פֿאַרגעלייגט: אַרײַנצונעמען דעם חתן צו זיך אין שפּײַז־קרעמל, אים מתלבש זײַן; דער בורא וועט שוין ווײַטער העלפֿן — זײַנען מחותנים פֿאַרעקשנט: גיב זיי קעסט פֿאַר די חתנים. איז דאָס נישט פֿאַר זײַנע כוחות. וואָרום, אין דער אמתן: ווו זאָל ער נעמען. זײַן קרעמל — אויסגעפּילט מיט ליידיקע פּושקעס; די פּאָליצעס — פֿאַרשפּינוועבט. בלויז עט־לעכע ברויטן, וואָס דער בעקער גיט בתורת־הלוואה, עטלעכע הערינג, וואָס זייער באַטרעף אין אַ שה'י ופּה'י.

זיצט הינדע חודש נאָך חודש, יאָר נאָך יאָר. שוין ווײַט אַריבער די צוואַנ־ציק. און עפּעס אַזעלכעס קומט נישט אונטער. מילא. אין אדם נוקף... אויך דער רבי זאָגט ס'אייגענע. מסתמא דאַרף אַזוי זײַן. נאָר וואָס דען. — הענעך וועט נאָך אַ פּרוּוו טאָן הײַנטיקע סליחות־טעג שמועסן מיטן רבין מכוח דברים שמה בכך. אַזוי און אַזוי: איטשע איז תושב בײַם רבין. מען דאַרף אים געבן קעסט. — זאָל דער רבי דאָס נעמען אויף זיך, יאָ. זאָל ער. לענגער וועט הענעך נישט וואַרטן. ניין. בשום־אופֿן נישט.

וואָלט הענעך אַרויסגעבראַנגט די דאָזיקע ווערטער אויף אַ קול, וואָלט געווען צו מיינען, אַז דאָס רעדט אַ ייִד אַ גבֿר. אָפּילו ריידן הויך האָט ער נישט געקאָנט. און אָניאָגן זײַן ווײַב אין די פֿאַרטאָגן צום בעקער — דערפֿון איז אָפּגערעדט. אַ חלוש, אָן אַ פּנים, אָן אויגן — בלויז באָרד־און־פּאות.

אָבער מיטן רבין וועט ער דאָס מאָל אַ שמועס טאָן — אַ קשה־עורפּדיקן שמועס. וואָרום, וויפֿיל איז דער שיעור צו וואַרטן?

וואַקלט זיך הענעך אין דער קליינבאָן, וואָס פֿירט קײַן פּיאַסעטשנע.

די הײַנטיקע ערבֿ־סליחות־טעג אין וואַרשע זײַנען פּונקט די אייגענע, ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווי מיט צוויי. הענעך האָט אַ גוטן זיכרון:

די לופֿט —אַ בײַסיקע, אַ שטעכיקע. אומעטום, ווו אַ בוים וואַלגערן זיך צעטרעטענע בלעטער, וואָס דערציילן, אַז דער זומער איז שוין אַוועק. ממש שוין. און זעלדע און הינדע — אַ רחמנות אויף זיי: ביידע קרועה־בליעה, ביידע — אָן אַ ווינטער־מלבוש אויפֿן לײַב.

אַזוי יעדעס יאָר.

און מיט די אייגענע מחשבֿות פֿאָרט ער אויך צום רבין איצט.

די קליינבאַן וואַקלט זיך, פּײַפט און וואַקלט זיך. אַזוי פילט זיך אויך הע־נעך, ווען ס'אַנטפּאַלט אים דאָס האַרץ, דער הונגער שטיקט שוין.

**
*

מיט אַן אייגענעם אויטאָ קומט פון וואַרשע, אין די סליחות־טעג, פיניע על־קעם — דער פאַבריקאַנט. אַ ברייטער, אַ הויכער — אַ חצי־גלות. דער רבי איז אים שטענדיק מקבל באהבה. ווײַל פיניע, חוץ וואָס ר'איז מקורב אין רבינס הויף, איז ער אויך אַ גרויסער נדבן. אַלע ווייסן דערפון. פיניע שטיצט דעם רבינס הויז; פיניע: אויף זײַן חשבון שפּאַצירן איצט אַרום די בחורים אין רבינס סאָד. ער זוימט זיך אָבער נישט לאַנג. פאָרט צוריק, כדי צו קומען אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל, אַזוי ביז סאַמע ערב ראש־השנה, ווען ער קומט און פאַרבלײַבט ביז איבער יום־כיפור.

הײַנטיקס מאָל האָט ער זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער.

די בחורים האָבן אים געזען אַרומשפּאַצירן מיטן רבין צווישן די שמאָלע סאָד־שטעגלעך, באַקוקן די צײַטיקע ביימער, די קרויטן און פּאָמידאָרן. דערנאָך איז דער רבי אַרויף צו זיך אין חדר און פיניע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן טאַק־סע, אַרויסגעפאָרן פון רבינס הויף, איז מען געוואָר־געוואָרן: הענעך איז אויפ־געריכט. אַן אַנדערער מענטש געוואָרן.

אַנדערש איז געוואָרן זײַן זיצן בײַם טיש, צווישן די בחורים, אַנדערש האָט אויסגעקוקט זײַן סליחות־זאָגן.

הענעך האָט גענומען אַרויסווײַזן התקרבות מיט איטשען, דעם בית־המדרש־בחור, געקוקט אויף אים מיט אַ טאַטעשן בליק, אים געבעטן, נישט איבערצולאָזן גאָרנישט אין טעלער, ר'זאָל אויפעסן אַלץ, וואָס מ'דערלאַנגט פון רבינס הויז.

— עס, איטשע, עס, נעם־צו כוחות.

הענעך און איטשע — ווי צוויי גלײַכע ברידער. בלויז בײַם בחור זײַנען די האָר אַ קאָפּיטשקע שיטערער, ווײַכער. און ביידע זאָגן זיך „דו", ביידע — חסידים בײַם רבינס טיש.

איז הענעך צופרידן:

פיניע וועט אויסקלײַבן דעם בחור, אים געבן קעסט. אַך, טאַטעניו זיסער, אַ לויב דײַן ליבן נאָמען! הענעכס קול איז געוואָרן אַנדערש ווי ביז איצט. זײַן גאַנג — ווי בײַ אַ חתן־בחור. קאָן דען ווער אָפּשאַצן די ניסים פון בורא־עולם. עס ווענדט זיך בלויז אָן שליח. און דער שליח איז געווען — רב קלונימוס־קלמן, דער רבי פון פּיאַסעטשנע.

— הערסט, הענעך — האָט דער רבי ערב ראש־השנה בײַנאַכט אַרויפגער־

רופן צו זיך דעם קרעמער, — זאָלסט היטן דעם בחור, למען השם, אַ כולו תמים, אַן אבן טוב.

— אַן אבן טוב — האָט הענעך מסכים געווען — אַ נס לכבוד ראש־השנה.

וואָלט אַזאַ נס געקאָנט טרעפן אויך אין וואַרשע? ניין. נאָר דאָ, אין פּיאַ־סעטשנע, אין רבינס בית־המדרש, האָט געקאָנט אַזוינס טרעפן:

פּיניע דער פאַבריקאַנט קומט מיט זײַן אייגענער טאַקסע; פּיניע דאַרף אויס־קויפן זײַנע זינד, וואָס ער איז אַ נגיד און הענעך אַ קבצן. האָט דאָס געדאַרפט געשען נאָר מיטן רבינס הילף. יאָ. קיינער קאָן נישט באַווײַזן אַזוינס.

— אַ שנה טובה ומתוקה!

ווי דען? קאָן דען זײַן אַ זיסער יאָר, ווי אויסגעבן הינדען, אַוועקגעבן זי צו אַ מאַן?

דער רבי נעמט פירן „טיש". עולם קלעפּט אַרום די ווענט, קלאַמערט זיך גאַרטל אַן גאַרטל, צוזאַמענגעבונדן — אַ פעסטונג נישט צו רירן פון אָרט.

— און יאַם־בים־באַי און יאַם־באַם־באַי! —

הערט זיך אַ דין ניגונדל, אַ צינענדיקס, וואָס שנײַדט זיך אײַן אין מוח, קײַקלט זיך איבער שוויצנדיקע ווענט פון גרויסן בית־המדרש.

— הערסט — רוימט אײַן הענעך איטשען אויפן אויער — הער, הער.

— וואָס הערסטו? — רײַבט דער חתן זײַן ווײַך בערדל אָנעם מחותנס שטערן.

ביידע הערן זיי ס'ניגונדל, אַפילו דער חסיד זאָל נישט זינגען בײַם רבינס טיש וועט הענעך אַליין אַרויסברענגען פון זיך דאָס דאָזיקע געזאַנג, וועט עס אַליין אַרויסזינגען פון אים — אַ מתיקותדיק זמרל...

2

דעם רבינס בית־המדרש טינקט זיך אין שפּעטן בין־השמשות. פון דאָ און דאָרט — אַ פאַרדבקהטער קרעכץ. אַ התלהבותדיקער ברום, וואָס ווערט צעשוווּ־מען צווישן דער צונויפגעדרענגטער חסידים־מאַסע, וואָס איז אײַנגעקוועטשט אַרום דעם לאַנגן טיש. איינער אויף איינעם — שווײַסיקע, אַטלאַסענע יופּיצעס, פּײַכטע קאַלפּיקעס; הענט איבער אַקסלען פאַרפלאָכטן אין באָרד־און־פּאות; האַ־ריקע פּנימער אײַנגעדושעט, מיט אָנגעשטרענגטן געהער, צום אויבן־אָן, צום טרייסלדיקן שאָטן דעם רבינס:

— ידיד נפפש אב הררחמן...

און ווידער שטיל, אַן אײַנגעהאַלטענע שטילקײַט, וואָס פאַרקלעמט דעם אָטעם, די פאַרע אין מויל.

שא. דער רבי האָט התרוממות. איז פאַרדבקהט אין דער מלכה שבת. אימתא דמלכתא.

און ווידער שנײַדט־דורך דעם געדיכטן חלל אַ געבעט אַזאַ, אַ התנצלות פון רבינס ווינקל, אויסגעפילט מיט שטרענגער עניוות:

— משששוך עבדך אל רצצונך.

און ווידער אַ הפסקה. דעם רבינס עקשנות איז שטאַרק. ער וועט נישט אָפּטרעטן פון ס׳זײַניקע, וועט נישט לאָזן אויף הפקר די חסידים, וואָס זײַנען צונויפגעהאַפטן אין איין גוף, אַרײַנגעפלאָכטן אין זײַן ספר־היוחסין.

די מאָסע קעפּ וואַרט. ביז צו ליכט־אָנצינדן, ביזן צוזאַמענטרעפן זיך מיטן עולם־התוהו איז נאָך צײַט. זאָל זשע זיך די דאָזיקע צײַט ציִען וואָס־לענגער, וואָס שפּעטער — דער תענוג־שבת דרינגט־דורך מיט מתיקות — די לעצטע רבקותדיקע שעה ערב באַגלייטן די מלכה צו איר מנוחה.

שבת־קודש. די נשמה־יתירה רוט נישט. ס׳א שעת־הכושר. נישט בחינם ני־דערט זי אַראָפּ אויף איין טאָג במשך דער וואָך, נידערט אַרײַן אין די טיפענישן פון מענטש. טאָר נישט די דאָזיקע טירחה גיין לאיבוד. ווײַנט זי, די שבתדיקע נשמה, בעט אין אירע לעצטע לעילאַדיקע מינוטן פאַר דעם אומבאַשיצטן מענטש, מיט וועלכן זי האָט זיך מתדבק געווען במשך דעם שבתדיקן טאָג.

פילט מען אַרום דעם רבינס טיש, מ׳פילט בפועל־ממש דאָס אַרומשוועבן פון נשמות, נשמות־יתירות, איבערן רבינס מזבח — דעם טיש זײַנעם — צווינגען אים ר׳זאָל זיך מיט זיי משתתף זײַן, זאָל נעמען אַ הבטחה פון דער מלכה:

—ירוץ עבדך כמו אאאיל... להההשתחוות...

און שוין.

און פּלוצלינג:

דער מענטשן־קנויל נעמט זיך באַוועגן, עפנט אין זיך אַ שמאָלע שפּאַרע, לאָזט דורך דעם שמש מיט אַ פּולמעסיק אין די הענט.

דער רבי מאַכט די לעצטע הכנות ממלא צו זײַן די שבתדיקע סעודה.

קלאַפּן הערצער פול מיט פּחד, טרײַסלען זיך: ווער וועט האָבן די זכיה, האַ, ווער? קראַמפּן זיך פינגער אַרום דעם רבינס לעצטער שבתדיקער סעודה, באַוועגן זיך איבערן פּולמעסיק: אָט וועט אַ חלק שיריים אַרײַנפאַלן אין דעם אָדער יענעמס האַנט. אָבער דער רבי אײַלט זיך נישט. נאָך ווײַט ביז אָנצינדן אַ ליכט. און מיט די זמירות איז נאָך נישט פאַרענדיקט. קנייטשט ער די פינ־גער צווישן פאַרדאַרטע פלייש־צויטן, איז מכוון כוונות.

דערמאָנט זיך אָן עפּעס דער רבי. ער פאַרדעקט מיט די הענט דעם פּול־מעסיק, הייבט אויף דעם קאָפּ איבערן טיש, צעגלאַנצט די אויגן אינעם בין־השמשות:

— איטשע משששהס!

נעמט זיך דער געדיכטער קנויל באַוועגן. ס׳רײַסט זיך אַרויס פון אים אַ פּײַכט שטיק, אַ בחור אַזאַ: איטשע משהס. ער האַלט דעם רבינס האַנט אין זײַנער — עטלעכע פלייש־שטיקלעך, שיריים פון רבינס טיש. איטשע פאַרקוועטשט זיך ערגעץ אין ווינקל, צעעפנט די האַנט און לייגט אין מויל אַרײַן פעדעמל נאָך פעדעמל. און אַז אַ ידיד בעט אַ כזית, פאַרשטעקט ער זיך טיפער אין ווינקל. פאַרדבקהט זיך דאָרט.

איטשע משהס איז חתן־בחור, יחסן בײַם רבינס טיש. אַ קליינער, אַ דאַרער, מסוכנדיק פרום, — איטשע חתן. דער נאָמען שטעלט אים העכער פון זײַנע חברים בײַם רבין. אַ חתן־בחור איז ס׳אייגענע ווי אַ בכבודיקער חסיד. אויך ער קריגט שיריים. און באַזונדערס — איטשע. מיט זײַן חתנשאַפט האָבן זיך אַלע געגרייסט — דער רבי און די חסידים.

אין דער טיר־עפענונג, וואָס פירט צו דער קיך, האָט געגומען צאַנקען אַ ליכט־פלעמל. דער שבת איז פאַרענדיקט. באַלד וועט מען מבדיל זײַן בין קודש לחול. מע־ריב. מלווה־מלכה. עולם רוקט זיך פונאַנדער. דער רבי גלײַכט זיך אויס. זײַן באָרד־און־פאות, פּנים, אויגן, אַלץ אויף אים איז דורכגעדרונגען מיט קדושה.

דער רבי רב קלונימוס־קלמיש פון פּיאַסעטשנע.

דאָס שמאָלע קאָרידאָרל, וואָס פירט צום רבינס חדר, איז פול מיט ווײַבער, וואָס וואַרטן אויף אַ רפואה, אויף אַ זיווג־טוב פאַר קינדער, אויסצוגעבן אין נחת.

אַטלעס און סאַמעט שוועבט פאַרבײַ פון טיש צום חדרל. דער רבי שטעלט אָפּ זײַן בליק אויף איטשען:

— נאָך מעריב זאָלסטו אַרײַנקומען צו מיר.

זײַנען די דאָזיקע ווערטער, דעם רבינס, געגנוג געווען פאַר איטשען, ר׳זאָל זיך פאַרשטעקן אין אַ ווינקל, זאָל טראַכטן, וועלן דערגיין די כוונה אין רבינס ווער־טער:

וואָס האָט ער אים צו זאָגן?

***

אײַנגעשטאָכן די אויגן אין אַ קופּע „קוויטלעך“, זיצט דער פּיאַסעטשנער רבי. זיצט אַ פאַרטועגער אין ייִדישע צרות — פאַרשריבענע אויף פּאַפּיר־פּאַסיקלעך, וואָס בעטן בײַ אים אַ ישועה:

רפואה־שלימה לחולנית...

ישועה במהרה לבעלי...

זיווג טוב לבתי...

פּאַפּירלעך, אויסגעפּילט מיט דאגות, מיט צרות פון יידן, וואָס זיינען געקו־מען צום רבין מיט דער פולער זיכערקייט, אַז — פריער זיין ליבער נאָמען — דער רבי מוז העלפן און קאָן העלפן, דער רבי פון פיאַסעטשנע.

אַלע זיינען זיי יידן, קינדער פון איין טאַטן; אַלע מוזן געהאָלפן ווערן; איט־לעכער אויף זיין אופן: וועמען אַ רפואה פאַרן גוף און וועמען — פאַר דער נשמה. און ביידע — גוף און נשמה — זיינען מתיחדין לעילא באחד, ווערן פאַררעכנט אין די היכלות ווי איינס — איין שטיק קדושה...

— נו, אַלטער, האַ?

— האַ, רבי? — איילט דער משמש צום רבין.

— ווו איז איטשע? לאָז מיר אַריין דעם חתן.

דער רבי וואַרט אויף איטשע משהס. אַ בחור פון אַ פּראָסטער היים. פּראָסטע טאַטע־מאַמע. אַ געהייליקטע נשמה. דאַרף מען זי מתלבש זיין מיט אַ זיידענעם לבוש — מתיחד זיין מיט הענעכס טאָכטער...

דער רבי באַוועגט זיך פון טיש, באַטאַפּט, מיט אַ ווייכן בליק, איטשעס האָ־ריקע באַקן, זאָגט מסקנהדיק:

— אם ירצה השם... וועסטו גיין צו דער חופּה מיט הענעכס טאָכטער... אַ זיווג טוב...

***

המבדיל.

עולם זינגט.

— זרעינו וכספינו, יאַמבאַמביי, באַאַם־באַי!

איבערן לאַנגן בית־המדרש־טיש לעקן קנייטלעך דעם חלב פון צעהיצטע ליכט־לעך. שפּייען אים אויס אַרום זיך אינעם צעגאָסענעם ווין נאָך הבדלה. דער גרוי־סער עלעקטרישער לאָמפּ שטעכט דורך מיט זיינע שפּיזלעך באָרד־און־פּאות, צע־העלטע פּנימער, אויף וועלכע ס'צייכנט זיך אומעט פון אָנקומענדיקער וואָכע־דיקייט:

...כספינו ירבה כחול וככוכבים... הוי־אוי־יוי... בלילילה...

דער רבי קומט אַרויס פון זיין חדר.

מלווה מלכה.

און ווי ביי יעדער מלווה מלכה, אויך היינט: איציק טשערניאַקאָווער איז משמח דעם עולם:

— פעלטע־באַלעגאָלע וועלעך היינט פאַרשטעלן, צ'הערט עולם, פעלטעעע!

באַוועגט זיך אויפן לאַנגן טיש אַ באַבערדלטער יונגערמאַן, געוויקלט אין זייד און סאַמעט, בליצט אַרום זיך מיט פריילעכע אויגן, דערזעט איטשען:

— נו, וואָס שטייסטו ווי אַ מטושטש? קריך אַרונטער אונטערן טיש, גיכער! לאַכט איטשע מיט זײַן חתנשאַפט, האָט הנאה, וואָס איציק ליגט איז אַנגע־פילט מיט חדווה, וועט זײַן אַ גאַסט אויף זײַן חתונה.

— פּעלטעעע! — רײַסט זיך אַרויס אַ הילכיק געשריי פון איציקן, און עס קײַקלט זיך פונאַנדער איבער שוויַיסיקע קאָלפּיקעס אין בית־המדרש.

אונטערן טיש ליגט איטשע, אַ פאַרשטעקטער צווישן קני און שטיוול, אַ באַ־גאַסענער מיט שווייס: הײַנט ענדיקט זיך זײַן חתנשאַפט בײַם רבינס טיש; פריי־טיק גייט ער צו דער חופּה. דאַרף ער טאַקע איצט פאַרבעטן דעם עולם אויף זײַן שמחה.

שרײַט איטשע אַרײַן אין אַ טיפן שטיוול:

— יאָ, יאָ, שוין, כ׳שפּאַן שוין די פערד...

אַ פאַרשטיקט קול, וואָס קומט ווי פון מרחקים און וואָס דאַרף הייסן אַז ער, פּעלטע באַלעגאָלע — איטשע חתן — ליגט ערגעץ אין אַ שטאַל, פאַרעט זיך אַרום פערד, מאַכט הכנות אוועקצופאָרן ערגעץ אין מרחקים. האָט עולם הנאה פון איציק טשערניאַקאָווער, וואָס האָט צו יעדער מלווה מלכה אַ חתן פון רבינס בחורים, האָט וועמען אַרונטערצושטופּן אונטערן טיש, אײַנצושפּאַנען אין זײַן פּעלטע.

און אַז די מלווה מלכה פאַרענדיקט זיך ווייסן אַלע — דער חתן ווערט אויס־חתן, ווערט אַ ייִד מיט ייִדן גלײַך.

— מזל טוב, איטשע, מזל טוב, — ווינטשט מען דעם חתן נאָך זײַן אַפּער־קריכן פון אונטערן טיש — מען זאָל האָבן פון דיר פול נחת!

— אמן — גלאַנצט איטשע מיט זײַן שווייסיקן שטערן, ר׳איז מסכים.

און מסכים זײַנען אַלע: דער רבי און די חסידים, דער צעהעלטער לאָמפּ און די טריפנדיקע ליכטלעך — אַלע גייען זיי אַ טרייסלדיקן ריקוד, באַגלייטנדיק די מלכה שבת:

— אַ גוטע וואָאָך!

— אַ מזלדיקע וואָאָך!

ד

פּנחס בּיזבּערג

לוי יצחק בּאַרדיטשעווער

פֿאָלקשפּיל אין דרײַ טײלן און פֿופֿצן בּילדער

ערשטער טייל:

פינסקער תקופה

לב טוב

בילד איינס:

ייִדן קוקן אויס אויף אַ ישועה

בילד צוויי:

לוי־יצחק צוריק פון מעזעריטש

בילד דריי:

לוי יצחק לערנט מיטן פאָלק תורה

בילד פיר:

בטחון

בילד פינף:

אויפן וועג קיין באַרדיטשעוו

פערזאָנען:

קרעמערקע
סענדער
צלבה־לאה
פראָים־צדוק
שטאָט־ליץ
בעל־עגלה
טרעגער
שניידער
שוסטער
הערש וואַסערטרעגער
אַרענדאַר
מוכר־ספרימניק
יעקב אהרן שקלאָווער
משולם פייוול בערטשינער
גנענדל
סאָסעלע
ישראל פרנס
לוי־יצחק
דער מוסר־זאָגער
מאירקע
פאַסטוך
חדר־ייִנגלעך

אָרט: פינסק, אַרום 1771

בילד איינס

יידן קוקן אוים אויף אַ ישועה

אַ פלאַץ בײַ אַ שיל. הילצערנע שטיבלעך, אפגעפּאַרבטע און אפגעבליאַקעװעטע טורליעז זיך איינס צום אַנדערן. אויף די פּראַנטן פון די הײַזקעס — שילדן מיט עמבלעמען פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס: אַ שטיװל, אַ בלעכענער עמער, אַ געגדזענע פעז, אַ ברויט, אַ היטל. תמוז. די פענצטער און טירן אויפגעפּראַלט. עס הערן זיך קולות און געזאַנגען. צום שטאַרקסטן איז ס׳קול פון אַ מלמד, וואָס לערנט מיט זײַנע תלמידים:

„...וידבר, און ער האָט גערעדט, אַדושם, גאָט, אל, צו, משה, משהן, לאמר, אַזוי צו זאָגן. דבר, רעד, זאָג, ייִנגעלע, רעד, רעד, אל, צו, בני, קינדער, ישראל, פון ישראל, ואמרת, און דו זאָלסט זאָגן, אליהם, צו זיי, לאמר, אַזוי צו זאָגן, איש׳ אַ מאַן, או אישה, אָדער אַ פרוי, כי, ווען, יפלא, וועט טון טראַכטן... זאָג, ייִנגעלע, וועט טון טראַכטן...”

פאַר איינעם פון די הײַזקעס — סענדער דער דאָרפגייער און פּראָים־צדוק, אַ מלמד בײַ אַרענדאַרן,ביידע מיט קלומיקעס און שטעקענעס, גרייטע זיך צו לאָזן אין וועג אַרײַן.

קרעמערקע:

(אויף דער שוועל פון קלייטל, ווישט זיך די אויגן) זאָל דיך, סענדער, גאָט אָפּהיטן פון גזלנים אין וואַלד, פון הינט אין פּריצס הויף, פון בייזע בליקן, פון פורעניותן, אמן.

סענדער:

גיב אַכטיק אויף שעפסלען, גיטעלען. שעפּסל זאָל גיין אין חדר בײַ ר׳ איטשעלען.

(אַ פּ)

צלבה־לאה:

(פאַראומערט און פאַרביטערט, פון אַ פענצטערל אַרויס) לאָזט מיך איבער אַ לעבעדיקע אלמנה, מיט קליינע ווערעם...

פראָים־צדוק:

(ווי פאַרענטפערנדיק זיך) צלבה־לאהשי! שוין אויפגעגעסן דעם לעצטן גילדן... איך וועל זען, אז דער ישובניק זאָל דיר שיקן אַ מאָל אַן עוף, אַ ביסל קאַר־טאָפל, מייערן...

(אָפּ)

צלבה־לאה:

שיקן וועסטו, שקרן, דו איינער!

בעל־עגלה:

(קנאַקט מיט דער בײַטש) ייִדן, כ'נעם אַלע מיט, וואָס באַצאָלן טיט, צוויי גיל־דוין אַ פּאַרשוין, אַ בויד אַ פּלאַץ...

שטאָט־לײַ:

פול מיט לעבער...

בעל־עגלה:

צוויי גילדוין אַ פּאַרשוין, מיט די פּעקלעך, מיט די זעקלעך... איילט זיך, פּאַרשוינען!

(צעזינגט זיך)

כ'האָב אין אָסיען אַ פערדל געדונגען,
האָט עס געהירזשעט און געשפּרונגען...

(קנאַקט מיט דער בײַטש, יאָגט אונטער) אַנו, פּאַרשוינען, קומט'ס מיט!

שטאָט־לײַ:

שרײַ נישט אַזוי! וועסט נאָך אויפוועקן אויף די וועגט די פליגן און אויף די דעכער די ציגן. באַלעגאָלע, ליימענער דישל! מײַן עצה, שמײַס דאָס פערדל מיט האָבער און נישט מיט דער בײַטש...

בעל־עגלה:

(וויל אים דערלאַנגען מיט דער בײַטש) אַז מ'שמירט, פאָרט מען... בע, פון דעם מעל וועט קיין ברויט ניט זײַן! פיסגייערס! האָטס מיר און זײַטס מיר

(קנאַקט מיט דער בײַטש און אָפּ)

שטאָט־לײַ:

אין אַ מזלדיקער שעה, ליימענער דישל! פאָר ניט אַרײַן מיטן דישל אין די שבתדיקע לאָקשן!

פון חדר אַרויס הערט זיך ווידער דאָס לערנען פון מלמד מיט די תלמידים: „דבר, רעד, אל, צו, אהרן, אהרנען, ואל, צו, כל, אַלע, בני, קינדער, ישראל, פון ישראל..."

טרעגער:

(מיט אַ שטריק אויף די אַקסלען, בייזלער) טאָג, לאַנג ווי דער ייִדישער גלות...

חלשות, ביטער אין מויל (שרײַט אַרײַן אין אַ געוועלבל) חיה רחל, איך בעט אײַ־
בער אײַער כבוד, גיטס אַ טרינק וואַסער...

קרעמערקע:

(דערלאַנגט אים אַ קוואַרט) אַווא, גיטס נאָר אַ קוק דעם קונה!

טרעגער:

(טרינקט אויס און גיט צוריק די שעפּ) זאָל אײַך השם יתברך באַצאָלן. הלואי, חיה רחל, וואָלט איך געקענט, וואָלט איך רענדלעך בײַ אײַך אויסגעגעבן.

קרעמערקע:

קונים אויף לײַען, באָרגן און פאַרשרײַבן.

טרעגער:

ווען נישט אַ ביסל גוטס, וואָלטן דאָך אָרעמע לײַט פאַר הונגער געפּגריעט.

קרעמערקע:

איר זײַנט פון די אָפּגעבערס. מאַ, אַ ביסל מעל צו פאַרקנעטן אַ פּאָר חלות, פאַר אײַער טשיפּע זלאַטע ווערט תמיד סטײַען.

טרעגער:

אַ גוט הארץ, חיה רחל, איז דאָס טײַערסטע פון דער וועלט. זאָל נאָר משולם־פּײַוול זיך אין מיר דערמאָנען. מאָרגן שיקט ער די פּעלן אין קעניגסבערג. יעמוד, הגביר, משולם־פּײַוול... מײַנע פּלייצעס זײַנען גרייט...

שטאַט־לץ:

דער נגיד בלאָזט זיך און דער אָרעמאַן ווערט געשוואָלן.

שנײַדער:

(באַווײַזט זיך אין אַ טיר, אויפן קאָפּ אַ באַפּעדערט קאַפּל, פּאַדים צווישן ציין, שער אין דער רעכטער האַנט, מאָס אויפן אַקסל) אַז מ'ווערט צוגעוואַקסן צום זיץ... פּש, אַרבעט! איבערניצעווען... זאַלץ אויף קאַשע... אַלטע שקראַבעס...

שטאַט־לץ:

(קרימט אים נאָך) האָט זי גענומען די אַלטע שקראַבעס און געפאָרן צום טאַטן אויף שבת...

שנײַדער:

אַ שאַ, אַ שאַ, לץ, מיט די וויצן אויף די שפּיצן!

שטאַט־לץ:

וואָס דען? ווײַנען זאָל מען, קראַוועץ לפּורים?

שנײַדער:

קוקטס נאָר אָן ווי מ'איז אגיל־ואשמחדיק! אַז גאַנץ פּינסק האָט נישט קײַן פּרנסה. קיין שטיקל חתונה אויף קײַן רפואה. מ'נײַט נישט און מ'באַקליידט נישט.

שטאָט־לין:

די צדיקים האָבן געפאַנגען דעם יצר־הרע...

שנײַדער:

בהמה בצורת פערד, אין זכות פון די צדיקים לעבסטו!

שטאָט־לין:

שנײַדער־וואַנץ, קאַשע־פרעסער!

קרעמערקע:

א שטאָט אָן ברויט. ליגט א שטיקל סחורה — פוילט׳ס... קיינער דאַרף׳ס נישט...

שנײַדער:

קיין שטיקל נײַ מלבוש שוין לאַנג נישט אויפגעניית.

שוסטער:

(קומט ארויס פון א דערבײַיִקער טיר, האַלט אַ אַלטע כאַלעווע אין האַנט, קלאַפּט מיט דער דלאָניע אינעם צעקנייטשטן לעדער) פּרנסה בריוח! פאַרריכטן פאַרפוילט לעדער... צעקריכט אונטער די הענט...

טרעגער:

פּשוט נישטאָ קיין חיונה...

אַרענדאַר:

(זיך צוגעהערט צום שמועס. קראַצט זיך) און איך פאַר קיין מעזעריטש. פון פּריץ נישטאָ שוין קיין כוח אויסצוהאַלטן. ער צאַפּט פון דיר דאָס בלוט, מאַכט פון דיר חוזק... און אייגענע דינגען דיר אויס די אַרענדע...

קרעמערקע:

תמיד, ווען סענדער גייט איבער די דערפער, איז מײַן האַרץ פול מיט פּחד. אַזויפיל הינט פלאַדיען זיי, די גוים...

טרעגער:

הײַזער וואָלט איך געטראָגן, הײַזער אויף מײַנע פלייצעס, אַבי ברויט, און שכר־לימוד...

שנײַדער:

אין די זומפּיקע וועלדער וואָלט איך געגאַנגען, פון כאַטע צו כאַטע, פּויערישע לאַבעס געלאַטעט, אַבי לחם לאכול...

שטאָט־לין:

בײַ אָרעמע לײַט איז אין ברויט דאָ א לעכל...

אַרענדאַר:

די פּריצים טראַכטן צו כסדר נײַע גזירות. די מעלקעדיקע קו גיט זיי אַלץ צו ווייניק מילך...

הערש וואַסערטרעגער:

(קומט אַן פון אַ זײַטיקן געסל מיט פולע עמערס אויף קאָראָמיסלעס). **אַ גוטן תמיד, ייִדן!** (שטעלט אַוועק די עמערס אויפן ברוק) **מים חיים... טרינקט, ייִדן!** (די קוואַרט, וואָס די קרעמערקע ברענגט אַרויס, גייט פון האַנט צו האַנט) **הערן אַ וואָרט, אַ ייִדיש וואָרט...**

אַרענדאַר:

מ׳זאָגט, אַז מ׳וועט טרײַבן פון די דערפער, אַפּנעמען בײַ ייִדן די שענקן, די גוראַלניעס. מ׳זאָגט...

שטימען:

פון וואָס וועלן ייִדן לעבן? — אַזוי לעבט מען דאָך אין רחבות, מ׳שטיינס גע־זאָגט... רבונו של עולם!

אַרענדאַר:

מ׳וואָלט געדאַרפט גיין צו אים, צום מגיד אין מעזעריטש, ער זאָל זיך מיִען, אָפּשרײַען די גזירות.

הערש וואַסערטרעגער:

צו וואָס דאַרף מען מעזעריטש, אַז מיר האָבן דאָ אַ לוי־יצחק? בלויז זײַנס אַ קדושהלע... בעיני ראיתי...

שנײַדער:

לוי־יצחק, ישראל פּרנס׳ אײדעם... מ׳זאָגט...

קרעמערקע:

פון די חסידימלעך, וואָס...

הערש וואַסערטרעגער:

חס וחלילה, חיה רחל. רייד נישט אוים. לוי־יצחק איז אַ זײַל פון דער וועלט...

מוכר־ספרימניק:

(פון אַן ענגן, זײַטיקן געסל קומט אַן אַ קליין מאָגער ייִדל מיט אַ פּיצל בערדל, אַרום די לענדן אַ שטריק, אויף די פּלייצעס אַ גרויסן פּאַק ספרים) **ייִדן, טײַערע ייִדן, עליכם שלום, איך קום פון שקלאָוו, פון שקלאָוו קום איך, פון מעזשיבעזש קום איך, פון מעזעריטש קום איך, פון ליזענסק קום איך, פון סאַסעוו קום איך, נײַע סחורות טראָג איך, מכל טוב, נײַע מעשה־ביכלעך, די מעשה בגימל אחים, דעם שבילי עולם, טײַערע ייִדן, נײַע ספרימלעך ברענג איך, נײַע ניגונימלעך, נײַע געזאַנגען, קויפט אַ נײַ ספרל וועגן אים אַליין, דעם בעל שם טוב זכרונו לברכה... קויפט, קויפט, נײַע סליחות, נײַע תחינות, פון איר אַליין, פון שרה בת טובים פּאַרפּאַסט...**

הערש וואַסערטרעגער:

וווּ וווינט זי, שרה בת טובים? וווּ האַלט זי זיך אויף, די צדיקות? אוי, דאַרף מען זי!

קרעמערקע:
הלוואי וואָלט זי צו אונדז געקומען! טרײסטן אַ יתום, אַפּווישן אַ טרער בײַ אַן עלנטער אַלמנה...

שנײַדער:
אונטערוואַרפן אַ רענדל בײַ אַ לאַטוטניק, בײַ וועמען די קינדער גייען קריעה בליה...

טרעגער:
(צום מוכר־ספרימניק) און איר, ר׳ ייִד, האָט זי אַמאָל געזען, אַזוי פּנים אל פּנים?

מוכר־ספרימניק:
(מיט אַ ניגון) בעיני ראיתי, פאַרטאָג אַקעגן עלות החמה, האָט זי אַרויסגע־שוועבט, אַ געשטאַלטנע, אַ ווײַס־קלאָרע פון יחיאל סמאָלעמאַכערס הײַזקע, און יחיאל סמאָלעמאַכער האָט אַן אוצר געפונען...

הערש וואַסערטרעגער:
(אין התפעלות) שרה בת טובים אליין! שרה בת טובים, דער מגיד און לוי־יצחק, וואָלטן געקענט משיחן אַראָפּברענגען...

מוכר־ספרימניק:
(שאָקלט זיך און מיט אַ ניגון) לוי־יצחק... לוי איז ראשי תבות: למד, וואָו, יוד... לוי איז אַ ייִד פון די ל״ו... בעיני ראיתי...

הערש וואַסערטרעגער:
הייליקער ייִד, וואָס זאָגט מען אומעטום וועגן אונדזער ר׳ לוי־יצחק?

מוכר־ספרימניק:
שײַך צו זאָגן! שמו הולך וגדול, אַ כלי מפואר, אַ בעל מופת...

צלבה־לאה:
(דעם מלמדס ווײַב, מיט חוזק און ביטערניש) דעם גרעסטן מופת וואָלט ער באַ־וויזן, ווען ער ברענגט מײַנעם צוריק אַהיים, ר׳זאָל טראָגן דעם עול...

(עס שפּרײַזן אַרײַן אין געזעמל צוויי ייִדן מיט ברייט־פּאַרקעמטע בערד, די שטאָט־פּרנסים יעקב אהרן שקלאָווער און משולם פײַוול בערטשינער).

יעקב אהרן שקלאָווער:
(מיט רוגזה און חשיבות) מוכר־ספרימניק!

משולם פײַוול בערטשינער:
(מיט ביטול) מוכר־ספרימניקל! ביסט מהנה פינסק מיט דײַנע פּושעותדיקע רייד?

יעקב אהרן שקלאָווער:
(שלעפּט אַרויס פון מוכר־ספרימניקס פּאַק אַ דין ספרל, פאָכעט דערמיט אין דער לופטן) מופתים־שמופתים, שבחים, פון דעם, ווי הייסט ער דאָרטן? אַ ספרצל פון

מעזשיבעזשער בעל שם, דעם מכשף... מיט דער אַ־סחורה איז מען מזכה פינסק...

משולם פּײַוול בערטשינער:

אויב איר, ר׳ ייִד, וועט זיך באַווײַזן אין בית־מדרש מיט דעם ספרצל פון מעזשיבעזשערס שטותים, בין איך אײַך מבטיח, אַז מ׳וועט אײַך אָפּגאָלן אַ האַלבע באָרד און דאָס ספרצל דן זײַן לשרפה!

צלבה־לאה:

קינדער שטאַרבן אין די ווינן, אַלץ איבער די חסידימלעך.

יעקב אהרן שקלאָווער:

די ייִדענע איז גערעכט. אַלץ איבער די מעשׂי תעתועים פון דער כת...

הערש וואַסערטרעגער:

(צום מוכר־ספרימניק) האָט׳ס נישט קיין מורא, הייליקער ייִד! מ׳וועט נישט גאָלן, מ׳וועט נישט ברענען. אָט־די קאַראַמיסלעס וועלן נישט דערלאָזן!

טרעגער:

טשעפּענען אונדזער ר׳ לוי? מיט שטריק וועט מען זיי...

משולם פּײַוול בערטשינער:

איר, בורים, גראָבע יונגען, שווײַגטס! אלא נישט, וועט מלכות אײַך אָנלערנען!

אַרענדאַר:

מ׳דאַרף זיך נישט קריגן, ייִדן!

מוכר־ספרימניק:

(צו די פּרנסים) מ׳דאַרף זײַן געוואָרנט מיט רייד. עמך ישראל וואַרט אויף אַ ישועה פון אויבן... און איר — מיט מלכות?... הייליקע ייִדן ווילן די גאולה אַראָפּברענגען, און איר — אין איין געצעלט מיט אונדזערע נוגשׂים?

אַרענדאַר:

ייִדן, שלום! די סכנה איז פון דרויסן...

יעקב אהרן שקלאָווער:

די צביעותדיקע רייד דײַנע האָבן מיר געהערט. אין פּינסק וועסטו נישט פאַרפירן קיין מענטשן, דו און דײַנע לײַט...

שטאָט־לײַט:

פאַרפירן מענטשן, בענטשן, קענטשן...

משולם פּײַוול בערטשינער:

דו, בעבע נישט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן!

יעקב אהרן שקלאָווער:

נחות־דרגאַם, דרך־ארץ!

שטאָט־לין:

דרך־ארץ פאַר אַן אַלטן שרײַ!

משולם פײַוול בערטשינער:

מ׳וועט אַלעמען פון שטאָט פאַרטרײַבן!

(ביידע מיט רוגזה אָפּ)

שטאָט־לין:

פאַרטרײַבן, פאַרשרײַבן...

מוכר־ספרימניק:

(שׂוקט זיך אַרום פון אַלע זײַטן. נעמט אַרויס פון פּאַק אַ בינטל ספרימלעך, פאַרטײלט זיי צווישן געזעמל). נעמט, ייִדעלעך, דערקוויקט אײַערע נשמהלעך, לייענט וועגן אים, זכרונו לברכה... בעיני ראיתי, אַ ליכט גייט אויף... נעמט, נעמט, אם ירצה השם, ס׳וועט זײַן לייזעכץ, וועט איר אָפּגעבן... איך גיי ווײַטער, ברענגען אַ וואָרט פון אים, אַ ניגון פון אים, בכל תפוצות ישראל... און געדענקט, ייִדע־לעך, אַז ר׳ לוי־יצחק וואַקסט אַ כלי מפואר...

(אָפּ מיט דריבנע שריטעלעך)

(פ אָ ר ה א נ ג)

בילד צוויי

לוי יצחק צוריק פון מעזריטש

א באשיידענע, לאנגע שטוב. דעם בכבודיקן פלאץ פארנעמען פאליצעס מיט ספרים. ביים פענצטער — א הילצערנער טיש מיט צוויי בענק, א שטענדערל. אויף די ווענט — חפצים פון יידישן לעבנשטייגער.

גנענדל די רביצן:

(הינטערן פארהענגל פון שלאף־אלקערל. וויגט איין א קינד. זינגט פרומאויסנעצווינן)

אז איך וואלט געהאט דעם קיסרס אוצרות
מיט זיין גאנצער מלוכה,
וואלט דאס גארנישט זיין ביי מיר אזוי ניחא,
ווי דו ביסט ביי מיר ניחא, מיין ליבט, מיין שיין.
אז איך דערזע דיך,
דוכט זיך מיר, אז די גאנצע וועלט איז מיין.

(צו סאסעלען, לוי־יצחקס שוועסטער, וואס געפינט זיך אין א צווייטן אלקערל, לינקס)

סאסעלע, מיש אוים א ביסל מילך מיט וואסער. אפשר וועט ס'קינד איינשלאפן.

סאסעלע:

(פון אלקערל) באלד, גנענדל.

גנענדל:

(קומט ארוים. א יונגע פרוי נאך דער חתונה) וואס טוסטו, סאסעלע?

סאסעלע:

(פון אלקערל) איך שטיק, איך העפט, חלה־טישטעכלעך, פאר אים א טלית־זעקל.

(קומט אפער פון הינטערן פארהענגל).

גנענדל:

ס'מזל זאל דיר שיינען, ווי די זון אין הימל.

סאסעלע:

(שעמעוודיק) און איך ווייס אפילו נישט ווי ער זעט אוים.

גנענדל:

גאָרעלע. אַ מאַנסביל, אַ תורה־לערנער, אַ גבירס אַ זון, דעם בערטשינערס.
האָסט הצלחה. אַ קלייניקייט: משולם־פּײַוול איז פּירשט ראַדזיווילס פּאַקטאָר.

סאָסעלע:

ווען מ'וואָלט אַזוי פון דער ווײַטנס געקענט אויף אים אַ קוק טון.

גנענדל:

גאָרעלע, ס'עט שוין קומען די צײַט. ווען איך האָב געזען צום ערשטן מאָל לוי־יצחקן, איז ס'חיות מיר אויסגעגאַנגען נאָך אים. אַזאַ זיסקייט אין קול, אַזאַ גוטסקייט אין די אויגן... און איצט שוין נישטאָ קײַן כוח מער צו וואַרטן... ער לערנט תורה אין דער פרעמד... סאָסעלע, ס'קינד וועקט זיך ווידער

(פאַרשווינדט הינטערן פאָרהענגל. מ'הערט סקריפּען אַ וויג און אַ צווינג):

און דו, מײַן קינד, זאָלסט זײַן אַ פרומער, אַ גוטער,
וועט מען זאָגן אויף יענער וועלט:
לאָזט אַרײַן דעם צדיקס מוטער!
שלאָף, מײַן קינד; שלאָף, מײַן קינד,
זאָלסט לאַנג לעבן און זײַן געזונט!

(קומט צוריק אַפּער) ס'קינד איז אײַנגעשלאָפן. (זיפצט) נישטאָ קײַן כוח. ווען וועט ער קומען צוריק, לוי־יצחק?

סאָסעלע:

ר'וועט קומען אומגעריכט, אומגעריכט, גנענדל.

צלבה־לאה:

(שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ דורכן אָפענעם פענצטער) גאָט העלף, רביצן, סאָסעלע, מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ר' לוי־יצחק איז שוין צוריק פון זײַן נסיעה. האָב איך געוואָלט אָפּנעמען אַ גרוס. אפשר האָט ער באַגעגנט אונטערוועגנס דעם שלי־מזל מײַנעם. אַ ריידעניש אין שטאָט... הלוואי זאָל השם יתברך מציל זײַן! קינדער שטאַרבן פון שטיקעניש. די נישט־גוטע האָבן זיך אַרײַנגענאַדיעט אין פּינסק...

גנענדל:

השם ישמרנו.

צלבה־לאה:

אַ שטאָט אַ זינדיקע, פּינסק. דער מוסרניק האָט געהאַלטן שבת פאַרנאַכט אַ דרשה... האָר און נעגל... אַ שטאָט קען אונטערגיין!

גנענדל:

חס וחלילה, צלבה־לאה! לוי־יצחק זאָגט, אַז ע ר, אין הימל, איז אַ דער־באַרעמדיקער...

צלבה־לאה:

אויף אײַער לוי־יצחקן, מיינט איר, רעדט מען נישט?

גנענדל:

גאָט איז מיט אײַך, צלבה־לאה! וואָס קען מען ריידן אויף אזא איש תמים?

צלבה־לאה:

אז א שטאָט רעדט, מוז אין דעם זײַן עפּעס אמת.

גנענדל:

דער רבונו של עולם זאָל זיי מוחל זײַן, די בעלי־רכילות!

צלבה־לאה:

די פּרנסים זאָגן, אַז זינט די חסידאקעס האָבן זיך דאָ אײַנגענעסט, האָט פּינסק נישט קיין רו. דאָס אומגליק איז אויך אונטער מײַן דאַך.

סאָסעלע:

טאַ וואָס האָט דאָס צו טון מיט אונדזער לוי־יצחקן?

צלבה־לאה:

שטאָט רעשט. א קלייניקייט? דער בריסקער אליין האָט אָנגעשריבן א פּאַפּיר, אַז נזהר וזהיר... מ׳זאָגט, איך גלייב עס נישט, אַז לוי־יצחק געהערט אויך צו דער אויסטערלישער חבריא... מ׳זאָגט, אַז זיי זײַנען האַלבע ייִדן...

גנענדל:

וואָס רעדט איר, צלבה־לאה? לוי־יצחק?!

צלבה־לאה:

די וועלט האָבן זיי פֿאַרכישופֿט, די בעל־שם־טובניקעס. אויך ר׳ לוין מסתמא אַרײַנגענאַרט. שטאָט רעדט, אַז דאָס אויסגעדייוועטע מעזריטשער מגידל, צוזאַמען מיט אַנדערע און אײַערן בתוכם, ווילן ענדערן אין גאַנצן ס׳ייִדישקייט... זיך פֿאַררעדט... אוי, די ווייסטע פּרנסה! זײַט מוחל!

(א פּ)

ישראל פרנס:

(לוי יצחקס שווער: א ברייטער, גופיקער ייִד: למדן־שתדלן: שפּרײַזט אַרײַן, עפֿנט ברייט די טיר, באַמיט זיך קענען זײַן טבע צו ריידן מיט א ווייך קול) א גוטן תמיד, טאָכטער, סאָסעלע! וואָס, נאָך נישטאָ? כ׳האָב אָקערשט געזען זײַן שליח־מיוחד. אָנגעזאָגט, אַז די אבידה האָט זיך אָפּגעפֿונען. איצט וועל איך מיט אים ריידן האַרבע דיבורים. לוי־יצחק...

גנענדל:

איך בעט דיך, טאַטע, זײַ לײַטזעליק מיט לוי־יצחקן. ר׳איז א לב טוב.

ישראל פרנס:

לב טוב, שמב טוב! וואָס קומט אַרויס דערפֿון, אַז ר׳איז א קרומער האָקן?

לוי־יצחק:

(אַ הויכער, שלאַנקער יונגערמאַן מיט אַ בלאָנדער, ווייכער באָרד, וואָס ראַמט איין אַ גוט, בלאַס פּנים. אויפן שוועל פון דער שטוב, ווי אַן אורח) גוטן אָוונט. גוטן אָוונט.

גנענדל:

(מיט פריידיקער ליבשאַפט לויפט אים אַנטקעגן) לוי־יצחק, געלויבט דער אייבערשטער, וואָס דו ביסט צוריק. ס'האַרץ האָט אונדז געזאָגט.

סאָסעלע:

שלום עליכם, לוי־יצחק. ווי מיר פרייען זיך!

ישראל פרנס:

(מיט אַנגעכמורעטער תקיפות) זאָלן די ווייבער אַרויסגיין! איך האָב מיט לוי־יצחקן צו ריידן אויג אויף אויג. כ'בעט די נשים.

(די פרויען ציען זיך דורך נישט גערן).

ישראל פרנס:

(זעצט זיך אויף אַ באַנק ביים פענצטער. לוי יצחק שטייט פאַרטראַכט ביים שטענדער)
אַן שום הקדמות, לוי־יצחק! איך פרעג דיך: סאַראַ ווילדע דרכים ביי דיר? אויף וועמען פאַרלאָזסטו זיך מיטן מפרנס זיין דיין בני־בית און ס'רבנות? דיין קעסט־צייט איז שוין לאַנג פאַרביי.

לוי־יצחק:

בכל יום ויום האָב איך אין זינען געהאַט דאָס, וואָס יעדער ייִד מוז אין זינען האָבן: עבודת אלוקים.

ישראל פרנס:

איך פרעג אים בוידעם און ער ענטפערט מיר קלאָץ! בקיצור! הער: איך האָב גענומען פאַר אַן איידעם דעם יאַראָסלאַווער עילוי, נישט קיין מטורפדיקן פאַרשוין, ר"ל. האָסט זיך מצרף געווען צום סאָסעווער פּרא אדם. האָסט עסקים מיט שלעפּוירים, עמי הארצים, הקדש־מענטשן, בעלי־מלאכות... פאַרגעסן לימוד התורה!

לוי־יצחק:

שווער! אַלע ייִדן זיינען באַשאַפן בצלם אלוקים...

ישראל פרנס:

פרעג איך דיך: וווּ איז דיין כבוד התורה? ווי שעמסטו זיך נישט כסדר אומצוגיין מיט בורים, ריקים, נחות־דרגאס? דווקא ישראל פרנסעס איידעם זאָל מבטל זיין ייִדן פון לערנען, פון דאַוונען בכוונה, און אַנשטאָט דעם, לערנען גאָר זינגען, שפּרינגען ווי ציגן און לערנען גאָרנישט, גאָרנישט!

לוי־יצחק:

(שאָקלט זיך ביים שטענדערל, מיט מילדקייט אין קול) זייט ווייסן, אַז סתם לערנען

איז גאָרנישט. לערנען לשם לערנען איז א י ם נישט ניחא. דער בורא־עולם האָט ליב עבודה. טוט א ייִד א מצוה, א גוטסקייט, דער עיקר זײַנען די מעשים בין אָדם לחברו.

ישראל פּרנס:

(טײַטלט מיט כּעס אַקעגן הימל) און פאר א י ם , אויבן, גאָרנישט? דאָס הייסט דאָך סתם לייקענען!

לוי־יצחק:

תורה לא בשמים היא. די תורה איז נישט אין הימל. דער סאמע עיקר איז דער מענטש, דער מענטש!

ישראל פּרנס:

ווי איז מיר! דאָס זײַנען דאָך די רייד פון שמעלקע רידזיווילער! מיט אים האָסטו דאָס געבטלט דײַנע טעג און נעכט בײַ דעם מגידל... האָסטו פּועל־יוצא־געווען אפּיקורסות... טפו!

לוי־יצחק:

מײַן חבר און רבי ר׳ שמעלקע האָט מיר קלאָר געמאכט דעם טײַטש פון איה שוכן מרומים...

ישראל פּרנס:

(דערשראָקן) רעדסט ווי א בר־דעת?

לוי־יצחק:

ר׳ שמעלקע האָט מיר פארטײַטשט דעם איה שוכן מרומים מיט מלא כל הארץ כבודו. אומעטום איז ער: אין הקדש, אין קלייט, אין די וואָלקענעס, אין די גראָזן, אויבן, אונטן, אין מזרח, מערב, צפון, דרום...

ישראל פּרנס:

הייסט עס, די שיכורים, בראָנפן־טרינקערס, זײַנען מסכים, אז ס׳איז פאַראַנען א בורא־עולם?... דאָס ווייסט דאָך יעדער בור האוריתא. צו דעם דאַרף מען ניט זײַן קײַן יאַראָסלאַוווער עילוי.

לוי־יצחק:

בײַ אים האָב איך געלערנט די אמתע מדרגה.

ישראל פּרנס:

יעדער ייִד דאַרף קודם־כּל מורא האָבן פאַרן רבונו של עולם.

לוי־יצחק:

דער רידזיווילער האָט געלערנט, אז הכנעה ברענגט מיט זיך טרויער. הכנעה פאַרקלענערט דעם גלויבן אין די אייגענע כּוחות. דורך הכנעה ווערט מען פול מיט מורא. און א מענטש טאָר נישט מורא האָבן. מיט א געהויבענעם קאָפּ דאַרף דער מענטש ארומגיין איבער דער וועלט.

ישראל פרנס:

הייסט עס, די כת לערנט די מידה פון גרויסהאַלטן זיך?

לוי־יצחק:

בײַם מעזריטשער האָבן מיר געלערנט, אַז דער יסוד פון אַלע װעלטן איז יש־ראל. װען ישראל לײַדט, איז ע ר אויך אין צער. װען זײַנע ברואים האָבן תענוג, שעפּט ער, כביכול, נחת פון זייער הנאה. אַז יידן גייען אַ ריקודל, איז ע ר אויך נהנה פון דער שמחה.

ישראל פרנס:

וואָס איז אויף אײַך אַזאַ שמחה, אַזאַ גדולה? וואָס? אײַער שמעלקע, אײַער מגידל איז גאָרנישט אין גלות?

לוי־יצחק:

ר'ווייסט נישט דעם בעש"טס רייד, אַז די שכינה רוט נישט דאָרט, וווּ ס'איז דאָ עצבות? אָט זינגט דער ליזינסקער, ווען ער איז געוואָרן זייער פריילעך:

האָט ער אויסגעטון דעם טרויער,
און אַרײַנגעגאַן אין טויער,
מיט די פידעלעך די צוויי,
מיט די פײַקעלעך די צוויי.

און דעם ליזינסקערס ניגון איז אין היכל הקודש.

ישראל פרנס:

איך הער דיך אויס מיט סבלנות, מיט דײַנע געזאַנגעלעך, אָבער... תכלית, תכלית!

לוי־יצחק:

מײַן תכלית איז עבודת הבורא.

ישראל פרנס:

פּטרסט מיך אָפּ מיט רייד! לצנות פּראַוועסטו מיט מיר! אַנשטאָט מיר צו ענטפערן, ווער וועט מפרנס זײַן דײַן ווײַב און קינדער...

לוי־יצחק:

ווער ס'גיט דאָס לעבן, וועט געבן צום לעבן.

ישראל פרנס:

איך בין שוין מיד פון טראָגן דײַן יאָך. און נישטאָ מער קיין סבלנות אויסצוהערן די טענות פון די פּינסקער חשובי העיר. יאַראָסלאַוועד עילוי! קהל וויל מיט דיר ריידן. איך וועל שווײַגן.

(צו די אַרײַנקומענדיקע פּרנסים יעקב אהרן שקלאָווער און משולם פּײַוול בערטשינער)

מנהיגים, דק"ק פּינסק, אפשר וועט איר אים מחזיר למוטב זײַן? קומט, קומט נענטער.

יעקב אהרן שקלאָווער:

שלום עליכם, יאַראָסלאַווער עילוי.

משולם פּײַוול בערטשינער:

מיר קומען מיט אַ טענה.

יעקב אהרן שקלאָווער:

מיט אַ האַרבער טענה.

משולם פּײַוול בערטשינער:

בקיצור: מיר האָבן אײַנגעשטימט, זאָלסט ווערן אונדזער מרא דאתרא. נאָר בתנאי, דו זאָלסט זיך נישט משתדך זײַן מיט דער כּת. גייסטו אָבער כּסדר אויף שטרויכל־וועגן...

יעקב אהרן שקלאָווער:

ווי דיר איז באַוווּסט, האָט זיך די עיר ואם בישראל פּינסק נישט משתדך געווען מיט דער באַנדע חסידים. על כּן, זײַנען מיר דיך מזהיר, אַז כּפי מיר האָבן דן געווען לשרפה די חסידישע ספרים, די פּסול־טריפה ספרים, וועלן מיר אויך ניט שאַנעווען די וואָס גייען אין די דרכים פון די אויסגלאַצערס און אונטערשפּרינגערס.

משולם פּײַוול בערטשינער:

יאַראָסלאַווער עילוי, זיי נזהר וזהיר, אַז דאָ אין פּינסק איז ניט שײַך, נישט דעם סאָסעווערס, נישט דעם מגידלס און נישט שמעלקעס נוסחאות.

יעקב אהרן שקלאָווער:

הערט, ר' ישראל פּרנס! נאָר אויף אײַער אחריות איז דער יאַראָסלאַווער עילוי געוואָרן אב בית דין אין פּינסק. און אויב ער וויל געהערן צו די פּושעים...

משולם פּײַוול בערטשינער:

לאַנג האָב איך זיך אײַנגעהאַלטן. אָבער איצט... האָב איך צוריקגעבראַכט די תנאים פון מײַן זון מיט דער בתולה, דײַן שוועסטער סאָסיע. מיטן יאַראָ־סלאַווער עילוי איז מיר אָנגעשטאַנען, אָבער בשום אופן נישט מיט דער כּת פון די אַפּטריניקעס!

(צערײַסט די תנאים).

לוי־יצחק:

וואָס טוט איר, ר' משולם פּײַוול? מבייש זײַן אַ יתומה? די בתולה האָט נישט קיין טאַטע־מאַמע.

ישראל פּרנס:

זעסטו, לוי יצחק, איך האָב דיר געזאָגט כּמה וכמה פּעמים, אַז מיט דײַן התנהגות וועסטו ברענגען אויף דײַן הויז צרות און פּורעניות.

גנענדל:

(שליכט ארײַן שטיל, שטעלט אויפן טיש אַן עפּל) לוי־יצחק, זיי דערוויַיל טועם.
ביסט דאָך אָן כּוחות פון ווײַטן וועג. פּײַניקן א מענטשן אָן דין און אָן משפּט...

(אָפּ אין אַלקערל).

לוי־יצחק:

א דאַנק, גנענדל.

(מאַכט אַ ברכה מיט התלהבות).

משולם פײַוול בערטשינער:

זעט'ס נאָר די משונה־ווילדע העוויות!

יעקב אהרן שקלאָווער:

פּינסק וועט בעזרת השם זיך אָפּרייניקן פון דעם פּסולת. מיר וואָרענען דיך צום לעצטן מאָל.

(אָפּ אין אײַלעניש. ביידע פרויען קומען אַרײַן פון אַלקערל).

סאָסעלע:

(ברעכט אויס אין אַ געוויין).

גנענדל:

(גלעט דאָס מיידל) דער אָב היתומות וועט זיך אָננעמען דײַן קריוודע.

ישראל פּרנס:

לוי־יצחק, האָסט נאָך צײַט אָפּצוּווענדן דאָס אומגליק פון דײַן הויזגעזינט.

גנענדל:

(מיט פאָרוואורף צום טאַטן) דו, טאַטע, ביסט דאָס דער פרומער, דער גערעכטער און לוי־יצחק דער זינדיקער?

ישראל פּרנס:

שווײַג, בהמה! א ייִדענע מישט זיך...

לוי־יצחק:

סאָסעלע, דאָס געוויין פון דעם באַוואָלהמן שפּאַלט די הימלען.

סאָסעלע:

(העשעט).

גנענדל:

(נעמט זי אײַן) לוי־יצחק, בעט אויס פאַר די רשעים אַ מפּלה.

ישראל פּרנס:

שווײַג, בהמה!

לוי־יצחק:

(שאָקלט זיך, מיט צער אין קול) דו ביסט דאָך דער בוחן כּליות. נעם אַוועק דעם כּעס פון מײַן הארצן„ פון הארצן פון מײַן אישה, פון הארצן פון דער

פאַרשעמטער יתומה. ס'וועט קומען צו דיר אין אַ ווייסער, ריינער, שניי־איקער נאַכט, אין אַ שטילער, געבענטשטער, שלווהדיקער נאַכט, שרה בת טובים. גילדענע שיכעלעך וועט זי דיר ברענגען. אַ דימענטן־פינגערל וועט זי דיר אָנטון. אַ טרייסט וועט זי מאַכן אַריינפּליסן אין דיין האַרצן. און דיינע טרערן וועט זי דיר אָפּווישן...

הערש וואַסערטרעגער:

(ביים בייַשטידל) רביצן, וואַסער האָב איך געבראַכט. שוין אָנגעגאָסן אַלע עמערס, אַלע פעסער.

גנענדל:

אַ שיינעם דאַנק, הערש, איך קום דיר שוין אַזויפיל...

הערש וואַסערטרעגער:

דאָס איז מיין גרויסע מצוה, משמש זיין דעם רבין. ער גיט מיר תורה און איך אים פריש וואַסער. רבי, וואָס האָבן אייך דאָ אָפּגעטון די בייזע נגי־דים? איך, איך...

לוי־יצחק:

גאָרנישט. פאַר זיי איז נישט די תורה. די תורה איז פאַר די האָלצהעקערס, פאַר די וואַסערטרעגערס, פאַר די סמאָלע־מאַכערס, פאַר די שוסטערס, פאַר די שניידערס. זיי דאַרפן גאָטס פרישע רייד.

הערש וואַסערטרעגער:

זאָלט איר זיין געבענטשט פאַר שטילן דעם דאָרשט (באַמערקט סאַסעלען אַ פאַרוויינטע) וואָס איז, סאַסעלען? וואָס איז דעם קינד? וואָס האָבן זיי איר געטון, די כלבים?

גנענדל:

דער בערטשינער האָט מבייש געווען אַן אָרעמע יתומה. צעריסן די תנאים. דער צער זאָל גיין קעגן הימל...

הערש וואַסערטרעגער:

רוצחים!

לוי־יצחק:

(מיט פאַרוואָרף) הערש, געלערנט האָבן מיר מחילה אפילו לפושעים...

הערש וואַסערטרעגער:

אָבער אַזאַ גילדענער סאַסעלע אַזוינס אָפּטון! רביצן, ווען איך קען לערנען...

גנענדל:

דו קענסט נאָך קענען, והראיה, רבי עקיבא...

הערש וואַסערטרעגער:

ווען איך קען לערנען, וואָלט איך געקומען צום רבין, וואָלט געזאָגט צו סאַ־סעלען, וועגן סאַסעלען, אַזוי ווי אין שיר השירים...

לוי־יצחק:

(ברומט שיר השירימדיק) הערש, פון קענען לערנען דארף מען זיך קיין מאל נישט מיאש זיין. קודם־כל זיי אן עובד השם באמונה. דערווייל זיי משמש תלמידי חכמים. און פון מדרגה צו מדרגה...

הערש וואסערטרעגער:

לערנען וועל איך טאג און נאכט. טאג און נאכט. ביז די צייט וועט קומען. וועט קיינער מער נישט באליידיקן סאסעלען.

ישראל פרנס:

(מיט רוגזה) מענטשן פון דער כת קען אזא שידוך אנשטיין! דער מרא דאתרא גייט זיך אפשר משדך זיין מיט...

לוי־יצחק:

אבי א נקי כפים ובר לבב.

ישראל פרנס:

לויטער בזיונות האב איך פון דעם יידן! געדענק, לוי־יצחק, וועסט זיך אויס־ריכטן א וויסט יאר פאר דיין עקשנות... די פינסקער וועלן דיך פארטרייבן ווי א משוגענעם הונט, דיך מיט דיין הויזגעזינט, געדענק! וועסט נאך אנ־קומען צו בעטלברויט. און מער וועל איך אייער שטוב נישט איבערטרעטן!

(אפ. קלאפט צו די טיר.)

(פ א ר ה א נ ג)

בילד דריי

לוי יצחק לערנט מיטן פאָלק תורה

אין אַ פינסקער בית־מדרשל. ספרים־שאַפעס פון אַלע זײַטן. אין מזרח־וואַנט שטענ־דערלעך. בײַ די הילצערנע טישן לערנערס. אַ גרופּע ייִדן הערט זיך צו צו די דורכדרינגענדיקע רייד פון מוסר־זאָגער. לוי יצחק שטייט בײַ אַ שטענדער, שאָקלט זיך, ברומט אַ ניגונדל פאַר זיך.

מוסר־זאָגער:

(אַ הויכער, דאַרער ייִד מיט אַ קײַלעכדיקן, שוואַרצן קראַנץ פון אַ באָרד אַרום דעם לענגלעכן פּנים, אויגן גלײַענדיקע, נזירדיקע) רבותי, אַ וועלט כולו זינד. איין עבירה שלעפּט נאָך די אַנדערע, בעונותנו הרבים. ווײ, ווײ, ייִדן, צו דעם, וואָס גע־דענקט נישט, אַז ער איז בלויז אַ שאָטן אויף דער ערד. ווײ צו דעם, וואָס פאַר־געסט אין דער אימהדיקער געשטאַלט פונעם מלאך המות. ווײ צו דעם, וואָס גע־דענקט נישט אינעם צער פון חיבוט הקבר. ווײ צו דעם, וואָס גערענקט נישט אינעם יום הדין און אינעם משפּט פון גיהנום, ווײ צו דעם, וואָס געדענקט נישט אין די מיתות משונות און אין די גילגולים פון דער נשמה. דער גיהנום של מטה איז גרויס און ברייט און פאַרנעמט טויזנטער, טויזנטער מײַל, רבותי! טויזנטער, טויזנטער קעמערלעך האָט דאָס גיהנום, יעדער לויט זײַנע מעשים. ייִדן, האָט'ס רחמנות אויף זיך אַליין. פון יעדער עבירה ווערט באַ־שאַפן אַ מחבל צו שטראָפן דעם רשע. זעכציק מאָל ברענענדיקער איז דאָס פײַער פון גיהנום של מטה ווי דאָס פײַער פון דער ערד.

לוי־יצחק:

(דרייט זיך אויס מיטן פּנים פונעם עמודל) ר' ייִד, וואָס וואַרפט איר אָן אַן אימה אויף תמימותדיקע ייִדן?

מוסר־זאָגער:

(לייגט נישט קיין אַכט אויף לוי יצחקס רייד, ווי פריער מיט פאַנאַטישן גלי) על כן, איז מײַן עצה, אַז די פּושעים, אַפילו במחשבה, זאָלן זיך צוריקקערן אויפן

רעכטפארטיקן וועג, כדי אויסצומיידן די שבעה מדורי גיהנום און דעם כף הקלע. רבותי, קלייבט אויס דעם וועג פון תשובה.

לוי־יצחק:

(געמיטלעך) ר׳ ייד, וואס רעדט איר בייז אויפן פאלק ישראל? א יידיש מויל איז באשאפן געווארן נאר מלמד־זכות צו זיין אויפן פאלק ישראל.

מוסר־זאגער:

(מיט קנאישער רוגזה) דאס מויל מוז מחרף ומגדף זיין די וואס טרעטן אפ פון דער הייליקער תורה!

לוי־יצחק:

(מיט פאראיבל) יידן זיינען די תורה. די תורה איז א גוטע. שרעקט נישט אפ מיט גיהנומס!

מוסר־זאגער:

(כאפט זיך ביים קאפ) ווי געשריגן! די רייד פון דער כת! יידן, ארום אייך ברענט א פייער!

הערש וואסערטרעגער:

(וואס איז געזעסן אין אנדערווינקל פון בית־המדרש מיט עמד, טרעגנערס מיט שטריק ארום די לענדן, קאוואליעס מיט געברוינטע פנימער, מיט געבעט אין קול צו לוי יצחקן)

רבי, מיר בעטן אייך, לערנט מיט אונדז...

שטימען:

א מעשהלע... אן אגדהלע... א שטיקל נחמה... דערקוויקט אונדז!

לוי־יצחק:

(מיט א לייכטנדיק פנים, דערנענטערט זיך צום לאנגן טיש. אויף די בענק זעצט זיך אויס עמד).

מוסר־זאגער:

(מיט קנאישער רוגזה) מעשהלעך גיט זיי, מעשהלעך וואס וויגן איין די קליינע קינדערלעך און גרויסע זינדערלעך... (דרייט זיך אויף און אפ מיט גיכע, בייזע טריטעלעך).

לוי־יצחק:

(ברומט אונטער א ניגון איידער ער הייבט אן זיין תורה)

לאמיר אנהייבן צו דערציילן
די מעלות פון אונדזערע יידעלעך.
די ערשטע מעלה האבן זיי:
אום אני חומה.
די צווייטע מעלה האב זיי:
ברה כחמה.

כאַטש, כאַטש, כאַטש,
גולה וסורה,
פּאַרט, פּאַרט, פּאַרט,
דמתה לתמר.

עולם:

(חזרט איבער)

כאַטש, כאַטש, כאַטש,
גולה וסורה,
פּאַרט, פּאַרט, פּאַרט,
דמתה לתמר.

לוי־יצחק:

דעם ניגון זינגט הקדוש ברוך הוא בכל יום ויום צו זײַן פֿאָלק, וואָרום בנים אתם, בנים אתם, קינדער זײַנט איר צו גאָט ברוך הוא... דער תנא ר׳ אליהו דערציילט: בעת מײַן וואַנדערן איבער דער וועלט האָב איך נישט איין מאָל באַגעגנט מענטשן מיט הויכע מדרגות. ויהי היום, האָב איך אַמאָל געטראָפן אַ וואַרעמען ייִדן. רייד איך מיט אים. זאָגט ער מיר: רבי, צוויי זאַכן זײַנען מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן, תורה און ייִדן... (גייט איבער צום געזאַנג)

די מעלות פון אונדזערע ייִדעלעך,
פון וועמען שטאַמען זיי?
פון קהלות יעקב,
ווי אזוי חתמענען זיי?
רשומים בשמך.
אויף וועמען האַרן זיי?
תמוכים עליך.

עולם:

(חזרט איבער)

תמוכים עליך, תמוכים עליך.

לוי־יצחק:

תמוכים עליך... האָט דער תנא ר׳ אליהו ווײַטער געזאָגט: מענטשן, געוויינטלעך, מיינען אַז בילכערעס פון דער תורה איז גאָר נישטאָ. איך אָבער וואָלט געזאָגט: בילכער זײַנען מיר ליבע ייִדן. ייִדן, כאַטש זיי זינדיקן, רוט צווישן זיי די שכינה. אפילו אויף דעם נביא ישעיהו האָט דער בורא־עולם געהאַט פאַראיבל, וואָס ער האָט זיך דערלויבט צו זאָגן: „איך געפין זיך צווישן אַ פֿאָלק מיט אומרײנע ליפּן". דער בורא־עולם וויל נישט לײַדן, מ׳זאָל אויף זײַנע קינדער ריידן רכילות. ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: בנים אתם, אתם, אתם...

א י נ א ײ נ ע ם

א מעלה האָבן זיי, האָבן זיי,
ההרוגה עליך, געהרגעט וועָרן זיי פאַר דיר,
כאַטש, כאַטש ונחשבת כצאן טבחה,
פאַרט, פאַרט, חבוקה ודבוקה בך.

(עס שפּרייזן אַרײַן מיט תקיפות משולם פײַוול בערטשינער און יעקב אהרן שקלאָווער).

עולם:

(חזרט איבער)

כאַטש, כאַטש, ונחשבת כצאן טבחה,
פאַרט, פאַרט, חבוקה ודבוקה בך.

משולם פײַוול בערטשינער:

(מיט גאווה)

מיר האָבן אײַך מזהיר געווען, מרא דאתרא פון פינסק, כמה פעמים, און איר שטערט ווײַטער ייִדן פון לערנען: זמרלעך... האָפּטשיק־טשאַק... פּורים־שפּילער... כמנהג הכת...

יעקב אהרן שקלאָווער:

קהל צאָלט פאַר תורה, נישט פאַר ביטול־תורה.

לוי־יצחק:

ייִדן דינען צו א י ם מיט שירה.

יעקב אהרן שקלאָווער:

(נעמט אַרויס א פּאַפּיר, וויקלט עס אויף, לייענט) שמעו, בני פינסק. הערט זיך צו צום כרוז פון דער קהלה פון ווילנע, מיט דער הסכמה פון גאון. מיר בעטן אײַך אויסצוראָטן די דערנער פון גאָטס ווײַנגאָרטן, פאַרטרײַבן זיי פון אײַערע געמאַרקן. די פּאַסטוכער פון פאָלק, די חכמי הדור, טרעטן אַרויס קעגן דער כת. און די שענדלעכע געשריפטסן פון די כמו חסידים דאַרף מען פאַרברענען, פונקט ווי מ'האָט מבער געווען בפני כל עם ועדה אויפן זעלוועַר יאַריד די רייד פון כפירה פון דעם פלוידער־ספר „תולדות יעקב יוסף"...

מוסר־זאָגער:

ער, דער בעל שם, האָט געהאַסט גאָטס תורה. זײַנע רייד זײַנען קעגן דער תורה למשה מסיני, פון אלף ביז תיו כפירה, ר"ל. די לומדים זײַנען א ציל פון זייערע סם המות־פײַלן. בני תורה טוען זיי יאָגן, רודפן און בײַסן ווי משוגענע הינט. עמי הארצים זײַנען בײַ זיי מיוחסים...

לוי־יצחק:

ר' ייִד, איר טראַכט אויס בייזס אויף כשרים וחרדים.

יעקב אהרן שקלאָווער:

פינסקער קהל האָט זיך שוין אָפּגעגעבן חשבון פון אײַערע משונהדיקע פּי־רעכצן.

משולם פײַוול בערטשינער:

בעת תפילה — אונטערשפּרינגען, גלאָצן צום הימל, אַרויסלאָזן אויסטער־לישע קולות, ווי חסר דעה...

לוי־יצחק:

דער סוד התפילה. תפילה טון מוז מען מיט אַלע רמח אברים.

יעקבֿ אהרן שקלאָווער:

מיט קאָזשעלקעס? מיט העוויות? דאַווענען אויף עברי־טײַטש?

לוי־יצחק:

קידשאַ ברוך הוא נעמט אָן אונדזערע תפילות ווי אַ טאַטע דאָס שעפּטשן פון זײַן קינד, ווי אַ מאַמע דאָס בעבן פון איר עופעלע. כי בנים אתם. און קינדער ריידן צו זייער טאַטן ווי צו אַ טאַטן.

(אין עקסטאַז)

מלאכים, שרפים ואופנים זינגען,
זינגען און פרעגן זיך: וווּ איז גאָט?
אוי, וויי, זינגען און פרעגן, אוי, וויי,
זינגען און פרעגן...

מוסר־זאָגער:

פּרנסי הקהל, ווײַ געשריגן! איר הערט דאָס אפּיקורסות?

לוי־יצחק:

(ווי פריִער, אין גרויס התלהבות)

זינגען און ענטפערן:
אוי, וויי, איה שוכן מרומים?
וואָס ענטפערט מען זיי?

עולם:

(כאַפּט אונטער)

ענטפערט מען זיי, זינגענדיק און טאַנצנדיק,
נישטאָ קיין אָרט, אוי, אוי,
וואָס זאָל זײַן ליידיק פון אים...

מוסר־זאָגער:

פּרנסי העיר! קיין שום רחמנות! אַרויסטרײַבן! אויסוואָרצלען פון מחנה ישראל!

לוי־יצחק:

כעס, מוסר־זאָגער, איז עבודה זרה. (פּאַרדבקהט) ייִדן, זײַט ווּסן: מיט געוויין קען מען עפענען טויערן און מיט געזאַנג און שמחה קען מען ברעכן מויערן.

מוסר־זאָגער:

פרײלעכע האַלעדריגעס... קלאָגן נישט אויף גלות ישראל... משיח איז שוין בײַ זיי געקומען...

לוי־יצחק:

מיט זינגען און טאַנצן פירן מיר אונדזער מלחמה פאַר אונדזער קיום. נאָר דורך דעם כוח פון שמחה האַלטן מיר אויס דעם ביטערן גלות.

יעקב אהרן שקלאָווער:

וואָס איז דאָ צו פירן ויכוחים? מ׳דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּרוימען פינסק פון דער מגיפה.

משולם פײַוול בערטשינער:

פון הײַנט אָן און ווײַטער נעמט קהל פון דיר אָוועק דעם רשות. דאָס זײַנען מיר דיר געקומען זאָגן.

שנײַדער:

מ׳וועט נישט דערלאָזן. מיר זײַנען אויך קהל!

הערש וואַסערטרעגער:

ווי אַ מויער וועלן מיר שטיין אַרום אונדזער רבין.

שטימען:

ווי אַ מויער! מיר זײַנען אויך קהל!

משולם פײַוול בערטשינער:

אײַך פרעגט מען נישט, עמי הארצים, גראָבע יונגען! זעט׳ס נאָר, ווער ס׳וויל זאָגן אַ דעה אין קהל!

יעקב אהרן שקלאָווער:

לשון באַקומען! מ׳דאַרפ׳ס אָנלערנען...

הערש וואַסערטרעגער:

מ׳עט נישט לאָזן טשעפּען אונדזער רבין.

משולם פײַוול בערטשינער:

ס׳רעדט נאָך (ווײַזט אויף דער האַנטפֿלאַך) אַט־אַ־דאָ זײַנט איר בײַ אונדז! (צו הערשן) אַז מ׳וועט וועלן, קענסטו פאַרפוילט ווערן אין תפיסה. איין פּיפּס צום גובערנאַטאָר.

לוי־יצחק:

הזהרו בדבריכם, משולם פײַוול!

משולם פײַוול בערטשינער:

מיר גיבן אײַך צען טעג צײַט אָפּצורייניקן, דו און דײַן הויזגעזינט, דאָס קהלשע שטיבל. סײַדן דו וועסט בפני כל עם ועדה חרטה האָבן, תשובה טון.

(די פּרנסים אײַליק אָפּ).

צלבה־לאה:

(מיט צעפּאַטלטע האר, רײַסט זיך אַרײַן מיט באַנומענע קולות, גייט גלײַך אויף לוי יצחקן) ווו איז ער? דאָ איז ער! צוליב אים איז מײַן קינד, נעבעך נעגאַנגען פון דער וועלט (שפּײַט לוי־יצחקן אין פּנים אַרײַן און לויפט אַרויס). אָט האָסטו דיר דײַן לוין!

לוי־יצחק:

(נעמט אַרויס אַ רויט טיכל, ווישט זיך אָפּ, דרייט זיך אויס צום שטענדערל און פאַר־דעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט) איך בין דער אישה מוחל במחילה גמורה, רבונו דעלמא כולא, באַשטראָף זי נישט פאַר איר כעס. איר ביטער הארץ האָט צו דעם גורם געווען. איך בין מוחל. (צו דער גאַס, ווי ער וואָלט זיך ווענדן צו די אַוועקגייענדיקע פּרנסים) יידן, איך וועל מקיים זײַן אײַער פּסק־דין. משום דרכי שלום וועל איך אַוועקגיין פון פּינסק. זאָל זײַן שלום על ישראל.

(גייט לאַנגזאַם אַרויס).

שטימען:

אזא עוולה!

הערש וואַסערטרעגער:

(קוקט נאָך מיט ליבשאַפט דעם רבין) איך וועל מיטוואַנדערן אין אײַער גלות בכל מקום, בכל מקום. און תורה לערנען.

(אָפּ)

מוסר־זאָגער:

(הייבט אויף די הענט צום הימל) געלויבט איז זײַן חסד! עס וועט אָפּגעטון ווערן דאָס שלעכטס פון דײַנע געמאַרקן.

(ברומט פײַערלעך, שטראָפנדיק און צוזינגענדיק)

עקביא בן מהלל אומר...

(מורמלט).

אוי, דע, אוי ווײ, דע, מאין באתה ולאן אתה הולך?
אוי, ווײס פון וואַנען דו קומסט און וווּהין דו גייסט...

(פאָרהאַנג)

בילד פיר

בטחון

אין חדשים אָרום. ערב שבת. נאָכמיטיק. דאָס זעלביקע חדר ווי אין צווייטן בילד. לוי יצחק און זיין זון, מאירקע, אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף, זאָגן שיר השירים מיט אַ מתיקותדיקן ניגון. סאָסעלע, דאָס פּנים איינגעצויגן, ביי העפט־אַרבעט, פאַררוקט אין אַ ווינקל.

גנענדל:

(שלייכט אַריין שטיל פון שלאָפאַלקערל, וויל עפּעס זאָגן לוי יצחקן, נאָר האַלט זיך אָפּ, וויל נישט איבעררייסן דעם התלהבותדיקן שיר השירים־געזאַנג, קען זיך אָבער נישט איינהאַלטן און פּלאַצט אַרויס ווי מיט אַ געוויין) לוי־יצחק, לוי־יצחק...

לוי־יצחק:

(רייסט איבער און בליקט אויף) וואָס איז, גנענדל? נאָר נישט עצבות... דער בעל דבר קוקט נאָר אויס אויף דעם...

גנענדל:

לוי־יצחק! ס'דערנענטערט זיך שבת און ס'איז גאָרנישט דאָ אין שטוב אויף שבת. צום ערשטן מאָל...

לוי־יצחק:

בטחון, ביז דער לעצטער רגע. ס'וועט אם ירצה השם זיין אַ שבת מתוך הרחבה.

גנענדל:

ווי אַזוי, לוי־יצחק, אַז קיין פּרוטה איז אין שטוב נישטאָ?

לוי־יצחק:

נישט געדאגהט, ס'וועט זיין. נו, מאירקע, מיין זון: אל תראיני שאני שחרחורת, שזפתני השמש...

גנענדל:

די זון זעצט זיך און לוי־יצחק זאָגט, אַז...

סאָסעלע:

(פלוצים) ברודער, לוי־יצחק, איך וועל דיך פרעגן...

לוי־יצחק:

פרעג, פרעג, סאָסעלע.

סאָסעלע:

פאַרוואָס, אַז ס'קומט צו יסורים זעצט זיך דער אייבערשטער אָן נאָר דווקא אויף אָרעמע? פאַרוואָס ליַידן גערעכטע? פאַרוואָס?

גנענדל:

סאָסעלע איז גערעכט. פאַרוואָס? פאַרוואָס?

לוי־יצחק:

אַזויפיל פאַרוואָסן האָב איך א י ם צו פרעגן וועגן גאַנצן סדר העולם. דעם רשע איז גוט און דעם גערעכטן איז שלעכט. אַלע האָבן געפרעגט. זינט ששת ימי בראשית איז אַזוי. ס'ווילט זיך מתרעם זיַין, ריידן האַרטע דיבו־רים מיט א י ם , אויבן... און אפשר וועל איך דאָס אַ מאָל טון. (צו מאירקען): האָט מען דיך היַינט ווידער באַליידיקט?

מאירקע:

(פאַרשעמט) אין בית־מדרש געציפּט, געריסן, זיך גערייצט מיט מיר. גערופן: חסידאָקל. געפרעגט: ווען מיר וועלן שוין זיַין אויף יענער זיַיט פינסק.

לוי־יצחק:

מצער זיַין קינדער, שלא חטאו, אַ גרויסע זינד. זיַי זיי מוחל.

מאירקע:

(מיט עלוישער ערנסטקיַיט) דאָס איז דער שכר פאַר מצוות?

לוי־יצחק:

אַן אייביקע וועלט־טענה. די גאַנצע וועלט לעבט אין זייער זכות און די צדיקים אַליין באַקומען אַן עוקץ. יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת קול פון באַרג חורב: די גאַנצע וועלט ווערט געשפּיַיזט צוליב חנינא מיַין זון און פאַר חנינאַן איז גענוג אַ טאָפּ האַרטע באָקסערן פון ערב שבת ביז ערב שבת.

מאירקע:

הייסט עס בלויז לעתיד לבוא?

גנענדל:

בלויז יענע וועלט. (פאַרבערעכט די הענט) רבונו של עולם, פאַרשעם אונדז נישט היַינט, מיר זאָלן נישט דאַרפן הונגערן שבת.

לוי־יצחק:

גנענדל, בטחון ביז דער לעצטער רגע. מאירקע, לאָמיר איבערחזרן דעם נעכ־טיקן שיעור. (מישט א גמרא, מיט אַן אויפגעוועקט קול) תנו רבנן, האָבן די רבנן געלערנט: זאָלסט ניט גלוסטן נאָך דעם טיש פון פירשטן, דען דײַן טיש איז גרעסער ווי זייער טיש און דײַן קרוין איז גרעסער פון זייער קרוין, דײַן אר־בעטגעבער איז באַגלייבט צו באַצאָלן דײַן לוין. און ר' יונתן זאָגט: דער וואָס איז מקיים די תורה אין אָרעמקייט וועט ער זי אַ מאָל מקיים זײַן אין שפע. מאירקע מײַן זון, אויף וואָס דאַרף מען מזוני?

מאירקע:

(מיטן זעלביקן גמרא־ניגון) ואכלת ושבעת וברכת, טאַטעניו!

הערש וואַסערטרעגער:

(עפנט מיט דרד־ארץ די טיר. בלײַבט שטיין אויפן שוועל. טראָגט נישט מער די מלבושים פון וואַסערטרעגער, נאָר פון אַ דאָרפגייער) אַ גוטן פרײַטיק, רבי. אַ גוטן, רביצן, מאירקע און סאָסעלע, (אומדרייסט) וואָס מאַכט סאָסעלע?

גנענדל:

הערש איז שוין נישט מער קײַן וואַסערטרעגער? ווו איז הערש געווען די גאַנצע צײַט?

הערש:

אוועקגעוואָרפן די פּרנסה מיט די קאַראָמיסלעס. תורה לערן איך. איבער די דערפער גיי איך. מיר גייען זאַלבעצווייט. איך מיט סענדערן. האַנדלען מיר מיט פלאַקס, מיט פעלעכלעך, מיט אַ זעקל תבואה. און גאָט בענטשט אונ־דזער טועכץ. און וואָס מאַכט סאָסעלע? סאָסעלע ענטפערט נישט?

גנענדל:

אם ירצה השם, זי וועט ענטפערן, זי וועט ענטפערן, ווען ס'וועט קומען די שעה, ווען דו וועסט ראוי זײַן דערצו.

לוי־יצחק:

הערש! אַ סך תורה דאַרף מען לערנען. אַ סך תורה, הערש.

הערש:

(גייט אויף אַ ווײַלע אין פאַרהויז. קומט צוריק מיט אַ פּאַק, וואָס ער דערלאַנגט דער רביצן. גנענדל שלאָגט זיך מיט דער דעה) נעמט, רביצן, נעמט. איך בין דעם רבין אַזוי פיל שולדיק. מזונות האָב איך געבראַכט. גאָט האָט געבענטשט מײַן טועכץ. לחם ודגים ויין לכבוד דעם הייליקן שבת.

לוי־יצחק:

(מיט פאַרוואורף) הערש, האָב איך דיך דען נישט געלערנט, אַז דער וואָס האָט פײַנט מתנות וועט לאַנג לעבן. ווילסטו, הייסט עס, אונדז מקצר זײַן די יאָרן?

הערש:

חס וחלילה, רבי! מיר זײַנען דאָך שותפים. איר — תורה און איך — גשמיות...

לוי-יצחק:

(פאַרדבקהט. הייבט אָן ברומען אַ ניגונדל. וואָס ווײַטער מער אויפגעוועקט. „ישמח משה במתנת חלקו". אַלע בײַזײַענדיקע, אויך סאָסעלע, זינגען מיט).

משולם פײַוול בערטשינער:

(שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ דורכן פענצטער) אודאי... ווי מאַכט מען דאָס אַזעלכע יללות? בײַ די חסידאַקעס... רק, ס'זינגט, ס'זינגט... גיי איך דאָ פאַרבײַ, וויל איך זאָגן, אַז פּינסקער קהל וויל שוין מער נישט וואַרטן.

גנענדל:

מיר וועלן אַוועקגיין. זאָרגט נישט, ר' ייִד...

משולם פײַוול בערטשינער:

ווי לאַנג איז דער שיעור? ס'שטיבל מוז אָפּגעליידיקט ווערן. דער נײַער מרא דאתרא, ר' אביגדור, האָט נישט ווו אַרײַנצוגיין. בין איך אײַך מזהיר, אַז אויב, אם ירצה השם, קומענדיקע וואָך הבא עלינו... וועט עס זײַן מיט געוואַלד... מיר האָבן אַ פּאַפּיר...

לוי-יצחק:

(שווײַגט).

הערש:

זאָרגט זיך נישט, פּרנסים אכזרים! דער רבי וועט בלי נדר ביום שני או שלישי שוין זײַן בדרך צו אַ נײַער קהלה, ווו מ'וועט האַלטן בכבוד אַזאַ רבין...

משולם פײַוול בערטשינער:

דו, שווײַג! וואָרום אויף דיר איז אויך דאָ אַ פּאַפּיר...

הערש:

ס'וועט זײַן אַ גרויסער יום־טוב, ווען מיר וועלן פּטור ווערן אַזאַ שטאָט מיט מוסרים, אכזרים. (וויל זיך לאָזן אויפן פּרנס, אָבער יענער טראָגט זיך אָפּ).

לוי-יצחק:

הערש, נישט מיט כעס. רבונו דעלמא כולא, זײַ זיי מוחל, במחילא גמירא. לאָמיר מקבל זײַן שבת המלכה.

(פאָרהאַנג)

בילד פינף

אויפן וועג קיין באַרדיטשעוו

א תבואה־פעלד. א טײַכל, בײַ דער זײַט א בעריאָזע־וועלדל, אין הינטערגרונט הײַזקעס. לוי־יצחק, גנענדל, מאירקע, סאָסעלע און הערש אויף א שלענגלענדיקן סטעזשקעלע.

הערש:

וועלדל אַרײַן, וועלדל אַרויס.

לוי־יצחק:

דעם באַשעפערס וועלט... קלאָרע טײַכלעך... בשמימדיקע וועלדלעך... ליכטיקע וואָלקנדלעך... עס זינגען זײַנע ווינטן, דאָס שוועלבעלע טוט תפילה, צו אים, א לויב געזאַנג: מלא כל הארץ כבודך...

(א פּאָסטוכס פײַפל, עס הערט זיך א לידל):

וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביסטו!
כלה, כלה, ווי ווײַט ביסטו!
וואַלד, וואַלד ווער אָוועקגענומען,

לוי־יצחק:

הערש, איז גרויס דאָרטן דער פינצטערער וואַלד?

הערש:

גייסט א טאָג, גייסט א נאַכט, גייסט א וואָך, א חודש, אַלץ, אַלץ שוואַרצער וואַלד.

לוי־יצחק:

די פינצטערניש ענדיקט זיך?

הערש:

אוים וואַלד, איז ליכטיק פעלד.

לוי־יצחק:

(מיט אַן אויפשײַנענדיקן פּנים) שוואַרצער וואַלד אָוועקגענומען!
וואַלד, וואַלד, ווער אָוועקגענומען,
וועל איך, כלה, צו דיר קומען.

לוי-יצחק:

א ניגון פון דער גרויסער בענקשאפט, וואס ייִדן בענקען צו דער הייליקער שכינה. דער פאסטוך האט גישט די ריכטיקע ווערטער ווי אזוי צו זינגען. אין דער אמתן מיינט עס אזוי:

גלות, גלות, ווי גרוים ביסטו!
שכינה, שכינה, ווי ווייט ביסטו!
גלות, גלות, ווער אוועקגענומען,
וועל איך, שכינה, צו דיר קומען.

פאסטוך:

(קומט, אין פאדערגרונט) דאברי דין, דאברי ליודי.

לוי-יצחק:

זיי געגריסט, ליבער מענטש! פון וואנען קומסטו?

פאסטוך:

שעפעלעך היט איך. קיעלעך פאשע איך. גאט לויב איך.

לוי-יצחק:

(הייבט די אויגן צום הימל) בורא עולם, אט האסטו דיין ריכטיקן זינגער!

פאסטוך:

אז זונעלע גייט פון טייכעלע אויף, זינג איך א לויבגעזאנג פארן שאפן דעם טאג, פארן ברענגען ליכטיקייט. און אז א רעגנדל פרישט די גרעזעלעך אפ, נעם איך ס'פייפעלע און שפיל אויף אים אוים א תפילהלע אין נאמען פון די שטומע שעפעלעך, פון די שטומע קיעלעך...

לוי-יצחק:

בורא דעלמא כולא! איך בין דיך מקנא פאר דיין שיינעם זינגער.

פאסטוך:

און ווען איך בענק נאך מיין כלהלע, וואס אויף יענער זייט וואלד, דאנק איך אים אויבן פאר די וואלקנדלעך־שעפעלעך...

לוי-יצחק:

בורא דעלמא כולא! דו, דו, דו, וואס דו האסט ארייַנגעלייגט אין אלץ ד יי ן שיינקייט, דו, וואס האסט דער פרוי געגעבן א חלק פון ד יי ן שיינקייט, פון ד יי ן חן, דער שורש איז דאך ד יי נ ע ר, און אפשיין פון ד י ר ...

הערש:

סאסעלעם חן. ביסט מיד, סאסעלע?

סאסעלע:

איך, מיד? ניין, הערשל.

הערש:

נישט ווייט פון דאַנען איז די קרעטשמע, סאַסעלע.

גנענדל:

אַ דאַנק און לויב...

סאַסעלע:

פייגעלעך זינגען, בלימעלעך שמעקן.

הערש:

ווי דו, סאַסעלע.

גנענדל:

אַז מ'וועט, אם ירצה השם, קומען אויפן אָרט, וועט מען אַ חופּה שטעלן.

סאַסעלע:

דער ראַמיאַנעק שמעקט.

פאַסטוך:

(פייפט מיטן פייפעלע) כלה, כלה, ווי ווייט ביסטו!

לוי־יצחק:

מ'דאַרף זאָגן: שכינה, שכינה, ווי ווייט ביסטו!

פאַסטוך:

באַשעפער פון הימל! דיר איז דאָך באַוווּסט, ווי איך וויל דיר דינען ווען דו אַליין זאָלסט האָבן בהמהלעך און דו זאָלסט זיי מיר איבערגעבן צו היטן, איז אַלעמען, גאַטעניו, היט איך פאַר געצאָלט, נאָר דיינע קיעלעך וואָלט איך בחינם געהיט.

(אַפּ פייפלענדיק זיין ניגון)

לוי־יצחק:

(אין דביקות) די זאַנגען, אָנגעפּולטע מיט גאָטס כוח, שורשען צופרידענע. די קוקאַווקע בענקט אַרויף צו דער הייכקייט פון גרינעם שפּיץ סאָסנע. די פּעסטע דעמבעס אין וואַלד בריהן זיך, גרייסן זיך מיט זייער גבורה, דיין גבורה, רבונו דעלמא כולא. די פערדלעך די גלאַנציקע, די זאַטע, טאַנצן פאַר דיר, לויבן דיך, אפילו דער בלויער רויך פון די קוימענדלעך זינגט צו דיר אַ לויב. וועל איך אויך, איך, לוי־יצחק, דיר אַ דודעלע זינגען. אַ דודע־לע, וואָס זאָל איבער דער וועלט אָפּקלינגען. אומעטום דו, דו, דו. מערב — דו, מזרח — דו, צפון — דו, דרום — דו, אויבן — דו, אונטן — דו, פון אַלע זייטן — דו... אומעטום דו, דו, דו... וועל איך דיר אַ דודעלע זינגען, עס זאָל אויף אַלע דורות אָפּקלינגען... דו אין גוטס, דו אין שלעכטס, דו, דו, דו... אוי — דו? שלעכטס — אויך דו? דו? דו? בעט איך ביי דיר, בורא עולם, איך זאָל זוכה זיין צו ווערן דער אומבאַצאָלטער פּאַסטעך דיינער.

(פון דער נאָענט הערט זיך אַ סוויסטשען מיט אַ בײַטש און בעל־עגלהשע זידלערייען)
נו, ריר זיך פּגירה!

לוי־יצחק:
איך בעט דיך, הערש, גיי צו, זע, ווער פּײַניקט עס אַזוי גאָטס אַ באַשעפעניש!

הערש:
(רופט) היי, קומטס נאָר אַהער! מ'דאַרף אײַך האָבן!

אָרענדאַר:
(מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד און שטריק אַרום די לענדן, שווערע יוכטענע שטיוול)
וואָס ווילט איר, וואָס?!

לוי־יצחק:
(בנחת) פאַרוואָס שלאָגט איר אַזוי אַן אָרעמע חיה?

אָרענדאַר:
(מיט מנושמדיקער שטים) אײַער עסק, ר' ייִד?

לוי־יצחק:
ס'איז דאָס עסק פון בורא דעלמא כולא. ס'איז זײַן באַשעפעניש. ורחמיו על כל מעשיו...

אָרענדאַר:
די פּגירה איז אײַנגעשפּאַרט, איך רײַס זיך אונטער די קישקעס, שטופּ דעם וואָגן באַרג אַרויף, קריך אומישנע אַראָפּ, ס'זאָל איר ניט שווער זײַן, און די וויסטע קליאַטשע קוים זי שלעפּט זיך... און די לײַט פון רחמנות מישן זיך אין יענעמס עסקים...

סאָסעלע:
ס'קליאַטשעלע קוים וואָס עס דרעבעט. הויט און ביינער. אפשר איז עס הונגעריק?

גנענדל:
גאָטס באַשעפעניש, ווי איז מיר.

לוי־יצחק:
קודם־כל, ר' ייִד, רחמים! דער רבונו של עולם אַליין האָט דאָך אויך אין זינען יעדעס ווערעמל, מכל שכן...

אָרענדאַר:
ע ר, אויבן, דער בעל־הרחמים, פאַרוואָס האָט ע ר נישט קיין רחמנות? די פּריצים הייסן ייִדישע ווײַבער זיך זעצן אויף ביימער און נאָכמאַכן די קוקאַווקעס, און נאָך דעם שפּילן זיי זיך אין טרעפן אין ציל, טאַקע ממש

מיט א ביקס... מײַנע איז אָקאָרשט געווען אַ ציל, אַ סך בלוט אָפּגעלאָפּן...
טויט־קראַנק נאָכן שפּיל... ווו איז ע ר געווען, דער בעל־הרחמים?

גנענדל:

אוי, ווײ איז מיר! ער וועט העלפן. ער וועט שיקן די רפואה שלימה.

ארענדאַר:

פאַר מיר איז ער אַ צו־להכעיסניק, נישט קײַן בעל־הרחמים. אַ שטוב אָן אַ באַלעבאָסטע איז ווי אַ וואָגן אָן רעדער. מיט מיר האָט דער וואָס אין הימל גאָר קײַן אײַנזעעניש. פאַראיאָרן האָט מײַן יאָסל געטאַנצט פאַרן פּריץ אין אַ בערנפעל, אַזאַ פּריצישע שפּיל. יאָסל איז נעבעך געוואָרן גערירט פון זינען. איצט אײַל איך זיך אײַנצוצאָלן דעם פּריץ די אַרענדע. כ'האָב קוים עטלעכע שעה און דער וועג איז ווײַט. קום איך נישט אין צײַט, וואַרפט ער מיך אַרויס מיט דער חולנית, מיט די בעבעכעס, מיטן משוגענעם זון, מיט די פּיצעלעך, וואָס איך בין זייער טאַטע און מאַמע. וויל די וויסטע פּגירה נים גיין, איכל זי דערהרגענען!

לוי־יצחק:

ליבער ייִד, איך בעט אײַך, וואָס האָט דאָס אָרעמע באַשעפעניש געזינדיקט, אַז אײַך איז ביטער, לא עלינו?

ארענדאַר:

און איך שטיי און טענה זיך אוים מיט די טיפּשים. (קנאַלט מיט דער בײַטש און וויל אַנטלויפן).

לוי־יצחק:

פון כעסן זיך וועט דאָ גאָרנישט אַרויסקומען, ליבער ייִד. איך אַליין האָב אויך געגוג תרעומותן קעגן א י ם . איך קען אַ ייִד, לוי־יצחק, הייסט ער, איז ער נע־ונד. קײַן דאַך איבערן קאָפּ. געיאָגט, באַליידיקט. וועלכער ייִד האָט דאָס נישט זײַן פּעקל צרות? נאָר ס'וועט נאָך בעסער ווערן. איר וועט אָנקומען צו דער צײַט. הערש! דו ווייסט אומצוגיין מיט אײַנגעשפּאַרטע קליאַטשעס. גיי, העלף אים! גלעט זי, טרינק זי אָן, גיב איר אַ פּאָר זשמע־ניעס פרישע גראָז. אויף רחמים וועט דער בורא־עולם ענטפערן מיט רחמים. כוח וועט אַרײַנקומען אין פערדלס ביינער און ס'וועט, אם ירצה השם, האָבן קפיצת הדרך. נאָר מיט גוטסקייט...

ארענדאַר:

(מיט ווייכקייט אין קול און פאַרוויינטע אויגן) הלוואי זאָלט איר מיר קענען העלפן, וועל איך אײַך אייביק געדענקען.

(ער מיט הערשן אָפּ).

לוי־יצחק:

לחיים ולשלום!

גנענדל:

א רפואה שלימה פאַר אײַער װײַב און קינד.

סאַסעלע:

א הײלונג פאַר אַלעמען.

לוי־יצחק:

און א לב טוב.

(מיט דביקות) לב טוב יותר מכולם.

גלות, גלות, װי גרױס ביסטו!
שכינה, שכינה, װי װײַט ביסטו!
גלות, גלות, װער אװעקגענומען,
װעל איך, שכינה, צו דיר קומען.

(פאַרהאַנג)

צווייטער טייל

באַרדיטשעווער תקופה

ישראל צווישן וועלף

בילד איינס:

אין באַרדיטשעווערס בית־דין־שטיבל

בילד צוויי:

צווישן שבת און וואָך

בילד דריי:

דער יאַסניע ווועלמאָזשני פּריץ

בילד פיר:

שרה בת טובים

בילד פינף:

דעם פּריצס גוטסקייט

בילד זעקס:

בחצי הלילה

בילד זיבן:

דער תיקון

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

דער באַרדיטשעווער	שמחה־בעריש
גנענדל — שפּעטער — שרה בת טובים	ברוך ווײַנשענקער
ייִדענע	חנה די גראָדנערין
מיידל	פּריץ
הערש סאָסעלעס	סטרעלעצקי
אַרענדאַר	אַסתּרקע
אַרענדאַרשע	אַברהם ווײַנשענקער

עולם, כלי־זמר א"א

אָרט: באַרדיטשעוו: 1772

בילד איינס

אין באַרדיטשעווערס בית-דין-שטיבל

א רחבותדיקע בית־דין־שטוב, ווי א פּאָליש פון א בית־מדרש. ספרים־שאַפעס, טישן און לאַנגע בענק און אַנלענען. דער אַרײַנגאַנג איז דורך א פּאַרהויז, וואָס האָט א ברײטע טיר מיט צוויי פליגלען. א פענצטער אין גאַס אַרויס פּאַרנעמט א שטיק וואַנט. פּאַרהאַנגען און טירן פירן צו אַלקערלעך און חדרים.

דער באַרדיטשעווער:

(שטייט בײַ א שטענדערל, בײַ דער מזרח־וואַנט. שרײַבט מיט א גענדזענער פּען אויף א לאַנגן פּאַפּיר. דרייט זיך אויס צום אַלקערל, לייענט פאַר דער רביצן) גנענדל, דאָס איז מיר הײַנט אײַנגעפאַלן.

גנענדל:

(פון הינטערן פּאַרהאַנג אפּער) איך הער, לוי־יצחק.

דער באַרדיטשעווער:

(לייענט) הנה ידוע, אַז אַלע וועלטן זײַנען באַשאַפן געוואָרן פון דער וועלטס וועגן, אויף וועלכער דער מענטש טוט דינען גאָט. ערשט דורך דעם מענטשן ווערט גאָט געקריינט מיטן נאָמען מלך, וואָרום צוערשט מוז זײַן דאָס פאָלק, וואָס זאָל דעם מלך האַלטן פאַר קיניג איבער... פאַרשטייסט, גנענדל?

גנענדל:

(שאָקלט צו פרום מיטן קאָפּ).

יידענע:

(קומט אַרײַן דורכן פּאַרהויז, דעקט אָפּ א טעלער) רבֿ, א שאלה.

דער באַרדיטשעווער:

(לייגט אַוועק דעם כתב־יד מיט דער פּען אין א זײַט) לאָמיר זען.

יידענע:

דער פּופּיק געפעלט מיר נישט.

דער באַרדיטשעווער:

(באַטראַכט ס׳עוף אַ ביסל) כשר, כשר.

יידענע:

געלויבט דער אייבערשטער.

(אָפּ)

מיידל:

כ׳וויל פרעגן. אויפן קיך האָט זיך געקאַכט אַ טעפּל יויך, האָב איך געהאַלטן מיט איין האַנט ס׳קינד און מיט דער אַנדערער אָפּגעשוימט, האָט פון פלעשל מילך אַ שפּריץ־געטון אַ טראָפּן.

דער באַרדיטשעווער:

ריינע מילך?

מיידל:

ביי פרומעטן ריינע מילך?

דער באַרדיטשעווער:

כשר.

אַרענדאַר:

(שטייט אַ ווײַלע הילפלאָז און ווייס נישט ווי אַנצוהייבן) איך בין געקומען בעטן, איר, איר זאָלט מיר מוחל זײַן...

דער באַרדיטשעווער:

ר׳ ייִד, מה אנו, איך זאָל מוחל זײַן, ביי דעם מוחל־עוונות דאַרפסטו בעטן...

אַרענדאַר:

רבי, איך האָב נישט געוווּסט... האָב אָנגערירט אײַער כבוד... געזידלט...

דער באַרדיטשעווער:

דער עיקר, דײַן מצב איז בכי טוב?

אַרענדאַר:

געלויבט איז גאָט! נאָך דעם ווי אײַער הערש האָט איבערגעגעבעטן מיט גוטע רייד און מיט אַ זשמעניע גראָז מײַן קליאַטשע איז אין איר אַרײַן אַ נײַ חיות, אירע קאַפּיטעס האָבן אײַנגעשלונגען די מײַלן. רבי, אָנגעקומען צום פּריץ צו דער צײַט. און דער פּריץ איז געווען גוט אויפגעלייגט. ר׳האָט מיך געהייסן זינגען דעם זיידנס מה־יפית, מכבד געווען מיט מעד, געהייסן צוטאַנצן. האָב איך געטאַנצט און געזונגען. און דער פּריץ האָט פאַרלענגערט די אַרענ־דע אויף גאַנצע צען יאָר פאַרן זעלבן מקח.

דער באַרדיטשעווער:

זעסטו, אַרענדאַר, וואָס עס הייסט בטחון?

גנענדל:

(בײַם פאַרהאַנג פון אַלקער) און אײַער פּלוניתטע, אויסגעהיילט?

ארענדאַר:

קיין עין הרע! דער פּריץ אַליין האָט געשיקט צו איר אַ רופא (ווײַזט אויף אַ קויש, וואָס ער האָט געלאָזט בײַם אַרײַנגאַנג) און דאָס האָב איך געבראַכט דעם הייליקן רבין אַ מתנה...

דער באַרדיטשעווער:

ר׳ ייִד, היות איר האָט זיך שוין מטריח געווען, טאָ זײַט מוחל און טראָגט דאָס אַוועק אין בית־מדרש אַרײַן צו די בחורים, די תורה־לערנערס.

ארענדאַר:

רבי, כ׳בעט אײַך, נעמט׳ס צו...

דער באַרדיטשעווער:

אין בית־המדרש אַרײַן טראָגט דעם קויש. דאָרטן זײַנען פאַראַנען נויטבאַ־דאַרפטיקע.

ארענדאַר:

אַ גאַנץ לעבן וועלן מיר אײַך געדענקען.

דער באַרדיטשעווער:

אים אויבן, דעם אל רחום וחנון געדענקט. און אויף להבא: זיי מצליח.

(פאַרטיפט זיך אין אַ ספר).

ארענדאַר:

ס׳גאַנצע לעבן, הייליקער רבי.

(אָפּ)

דער באַרדיטשעווער:

(צו אַן אויסגעמאַגערטן בחור, וואָס איז אַרײַנגעקומען) וואָס ווילסטו שמחה־בעריש?

שמחה־בעריש:

(מיט אַ שטילן קול) אַ תשובה בין איך געקומען בעטן. אַראָפּגעלאָזט בשוגג די תפילין. רבי, וואָס טון?

דער באַרדיטשעווער:

אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים מיט כוונה, מתוך שמחה, נישט מיט קרעכצעניש, שמחה־בעריש.

שמחה־בעריש:

רבי, רבי.

דער באַרדיטשעווער:

וואָס נאָך, שמחה־בעריש?

שמחה־בעריש:

ביינאַכט, אויפֿן נעלעגער, זינדיקע מחשבות, פֿרעמדע מחשבות... אַרײַנגעקוקט במזיד צו חנה דער גראָדנערין אין שלאָפֿאַלקערל... זי האָט מיך נישט געזען, איך זי יאָ... געהאַט הרהורי־עבֿירה...

דער באַרדיטשעווער:

פֿאַריאָג די מחשבות, שמחה־בעריש. אַ ייִד דאַרף נעמען אַ גלעזל בראָנפֿן, אויפֿצוהייטערן דעם רעיון (בדרך הלצה) דו דאַרפֿסט אַ רייד טון מיט זאַנוואַל שדכן, לעבן כדרך הטבע, וועלן די שלעכטע מחשבות ממילא אַוועק.

שמחה־בעריש:

רבי, איר האָט ממש אין מיר אַ נײַע נשמה אַרײַנגעגעבן.

(אָפּ)

ברוך ווײַנשענקער:

(אין די מיטעלע יאָרן, אַ רײַכער פֿאַקטאָר. אין אַ ראַצימאַרענער קאַפּאָטע, גלאַנציקע שטיוול, ברייטן גאַרטל, אַ ברייטער טוך אַרום האַלדז, פֿאַרבונדן מיט צוויי לאַנגע שפּיצן, אויפֿן קאָפּ אַ באַראַנקאַווע היטל ווי די שליאַכטשיצעס; די חשיבותדיקע באָרד אין צוויי זייטן. שפּאַנט אַרײַן, ווי צו זיך אין שטוב אַרײַן, מיט אַ שווערן שטעקן)

אַ גוטן תמיד, רב.

דער באַרדיטשעווער:

גוטן טאָג, גוט יאָר! וואָס מאַכט דער ראש־הקהל?

ברוך ווײַנשענקער:

(אַנגעכמורעט) מ'פֿרעגט וואָס ברוך ווײַנשענקער מאַכט! אַלע ווילן וויסן וואָס ער מאַכט. זאָג איך אײַך, אַז אַלע דאגות פֿון באַרדיטשעווער קהל האָט מען אַרויפֿגעלייגט אויף ברוך ווײַנשענקערס קאָפּ. די גאַנצע וועלט קבצנים, די גאַנצע וועלט שנאָרערס — צו ברוכן! דער פּריץ — דאָ באַרוכאַ! דאַרף ער געלט — דאָ באַרוכאַ! וויל ער גלאַט פֿאַרדרייען אַ קאָפּ — דאָ באַרוכאַ! געלט, געלט, געלט, אַלץ וויל געלט! און די קאָפּשטײַערן צאָלט מען נישט, יחידים צאָלן נישט, קהל צאָלט נישט, אַ וועלט מיט שנאָרערס וויל ברוך ווײַנשענקערן בדיל הדל שטעלן...

דער באַרדיטשעווער:

ביים אײַנמאָנען מס דאַרף מען האָבן אײַנזעעניש. אָרעמע לײַט...

ברוך ווײַנשענקער:

אײַנזעעניש! און ווער האָט אײַנזעעניש מיט מיר? איך וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן, וואָס וואָלט קהל געטון אָן אַ ברוך ווײַנשענקער?

דער באַרדיטשעווער:

יושר. ביי די וואָס האָבן גאָרנישט, דאַרף מען גאָרנישט נעמען.

ברוך ווײַנשענקער:

דער פּריץ וויל פֿון גאָרנישט וויסן. ער וויל געלט, געלט...

דער באַרדיטשעווער:

די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב זײַנען נאַקעט און באָרוועס און ווערן נאָך דערצו באַוואַלדעט פון די שליחים פון קהל, די אײַנמאַנערס פון קאָפּ־שטײַער מאַנען אײַן מיט אכזריות, נעמען צו דעם לעצטן ביסן ברויט, דאָס לעצטע קישן. די גבירים שאַנעוועט מען...

ברוך ווײַנשענקער:

אַן אויסגעטראַכטער בלבול פון די נחת־דרגאָס!

דער באַרדיטשעווער:

דאָס געשרײַ פון די באַדריקטע גייט צום הימל. ס'וואָלט געדאַרפט זײַן פאַר־קערט: די באַדאַרפטיקע וואָלט מען געדאַרפט געבן מתן בסתר. ברוך ווײַנ־שענקער, קענסטו דײַן שכן שבתי מלמד?

ברוך ווײַנשענקער:

וואָסער מלמד?

דער באַרדיטשעווער:

דײַן שכן. אַן עני און מטופל בבנים.

ברוך ווײַנשענקער:

רב, בין איך דען מחויב צו קענען אַלע דרדקי־מלמדים פון גאַנץ באַרדי־טשעוו?

דער באַרדיטשעווער:

טאָ זײַ ווייסן, אַז דער־אָ שבתי מלמד האָט מיט זײַן באַטעמטן „נא כל מידה נכונה" בײַם זכור ברית אַרײַנגעפירט אַלע ייִדישע סליחות אין די שערי שמים.

ברוך ווײַנשענקער:

אַזוי, אַזוי...

דער באַרדיטשעווער:

ברוך ווײַנשענקער! מ'דאַרף קענען דעם שכן. גאָט האָט דיך מזכה געווען מיט אַזאַ עשירות. ביסט אַ נגיד בישראל. דאַרפסטו קענען די נויט פון אַ ברודער.

ברוך ווײַנשענקער:

אײַער בעל־מדרגה קען איך נישט.

דער באַרדיטשעווער:

און דער־אָ שכן דײַנער קען, חלילה, אויסגיין פאַר הונגער און קעלט, אומ־קומען פאַר דער צײַט, ער און זײַנע קינדער, און דו זאָלסט אַפילו נישט ווייסן דערפון.

ברוך ווײַנשענקער:

וואָס דאַרף איך פאַר אים טון?

דער באַרדיטשעווער:

אים אַרײַנשיקן אַ קערצל קאַרטאָפֿל, אַ מאָס מעל, און עוף אויף שבת, אַ ביסל האָלץ, אַ פֿערטל אָקעווױט, כּדי אַזאַ בעל־מדרגה זאָל קענען דינען גאָט מתּוך שׂמחה.

ברוך װײַנשענקער:

איך װעל ממלא זײַן דעם רבס רצון, אָבער בתנאַי, דער רב זאָל טון, װאָס א י ך פֿאַרלאַנג: הײסן אַרױסטרײַבן פֿון שטאָט די בעל־עבֿירהניצע, די שטאָט־פֿאַרפֿירערין, חנה די גראָדנערין.

דער באַרדיטשעװער:

אַרױסטרײַבן? ייִדן טרײַבן?! װאָס איז איר טון? פֿאַרװאָס פֿאַרדינט זי אַזאַ האַרבן גזר־דין?

ברוך װײַנשענקער:

אַ ייִדענע אַן אַלמנה, האָט אַ גאָרקיך, אַ נאַכטלעגער, אַ שײנע אישה, און דאָס איז דאָס אומגליק. אַ שׂרפֿה אין באַרדיטשעװ, רבי! אורחים, װאָס קומען צו איר אין גאָרקיך, פֿאַרגעסן אין דאװנען, פֿאַרקוקן זיך אויף איר, הערן זיך צו צו אירע שײנע רײדעלעך. ערלעכע ייִדן האָבן זינדיקע מחשבֿות...

דער באַרדיטשעװער:

גײ שױן גײ! פֿון װאַנען װײסטו יענעמס מחשבֿות? (רעדט אַרױס אין פֿאַרהױז) שמשׂ! זאָל קומען חנה די גראָדנערין! (צו ברוך װײַנשענקער) מ'טאָר נישט דן זײַן אַ מענטשן שלא בפֿניו.

ברוך װײַנשענקער:

די גאַנצע שטאָט רעדט. װאָס דאַרפֿט איר מער? אַז זינט מײַן אבֿרהם האָט עפּעס טועם געװען אין דער גאָרקיך, האָט ער אױפֿגעהערט צו לערנען און ס'ציט אים צום מקום טומאה, צו דער אישה... דאָס בית־המדרש איז לײדיק און די גאָרקיך איז פֿול. די לערנערס שפּילן אין קאָרטן, רײדן ניבול־פּה, זינגען לידעלעך, גאַנצע נעכט, זאָגט מען...

דער באַרדיטשעװער:

צו װאָס טראַכטן לגנאי? בחורים, יונגע מענטשן... אַ ביסל געלעכטער, אַ ביסל שׂמחה... בחורים געװױנען זיך אַזױ אַרום אױפֿצוזײַן לעבֿודת הבורא... מתּוך עבֿירה קומט מען צו אַ מיצווה...

ברוך װײַנשענקער:

רבי, אײַער געבן גערעכט דער גאַנצער װעלט געפֿעלט נישט קהל.

דער באַרדיטשעװער:

אַ רבֿ דאַרף נישט װעלן אַלעמען געפֿעלן.

ברוך װײַנשענקער:

רבי, איר זײַנט צופֿיל אַ מקיל. דאָס האָט אַרײַנגעפֿירט אין באַרדיטשעװ

הפקרות. אַלץ איז מותר. דער רב וועט שוין מתיר זײַן... די שיטה פון דער כת...

דער באַרדיטשעווער:

מײַן כת איז עם קדושים.

ברוך ווײַנשענקער:

עם קדושים, זאָגט איר? און איך זאָג: עם טמאים! יעדער עם־הארץ ווערט בײַ אײַך אַ חסיד. איינער, וואָס קען אפילו ניט קײַן צורת אות דאַרף נאָר אָנטון אַ זײַדענע זשיפּעצע, מאַכן העוויות — ווערט בײַ דער כת אַ צדיק...

חנה די גראָדנערין:

(שטייט אומדרײַסט אויף דער שוועל פון בית־דין־שטיבל) מ'האָט מיך גערופן, רבי?

דער באַרדיטשעווער:

קהל האָט צו דיר טענות.

חנה:

וואָסערע טענות קען האָבן קהל צו אַן אָרעמער אַלמנה, וואָס האָרעוועט שווער און ביטער, כדי מפרנס צו זײַן אירע פּיצלעך קינדער?

דער באַרדיטשעווער:

מ'זאָגט אויף דיר, אַז דו פירסט זיך אויף שלא כדרך, נישט ווי אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיך אויפפירן. דו ברענגסט כשרים צו נסיונותן.

חנה:

נאָר דער אין הימל ווייס, ווי שווער ס'קומט מיר אָן צו געבן צו עסן מײַנע יתומים. געלויבט איז גאָט, וואָס צוליב מײַן קענען אומגיין מיט מענטשן קומען אין מײַן גאַרקיך אַ סך געסט. אַלעמען נעם איך אויף בסבר פּנים יפות. דאָס פאַרלאַנגט מײַן פּרנסה.

דער באַרדיטשעווער:

הייסט עס, אַז גוטסקײַט נעמט מען אָן פאַר הפקרות. (פאַרטראַכט) חושד זײַן בכשרים איז אַ גרויסער חטא.

ברוך ווײַנשענקער:

און דאָס וואָס דו ביסט קוצעניו־מוצעניו מיט מײַן אברהמען? וואָס ער האָט געלאָזט אַפּגיין דעם שידוך מיטן דובנער מוכסין? דו, דו וואָלטסט זיך גע־דאַרפט שעמען אַרײַנצוקומען אין אַ יידישער שטוב!

דער באַרדיטשעווער:

ברוך ווײַנשענקער!

חנה:

רבי, איך בעט אײַך, באַשיצט אַן עלנטע אַלמנה, וואָס לעבט ערלעך! וואָס בין איך שולדיק, אַז מײַן פּנים איז געבליבן פריש און לײַכטנדיק, און מע־נער קוקן? זאָל איך גיין צוגעדעקט ס'פּנים?

דער באַרדיטשעווער:
חס־וחלילה, איר דאַרפט עס נישט טון!

ברוך ווייַנשענקער:
איך בלייַב בייַ מייַנס: אַ פאַרפירערין איז זי. אַבֿרהמען האָט זי אַ כּישוף אָפּגעטון. ער איז געוואָרן אַ ווייַבערניק און אַ כּופר. (צו חנהן) אַרויס פון דאַנען! אַרויס!

דער באַרדיטשעווער:
ברוך ווייַנשענקער! דער באַשעפער פון דער וועלט לאָזט יעדן איינעם אַרומדרייען זיך אין זייַן געררוימען הויז, אַפילו דעם גרעסטן בעל־עבירהניק, און דו האָסט די העזה עמעצן צו טרייַבן פון אַ הויז, וואָס איז צומאָל נישט דייַנס?

ברוך ווייַנשענקער:
איך בין נישט געקומען דאָ הערן מוסר־דרשות, רבי! איך פון מייַן זייַט וואָלט געקענט די אישה פאַריאָגן פון דאַנען אָן שום טענות ומענות, און נישט דאַרפן אָנקומען צום בעל־מקיל.

דער באַרדיטשעווער:
גזירת הרבֿ, רייד נישט קיין עזותדיקע רייד!

ברוך ווייַנשענקער:
פאַרגעסט נישט, רבֿ, אַז איר זייַנט אַן אייַנגעבעטענער אין באַרדיטשעוו, און איך בין דאָ ראש־הקהל...

דער באַרדיטשעווער:
כּבֿוד התּורה, כּבֿוד המקום...

ברוך ווייַנשענקער:
פּורצי־גדר, כּת־מענטשן איז, אסור, אָפּצוגעבן כּבֿוד! מיר וועלן, בעזרת השם, אייַך פאַרטרייַבן צוזאַמען מיט דער חצופה!

אַרענדאַר:
(קומט צוריק מיטן ליידיקן קויש) רבי, געטון ווי איר האָט געהייסן. געקומען נאָך אַ ברכה פאַרן וועג.

דער באַרדיטשעווער:
גוט האָט איר געטון, ר' ייִד. (צו חנהן) חנה גראָדנערין, זייַט מוחל, וואָס מ'האָט אייַך מטריח געווען, טאָמער האָב איך אייַך פּוגע־בכּבֿוד געווען...

ברוך ווייַנשענקער:
(דרייט זיך אויס אוועקצוגיין, מיט קולי קולות) געדענקט, מיט אַ מיסט־טאַטשקע וועט מען אייַך אַרויספירן פון באַרדיטשעוו. (אַפּ מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר).

אַרענדאַר:

(ווײַל אים נאָכיאָגן מיט דער בײַטש).

דער באַרדיטשעווער:

(האַלט אים אָפּ). מ'דאַרף נישט, אַרענדאַר. דער ייִד האָט לפי שעה אָנגעוווירן דעם שׂכל.

גנענדל:

(קומט אַפּער פון פּאַרהאַנג, באַצערט) לוי־יצחק...

דער באַרדיטשעווער:

דער כּעס און גביר ברוך ווײַנשענקער האָט שוין ווידער גערעדט עזותדיקע רייד כּלפּי מקום. רבונו דעלמא כולא, זײַ אים מוחל! גנענדל, דאָס איז חנה די גראַדנערין. האָסט מסתמא געהערט מאחורי הפּרגוד איר עוולה? איז, ווי מיינסטו, גנענדל, אפשר וועלן מיר מזווג־זיווגים זײַן? ס'איז מיר אײַנגעפאַלן.

גנענדל:

מיינסט אפשר לוי־יצחק דעם פּרוש שׂמחה־בעריש?

דער באַרדיטשעווער:

כ'לעבן, ביסט אַ חכמה גנענדל.

גנענדל:

(געשמייכלט) מיט חנה גראַדנערין...

דער באַרדיטשעווער:

חנה גראַדנערין! נישט גוט צו זײַן אַליין, בפרט פאַר אַן אישה. לכן איז עצתי: זײַט מקרב אַ בחור, שׂמחה־בעריש הייסט ער, אַ למדן, אַ לב טוב. זײַט אים מקרב, וועט ער אײַך העלפן אין אײַער פּרנסה. און די רכילות־טרײַבערס וועלן אויפהערן צו שאַרפן זייערע מײַלער. גייט מיט מזל, און געדענקט, שׂמחה־בעריש הייסט ער, אַ בעל־מידות־טובות.

חנה:

(ווישט זיך די אויגן מיטן פאַרטוך) אַז ער וועט קומען און נושא־חן זײַן, נו...

אַרענדאַר:

(מיט התפּעלות) שלמה המלכס משפּט! צוויי שאָק אייער ברענג איך אויף דער חתונה.

גנענדל:

אין אַ מזלדיקער שעה!

דער באַרדיטשעווער:

(צו חנהן) און אים, דעם כּעסן, זײַט מוחל! ס'קען נאָך געמאַלט זײַן, אַז זײַן האַרץ זאָל איבערגעקערט ווערן צום גוטן.

הנה:

וועד האָט צײַט צו טראָגן א בייז הארץ? א גוטן תמיד, רבי!

(אָפּ)

גנענדל:

(רעדט אין פארהויז ארויס) און למען השם אונדז פארבעטן אויף דער חתונה.

ארענדאר:

(ווי פריער) שלמה המלכם משפט...

רעד באַרדיטשעווער:

(דרייט זיך אויס צום שטענדערל, אין דביקות) אוי, אוי, עמך, עמך, עמך, עמך. כולם, כולם, קדושים, קדושים הם, קדושים, קדושים הם...

(פ אָ ר ה א נ ג)

בילד צוויי

צווישן שבת און וואָך

אין אייניקע חדשים שפּעטער. שלוש סעודות. אין פּאָליש פון בית־מדרש. עולם אַרום טישן, איינגעהילט אין בין־השמשותדיקע שאָטנס, וואָס ווערן געדיכטער, ביז מ'זעט נישט מער קיין פּנימער, נאָר איין מטושטשן, מיסטיש־התלהבותדיקן, זינגעוודיקן עולם, וואָס ברומט:

בני היכלא דכסיפין, דכסיפין,
אוי, בני היכלא, בני היכלא לכסיפין,
בני היכלא, בני היכלא,
אוי, אוי, אוי, למחזי זיו דזעיר אנפּין,
למחזי, למחזי, למחזי,
אוי, אוי, אוי, זיו, זיו דזעיר אנפּין,
דזעיר אנפּין, דזעיר אנפּין.

דאָס קול פון באַרדיטשעווער:

דורך דעם דאָזיקן ניגון איז נתעלה געוואָרן די דריטע סעודה פון שבת צו דער קרוין פון אַלע סעודות, צו דער סעודה פון משיחן. בני מלכים, קינדער פון היכל, בענקן נאָך דער שכינה אין אַן עת רחמים. זאָגט דער זוהר הקדוש: איך וועל דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב, דאָס מיינט מען שלוש סעודות. דאָס איז די צייט ווען דער גזר־דין איז בטל און זיין גוטס־קייט, זיין חסד געוועלטיקן איבער אַלץ. טאַ זינגט־זשע, יידן, שבת, שבת, שבת קודש, שבת קודש לד׳.

עולם:

שבת, שבת, שבת קודש, קודש לד׳.

דער באַרדיטשעווער:

טאַ זינגט־זשע ווייטער, יידן! אויס יאָך, אויס וואָך, שבת, שבת קודש, שבת אויף דער גאַנצער וועלט.

עולם:

שבת, שבת קודש, שבת אויף דער גאנצער וועלט.

גנענדלס קול:

(פון חשכות) לוי־יצחק, לוי־יצחק. מ'מעג שוין ליכטיק מאכן?

דער באַרדיטשעווער:

(מיט תחנונים אין קול) נאָך א ווײַלע, גנענדל, נאָך א ווײַלע, דערבאַרעמדיקער.
אין אלע עולמות איז ליכטיק, א גרויסע שעה... נאָך א ווײַלע, דעלמא כולא.

גנענדלס קול:

(פון אַלקער) גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב...

דער באַרדיטשעווער:

א שעת הכושר אין אלע הימלען.

גנענדלס קול:

(מיט וואַכעדיקער פרומקייט) באהיט דײַן פאָלק ישראל פון אלעם בייזן אין דײַן לויבגעצעלט, אז דער ליבער שבת קודש גייט אוועק, אז די וואָך זאָל צו אונדז קומען צו אמונה שלימה...

אייניקע פון עולם:

(זאָגן נאָך) ובגאולה קרובה במהרה בימינו...

(עמעצ צינדט אָן א ליכט בײַם עמוד פון בית־מדרש)

דער באַרדיטשעווער:

ייִדן, גוט וואָך, א גוטע וואָך, לנו ולכל ישראל.

(אין אן אַנדער ווינקל פון בית־מדרש פלאַמט אויף א הבדלה און דער עולם פאַרציט לעבעדיק דעם באַרדיטשעווערס „המבדיל בין קודש לחול")

דער באַרדיטשעווער:

(צום אַלקער) גוט וואָך, גנענדל! היים צוגרייטן מלוה־מלכה כנהוג.

הערש:

(מיט א קרעכץ) אָנגעקומען די שווערע ייִדישע וואָך. עמך ישראל צריכים פרנסה.

שטימען:

פרנסה, אוי ווײ, פרנסה.

דער באַרדיטשעווער:

(בטחונדיק) ס'וועט זײַן פרנסה, ייִדן! ווי זאָגט דער זוהר הקדוש: מוצאי שבת זיצט אליהו אונטערן עץ חיים און שרײַבט אונטער גוטס פאַר די וואָס האָבן אָפּגעהיט שבת. טאָ, ייִדן, נישט געדאגהט.

הערש:

(מיט חדוה) דעם רבינס ניגון!

שטימען:

דעם רבינס ניגון.

דער באַרדיטשעווער:

(מיט אויסערגעוויינטלעכער אויפגעלייגטקייט):

וונאשיי ראסייאי וו׳פּאַלנאַטשא אוסטאוואיוט,
נעגל־וואַסער אַטליוואיוט,
עך בראַוואָ, בראַוואָ, בראַוואָ,
נעגל־וואַסער אַטליוואיוט...

עולם:

עך, בראַוואָ, בראַוואָ, נעגל־וואַסער אַטליוואיוט.

דער באַרדיטשעווער:

נעגל־וואַסער אַטליוואיוט, תיקון־חצות אַטפּראַוולאַיוט,
עך, בראַוואָ, בראַוואָ, תיקון־חצות אַטפּראַוולאַיוט!

עולם:

בראַוואָ, בראַוואָ, תיקון־חצות אַטפּראַוולאַיוט.

דער באַרדיטשעווער:

א איז מקוה זאַביעגאַיוט או איוו בית מדרש זאַביעגאַיוט,
עך, בראַוואָ, בראַוואָ, בראַוואָ, איוו בית מדרש זאַביעגאַיוט...

(ביי דער לעצטער סטראָפע באַמערקט מען ווי דער באַרדיטשעווער פאַלט בהדרגהדיק אַריין אין אַ פּאַטעטישער שטימונג, ס׳פּנים פאַרכמורעטער, ס׳קול שוואַכער. פלוצלינג אַן אויפרודערונג צווישן עולם).

אַרענדאַרשע:

(רייסט זיך אַריין אין בית־מדרש מיט אַ געשריי) רבי, ראַטעוועט! דער פּריץ איז ווילד. צוגענומען מיין מאַן, אַפּטרקען, לייזערקען, העלפט, רבי!

דער באַרדיטשעווער:

(פאַרדעקט ס׳פּנים מיט די דלאָניעס).

אַרענדאַרשע:

אין אַ פינצטערן קעלער... רבי, העלפט!

דער באַרדיטשעווער:

(שטעלט זיך אויף, אַנטשלאָסן, אין דער זייט פון אַלקער) הייסן שפּאַנען דאָס לייכטע ברישקעלע...

אַרענדאַרשע:

רבי, כאָטש אָנקומען צו דער צייט. הונדערט מייל...

דער באַרדיטשעווער:

וואַלד־אַיין, וואַלד־אויס, וועג־אַיין, וועג־אויס, די פערד שלינגען די מיילן,

מיט בטחון וועלן מיר דאָרט צו דער ריכטיקער צײַט זײַן. גנענדל, גיי רוף ברוך ווײַנשענקערן.

גנענדל:

ער וועט נישט וועלן קומען, לוי־יצחק.

דער באַרדיטשעווער:

ער וועט, בעזרת השם, זאָג אים, גנענדל, ער זאָל זיך תיכף צוגרייטן אין וועג אַרײַן, מ'וועט פּראָוועט אַ קנס־מאָל מיט זײַן אברהמען...

גנענדל:

איך פאַרשטיי דיך נישט, לוי־יצחק.

דער באַרדיטשעווער:

גיי גיכער.

א קול:

(פון הינטער דער סצענע) די בריטשקע איז געשפּאַנט.

דער באַרדיטשעווער:

הערש און אַרענדאַרשע, קומט!

(אַלע אָפּ)

(פ אָ ר ה א נ ג)

בילד דרײַ

דער יאַסניע ווײעלמאָזשני פּריץ

אין פּריצס טראַפּייען־זאַל. אַלט־פּוילישער סטיל. ווענט פון שטײַן און האָלץ. אײלביל־דער פון פּריצס אבות. קרוציפיקסן אויף דער וואַנט קעגנאיבער דער פּאַראַד־טיר. אַ נר־תמיד מיטן בילד פון דער הייליקער מאַריע. אויף דער וואַנט: יאַגד־טראַפּייען, הירשן־קעפּ, פּרצופים פון ווילדע חזירים, פּעלן פון בערן, וועלף, נעקרײַצטע שווערדן, אַלטמאָדישע ביקסן, קינדזשאַלן, שפּיזן, פּײַלן און בויגנס.

פּריץ:

א מאַן אין די הויכע פּופּציקער, אין שליאַכעצקער טראַכט, מיט גרויסע גרוילעכע וואָנצעס און ברעמען) נישטאָ קײַן געלט, זאָגסטו? פּשיאַקרעוו! אַלע פּריצים האָבן געלט, אַלע פּריצים פּאָרן קײַן וואַרשע, אַלע פּריצים פּאָרן קיין פּאַריז... ווײַל אַלע פּריצים האָבן נישט קײַן פּאַרוואַלטערס טויגענישטן! פּראַוודאַ, לײַדאַקו?

סטרעלעצקי:

אָוושעם, יאַסניע ווײעלמאָזשני פּאַניע.

פּריץ:

דו הערסט, פּשיאַקרעוו? איך וויל אויך האָבן דרײַ געליבטע, ווי דאָס גאָר־נישטל שליאַכטשיץ מענדזשיצקי! איך בין אויך אַזאַ בריה! האָב איך אָבער אַ פירער פון מאַיאָנטקעס אַ טינוף... גאַרנישט ברענגט עס אַרײַן! האָב איך רעכט?

סטרעלעצקי:

אָוושעם, יאַסניע ווײעלמאָזשני פּאַניע.

פּריץ:

נערעכט אַהין, נערעכט אַהער! געלט זאָל מיר זײַן! אַ באַל וויל איך מאַכן! אַ יאַגד־פּאַרטיע וויל איך אַראַנזשירן! פּאַוואַריטקעס וויל איך האָבן! פּונקט ווי מענדזשיצקי!

סטרעלעצקי:

אָוושעם, יאַסניע וויעלמאָזשני...

פריץ:

הער מיר אויף צו פּאַטאַקעווען, פּשיאַקרעוו! געלט דאַרף איך!

סטרעלעצקי:

דער אַרענדאַר הערשקאָ האָט מיר נאָך נישט אָפּגעצאָלט די ראַטע פאַרן פאַרגאַנגענעם טערמין: 21 רענדלעך.

פריץ:

טאָ וואָס שווייגסטו? בינדן זאָל מען אים מיט שטריק, מיט ליינענע שטריק, פעסטאַ! פאַרשפּאַרן אין חזיר־שטאַל מיט די גראַטעס!

סטרעלעצקי:

אָוושעם יאַסניע וויעלמאָזשני... קאַטעווען אויך?

פריץ:

צוערשט ווייזן דעם באַטעק...

סטרעלעצקי:

אָוושעם, יאַסניע וויעלמאָזשני... כ'וועל אים אָפּשרעקן, דעם זשידעק... אָנרייצן די הינט אויך?

פריץ:

אַ ביסל אונטערקאַטעווען! און אָפּשרעקן דעם זשידעק מיט בריטאַנען: אַדעגאָ!

סטרעלעצקי:

און די הערשקאָווא מיט די הערשקאָוועלעך, יאַסניע וויעלמאָזשני?

פריץ:

לאָזן אין קרעטשמע דערווייל דאָס געזינדל.

סטרעלעצקי:

צו באַפעל, יאַסניע וויעלמאָזשני...

פריץ:

פּאַטשעקיי! איך האָב זיך איבערגעלייגט, הערשקאָס בחורל מיט די פּייסיקעס און דאָס מיידל מיט די מאַנדל־אייגעלעך זאָל מען נעמען צו מיר אין פּאָלוואַרק! און אפשר רופן דאָס פּאַטערל, ער זאָל לערנען מיט זיי קאַטעכיזם. ס'מיידעלע, כע, כע, כע, וועט זיין אַ מין אסתרקע פון דעם קרול קאַזשימיעזש...

סטרעלעצקי:

און אַז די קליינע זשידקעלעך וועלן מאַכן געוואַלדן?

פריץ:

זאָל מען זיי געבן צו ביסלעך שמיץ, אויף אָפּצושרעקן, פּשיאַקרעוו!

סטרעלעצקי:

אַוושעם, יאַסניע וויעלמאַזשני... און שטופּן חזיר אין זשידאָווסקע פּיסקע־לעך?

פּריץ:

געווים, לײַדאַקו. צוגעוווינען צו אונדזערע מאַכלים די זשידקעלעך.

סטרעלעצקי:

און מיט דעם הערשקאָן?

פּריץ:

אין קעלער אַרײַן, אויף ברויט און וואַסער. נישט צופּיל דאַקוטשען. צו ביס־לעך אַ צופּ טון, אַ ריס טון. אַ פּוילישער שליאַכטשיץ קריוודעט נישט!

סטרעלעצקי:

אין וועלכן קעלער?

פּריץ:

אידיאָט! וואָס ווײַטער פון פּאַלאַץ! כ׳קען נישט הערן קײַן יענטשען...

סטרעלעצקי:

צו אײַער באַפעל, יאַסניע וויעלמאַזשניע...

פּריץ:

איצט, קלאַטשענער קאַפּ, ווינאַש שיען!

סטרעלעצקי:

צו דינסט, מײַן ליכטיקער האַר.

פּריץ:

געדענק: הערשקאָן אײַנזאַלצן האָב איך נישט בדעה. ס׳גייט דאָך אין די רענדלעך.

סטרעלעצקי:

קוש די טריט.

(אַפּ הינטערווײַלעכטס).

(פּאָרהאַנג)

בילד פינף

שרה בת טובים

א לינדע זומער־נאכט. לבנה־ליכט הילט איין דעם סאד און די גלעזערנע וועראנדע פון ברוך ווײַנשענקערס גבירישער שטוב.

ברוך ווײַנשענקער:
(אין א נעבלומטן שלאפראק, שטעקלאטשן און יארמולקע דרעמלט אין א פאטערשטול).

שרה בת טובים:
(וואס כאפט דעם אנבליק פון דער רביצין, מיט א פרום קול, ווי פון ווײַט) שטיי אויף, ברוך, שטיי אויף!

ברוך ווײַנשענקער:
(פון שלאף) וו־א־א־ס א־י־י־ז?

שרה בת טובים:
זאג — איך מוז.

ברוך ווײַנשענקער:
ווער ביסטו, וואס דו קומסט אזוי שטיל?

שרה בת טובים:
די טאכטער פון טובים בין איך. שוועב איבער וועגן און שטעגן. אין שטעט, שטעטלעך, ישובים, דערפער, ווו ס'וווינען ייִדן, נויט־באדארפטיקע נישטער איך. בין אומעטום, ווו מ'רופט מיך, ווהין מ'שיקט מיך.

ברוך ווײַנשענקער:
און איצט, וואס איז דײַן פארלאנג?

שרה בת טובים:
נע־ונד בין איך. זאפ איין אין זיך די פײַן פון יעדן ייִדן, יעדן זיפץ, יעדן קרעכץ. איך בין דא יסורים צו לינדערן, צו ברענגען טרײַסט ווו מ'דארף, ווו טרערן־קוואל איז שוין אויסגעטרוקנט. ברוך ווײַנשענקער, זײַ וויסן, ייִדישע נפשות געפינען זיך אין די נעגל פון הענקער.

ברוך ווײַנשענקער:

איז וואָס וויל מען פון ברוך ווײַנשענקערן?

שרה בת טובים:

איך, שרה בת טובים, בין אויף דיר גוזר, איך בעט דיך, ברוך ווײַנשענקער: העלף באַפרײַען אַ ייִדישע מישפּחה פון פּײַן! תיכּף גיין צו לוי־יצחקן!

ברוך ווײַנשענקער:

איך צו לוי־יצחקן? איך האָב דאָך...

שרה בת טובים:

נישט קווענקלען! גיין צו לוי־יצחקן, די רגע שוין! און נאָך מנדבים וועס אויף! מ'דאַרף רענדלעך אויף פּדיון־שבויים.

ברוך ווײַנשענקער:

אַלץ ברוך ווײַנשענקער?

שרה בת טובים:

באותו הרגע! אויב ס'לעבן איז דיר טײַער און דו פאַרכסט פאַר דעם גיהנום־פײַער.

ברוך ווײַנשענקער:

איך צו לוי־יצחקן?

שרה בת טובים:

מ'הייסט: גיי! אָן טענות ומענות! גיי צו חנה דער גראָדנערין, היים כּיבוד צוגרייטן, צו פּראַווען אין דער גאָרקיך אַ קנס־מאָל מיט אברהמען דײַן זון. אַזוי הייסט לוי־יצחק טון.

ברוך ווײַנשענקער:

(רײַבט זיך די אויגן) איך פאַרשטיי נישט דעם מיין. אַלץ אויף ברוך ווײַנשענקערן!

שרה בת טובים:

פאַרליר נישט קיין רייד, מײַן זון! דו מוזסט.

ברוך ווײַנשענקער:

איך האָרך.

שרה בת טובים:

(פאַרשווינדט ווי אין אַ נעפּל. די לבנה באַהאַלט זיך אונטער אַ וואָלקן).

(פ אָ ר ה א נ ג)

בילד פינף

דעם פּריצס גוטסקייט

אין פּריצס נאַסט־זאַל. באַגילדטע און געטאַפּלטע ווענט. מעבל ראָקאָקאָ. אויף די ווענט — בילדער פון פּריצס שליאַכעצקער מישפּחה און פון פּוילישע מלכים.

פּריץ:

(צו סטרעלעצקין) אַריינברענגען דאָס רויטינקע עפּעלע! איז עס נאָך אַזוי פּאַרוויינט?

סטרעלעצקי:

הערשקאָס בתולהלע...

פּריץ:

הינטיש בלוט! זעט נאָר ווי דאָס באַלעקט זיך! כּלאָפּישע שיקסעס זיינען דיך ווינציק? לײדאַקו, איך האָב דיך געפרעגט, צי זי יאָפּט נאָך אַזוי?

סטרעלעצקי:

כי, כי, כי, יידישקעס האָבן די אייגעלעך אויף אַ נאַס אָרט.

פּריץ:

נו, באַלאַמוטשע נישט! גיי זי ברענגען!

סטרעלעצקי:

(אָפּ).

פּריץ:

(באַטראַכט זיך פון אַלע זייטן אין אַ שפּיגל מיט אַ פאַרגילדעטער ראָם, מאַכט צורעכט די וואָנצעס, גלעט דעם פּאַרוק) זינט די פּאַני אָכאָטסקי איז פאַרבעטן געוואָרן אין גן־עדן אַריין, שוין לאַנג, עד שוין אַזוי לאַנג... נישט געהאַט קיין לײטיש שטיקל ראָמאַנטישע אוואַנטורע...

סטרעלעצקי:

(פירט אַריין די זעכצניעריקע אסתרקע, אַ דערשראָקענע, אנגעטון אין אַ ברייט־קלאַשיקן קאַפּטל, אַ קופּקעלע, ווי אַ כּלה־מיידל)

פריץ:

(צו סטרעלעצקין) ווינאָש שיען!

סטרעלעצקי:

(פאַרנייגט זיך גאַלאַנט) אָווּשעם, יאַסניע וויעלמאַזשני

פריץ:

(לאַקריצדיק) גוטן טאָג, שיינע רויז! פאַרוואָס ביסטו אַזוי אײַנגעשפּאַרט? דער פּריץ וויל דיך גליקלעך מאַכן.

אסתרקע:

איך בעט דיך, גוטער מענטש, איך וויל צו דער מאַמען.

פריץ:

דער פּאַן אָבאָטסקי וויל דען דײַן שלעכטס? אין זײַדנס און סאַמעט, אין איידלשטיינער וועסטו בײַ מיר גיין. פון סאַמע פּאַריזש ברענג איך דיר אַ שניר̈ל בורשטין, אַ גאָלדענע רײַף אַרום דײַן קעפּעלע, אַ קרוין מיט דימענטן...

אסתרקע:

איך וויל צו מײַן מאַמעשי, צו מײַנע שוועסטערלעך, צו די ברידערלעך, לאָז מיך, איך בעט דיך.

פריץ:

בײַ פּאַן אָבאָטסקי וועט דיר זײַן גוט ווי די וועלט. (ווײַזט אויף די בילדער פון די געטאַפּלטע ווענט) דאָס זײַנען מײַנע אבות! דאָס בעסטע שליאַכעצקע בלוט, דאָס בלוט פון סטאַניסלאַוו בראַברי רינט אין מײַנע אָדערן. קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט געהאַט אַן אסתרקע, איז זי אַרײַנגעשריבן געוואָרן מיט גאָלדענע אותיות אין אונדזער היסטאָריע.

אסתרקע:

איך וויל וווינען צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, מיט שוועסטערלעך, ברידערלעך... פּאַניע דזשעדזשיצו, לאָזט מיך, זײַט אַ גוטער!

פריץ:

(בײַט דעם טאָן) דער פּאַן אָבאָטסקי רעדט צו דיר פאַרשטענדיקע רייד און דו כסדר דײַנס! ווי אײַנגעשפּאַרט זײַנען די ייִדעלעך!

אסתרקע:

איך בעט אײַך, פּאַניע דזשעדזשיצו, איך האָב קיינעם נישט געטון קיין שלעכטס.

פריץ:

ווי נאַריש דו ביסט! דווקא ווילט זיך דיר צום פאַרקאָפּטשעטן קרעטשמעלע און צום פאַרשליאָכעטן מאַמעלע? בײַ מיר קענסטו דאָך זײַן אַ פּריצטע! (גיט איר אַ קניפּ אין בעקל).

אסתרקע:

(מיט שרעק און עקל) פאַן, פאַניע, איך האָב מורא...

פריץ:

וואָס האָסטו מורא? דער פאַן אָכאָטסקי איז אַ גוטער. אַז די זשידקעלעך וועלן קומען מיך בעטן, וועל איך דיַין טאַטן פּריַילאָזן, די אַרענדע אים שענ־קען, גוראַלניעס וועט ער ביַי מיר מאַכן... דיַין אויסגעוויקסטן ברודער לייזיאַ, דעם מיט די פּייסיקלעך, וועל איך אויך אַהיימשיקן. זאָל ער זיך שאָקלען ביַי די גראָבע ביכער! אָבער דיך, אסתרקע, וויל פאַן אָכאָטסקי גליקלעך מאַכן. זאָג יאָ, אסתרקע!

אסתרקע:

איך האָב אַזוי מורא, גוטער פאַן אָכאָטסקי. איך וויל אַהיים.

פריץ:

אַזאַ קאָזעלע וואָלט דער פאַן אָכאָטסקי געקענט צווינגען... אָבער פאַן אָכאָטסקי איז הומאַניסטיש, פאַן אָכאָטסקי האָט געליעבט וואָלטערן, אין סאַמע פראַנצויזיש... וואָלסט געוואָלט קענען פראַנצויזיש? ווילסט פאָרן קיַין פּאַריזש?

אסתרקע:

אַהיים לאָזט מיך, גוטער מענטש...

פריץ:

אוודאי איז פאַן אָכאָטסקי אַ גוטער! אפילו די זשידקעס זאָגן דאָס אַ סך מאָל. איך שמיַיס ווינציקער ווי די אַנדערע. אָ, ווען הערשקאָ איז ביַי פאַן מענדזיצקי, וואָלט ער געזעזן אַן אונטערשייד! די זשידקעס טו איך לויטער טובות... פאַר גוטס קומט גוטס, נישט אמת? פאַרלאַנג איך אויך אַ טובה פון דיר, אסתרקע!

אסתרקע:

ניין, גוטער פריץ, איך בין אַ ייִדישע און וויל בליַיבן אַ ייִדישע. אַ היים וויל איך, גוטער פריץ.

פריץ:

(צאָרנדיק) כאַ־כאַ־כאַ! איַינגעעקשנט ביסטו? איך וועל דיר ס'עקשנות אַרויסקלאַפּן... פאַן אָכאָטסקי רעדט צו דיר מילדע רייד און דו...

אסתרקע:

פאַן, פאַניע, איך בעט איַיך אַזוי, איך פאַל איַיך צו די קני... לאָזט מיך צום טאַטעשי, צו דער מאַמעשי...

פריץ:

(שריַיט פּלוצלינג)

סטרעלעצקי! ווו ביסטו? געפּגרט ביסטו?

סטרעלעצקי:

(גאַר פון נאָענט, פונקט ווי ער וואָלט זיך אונטערגעהערט) איך גיי, איך קום, יאַס־ניע וויעלמאָזשני. (באַווייַזט זיך ענדלעך)

פריץ:

געגוג גוטסקייַט! מען מיסברויכט מיטן פאַן אָכאָטסקי! הערשקאָן קאַטעווען, לייזיאָן קאַטעווען...

סטרעלעצקי:

און דאָס עפּעלע?

פריץ:

רופן דעם גלח... ווינאָשטשע שיען, פשיאַקרעוו!

סטרעלעצקי:

(נעמט דאָס מיידל ברוטאַל ביַי די אַקסלען).

פריץ:

(טופעט מיט די פיס) ווינאָשטשע שיען, ליידאַקו!

(פ אָ ר ה א נ ג)

בילד זעקס

בחצי הלילה

אין פריצס טראַפּייען־זאַל ווי אין בילד פיר.

פריץ:

(לוט־שיכור, צו סטרעלעצקין, וואָס וואַקלט זיך אויך) מיַין קעפּעלע! מיַין קעפּעלע איז אַ קלוגס! סטרעלעצקעלע? ווען נישט איך, ווו וואָלסטו געזויפט ייִדיש בראַנפנדל? און רענדלעך? אַז מ׳שמיַיסט אַ זשידאָווסקין הינטן, קומען אַרויס רענדלעך...

סטרעלעצקי:

(בגליפונדיק) טאַק יעסט, פּאַניע קאַכאַנקו, מ׳האָט גוט אַריַינגעשמיסן...

פריץ:

כע, כע, כע, איז געקומען די גרויסע דעלעגאַציע... ווי כ׳האָב דאָס ליב צו זען די לאַפּסערדאַקעס מיט די בערד, מיט די פּייסיקעס, ווי זיי קלאַניען זיך... און תמיד קען מען ביַי זיי עפּעס אויסקוועטשן...

סטרעלעצקי:

(שאָקלט מיטן מבולבלדיקן קאָפּ).

פריץ:

קאַטעווען וועל איך דיך הייסן און בריטאַן וועט פאַרביַיסן... הינטישער זון!

סטרעלעצקי:

אָווישעם! דער יאַסניע וויעלמאָזשני איז דער קלוגסטער מענטש פון דער וועלט.

פריץ:

אָט אַזוינע דיבורים האָב איך ליב! זיי זיַינען געקומען פון באַרדיטשעוו, אָפּ־געצאָלט הערשקאָס חוב און געגעבן נאָך מתנות! אַ היטל צוקער, אַ היטל! צען

פונט קאווע, דרײַ פונט געווירצן, א פּאַק טערקישן טאַבאַק, פינף פלאַשן זיסן ליקער, פשיאַקרעוו! די זשידקעס קענען די מלאכה... האָב איך באַפוילן אַרויסצולאָזן הערשקאָן, זאָל ער זיך אויסהיילן דעם געשמיסענעם... לייזיאַן און דאָס מיידעלע האָב איך צוגעזאָגט אַהיימצושיקן. האָב איך צוערשט גע־הייסן גיין דעם מיט די פּייסיקלעך צו זײַנע פּאַליאַנטן, אָבער וועגן דעם עפּעלע, מוז מען נאָך טראַכטן... דו שלאָפסט, הינטישער זון?

סטרעלעצקי:

(כאַפּט זיך אויף) כ'הער, יאַסניע וויעלמאָזשני פּאַניע.

פּריץ:

טאָ הער, פּשיאַקרעוו: די זשידקעס האָבן אַזוי געיאָפּט, אַזוי געקלאַניעט, ווען זיי האָבן געהערט, אַז כ'האָב בדעה צו ברענגען די זשידוווקע צו דער ריכטיקער אמונה. די הערשקאָווע האָט זיך געריסן די האָר, מיך געצופּט בײַ די קני... אָבער... יאָ, איין זאַך, א ביסל האָב איך מורא פאַרן גרויסן בער־דיקן ראַבין זייערן, ער קען נאָך עפּעס אָפּטון מיט זײַן כישוף, פאַרשעלטן, קראַנק מאַכן... ווי איז דײַן מיינונג, חזריש אויער? אָפּלאָזן?

סטרעלעצקי:

מ'דאַרף אפשר אָפּלאָזן.

פּריץ:

(שיפּעט) אָפּלאָזן, פּשיאַקרעוו! אַן עכטער קריסט זאָל הייסן אָפּלאָזן א זשידאָווקע, וואָס מ'וויל זי ברענגען אויפן ריכטיקן וועג? פּאַסן וואָלט מען געדאַרפט פון דיר שנײַדן!

סטרעלעצקי:

כ'מיין...

פּריץ:

דו שווײַג! מאַיאַ מאַנדראַ גלוווקאַ.

סטרעלעצקי:

דער קלוגסטער, יאַסניע וויעלמאָזשני...

פּריץ:

אַזוי האָב איך ליב. אָפּגעלאָזט הערשקאָן, לייזיאַן. און אַסתרקען האַלט איך. יידעלעך האַלט מען ווי א פליג אין פויסט. וויל מען, צעקוועטשט מען זיי. וויל מען, רײַסט מען אָפּ א פליגעלע. וויל מען — ביידע פליגל מיט א מאָל. וויל מען, לאָזט מען זיי פליען, זיך פּאַשענען דעם הינטן...

סטרעלעצקי:

קלוג ווי די וועלט!

פריץ:

בזא שפיל מיט די יידעלעך; איך בין זיכער, אז הערשקא וועט ווידער נישט צאָלן צו דער צייט. וועלן מיר ס'עפּעלע זיכער אפּשמדן, און דעם מיט די פּייסיקלעך אויך...

סטרעלעצקי:

פאַן אַכאַטסקי — א וועלט־חכם...

פריץ:

(איז אים מכבד מיט משקה, נעמט אים ארום) אזוי האָב איך ליב, קאַכיימי שיען!

סטרעלעצקי:

(באַפרייט זיך דעליקאַט פון פּריצס אָרעמס, גיסט כסדר אליין אָן. האַלט זיך קוים אויף די פיס און טשאַפּעט אַריין אין א זייטיקן צימער, ווו ער פאַלט קענטיק אויפן דיל. א ווײַלע שטיל און נאָך דעם א הילכיק שנאַרכן. ס'טונקלט).

פריץ:

(פאַלט אַרײַן אין א קושעטקע און נעמט אויך שנאַרכן. א בלאַסער אפשײַן פון דעם נר־תמיד, וואָס הענגט איבערן קרוציפיקס. פון הינטערגרונט באַווײַזן זיך צוויי געשטאַלטן, וואָס גייען דירעקט אויפן שיכורן פּריץ).

דער באָרדיטשעווער:

(אין פּויערישע מלבושים, א שטריק אַרום די לענדן, רעדט צום פּריץ, וואָס הערט זיך צו ווי אין חלום) חיה בצורת אדם! דו האָסט דאָס מטריח געווען דעם בורא עולם? דו וואָרעם...

פריץ:

(מיט א דערוואַרגן קול) ווי אזוי ביסטו עס אַרײַנגעקומען אין פּאַלאַץ?

דער באָרדיטשעווער:

מיטן כוח פון דעם וואָס לעבט אייביק.

פריץ:

וו־ע־ע־ר?

דער באָרדיטשעווער:

דער גערעכטער, וואָס הערט דאָס געוויין פון דעם באַדריקטן.

פריץ:

וו־אַ־אַ־ס ווי־י־י־לסטו?

דער באָרדיטשעווער:

יושר. דו מאַטערטסט מענטשן. דו פּײַניקסט א קינד.

פריץ:

גע־ווא־אַלד, ווער האָט דיר געעפנט די טירן?

דער באָרדיטשעווער:

דער דערבאַרעמדיקער האָט געעפנט טיר און טויער. דער דערבאַרעמדיקער

האָט איַינגעשטילט דיַינע כלבים. רוף זיי נישט, וויַיל זיי וועלן נישט קומען אויף דיַין רוף...

פריץ:

(באַמערקט דעם שאָטן פון הערש) צוויי אויף איינעם! זשידקעס. וואָס ווילט איר? די היטלען אַראָפּנעמען! גיין זאָגן דעות דעם פּאַן אָבאַטסקי?

דער באַרדיטשעווער:

דער וואָס לעבט אייביק, זאָגט דיר דעות.

פריץ:

פּייסיקאָווע זשידקעס! שטיקער פלייש וועל איך הייסן פון איַיך רײַסן. סטרעלעצקי! פּאָפּסט?!

דער באַרדיטשעווער:

דער דערבאַרעמדיקער באַפעלט דיר אָפּצולאָזן דאָס אומבאַפלעקטע שעפעלע, אסתרקען, וואָס דו מאַטערסט.

פריץ:

וויל איך נישט!

דער באַרדיטשעווער:

אַ בייזער וואָלף וויל פאַרצוקן אַ שוואַך שעפעלע (הייבט אויף די אויגן צום הימל) ס'איז נישט מיַין דרך, רבונו דעלמא כולא. איך שטיי פאַר אַ חיה־רעה. הערש, נאַ דיר דעם שטריק, שלאָג! אַנדערש קען איך נישט, אל רחום וחנון!...

הערש:

(נעמט איבער דעם שטריק, לייגט אים טאָפּלט, ציילט) אחת ואחת, אחת ושתים, אחת ושלוש, אחת, אחת, אחת, אחת...

פריץ:

(בעט זיך מיט זיַין דערוואָרגן קול) אוי, אוי, האָטס רחמנות, רח־מ־נות... כ'על שוין...

דער באַרדיטשעווער:

הערש, הער אויף! ווו איז דאָס קינד?

הערש:

(מיט רציחה) אחת ואחת, אחת ואחת, אחת ואחת...

דער באַרדיטשעווער:

הער אויף, הערש, העלף אים אויפשטיין און באַגלייט אים...

פריץ:

(הייבט זיך אויף פון דער קושעטקע, טאַפּט זיך פון אַלע זיַיטן און קרעכצנדיק טשאַפּעט ער נאָך הערשן. אין אַ וויַילע אַרום קומען זיי צוריק. הערש האַלט ביַי דער האַנט די צי־מערדיקע אסתרקע).

דער באַרדיטשעווער:

(גלעט זי פּאַטערלעך) געלויבט השם יתברך.

פריץ:

איך גיב זי צוריק, ווייל...

הערש:

ווייל דו ביסט אַ כלב, וואָס קען לעת עתה נישט בייסן.

פריץ:

(מיט אַ נעבעכדיקן שמייכל) ס'היטל! פאַן אַכאַטסקי רעדט צו דיר.

הערש:

(דראָעט אים מיטן צוזאַמענגעלייגטן שטריק) אחת ואחת...

פריץ:

(קרעכצט זיך) סטרעלעצקי! ווו איז מיין קול? (פאַלט צוריק אַריין אין שלאָף אויף דער קושעטקע).

דער באַרדיטשעווער:

אַ חיה רעה גיט נישט פון זיך אַרויס קיין קול, נאָר אַ רעווען. געלויבט זייט דו, בעל־רחמים. (אַפּ מיט אַסתרקען און הערשן. דער נר־תמיד צאַנקט).

פריץ:

(וועקט זיך און דערכעט שווער) סטרע... סטרעלעצקי! אַ בייזער חלום... אוי, וויי, סטרעלעצקי!

(פאָרהאַנג)

בילד זיבן

דער תיקון

א לאַנגע שטוב מיט אַ סך פענצטער. בײַם אַרײַנגאַנג אַ טאַמבאַנק. בײַ די טישלעך געסט, עסערס, טרינקערס און ווערפל־שפּילערס. חנה און שמחה־בעריש באַדינען די געסט. פריילעכער געטומל, געפלוידער, געזאַנג: „אַז סע שטעלט זיך אַוועק דער שיינער, פײַנער יונג פאַרן רבונו של עולם און זאָגט: „על חטא שחטאנו לפניך בגילוי עריות, ענטפערט מען אים פון אויבן: ניע בילאַ בי ס'דיעוו־קאַמי הוליאַטן שטימען, וואָס זינגען צו דעם רעפריין: ניע בילאַ בי ס'דיעוווקאַמי הוליאַט.

(פלוצים פראַלט אויף די טיר. שפּאַנונג)

שטימען:

זעט, זעט!

אַרענדאַר:

(אַ פאַרשוויצטער, צעבראַסטעטער און פאַרשטויבטער. נאָך אים איז דעם זעלביקן צו־שטאַנד די אַרענדאַרשע און אסתרקע).

שמחה־בעריש:

אַ נס...

שטימען:

פּלאַי־פּלאַים. גאַנץ באַרדיטשעווו רעדט.

חנה:

די מענטשן דרכען קוים. גייטס, גייטס אין וואַש־שטוב.

אַרענדאַרשע:

פון יענער וועלט... ווען דער רבי קומט, חלילה, איין רגע שפּעטער...

שטימען:

גומל בענטשן...

אַרענדאַר:

געפלויגן פײַל פון בויגן.

חנה:

(צו אסתרקען, מיט מאמעשער גוטסקייט) נײַ, קינד, אין וואַש־שטוב, און דער־נאָך אַ ביסל אין מײַן שלאָף־אַלקער.

(אַפּ מיטן מיידל און אָרענדאַרשע).

אָרענדאַר:

וואָס שטייז איך, בהמה? באַלד וועט דאָ זײַן דער רבי, זאָל לעבן.

שמחה־בעריש:

וואָס וועט דאָ זײַן?

שטימען:

שאַ, שאַ! אָט קומען זיי! דער רבי! ברוך ווײַנשענקער!

דער באַרדיטשעווער:

(ס'קומען אַז ברוך ווײַנשענקער, זײַן זון אברהם, די רביצן, סאַסעלע, הערש און נאָך זיי מיט אַ לײַכטנדיק־אויפגעלײַגטן פּנים דער באַרדיטשעווער).

עליכם שלום, ייִדן! (זעצט זיך אין אַ הויכן פּאַטערשטול, וואָס שמחה־בעריש דער־לאַנגט אים. די געסט אין שפּאַנענדיקער דערוואַרטונג) ליבע ייִדן! פאַרוואָס אַזוי שטיל? טוט אײַך ווײַטער אײַער מלאכה! דער טרינקער צו זײַן כוס און דער שפּילער צו זײַן שפּיל.

שטימען:

שאַ, שאַ, דער רבי גייט עפּעס זאָגן.

דער באַרדיטשעווער:

ייִדן, פון סכנותדיקע וועגן קום איך. מתקן געווען דאָס, וואָס איז געווען מתקן צו זײַן. דער וואָס ראַטעוועט אפילו איין נפש בישראל, איז פּונקט ווי ער וואָלט געשאַפן אַ גאַנצע וועלט. דערווײַל, השם יתברך, וועט דער פּריץ נישט פּײַניקן. דערווײַל זײַנען מיר ווי אַ פליג אין זייערע הענט. ווילן זיי, קוועטשן זיי צו, ווילן זיי... אוי, דײַנע דרכים זײַנען פאַרהוילענע. בורא עולם, וואָס האָסטו צו דײַן פאָלק? למה לך אצל ישראל? אלא ממאי? איז וואָס? מוז געדרונגען זײַן: חביבין עליך ישראל, געליבט זײַנען דײַנע ייִדן, שנקראו בנים למקום, וואָס ווערן אָנגערופן קינדער צו גאָט (פאַרדעקט מיט די הענט ס'פּנים. אַ ווײַלע שטילשווײַגן. פּלוצלינג): חנה, שמחה־בע־ריש! אײַער גאָרקייט וועט הײַנט זײַן דער אמתער מקום פון שמחה!

שטימען:

וואָס? אַ חתונה? אַ קנס־מאָל? ווער איז דער חתן? ווער איז די כלה?

דער באַרדיטשעווער:

זעץ זיך, ברוך ווײַנשענקער! הײַנט וועלן דאָ פאַרריכט ווערן עוולות. הקדוש ברוך הוא מזדמנם לפונדק אחד. ברוך ווײַנשענקער! דו ביסט געשטאַנען בײַ אַ טיפן תהום און שיעור נישט ניזוק געוואָרן. האַרט־האַרציקייט איז דער

פּרוזדור פון גיהנום. און מהיום והלאה, ברוך, וועלן מיר ביידע אויספירן די שליחותן, וואָס מיר מוזן אויספירן. איך — מלמד זכות זיַין אויפן פּאָלק ישׂראל, און דו — זיַין א פּרנס־ישׂראל כדבעי. דערפאַר איז מין השמים באַשטימט געוואָרן, אַז דיַין אברהם זאָל חתונה האָבן מיט א כשרער ייִדי־שער טאָכטער, וואָס איז ביַיגעשטאַנען דעם גרעסטן נסיון (צווישן עולם א געמורמל).

ברוך וויַינשענקער:

איך נעם אָן באהבה אַלץ, וואָס דער רבי הייסט.

דער באַרדיטשעווער:

(צום אָרענדאַר און אָרענדאַרשע) און די בתולה, די כּלה, וועט זיַין אסתרקע. ס'וועט זיַין א קנס־מאָל מיט א חתונה אינאיינעם. ייִדן וועלן זיך משמח זיַין און אַלע גזר־דינים וועלן בטל ווערן. חנה, שמחה־בעריש, כּיבוד!

עולם:

(פּאַרציט שטיל א ניגון, וואָס ווערט בהדרגהדיק אויפגעוועקטער און פריילעכער).

(פ אָ ר ה א נ ג)

דריטער טייל

די דין-תורה מיטן רבונו של עולם

בילד איינם:

ערב מרידה

בילד צוויי:

די דין־תורה

בילד דרײַ:

עליה

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

א מלמדל	ערשטער ייִד
א ייִדל	צווייטער ייִד
דער באַרדיטשעווער	די יתומה
גנענדל	חנה די גראָדנערין
משה בלעכער	הערש
משה־לייב סאָסעווער	טרעגער
דער זידיטשיווער	שוסטער
ישראל שתדלן	מוכר־ספרימניצע
	אַרומשטייערס, עולם, כלי־זמר א״א

אָרט: באַרדיטשעוו, 1810.

בילד איינס

ערב מרידה

א ברײטע, געראַומע בית־דין־שטוב. די אָפענע פענצטער קוקן אַרויס אויפן רחבותדיקן שול־פּלאַץ. פון אַלע זײַטן הײַזקעס מיט אויפגעפּראַלטע טירן און פענצטער. געמיש פון געזאַנג און קולות.

דער באַרדיטשעווער:

(מיט א נחתדיק פּנים, קוקט אַרויס אין שול־גאַס)

צוויי יונגען:

(טראָגן אַ קויש צוגעדעקט מיט א ווײַסן לײַלעך) **רבי, די מצות געבראַכט** (מיט א ניגונדל): **מצות קנאַקעדיקע, טשאַקעדיקע. רביצן, גנענדל, גיסט אָן פון קענדל!**

גנענדל:

(מיט וויעכיטש און בעזים) **שטאָ קײַן צײַט, קינדער** (גיסט זיי אָן צו קעלעשקעס) **צו געזונט!**

צוויי יונגען:

דערלעבט איבער א יאָר!

(אָפּ)

גנענדל:

גם אתם, גם אתם.

(פון א חדר אַרויס אַ זינג־זאַנג פון אַ מלמד מיט זײַנע תלמידים: שיר — א געזאַנג, השירים — פון אַלע געזאַנגען, דאָס געזאַנג האָט געזונגען א מלך, יענץ געזאַנג האָט געזונגען א מלך בן מלך, א חכם בן חכם).

א יידל:

(אויפן שוועל, מיט צוויי בײַכיקע בוטלעס, סאָפּעט) **שטאָ קאַ כוח, רבי. געבראַכט דעם טאָרן וואַן. אוי, איז עס א וואַן, אויף יידישע פּראַנט געזאָגט געוואָרן! פון סאַמע אונגערן, אָפּגעהיט דעם וואַן דעם גאַנצן ווינטער פון א גוייִש אויג...**

גנענדל:

(נעמט צו די בוטלעס, צום יידל) אם ירצה השם, איבער א יאָר.

יידל:

גאָט זאָל געבן כפל כפלים.

(אָפּ).

מלמדל:

(קומט אַהיים אויף פּסח מיט אַ ברייטן קאַזאַפּישן קאַשקעט. טיפע צעפּאַרענע און פאַר־שטויבטע שטיוול. אויף אַ שטעקן אַ קלומיקל. זינגט זיך צו פאַרבייגייענדיק):

בין איך מיר אַ מלמדל,
קנעל איך אויפן דאָרף,
אַ זמן און אַ זמן,
נעם איך דאָרט מלומדות־געלט
און אַכטל קאַרטאָפל פון פאָן.

דער באַרדיטשעווער:

(מיט התלהבות ביים אָפּענעם פענצטער) שיר השירים אשר לשלמה... וואָרום, זע, דער ווינטער איז שוין אריבער, די רעגנטעג זיינען פאַרגאַנגען, די בלומען האָבן זיך שוין באַוויזן אין לאַנד, די צייט פון געזאַנג איז געקומען, און דאָס קול פון דער טערקלטויב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד... גאָט ברוך הוא האָט ווידער פריי געלאָזט זיין וועלט, ווינטלעך בלאָזן מיט פרישקייט, גרעז־לעך וויכע שפּראָצן ארויס, קעלבלעך יונגע שפּרינגען ארום און פרייען זיך... און איך, לוי־יצחק מבארדיטשעוו, זינג צו דיר שירה, רבונו דעלמא כולא... קום אַריין, גנענדל, וועסטו זען באַשיימפּערלעך אָנקומען דעם זמן חרותנו אויף די וויכע ווינטלעך...

גנענדל:

(פון אַלקער) נישטאָ קיין צייט, אוי, לוי־יצחק...

דער באַרדיטשעווער:

פון דעסטוועגן... איין רגעלע, גנענדל, מיין מלכה. אָטעם־איין אַ קאַפּיטשקע גאָטס בשמימדיקע ריחות, ווי זיי קומען אָן פון די באַפרייטע פעלדער, פון די טיפע וועלדער, גדולים מעשי ד׳...

גנענדל:

(מיט אַ געלעכטערל) לוי־יצחק, זיי מוחל... שטאָ קיין צייט. מ׳דאַרף שייערן, כשרן, אָוועקרוימען דעם פאַרלעגענעם ווינטער...

דער באַרדיטשעווער:

נו־מאַ... געדענק אָבער, כל דיכפין ייתי וייכול. לוי־יצחקס בקשה איז, אַז אַלע אורחים פּורחים, וואָס האָבן אַליין נישט קיין פּסחדיקן טיש, זאָלן, חלילה,

פאַרוואָגלט פון זייערע היימען, עלנטע, פאַרדאגהטע, זאָלן זיצן בײַ אונדזער טיש...

גנענדל:

(שלעפּט, רײַבט, שטויבט) אוודאי, לוי־יצחק! אזוי ווי אַלע פּסח, אם ירצה השם.

(גייט אפּ אין אַלקער)

דער באַרדיטשעווער:

(מיט דביקות) יהי רצון, עס זאָל זײַן דער ווילן, שיעלו המלאכים, עס זאָלן אַרויפגיין צו דיר די מלאכים, היוצאים, וואָס גייען אַרויס מין השייערן די כלים, מין הסקראבן די בענקלעך און טישלעך, ומין הכשרן דאָס געפעס, ומין הפוצן די מעשענע לײַכטער לכבוד דעם הייליקן יום־טוב פּסח, וימליצו טוב, און זאָלן מליץ טוב זײַן.

גנענדל:

(פון אַלקער אַרויס)

לוי־יצחק, א ייִד וויל דיך זען.

דער באַרדיטשעווער:

(הערט נישט, ווי פריער) און דו, דו, דו, רבונו דעלמא כולא, ביסט זיי מקפּח די פּרנסה...

ישראל שתדלן:

(אַן אויסגעפּוצטער ייִד, האַלב־חסידיש, האַלב־נגידיש־דײַטשמעריש) אַ גוטן תמיד, רבי. כ'קום צוריק פון אַ שליחות, טרעט איך דאָ אָפּ.

דער באַרדיטשעווער:

שלום עליכם. וואָס מאַכן ייִדן בכל תפוצות ישראל?

ישראל שתדלן:

גוטס — ווייניק. לא די, וואָס פּרנסה איז כקריעת ים סוף, איז דאָרטן אין פּעטערבורג, טראַכט מען כסדר אויס נײַע גזירות. געפאָרן אַפּשרײַען... מ'טרײַבט ייִדן פון דערפער. לא די, מלחמות, פאַרברענטע שטעט, ייִדן האָבן אַפילו נישט קיין לחם יבש, איז ווי אַ צוליג נאָך מסירות פון אייגענע... שניאור זלמן איז ווידער אין תפיסה, און מ'לאָזט קיינעם נישט צו...

דער באַרדיטשעווער:

ווי געשריגן, שניאור זלמן, דער בעל התניא, אין תפיסה? ס'ליכט פון דער וועלט אין געפענגעניש!

ישראל שתדלן:

אין פּעטערבורג פאַרשלאָסן אַלע טויערן... ווײ־געשרײַען פון אומעטום. קהי־לות קדושות גיבן אויס די לעצטע גראָשנס, כדי צו באַקלאָגן זיך בײַ מלכות אויף זייערע מושלים. איינעם געשמיסן און איינעם די טאַכטער מאַנס גע־וועןְ, איינעם געלאָזט בערום וחוסר כלל... שניאור זלמן האָט מיר געלאָזט

זאָגן דורך איינעם פון די תפיסה־שומרים, כ׳זאָל אויפרודערן דעם סאָסעוועט, דעם זידיטשעווער, און כ׳זאָל זײַן בײַ איַך אין באַרדיטשעוו. אולי ירחם...

דער באַרדיטשעווער:

איך בין מיד און אַלט. כ׳בין מיד פון אים, אויבן, טובהלעך צו בעטן. איך פיל זיך שוואַך אין די כוחות. (פלוצים, אויפשטייענדיק, פעסטער) אַ פּאַסטוך טאָר קיין מאָל נישט פילן קיין שוואַכקייט, אַ פּאַסטוך טאָר נישט איינדרימלען, בפרט ווען ער גייט מיט זײַן סטאַדע אין אַ געדיכטן וואַלד און אַרום לויערן חיות מיט שאַרפע ציין...

ישראל שתדלן:

רבי, איך האָב מײַן שליחות אויסגעפירט. איך מוז ווײַטער גיין. זײַט געזונט, רבי!

(אָפּ).

דער באַרדיטשעווער:

(אַליין, פאַרזונקען אין מרה־שחורה, גייט אויף און אָפּ) געווען ערשט אַזאַ לויטערער חרותדיקער הימל, און שוין פינצטערע כמאַרעס... די ימים־טובים, וואָס דײַן תורה האָט געבאָטן, פאַרוואַנדלסטו אין טרויער. דו פאַרגינסט נישט קיין רגע רו... אַז ס׳קומט דער יום־טוב פון פרײַהײַט, דערלאָזסטו, אַז ס׳זאָל זיך דערוועקן בײַ די גוים־רוצחים אַ בייזקײַט צו אונדז, בלבולים טראַכטן זיי אויס אויף אונדז... און דו? דו? דו? ביסט אויך אַן אכזר? דו אויך? האָסט דען נישט געזאָגט, אַז מיר זײַנען דײַנע קינדער?

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

בילד צוויי

די דין־תורה

אין בארדיטשעווערס חדר מיוחד. א שמאל צימערל מיט א פענצטערל אין דער הייך. שאפעס מיט ספרים. אויף א הילצערן טישל צוויי טינטערס, גענדזענע פעדעס, כתבים. אן אייל־לאמפ באלייכט דאס חדרל מיט א מאטן ליכט. נאך פסח.

דער בארדיטשעווער:

(שטארק פארעלטערט און געבויגן. לייענט א בריוו) והשנית, בין איך דיר מודיע, אז בעזרת השם יתברך בין איך א בן־חורין. ומעשה שהיה כך היה. אין חדר של התפיסה בעיר הבירה האב איך געזאגט תהילים, כמו שנאמר. ממעקים קראתיך ד'. איז ווען איך בין געקומען צום פסוק „פדי בשלום נפשי", האט זיך גלייך די טיר אויפגעעפנט און א שליח מיוחד פון מלכות האט אנגעזאגט די בשורה: אוים עבד... דער באדריקער איז פארלענדט געווארן. (לייכט אויף) דער מנהיג ישראל, ר' שניאור זלמן, איז פריי. גנענדל, הערסט? דער ליבא־וויטשער איז ב"ה פריי!

(עס עפנט זיך דאס טירל פון חדרל און עס קומען אריין צוויי בערדיקע יידן אין פויע־רישע קליידער. דער ערשטער א הויכער, דער צווייטער א קליינגעוואקסיקער).

דער בארדיטשעווער:

(ווי ער וואלט אויף זיי געוואַרט) שלום עליכם, סאסעווער! שלום עליכם, זי־דיטשעווער!

משה־לייב סאסעווער:

עליכם שלום, בארדיטשעווער. בחפזונדיק קומען מיר צו דיר.

דער זידיטשעווער:

ווארטן מער קען מען נישט!

משה־לייב סאסעווער:

איבער בערג, איבער טאלן, איבער מיילן לאנגע טראקטן איילן מיר צו דיר, לוי־יצחק.

דער זידיטשעווער:
ס׳פאָלק ישראל קען נישט מער איבערטראָגן די עינויים קשים.

משה-לייב סאַסעווער:
ייִדן — עניים ואביונים... קינדערלעך הונגערן... קינדערלעך פרירן... קינ־דערלעך קריעה ובליה...

דער זידיטשעווער:
ייִדן מחמת אביונות קענען נישט לערנען קיין תורה.

משה-לייב סאַסעווער:
ייִדן — אתה בחרתנו, האָבן נישט קיין מלבוש אויף זיך...

דער זידיטשעווער:
עמך קען נישט צאָלן קיין שכר-לימוד. קהל קען נישט אויסהאַלטן קיין תלמוד תורות. ישובניקעס ווערן לא עלינו פאַרגרעבט.

משה-לייב סאַסעווער:
ס׳געוויין פון די פאַרשמיסענע און פאַרפּייניקטע דורך די אַלע ווילדע פּרי־צים גייט עד לב השמים...

דער זידיטשעווער:
און די למד-וואָוו — גאָרנישט.

משה-לייב סאַסעווער:
אויך שרה בת טובים באַוויַיזט זיך זעלטן.

דער זידיטשעווער:
נישטאָ ווער ס׳זאָל לינדערן. די תפילות זיַינען פול מיט קינות, לויטער עצבות, רחמנא ליצלן!

דער באַרדיטשעווער:
עצבות, דאָס לא ולא! עצבות? אויף דעם קוקט דאָך טאַקע אוים דער מקטרג. איין מאָל דערלאָזן די ממשלה פון עצבות, איז שוין אוים מיט דיַין פאָלק ישראל. שמחה זאָל אין ייִדישע הערצער געוועלטיקן! הערסט, בורא עולם? און אז דו וועסט זיך נישט צוהערן צו אונדזערע רייד, וועלן מיר דיך צו א משפט רופן...

משה-לייב סאַסעווער:
דאָס איז דאָך דער רעיון פון אונדזער בחפזונדיקן קומען צו דיר. ווען נישט מיר, ווער דען?

דער זידיטשעווער:
ווען נישט איצט, ווען דען? די וועגן זיַינען פול מיט סכנות. חיילות ציען. ייִדן ווייסן נישט אויף וועמענס צד צו זיַין. איז קרח מכאן וקרח מכאן.

משה־לייב סאַסעווער:

צווישן האַמער און קאָוואַדלע... פּריצים ווילן הערשן... דער קייסער וויל שינדן... און מיר, די רועי עמך, ווייסן נישט וווּ איין, וווּ אויס...

דער זידיטשעווער:

דערווייל גיסט זיך אויס דער גאַנצער גרימצאָרן אויף ייִדן. ייִדן בכל יום ויום אין פּחד פאַר הריגות, עלילת דם...

משה־לייב סאַסעווער:

גאַנץ קהל איז אַן אביון. נישטאָ פון וואַנען צו נעמען מתן בסתר.

דער זידיטשעווער:

דאָס איז די תורה און דאָס איז איר שכר?

משה־לייב סאַסעווער:

טאָ האָבן מיר ביידע געאײַלט צו דיר. אם לא עכשיו אמתי? איבער וועגן פול מיט שטרויכלונגען, איבער פינצטערע וועלדער מיט לויערער, איבער דערפער מיט רוצחים, איבער גרענעצן מיט גזלנים...

דער זידיטשעווער:

אין גוייִשער הלבשה, ווי פּרא־אדמס, זיך געשלעפּט איבער טראַקטן, גע־דאַוונט תחת השמים תפילה קצרה...

משה־לייב סאַסעווער:

כדי צוזאַמען מיט דיר, לוי־יצחק מבאַרדיטשעוו, מזדמן צו זײַן דעם בורא־עולם לדין...

דער באַרדיטשעווער:

שוין לאַנג האָב איך זיך מתרעם געווען אויף אים. שוין לאַנג געוואָלט זיך אויסטענהן מיט אים, וואָס משפּט די וועלט מיט לויטער מידת־הדין און גאָרנישט מיט מידת הרחמים! אויך ער איז אַן אכזר? אויך ער אַ קאַרגער? אויך ער אַן אָפּנאַרער? צוגעזאָגט אריכת ימים, צוגעזאָגט גוטס, צוגעזאָגט גאולה... און וווּ איז זײַן וואָרט?

משה־לייב סאַסעווער:

וווּ איז זײַן צוזאָג?

דער זידיטשעווער:

מרובים צרכי עמך...

דער באַרדיטשעווער:

קודם־כל, ליבע אורחים: וסעדו לבכם, וואַשן די הענט, אָפּרוען אַ ווײַלע. און דערווײַל וועל איך עורך־דין זײַן, צוגרייטן די בעלי־טענות, די רייד, די עדות (איז אַלקערל אַרײַן) גנענדל, זיי מקיים אברהם אבינום מצווה! (דער זידיטשעווער און סאַסעווער אָפּ) איצט בורא עולם, וועסטו מוזן גיין לדין

מיט שטארביקע:

איך בין געקומען צו דיר מיט אַ דין תורה
פון דײַן פאָלק ישראל.
וואָס האָסטו צו דײַן פאָלק ישראל?
די רוסלענדער וואָס זאָגן?
אַז זייער קייסער איז קייסער!
און די דײַטשלענדער וואָס זאָגן?
אַז זייער מלכות איז מלכות!
און די ענגלענדער וואָס זאָגן?
אַז זייער קיניג איז קיניג!
און איך לוי־יצחק מבארדיטשעוו זאָג:
המלך היושב על כסא רם ונשא!
און איך לוי־יצחק מבארדיטשעוו זאָג:
לא אָזוז ממקומי —
איך וועל זיך פון מײַן אָרט נישט רירן,
און אַ סוף זאָל דאָס נעמען!

הײַנט, בורא עולם, וועלן מיר דיר נישט נושא פנים זײַן. מיר קומען בשם עם ישראל!

(עס קומען צוריק אַרײַן דער סאַסעווער און דער זידיטשעווער אנגעטון אין רבישער הלבשה)

זעצט זיך, וועלן מיר עורך־דין זײַן. ערשטער בעל־טענה, אַרענדאַר לייזער! קום אַרײַן. (דער אַרענדאַר קומט פון אַ זײַטיקן טירל) וואָס האָסטו צו זאָגן?

ארענדאַר:

דעם פריץ אַבאַטקים זונדל פאָדערט שוין ווײַטער פון מיר געלט. זײַן זשאַנדאַרע סטרעלעצקי פײַניקט מיך אָן אויפהער, ווי אַ שקלאַף.

דער זידיטשעווער:

רבונו דעלמא כולא! דו אַליין האָסט געזאָגט אין דײַן תורה: צו מיר אַליין זײַנט איר קנעכט. טאָ ווי קענסטו אונדז צווינגען צו טראָגן דעם יאָך פון עפּעס אַ בייזן פריץ? ווי קענסטו אים צווינגען צו זײַן משועבד צו אַ קנעכט פון קנעכט?

דער באַרדיטשעווער:

דער צווייטער בעל־טוען: כאַצקל־גרונם.

מלמדל:

אַ מלמד בין איך. אַ גאַנץ יאָר נע־ונד. אַהיימגעקומען, געוואָלט זײַן מיט דער משפּחה, איז זי אָוועקגעפאַלן. בין איך: בלי לחם, בלי בגד, זעקס לעבעדיקע יתומים.

משה-לייב סאַסעווער:

יושר! וווּ איז יושר? אַלע יסורים פון דער וועלט אויף איין אויסגעדייווערטן ייִדעלע?

דער באַרדיטשעווער:

דאָס בית־דין וועט אַרויסטראָגן אַ גערעכטן משפט. קום אַרײַן, חיה רחל, לייג אויס דײַנע טענות!

חיה-רחל:

אַן אַלמנה בין איך, אַ וויסטע אַלמנה, מיט זיבן פּיצעלעך ווערעם. פון אַ געשטעלעכל פּרוכט בין איך זיך מפרנס. געוווינט אין אַ קליין ירושה־שטיבעלע, אונטערגעשפּאַרט אויף דריקעס, קוים געהאַלטן זיך די הײַזקע. אָבער געווען אַ דאַך איבערן קאָפּ. קומט אַ פײַער און פאַרברענט דאָס. איצט, ייִדן, בין איך אויף דער גאַס. פאַרוואָס האָט ער מיר דאָס געטון? פאַרוואָס?

דער באַרדיטשעווער:

איז דאָס רעכט־אַנשיקן אַ שריפה אויף חיה־רחל דער אַלמנה? לאַ די, וואָס זי איז אַן אַלמנה, וואָס קוים זי פאַרדינט זיך אויף חיונה, האָסטו נאָך אויף איר אָנגעשיקט אַ פײַער... איז דאָס אַ פירעכץ פון אַ וועלט? דו וואָס אַזוי־פיל גוטס איז אין דײַנע שפּײַכלערס, און אַ האַלבע וועלט הונגערט. אַזויפיל האַלץ אין דײַנע וועלדער, און אַ האַלבע וועלט אָן אַ דאַך... דו, דו, דו... פאַרטע, פינפטע בעלי־טענות!

ערשטער ייִד:

אומשולדיקע מענטשן זײַנען מיר. קוים מיטן נאַקעטן נפש אַנטרונען. געכאַפּט אונדז אין אַ קרעטשמע, געבונדן, אַרײַנגעוואָרפן אין אַ תפיסה, פאַר קאַליקעס אונדז געמאַכט...

צווייטער ייִד:

מיר זאָלן האָבן גענוצט דאָס בלוט פון אַן אַלטער גויע אויף פּסח...

ערשטער ייִד:

געקומען הויכע לײַט פון פּעטערבורג, עפּעס אַן אַדון...

צווייטער ייִד:

גלייבט ער, אַז ייִדן ניצן בלוט אין די מצות...

דער באַרדיטשעווער:

בורא עולם! פון דור־דורות שלאָגסטו, פּײַניקסטו אונדז מיט דער נאַרישקײַט פון די פעלקער... פאַר זייער טיפּשות באַצאָלן מיר ימען טרערן, ימען בלוט... גענוג בלוט, גענוג טרערן (נאָכן פאַרטראַכטן זיך) קום אַרײַן, סגינור, ברוך ווײַנשענקער!

ברוך ווײַנשענקער:

מיך, ב"ה, בענטשט ער כסדר. און זינט כ'האָב געטון דעם ווילן פון הייליקן

רבין — אוודאי און אוודאי. קיין עין הרע: מיינע טראַטוועס קומען גאַנצע קיין דאַנציק, מיינע וועלדער האָבן געזונט געהילץ, מיינע אַרענדעס, ב"ה, מיט געראָטענע שניטן, מיינע פּריצים לאָזן לעבן.

דער זידיטשעווער:

איינער אויף טויזנט... איינעם מיט דער פולער האַנט און טויזנטער זיינען ערום וחוסר כל...

משה־לייב סאַסעווער:

אַמאָל אין אַ יובל אַ ברוך וויינשענקער... און די וועלט איז פאַר אַלעמען, באַשעפער פון דער וועלט! ווען דו האָסט פאַרטיילט דיין רחבותדיקע וועלט, האָסטו זיך געמאַכט פאַרגעסן אין דיין פאָלק ישראל.

דער באַרדיטשעווער:

דער וויטערדיקער בעל־טענה!

יתומה:

געדינט צוועלף זמנים ביי אַ באַלעבאָסטע אַ מרשעת. געזאַמלט אַ גילדן צו אַ גילדן, נאָר פאַרן ביסל אויסשטייער, האָט ער (כליפּעט) אָפּגענאַרט... גע־לאָזט אין אַזאַ צושטאַנד... און ווי אין וואַסער פאַרפאַלן...

משה־לייב סאַסעווער:

לא די אַ יתומה... און אויך אַ קינד פון אברהם, יצחק ויעקב... און ער, אויבן, מאַכט אַן אונטערשייד...

דער זידיטשעווער:

אַ וועלט פון בעלי־טענות וואָלט מען געקענט פאַר דיר ברענגען, קדושים וטהורים, קרבנות פון אַלע דורות, פון אַלע צייטן... וואָלטן זיי צו דיר גע־שריגן אַ וויי־געשריי, און זייער קול וואָלט געגרייכט עד תחת כסא כבודך... צוליב דיין ואהבת לרעך...

משה־לייב סאַסעווער:

אַז ער אַליין פירט זיך נישט אויף על פי דער תורה... דו האָסט אונדז אויס־געוויילט צו שאַנד און שפּאָט, צו פאַרלענדונג, ווילן מיר נישט מער!

דער זידיטשעווער:

ווייל דיר אויס אַן אַנדער פאָלק! מיר זיינען מיד פון יסורים, מיד פון נגי־שות, מיר פון דיינע גזירות רעות.

משה־לייב סאַסעווער:

מיד אַפילו פון קידוש השם.

דער באַרדיטשעווער:

(שטעלט זיך אויף, פייערלעך) דער מנהג איז, אַז נאָך דעם ווי מ'האָט אויסגע־הערט די טענות פון ביידע צדדים, דאַרפן די צדדים זיך שואל־עצה זיין.

בעלי־טענות, עדות, זײַט מוחל, גייט אַרויס (עדות, בעלי־טענות אָפּ) און דו, רבונו של עולם, על פּי דין וואָלטסטו אויך געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס בית־דין־צי־מער... איז דאָך מלא כל הארץ כבודך...

דער זידיטשעווער:

דער פסק־דין מוז זײַן בכתב.

משה־לייב סאַסעווער:

געשריבן אויף פּאַרמעט, געחתמעט און געזיגלט הכל במנהג המדינה.

דער באַרדיטשעווער:

און דו, בורא עולם, וועסט מוזן אויספירן און פאָלגן דעם משפט, מקיים זײַן דײַנע צוזאָגן, מזוני, חיים, שיבת־ציון, גאולה שלימה... מער וואַרטן קען דײַן פאָלק נישט, גענוג געגאַנגען אין ימען אייגן בלוט, גענוג געלײַטערט אין בראַנד־פײַער...

דער זידיטשעווער:

בגזרת תורתנו הקדושה...

דער באַרדיטשעווער:

בהסכם כולם טראָגן מיר אַרויס דעם פסק־דין: מהיום והלאה זאָל זײַן מידת הרחמים פאַר דײַן פאָלק ישראל! אלא נישט, איז אוים עמך, אוים עם קדו־שים, אוים! עס וועט זײַן זרע־מרעים, שלעכטס וועט, חלילה, באַהערשן די וועלט, און דאָס וועט זײַן דײַן שולד... און איך, לוי־יצחק בן שרה מבאַרדי־טשעוו, לא אזוז ממקומי.

משה־לייב סאַסעווער און דער זידיטשעווער:

און אויך מיר. (אַלע חתמענען אַ פּאַרמעט).

דער באַרדיטשעווער:

(שאַרט אַוועק דעם פאָרהאַנג פון פענצטערל, מיט אַן אויפגעהייטערטן געמיט)

די שווערע דעמפּיקע נאַכט איז פאַרבײַ... אַ רעגן האָט אָפּגעפרישט... עס ליכטיקט... אַ רעגנבויגן שפּאַנט אײַן דעם הימל פון איין עק ביזן אַנדערן... זײַן שלום־צוזאָג...

משה־לייב סאַסעווער:

האָסט אונדז געטרייסט, באַרדיטשעווער!

דער זידיטשעווער:

איצט גייען מיר אַהיים, איש למקומו, און יידן וועלן קענען לערנען תורה מתוך הרחבה.

דער באַרדיטשעווער:

דער בורא עולם וועט זײַן אַ טאַטע צו זײַנע קינדער. בנים אָנו, בנים שע־שועים...

(פאָרהאַנג)

בילד דריי

עליה

א ברייטער געפלאַסטערטער פלאַץ פאַרן באַרדיטשעווערס שטוב. אין צענטער: א גלעזערנע וועראַנדע. פון ביידע זייטן הילצערנע הייזקעס מיט גאַניקלעך, אפענע קלייט־טירן און בלינדע פענצטער. שילדן. עטלעכע חדשים נאָך דער דיז־תורה. ייִדן אויף און אָפּ, קוקן מיט געשפּאַנטקייט צו דער וועראַנדע. פון חדר־אַרויס זאָגט נאָך וואָרט ביי וואָרט דעם מלמד צו א ייִנגעלע: — בראשית — זאָג ייִנגעלע. בראשית — צום ערשטן — ברא — האָט באַשאַפן — את — דעם, השמים — דעם הימל.

הערש סאָסעלעס:

(אויף דער שוועל פון דער גלעזערנער טיר) *ששש...* דער רבי קוים איינגע־שלאָפן...

חנה פון דער גאָרקיך:

(פאַרעלטערט, איינגעהילט אין א שווערער פאַטשיילע) וואָס מאַכט ער?

הערש סאָסעלעס:

ששש... מ'דאַרף רחמים...

אַרומשטייערס:

וויי צו אונדז! אונדזער רבי! ווער וועט זיך אָננעמען פאַר אונדז?

הערש סאָסעלעס:

איין פאַרלאַנג זיינער: ער וויל זען אײדער... דעם סאַסעווער און דעם זידי־טשעווער טאַנצן... מ'האָט געשיקט נאָך זיי א שליח־מיוחד...

חנה פון דער גאָרקיך:

טייערער, הייליקער רבי...

אַרומשטייערס:

וויי, וויי! שוין? טאַקע?

הערש סאַסעלעס:

ששש... אולי ירחם (בלחש) צופיל אײַנגעשטעלט: די דין־תורה מיטן בורא־עולם... ער, אויבן, איז אַ נוקם... (אַפּ אין שטוב אַרײַן).

חנה פון דער גאַרקיך:

אַזאַ ליכטיקער רבי...

(כליפּעט שטיל)

משה בלעכער:

אַ שלעכטע צײַט פֿאַר באַרדיטשעווער קבצנימלעך.

דער טרעגער:

קײַן גראָשן נאָך נישט פֿאַרדינט... אויסגעטרוקנט דער טײַך פון פרנסה...

משה בלעכער:

וווּהין שמײַעסטו דאָס, כאַצקל־גרונם?

מלמדל:

(מיט אַ פּעקל אונטער די פּאַכוועס) אין מקוה אַרײַן.

משה בלעכער:

די מקוה איז נישט געהייצט.

מלמדל:

גיי שוין, גיי! נישט הייצן קײַן מקוה? עק־וועלט!

משה בלעכער:

אסרו חג וויל ער, מ׳זאָל האָבן אין זינען די מקוה. אַז דער בעדער איז נאָך שיכור פון שמחת־תורה (צווינגט זיך):

אַף ברי,
אויף מאָרגן נאָך יום־טוב אין דער פרי,
אין גאַס דאַרף מען לויפן,
קאַרטאָפלעס דאַרף מען קויפן,
און קײַן געלט איז אַלץ נישטאָ.

אַרומשטייערס:

(העלפן אים צו) און קײַן געלט איז אַלץ נישטאָ!

משה בלעכער:

(ווי פריער מיטן גשם־ניגון)

דער ווינטער קומט צוריק,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אין דרויסן ווערן גרויסע בלאָטעס,
די שטיוול זײַנען גאַלע לאַטעס,
און קײַן געלט איז אַלץ נישטאָ.

ארומשטייערס:

אוי, אוי, אוי, און קיין געלט איז אלץ נישטא...

הערש סאסעלעס:

(ווידער אויף דער שוועל פון דער ווערענדע) ששש, אביסל שטילער.

מוכר־ספרימניצע:

(א גריין־גרויע פרוי קומט אן פון א זייטיק געסל. אויפן שוואכן דריבנינקען פלייצעלע א פאק ספרימלעך, טשאפעט, טשאפעט אין א פאר ברייטע שטיוול, שימל־קאליר, מאלט מיט א תחינה־לשון) יידעלעך, ברידערלעך, אט בין איך דא, אין א מזלדיקער שעה. קומען קום איך פון גאר ווייט, ברענג איך ספרימלעך הייליקע, יידעלעך זאלן זיי לייענען, פון שלאף דערוואכן און די כשרע אייגעלעך אויסוויינען. פון תשעה־באב די קינה און פון שרה בת טובים די תחינה. טרערעלעך צו פארגיסן און די שערי שמים אויפצושליסן...

חנה פון דער גארקיך:

קומט צו מיר זיך אפרוען, באבעשי.

ארומשטייערס:

האט איר אפשר שרה בת טובים געזען?

מוכר־ספרימניצע:

שרה בת טובים? צו וואס דארפט איר זי?

חנה פון דער גארקיך:

באַרדיטשעוו, באבעשי, דארף זי נייטיק! אזויפיל קראנקע קינדער מיט פאר־שמאכטע ליפעלעך, אזויפיל קיילעכדיקע יתומימלעך, אזויפיל פאראומערטע, פארזעסענע מיידלעך אן נדן, אזויפיל עגונות... און דער רבי אליין — א מסוכנער חולה... געוואלט משיחן אראפברענגען...

א ייד:

פאר דער צייט!

מוכר־ספרימניצע:

פאר דער צייט? צו גוטס זיינען יידן תמיד גרייט!

(טשאפעט אוועק)

חנה פון דער גארקיך:

אוי ווי!

ארומשטייערס:

מאכטס א ווארע! נשים אין דער זייט!

(פון קעגנאיבערדיקן געסל קומען אן בהמונדיק, אין פויערישער הלבשה, משה־לייב סאסעווער און דער זידיטשעווער. קוקן מיט אנגסטלעכע בליקן צום באַרדיטשעווערס שלאפשטוב).

משה־לייב סאַסעווער:

(אויפֿן שוועל) עליכם שלום, באַרדיטשעווער ייִדן! איבער סכנותדיקע וועגן געאײַלט, געקומען ווידער זען לוי־יצחקן...

דער זידיטשעווער:

לוי־יצחק האָט אונדז גערופֿן.

משה־לייב סאַסעווער:

אין צער איז לוי־יצחק... די זײַלן פֿון דער וועלט אויף זײַנע פּלייצעס... שוואַך זײַנען זיי... זײַנען מיר געקומען...

גנענדל:

(גרייז־גרוי, אויף דער שוועל פֿון דער ברייטער גלעזערנער טיר, ווײַזט דעם סאַסעוער און דעם זידיטשעווער אויף אינעווייניק־צו).

דער זידיטשעווער:

אישה צנועה, מיר זײַנען נישט געקומען זיך מצער זײַן, נאָר אדרבה משמח זײַן אים, העלפֿן טראָגן דעם עול...

גנענדל:

קומטס אַרײַן, צו לוי־יצחקס געלעגער. לוי־יצחק קוקט אויס נאָך אײַך, ווי אַ חתן נאָך דער כלה...

אָרומשטייערס:

געקומען זײַנען די גוטע ייִדן צום הייליקן רבין. מאַכטס אַ וואָרע!

הערש סאַסעלעס:

ששש...

גנענדל:

אַ לויטערער ליגט לוי־יצחק... נעמט גאָרנישט צו זיך, שוין אַ מעת־לעת... זײַנע ליפּן שעפּטשען... ער וויל זוכה זײַן צו זען דעם סאַסעווערס און דעם זידיטשעווערס ריקודים...

משה־לייב סאַסעווער:

(מיט ליבשאַפֿט) אָט גייען מיר, לוי־יצחק. נײַע שטיוועלעך געקויפֿט.

דער זידיטשעווער:

(פּאַקט אויף אַ פּעקל) נײַע סאַפֿיאַן־שטיוועלעך... פֿון דײַן כבוד וועגן, באַרדי־טשעווער...

משה־לייב סאַסעווער:

עס זאָל זײַן ווייך צום טאַנצן... אין קדשי קדשים ווייך אַרײַנטאַנצן, לוי־יצחק... לוי־יצחק. אָט וועלן מיר באַלד דײַן נשמה דערקוויקן...

(שפּרײַזן אַריבער ווי שוועבנדיקע די שוועל פֿון דער ברייטער טיר... אָרומשטייערס גאַפֿן.)

משה־לייב סאַסעווערס קול:

(פון אינעווייניק) עליכם שלום, לוי־יצחק... נאָר נישט קיין עצבות!

דעם זידיטשעווערס קול:

(לאַשטשענדיק) נאָך פאַר קבלת שבת, לוי־יצחק, טוען מיר דיר צוליב...

דעם באַרדיטשעווערס קול:

(שוואַך מאחורי הפרגוד) משה־לייב, זידיטשעווער, ברוכים הבאים... אײַערע ריקודימלעך מיט יענעם ניגון, דעם ניגון וואָס שפּאַרט אין די הימלען...

דער זידיטשעווער:

אָט דעם ניגון, לוי־יצחק, האָבן מיר דיר טאַקע געבראַכט. מיר טראָגן אים אין זיך, מיט זיך...

משה־לייב סאַסעווער:

טאַנצן װעלן מיר, לוי־יצחק, עד כלות הנפש, טאַנצן דעם של מעלהדיקן ניגון...

דער באַרדיטשעווער:

(מיט גרויס אנשטרענגונג) דעם ליכטיקן של מעלהדיקן ניגון...

גנענדלס קול:

האָטס רחמנות, גיכער, טײַערע ייִדן!

משה־לייב סאַסעווערס קול:

ס׳איז ענג דאָ פאַר אונדזערע ריקודים.

גנענדלס קול:

הערש, העלף צורוקן לוי־יצחקס בעט צום פענצטער!

(דער באַרדיטשעווער, אויפן בעט, ווערט צוגעטראָגן צום ברייטן פראָנט פון דער גלעזערנער מיר. די צוויי רביים, אַנגעטון שבתדיק, אין זײַדענער וויַיסקײַט, מיט גלאַנציק ברוינע סאַפּיאַן־שטיוועלער)

אַרומשטייערס:

זעטס, זעטס, דער רבי... מאַכטס אַ וואַרע, לאָזט אַדורך!

(ס׳קומען אַז כלי־זמר)

משה־לייב סאַסעווער:

(צו די כלי־זמר) שפּילט!

דער זידיטשעווער:

(מיט דביקות)

שפּילט׳ס, שפּילט׳ס, דעם של מעלהדיקן ניגון:

שיר המעלות מיט התפּעלות, מיט התפּעלות, מיט התפּעלות,
אוי־דיי־ריי־ראַם,
אוי, דיי־ריי־ראַם,
אוי, אוי, אוי, אוי־די־ראַם,

מיט התפעלות, מיט התפעלות,
אוי, אוי, אוי־ווי, טאטע זיסער!

(דער זידיטשעווער מיטן סאַסעווער לאָזן זיך אַוועק אין אַ גישט־דאַיִקן טאַנץ. דער עולם שאָקלט זיך, פּליעסקעט צו, מאַכט התלהבותדיקע העוויות. דער עיגול ווערט גרעסער און דער ניגון גייט איבער אין אַ דביקותדיקן „אונדזער רביניו, רביניו")

הערש סאַסעלעס:

(רײַסט איבער) דער רבי!... אוועקגעפאַלן... (דער טאַנץ האַקט זיך אָפּ מיטאַמאָל).

גנענדל:

אײַנגעשלאָפן אויף אייביק.

הערש סאַסעלעס:

אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

משה־לייב סאַסעווער:

אויפגעגאַנגען דאָס ליכט...

דער זידיטשעווער:

ווײַל צו דיר, לוי־יצחק, אַז עליה בנשיקה...

משה־לייב סאַסעווער:

ווײַל צו דיר, באַרדיטשעווער, נסתלק געוואָרן מיטן מעלהדיקן ניגון...
זינגט־זשע, ייִדן, זינגט!

עולם:

(מיט אויסערגעוויינטלעכער ליבשאַפט, קוקנדיק אויפן באַרדיטשעווערס פּטירה־בעט)
אונדזער רעבעניו, רעבעניו, רעבעניו...
(דאָס געזאַנג גייט בהדרגהדיק איבער אין אַ יאָמער).

(פאַרהאַנג)

ח

פראָבלעמען

מרדכי בערנשטיין
זלמן וואַסערצוג
חיים בראַקאַזש
פאַליק לערנער
י. בירנבוים

מרדכי בערנשטיין

בוענאָס־איירעס

תורה־ווימפּלען

שיריים פון קרובֿ אַ האַלבן יאָרטויזנט יידישע פאָלקסקונסט

...דורות אין שטויביקן פאַרמעט, צעביסן פון וואָרם,
ס פ ר י ם —
דער שטענדער פון זקנים אין חסד פון דרימל —
דער נס פון הימל.
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
דער תהום פון די אותיות איז הייליק, וועט הייליק פאַרבלייבן
אַ סופר וועט שרייבן:
געוועז, סע וועט זיין, און ס'וועט תמיד זיך ציען דער פאָדעם —
פון ניסים און חסדים.
(אברהם טווערסקי — דורות, 1944)

ביים גריבלען זיך אין אַלטע פאַרמעטן, ביים נישטערן אין שטויביקע שמות פון ספרים, פונאַנדערשיפּרירנדיק שוין לאַנג אָפּגעבליאַקעוועטע אותיות, פלעג איך שטענדיק נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערחזרן די וווּנדערבאַרע ווערטער פון א ב ר ה ם ט ו ו ע ר ס ק י ס ליד „ד ו ר ו ת". איך האָב דעם נ ס פון ג ע ו ו ע ז ן און ס ע ו ו ע ט ז יי ן אָנגעטראָפן אין דייטשלאַנד אויף יעדן וועג און שטעג.

וואַנדערנדיק איבער די מקומות, ווו עס האָט אַ מאָל געשפּרודלט מיט יידיש לעבן, בפרט איבער די ערטער פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעלויכטן די מאורי־הגולה, קען מען אָנטרעפן דעם נ ס, דעם שטויביקן, דורות־לאַנגן נס, וואָס האָט אי־

בערגעלאָזן זײַן חותם פון יענער װײַטער צײַט, װען נוסח א ש כ נ ז האָט זײַן דרך אָנגעװיזן די תפוצות.

חרוב זײַנען געװאָרן קהילות, די לעבעדיקע עדות זײַנען פאַרגאַזט, פאַרברענט און זייער אַש איז איבער זיבן ימים צעזײַט. די סינאַגאָגעס זײַנען מיט פײַער־בראַנדן אװעק, די בית־עולמס געשענדט; אָפּגעמעקט האָט געדאַרפט זײַן זייער געדעכעניש, קײַן סימן זאָל נישט בלײַבן; אַזוי האָט מען געװאָלט, אַזוי האָט מען געטאָן. אָבער דאָ און דאָרט זײַנען צעזײַט און צעשפּרייט די שיריים פון דעם „װאָס געװען", איבערבלײַבענישן, װאָס זײַנען פאַרװאָלגערט געװאָרן אין װענט פון מויערן, אויף פּלעצער, אין קלויסטער־קאַרניזן, אויף בית־עולמס, אין אַרכיװ־קעלערן אָדער מוזיי־בוידעמער. איך האָב די דאָזיקע רעשטלעך געזאַמלט, געסדרט, קאַלעקציאָנירט; באַמיט זיך פאַר אונדזער דור רעסטאַװרירן דעם עבר, דעם גאַר װײַטן און גאָר נאָענטן. זאָלן מיר װיסן אַלץ װאָס איז פאַרשניטן געװאָרן; װי טיף און װייטיקדיק די חורבן־מאַשין, דער טעװטאָנישער כליון־קאָמבינאַט האָט געאַרבעט.

פון אונטער אַ דיקן שטויב־שיכט װיל איך דאָ אַרויסהייבן אַ פראַגמענט פון דעם יידישע זיטן־ און שטייגער־לעבן פון די דײַטשע יידן. אַ פראַגמענט אַ װייניק באַװוּסטער. ברעקלעך דערפון האָב איך אָנגעטראָפן אין אַ ריי ערטער. זיי האָבן זיך פאַרװאָלגערט און איבערגעלעבט דעם בלוטיקן מבול, איבערגעלעבט, כדי װידער אַ מאָל צו דערמאָנען — מ י ר ז ײַ נ ע ן ג ע װ ע ן א ו ן מ ע ן ה אָ ט א ו נ ד ז פ אַ ר ש נ י ט ן.

עס איז כולו נוסח א ש כ נ ז דער דרך אין דער רעליגיעז־ליטורגישער יידישקייט, װעלכער איז געװאָרן דאָמינירנדיק ביי יידן בכל מקום שהם. בעיקר איז עס ריכטיק לגבי דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום, װאָס איז געװען דער אייגנטלעכער המשך פון דער, אין מיטלאַלטער, אונטערגעגאַנגענער דײַטשער העגעמאָניע־תקופה.

עס װײַזט זיך אַרויס: נישט אַלע מינהגים, פירונגען און צערעמאָניאַלן זײַנען דורך אונדז איבערגענומען געװאָרן, אָדער אין װאַנדל פון דורות זײַנען אפשר אַ סך פאַרגעסן געװאָרן אָדער לכתחילה נישט אָנגענומען געװאָרן.

אָט איז ביי דײַטשע יידן געװען אַ שטײַגער־אײַנפירונג, װאָס האָט אָנגעהאַלטן קרוב 500 יאָר — די זייער פאָפּולערע ת ו ר ה ־ װ י מ פּ ל ע ן, תורה־װיקל־גאַרטלען. אין די הונדערטער האָבן זיי זיך געפונען אין זייערע בתי־מדרשים, קלויזן און סינאַגאָגעס. די דאָזיקע פירונג איז אונדז נישט געװען באַװוּסט.

װאָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די װימפּלען?

בײַם געבוירן װערן פון אַ יינגל ביי יידן אין דײַטשלאַנד האָט מען צו דער ברית־מילה פאַר אים צוגעגרייט אַ ספּעציעל װינדעלע, אויף װעלכן עס פלעגט

דורכגעפירט ווערן דער ברית־אַקט. נאָכן מל זײַן פלעגט מען די דאַזיקע ווינדל צעשנײַדן אויף פיר פּאַסן, זיי פלעגן צוזאַמענגענייט ווערן און עס איז געוואָרן אַ וויקל־באַנד; אויפן דאַזיקן באַנד האָט מען נאָך דעם אויסגענייט אָדער אויסגע־מאָלט אַ געוויסן סטאַנדאַרט־נוסח. ער איז אויך באַשטאַנען פון דעם יינגלס נאָמען און אַ ווונטש, אַז ער זאָל דערצויגן ווערן לתורה לחופה ולמעשים טובים (וועגן דעם אינהאַלט פון די אויפשריפטן אויף די ו י מ פּ ל ע ן וועלן מיר שפּעטער זיך אָפּשטעלן).

דאָס יינגל, שוין אַן אונטערגעוואַקסענער, פלעגט דעם דאַזיקן ווימפּל ברענ־גען אין דער סינאַגאָגע אַרײַן. לרוב — ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה און מען פלעגט אים אויפרופן צו דער תורה. מיט דעם דאַזיקן ווימפּל האָט מען דעמאָלט אַרומגעבונדן די תורה. און דער ווימפּל איז שוין געבליבן אין דער סינאַגאָגע. ער פלעגט נאָר פאַרביטן ווערן מיט אַ נײַעם ווימפּל, וואָס אַ פרישער בר־מצווה האָט געבראַכט. אַזוי אַרום פלעגן זיך אין די סינאַגאָגעס אָנקלײַבן זייער אַ סך ווימפּלען.

זייער זעלטן פלעגט דער ווימפּל צוריקגענומען ווערן. געשען איז עס נאָר אין פאַלן ווען די מישפּחה פון יינגל איז אַריבערגעפאָרן וווינען אין אַ צווייטן אָרט; אויך אין פאַלן פון קראַנקייט פון יינגל פלעגט מען א ו י ס ב אָ ר ג ן דעם ווימפּל, כדי מיט אים אַרומצוּוויקלען דעם חולה. מ'האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַ סגולה פאַרן קראַנקן.

וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון דעם דאַזיקן מינהג זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס מען טרעפט זיך זייער אָפּט אָן, אין דײַטשלאַנד, אויפן דאַזיקן מין עקספּאָ־נאַטן. קלענערע און גרעסערע זאַמלונגען פון ווימפּלען זײַנען פאַראַן אין פיל ער־טער.

אין וו אָ ר מ ס ע ר שטאָטישן מוזיי געפינט זיך אַ קאָלעקציע פון לערך אַ כ ט ה ו נ ד ע ר ט ווימפּלען פון די יאָרן 1570 ביז 1841. די דאַזיקע ווימפּלען האָבן פריער זיך געפונען אין דער רש"י־שול. די רש"י־שול, וועלכע איז אַלט געווען העכער 900 יאָר (אין 1934, שוין בימי היטלער, איז געפּײַערט געוואָרן דער יובל פון 900 יאָר רש"י־שול) איז אין דער בלוטיקער „קריסטאַל־נאַכט" אונ־טערגעצונדן געוואָרן. פון אונטער די חורבות האָט מען נאָך דעם אַרויסגענומען די דאַזיקע ווימפּלען, זײַנען זיי טאַקע אין דער גרעסטער מערהייט צוגעשרפט.

אין ש נ יי ט אַ ך, בײַ נירנבערג, איינע פון די עלטסטע קהילות אין בײַערן, איז פאַראַן אַ זייער רײַכע קאָלעקציע פון יידישע תשמישי־קודש. העכער 10 ספר־תורהס, מגילות, פּרוכתן, תורה־מענטעלעך, חנוכה־לאָמפּן, תורה־קרוינען, רימונים, ידן וכדומה. די דאַזיקע זאַמלונג געפינט זיך אין אַ ספּעציעלער „יידי־שער" אָפּטיילונג בײַם אָרטיקן היימאַטס־מוזיי, וועלכער איז אגב אײַנגעאָרדנט

אין דער געוועזענער סינאַגאָגע. אויפן בוידעם פון דער סינאַגאָגע האָב איך געפונען 160 פאַרשיידענע תורה־ווימפּלען.

אין ק א ס ע ל האָב איך אין אַ שאַנק פון דער דאָרטיקער בית־תפילה געפונען העכער 50 ווימפּלען. די סינאַגאָגע, ווו זיי זײַנען געלעגן, איז בשעתה דורך די נאַציס פאַרברענט געוואָרן. בעת דעם פּאָגראָם זײַנען די אינעווייניקסטע אײַנריכטונגען צערויבט געוואָרן. ערשט נאָך דעם צוזאַמענבראָך פונעם היטלער־רעזשים האָבן דײַטשן אָנגעהויבן צוריקברענגען די „געפונענע" (לייען געגזלטע) חפצים.

אין מ א ר ב ו ר ג (העסען־נאַסאו) האָב איך אין דער געביידע פונעם אָרטיקן ייִדישן קאָמיטעט געפונען אויפן בוידעם בײַ 40 ווימפּלען.

אין נ י ר נ ב ע ר ג ע ר געבעט־זאַל, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין ייִדישן מושב־זקנים, געפינען זיך אַ פּאָר צענדליק ווימפּלען.

די אינטערעסאַנטסטע קאָלעקציע, הגם אין צאָל קלענער ווי אין וואָרמס, שנייטאך און קאסעל, האָב איך געפונען אין דעם שטאָטישן מוזיי פון ג ע ט י נ ג ע ן. די דאָרטיקע 28 ווימפּלען געהערן צו די זעלטנסטע זאַמלונגען פון דעם מין.

די דאָזיקע ווימפּלען אַנטהאַלטן אַ שפע מאַטעריאַלן און פאַקטן פאַר אונדזערע פאָרשערס פון פאַרשיידענע געביטן. עס איז אַן אמתער קוואַל פאַר די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אונדזער פאָלקס־קונסט; די פאַרבן, פיגורן, צייכנס און אָרנאַמענטן איז פאַר דער פאָרשונג ממש אַן אוצר. די, וועלכע זוכן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון ייִדישער הלבשה וועלן אין די פיגורן אויף די ווימפּלען געפינען זייער ווערטפולע פּרטים.

וויכטיקס וועלן אויך געפינען יענע וויסנשאַפטלער, וועמען עס אינטערעסירט די עוואָלוציע פון ייִדישע נעמען, די פאַרוועלטלעכונג, אָדער פאַרגויִשונג, פון טייל אַלט־ייִדישע נעמען; דאָס גלײַכן דאָס פאַרשווינדן פון נעמען וואָס זײַנען אַ מאָל געווען פּאָפּולער בײַ אונדז. די ווימפּלען זײַנען אויך אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער פאַמיליען־פאָרשונג, פאַר גענעאָלאָגישע שטודיעס וכדומה. אָפּגערעדט שוין פון די פאָלקלאָריסטן, וועלכע האָבן דאָ פאַר זיך אַן אינטערעסאַנטן מינהג, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן יאָרהונדערטער און ווערט אָפּגעהיטן עד־היום. אָט האָב איך בעת מײַן באַזוך אין דער קאָלאָניע „אביגדור", אין ענטרע־ריאָס, אַ קאָלאָניע וואָס איז מיט לערך 15 יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן דורך ייִדן פון דײַטשלאַנד, געפונען ווימפּלען פון צוריק מיט 100 יאָר און אויך נ ײַ ע, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן שוין דאָ אין אַרגענטינע, אין די לעצטע 15 יאָר.

דער דאָזיקער געביט איז ביז איצט זייער ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן. בפרט איז ער פרעמד אונדזערע, מיזרח־אייראָפּעיִשע, ייִדן. איך וועל בכן גענויער באַשרײַבן די אויבנדערמאָנטע געטינגער ווימפּלען־קאָלעקציע.

אינהאַלט און אויסזען פון די ווימפּלען:

די הונדערטער וויקלבענדער, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זען, האָבן כמעט אַלע איין און דעם זעלביקן סטאַנדאַרטן אינהאַלט. אין די ביישפּילן וועל איך אין קלאַמערן אָנגעבן די נומערן פון מוזיי־קאַטאַלאָג, אין וועלכן זיי זיינען פאַרצייכנט. איך וועל לסוף אויך ברענגען אַ גענויען אינווענטאַר פון דער גאַנ־צער קאָלעקציע.

אָט איז דער אינהאַלט פונעם ע ל ט ס ט ן וויקלבאַנד פון דער קאָלעקציע:

נתן בן הר״ר אברהם שליט״א נולד במזל־טוב יום כ״ו שבט ת״ז לפ״ק
השם יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים אמן סלה.
(אינוו. נומער 1 פון יאָר 1646).

דער דאָזיקער נוסח חזרט זיך איבער כמעט אויף אַלע אַנדערע ווימפּלען. טייל זיינען מיט ראשי־תיבות, פאַרקירצטע ווערטער אאַ״וו. די אותיות אויף די בענדער (זיי זיינען פון זייד אָדער לייוונט) זיינען פאַרשיידנפאַרביק געמאָלן אָדער אויסגעהאַפטן. זייער אָפט איז יעדעס אות מיט אַן אַנדער פאַרב אָדער אַן אַנדערע אָרנאַמענטירונג. די ווערטער האָבן זייערע באַפּוצונגען און עס טרעפט אויך, אַז יעדעס וואָרט אויף דעם זעלביקן ווימפּל איז אויסגעהאַפטן אָדער געמאָלן אין אַן אַנדער סטיל. די אותיות און ווערטער זיינען באַצירט מיט כל המינים בלומען, בלעטער, קוויטן, געוויקסן, חיות, פייגל, פיש און סימבאָלן. זייער אָפט זיינען צווישן די חיות פאַראַן פאַנטאַסטישע ברואים, וועלכע עקסיסטירן גאָרניט; דער אַנאָנימער פאָלקס־קינסטלער האָט זיי נאָר פון דמיון אויסגעטראַכט.

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט איז געשענקט געוואָרן דעם ל מ ד, וועל־כער איז באַפּוצט מיט כל־המינים אויסטערלישע קעפּ פון אַלע מעגלעכע און נישט מעגלעכע באַשעפענישן. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין די באַפּוצונגען די ווער־טער „ל ת ו ר ה“ און „ל ח ו פ ה“. כמעט אויף אַלע ווימפּלען זיינען די דאָזיקע ווערטער פאַרגעשטעלט בילדעריש, זיינען אילוסטרירט מיט סימבאָלן און פיגורן און פּאַרזען מיט כלערליי צושריפטן פון קלענערע אותיות, טעקסטן, וועלכע דערגאַנצן די דאָזיקע ווערטער.

וואָס עלטער אַ ווימפּל איז, אַלץ שענער, רייכער, פאַרביקער און אָריגינע־לער איז ער. בכלל זיינען די עלטסטע ווימפּלען נישט געמאָלן, נאָר אויסגענייט אָדער אויסגעהאַפטן.

עס איז כדאי צו ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן.

ביים וואָרט „ל ת ו ר ה“ געפינט זיך ווי אַ כלל אַ ן א ו י פ ג ע־ וו י ק ל ט ע ת ו ר ה. לרוב געפינט זיך אין דער דאָזיקער אויפגעוויקלטער תורה עפּעס אַן אויפשריפט, למשל:

„זאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל על פי ה׳ ביד משה" (אינוו. נום׳ 2 פון יאָר 1695). אויפן דאָזיקן ווימפּל ווערט פאַרגעשטעלט אַ יד אין אַ רבנישער הלבשה, וועלכער האַלט די תורה אויפגעהויבן ווי בעת הגבהה.

אין אַנדערע פאַלן זיינען די טעקסטן ביים „ל ת ו ר ה":

„זאת תורת משה אמת ויציב" (אינוועטאַר נום׳ 7 פון יאָר 1738);

„עץ חיים היא למחזיקים בה" (אינוועטאַר נום׳ 12 פון יאָר 1752). ביים „לתורה", ווערן אין אַנדערע ווימפּלען באַוויזן די ל ו ח ו ת און ביי זיי אַ בילד פון משה רבינו (אינוו. נום׳ 3 פון יאָר 1700).

ספּעציעל באַצירט איז דאָס וואָרט „לחופה". כמעט שטענדיק איז טאַקע פאַראַן אַ חופה מיט 4 שטאַנגען. זייער אָפט באַשטייט די חופה פון דעם אות „ח" פון ל ח ו פ ה. אונטער דער חופה זיינען נישט זעלטן אויסגעמאָלט אָדער אויסגענייט חתן־כלה, דער מסדר־קידושין, מחותנים, אונטערפירער וכדומה. ווי־דער אַ מאָל: וואָס עלטער דער ווימפּל איז, אַלץ קאָלירפולער איז די חופה פאַר־געשטעלט, אַלץ שענער און אָריגינעלער ווערט די חתונה־צערעמאָניע אויסגע־משלט; מיר זעען דאָרטן די צירונג פון יונגן פאָר, זייער קליידונג — מיר האָבן פאַר זיך די הלבשה פון יאָרהונדערטער צוריק.

פונקט ווי ביים וואָרט „לתורה" האָבן מיר אויך ביי „לחופה" אַ סעריע פאַר־שיידענע צושריפטן. ראשית איז פאַראַן דער מ ז ל ־ ט ו ב, טייל מאָל נאָר די ראשי־תיבות „מ. ט.". אַרום די אויסגעמאָלטע חופה שטאַנגען, אָדער אין זיי, טרעפט מען די ווערטער: „קול ששון וקול שמחה" (אינוועטאַר נום׳ 20 פון יאָר 1795).

אין טייל פאַלן ווערט געלייגט אַכט אויפן קידושין־רינג. חוץ וואָס ער איז אויסגעמאָלט אָדער אויסגעהאָפטן אַנטהאַלט ער די ווערטער „ט ב ע ת ק י־ ד ו ש י ן" אָדער „ה ר י א ת מ ק ו ד ש ת" (אינוו. נום׳ 2 פון יאָר 1695).

כמעט אויף אַלע ווימפּלען זיינען אָפּגעצייכנט די סימנים פון די 12 מזלות, נאָך די חדשים, אין וועלכע די יינגלעך זיינען געבוירן געוואָרן. משמעות, אַז די האָראָסקאָפּישע סימנים האָבן ביי דעם געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל. געבוירענע אין ת ש ר י האָבן ביים סטאַנדאַרט־וואָרט „נולד במזל־טוב" נאָך אַ צוגאָב: „מזל מאזנים" און דערצו אַן אויסגעמאָלענע אָדער אויסגעהאָפטענע וו אָ ג. אין דעם חודש ט ב ת איז אָנגעשריבן „מזל גדי" און אַ צ י ג ע ל ע דערביי; אין ש ב ט „מ ז ל ד ל י" און דערביי אַן ע מ ע ר, אַ ב ר ו נ ע ם, אַ וו אַ ס ע ר ־ ט ר ע ג ע ר אאז"וו.

ווי אַ ספּעציעלער מאָטאָ גייט דורך איבער אַלע ווימפּלען דער אַפאָריזם פון יהודה בן תימא: „הוי עז כנמר וקל כנשר, רץ כצבי וגיבור כארי לעשות רצון אביך

שבשמים" (פּרקי אבות ה. כ"ג). די ווימפּלען זײַנען טאַקע פול מיט אָדלערס, הירשן, לייבן און לעמפּערטן.

בײַ קינדער־לוויִם זײַנען חוץ די פריִערדיקע פּרטים נאָך פאַראַן פאַרשײדענע סימנים, וואָס דאַרפן ווײַזן, אַז דאָס יִינגל געהערט צום לוויִם־שטאַם. אַזוי געפינען מיר אויף די דאָזיקע ווימפּלען אַ קריגעלע און אַ שיסל (דער סימבאָלישער סימן פון שבט לוי) און אויך צושריפטן „סגן לוי" אָדער „עבודת הלוויִם".

איין ווימפּל פון דער געטינגער־קאָלעקציע האָט מיט זײַנע פּסוקים, באַפּוצונגען, סימנים און אילוסטראַציעס ממש געשלאָגן רעקאָרד. דאָס איז דער נומ' 5 פון אינווענטאַר פאַרן יאָר 1715.

אויך דער דאָזיקער ווימפּל האָט דעם סטאַנדאַרט־נוסח:

„אברהם בן הר"ר אברהם מרדכי ס"גל נולד במזל־טוב ביום ד' ט"וו שבט ת"ע..." היות אָבער דאָס יִינגל איז געבוירן געוואָרן אין שבט, דער חודש וואָס איז אונטער מזל דלי געפינט זיך אַ צושריפט „יזל מים מדליו" און אַ ברונעם דערבײַ. אַזוי ווי ער איז אויך אַ לוי איז פאַראַן אַ קריגל וואָס ווערט געטראָגן פון 2 לייבן, און בײַ זיי אַ צושריפט „זאת עבודת הלוויִם". בײַם וואָרט „לתורה" שטייט משה רבינו, ווען אַ פליִענדיקער מלאך דערלאַנגט די לוחות. אויף די לוחות געפינען זיך די ערשטע ווערטער פון די עשרת הדיברות; אונטער דער חופּה שטייען חתן־כלה בײַ וועלכע עס איז פאַראַן אַ צושריפט „ת ר נ ג ו ל ת ת ר נ ג ו ל" וואָס דאָס דאַרף באַטייטן איז מיר בשום אופן נישט געלונגען פעסטצושטעלן. ווײַטער געפינען זיך די חיות פון יהודה בן תימאס אַפאָריזם און חוץ זיי — אַ גאַנצער זאָאָלאָגישער גאָרטן פון חיות, פייגל, פיש, אַ צווייקעפּיקער אָדלער מיט קרוינען, אַ קו, בײַ וועלכער עס איז פאַראַן אַ צושריפט „סוף בהמות לשחיטה". די ווימפּל־באַצירונגען ווערן דאָ פאַרענדיקט מיט אַ גאַנצער סטאַדע פוקסן בײַ וועלכע עס שטייען 2 זאַצן: „אל תהי ראש לשועלים" און „אחזו לנו שועלים". דאָס אַלץ איז אגב נישט געצייכנט, נאָר א ו י ס ג ע נ יי ט מיט פאַרשיידנפאַרביקע און ז י ל ב ע ר נ ע פּעדים.

נעמען־עוואָלוציע:

די ווימפּלען־קאָלעקציע אין געטינגען נעמט אַרום אומגעפער אַ משך פון 200 יאָר צײַט, פון ת"ז ביז תקצ"ט (1646 — 1838), דער לעצטער ווימפּל שטאַמט, ווי מיר זעען, פון מיט אַ העכער 100 יאָר צוריק.

די אַנדערע ווימפּלען, וועלכע איך האָב באַטראַכט אין דײַטשלאַנד דערגייען ביז די יאָרן 1931. די „אביגדור"־ווימפּלען זײַנען געמאַכט שוין דאָ אין אַרגענטינע און זײַנען משמעות די פרישסטע, וועלכע מיר פאַרמאָגן. פאַרגלײַכנדיק דעם אויסזען פון די דאָזיקע ווימפּלען זעט מען ווי אָרעם, סײַ אינהאַלטלעך, סײַ אויסער־

לעך, עס זײַנען די נײַע ווימפּלען. נישטאָ די פאַרפוצונג, באַצירונג, רײַכקײַט פון פאַרבן, אָרנאַמענטירונג און פאַנטאַזיע. דער עיקר: מיר טרעפן זיך שוין אָן אויף דער פאַרגוייִשונג, אַסימילירונג פון די ייִדישע נעמען.

צוזאַמען מיטן ייִדישן נאָמען וואָס דאָס ייִנגל באַקומט, ברענגען די לעצטע ווימפּלען אויך דעם אַזוי גערופענעם „וועלטלעכן“, דעם פאַרדײַטשטן נאָמען. מיר דערוויסן זיך אויף וואָס פאַר אַ נאָמען דער פריִערדיקער נאָמען איז פאַרביטן געוואָרן. עס פעלן נישט דערבײַ קײַן קוריאָזן.

אָט געפינט זיך אויף אַ קאַסעלער ווימפּל הילד א ל י ק ו ם המכונה ל ע ק י ש. פאַראַן דאָ אַ צוגאָב: ל ע אָ פּ אָ ל ד. גיי זײַ אַ חכם, אַז אליקום איז ל ע ק י ש, פון וועלכן עס איז געוואָרן ל ע אָ פּ אָ ל ד!

פון א ב ר ה ם איז געוואָרן אַ ד אָ ל ף, אַ ל פ ר ע ד אָדער גאָר וו ע ר נ ע ר; י ר מ י ה ו איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין י ו ל י אַ ן; פּ ס ח איז ג ו ס ט אַ וו, אַ צווייט מאָל איז ג ו ס ט אַ וו גאָר פון ג ר ש ו ן; י צ ח ק איז איין מאָל א י ז י ד אָ ר און אַ צווייט מאָל — ה אַ נ ס; י ה ו ד ה איז אָדער י ו ל י ו ס אָדער ל ע אָ פּ אָ ל ד; אויך איז י ו ח נ ן מגולגל געוואָרן אין אַ י ו ל י ו ס; ש ל ו ם איז געוואָרן ז י ג פ ר י ד; ב ר ו ך האָט באַקומען דעם נאָמען ב ע ר ט ה אָ ל ד און ש ל מ ה איז געוואָרן ז י ג ב ע ר ג.

אויך איז צו באַמערקן, אַז די לעצטע צײַטן האָבן די אויספּאַרטיקער פון די ווימפּלען אָנגעהויבן אונטערצוהינקען אויף דער עברי. עס טרעפן זיך פאַרגרײַזטע נעמען ווי י אַ ק ו ב, י ו כ י ע ל י ו כ ע נ ע ן (אַנשטאָט יעקב, יחיאל, יוחנן). עס זײַנען אָבער אויך פאַראַן קוריאָזע גרײַזן, אַ מין נח מיט זיבן גרײַזן. איינער אַזאַ געפינט זיך אין מאַרבורג, וועלכן עס איז כדאי פאָרצושטעלן, און נעמלעך:

נאָך דעם וואָרט ל ת ו ר ה (דער דאָזיקער ווימפּל איז טאַקע פאָרגעשטעלט ווי אַ פונאַנדערגעוויקלטע תורה) געפינט זיך דער ווײַטערדיקער פּסוק:

„כי לקח טוב נ ז ת י (נתתי) ל ח ם (לכם) תורתי ע ל ת י ז ב י (אל תעזבו) ע צ (עץ) חיים ה י (היא) ל מ כ ז ק ם (למחזיקים) בה“.

און אין דער „ל ח ו פ ה“ געפינען מיר די ווײַטערדיקע צושריפט:

„קול ת ש ן (ששון) וקול ס י מ ח ה (שמחה) קול חתן וקול ק ל ה (כלה)“.

דער רוב פון די ווימפּלען זײַנען פ אַ ר ב ל ו ט י ק ט ע. ווער ווייס צי דאָס זײַנען שפּורן פון דעם ד ם - מ י ל ה אָדער פון דעם ד ם - ש ח י ט ה. די דאָזיקע שטומע בענדער דאַרפן אָבער ריידעוודיק ווערן, און דאָס קאָן נאָר געשען ווען מען וועט זיי צונויפקלייבן אין איין צענטער, אָדער אין אַ ריי צענטראַלע

אינסטיטוטן און מוזייען, ווו מען זאָל זיי ווידמען דעם פאַרדינטן אויפמערק. עס איז כדאי זיך צו נעמען אויספאָרשן דעם דאָזיקן מינהג, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן יאָרהונדערטער ביז אין אונדזערע הײַנטיקע טעג.

אינווענטאַר פון די ווימפּלען אין שטאָטישן מוזיי פון געטינגען

איך ברענג דאָ די קאַטאַלאָגישע פאַרצייכעניש פון די געטינגער ווימפּלען, ווי אויך זייער אינהאַלט, סטאַנדאַרט-נוסח און די ספּעציעלע צושריפטן אויף אַ טייל פון זיי. דער אינווענטאַר-קאַטאַלאָג וועט, גלייבן מיר, זײַן דער ע ר ש ט ע ר פון דעם מין וואָס איז ווען-עס־איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. די פאַרצייכענונג וועט באַשטיין פון דרײַ טיילן.

א) דער נוסח פון ווימפּל;

ב) די אויפשריפטן, וואָס זײַנען אַנדערש בײַ די באַזונדערע ווימפּלען;

און ג) די באַשרײַבונג פון ווימפּל ווי זײַן מאַטעריאַל, פאַרב, טעכניק פון דער אָרנאַמענטירונג, אויסהעפטונג, די גרייס אאז״וו. בײַם צוזאַמענשטעלן דעם אינ־ווענטאַר-קאַטאַלאָג (ספּעציעל דעם 3טן טייל) האָט מיר, מיט ראָט און טאָט, גע־האָלפן דער קוסטאָש פון דעם מוזיי פרוי ד״ר ו י ט י נ ג ע ן, פּראָפעסאָר פאַר בילדענדער קונסט אין געטינגער אוניווערסיטעט.

די נומערן באַטייטן אומעטום די קאַטאַלאָג-נומערן פון דעם אַלגעמיינעם מוזיי־אינווענטאַר. אַלע נומערן האָבן פאַר זיך דעם אות יוד (כּאָטש אין דײַטש), וואָס מיינט, אַז דאָס איז די ייִדישע אָפּטיילונג. לסוף האָב איך צו דעם אינווענ־טאַר אויך צוגעגעבן די רשימה פון אַ ריי אַנדערע קונסט היסטאָרישע קעגנשטאַנדן, וועלכע באַציִען זיך צו ייִדן און געפינען זיך אין דעם דאָזיקן מוזיי, טאַקע אין דער זעלביקער אָפּטיילונג.

די קעגנשטאַנדן זײַנען דאָס אייגנטום פון מוזיי זינט לאַנגע יאָרן; בשעתּם (פון 1900 און ווײַטער) זײַנען זיי דורך דער דירעקטאָריע אײַנגעקויפט געוואָרן אָדער זײַנען איר געשענקט געוואָרן. יעדער קעגנשטאַנד האָט זײַן א ו ק צ י אָ נ ס־נ ו מ ע ר, וועלכער באַווײַזט ווען, ווו, בײַ וועמען ער איז אײַנגעשאַפט גע־וואָרן. די ווימפּלען שטאַמען פון דער קהילה א ד ע ל ע ב ס ן. דער מוזיי האָט אומגעפער אין 1918 זיי באַקומען אַלס מתנה פון דער דאָרטיקער קהילה־פאַרוואַלטונג. דעמאָלט איז אויך אײַנגעשטעלט געוואָרן די ייִדישע אָפּטיילונג.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז ווי אַזוי די דאָזיקע רײַכע זאַמלונג איז געראַטע־וועט געוואָרן. נישט הײַנט איז די צ ײַ ט און אויך נישט דאָ איז דאָס אָ ר ט צו שרײַבן וועגן דעם אופן ווי אַזוי דער דאָזיקער אוצר פון ייִדישער פאָלקס־קונסט האָט אויסגעמיטן די פאַרניכטונג...

בכן טרעטן מיר צו צום אינווענטאַר:

נומער יוד 1, תורה־ווימפּל פון 1646

א) נתן בן הר״ר אברהם שליט״א נולד במזל טוב יום א׳ כ״ו שבט ת״ז לפ״ק, יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ג) דער ווימפּל איז פון ווייסן לייוונט, אַ ביסל פאַרגעלבט, געהאַפטן מיט פאַרביקע זייד און זילבער־פאָדעם אין פלאַט און לאַנגוטען־שטעך. בײַם וואָרט „נולד במזל־טוב" געפינט זיך אַ סימבאָל וואָס דאַרף פאָרשטעלן דעם מזל ד ל י, אַ מענטש מיט צוויי עמערס; בײַם וואָרט „לתורה" אַ בילד פון משה רבינו מיט די לוחות, אויף וועלכע עס געפינען זיך די ערשטע אותיות פון די עשרת הדיברות; בײַ „לחופה" איז אויסגעהאַפטן אַ חופּה, אונטער וועלכער עס געפינט זיך די חתן־כלה. בײַם סוף פון ווימפּל איז פאַראַן אַ חיה, אַ כמו לעמפּערט, וועלכער האַלט אַן עמער מיט אַן איבערשריפט „מזל דלי". די אותיות זײַנען אַרומגעזוימט מיט זילבער־פאָדעם, די גאַנצע לענג פון ווימפּל איז פאַרשיידנאַרטיק אויסגעהאַפטן און מיט כל־המינים פאַרביקע בלומען אָרנאַמענטירט. דער אות ל מ ד האָט פאַרלענגערונגען און קעפּלעך אין דער פאָרעם פון קעפּ פון חיות אָדער בלומען. בײַם אָנהייב און סוף פון טעקסט ווי אויך צווישן די באַזונדערע ווערטער זײַנען פאַראַן וואַזעס מיט בלומען; איבער און אונטער דער שריפט — בלומען־קראַנצן, פייגל, שפּרינגענדיקע האָזן; די ראַנדן פון ווימפּל זײַנען אַרומגעזיימט מיט לאַנגוטענשטעך; די באַזונדערע פיר טיילן פון באַנד זײַנען פאַראייניקט מיט ציר־שטעך און זייד־פאָדעם. די לענג פונעם באַנד 375, ברייט — 15 צנטם.

נומער יוד 2, תורה־ווימפּל פון יאָר 1695

א) מאיר בן נפתלי שליט״א נולד במזל־טוב יום א׳ כ״ה שבט תנ״ו לפ״ק יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ב) נאָכן וואָרט „שבט" — שטייט „מזל דלי"; בײַ „לתורה" געפינט זיך די צושריפט: „זאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל על פי ה׳ ביד משה"; בײַ „לחופה" זײַנען דאָ די ווערטער „הרי את מקודשת".

ג) ווײַסער לייוונט (פאַרגעלבט) אויסגעהאַפטן מיט פאַרשיידנפאַרביקע זײַדענע פעדים און אויך זילבערפעדים; געהאַפטן אין סטיל פלאַט און לאַנגוטענשטעך. דער האָראָסקאָפּ־צייכן שטעלט פאָר אַ מאַן וואָס טראָגט אַ וואַסער־עמער. די תורה ווערט געהאַלטן פון אַ יידן אין פאַרצײַטישער קליידונג. דערבײַ איז נאָך פאַראַן אַ בילד פון משה רבינו מיט די לוחות. בײַ דער חופּה זײַנען אַ חוץ חתן־כלה נאָך פאַראַן דער מסדר־קידושין מיט אַ בעכער אין דער האַנט, דערנעבן שטייט, משמעות, דער פאָטער פון חתן, בײַ דער כלה אַ פרוי, משמעות, די מוטער פון דער כלה. די באַזונדערע אותיות זײַנען מיט פאַרשיידנפאַרביקע סטילשטעך אַרומגעזיימט. דער חלל פון יעדן אות איז באַצירט מיט פאַרשיידענע בליטן אָדער פייגל. איבער די ווערטער אַ דינער שטריך. בײַם אָנהייב פון טעקסט אַ בלומען־וואַזע. דער גאַנצער באַנד איז אַרומגעזיימט מיטן לאַנגוטענשטעך; אויך די באַזונדערע טיילן פון באַנד זײַנען אויפן זעלביקן אופן צווישן זיך פאַראייניקט. לענג פון באַנד — 345, ברייט 15.5 צנטם.

נומער יוד 3, ווימפּל פון יאָר 1700

א) שמואל בן יעקב שליט״א נולד במזל־טוב יום ה׳ ו׳ אדר תס״א לפ״ק יגדלהו לתורה, לחופה ולמעשים טובים אמן סלה.



ווימפלען

ב) בײַם וואָרט „לתורה" שטייט „עשרת הדיברות".

ג) ווײַסער לײַוונט (פאַרגעלבט), אויסגענייט מיט קאָליריקע און זילבערפעדים אין סטיל לאַנגוטעז־ און שפּאַן־שטעך. בײַם וואָרט „נולד" אַ פאַדים־צייכענונג פון אַ מענטש מיט אַ פולער פיש־נעץ. דאָס זאָל זײַן אַן אָנדײַטונג פאַרן האָראָסקאָפּישן צייכן מזל ד ג י ם. בײַ „לתורה" געפינען זיך די לוחות אין די הענט פון משה'ן, אויף די לוחות די ערשטע ווערטער פון די עשרת הדיברות. משה רבינו האַלט אין דער צווייטער האַנט אַ שטעקן, פאַראַן אויך די זון, לבנה און שטערן. בײַ „לחופה" אַ שטאָרד מיט אַ קינד אין שנאָבל; אַ חתן־כלה אונטער דער חופּה, דערבײַ אַ קידושין־רינג. די אויסגעהאַפּטענע אותיות זײַנען אַרומגעזיימט מיט פאַרשיידנפאַרביקע קאָנטורן; טייל מיט בלימעכץ, אַנדערע מיט פייגל באַצירט. איבער און אונטער די ווערטער אייַנצלנע בלומען־קנאָספּן. אונטער דעם טעקסט געפינען זיך אַ סך בעלי־חיים: אַ הירש, אויף וועלכן עס שיסט אַ יעגער, פויגל, פוקס, פערד, אַן אָדלער מיט צוויי קעפּ, שפּרינגענדיקע אינדן, שלאַנגען. בײַם אָנהייב פון טעקסט און נאָכן ערשטן זאַץ געפינען זיך בלומען־וואַזעס. דער ראַנד איז אין גאַנצן אַרומגעזיימט מיט לאַנגוטען־שטעך. די באַזונדערע טיילן פון באַנד זײַנען פאַראייניקט מיט זילבער־פעדים. לענג — 345, ברייט — 19 צנטם.

נומער יוד 4, תורה־ווימפּל פון יאָר 1708

א) עקיבא בן הר"ר אברהם־מרדכי סגל נולד במזל־טוב יום ג' כ"ג חשוון תס"ט יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ווײַסער לײַוונט (פאַרגעלבט) אויסגעהאַפטן מיט זײַדנפעדים אין סטיל־, פאַר־ און שפּאַן־שטעך. דער ווימפּל הייבט זיך אָן מיט אַ קריגעלע באַצירט מיט בליטן, אַ צווייט קריגעלע געפינט זיך בײַם נאָמען פון פאָטער. דאָס צווייטע קריגל ווערט געהאַלטן פון אַ האַנט און שטעלט פאָר ווי דאָס וואַסער גיסט זיך אַרײַן אין אַ שיסל, וווּ עס איז פאַראַן אַ פיש. אונטער די אותיות אַ בלומען אָרנאַמענטירונג מיט מילגרוים־מאָטיוון. אויפן גאַנצן באַנד — פאַרשיידענע חיות ווי הירשן, אײנהאָרנס, פייגל. די פאָרעם פון די באַזונדערע אותיות איז אויסגעבילדעט פון געדיכטע האַפטשטעך; דער ראַנד איז אַרומגענומען מיט אַ זיים אין לאַנגוטענשטעך סטיל; די באַזונדערע טיילן פון באַנד זײַנען איינע מיט די אַנדערע פאַראייניקט מיט זילבער־פעדים. די אייבערשטע טייל פון אות ל מ ד איז אין דער פאָרעם פון אַ שלאַנגען־קאָפּ, וועלכער ציט זיך אויס איבער דער גאַנצער ברייט פונעם אות. די לענג — 282, די ברייט 19 צנטם.

נומער יוד 5 תורה־ווימפּל פון יאָר 1715

א) אברהם בן הרב רב אברהם מרדכי סגל נולד במזל־טוב ביום ד' ט"ו שבט תע"ו יגדלהו לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

(משמעות אַ ברודער פון נומער 4 עקיבא)

ב) אויפן ווימפּל געפינען זיך די צושריפטן: בײַם וואָרט ס ג ל „זאת עבודת הלוויים"; ווײַטער אין פאַרשיידענע ערטער „קל כנשר"; „רץ כצבי„; „גבור כארי"; בײַ דער חופּה די ווערטער „הרי את מקודשת", אויסער דעם נאָך „תרנגול" בײַם חתן און „תרנגולת" בײַ דער כלה; צום סוף פון באַנד „סוף בהמות לשחיטה" און בײַ אַ גרופּע פוקסן צוויי צושריפטן: „אחזו לנו שועלים" און „אל תהי ראש לשועלים".

ג) װײַסער לײַװנט (פֿאַרגעלבט), אױסגעהאַפֿטן מיט פֿאַרביקע זײַדפֿעדים אין סטיל־ קײטל און פֿלאַט־שטעך. בײַם „זאת עבודת הלוײם" געפֿינט זיך אַ קרײַז געהאַלטן דורך צװײ באַ־ קרױנטע לײבן. בײַם „יזל מים מדליו" איז פֿאַראַן אַ ברונעם, בײַ װעלכן עס הענגט אַן עמער. בײַ „לתורה" — משה רבינו, װעמען אַ מלאך גיט איבער די לוחות; בײַ „לחופה" די חתן־כּלה און איז די זײַטן אַ הון (בײַ דער כּלה) און אַ האָן (בײַם חתן). בײַם „קל כּנשר" אַ העפֿט־צײכענונג פֿון אַן אָדלער מיט אַ קרױן אױפֿן קאָפּ. בײַם „אל תהי ראש לשועלים" שטײען 2 פֿוקסן אײנער קעגן צװײטן און אַ בלומען־װאַזע צװישן זײ. בײַם „רץ כּצבי" איז פֿאַרגעשטעלט אַ לױפֿנדיקער הירש און אַנטקעגן אים אַן אײנהאָרן; װײַטער געפֿינט זיך אַ פֿוקס מיט דער צושריפֿט „אחזו לנו שועלים"; צום סוף פֿון באַנד אַ צײכענונג פֿון אַ קו מיט אַ צושריפֿט: „סוף בהמות לשחיטה". איבער און אונטער דער שריפֿט זײַנען פֿאַראַן פֿאַר־ צירונגען פֿון בלימעלעך און בלומען; פֿאַרשײדענע חיות פֿילן אױס די לײדיקע שטחים צװישן די אותיות; יעדעס אות באַזונדער איז אױסגעפֿולט מיט פֿאַרשײדנפֿאַרביקע אױסהעפֿטונגען: די ל מ ד ז זײַנען מיט פֿײגל־קעפּ. דער גאַנצער ראַנד איז מיט לאַנגוטען־שטעך אַרומ־ געצײמט; די באַזונדערע טײלן זײַנען פֿאַראײניקט מיט געלן זײַד־ און זילבער־פֿעדים אין לאַנגוטען־ און שפּאַן־שטעך. לענג 385, ברײט 13.5 צנטם.

נומער יוד 6, תורה־װימפּל פֿון יאָר 1719

א) יהודה ליב בן כמר אחנן (יוחנן?) שליטא נולד במזל־טוב ביום ה' י"א כסלו ת"פ לפ"ק השם יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ב) בײַם נאָמען י ה ו ד א ־ ל י ב איז פֿאַראַן די צושריפֿט „אריה שאג מי לא ירא".

ג) װײַסער לײַװנט (פֿאַרגעלבט), די ראַנדן אַרומגעצײמט מיט פֿאַרביקע זײַדפֿעדים אין סטיל־ פֿלאַט, קײטל־ און לאַנגוטען־שטעך. בײַ די װערטער „אריה שאג מי לא ירא" שטײט אַ לײב מיט אַ קרױן אױפֿן קאָפּ. טײל װערטער זײַנען געשריבן אין ראשי־תיבות (למ"ט, ולמע"ט, א"ס: — למזל־טוב, ולמעשים טובים, אמן סלה): די סימנים, אַז דאָס זײַנען ראשי־תיבותן זײַנען מיט מגן־דװידס אָפּגעצײכנט. די אײנצלנע אותיות האָבן פֿאַרביקע קאָנטורן, אינע־ װײניק אַנטהאַלטן זײ פֿאַרשײדענע אָרנאַמענטן, טײלװײַז אױך מיט כּל־המינים געאָמעטרי־ שע שטריכן. אין אָנהײב פֿון באַנד געפֿינט זיך אַ בלומען־װאַזע; די באַזונדערע טײלן פֿון שטאָף זײַנען מיט פֿאַרשײדנפֿאַרביקע פֿעדים אין לאַנגוטען־שטעך פֿאַראײניקט. לענג 375, ברײט 14.5 צנטם.

נומער יוד 7, תורה־װימפּל פֿון יאָר 1738

א) מאיר בן נתן הלוי נולד יום ד' י"ג אלול תצ"ט לפ"ק ה' יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים א"ס.

ב) בײַם װאָרט ה ל ו י איז צוגעגעבן „סגן לוי"; בײַם װאָרט נ ו ל ד די װערטער „מזל בתולה"; בײַ ל ת ו ר ה זײַנען אַרײַנגעשריבן „זאת תורת משה אמת ויציב".

ג) געלבער לײַװנט, פֿאַרביק באַמאָלן, טײלװײַז אָפּגעבליאַקעװעט. בײַ די װערטער „סגן לוי" געפֿינט זיך אַ קרײַזל און אַ שיסל; בײַ „מזל בתולה" איז פֿאַראַן אַ בילד פֿון אַ פֿרױ; בײַ „לתורה" איז איבער דעם תורה־בילד פֿאַראַן אַ קרױן, פֿון בײדע זײַטן די אותיות **כ"ת, װאָס** מײנט כּתר־תורה. די באַזונדערע אותיות האָבן אַ פֿאַרשײדנאַרטיקע פֿאַרביקע קאָנטורירונג, אין די קאָנטורן פֿאַרשײדענע בלומען, בלעטלעך, בלימעלעך און אַנדערע אָרנאַמענטן. די

אייבערשטע טיילן פון די אותיות שטעלן מיט זיך פאר פארשיידענע צייכענונגען פון חיות און פייגל־קעפ אדער פיש. בעיקר די למדן, צדיקן און יודן. לענג 298, ברייט 19 צנטם.

נומער יוד 8, תורה־ווימפּל פון יאָר 1741

א) משה בן ה״ר יצחק שליטא נולד במזל־טוב יום א׳ אב ת״קב ה׳ יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) אין ווארט „לתורה" איז אריינגעשריבן „זאת התורה אשר שם משה".

ג) וויסער לייוונט, שטארק פארגעלבט, אויסגענייט מיט פארביקע זייד־פעדים אין סטיל־ קייטל־ און לאנגוטען־שטער. איבערן ווארט במזל־טוב 2 לייבן, וואס האלטן א קרוין, אין וועלכער עס זיינען איינגעפאסט די אותיות מ״ט (מזל־טוב); די צושריפט ביי „לתורה" איז אויסגעפירט אין דער פארעם פון אן אויפגעוויקלטער תורה; דער אות ח י ת פון „לחופה" שטעלט פאר אן אויפגעשטעלטע חופה, איבער וועלכער עס זיינען פאראן שטערן און גאלד־אותיות „מ־ט" וואס הייסט מזל־טוב. די אותיות האבן קאנטורן פון פארשיידנפארביקע פע־דעם אויסגענייט אין קייטלשטאך. די קאנטורן זיינען אויסגעפילט מיט ארנאמענטן פון בלו־מען, פייגל, הירשן. די אונטערשטע פארענדיקונגען פון די אותיות זעען אויס ווי פיש, די אייבערשטע טיילן פון די אותיות זיינען געפורעמט ווי בלומען־קראנצן. דער באנד פארענדיקט זיך מיט א בלומען־וואזע. לענג 300, ברייט 17 צנטם.

נומער יוד 9, תורה־ווימפּל פון יאָר 1744

א) חיים זעליג בן ר׳ שמעון שליטא נולד במזל־טוב ביום ג׳ ח׳ שבט תק״ה יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביים ווארט ש ב ט איז צוגעגעבן „מזל דלי", ביי ל ח ו פ ה איז פאראן די צו־שריפט „טבעת קידושין".

ג) געלבער לייוונט, פארביק באמאלט (זייער אפגעבלאקעוועט). ביי די ווערטער „מזל דלי" — אן עמער מיט א קרוין פון אויבן. ביי „לתורה" איז פאראן א ברילנדיקער לייב און איבער דער תורה א קרוין, ביי „לחופה" איז אויפגעשטעלט א חופה. דער אינעווייניק פון די פאר־ביק קאנטורירטע אותיות אנטהאלט ארנאמענטן פון בלומען און בלעטער. אויך איבער און אונטער די אותיות זיינען פאראן ענלעכע פארפּוצונגען. די באזונדערע שטאפּטיילן פון באנד זיינען פאראייניקט מיט קייטלשטער פון געלבע זיידפעדים. לענג 370, ברייט 15 צנטם.

נומער יוד 10, תורה־ווימפּל פון יאָר 1745

א) אברהם ב״ר משה שליטא נולד ביום כ׳ יום א׳ בסוכות ט״ו תשרי ת״קו. יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביים ווארט „תשרי" איז צוגעשריבן מ ז ל מ א ז נ י ם.

ג) וויסער לייוונט, פארביק באמאלן (פארגעלבט און בלאס); ביי „מאזנים" איז אנגעצייכנט א וו א ג; ביי „לתורה" איז פארגעשטעלט אן אויפגעוויקלטע תורה מיטן ווארט תורה אי־נעווייניק און א קרוין אויבן. ביי לחופה איז דא די חופה מיט חתן־כלה און מסדר־קידושין. איבער די אותיות און אונטער זיי איינצלנע בלומען. ביים אנהייב פון באנד איז פאראן א הירש, וואס איז נעיאגט פון א הונט; דערביי איז אויך דא א שלאנג, וואס וויל איינשלינ־

נען אַ פּראַש; וויַיטער איז פאַראַן אַ קרוין און פון ביידע זיַיטן שלאַנגען און פייגל. יעדעס אות האָט זיַין באַזונדערע פאַרב: בלוי, רויט אָדער געלב און אויף דעם געצייכנטן אות נאָך קאָנטורן און אָרנאַמענטן. דער קאָפּ פון אות ל מ ד ציט זיך איבער דער גאַנצער ברייט פון אות און האָט די פאָרעם פון אַ קנאָספּ אָדער שלאַנג. לענג 374, ברייט 20 צנטם.

נומער יוד 11, תורה־ווימפּל פון יאָר 1747

א) זכרי׳ה מענדל בן הר״ר משה הלוי נולד במזל טוב יום ב׳ כ״ב אלול תק״ז יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביַים וואָרט ה ל ו י איז צוגעגעבן „עבודת הלוויים״; ביַי א ל ו ל די ווערטער „מזל בתולה״.

ג) וויַיסער ליַיוונט (פאַרגעלבט), פאַרביק באַמאָלן. ביַי „עבודת הלוויים״ געפינט זיך אַ קריגל מיט אַ שיסל; ביַים וואָרט „בתולה״ אַ בילד פון אַ פרוי; ביַי „לחופה״ אַ חופה אונטער וועלכער עס שטייען חתן־כלה און דער מסדר־קידושין, דערנעבן אַ לייב; ביַי „לתורה״ שטייט משה רבינו מיט די לוחות. איבער די ווערטער איינצלנע בלומען. פון אָנהייב באַנד און אונטער די שריפט אַ שפּרינגענדיקער הירש, פראַש און שטאָרך. די אייבערשטע טיילן פון ל מ ד האָבן די פאָרעם פון בלומען אָדער שלאַנגען־קעפּ. די באַזונדערע אותיות זיַינען בלוי, רויט אָדער געלב. די קאָנטורן זיַינען אויסגעפילט מיט פאַרשיידנאַרטיקע אָרנאַמענטן. לענג 271, ברייט 23.5 צנטם.

נומער יוד 12, תורה־ווימפּל פון יאָר 1752

א) ראובן בן כ״מ יוסף שליטא נולד במזל־טוב יום כ׳ תמוז תקי״ג השם יגדלהו לתורה לחופה ולשאר מעשים טובים אמן.

ב) ביַי ל ת ו ר ה איז אַריַינגעשריבן „עץ חיים היא למחזיקים בה״; ביַי ל ח ו פ ה די ווערטער „הרי את מקודשת לי״.

ג) געלבער ליַיוונט, פאַרביק באַמאָלן. די תורה איז פאַרגעשטעלט ווי אַן אויפגעוויקלטע בעת הגבהה אין וועלכער עס זיַינען איַינגעשריבן די אויבנדערמאָנטע ווערטער; איבער דער תורה אַ קרוין און די אותיות „כ. ת.״ די חופה איז אויפגעשטעלט און אונטער איר די חתן־כלה. יעדעס אות איז פון אַן אַנדערער פאָרעם און געמאָלט מיט פאַרשיידענע פאַרבן — רויט און געלב. דער לעצטער אות פון באַנד ווערט געהאַלטן פון אַ שפּרינגענדיקן לייב. אין אָנהייב באַנד געפינט זיך אַ בלומען־וואַזע. אונטער די אותיות ציט זיך אויף דער גאַנצער לענג פון באַנד אַ פאַרביקער בלומען־קראַנץ. דער אות ל מ ד האָט דעם קאָפּ (וועלכער איז ליגנדיק) אין דער פאָרעם פון אַ בלום. די באַזונדערע שטאַפּטיילן פון באַנד זיַינען פאַראייניקט מיט קייטל־שטעך פון גרינער זיַיד. לענג 335, ברייט 19 צנטם.

נומער יוד 13, תורה־ווימפּל פון יאָר 1771

א) יוסף בכ״ה יאקב (!) סגל נולד במזל טוב ראש חודש תמוז תקל״ב השם יגדלהו לתורה ולחופה ומעשים טובים.

ב) ביַי סגל „עבודת הלוויים״, אין דער אויפגעוויקלטער תורה די צושריפט „וזאת התורה״.

ג) וויַיסער ליַיוונט (פאַרגעלבט), פאַרביק באַמאָלן. ביַים וואָרט „תמוז״ איז פאַראַן אַ ע ק ד ע ש,

דער האַראָסקאָפּישער צייכן, מיט אַ קרוין פון אויבן. אונטער דער חופּה חתן־כלה און דער מסדר־קידושין מיט אַ בעכער אין האַנט, וועלכן ער דערלאַנגט די חתן־כלה. יעדעס וואָרט איז פון אַן אַנדערער פאַרב. די אותיות אין געגעבענעם וואָרט זײַנען אײַנגעהײַטלעך געצייכנט מיט די זעלביקע געאָמעטרישע קאָנטורן און אָרנאַמענטן. איבער די ווערטער — איינצלנע בלומען. דער באַנד הייבט זיך אָן מיט אַ ל ו י ם - קריגעלע. דער באַנד איז אַרומגעזיימט מיט געלבע זײַד־פעדים אין לאַנגגוטענשטעך. אויף אַזאַ אופן זײַנען אויך פאַראייניקט די באַזונדערע טיילן פון באַנד. לענג 328, ברייט 20 צנטם.

נומער יוד 14, תורה־ווימפּל פון יאָר 1775

א) מנחם ב״ר מאיר הלוי שליטא נולד יום א׳ כ״א אלול תקל״ה השם יגדלהו לתורה לחופּה ולמעשים טובים.

ב) בײַ ל ת ו ר ה אַן אויפגעוויקלטע תורה און אויבן אַ קרוין; דערבײַ אַ יונגפרוי, משמעות דער האַראָסקאָפּישער צייכן פון מזל בתולה. די חופּה איז אַן חתן־כלה, אָבער איבער איר שוועבט אַ מלאך מיט אַ פאַנפאַר. דערבײַ אַ לוים־קריגעלע מיט אַ שיסל; איבער די ווערטער איינצלנע פייגל, שפּרינגענדיקע האָזן און הירשן. אויך אַ נימפע איז דאָ (אפשר באַציט זיך דאָס אויך צו מזל בתולה). די קאָנטורן פון די באַזונדערע אותיות זײַנען בלוי און רויט, אינעווייניק אויסגעפילט מיט פּשוטע געאָמעטרישע שטריכן. לענג 365, ברייט 19.5 צנטם.

נומער יוד 15, תורה־ווימפּל פון יאָר 1777

א) משה בן כ״ה יהודה שליטא נולד במזל־טוב יום ג׳ כ״ג תשרי תקל״ז יגדלהו לתורה לחופּה ולמעשים טובים.

ג) ווײַסער לײַוונט (פאַרגעלבט) פאַרביק באַמאָלן. בײַם וואָרט „ל ת ו ר ה ״ אַן אויפגעוויקלטע תורה מיט אַ קרוין פון אויבן, דערבײַ אויך אַ וו אָ ג, אַן אָנדײַטונג צום האַראָסקאָפּ־צייכן מאזנים; בײַ „ל ח ו פ ה ״ שטייט אַ חופּה, איבער וועלכער עס שוועבט אַ מלאך מיט אַ טראָמפּייט. איבער די אותיות פאַרשיידענע פייגל, אַ נימפע, בלומען־קרענצלעך, שטייענדיקע און שפּרינגענדיקע רינדער, אַ מאַלפּע. די באַזונדערע אותיות זײַנען קאָנטורירט מיט פאַרשיידענע פאַרבן, אין די קאָנטורן איינפאַכע שטריך־צייכנס. די אייבערשטע טיילן פון אות ל מ ד ענדיקן זיך אין בלומען־בלעטער. לענג 373, ברײַט 21 צנטם.

נומער יוד 16, תורה־ווימפּל פון יאָר 1779

א) ברוך בר מאיר שליט״א נולד במזל־טוב יום ה׳ ג׳ תשרי תקל״ט יגדלהו לתורה לחופּה ולמעשים טובים.

ב) נאָך דעם וואָרט ת ש ר י די צושריפט „מזל מאזנים״.

ג) ווײַסער לײַוונט (פאַרגעלבט), פאַרביק באַמאָלן. בײַם „מזל מאזנים״ געפינט זיך אַ וו אָ ג, דער האַראָסקאָפּישער צייכן. די אותיות פון יעדן וואָרט האָבן די זעלביקע פאַרביקע קאָנטורן. איין וואָרט טיילט זיך אַזוי אַרום אָפּ פון צווייטן. זיי בײַטן זיך פון בלויען אויף רויטן קאָליר. איבער די אותיות זײַנען געמאָלן פייגל, בלומענקראַנצן, נימפעס, אַ הירש און אַן אינד. לענג 360, ברייט 18.5 צנטם.

נומער יוד 17, תורה־ווימפל פון יאָר 1782

א) שמעון בר ז ל מ ה (!) שליטא נולד במזל־טוב יום ה׳ ראש־חודש טבת תקמ״ג יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) בײַם וואָרט ט ב ת די צושריפט „מזל גדי״.

ג) ווײַסער לײַוונט (פאַרנעלבט) אויסגעהאַפטן מיט פאַרביקע זײַדפעדים אין סטיל קײטל־ און שפּאָן־שטעך. בײַם „מזל גדי״ איז פאַראַן דער האַראָסקאָפּישער צײכן — אַ ציג; בײַם וואָרט „ל ת ו ר ה ״ געפינט זיך אַ תורה מיט אַ קרוין פון אויבן; בײַם וואָרט „ל ח ו פ ה ״ איז פאַראַן אַ חופּה, וואָס ווערט געהאַלטן פון 4 הענט (קײן מענטשן זעט מען נישט) און דערנעבן אַ נימפע מיט אַ בעכער אין האַנט. איבער די ווערטער — אײנצלנע בלימעלעך־צווײַגעלעך, פייגל און חיות, לרוב פאַנטאַסטישע, אַז עס איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן וואָס מען מײנט מיט זיי. די באַזונדערע אותיות האָבן פאַרשיידענע קאָנטורן, אויסגעפילטע מיט כל־המינים באַצירונגען. לענג 359, ברייט 18.5 צנטם.

נומער יוד 18, תורה־ווימפל פון יאָר 1785

א) הירש בן כ״ה מאיר סגל נולד במזל־טוב פ ר יי ט א ג (!) ב׳ ניסן יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) בײַם אָנהייב פון באַנד די ווערטער „רץ כצבי״, אַן אָנדײַטונג משמעות אויפן נאָמען הירש; דערנעבן אויך די ווערטער „וגבור כארי״; בײַם „נולד״ דער סימן „מזל טלה״.

ג) ווײַסער לײַוונט (פאַרגעלבט) פאַרביק באַמאָלן. בײַם וואָרט „סגל״ געפינט זיך אַ לוויִם־קרי־געלע מיט אַ שיסל; בײַם וואָרט „ל ת ו ר ה ״ שטייט אַ רב מיט אַ תורה אין האַנט; בײַ „ל ח ו פ ה ״ איז פאַראַן אַ חופּה מיט חתן־כלה, מסדר־קידושין און די עלטערן פון יונגן פּאָר. איבער און אונטער די ווערטער אײנצלנע בלימעלעך־צווײַגן, פייגל, האָזן, אײנ־האָרנס, רינדער, קעמלען. בײַם „רץ כצבי״ — אַ לויפנדיקער הירש און בײַם „גבור בארי״ — אַ ברילנדיקער לייב; בײַם סוף פון באַנד איז אַ בלומענוואַזע; דער אות ל מ ד אין אין דער פאָרעם פון פייגל־קעפּ; די אותיות פון די באַזונדערע ווערטער זײַנען געמאָלן אין רויטער, געלבער אָדער בלויער פאַרב. לענג 368, ברייט 18.5 צנטם.

נומער יוד 19, תורה־ווימפל פון יאָר 1789

א) קלונימוס בן כ׳ חיים שליטא נולד במזל־טוב יום ה׳ כ״ח טבת תק״ן יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

ב) בײַ ל ת ו ר ה איז די צושריפט „וזאת התורה אשר שם משה״; בײַ ל ח ו פ ה די ווערטער „הרי את מקודשת״.

ג) ווײַסער לײַוונט פאַרביק באַמאָלן. בײַ „לתורה״ אַן אויפגעוויקלטע תורה ווי צו הגבהה; בײַ „לחופה״ — אַן אויפגעשטעלטע חופּה. אונטער די אותיות פון גאַנצן באַנד אַן אָרנאַמענט פון בלומען־מאָטיוון און פאַרשיידענע חיות ווי לייבן, הירשן, שאָף, פייגל און פיש. די אותיות זײַנען אין בלויער, רויטער, געלבער און גרינער פאַרב אַן אָרנאַמענטן. לענג 329, ברייט 21 צנטם.

נומער יוד 20, תורה־ווימפּל פון יאָר 1795

א) אליעזר ב״ר מאיר שליטא נולד במזל־טוב יום ט״ז שבט תקנ״ה לפ״ק. יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) בײַ ל ת ו ר ה די ווערטער „וזאת התורה אשר שם משה״; בײַ ל ח ו פּ ה די ווערטער „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה״. עס געפינען זיך אויך די ווערטער „רץ כצבי ונבור כארי״.

ג) ווײַסער לײַוונט, פאַרביק באַמאָלן (פאַרגעלבט). די תורה איז פאַרגעשטעלט ווי איינער האַלט אַן אויפגעוויקלטע תורה ווי בײַ הגבהה, וווּ עס געפינט זיך די אויבנדערמאַנטע אויפשריפט; די חופה האָט אויבן אַ קרוין און אונטער דער חופה חתן־כלה און דער מסדר־קידושין מיט אַ בעכער אין האַנט. אַ לויפנדיקער הירש און אַ ברילנדיקער לייב זײַנען אויך דערבײַ. די באַזונדערע אותיות זײַנען אויסגעפירט מיט רויט, געלב, אדער בלוי; אינעווייניק באַצירט מיט בלעטער־ און בלומען־אָרנאַמענטן; אין אָנהייב פון באַנד אַ בלומען־וואַזע; איבער די ווערטער און אונטער זיי פאַנטאַסטישע חיות מיט בליעכץ־צווײַגלעך דורכגעוואָרפן. לענג 354, ברייט 17 צנטם.

נומער יוד 21, תורה־ווימפּל פון יאָר 1796

א) יהודה ב״כ נתן שליטא נולד במזל־טוב יום יוד חשוון תקנ״ז יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ווײַסער לײַוונט, פאַרביק באַמאָלן. איבער און אונטער די שריפט פון גאַנצן באַנד פאַרשיידענע בלומען־מאָטיוון, פייגל, פיש, לייבן. די פאַרב פון די אותיות זײַנען רויט, גרין אדער געלב אַן וועלכע עס איז אָרנאַמענטן. לענג 340, ברייט 19.5 צנטם.

נומער יוד 22, תורה־ווימפּל פון יאָר 1811

א) משה־צבי ב״ר שמואל נולד במזל־טוב יום ו׳ ג׳ שבט תקע״ב יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ג) בײַ „ל ת ו ר ה ״ דאָס בילד פון אַן אויפגעוויקלטער תורה, איבער איר אַ קרוין און פון ביידע זײַטן די אותיות „כ. ת.״ ביי „ל ח ו פּ ה ״ אַן אויפגעשטעלטע חופה און פון אויבן די אותיות „מ. ט.״ וואָס מיינט מזל־טוב. בײַם סוף פון באַנד געפינט זיך אַ האַלבע לבנה. די אותיות פון יעדן באַזונדערן וואָרט זײַנען געמאָלן מיט אַן אַנדער פאַרב און האָט אַן אַנדערע אָרנאַמענטירונג. לענג 325, ברייט 13 צנטם.

נומער יוד 23, תורה־ווימפּל פון יאָר 1820

א) הילד רפאל בן הר״ר יצחק שליטא נולד במזל־טוב יום כ״ז טבת יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) בײַם וואָרט ט ב ת די צושריפט „מזל גדי״.

ג) בײַ „מזל גדי״ דאָס בילד פון האָראָסקאָפּישן צייכן, אַ ציגעלע. די אותיות פון יעדן באַזונדערן וואָרט האָבן אַן אַנדערע פאַרב און אַ באַזונדערע אָרנאַמענטירונג. בײַם אָנהייב אַ צווײַג מיט אַ קרוין. לענג 209, ברייט 20 צנטם.

נומער יוד 24, תורה־ווימפל פון יאָר 1823

א) מאיר בן כ״ה יהודה המכונה לייב שליטא נולד במזל־טוב יום א׳ כ״ז ניסן תקפ״ד יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

ב) ביי „לחופה״ די ראשי־תיבות ק״ש וק״ש ק״ח וק״ב, וואס באדייטן: קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה.

ג) וויסער לייוונט פארביק באמאלן. ביים ווארט „לייב״ געפינט זיך א ברילנדיקער לייב; ת ו ר ה איז פארגעשטעלט ווי אן אויפגעוויקלטע תורה און אויבן א קרוין מיט די אותיות „כ. ת.״; קיין חופה איז נישטא, אבער עס שטייט א יונגע פארל ביי וועלכע עס זיינען דא די פריער אנגעגעבענע ראשי־תיבות; איבער און אונטער דער שריפט פון גאנצן באנד זיינען צעווארפן; איינצלנע בלומען־ארנאמענטן. די אותיות פון איין ווארט האבן די זעלביקע פארב, רויט אדער בלוי, וועלכע ביטן זיך כסדר. לענג 366, ברייט 22 צנטם.

נומער יוד 25, תורה־ווימפל פון יאָר 1831

א) רפאל בר׳ מאיר נולד במזל־טוב עש״ק ט״ו סיון תקצ״א השם יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביים ווארט „ל ת ו ר ה״ — „תורת משה אמת״.

ג) וויסער לייוונט (פארגעלבט) מיט פארביקע זייד־פעדים אויסגעניית אין קייטל־ און סטיל־שטעך. די תורה איז פארגעשטעלט ווי אן אויפגעוויקלטע תורה מיט די אויבנדערמאנטע ווערטער. איבער די ווערטער פון גאנצן באנד ליניע־ארנאמענטן; די באזונדערע אותיות זיינען מיט פארשיידנפארביקע קאנטורן אבער אז וועלכע נישט איז פארצירונגען. לענג 338, ברייט 16 צנטם.

נומער יוד 26, תורה־ווימפל פון יאָר 1836

א) הקטן חיים המכונה זעליג בן כ״ה יעקב־נתן נולד במזל־טוב יום א׳ כ״ד טבת תקצ״ז. השם יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) וויסער לייוונט פארביק באמאלן. ביי „לתורה״ א תורה אויפגעוויקלט און אויבן א קרוין; ביי „לחופה״ א חופה און איבער איר די אותיות „מ. ט.״ די אותיות פון יעדן ווארט באזונדער האבן דעם זעלביקן מין פארביקע קאנטורן, רויט אדער בלוי; די קאנטורן זיינען אויסגעפילט מיט בלומען; אונטער און איבער די ווערטער פון גאנצן באנד פארשיידענע בלומען־ארנאמענטן און בעלי־חיים: פערד, אקס, א בוים מיט פייגל, א הירש, א האז, א קעמל, א הונט. לענג 340, ברייט 20 צנטם.

נומער יוד 27, תורה־ווימפל פון יאָר 1838

א) הקטן שמואל בן כ״ר יהודא נולד למזל־טוב ביום ו׳ י״ו חשוון שנת תקצ״ט לפ״ק יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ג) וויסער לייוונט, פארביק באמאלן; ביים ווארט „לתורה״ אן אויפגעוויקלטע תורה; ביי „לחופה״ אן אויפגעשטעלטע חופה; אונטער דער חופה א חתונה־פאר; צום סוף א שפרינגענדיקער הירש; די אותיות פון יעדן ווארט האבן א באזונדערע קאנטורירונג, געביטן מיט בלויער, רויטער אדער גרינער פארב. לענג 330, ברייט 19 צנטם.

נומער יוד 28, תורה־ווימפל, נישט באַוווסט דאָס יאָר, עס פעלט דער אָנהייב און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

א) **...יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.**

ב) ביַי „לחופה” די ווערטער „הרי את מקודשת”.

ג) איבער דער תורה אַ קרוין מיט די ראשי־תיבות פון כתר־תורה; אונטער דער אויפגעשטעל־טער חופּה שטייען חתן־כלה, דער מסדר־קידושין מיט אַ בעכער אין האַנט; דער חתן האַלט אַ קידושין־רינג; דער באַנד איז אָרנאַמענטירט מיט פאַרשיידענע בלומען, מילגרוימען, פייגל; די אותיות פון די באַזונדערע ווערטער זיַינען מיט איין פאַרב געמאָלן — טויש זיך רויט אָדער גרין אין אָרנאַמענטן. לענג 165, ברייט 19.5 צנטם.

***

אין דער דאָזיקער זאַמלונג פון ג ע ט י נ ג ע ר שטאָטישן מוזיי געפינען זיך נאָך די וויַיטערדיקע תשמישי־קודש:

תורה־מענטעלע (נומער י. 29);

פּרוכת פון יאָר 1747 (נומער י. 30);

פּרוכת פון יאָר 1743 (נומער י. 31);

פּרוכת פון יאָר 1767 (נומער י. 32);

אַ זיַידענער באַנד מיט דער ברכה פון עטיפת טלית (נומער יוד 33);

טלית מיט אַן עטרה פון סוף 18 און אָנהייב 19 יאָרהונדערט (נומער י. 34);

זיַיד־בראָקאַטענער עמוד־טישטעך פון יאָר 1834 (נומער י. 35);

תפילין־זעקל, אויסגעהאַפטן מיט זילבער־פעדים (נומער י. 36);

אַ פּאָר תפילין (נומער יוד 37);

אַ קאָמפּלעט צום מל־זיַין: מוהל־מעסער, אַ גלעזל צו מציצה, 4 ווינדעלעך, וואַטע־פּעקל; יאַרמעלקע פון סאַמעט; די ברכות פון ברית־מילה אויף פּאַרמעט (נומער י. 38);

צוויי קאָמפּלעטן מיט אַמולעטן און קמיעות פאַר נימולים, באַשטייען פון פאַרשיידענע אַלטע מטבעות פון 18טן יאָרהונדערט (נומער י. 39 א. און ב.);

אַ כיור פון 18טן יאָרהונדערט, אַ צייטוויייליקער: אַ קאַן און אַ שיסל (נומער י. 40);

אַ מעשענער שבתדיקער הענג־לאָמפּ, אַ זעקסעקיקער שטערן (נומער י. 41);

אַ זעקסרעריקער שבתדיקער הענג־לאָמפּ פון מעש (נומער י. 42);

אַ זעקסשטערנדיקער שבתדיקער הענג־לאָמפּ פון מעש (נומער י. 43);

צוויי מעשענע וואַנט־לײַכטערס פון אַ סינאַגאָגע, מיט אויפשריפטן פון ייִדישע מנדבים פון פיורט אין יאָר תק"פ — אין יעדן לײַכטער 3 ליכט־האַלטערס (נומער י. 44 א. און ב.);

חנוכה־לאמפ פון צין (נומער י. 45);
חנוכה־לאמפ פון בלעך (נומער יוד 46);
חנוכה־לאמפ פון בלעך (נומער י. 47);
חנוכה־לאמפ פון בלעך (נומער יוד 48);
פסח־קערה פון צין פון יאר 1876 (נומער יוד 49);
פסח־קערה פון יאר 1820, לאקירטע בלעך (נומער יוד 50);
שופר (נומער יוד 50);
א סידור, אמסטערדאם 1712, אײַנגעבונדן אין רויטן סאמעט און באצירט מיט זילבער־בראקאט (נומער יוד 52);
אין פארמעט אײַנגעבונדענער תהילים, מיניאטור־פארעם (יאר ?), (נומער יוד 53);
מעראל צום חנוכת־הבית פון דער סינאגאגע אין ערפורט פון יאר 1886 (נומער יוד 55);
א מטבע מיטן אויפשריפט „שקל ישראל" (נומער יוד 56).

חוץ די אויבנגעבראכטע 51 קעגנשטאנדן געפינט זיך אין דעם זעלביקן מוזיי א קאלעקציע פון 30 ק א ל ע נ ד א ר ן ארויסגעגעבן אין האנאווער פון די יארן תקי"ג ביז תקנ"ב (1852 — 1892). די דאזיקע האנאווערישע לוחות אין העברעיש און יידיש געהערן צו די זעלטענע אויסגאבעס פון דעם מין. אויסער די געווײנטלעכע יידישע דאטעס און ימים־טובים אנטהאלטן זיי אויך גענויע אנווײַזונגען וועגן די פארשיידענע יארמערק און מעסעס, וואס קומען פאר אין משך פון יאר אין די שטעט און שטעטלעך אין דײַטשלאנד. עס ווערן אויך אין פארשיידענע פיגורן אנגעוויזן די ספעציפישקײַטן פון די מערק. די קאלענדארן אנטהאלטן דאס גלײַכן א ריי וויכטיקע באריכטן וועגן דער טעטיקײַט פון פארשיידענע חברות און פאראיינען אין באזונדערע קהילות און זײַנען אזוי ארום זייער א ווערטפולער מאטעריאל צו דער געשיכטע פון פארשיידענע יישובים. אגב זײַנען אין די לוחות אויך פאראן פארשיידענע ציטאטעס און אפאריזמען פון תלמוד און מדרשים אין דײַטשער איבערזעצונג.

זלמן וואַסערצוג
בוענאָס־איירעס

יאַנוש קאָרטשאַק

1

קאָרטשאַק איז געווען פון די טיפּישע קענערס פונעם קינד. ער האָט געקענט דורכוים זיין אינערלעך־אינטימע וועלט. ווי אין אַן אָפן בוך האָט ער אַריינגעקוקט אין זיין נשמה.

קענען מיינט אויך פאַרשטיין, באַנעמען, און קאָרטשאַק האָט טאַקע באַנומען דאָס קינד, נישט נאָר לויט זיינע אויסערלעכע האַנדלונגען, נייערט לויט זיינע אינערלעכע אימפּולסן.

קאָרטשאַקס קענען דאָס קינד איז נישט געווען קיין אויסגעלערנטע אין ביכער, נישט קיין אויסגעלייענע קאָנצעפּציעס ביי אַנדערע; אויף זיין לאַנגען וועג פון אַ דערציער, אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן קינד איז ער מיט אייגענער מי און דערפאַרונג דערגאַנגען צו דער וועלט פון קינד.

„איך האָב ווי אַ דערציער דערקענט — זאָגט קאָרטשאַק אין זיין ווערק „ווי אַזוי ליב צו האָבן דאָס קינד" — דאָס פאַרבנרייכע און סודותפולע לעבן פון אינטערנאַט: אין שלאָף־צימער, אין באָד, אין שפּיל־זאַל, אין עס־צימער, אין הויף און אין קלאָזעט.

„איך קאָן נישט די קינדער אין זייער פּייערלעכער הלבשה פון קלאַס, איך קאָן זיי יאָ אין נעגליזש פון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן".

אין דעם גרויען לעבן פון אינטערנאַט האָט קאָרטשאַק דערזען דאָס קינד אין זיין נאַטירלעכקייט, אויף דער קאַנווע פון זיינע האַנדלונגען, קאַפּריזן, בענקענישן, געשלעגן, קאָנפליקטן מיט זיינע חברים און מיטן דערציער.

קאָרטשאַק האָט אַרײַנגעדרונגען אין אײנצלנע פאַקטן און אין מאָמענטן פון דעם קינדס טאָג־טעגלעכקײַט, האָט זײ אַנאַליזירט. און מען ווערט איבערראַשט פון דער קאָמפּליצירטקייט, נשמה־רײַכקײַט און בכלל פון אומבאַקאַנטע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אינעם לעבן פון קינד.

יאָ, דאָס קינד איז אַ קאָמפּליצירט וועזן, עס איז אים אָפט מאָל שווער צו פאַרשטיין, געפינען אַ צוזאַמענהאַנג אין זײַנע האַנדלונגען.

דאָס קינד איז אַנדערש אין דער היים, אַנדערש אין שול און אַנדערש אין גאַס צווישן זײַנע חברים. עס געשעט אָפט, אַז די מוטער קען איר קינד אַ בײַזס, אַן אויפגערעגטס, און פאַר דעם לערער איז עס פּונקט דער היפּוך פון דעם — מילד, איידל און שטענדיק אויפגעלייגט.

גאָר אָפט בײַטן זיך בײַם קינד די שטימונגען און עס איז שווער פעסטצושטעלן די סיבה פון דער דאָזיקער פּלוצימדיקער ענדערונג.

קאָרטשאַק פּלעגט זאָגן: „דאָס קינד איז ענלעך צום פרילינג. די זון שײַנט. אַן אנגענעמע לופט, פרייד און שיינקייט, און פּלוצים — ברעכט גאָר אויס אַ שטורעם...“

קענען און דערקענען דאָס קינד איז פאַר קאָרטשאַקן געווען נישט קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל. ווען מ'וועט בעסער קענען דאָס קינד און ממילא האָבן פאַרשטענדעניש פאַר זײַן אײ ך, וועט מען דעם קינד פאַרשפּאָרן אַ סך טרערן און פּײַן.

ערגער נאָך פון נישט קענען דאָס קינד, איז די גרינגשאַצנדיקע מיינונג מצד דעם דערוואַקסענעם, דאָס באַטראַכטן עס ווי אַ מינדערווערטיק, צווייטראַנגיק וועזן. „וואָס איז דען דאָ, מ'שטיינס געזאָגט, צו קענען...“

יעדער פאַרגעסט ווי ער גופא איז געווען אַלס קינד. ער מיינט, אַז נאָר איצט, ווי אַ דערוואַקסענער, האָט ער געקראָגן די גאַנצע חכמה. קאָרטשאַק האָט באַקעמפט די פאַלשע מיינונגען לגבי דעם קינד.

ער האָט דאָס קינד באַנומען ביאָלאָגיש. קאָרטשאַק האָט געקוקט אויפן קינד ווי אויף אַ טייל פון דעם גרויסן, אומאיבערגעריסענעם פּראָצעס פונעם מענטשן־מין. דאָס קינד איז נישט קײַן צופעליקייט, אַ זײַטיקער, מינדערוויכטיקער עפּיזאָד, נאָר — אַ טייל פון דעם גאַנצן.

אָט וואָס דער קענער פון קינד זאָגט:

„זעלטן זײַנען די קינדער, וועלכע ציילן נאָר די אייגענע איבערגעלעבטע צען יאָר. אין זייער אונטערבאַוווסטזײַן טראָגן זיי די לאַסט פון פיל דורות. אין זייערע געהירן־קנייטשן בלוטיקט די אונטערדריקונג פון פיל ווײַטיקלעכע יאָרהונדערטער, און אונטער דעם אײַנפלוס פון נאָר אַן אומבאַדײַטנדיקן שטוים לאָדנט זיך אויס דער פּאָטענציעלער כוח פון ווייטיק, טרויער, כעס און בונט.

„נישט דאָס קינד וויינט — די יאָרהונדערטער וויינען. דער ווייטיק און די בענקשאַפט שרייען אין אים, נישט דערפאַר וואָס מ׳האָט אים אַרײַנגעשטעלט אין ווינקל, נאָר ווײַל מ׳האָט אים געפּײַניקט, געיאָגט, געטריבן, געזידלט במשך פון יאָרהונדערטער״.

2

בײַ קאָרטשאַקן טרעפט מען ממש אַנטפּלעקונגען וועגן קינד, זעלטענע פּסי־כאָלאָגישע אַרײַנדרינגונגען אין זײַן אייגנאַרטיקער גוועלט. הגם ער באַטראַכט בײַ יעדער געלעגנהײַט דאָס קינד פאַר אַ גלײַכוועריקן מענטש, אַן אייגנאַרטיקן מענטש, וועמענס האַנדלען און אופן פון רעאַגירן איז אָפט מאָל פרײַ, מיט גאָר־נישט געבונדן צו אומשטאַנדן, וואָס לוינען אַזוי צו זאָגן אָדער עס נייטיקט זיך צו האָבן אײַנזעעניש.

און די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען אינעם קינדס נשמה האָבן שטענדיק געצילט צו איינס: פאַרשטיין דאָס קינד און אים פאַרגרינגערן.

קאָרטשאַק אילוסטרירט אָפט זײַנע באַהויפּטונגען מיט רעאַלע פאַקטן.

דער טאָג איז אַ לויטערער און וואַרעמער, און דאָך האָט אַ ייִנגל בײַם אַרויס־גיין געוואָלט מיטנעמען זײַן מאַנטל. דאָס איז נישט געווען קײַן קאַפּריז. מיט אַ קליין ביסעלע אָנשטרענגונג קען דער דערציִער פעסטשטעלן די סיבה דערפון.

דאָס ייִנגל האָט אויף דער קני פון זײַן זאָק אַ מיאוסע לאַטע, און דאָרט, אין גאָרטן, וווּהין ער גייט, וועט זיצן דאָס מיידעלע, וועלכע ער ליבט...

אַלץ האָט זײַן פ אַ ר ו וּ אָ ס, הגם נישט שטענדיק איז מעגלעך תיכף צו דערשלאָגן זיך צו דער באַהאַלטענער סיבה. מ׳דאַרף אָבער נישט אויפהערן זוכן, אַרײַנדרינגען אין די נישט אויסגעפּאָרשטע שטחים פון קינדס לאָגיק און פאַנ־טאַזיע, זוכן דעם אמת, וואָס זאָל אונדז דערנענטערן צום קינדס שטרעבונגען.

און קוים געלינגט עס, איז אַ פרייד, אַ דערגרײַכונג פאַרן דערציִער. די פרייד איז פון דעם זעלביקן מין, וואָס עס לעבט איבער אין דער לאַבאָראַטאָריע דער וויסנשאַפטלער, וועמען עס איז נאָך לאַנגע פאָרשונגען געראָטן פעסטצושטעלן אַ פאַרהוילן נאַטור־געזעץ, אַ נײַע סובסטאַנץ.

קאָרטשאַק דערציילט אַ פאַל, ווי איין מאָל, נאָך אַ שטורמישן שמועס מיט קינדער, האָט אים איין קינד תמימותדיק געפרעגט:

— זײַט אַזוי גוט און זאָגט מיר, פאַרוואָס ווען איינער איז אין כעס, ווערט ער רויט אויפן פּנים?

אויף אַזאַ פראַגע איז באמת צו שטוינען, ווײַל זי דעקט אויף דאָס אייגנ־אַרטיקע פונעם קינד.

בשעת דער דערציִער האָט אויסגעלאָרן זײַן כעס, אָנגעשטרענגט זײַן שטים און מוח, כדי די קינדער אַרויפצופירן אויפֿן וועג פֿון פֿליכט און ערלעכקײַט, האָט גאָר דער בעל דבר אַליין — דאָס קינד — דאָס אַלץ נישט געהערט. אַנשטאָט הערן די שטראָף־רייד, האָט ער גאָר אויפמערקזאַם געפּאָרשט די שפּיל פֿון קאָלירן אויפֿן דערציִערס פּנים וואָס האָט זיך געביטן אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון דער איבערגעלעבטער אויפֿרעגונג.

מחמת איבערראַשונג פֿון דער אַזוי אומדערוואַרטער און אַנטפּלעקנדיקער פֿראַגע האָט קאָרטשאַק דעם קינד אַ קוש געגעבן.

בײַ אַן אַנדער געלעגנהײַט האָט קאָרטשאַק געפֿרעגט די קינדער: וועלכע עס זײַנען אַ קינדס צוויי גרעסטע עגמת־נפֿשן?

איינער פֿון די ייִנגלעך האָט דערויף געענטפֿערט:

— איינס, וואָס מײַן מאַמע איז געשטאָרבן. צווייטנס, וואָס איך מוז עסן אַרבעס־זופּ.

אויך דאָס איז אַן ענטפֿער פֿון דעם מין, וואָס הייבט אויף דעם פֿאָרהאַנג צום קינדס פּסיכיק און דערמעגלעכט אַרײַנבליקן אין דעם קינדס אינערלעכער וועלט.

אונדזער מאַסשטאַב צו מעסטן, אָפּשאַצן דעם קינדס יסורים, איז אָפֿט מאָל טעותדיק, ווײַל קינדער האָבן אַן אייגענעם מאַסשטאַב. דער דאָזיקער ענטפֿער פֿון קינד באַשטעטיקט עס.

ווען קאָרטשאַק איז צוריקגעקומען פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווו ער האָט פֿאַרנומען דעם ראַנג פֿון אַ פּויליש קאַפּיטאַן, האָבן די קינדער זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט אים. די הונדערט און פֿופֿציק קינדער פֿון דער קינדער־היים האָבן זיך צוגערוקט צו אים, אים געגלעט, געקושט.

— ווי די קינדער האָבן אײַך ליב! — האָבן די יונגע דערציִער אים געזאָגט נישט אָן קנאה.

קאָרטשאַקן האָט, פֿאַרשטייט זיך, געפֿרייט די ליבע פֿון די קינדער, ער האָט אָבער געקוקט אויף דעם מיט אַ ניכטערן און סקעפּטישן בליק. ער האָט געענטפֿערט:

— צי וואָלטן זיי זיך נישט נאָך מער דערפֿרייט, ווען אַנשטאָט מיר זאָל פּלוצים אויפֿן זאַל דערשײַנען עפּעס אויסערגעוויינטלעכעס? ווען עס זאָלן זיך אַזוי פּלוצים באַווײַזן ווײַסע מײַז, אָדער ים חזירימלעך?...

קאָרטשאַק באַנעמט דעם קינדס אייגנאַרטיקײַט און ער וואָרנט די דערוואַקסענע, זיי זאָלן זיך נישט אַנטוישן צוליב דעם, נישט פֿילן זיך געטראָפֿן. אַזוי איז דאָס קינד.

קאָרטשאַק האָט געהאַלטן אַז מיר פֿאָדערן פֿון קינד צופֿיל דאַנקבאַרקײַט און

צופיל כבוד פאַר אונדזער אויטאָריטעט. דאָס קינד אָבער שאַצט און דערזעט אין אונדז גאָר עפּעס אַנדערש, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט זיי זאָלן דערזען.

אַט ווי ער פאָרמולירט עס אין דעם פריִער ציטירטן ווערק:

„זיי שאַצן דיך, ווײַל דו האָסט אַ זייגערל.
ווײַל דו באַקומסט בריוו מיט אויסלענדישע מאַרקעס.
ווײַל דו האָסט רעכט צו טראָגן מיט זיך שוועבעלעך און גיין שפּעט שלאָפן.
ווײַל דו שרײַבסט מיט רויטע טינט.
ווײַל דו האָסט אַ שופלאָד וואָס פאַרשליסט זיך.
ווײַל דו האָסט אַלע פּריווילעגיעס פון אַ דערוואַקסענעם".

און טשיקאַווע: צום ווינציקסטן ווערן קינדער איבערראַשט פון דעם דערציִערס וויסן, ווײַל דאָס קליינוואַרג מיט זייערע פראַגעס ווײַזט אָפּט אָן אויף די בלויזן, אויף דער אָרעמקײַט פון דעם דערציִערס וויסן.

דאַרף אָבער גוט גענומען ווערן אין אַכט מצד דעם דערציִער דעם קינדס זיכרון, זײַן פעיִקײַט צו פאַרגעדענקען, געגוג לאַנג, געשעענישן, איבערלעבונגען.

קאָרטשאַק וואַרפט־אָפּ די אויבערפלעכלעכע מיינונג וועגן קינד, אַז עס פאַרגעסט גיך זײַן טרויער, באַלײַדיקונגען און באַשלוסן. אַט האָט עס ערשט געוויינט, און שוין לאַכט עס. אָקערשט האָבן זיי זיך צעקריגט, און שוין שפּילן זיי זיך צוזאַמען. מיט אַ שעה צוריק האָט דאָס קינד פײַערלעך צוגעזאָגט אויסצובעסערן זיך, און אַט שטיפט עס שוין ווי שטענדיק.

דאָס איז נאָר אויסערלעך אַזוי. קינדער געדענקען לאַנג אַ באַלײַדיקונג, אַן עוולה, וואָס מען איז קעגן אים באַגאַנגען. אויב דאָס קינד האַלט נישט זײַן צוזאָג וועגן אויסבעסערן זיך, איז עס נאָר דערפאַר ווײַל ער קאָן נישט.

דאָס קינד איז מיטגריסן געוואָרן פון דער אַלגעמיינער פרייד, לויפט עס און פרייט זיך, דערנאָך אָבער וועט עס זיך אומקערן צו זײַן טרויער און צו זײַנע טריבע געדאַנקען.

עס טרעפט אַ מאָל, אַז אַ קינד מײַדט אויס דעם דערציִער און באַהאַלט פון אים דעם שמייכל. אויף דער פראַגע פון דערציִער, ענטפערט דאָס קינד:

— כ'האָב געמיינט, איר זענט נאָך אויף מיר אין כעס.

דער דערציִער דערמאָנט זיך קוים, אַז מיט אַ צײַט צוריק האָט ער דעם קינד געמאַכט אַ פאָרוואָרף. ער האָט שוין פאַרגעסן דעם גאַנצן פאַל, דאָס קינד אָבער פאַרגעסט נישט, און אויב עס איז אַמביציעז, אָדער פײַנפילנדיק — האָט עס אויך אין דער שטיל געליטן און איבערגעלעבט אומאַנגענעמע מאָמענטן.

3

קאַרטשאַקס באַציונג צום קינד איז אַ נאַטירלעך־מענטשלעכע, אַ טיף־הומאַ־נע. אין דעם איז באַשטאַנען זײַן אייגנאַרטיקייט, זײַן אָריגינעלקייט.

מ׳האָט געדאַרפט אַ מאָל הערן קאַרטשאַקן, מיט וויפל נאַטירלעכקייט ער פלעגט רעדן וועגן דעם קאָלעקטיוון לעבן אין קינדער־היים.

אָט ווי ער שילדערט דעם טעגלעכן שטייגער פון קינדס לעבן:

זעקס אַ זייגער זײַנען די קינדער אויפגעשטאַנען. מ׳האָט זיי נאָר געדאַרפט זאָגן: „קינדער שטייט אויף״ און מער גאָרנישט.

די זאַך איז אָבער אַזאַ — פלעגט ער אויפקלערן — אויב דו זאָגסט צו הונ־דערט קינדער זיי זאָלן אויפשטיין, וועלן אַכציק רויִק אויפשטיין, זיך אָנטאָן, זיך וואַשן, און שוין זײַן גרייט אויף אַ נײַעם רוף — צום אָנבײַסן.

אַכט פון זיי — מוזטו צוויי מאָל איבערחזרן, זיי זאָלן אויפשטיין.

פינף — מוז מען דרײַ מאָל דערמאָנען.

אויף דרײַ מוזטו אָנשרײַען.

צוויי מוזטו וועקן.

איינעם טוט ווי דער קאָפּ. ער איז קראַנק, אָדער אפשר מאַכט ער זיך קראַנק?

נײַנציק קינדער טוען זיך אָן.

צוויי אָבער מוזטו העלפן, ווײַל זיי בלײַבן הינטערשטעליק.

איינעם איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַ זאָקן־בענדל, אַ צווייטער האָט אַן אָפּגע־פרוירענעם פינגער און קאָן זיך נישט אָנטאָן דעם שוך.

איינעם גאָר האָט זיך געמאַכט אַ קנופּ אין שיך־בענדל.

עמיצער שטערט וועמען בײַם אויפבעטן דאָס בעט.

איינער וויל נישט געבן די זייף.

אַ צווייטער שטופּט זיך, אָדער שפּריצט בײַם וואַשן זיך, האָט פאַרביטן דאָס האַנטעך, גיסט אָן אויפן דיל.

אַן אַנדערער ווידער האָט אָנגעטאָן דעם רעכטן שוך אויפן לינקן פוס.

איינער האָט אים צוגענומען די בלוזקע, ווײַל ערשט מיט אַ רגע צוריק איז זי געוועזן.

עמיץ וויינט: דאָס איז זײַן שיסל, שטענדיק וואַשט ער זיך אין איר, נאָר הײַנט איז יענער געקומען דער ערשטער.

אַזאַ איז דאָס רעאַלע לעבן פון קינד מיט זײַן נאַטירלעכן קאָלאָריט. אַזוי וועט עס אויך זײַן מאָרגן, נאָר מיט קלײנע ענדערונגען אין די ראָלן.

אַזוי איז דאָס לעבן פון דער קינדער־מחנה. דאָס זעלבע וועט זײַן אין אַ חודש אַרום, אין אַ יאָר, אין פינף יאָר אַרום.

דאָ וועלן נישט העלפן קיין גוואַלדן, געשרייען אָדער אויפרעגונגען. דאָס דאַרף מען באַנעמען אַזוי ווי אַ נאַטור־געזעץ. דעם דערציִער איז נישט מעגלעך צו ענדערן די נאַטור, דאָס גייט שוין אַרויס פון די גרענעצן פון זיין קאָמפּעטענץ.

קאַרטשאַק פאָרמולירט עס אַזוי:

„איך קען שאַפן אַ טראַדיציע פאַר אמת, פאַר אָרדענונג, אַרבעטזאַמקייט, ערלעכקייט, אויפריכטיקייט. כ'וועל אָבער נישט באַוויזן איבערצואַרבעטן קיינעם פון די קינדער אויף עפּעס אַנדערש וואָס עס איז. די בעריאָזע וועט ווייטער בלייבן אַ בעריאָזע, דער דעמב אַ דעמב און די סאָסנע אַ סאָסנע. איך קען וועקן דאָס, וואָס עס דרימלט אין דער נשמה, באַשאַפן אָבער עפּעס נייעס — קען איך נישט".

די דערציִונג האָט נישט קיין אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, פאַרקערט, די מעגלעכקייטן זיינען באַגרענעצט ביז גאָר. דער דערציִער דאַרף דאָס שטענדיק נעמען אין אַכט, דעמלט וועט ער אויסמיידן אַ סך פעלערן.

וואָס איז אייגנטלעך דער אונטערשייד צווישן דעם גוטן און דעם שלעכטן דערציִער? — פרעגט קאַרטשאַק, און ער ענטפערט בערך אַזוי:

פעלערן און עוולות באַגייען ביידע. דער אונטערשייד ליגט נאָר אין דער צאָל פון די באַגאַנגענע פעלערן און פאַראורזאַכטע עוולות.

דער שלעכטער דערציִער שרייבט־צו די שולד פון זיינע באַגאַנגענע פעלערן די קינדער.

דער גוטער דערציִער ווייסט, אַז עס איז כדאי צו פאַרטראַכטן זיך איבער די גוטע עפּיזאָדן, ווייל אין זיי באַהאַלט זיך אַ רעטעניש, וואָס מ'דאַרף נישט גרינגשאַצן.

„אַ שלעכטער דערציִער האַלט, אַז קינדער דאַרפן נישט טומלען, נישט פאַרפלעקן די מלבושים, זיי דאַרפן נאָר געוויסנהאַפט זיך אויסלערנען די גראַמאַטיקאַלע פאָרמולעס.

„אַ פאַרשטאַנדיקער דערציִער רעגט זיך נישט אויף, אויב דאָס קינד פאַרשטייט נישט, נאָר ער פאַרטראַכט זיך, זוכט, פרעגט זיך נאָך ביי די קינדער. וועט ער זיי נאָר נישט אָנגרייפן צו שטאַרק, וועט ער זיך ביי זיי עפּעס אויסלערנען, אויב ער וועט נאָר וועלן".

**
*

קאַרטשאַק פלעגט אָפט מאַכן פאַרגלייכן צווישן דער פונקציע פון מעדיקער און דעם דערציִער. ער אַליין איז געווען אַ קינדער־מעדיקער און ער איז אַזוי אַרום געקומען צום קינד. פאַר אים איז דעריבער געווען אַ נאָענטער צוזאַמענהאַנג צווישן די ביידע געביטן און ער האָט מערערע מאָל אָנגעוויזן, אַז דער דערציִער קען ביים מעדיקער זיך אויסלערנען אַ סך פּראַקטיש וויאַזוי זיך אומצוגיין מיטן קינד.

„דער מעדיצין — פלעגט ער זאָגן — פאַרדאַנק איך די טעכניק פון אונטערזוכן און די דיסציפּלין פון וויסנשאַפטלעכן דענקען.

א דאָקטער האָט זיך זײַנע סימפּטאָמען, און אויך א דערציִער האָט זיך זײַנע סימפּטאָמען. צי האָט אָבער א זין, אַז דער מעדיקער זאָל זיך אויפרעגן ווען ער שטעלט פעסט א געוויסע שלאַפקײַט? אין דער זעלביקער לאַגע געפינט זיך דער דער־ציִער: אויפרעגן זיך, שרײַען, וועט מיט גאָרנישט ענדערן די לאַגע".

אַט ווי קאָרטשאַק זאָגט עס מיט זײַן אייגענער שפּראַך:

„די סימפּטאָמען שטעל איך פעסט אָן כעס. דאָס קינד האָט היץ, דאָס קינד קאַפּריזעוועט, נידער איך אַראָפּ די היץ און באַזײַטיק וויפל עס איז מעגלעך די סיבה דערפון. איך שוואַך אָפּ די אָנגעצויגנקײַט פון קאַפּריז, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, אָן שאָדן פאַר זײַן גײַסט.

„איך ווייס נישט פאַרוואָס — ווען מײַן מעדיצינישע הילף גיט נישט דעם גע־וווּנטשענעם רעזולטאַט, רעג איך זיך נישט אויף, נאָר איך זוך ווײַטער. דאָס זעלבי־קע טו איך ווען איך באַמערק, אַז מײַן אָנווײַזונג דערגרייכט נישט דעם געהעריקן ציל. דער באַפעל ווערט נישט אויסגעפירט דורך די קינדער, אָדער אפילו נאָר דורך איין קינד — איך רעג זיך נישט אויף, איך פאָרש נאָר די סיבה דערפון".

קאָרטשאַק פירט דעם פּאַראַלעל ווײַטער:

„א קליינער, אומבאַדײַטנדיקער פּרט ווײַזט אָפט מאָל אָן אויף א וויכטיק גע־זעץ; אָן איינצלנער פּרט קאָמפּליצירט זיך אין א רעטעניש.

„ווי א מעדיקער און ווי א דערציִער קען איך נישט קײַן קלייניקײַטן. אויפ־מערקזאַם פאָרש איך דאָס, וואָס ווײַזט אויס צופעליק און ווערטלאָז. די אומבאַ־דײַטנדסטע געשעעניש ברענגט אָפט מאָל צום אונטערגאַנג פון א שטאַרקן רעזשים. דער מיקראָסקאָפּ דעקט אויף אין א טראָפּן וואַסער אַן עפּידעמיע, וואָס לײַדיקט אויס גרויסע שטעט".

און נאָך א פאַרגלײַך:

„א דאַנק דער מעדיצין האָב איך זיך אויסגעלערנט צונויפבינדן די מיזאַמ־צעשפּרייטע פּרטים און סתירהדיקע סימפּטאָמען — אין איין לאָגיש בילד פון דער־קענטעניש. באַרײַכערט מיט דערפאַרונג וועגן די שטאַרקע נאַטור־געזעצן און דעם פאָרשערישן מענטשלעכן געדאַנק, שטיי איך קעגנאיבער דעם אומבאַקאַנטן: דעם קינד".

נאָך אזוי פיל מי, זוכן, פאָרשן, אָבסערווירן, האָט קאָרטשאַק נאָך אַלץ גע־האַלטן דאָס קינד פאַר א רעטעניש.

4

דאָס הומאַניטאַרע פאַרשטענדעניש פאַרן קינד איז געווען דאָס וואָס האָט אים געלענקט אין זײַן גאַנצער אַרבעט און איז געווען די באַזע פון זײַן דערציִונג־סיסטעם.

קאָרטשאַק איז געווען קאָנסעקווענט אין זײַן פאַרשטענדעניש פאַרן קינד; אָפט מאָל איז ער לויט די אָנגענומענע באַגריפן געווען צו טאָלעראַנט.

אין באַצוג צום קינד האָט ער געהאַלטן פאַר אַן עיקר: לאָזן אים בלאָנדזשען, לאָזן אים באַגיין פעלערן.

עס איז נישט די אויפגאַבע פון דערציִער צו פאַרלויפן דעם קינד דעם וועג, פאַרהיטן אים בײַ יעדער געלעגנהײַט פון אַ פעלערהאַפטן שריט. מיר מוזן געדענקען, אַז אין מאָמענטן פון גרויסע נסיונות וועלן מיר מיט אים נישט זײַן, וועט ער נישט האָבן אונדזער הילף.

זאָל דאָס קינד אַליין זיך שטאַרקן אין די ראַנגלענישן מיט זײַן אייגענעם געוויסן, עס וועט זיך אַליין אײַנאָיבן, פּערפעקטיקן זײַן מאָראַלישן אויסדויער. זאָל ער דעריבער גרײַזן, זינדיקן.

קאָרטשאַקס אַ כאַראַקטעריסטישע לאָזונג:

— זאָג נישט: עס עקלט מיך די זינד.

נאָר זאָג: מיך וווּנדערט נישט וואָס דו האָסט געזינדיקט.

קאָרטשאַקס שטאַנדפּונקט איז געווען: אַ קינד האָט רעכט אַ מאָל צו זאָגן אַ ליגן, עפּעס אויסנאַרן, אַפילו אַ מאָל עפּעס גנבענען. מ'דאַרף נאָר שטיין אויף דער וואַך אַז דאָס זאָל נישט ווערן אַ געוווינהײַט.

„אויב דאָס קינד האָט קיין איין מאָל נישט געהאַט די געלעגנהײַט אויסצודליבען די ראָזשינקעס פון קוכן און זיי אויפעסן באַהאַלטענערהײַט, איז ער נישט און וועט נישט זײַן ערלעך, ווען ער וועט אויפוואַקסן".

ערלעכקײַט איז אַ געפיל, וואָס דאַרף זיך אַנטוויקלען, דאָס קינד אַליין דאַרף קומען דערצו אויף דער באַזע פון זײַן אייגענער דערפאַרונג.

דאָס קינד מוז האָבן די פרײַהײַט צו בלאָנדזשען און פרײַדיק שטרעבן אויסצובעסערן זיך. אַזאַ באַנעמען זיך צום קינד פאָדערט פון דערציִער אַ ברייטע טאָלעראַנץ, אַז דאָס קינד זאָל זיך קענען פול אויסלעבן און קומען צום אויסדרוק מיט זײַן שפּאַס, שטיפערישקײַט, בײַזוויליקײַט און אויך מיט זײַן פאַלשקײַט.

קאָרטשאַק דערציילט אַזאַ עפּיזאָד: ער האָט איינעם פון די ייִנגלעך דערלויבט צו גנבענען אַן אָנדענק־קאַרטל, פון די וואָס ווערן צעטיילט צווישן די קינדער פאַר אויסצייכענען זיך אויף פאַרשיידענע געביטן. ער האָט דאָס געטאָן נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת מיט זיך ביז ער האָט אָנגענומען דעם באַשלוס: „דאָס ייִנגל מיט אַ

שטאַרקן ווילן, מיט אַ שטאַרקער פֿאַרשטעלונג־קראַפֿט, האָט איין מאָל כּאַטש גע־מוזט עפּעס צוגנבענען".

די סיבות פֿון גנבה בײַ קינדער פֿאָרמולירט קאָרטשאַק אויף אַזאַ אופֿן:

„אַ קינד גנבעט, ווען ער וויל עפּעס שטאַרק האָבן, און ער קען זיך נישט אַקעגנ־שטעלן דעם דראַנג.

„אַ קינד גנבעט, ווען ער זעט אַ סך פֿון דעם זעלביקן אָביעקט — טראַכט ער זיך: מען מעג איינס צונעמען.

„אַ קינד גנבעט, ווען ער קען נישט דעם אייגנטימער פֿון דער זאַך.

„אַ קינד גנבעט, ווען מ'האָט בײַ אים עפּעס געגנבעט.

„ער גנבעט, ווײַל ער דאַרף עס.

„ער גנבעט, ווײַל מ'האָט אים אָנגערעדט דערצו".

דער אָביעקט פֿון דער גנבה שפּילט קיין ראָל נישט. עס קען זײַן אַ שטיינדל, אַ נוס, אַ פּאַפּירל פֿון צוקערלעך, אַ טשוועקל, אַ שאַכטעלע פֿון שוועבעלעך, אַ שטיקל קאָלירטע גלאָז, אָדער אַ שטיקל דראָט צו אַ בלײַער.

אגב, אין אינטערנאַט טרעפֿט מען אָן אויף דער דערשײַנונג, אַז אַלע קינדער גנבענען און עס איז פֿאַראַן טאָלעראַנץ פֿאַר גנבה. דאָס נעמט זיך דערפֿון וואָס אַ סך זאַכן פֿון קלענערן ווערט אין דער קינדער־היים, קען מען באַטראַכטן פֿאַר פּער־זענלעך אייגנס און אויך פֿאַר קאָלעקטיוו פֿאַרמעגן.

אָדער נעמט די דערשיינונג פֿון זאָגן ליגן. טאַטע־מאַמע און אויך לערער־דערציִער רעגן זיך שטאַרק אויף ווען זיי שטויסן זיך אָן בײַם קינד מיט דער דאָזי־קער דערשיינונג.

אנשטאָט זיך אויפֿרעגן — עצהט קאָרטשאַק — דאַרף מען בעסער דערגרונ־טעווען זיך צו די סיבות וואָס ברענגען דאָס קינד צו באַנוצן זיך מיט ליגנס. אין די מערסטע פֿאַלן זײַנען מיר דער גורם דערפֿון.

אָט זײַנען אייניקע פֿון די גורמים, לויט קאָרטשאַקן:

„קינדער זאָגן ליגן, ווען זיי שרעקן זיך און זיי ווייסן אַז דער אמת וועט נישט אויפֿגעדעקט ווערן.

„קינדער זאָגן ליגן, ווען זיי שעמען זיך.

„קינדער זאָגן ליגן, ווען דו צווינגסט זיי צו זאָגן דעם אמת, וועלכן זיי ווילן נישט, אָדער זיי קענען נישט זאָגן.

„קינדער זאָגן ליגן, ווען זיי ווײַזט זיך אויס אַז אַזוי דאַרף עס זײַן".

ווי אַן אילוסטראַציע וועל איך ציטירן דעם אומבאַדײַטנדיקן פֿאַל. אַ קינד האָט אויסגעגאָסן וואַסער אין באָדצימער.

— ווער האָט אויסגעגאָסן?

— איך.

דאָס קינד וואָלט זיך נישט מודה געווען, ווען ער וואָלט זיך געשראָקן פאַר א הארבער שטראָף.

דאָס קינד האָט זיך יאָ מודה געווען און ער פרוווט באַרעכטיקן זײַן טאַט, ווײַל ער ווייסט, אַז דער דערציִער וועט אים נישט באַשטראָפן, ער וועט אים בלויז זאָגן: „נעם די שמאַטע און וויש אויס" און ער וועט נאָך אפשר צוגעבן: „טויגעניכטס!"

דאָס איז נאָר א קליינער פאַל, אָבער אויך אין ערנסטע פאַלן וועט א קינד זיך מודה זײַן, ווען ער ווייסט אַז דער דערציִער וועט מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אויפצודעקן דעם אמת.

קאָרטשאַק דערציילט אַזאַ פאַל:

איינעם אַן אומבאַליבטן יִינגל האָט מען אָנגעגאָסן וואַסער אין בעט. ווער האָט עס געטאָן? קיינער איז זיך נישט מודה. קאָרטשאַק האָט געמאָלדן די קינדער, אַז ביז עס וועט נישט באַקאַנט ווערן דער שולדיקער, וועט ער קיינעם נישט אַרויס־לאָזן פון שלאָף־צימער.

עס גייט דורך א שעה. די עלטערע יִינגלעך דאַרפן שוין גיין צו דער אַרבעט, עס דערנענטערט זיך די שעה פון אָנבײַסן. זיי וועלן הײַנט עסן דאָס אָנבײַסן אין שלאָף־צימער. קיינער וועט הײַנט נישט גיין אין שול אַרײַן און אויך נישט צו די אינערלעכע באַשעפטיקונגען.

און אָט הייבט זיך אָן עפּעס א באַוועגונג. די קינדער שעפּטשען צווישן זיך פאַרטרויילעך. פאַראַן א פאַרדעכטיקע גרופּע, פאַר וועמען דער ענין איז אַפּנים נישט פרעמד. ווײַזט אויס, זיי טראַכטן עפּעס צו. מעגלעך זיי ווייסן ווער דאָס איז און אפשרריידן זיי צו דעם באַטרעפנדיקן ער זאָל זיך מודה זײַן.

און אָט ווענדט זיך איינער צום דערציִער.

— הער דערציִער...

— דו האָסט עס געטאָן?

— איך.

און קאָרטשאַק גיט צו:

„דערלויב די קינדער צו האַלטן אַ סוד. גיב זיי די רעכט צו זאָגן: „איך ווייס, נאָר איך וועל נישט זאָגן" — דעמלט וועט ער נישט זאָגן קיין ליגן.

„דערלויב די קינדער צו פאַרטרויען זיך אויפריכטיק מיט זייערע געפילן, וועל־כע אַנטשפּרעכן נישט די פאַרהייליקטע פאַרשריפטן".

5

אומגעהויער דעליקאַטע סיטואַציעס ווײַזט אונדז קאָרטשאַק אין זײַן שטרע־בונג צו פאַרשטיין, דערקענען דאָס קינד.

אַט נעמט דעם ענין פון פרעגן. קינדער פּראָוואָרפן דעם דערציִער אָדער טאַטע־מאַמען מיט פראַגן. נאַטירלעך איז דאָס נישט קײן שפּיל, קײן צײַט־פאַרטרײַב פאַר זײ, נאָר אַ נויטווענדיקײַט, דער דראַנג פון ווען אויסברײַטערן דעם אײגענעם האָריזאָנט.

דאָס קינד וויל וויסן, ווײַל לערנען און עס זוכט צו באַרײַכערן זײַן וויסן. אגב, קען מען דורך די פראַגן דערקענען דאָס קינד. די פראַגן אַנטפּלעקן דעם קינדס אינערלעכע וועלט, זײַנע שטרעבונגען, באַגערן.

עס איז נישט קײן צופאַל, וואָס אײניקע קינדער האָבן ליב צו פרעגן וועגן ים, אַנדערע וועגן דער לבנה, וועגן פײגל, פלאַנצן, אָדער גאָר וועגן דער פּראָבלעם פון אָרעם און רײַך. די דאָזיקע פראַגן דערציילן וועגן דער ספערע פונעם קינדס אינטערעס.

מיט זײַנע פראַגן שטעלט דאָס קינד אָפט מאָל אַוועק דעם דערוואַקסענעם אין אַ פאַרלעגנהײַט. עס איז באמת נישט גרינג צו ענטפערן כּמעט טײַלוויַיז אויף דעם קינדס פראַגן. צום גרינגסטן איז, פאַרשטײט זיך, צו ענטפערן, ווי מ'ענטפערט מערסטנס דעם קינד — מיט דעם קלאַסישן „פאַרדרײ מיר נישט דעם קאָפּ!" אָדער: „נודיע נישט!"

און אויב אַ פאָטער איז שווער צו ענטפערן אײן קינד אויף זײַנע פראַגן, טאָ ווי שווער דאַרף שוין זײַן די לאַגע פון אַ דערציִער, וועלכער דאַרף ענטפערן 150 קינדער?

ס'שאַפט זיך ווירקלעך אַ דעליקאַטע סיטואַציע. דער געוויסנהאַפטער דערציִער קומט אָפט אין אַ קאָנפליקט מיט זיך צוליב די קינדערישע פראַגן. ער ווייסט נישט און קען נישט אַזױפיל, כדי צו קענען ענטפערן. און נישט שטענדיק האָט ער גע־דולד געפרעגט צו ווערן און פערמאַנענט צו ענטפערן.

און ווי פאַרשײדן עס איז דער כאַראַקטער פון די פראַגן גופא! זײַט בײַ זײַט מיט די פראַגן, וואָס דריקן אויס דעם קינדס ספקות, דעם באַגער צו וועלן וויסן און אַרײַנדרינגען אין דער סודותפולער נאַטור, זײַנען נישט ווייניק די פראַגן מיט וועלכע דאָס קינד וויל נאָר ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקײַט פון דערציִער. אמת, טײל מאָל זײַנען די פראַגן נישט מער ווי אַן אויבערפלאַכלעכע נײַגעריקײַט.

קאָרטשאַק ראָט דעם דערציִער אויך אין דעם פּרט צו זײַן נאַטירלעך און אויפ־ריכטיק מיטן קינד. אויב דער דערציִער ווייס נישט — אַזעלכע פאַלן זײַנען פאַראַן גענוג אָפט — זאָל ער זאָגן: „איך ווייס נישט", „קוק נאָך אין אַ בוך", אָדער „פרעג מיך אין אַ וואָך אַרום". זײַן אויטאָריטעט וועט דערפון גאָרנישט לײַדן.

בכלל פלעגט ער האַלטן, אַז אין אַזעלכע פאַלן איז פיל בעסער אין גאַנצן נישט צו ענטפערן, אײדער צו ענטפערן אויף אָפּצופּטרן, אויבערפלעכלעך אָדער אומפאַרשטענדלעך.

עס איז ערלעך צו זאָגן דעם קינד: „װען דו װעסט זײַן אַ גרױסער, װען דו װעסט לערנען פיזיק, כעמיע, קאָסמאָגראַפיע — װעסטו עס פאַרשטײן“.

און דאָס קינד מעג אױך װיסן, אַז עס זײַנען פאַראַן זאַכן, װעלכע קײנער װײסט נישט, אַפילו גרױסע, אַפילו דער לערער — קײנער נישט.

דער דאָזיקער אױפריכטיקער מענטשלעכער צוגאַנג צום קינד האָט אים נישט פאַרפירט. שטענדיק איז אים געלונגען אױסצובריײַטערן די פאַרשטענדעניש פאַרן קינד און פאַרטיפן זיך אין זײַן לעבן.

ס'איז געװען אײַנגעפירט אין קאָרטשאַקס הײם, אַז אַ טײל קינדער פלעגן בעטן עפּעס בײַם דערציִער נישט דירעקט, נאָר דורך אַ שליח.

— משה פרעגט, צי ער מעג, צי מען דערלױבט אים?

קאָרטשאַקן איז דער אײַנפיר נישט געפעלן געװאָרן. ער האָט געזוכט אים אָפּצושאַפן. װײַל נאַטירלעך איז, קינדער זאָלן אַלײן דערלײדיקן זײערע ענינים און נישט באַנוצן זיך מיט פאַרמיטלער.

דער װיכטיקסטער מאָטיװ אָפּצושאַפן די פאַרמיטלער איז געװען, װײַל דאָס שאַפט אַ שעדלעכן סיסטעם פון פּראָטעקציאָניזם. דער שליח, פאַרמיטלער, שתדלן, אָדער גאָר אַדװאָקאַט איז פאַר זײַן דורכגעפירטער אַרבעט זיכער באַלױנט געװאָרן.

אַ חוץ דעם איז אין דעם נישט קומען אַלײן, נאָר שיקן אַ צװײטן, געװען אױך אַ גרינגשאַצונג לגבי דעם דערציִער.

עס האָט זיך אָבער אַרױסגעװיזן אַז באַקעמפן דעם סיסטעם איז נישט געװען אַזױ גרינג, װי מ'האָט געמײנט.

די דערציִער האָבן אַזאַ שתדלן געענטפערט:

— זאָל ער, דער פאַראינטערעסירטער, אַלײן קומען.

דער פאַראינטערעסירטער איז אָבער נישט געקומען. בעסער נישט האָבן װאָס ער דאַרף, װאָס ער באַגערט, און אַלײן נישט קומען.

קאָרטשאַק האָט אָנגעהױבן צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער דערשײנונג, זוכן די סיבה, פאָרשן —

און אױסגעפונען האָב איך — האָט ער געזאָגט — נישט קײן אױסשליסלעך קינדערשן שטריך, נאָר אַן אַלגעמײן־מענטשלעכן שטריך פון נשמה־אײדלקײט.

קאָרטשאַק דער הומאַניסט, האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָ באַהאַלט זיך נישט קײן גרינגשאַצונג צום דערציִער, אױך נישט קײן שעדלעכער פּראָטעקציע־סיסטעם, װי מ'האָט לכתחילה פאַרדעכטיקט.

עס האַנדלט זיך אין דעם, אַז דאָס קינד װיל זיך נישט אָנטרעפן פּנים־אל־פּנים מיט אַן אָפּזאָג. דער שליח, װאָס קומט בעטן פאַר אים, פילט נישט קײן באַלײדיקונג, אױב מ'זאָגט אים אָפּ. דער פאַראינטערעסירטער צד שפּאָרט זיך דער־

פאַר אײַן די אומאַנגענעמלעכקײַט, נישט צו דאַרפֿן זען די פּריקרע העויה אויפֿן דערציִערס געזיכט, אָדער די אומגעדולדיקע, נעגאַטיווע האַנט־באַוועגונג.

עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז דער פּאַראינטערעסירטער גופֿא איז געשטאַנען אין אַ זײַט און זיך פֿון ווײַטנס צוגעקוקט, ווי דער שליח זײַנער האָט געבראַכט זײַן בקשה צום דערציִער, בכדי צו זען וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק עס מאַכט; ער איז געווען גרייט אויפֿן ערשטן רוף אַליין זיך צו שטעלן פֿאַרן דערציִער און פּערזענלעך אויפֿצוקלערן דעם ענין.

6

און ווי דעליקאַט און דרך־ארצדיק קאָרטשאַק האָט זיך באַצויגן צום קינדס געהיימנישן, אילוסטרירט דער ווײַטערדיקער בײַשפּיל:

עס טרעפֿט אַז מען דערנענטערט זיך צו אַ קינד מיט די בעסטע געפֿילן, אָבער דאָס קינד רוקט זיך אָפּ און מײַדט דיך אויס.

מעגלעך אַז דו האָסט זיך פֿאַרשולדיקט לגבי אים, און אפשר, דאָס קינד אַליין פֿילט זיך שולדיק. ס'איז געמאָלט אַז עס האָט עפּעס שלעכטס געטאָן און די ערלעכקײַט זײַנע דערלויבט אים נישט אויפֿצונעמען די אומבאַרעכטיקטע לאַסקעס פֿונעם דערציִער.

עס איז אַ דעליקאַטע סיטואַציע פֿאַרן דערציִער און אויך פֿאַרן קינד. עס פֿאָדערט זיך אַ סך טאַקט נישט אויפֿצורײַצן, פֿאַרוווּנדן דאָס קינד.

אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט קאָרטשאַק עצהן דעם דערציִער, נישט צו רעאַגירן גלײַך אויפֿן אָרט. פֿאַרשרײַב עס און ערשט אין אַ וואָך, אין אַ חודש אַרום, פֿרעג אים.

ס'איז רעכט, אַז פֿאַר דער צײַט זאָל ער שוין האָבן פֿאַרגעסן. ס'איז אויך מעגלעך, ער זאָל זאָגן פֿאַרוואָס ער האָט אַזוי געהאַנדלט, אָדער גאָר מיט אַ שמייכל זאָל ער געבן אָנצוהערן אַז ער געדענקט, נאָר ער וויל נישט זאָגן.

— האָב אָפּשיי פֿאַר דעם קינדס סוד! — איז געווען קאָרטשאַקס לאָזונג.

דאָס קינד האָט זיך זײַנע סודות. עס איז באַרעכטיקט זיי צו האָבן און האָט אויך רעכט זיי אויסצובאַהאַלטן פֿון דערוואַקסענעם.

און אַז מ'רעדט וועגן דעם קינדס אַ סוד, מיינט עס נישט קיין פֿאַרשווערונג. עפּעס מיסטעריעזעס און פֿאַרדעכטיקס. אין די מערסטע פֿאַלן זײַנען עס דינע, אינטימע באַגערן, נשמהדיקע טראַכטענישן, וועלכע מ'קען גאַרנישט אַרויסברענגען, עמעצן פֿאַרטרויען. מיטן אַרויסברענגען זיי וואָלטן זיי אויסגעקרימט געוואָרן.

קאָרטשאַק אילוסטרירט דאָס מיט זייער אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד:

אַ קינד זעט אויף דער גאַס אַ לויה. אַ רירנדיקע טרויער־פּראָצעסיע. נאָך דעם

ארון גייט אַ קינד, אַ מיידל אין טרויער. די מאַמע אירע איז, װײַזט אויס, געשטאָרבן. איר קליידל איז אַרומגענייט מיט שװאַרצן קרעפּ. אין דעם גאַנצן בילד איז פאַראַן עלעגיש.

דאָס קינד איז טיף געריהרט פון דעם בילד און עס באַהערשט אים אַ געדאַנק: עס איז אוודאי אַנגענעם... װען מײַן מאַמע זאָל אַזוי שטאַרבן...

דערנאָך קוקט דאָס קינד אויף דער מוטער מיט שרעק: אָ, איך װיל נישט מײַן מאַמע זאָל שטאַרבן. ניין!...

דאָס קינד לײַדט און שרעקט זיך פאַר דעם מוראדיקן געדאַנק, װאָס עס האָט געטראַכט װעגן זײַן ליבער מאַמען.

נו, איז מעגלעך אַזאַ געדאַנק װעמען צו פאַרטרויען?

צי האָבן מיר רעכט צוצושטיין צו אַזאַ קינד מיט פראַגן אין אַ מאָמענט, װען עס לעבט איבער אַ מוראדיקן קאָנפליקט מיט זײַן געװיסן?

„אויב דאָס קינד פאַרטרויט דיר אַ סוד — זאָגט קאָרטשאַק — פריי זיך, װײַל זײַן צוטרוי איז די העכסטע אויסצייכענונג, דער בעסטער דיפּלאָם פאַר דיר, דער־ציִער. נאָר צװינג עס נישט, װײַל דאָס קינד האָט רעכט צו האָבן געהיימנישן. פרעס נישט אויס, נישט מיט געבעט, נישט מיט פאַלשקייט, אָדער מיט דראָונגען. די אַלע מיטלען זײַנען נישט װירדיק. זיי דערנענטערן נישט, נאָר זיי דערװײַטערן דאָס קינד פון דיר".

קאָרטשאַק פאַרלאַנגט מען זאָל איבערצײַגן די קינדער, געבן זיי צו פילן, אַז מיר האָבן דרך־ארץ פאַר זייערע געהיימנישן. דאָס קען מען דערגרײַכן דורך דער זייער אײַנפאַכער פראַגע:

— צי קענסטו מיר זאָגן?

דאָס באַטײַט נישט „דו מוזט זאָגן".

אויף דײַן „פאַרװאָס?" זאָל דאָס קינד נישט דאַרפן זיך אַרויסדרייען מיט זײַן ענטפער. פרעג אַזוי, אַז דאָס קינד זאָל קענען זײַן אויפריכטיק מיט דיר:

— ד אָ ס זאָגן קען איך נישט. אַ מאָל װעל איך עס אײַך זאָגן.

אָדער:

— כ'װעל עס קײן מאָל נישט זאָגן.

ס'זײַנען פאַראַן צװישן קינדער, פּונקט װי ס'זײַנען פאַראַן צװישן דערװאַקסענע אַזעלכע, װאָס װילן אויסגעבן זייערע חברים, אַזעלכע װאָס זײַנען גרייט דעם דערציִער איבערצוגעבן סודות.

אָפט מאָל איז אין דעם דערציילן פאַראַן דאָס געפיל פון װעלן זיך נוקם זײַן אין זײַנע חברים. עס פאָדערט זיך אַ סך טאַקט פון דערציִער װי צו באַגיין זיך מיט אַזעלכע קינדער.

אָט איז אַ קאָנקרעטער פאַל, װי קאָרטשאַק האָט זיך נוהג געװען מיט אַזאַ קינד,

אַן צו פאַרלירן זײַן באַציִונג און רעספּעקט צו אים און אַן צו לאָזן אים פילן וואָס ער טראַכט וועגן אים.

עס קומט אַ קינד און דערציילט דעם דערציִער בסוד:

די עלטערע ייִנגלעך ריידן געמיינע רייד. זיי טראָגן זיך אַרום מיט נישט קיין פײַנע בילדלעך און מיאוסע לידער.

אויף דעם דערציִערס פראַגע, וואָסערע בילדלעך און לידער דאָס זײַנען, ענטפערט ער:

— איך ווייס נישט.

ער האָט זיך באַהאַלטן, זיי זאָלן אים נישט זען. ער האָט ספּעציעל זיך אונטערגעהערט. ער דערציילט עס דערפאַר, ווײַל אַזעלכע בילדלעך, ווייס ער, טאָר מען נישט האָבן. ער וויל מ'זאָל זיי באַשטראָפן.

קאַרטשאַק פרעגט אים:

— האָסטו נישט געבעטן מ'זאָל דיר ווײַזן אַזאַ בילדל?

— איך האָב געבעטן, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט. זיי האָבן געזאָגט אַז איך בין נאָך צו קליין.

דעם קינדס כוונה איז שוין קלאָר, און קאַרטשאַק פרעגט ווײַטער:

— צי מעג איך זאָגן, פון וועמען איך ווייס עס?

דאָס קינד דערלויבט נישט צו זאָגן, ווײַל זיי וועלן אים נאָך שלאָגן דערפאַר.

— אויב דו דערלויבסט נישט זאָגן פון וועמען איך ווייס עס, קען איך זיי גאָרנישט טאָן. זיי וועלן חושד זײַן אַ צווייטן און וועלן זיי וועלן אים שלאָגן.

דאָס קינד פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און ער זאָגט:

— איך פאַרלאָז זיך אין גאַנצן אויפן דערציִער. זאָל ער האַנדלען ווי ער פאַרשטייט.

דאָס איז זיכער אַ בשלומדיקער אויסגאַנג פון דער דעליקאַטער סיטואַציע.

***

פונקט ווי עס זײַנען פאַראַן קינדער, וועלכע מײַדן אויס דעם דערציִער, זײַנען אויך פאַראַן קינדער וועלכע זוכן זײַן נאָענטקײַט, זײַן באַרירונג, זײַן שמייכל און בליק.

מערסטנס פטרט מען אָפּ די דאָזיקע קינדער מיט איין באַגריף: „קליינע און כיטרע חונפים“. אַזאַ צוגאַנג אָבער פון פאַראַלגעמיינערן, פון „כל הנערים“ איז פאַלש. אין יעדן איינעם פון אַזאַ פאַל זײַנען פאַראַן באַזונדערע אומשטענדן, פאַקטאָרן וואָס ווירקן.

קאַרטשאַק האָט אונדז דערציילט אַ פּאַל פון אַזאַ קינד. אַ ייִנגל אַ טרוקע־נער, אַ זײַטיקער און פאַרמאַכטער אין זיך האָט מיט אַ מאָל גענומען דערנענטערן זיך צו אים און אים אַרויסגעוויזן אַן איבערטריבענע אויפמערקזאַמקײַט.

ער איז געווען דער ערשטער צו לאַכן פון זײַנעם אַ שפּאַס, ער איז אים פאַר־לאָפן דעם וועג און האָט פּאַרוּים אויסגעפירט יעדן ווּנטש זײַנעם.

דאָס אַלץ איז בײַם ייִנגל אַרויסגעקומען זייער נישט געשיקט, אומבאַהאָלפן. מ׳האָט בפירוש געזען זײַן מיין, צו רופן קאַרטשאַקס אויפמערקזאַמקײַט אויף דעם וואָס ער טוט. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן געניג לאַנג. קאַרטשאַק האָט אויסבאַ־האַלטן דעם אומאַנגענעמען געפיל, וואָס דאָס האָט אים פאַרשאַפט.

וואָס איז אָבער די סיבה פון זײַן פאַרענדערטער אויפפירונג?

איין מאָל איז קלאָר געוואָרן דעם קינדס מיין. אין אַ גינסטיקן מאָמענט האָט דאָס ייִנגל געבעטן קאַרטשאַקן, ער זאָל אַרײַננעמען זײַן יונג ברודערל אין דער קינדער־היים.

קאַרטשאַק איז געווען אויסערגעוויינטלעך גערירט פון דעם:

„איך האָב געפילט — דערציילט ער — ווי די טרערן שטיקן מיך. אָרעם קינד, וויפל אָנשטרענגונג דאָס האָט אים געקאָסט, אַזאַ לאַנגע צײַט צו זײַן עפּעס אַנדערש פון דעם, וואָס ער איז געווען אין דערווירקלעכקײַט“.

בלויז דער דאָזיקער פאַל באַווײַזט, אַז מ׳טאָר נישט די אַלע קינדער, וואָס זוכן די דערנענטערונג פונעם דערציִער, אָפּשטעמפּלען ווי סתם חונפים.

7

עס וועט אפשר אויסקוקן אומפאַרשטענדלעך און ווי אַ סתירה, אַז בײַ דער טיפער פאַרשטענדעניש, וואָס קאַרטשאַק האָט אַרויסגעוויזן דעם קינד, האָט ער אויך געפאָדערט פון אים גאָר אַ שטרענגע דיסציפּלין.

דאָס קינד האָט איבערגענוג מאָטיוון זיך אַנטקעגנצושטעלן די טרוקענע באַ־פעלן פון דערוואַקסענעם און ער שטעלט אַ ווידערשטאַנד.

— גיי שוין שלאָפן!

— איך וויל זיך נישט לייגן שלאָפן, דער אָוונט איז אַזוי שמעקעוודיק און דער הימל איז פאַרזײַט מיט אַזויפיל שיינע שטערן.

— איך וויל הײַנט נישט גיין אין שול אַרײַן, ווײַל בײַנאַכט איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. עס איז אַזוי פריילעך אויף דער וועלט.

— איך וויל נישט אויפשטיין, ווייל ס׳איז קאַלט און טרויעריק גאַנץ פרי.

— איך וויל נישט איבערבעטן די לערערקע, זי האָט מיך אומבאַרעכטיקט באַשטראָפט.

קעגן דעם קינדערשן בונט האָט קאָרטשאַק פון דערציִער געפאָדערט פעסט־קייט. וואָס גיכער און גרינגלעכער — וועט עס ווינציקער ווייטיק פאַרשאַפן די קינדער.

אין אונדזער לעבן איז נייטיק דיסציפלין, „ווייל נישט אין וואַלד, נאָר אין דער געזעלשאַפט לעבט דער מענטש".

אָן אַ פעסטער אָרגאַניזאַציע און אָן פליכט אַנטוויקלען זיך נאָר געציילטע קינדער, אויסנאַמען, אָבער צענדליגער, הונדערטער קומען אום.

אין אַ כאַאָס זיינען די ערשטע צו ליידן די שוואַכע, און קאָרטשאַק האָט זיך אָנגענומען פאַר די שוואַכע, זיי באַשיצט.

קאָרטשאַק פלעגט מאַכן דעם פאַרגלייך: „קינדער זיינען ווי אַ טשאַטע פייגל. פאַראַן צווישן זיי ברויזנדיקע און פרידלעכע, שטאַרקע און שרעקעוודיקע, געזעל־שאַפטלעכע און אינדיווידואַליסטן".

זיין שטרעבונג איז געווען צו באַזייטיקן די אַנטי־סאָציאַלע נייגונגען פון די שטאַרקע און שטאַרקן די שוואַכע.

**
*

ביי זיין נטיה צו אידעאַליזירן דאָס קינד האָט קאָרטשאַק געוווּסט, אַז קינ־דער זיינען נישט לויטער גוטס, לויטער צידקות.

אויך דאָ האָט ער אָנגעהאַלטן זיין נאָרמאַלע מענטשלעכע באַציִונג צום קינד, וואָס ער האָט קודם־כל באַטראַכט פאַר אַ קאָמפּלעטן מענטשן.

אין זיין ווערק „ווי אַזוי ליב צו האָבן דאָס קינד", זאָגט קאָרטשאַק אַזוי:

„צווישן קינדער זיינען פאַראַן אַזויפיל שלעכטע מענטשן, וויפל זיי זיינען פאַראַן צווישן דערוואַקסענע, נאָר זיי האָבן נישט די נויטווענדיקייט און די מעג־לעכקייט דאָס אַרויסצוווייזן.

„אין דער וועלט פון קינדער געשעט דאָס אַלץ, וואָס עס פּאַסירט אין דער שמוציקער וועלט פון דערוואַקסענעם. וועסט ביי זיי געפינען פאַרשטייער פון אַלע טיפּן מענטשן און אַלע זייערע אומווירדיקע מעשים.

„ווייל קינדער אימיטירן דאָס לעבן, געשפּרעכן, גייען־נאָך די שטרעבונגען פון דער סביבה, אין וועלכער זיי זיינען דערצויגן געוואָרן".

עס הערט זיך ביינאַכט דאָס געוויין פון אַ קינד אין שלאָף־צימער. עס איז שרעקלעך צו הערן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דאָס פאַרצווייפלטע געוויין פון אַ קינד.

די טרערן זיינען די זעלביקע, נאָר יעדעס קינד האָט זיך זיין אופן פון וויינען. דאָס געניטע אויער פון דערציִער דערקענט באַלד וועמענס געוויין דאָס איז.

איינס פון די ערגסטע קינדער וויינט. דער וויינער געהער צו די קינדער וואָס האָט אוים מיט אַ כיוון שויבן, שטערט די קינדער בײַם שפּילן זיך, רופט אַרויס געשלעגן.

קאַרטשאַק וואַכט איבער די קינדער, אויך ווען זיי שלאָפן. ער דערנענטערט זיך צום בעטל פון וויינענדיקן און באַרויִקט אים:

— ווײן נישט, וועסט אויפוועקן די קינדער.

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן, אָבער ער איז נישט אײַנגעשלאָפן.

ער וויינט ווידער. נאָר איצט איז דאָס געוויין אײַנגעהאַלטן, דערשטיקט אין זיך — דערפאַר איז עס מער אַנגסטלעכער, טרויעריקער.

קאַרטשאַק קניט אַנידער בײַם קינדס בעטל און ער נעמט עס אײַנשטילן מיט גוטע רייד:

— דו ווייסט אַז איך האָב דיך ליב, דאָך קען איך נישט אַלץ דערלויבן. איך ווייס, אַז דו האָסט אויסגעהאַקט די שויבן, דו שטערסט די קינדער בײַם שפּילן, שטענדיק שלאָגסטו זיך. אָבער איך בין נישט אין כעס אויף דיר, דו וועסט זיך שוין אויסבעסערן. האָסט זיך שוין אַביסל אויסגעבעסערט.

דאָס קינד וויינט נאָך אַלץ. זײַן געוויין איז איצט נאָך טיפער, שמערצלע־כער. אַ פאַרוווּנדעטע חיה וויינט, קלאָגט אימהדיק.

— אפשר ביסטו הונגעריק? געבן דיר עפּעס עסן?

די לעצטע געוויין־ספּאַזמען שרײַען אוים אינערלעכע שמערצן פון אַ צעווײ־טיקטער, באַוואָלטער נשמה.

— זאָל איך דיר געבן אַ קוש אויף אַ גוטע נאַכט?

מיט אַ האַנט־באַוועגונג זאָגט ער אָפּ.

— טאַ שלאָף שוין, שלאָף, זונדעלע.

קאַרטשאַק גלעט דעם קינדס הייסן שטערן מיט זײַן מילדער, פאָטערלעכער האַנט.

— שלאָף, שלאָף...

עס איז אײַנגעשלאָפן.

און אין דעם אויסטערליש שטילן אַרום, צווישן 150 שלאָפנדיקע קינדער שטייט קאַרטשאַק, דער פאָטער און באַשיצער זייערער און ער שעפּטשעט אַ תפילה:

„אַלמעכטיקער גאָט, מיט וואָס וועסטו באַשיצן די פילבאַרע נשמה פון דעם קינד, אַז זײַן לעבן זאָל זיך נישט אַרומוואַלגערן אין שמוץ!“

חיים בראַקאַזש

בוענאָס־איירעס

די יידישע טענות צו סטעפאַן צווייג

דעם 23סטן פעברואר 1952 איז געוואָרן צען יאָר זינט סטעפאַן צווייג איז אין זעכציקסטן יאָר פון זיין לעבן „פריוויליק" אוועק פון דער וועלט צוזאַמען מיט זיין דריטער און דרייסיק יאָריקער פרוי. דער דאָזיקער פריוויליקער טויט — ניצנדיק די שאַבלאָנע באַצייכענונג — האָט ווייט און ברייט אָפגעקלונגען אין דער וועלט, אַזוי ווייט און ברייט ווי עס האָט געגרייכט סטעפאַן צווייגס רום. עס איז אָבער אַ מערקווירדיקער און כאַראַקטעריסטישער פאַקט, אַז בעת אין דער נישט־יידישער ליטעראַרישער וועלט האָט דער דאָזיקער טראַגישער טויט אַרויסגערופן אויפריכטיקן צער, האָט מען ביי אונדז אַרויסגעוויזן אַ דערשטוינלעך קאַלטע, נעגאַטיווע און אַפילו בייזע באַציִונג צו דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן שריפטשטעלער און צו זיין ווערק.

היינריך היינע האָט זיך אַמאָל עלעגיש געקלאָגט, אַז נישט קיין מעסע וועט מען נאָך אים זינגען און נישט קיין קדיש וועט מען זאָגן. געוויס איז דער דיכטער פון „לאָרעליי" און „פרינצעסין שבת" נישט אַזוי אויסן געווען די מעסע און דעם קדיש בפועל ממש, ווי די טראַגישע טאָפּלט־פרעמדקייט: דאָס בלייבן ביי יידן אַ גוי און ביי גוים אַ ייד. אָט דאָס היינעשע פּראָבלעם איז ביי אַ טייל פון אונדז עד היום גילטיק בנוגע כמעט צו יעדן ייד־שריפטשטעלער (אַפילו אָן דעם היינעשן טויף־צעטל), וועלכער שאַפט אין אַ פרעמדער שפּראַך. אַ ייד אַ שריפטשטעלער, וואָס שאַפט אין אַ פרעמדער שפּראַך, קאָן גיכער דערוואַרטן צען מעסעס איידער איין קדיש. ביי די אומות העולם איז בכלל קיין פּראָבלעם נישט. ווען אַ שטאַמברודער, אַ שריפטשטעלער שאַפט אין אַ פרעמדער שפּראַך. דאָס איז נישט קיין סיבה פאַר אומווילן און אומטאָלעראַנץ מצד זיינע פאָלקסברידער. האָט

דען דאָס אוקראַינישע פֿאָלק תּרעומות צו גאָגאָלן פֿאַר זײַן שאַפֿן אין רוסיש, אָדער דאָס פּױלישע פֿאָלק צו דזשאָזעף קאָנראַד פֿאַר זײַן שרײַבן ענגליש? אדרבא: מען איז אַפֿילו שטאָלץ אויף די דערפֿאָלגן פֿון דעם שטאַמבורודער אין דער פֿרעמד.

דער פֿאַל קאָנראַד איז גראַד כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער באַציִונג צום דאָזיקן ענין בײַ די אומות העולם:

סטעפֿאַן זשעראָמסקי, איינער פֿון פּוילנס פּראָזע־מײַסטערס, האָט געשריבן: „ווען איך האָב אין יאָר 1914 געהאַט דעם כּבֿוד זיך צו באַקענען מיט דזשאָזעף קאָנראַד, האָב איך מיט אַ געוויסער פֿאַרווּנדערונג זיך איבערצײַגט, ווי אויסגעצייכנט ער באַהערשט אונדזער שפּראַך".

איז דערבײַ כּדאַי צו וויסן, אַז דזשאָזעף קאָנראַד האָט ביז 17 יאָר גערעדט נאָר פּויליש, און ענגליש האָט ער זיך אָנגעהויבן לערנען בײַ מאַטראָזן אויף די ים־רײַזעס. פֿון דעסטוועגן שרײַבט זשעראָמסקי: „איך קום דורך דעם צום אויספֿיר — אפֿשר צו ריזיקאַליש — אַז דער דאָזיקער באַרימטער ענגלישער שרײַבער דענקט אין פּויליש"...

און מיט וויפֿל דאַנקבאַרקייט שרײַבט זשעראָמסקי וועגן זײַן שטאַמברודער, דעם „באַרימטן ענגלישן שרײַבער", וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין קראָקע — די שטאָט וואָס איז אַ היכל פֿון פּוילישקייט און פּוילישער קולטור — דערפֿאַר ווײַל „ער האָט צוויי מאָל בעת דער מלחמה גענומען דאָס וואָרט וועגן פּוילנס זאַך". עס האַנדלט זיך וועגן צוויי אַרטיקלען, וואָס קאָנראַד האָט איין מאָל אין 1916 און אַ צווייט מאָל אין 1919 פֿאַרעפֿנטלעכט וועגן פּוילן, און סטעפֿאַן זשעראָמסקי שרײַבט: „די דאָזיקע צוויי אַרטיקלען נעמען זיך אָן פֿאַר אונדז אויף אַ נאָבעלן אופֿן. דער באַרימטער שרײַבער האָט דעמאָלט געטאָן, וואָס ער האָט געקענט: ער האָט זײַן נאָמען געוואָרפֿן אויף דער וואָגשאָל, וואָס האָט געוווּיגן אונדזער גורל" און „מיר זײַנען אים דאַנקבאַר פֿאַר דער דאָזיקער שטיצע אין אַנטשיידנדיקע מינוטן".

וויפֿל דאַנקבאַרקייט פֿאַר אַ גוט וואָרט, וואָס דער ענגלישער שרײַבער פֿון קראָקע האָט געהאַט פֿאַר דעם פֿאָלק, פֿון וועלכן ער שטאַמט! און כאָטש זשעראָמסקי איז מודה, אַז קאָנראַדס פֿאַרדינסטן ווי אַ קינסטלער האָבן נישט די מינדסטע שייכות מיט דער פּוילישער ליטעראַטור, האַלט ער פֿון דעסטוועגן, אַז „אומאָפּהענגיק פֿון וועלכער עס איז פּאָליטיק, באַגערן מיר צו באַרײַכערן אונדזער פּוילישע ליטעראַטור מיט איבערזעצונגען פֿון זײַנע הערלעכע ווערק". און דער פּוילישער שרײַבער איז שטאָלץ, וואָס „די וויג פֿון גרויסן שרײַבער פֿון ענגלאַנד און פֿון דער וועלט, דזשאָזעף קאָנראַד, האָט געוויגט אַן איידעלע פּרויען־האַנט פֿון אונדזער אומה".

ווי הימל־ווײַט פון אַזאַ ברידערלעכן סענטימענט עס איז בײַ אונדז די באַציִונג צו ייִדן־שריפטשטעלער, וואָס דער גורל האָט געוואָלט, זיי זאָלן אײַנגעוואָרצלט ווערן אין אַנדערע שפּראַכן און ליטעראַטורן, באַווײַזט דער פאַל סטעפאַן צווײַג. ווען מען וואַרפט אַ בליק אויף די ייִדישע אָפּרופן נאָך זײַן טראַגישן טויט, געפינט מען רק ברוגזע טענות און תרעומות. קודם־כל איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן די גאָר משונהדיקע טענה — פאַרוואָס איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. און כאָטש עס זײַנען דאָ און דאָרט אויך אין דער נישט־ייִדישער וועלט געפאַלן אַזעלכע פראַגעס, איז דאָך געווען אַ גרויסער אונטערשייד: „דאָרט" האָט מען געפרעגט פאַרבליפט, מיט באַדויער און סענטימענט, אַפילו מיט צער; בײַ אונדז — מיט גלײַכגילט, אַפילו מיט בײַזקייט, וואָרום עמעצער האָט אויסגעפונען — און אַ סך האָבן עס נאָכגעזאָגט — אַז די „סיבה" פון סטעפאַן צווײַגס זעלבסטמאָרד איז געווען זײַן „אויסגעוואָרצלט"־זײַן פון ייִדישקייט; גלײַך ווי עס זאָל נאָך קיין מאָל נישט האָבן געטראָפן, אַז אײַנגעוואָרצלטע ייִדן אָדער אײַנגעוואָרצלטע רוסן, ענגלענדער, פראַנצויזן אאַז"וו זאָלן באַגיין זעלבסטמאָרד.

אין פאַל סטעפאַן צווײַג איז בײַ אונדז אַרויס אויף דער אויבערפלאַך עפּעס אַ באַהאַלטענער ברוגז בכלל צו ייִדן שריפטשטעלער אין אַנדערע שפּראַכן, הלמאי „זיי שאַפן פאַר אַנדערע און פאַרגעסן דאָס אייגענע פאָלק". ווי דאָס האָט פּראָסט און פשוט פאָרמולירט דער זייער חשובער ייִדישער שרײַבער דוד פּינסקי. ער איז אַזוי ברוגז אויף די דאָזיקע שרײַבער, אַז ער וויל נישט וויסן אַפילו פון זייערע ווערק אויף ייִדישע טעמעס. ער פּסקנט־אָפּ, אַז „זיי זײַנען נישט געשריבן פון ייִדן פאַר ייִדן" און אַז „זייערע ייִדישע שאַפער (ער רופט־אָן סטעפאַן צווײַג, פויכטוואַנגער און אַרנאָלד צווײַג) האָבן גאָר געוואָלט זײַן אין זיי וואָס מער דײַטש, וואָס מער פראַנצויזי". און וואָס שייך סטעפאַן צווײַג, מיינט דוד פּינסקי, אַז „סטעפאַן צווײַג האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, וואָס דאָס דײַטשע פאָלק האָט אים אויסגעשפּיגן און ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד".

איז די פראַגע, צי קאָן מען דעם ענין אַזוי סימפּליפיצירן און באַטראַכטן ווי עפּעס אַן אומבאַדינגטע פליכט פאַר יעדן שעפערישן ייִד „צו שאַפן פאַרן אייגענעם פאָלק" אויף אַן אופן און לויט נאָרמעס ווי עס פאַרשטייט דאָס דער חשובער שריפטשטעלער, אָט אַ שטייגער ווי עס איז אײַנגעפירט מיליטער־פליכט פאַר בירגער פון אַ לאַנד און יעדן וואָס ווײַכט־אָפּ פון אָט דער נאָרמע, דאַרף מען באַטראַכטן שיער נישט ווי אַ דעזערטיר? טרעפט עס דאָך נישט בלויז בײַ אַזאַ עם מפוזר ומפורד ווי מיר, וואָס איז אויסגעמישט מיט כלערליי שפּראַכן און קולטורן און אונטערגעוואָרפן די פאַרשיידנסטע באַדינגונגען, נאָר אַפילו בײַ פעלקער מיט נאָרמאַלע אין דעם פּרט באַדינגונגען טרעפן פאַלן פון אַזוי צו זאָגן „שאַפן

פּאַר אַנדערע", ווי למשל אַז אַ פּאָליאַק זאָל ווערן אַן ענגלישער שרײַבער, אַ רו־סין — אַ העברעיִשע דיכטערין, אַ דײַטש — אַ ייִדישער שרײַבער אאַז"וו און קיינער מאַכט דערפון נישט קיין פּראָבלעם און האָט נישט קיין תרעומות.

עס איז דעריבער שווער צו געפינען עפּעס אַנדערש ווי אומטאָלעראַנץ מיט אַ היפּשלעכער דאָזע בייזקייט אין דעם, וואָס געוויסע ייִדישע שרײַבער האָבן אויף דער הייסער מינוט גענומען פּאָלעמען נישט בלויז סטעפאַן צווײַגס ייִדישקייט, נאָר אויך זײַן ווערק, אויף אַן עלעגאַנטן, שפּילעוודיקן אופן, אָבער נישט אָן אַ ביסל זיפּלעכער גיפטיקייט. האָט דאָס געטאָן דער רוסיש־ייִדישער שרײַבער אָסיפּ די־מאָוו אין אַן אַרטיקל, וואָס איז פּאַרעפנטלעכט געוואָרן קורץ נאָך סטעפאַן צווײַגס טויט, אין וועלכן דער מחבר באַמיט זיך צו דערווײַזן אַז צווײַג איז געווען וואָרצ־לאָז נישט בלויז אַלס ייִד, נאָר זײַן גאַנץ ליטעראַריש פּאַרמעג האָט נישט קיין וואָרצלען. דער רוסיש־ייִדישער שרײַבער זאָגט מוסר דעם טויטן צווײַג, פּאַרוואָס „ער האָט גערעדט אויף אַ סך שפּראַכן, — חוץ דער שפּראַך פון זײַן פאָלק. געקאָנט אַלע ליטעראַטורן פון דער וועלט — חוץ דער ליטעראַטור פון זײַן אייגענעם פאָלק". און עס קומט אָן אויסגעקליגטע טעאָריע, אַז עסטרײַך, צווײַגס היימלאַנד, איז געווען „אַ וואָרצללאָזע מדינה" און ווין „אַ וואָרצללאָזע שטאָט", איז שוין ממילא פאַרשטענדלעך, אַז אויך צווײַג אַליין איז געווען וואָרצללאָז, אָן „טשער־נאָזיאָם", ווי עס הייסט בײַ דימאָוו, וועלכער קאַרגט נישט דעם „אויסגע־וואָרצלטן" קיין אויסגעקליגלטע ליטעראַרישע קלעפּ און פאַרגלעט זיי גלײַך צוריק מיט פּונקט אַזוי אויסגעקליגלטע קאָמפּלימענטן, אָבער די לעצטע שורה בלײַבט דאָך, אַז צווײַגס נאָוועלן „האָבן נישט די פּולסירונג פון וואַרעם פליסנדיק בלוט" און די עסייען (אָסיפּ דימאָוו באַטיטלט זיי „די לאַנגע גלענצנדיקע גאַלעריע פון זײַנע מתים") האָבן דעם חסרון, וואָס הגם „זיי (די מתים, הייסט עס — עס האַנדלט זיך וועגן צווײַגס גרויסן ציקל ביאָגראַפישע עסייען „בוימײַסטער פון דער וועלט") לעבן, זיי גייען אַרום, זיי טראַכטן, זיי שאַפן געשיכטע", איז עס אָבער „נישט די געשיכטע וואָס איר און איך ווייסן". און אָסיפּ דימאָוו קומט צום אויספיר, אַז די העלדן פון צווײַגס נאָוועלן זײַנען „פון ליטעראַטור גענומען און צו ליטעראַטור קערן זיי זיך צוריק" און „די מתים" פון זײַנע עסייען „לעבן־אויף אין אַ מין היסטאָרישן דאַנס־מאַקאַבר — טויטנטאַנץ, אָבער 12 אַ זייגער בײַ־נאַכט דערהערט זיך, אַזוי ווי סען סאַנס האָט דאָס אונדז פאַרגעפירט, דאָס גע־שרײַ פון האָרן און די גײַסטער פאַרשווינדן".

אַזאַ סך־הכל פון סטעפאַן צווײַגס ווערק האָט געמאַכט דער רוסיש־ייִדישער שרײַבער אָסיפּ דימאָוו. דאָך — די פראַנצויזישע אויסגאַבע פון צווײַגס נאָוועלן האָט אַ וואַרעם פאָרוואָרט פון ראָמען ראָלאַן, פּונקט ווי די אויסגאַבע אין רוסיש

האָט אַזאַ פאָרוואָרט פון מאַקסים גאָרקי (וועלכער האָט אויך געדאַרפט זײַן אַ שטיקל מבין אויף „טשערנאַזיאָם״), און יעדעס נײַע צווײַגישע עסייען־בוך האָט אַרײַנגעבראַכט דעם מחבר ליוב מצד דער ליטעראַטור־קריטיק און מיליאָנען לייע־נער אין עטלעכע צענדליק שפּראַכן.

נאָך ווייניקער לײַטזעליק צו צווײַגן איז ז. שניאור. אויך ער באַנוצט זיך מיט דער מעטאָדע פון אַרומוויקלען די ליטעראַרישע פויסט מיט ליטעראַרישער וואַ־טע. נאָכן אָפּזאָגן ווי אַ מלאך רע אָמן אויף אַ טייל פון צווײַגס עסייען און זיי באַצייכענען אַלס „פּראַכטפול אָנגעשריבענע און טיף דורכגעטראַכטע״, קומט ער דאָך צום אויספּיר, אַז „דער סאָרט ליטעראַטור (דער ביאָגראַפישער עסיי — ח. ב.) איז אַ רוטין־זאַך, אַ גוט אויסגעטראָטענער וועג, מיט אַספאַלט באַדעקט, ווו דער אויטאָמאָביל פון דעם אָדער יענעם מאָדערנעם שרײַבער פאָרט גרויסאַרטיק און טרומייטערט: טו־טו, זײַט וויסן, אַז אַ גרויסער שרײַבער פאָרט צוזאַמען מיט אַ נאָך גרעסערער פּערזאָן״ און אַז נאָך דעם ווי עמיל לודוויג „האָט דער ערשטער דאָס אײַנגעפירט און געהאַט דערפאָלג, בעיקר פינאַנציעלן דערפאָלג... האָבן זיך אַ סך אַנדערע אַ וואָרף געטאָן אויף דעם סאָרט ליטעראַטור״.

איז דאָ אפשר נישט אַזוי וויכטיק די ליטעראַרישע אָפּשאַצונג, וואָס יעדער קאָן מאַכן לויט זײַן געשמאַק, ווי דער טאָן וואָס מאַכט די מוזיק. און עס רייסט זיך כסדר אַדורך אַ שאַקירנדיקער טאָן נישט בלויז אין דער ליטעראַרישער אָפּ־שאַצונג, נאָר אויך אין דעם שילדערן סטעפאַן צווײַגן דעם מענטש. בעת אַסיף דימאָוו באַמערקט אין זײַן ווײַט נישט־פרײַנטלעכן אַרטיקל, אַז אין אומגאַנג מיט מענטשן איז צווײַג געווען „פרײַנטלעך, שאַרמאַנט, אויפמערקזאַם״, שילדערט ז. שניאור סטעפאַן צווײַגן ווי אַ מענטש, אין וועמענס קעגנוואַרט מען פילט זיך שיער נישט אומהיימלעך: ער גייט צו איינעם צו זײַטיק, גיט זײַטיק די האַנט, „קוקט נישט גלײַך אין די אויגן, נאָר עפּעס מיט אַ זײַט״ און אַזוי ווײַטער אין אַזאַ שטייגער געשילדערט, און — אַז צווײַג האָט זיך אויסגעדריקט מיט גרינג־שאַצונג וועגן ד״ר הערצל (צווײַגס דערמאָנען הערצלען אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע ווײַזט פונקט דעם הפך), און צום סוף — עפּעס אַ מעשה נורא (און פונקט אַזוי אומקלאָרע) וועגן עפּעס אַ סכסוך און וועגן „הייבן אַ האַנט״ (נישט באַוווּסט ווער און פאַרוואָס). פון דעם אַלעם ווייעט עפּעס אַ שטעכיקע בייזקייט וואָס ציט די יניקה קודם־כּל פון אומטאָלעראַנץ.

נאָך אַן אָנגעזעענער יידישער דיכטער, ה. לייוויק, איז קורץ נאָך סטעפאַן צווײַגס טויט אַרויס מיט תרעומות צום פאַרשטאָרבענעם, און אויך אין דעם סקאַר־באָווען נוסח וועגן „אויסגעוואָרצלטקייט״. אויך לייוויק שטרײַכט קודם־כּל אונ־טער, אַז צווײַג „איז אַ ייד אָן אַ לאַנד, אַ ייד אָן אויסגעוואָרצלטער פון זײַן פאָלק,

פון זיין פאָלקס קולטור און טאָג־טעגלעכן נאַציאָנאַלן לעבן" און נאָך דעם נאָכ־זאָגן אים דעם „שבח", אַז אויך „ער, סטעפאַן צווייג, האָט צוגעטראָגן נישט ווילנ־דיק און נישט וויסנדיק, אויף אַ פאַרשעמטן (?) און באַשיידענעם אופן, אַ טייל פון די זאָמען, פון וועלכע עס האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעבריט דער היטלער־בענ־קאַרט!" (sic!) — דערמאָנט ה. לייוויק נאָך אַ חטא צווייגס: נאָך דעם ווי ער, ה. לייוויק, האָט אין 1936, אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון פענקלוב אין בוענאָס־איירעס פראָטעסטירט קעגן דעם פוילישן פענקלוב פאַר זיין פאַרשווייגן די אַנטי־יידישע פאָליטיק פון דער פוילישער מלוכה, האָט אים סטעפאַן צווייג, וועלכער איז אויך געווען אַ דעלעגאַט אויפן קאָנגרעס, „אַ זאָג געטאָן שטיל און פאַרשטיקט: „נישט נייטיק געווען, מען דאַרף קיין פראָטעסטן נישט. יידן דאַרפן נישט לאָזן הערן הויך זייער קול. נישט נייטיק געווען".

וועט קיינער נישט מאָנען קיין סטענאָגראַפישע פינקטלעכקייט פון ווערטער,

STEFAN ZWEIG

BUENOS AIRES

10.September 1936

Herrn Ch.Brakarz

Juan Jaurès 659
Ciudad

Sehr geehrter Herr Brakarz!

Fuer Ihr freundliches Schreiben vom 8.9. danke ich Ihnen verbindlichst.

Selbstverstaendlich erinnere ich mich Ihrer und freue mich,dass mir Gelegenheit geboten ist unsere Bekanntschaft zu erneuern.

Durch die vielen Veranstaltungen des PEN - Kongresses ist meine Zeit sehr stark in Anspruch genommen.Am Sonnabend den 12.ds.koennte ich mich Ihnen fuer eine Unterhaltung widmen und bitte Sie,mich doch an diesem Tage gegen 5 Uhr hier im City Hotel aufzusuchen.*

Ihrem gesch.Besuch sehe ich mit Vergnuegen entgegen und begruesse Sie

freundlichst



וועלכע מען גיט איבער פון זיכרון אין יאָרן אַרום, אָבער עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז עטלעכע טעג נאָך דעם ווי דער ייִדישער דעלעגאַט האָט געהאַלטן זײַן רעדע אויפֿן קאָנגרעס, איז דעם שרײַבער פון די שורות באַשערט געווען אויפֿגענומען צו ווערן פון סטעפֿאַן צווײַגן און האָבן מיט אים אַ לענגערן שמועס. צווײַג האָט דאַן באַרירט אויך דעם אַרויסטריט פון ייִדישן דעלעגאַט אויפֿן קאָנגרעס און געזאָגט, אַז עס איז אים נישט געווען צום האַרץ זײַן צו אַגרעסיווער טאָן און דאָס גענעראַליזירן, דאָס באַשולדיקן אַלעמען אין אַנטיסעמיטיזם, ווײַל נישט די גאַנצע וועלט באַשטייט פון לויטער אַנטיסעמיטן און נישט אַזאַ אופֿן פון רעאַגירן איז צוועקמעסיק. פֿאַרבינדנדיק דערמיט דעם ענין פון ייִדישער טאַקטיק און האַלטונג בכלל, האָט צווײַג זיך אויסגעדריקט (און אפֿשר האָט ער עפּעס אין זין אויך געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט פֿאַר לייוויקן), אַז לויט זײַן מיינונג דאַרפֿן ייִדן אין איצטיקן מאָמענט זיך נישט צופֿיל אַנגאַזשירן אין פּאָליטיק. אויף דער פֿראַגע, צי מיינט דאָס, אַז ייִדן זאָלן אין די אַלע לענדער, וווּ זיי לעבן זיך אָפּהאַלטן פון אָנטיילנעמען אין פּאָליטיק, האָט ער געענטפֿערט, אַז אַזוי מיינט ער עס נישט, נאָר מען דאַרף אויסמײַדן צו פֿאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט. ווי אַ קאָנקרעטן בײַשפּיל האָט ער אָנגעוויזן אויף לעאָן בלום, דעם דעמאָלטיקן פּרעמיער־מיניסטער פון פֿראַנקרײַך. עס וואָלט גלײַכער געווען, האָט ער געזאָגט, אַז בלום זאָל נישט פֿאַרנעמען אָט דעם הויכן פּאָסטן. אויף דער באַמערקונג, אַז לעאָן בלום האָט דאָך קודם־כּל אַ באַשטימטן אידעאַל, ער איז פֿירער פון אַ פּאָליטישער באַוועגונג און עס וואָלט געווען מאָדנע, ער זאָל צוליב זײַן ייִדישקייט זיך אָפּזאָגן פון דער זאַך, וועלכער ער דינט — האָט סטעפֿאַן צווײַג געענטפֿערט: „מען קאָן דינען דער זאַך, וועלכער מען ווידמעט זיך, נישט פֿאַרנעמענדיק דערבײַ דאָס ערשטע אָרט“.

קאָן מען נאַטירלעך יאָ אָדער נישט מסכּים זײַן מיט אָט דער מיינונג, זי איז אָבער יעדנפֿאַלס ווײַט פון דעם נוסח, אַז „ייִדן דאַרפֿן נישט לאָזן הערן הויך זייער קול“, פּונקט ווי זי גיט נישט קיין מאָטיוו צו ווערן באַזונדערס איבעררעשט, ווי עס איז געווען מיט דעם חשובֿן ייִדישן דיכטער: „איך בין געווען — דערציילט לייוויק — געפּלעפֿט פון זײַנע ווערטער. ס'איז מיר אַזש קאַלט געוואָרן“, און „איך האָב מער קיין באַגעגעניש מיט אים נישט געזוכט, איך האָב יעדע מעגלעכע באַגעגעניש אויסגעמיטן“.

די דאָזיקע רעאַקציע איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אומטאָלעראַנץ, וואָס הערשט בײַ אונדז נישט בלויז צו ייִדן־שרײַבער אין פֿרעמדע שפּראַכן, נאָר בכלל צו די „אַנדערע“, צו די „פֿרעמדע“ ייִדן. האָבן מיר דאָך אָפֿטמאָל טענות, פֿאַרוואָס די דײַטשע ייִדן למשל באַנעמען נישט די מענטאַליטעט פון די „אָסטייִדן“, פֿאַרוואָס זשע זאָלן מיר אַליין נישט אַרויסווײַזן אַ טראָפּן פֿאַרשטענדע־

ניש פאַר דער מענטאַליטעט פון אַ „וועסט־ייִד"? דער ענין, פון וועלכן אונדזער ייִדישן דיכטער איז „אַזש קאַלט געוואָרן", האָט שוין נישט אַזוי פיל צו טאָן מיט סטעפאַן צווייגן דעם שריפטשטעלער ווי מיט צווייגן דעם „אַנדערן ייִד". איז עס דאָך נישט בלויז צווייג, נאָר אויך אַנדערע אַנגעזעענע דײַטשע ייִדן האָבן געהאַט אַזאַ צוגאַנג צום ענין ייִדישע טאַקטיק. דער באַרימטער ייִדישער קינסט־לער מאַקס ליבערמאַן, אַ קוזין פון וואַלטער ראַטענוי, האָט אויך געהאַלטן, אַז אַ ייִד „דאַרף נישט אויפרײַסן די אויגן" פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, און פונקט ווי סטעפאַן צווייג האָט געהאַלטן בנוגע לעאָן בלום, פלעגט מאַקס לי־בערמאַן טענהן צו וואַלטער ראַטענוי, אַז „אַ ייִד דאַרף נישט וועלן זײַן קיין מיניסטער אין דײַטשלאַנד", און אַז מאַקס ליבערמאַן איז געווען אַ „גוטער" ייִד, קאָנען עדות זאָגן דער פאַקט, וואָס מען האָט אין 1933 געעפנט אין תל־אביב אַ מוזיי אויף זײַן נאָמען און דווקא ביאַליק און דיזענגאָף האָבן אים וועגן דעם מודיע געווען אין אַ בריוו. און איז דען אַזוי בלויז מיט דײַטשע ייִדן? האָבן נישט די ענגלישע ייִדן אין 1942 געהאַלטן פאַר אַ גליק, פאַר אַ „גוט ייִדיש מזל" וואָס דער קריגס־מיניסטער, דער ייִד האָר בעלישאַ, האָט דימיסיאָנירט, איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מיליטערישע צרות?

אָבער די ביז־אַהער ציטירטע טענות — טענות אַזוי צו זאָגן פון ליטעראַ־רישן, פערזענלעכן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, זײַנען נאָר אַ קליינער טייל פון נאָך אַנדערע ענלעכע און נישט ענלעכע, וואָס האָבן זיך מיט אַ מאָדנער שפע באַוויזן אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט גראָד נאָך דעם טראַגישן סוף פון דעם באַרימטן שריפטשטעלער; עס איז אָבער שווער צו געפינען אין זיי דעם ווירק־לעכן מאָטיוו פאַר דער נעגאַטיווער באַציִונג צו אים, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די אָפּרופן נאָך זײַן טויט. אונטער די אַלע טענות ליגט אונדזער אומטאָלעראַנץ צו די „פרעמדע" ייִדן, וואָס שאַפן אין אַן אַנדערער שפּראַך און לעבן אין אַן אַנדערער קולטור־וועלט. אַז די דאָזיקע באַהויפּטונג זאָל נישט אויס־זען אַזוי אויסטערליש אָדער געוואַגט, וועט גענוג זײַן צו דערמאָנען די קעגנ־זײַטיקע אומטאָלעראַנץ, וואָס האָט געהערשט אָדער הערשט נאָך אויך איצט בײַ קנאים ייִדישיסטן און העברעיִסטן. עס וואָלט גענוג געווען אָנצוווײַזן אויף דער אומטאָלעראַנץ נישט בלויז צו אַ „פרעמדן", נאָר אפילו צו אַן „אייגענעם", וואָס וואָגט אין זײַן קינסטלעריש שאַפן אָפּצוטרעטן פון דעם אַלגעמיינעם שליאַך: גע־פינען זיך דאָך אַ סך, וואָס זײַנען גרייט צו דערקלערן אַ גרויסן ייִדישן שרײַ־בער שיער נישט אָדער טאַקע ממש פאַר אַ נאַציאָנאַלן בוגד, ווײַל זײַן קינסטלע־רישער וועג פירט נישט אין דער ריכטונג, ווי זיי וואָלטן דאָס וועלן האָבן; גלײַך עס זאָל נישט זײַן דאָס עלעמענטאַרסטע רעכט פון אַ דיכטער ווי פון אַ דענקער צו האָבן אַן אייגענעם דרך.

די דאַזיקע אומטאָלעראַנץ, אויף וועלכער, אמת, נישט מיר אַליין האָבן דעם אויסשליסלעכן מאָנאָפּאָל, איז די פּאַקטישע סיבה פון דער אומגערעכטער באַציִונג, וואָס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן צו דעם פאַרשטאָרבענעם ייִדיש־דײַטשן שריפטשטעלער, און אָט די אומטאָלעראַנץ האָט באַוווּסט אָדער אומבאַוווּסט ערשט אויסגעפונען די כלערליי חטאים און פּגימות.

עס איז אויך אמת, אַז נישט דורכויס אַלע ייִדישע אָפּרופן וועגן סטעפאַן צווײַיג זײַנען געווען נעגאַטיווע, אָבער די מילדערע און אפילו וואַרעמע זײַנען אַזוי קנאַפּ אין צאָל און פאַרנעם, אַז זיי זײַנען נאָר אַן אויסנאַם וואָס באַשטעטיקט דעם כלל, דעם כלל פון חטאים־זוכעניש. און וואָס האָט מען אַלץ נישט אויסגעפונען בײַם מחבר פון „ירמיהו" און פון „דער באַגראָבענער מנורה": אַז ער האָט זיך געהיטן, מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ ייִד; אַז ער איז געווען אַן אַסימילאַטאָר; עס האָט אויך נישט געפעלט צום רומל אַ טענה, אַז „ער האָט נישט דערמאָנט קײַן וואָרט וועגן אַרבעטער־קאָנפליקטן", אַז „ער האָט זיך געהאַלטן ווײַט פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט" וכדומה.

איז נישט נייטיק קײַן סך מי צו דערווײַזן די גרונטלאָזיקײַט פון די אַלע טענות: עס איז נישט באַקאַנט קײַן איין פאַל, אַז סטעפאַן צווײַיג זאָל האָבן ווען עס איז פאַרלייקנט זײַן ייִדישקייט אָדער זיך „געהיטן" דערמיט. באַלד אין אַרײַנפיר צו זײַן אויטאָביאָגראַפיע רעדט ער וועגן זײַן ייִדישקײַט, אין אַ ווײַטערדיק קאַפּיטל דערציילט ער גאַנץ באַריכות וועגן זײַן אָפּשטאַם און שילדערט דעם ייִדישן אײַנפלוס אויפן גײַסטיקן און קינסטלערישן לעבן פון זײַן היימשטאָט ווין. דערציילט אַזוי פיל וועגן ייִדן און ייִדישקײַט איינער וואָס היט זיך, מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ ייִד? וואָס שייך זײַן „אַסימילאַטאָרישקייט", איז עס אַ טשעקאַווע זאַך, וואָס צוויי ייִדישע שרײַבער, רעצענזירנדיק „די וועלט פון נעכטן", צווײַגס אויטאָביאָגראַפיע, דרינגען אַרויס פון איינער און דער זעלבער שטעלע (אין לעצטן קאַפּיטל, וווּ צווייַג שילדערט די טראַגעדיע פון די היימלאָזע ייִדן) צוויי קעגנזעצלעכע זאַכן: איינער — הלל ראָגאָף — געפינט אויס, אַז סטעפאַן צווײַיג איז אַ „פאַלשטענדיקער אַסימילאַטאָר", בעת דער אַנדערער — ראובן אייזלאַנד — קומט צום אויספיר, אַז צווײַיג האָט „טיף דערפילט זיך אַלס ייִד". דער דאַזיקער רעצענזענט האַלט אפילו, אַז „אַ גוטער געזונטער ייִדישער אָדער האָט געמוזט שטעקן אין דעם דאַזיקן וועלט־בירגער".

קרוב לאמת וואָלט געווען צו זאָגן, אַז אויב צווײַיג איז ווײַט געווען פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם אין דעם זין ווי מיר, מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, פאַרשטייען אים, איז ער נאָך ווײַטער געווען פון צו זײַן אַ „פאַלשטענדיקער אַסימילאַטאָר". עפּעס וועגן דעם קאָן זאָגן זײַן בריוו צום ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

אין ווילנע, אין וועלכן ער האָט צ. א. געשריבן: „איך אַליין קען צום באַדויערן נישט לייענען קיין יידיש און איך מוז מודה זיין, אַז אַזוי ווי דער גרעסטער טייל דייטשע ייִדן האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געהאַלטן פון יידיש, אָבער די לעצ־טע יאָרן, אויף מיינע רייזעס קיין צפון־ און דרום־אַמעריקע, האָב איך דערזען, אַז חוץ די צרות איז אפשר נישטאָ נאָך אַזאַ כוח, וואָס פאַראייניקט אַלע ייִדן אַזוי ווי די יידישע שפּראַך"... „איך בעט אייַך, גלייבט מיר, אַז איך פיל אַ שטיקל בושה, וואָס איך באַהערש נישט די יידישע שפּראַך (כאָטש פאַרשטיין פאַרשטיי איך זי), אָבער איך האָף, אַז אין דעם קומענדיקן דור וועט שוין זיין אַרייַנגע־דרונגען די דערקענטעניש, אַז יידיש איז דאָס בעסטע מיטל צוזאַמענצוהאַלטן ייִדן איבער אַלע לענדער".

וועגן צווייַגס באַציִונג צו ייִדן און ייִדישקייט קאָן אויך עפּעס זאָגן די פאַל־גענדיקע שטעלע אין זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק „די וועלט פון נעכטן":

..."אָבער אויסוויילנדיק אַ ביבלישע טעמע (געמיינט זיין דראַמאַטישע דיכ־טונג „ירמיהו" — ח. ב.) האָב איך שלא מדעת אָנגערירט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז ביז אַהער אומבאַרירט געלעגן אין מיר: די פאַרבינדונג מיט דעם ייִדישן גורל, וואָס האָט אומקלאָר געשטעקט אין בלוט אָדער אין דער טראַדיציע. איז דען נישט מיין פאָלק כסדר באַזיגט געוואָרן דורך אַלע פעלקער ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל, און פון דעסטוועגן האָט עס זיי איבערגעלעבט דורך אַ גע־היימען כוח — אָט יענעם כוח צו איבעראַנדערשן די מפּלה דורך דעם ווילן זי בייַצוקומען יעדעס מאָל אויפסניי? האָבן נישט אונדזערע נביאים פאָרויס גע־וווּסט דאָס דאָזיקע אייביקע געיאָגט־ און געטריבן־זיין, וואָס צעשפּרייט אונדז אויך היינט ווי פּלעוועס איבער אַלע וועגן, און האָבן זיי נישט מקבל באהבה גע־ווען דאָס דאָזיקע אונטערגעוואָרפן זיין דער געוואַלט און עס אַפילו געבענטשט ווי אַ וועג צו גאָט?"

שרייַבט אַזוי אַ „פאַלשטענדיקער אַסימילאַטאָר" אָדער איינער וואָס היט זיך, מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ ייִד?

געוויס איז דער באַנעם פון ייִדישקייט ביי אַ סטעפאַן צווייַג געווען אַנדערש ווי ביי אַ מיזרח־איירָאָפּעיִשן ייִד, אָבער צי איז דען און צי קאָן דען ייִדישקייט זיין אַ מין שאַבלאָן וואָס גילט און איז מעגלעך פאַר אַלע? האָט דען אַזאַ ייִדישקייט־שאַבלאָן עקזיסטירט בייַם מיזרח־איירָאָפּעיִשן ייִדנטום, שוין אָפּגערעדט פון וועלט־ייִדנ־טום? ווי אַזוי זשע קאָן מען עמעצן צונעמען זיין ייִדישקייט, אויב ער גופא האַלט זיך פאַר אַ ייִד?

וואָס זשע בכן פאַר אַ ממשות האָבן די אַלע תרעומות צו צווייַגס כלומרשט שלעכטער ייִדישקייט און דאָס אויסקליגלען דערפון די סיבה פון זיין טראַגעדיע?

פונקט אזוי שווער איז אויך צו געפינען עפעס אַ ממשות אין אַ סך אַנ־דערע טענות, וואָס האָבן שוין מיט יִדישקייט נישט צו טאָן, ווי למשל: פאַר־וואָס האָט צווייַג נישט געשריבן וועגן אַרבעטער־קאָנפליקטן, אָדער פאַרוואָס האָט ער זיך געהאַלטן ווייַט פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט. אַזעלכע טענות וואָלט מען דאָך געקאָנט אַרויסשטעלן אויך צו אַ סך אַנדערע שרייַבער, אָדער גאָר — פאַרוואָס אויך נישט האָבן קיין טענות למשל צו אַ קאַרל מאַרקס, ווייל ער האָט נישט געשריבן קיין פּאָעמעס, דראַמעס, ראָמאַנען, אאַז״וו?

אַגב איז עס גאָרנישט ריכטיק, אַז צווייַג האָט זיך „געהאַלטן ווייַט פון פּאָ־ליטישער אַקטיוויטעט". זייַן פּאָליטישע אַקטיווטעט האָט זיך נאָר אויסגעדריקט אויף אַ באַזונדערן אופן: זייַן „ירמיהו", וואָס איז אַ פּראָטעסט קעגן מלחמה, איז געווען — בפרט אין דער צייַט, ווען דאָס ווערק איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן — פּאָליטישע אַקטיוויטעט; אַזוי ווייַט פּאָליטישע אַקטיוויטעט, אַז די מיליטע־רישע צענזור אין דייַטשלאַנד און עסטרייַך האָט אין די מילחמה־יאָרן פאַרווערט דאָס ווערק צו פאַרשפּרייטן, און דאָס אויפפירן עס אויף דער בינע איז מעגלעך געווען בלויז אין דער נייטראַלער שווייַץ. פונקט אַזוי איז פּאָליטישע אַקטיווי־טעט די טראַגיקאָמעדיע „דאָס שעפּעלע פון אָרימאַן", אין וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ דער קאַמף פון מאָראַל קעגן מאַכט, אַ קאַמף פון אַ קליינעם, גרויען פּראָלעטאַריער־סאָלדאַט קעגן דעם מעכטיקסטן פון זייַן צייַט.

אויב אַ שריפטשטעלער איז דווקא שולדיק „פּאָליטישע אַקטיוויטעט", האָט סטעפאַן צווייַג אויף זייַן אופן דעם דאָזיקן חוב געצאָלט.

***

אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז סטעפאַן צווייַגס יִדישקייט, די סיבה פון אַזויפיל טענות און פאַרוואורפן, איז נישט לויט אונדזער געשמאַק און השגות; צי איז אָבער סטעפאַן צווייַג געווען ווייניקער ייִד ווי דזשאָזעף קאָנראַד — פּאָליאַק? צי וועגט „ירמיהו", „די באַגראָבענע מנורה", „רחל מישפּט זיך מיט גאָט", דאָס קאַפּיטל אין זייַן אויטאָביאָגראַפיע וועגן ד״ר הערצל, די שילדערונג פון די ווינער ייִדן ובדומה — צי וועגט דאָס אַלצדינג ווייניקער ווי למשל קאָנראַדס צוויי אַרטיקלען וועגן פּוילן, פאַר וועלכע מען האָט גאָרנישט געוווּסט ווי אַזוי אים אָפּצודאַנקען? אָנגענומען, אַז צווייַגס יִדישקייט באַשטייט נאָר אין זייַן אָפּשטאַם, אָבער צי איז ער געווען מער בראַזיליאַנער, וואָס מען האָט אים אין בראַזיל צוגעטיילט קעניגלעכן כבוד בייַם לעבן און אויפריכטיק געטרויערט נאָך זייַן טויט? צי איז ער געווען מער טשילענער, וואָס אַ באַרימטע טשילענער דיכטערין האָט אים אַזוי רירנדיק

מספּיד געווען אין אַ בריוו צו אַ פרײַנט? צי איז ער געווען מער אינדיער, וואָס דער פּרעזידענט פון אַ הינדוסטאַנישן זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד האָט געשריבן, אַז ער שאַצט זיך גליקלעך צו האָבן אַרײַנגעפירט צווײַגן צום הינדוסטאַנישן לייענער־עולם? פאַרוואָס אומעטום אַזאַ ווארעם געפיל, און בײַ אונדז אַזאַ בייזלעכע קאַלטקייט?

***

און אויך הײַנט, צען יאָר נאָך סטעפאַן צווײַגס טויט, ווען בײַ „זיי" האָט מען געקאָנט טרעפן וואַרעמע דערמאָנונגען צו זײַן צענטן יאָרצײַט, איז ער בײַ אונדז פאַרגעסן און טויט־פאַרשוויגן, און איז ווו־נישט־ווו יאָ דערשינען אַ בלאַסע דערמאָנונג, איז עס אַלץ נאָך געווען אין אַ ברוגזלעכן טאָן.

און אויך הײַנט, ווען סטעפאַן צווײַגס ביכער דרוקן זיך אין נײַע אויפלאַגעס אין אָריגינאַל און אין די איבערזעצונגען פון צענדליקער לשונות, איז נישט מעגלעך בײַ אונדז צו געפינען קײַן פאַרלעגער פאַר די יִידישע איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק.

נאָך הײַנט איז גילטיק היינעס קלאָגן זיך, נאָר אַ ביסל געענדערט:

קײַן מעסע וואָלט נישט געפעלט, אָבער קײַן קדיש וויל קיינער נישט זאָגן.

א י נ א ײ נ ע ם

בריוו פון סטעפאן צווייג צו זיין יידישן איבערזעצער חיים בראקאוש

KAPUZINERBERG 5
SALZBURG

am 2. August 192?.

Sehr geehrter Herr!

Ich erhielt Ihren freundlichen Brief vom 3?. Juli für den ich Ihnen herzlich danke und sage Ihnen gern mein Einverständnis zu der geplanten Veröffentlichung zunächst von drei Büchern und dann der späteren ins Jyddische. Ich habe das volle Recht, für die auswärtigen Uebertragungen zu verfügen, was den Vorteil hat, dass ich Ihnen da in materieller Beziehung in weitester Form entgegenkommen kann. Ich verstehe natürlich, dass bei dem immerhin beschränkten Sprachkreise eine Verbreitung der Bücher ihre natürliche Grenzen hat und es ist gar nicht meine Absicht daraus einen Gewinn zu ziehen. Ich beanspruche also bei jedem dieser Bücher für die ersten beiden Tausend in jyddischer Uebersetzung keinerlei Honorar, sondern möchte dass Ihnen das ganze Honorar für Ihre Uebersetzermühe zufällt. Sollte sich dann ergeben, dass über diese Anzahl hinaus bei einem oder dem andern Buch höhere Auflagen erzielt werden, so könnten wir den weitern Ertrag ja einverständlich teilen. Auch für die Veröffentlichung in Zeitschriften der einzelnen Novellen überlasse ich das Honorar vollkommen Ihnen.

Was die Aufführung des "Jeremias" betrifft, so bin ich natürlich in diesem Punkt nicht vollkommen frei, sondern es müssten die üblichen Tantiemen von der Bühnenaufführung an den Bühnen Verlag Felix Bloch Erben, Berlin-Wilmersdorf, abgeführt werden. Auch da würde ich schon ein Entgegenkommen des Verlags vermitteln.

Lassen Sie mich nun zu dem Buche "Jeremias" noch bemerken,

dass es meiner Meinung nach ein wenig zu breit ist, zahlreiche Kürzungen auch in Buchform möglich machen würde. ~~und~~ Ich lasse Ihnen auch da vollkommen freie Hand und wäre sogar zufrieden, wenn man das Buch um etwa 30 bis 40 Seiten in der Uebertragung entlastete. Ich will auch bei einer bald jetzt bevorstehenden Neuauflage das Gleiche in deutscher Sprache tun. Bei einer Aufführung hat überdies der Regisseur natürlich das Recht, ganze Szenen wegzulassen - es wurde in Wien und Zürich ja auch nur in fünf statt in sieben Bildern gespielt.

Ich hoffe Sie also mit meinem gewiss entgegenkommenden Vorschlage einverstanden und erbitte nur eine Zeile der Bestätigung. Ich hielte eigentlich von meinen Büchern zunächst einer Uebertragung besondern geeignet: "Die Augen des ewigen Bruders", eine Legende, die in der Inselbücherei erschienen ist, den neuen Novellenband "Verwirrung der Gefühle", der am 1. September im Inselverlag erscheint und das Buch über Romain Rolland. Aber das alles überlasse ich ganz Ihnen und bitte Sie nur um eine Bestätigung unserer Vereinbarung und ferner um die Zusicherung, dass ich drei bis fünf Exemplare jedes Buches von mir gleich nach Erscheinen erhalte.

Mit den besten Empfehlungen Ihr sehr ergebener

Stefan Zweig



Ch. B r a k a r z

W a r s z a w a

Polen

Dzika 36 m. 32

Stefan Zweig Salzburg Kapuzinerberg 5

Herrn

Ch. B r a k a r z

Rec

W a r s z a w a, L e s z n o

Zwiazek Artystow zydowskich

Polen

Salzburg 1
285

KAPUZINERBERG 5
SALZBURG

am 6. September 1926.

Sehr geehrter Herr!

Vielen Dank für Ihr freundliches Schreiben. Es war selbstverständlich ein Irrtum, wenn ich von sieben Bildern des "Jeremias" schrieb, es sind natürlich neun; nur möchte ich herzlich bitten, mit den Kürzungen, besonders in den Volksszenen, recht freigebig zu sein. Je knapper das Werk ist, desto wesentlicher wird es.

Erlauben Sie mir, dass ich Sie gleichzeitig aufmerksam mache, dass vor wenigen Tagen in Warschau auch eine polnische Uebersetzung erschienen ist, deren Wert ich natürlich nicht kontrollieren kann, aber vielleicht ist sie Ihnen manchmal zur Vergleichung willkommen.

Dass Sie auch meine andern Bücher übernehmen freut mich sehr, seien Sie überzeugt meiner dankbaren Empfindung und Ergebenheit.

Mit den besten Empfehlungen Ihr

Stefan Zweig

KAPUZINERBERG 5
SALZBURG

29. Febr. 1928.

Sehr geehrter Herr!

Sie haben mir ausserordentliche Freude gemacht mit der Zusendung. Selbstverständlich gebe ich Ihnen mit grösster Freude die Erlaubnis, auch alle übrigen Bücher zu übersetzen. Der nächste Essayband unter dem Titel "Drei Dichter ihres Lebens", der sich mit dem Problem der Selbstdarstellung befasst (Casanova, Stendhal, Tolstoi), erscheint am 1. Mai. Für "Volpone" kommen Sie leider schon zu spät, denn er ist bereits von Berkowitz übersetzt und in Krakau aufgeführt worden. Was das Romain-Rolland-Buch betrifft, so habe ich niemals einem Herrn Singer - Baschewi eine Erlaubnis gegeben und wenn irgendeine solche Uebersetzung vorgenommen wird, so ist sie sowohl von Seiten d deutschen Verlages als von ~~[illegible]~~ meiner Person aus unberechtigt.

Wollen wir also festhalten, dass ich Ihnen heute die Gesamtautorisation für meine Werke zur Uebersetzung in die jiddische Sprache gebe, die zunächst auf zwei Jahre gilt und dann nach Ablauf von zwei Jahren immer wieder erneuert werden kann. Ich halte dies für die richtige Form, denn es ist ja nicht einzusehen, dass bei der grossen Liebenswürdigkeit Ihrer Bemühungen jemals sie meinerseits nicht erneuert werden könnte, aber es erweist sich als besser, Verpflichtungen immer nur auf bestimmten Termin zu geben.

Ich weiss nicht, ob Sie die beiliegende Legende von mir kennen, die nach meinem Empfinden sich besonders gut für die Uebersetzung in's Jiddische eignen würde. Vielleicht könnte man sie gemeinsam mit den "Augen des ewigen Bruders" veröffentlichen.

Nochmals herzlichen Dank und mit den besten Empfehlungen

Ihr sehr ergebener

Stefan Zweig

SALZBURG
KAPUZINERBERG 5

30.März 1929.

Sehr geehrter Herr Brakarz!

Lassen Sie mich Ihnen auf das herzlichste danken für die Amok-Bücher, die ich heute empfangen habe, und die gute Absicht, auch weiterhin meinen Werken helfmn zu wollen. Ich bin natürlich fseudig, wie Sie wissen, einverstanden und mir tut es furchtbar leid, dass damals auf meiner Reise nach Russland ich nur einen halben Tag in Warschau war und Sie nicht besuchen konnte. Aber ich komme im nächsten Jahr wahrscheinlich wieder vorbei, wenn ich in den Kaukasus reise, und freue mich dann sehr, Ihnen die Hand zu drücken.

Ihr sehr ergebener

Stefan Zweig

49, HALLAM STREET,
LONDON, W. 1.
LANGHAM 3693.

25.9.1937.

Lieber Herr Brakarz!

Ich danke Ihnen vielmals für Ihre Uebersetzung. Ich will mich an meinen Freund Schalom Asch wenden und ihn fragen, ob er nicht die Uebersetzung anbringen kann. Sie erhalten dann gleich Mitteilung von mir. Ein Exemplar des "Lamm des Armen" schicke ich Ihnen natürlich mit grosser Freude, wie Sie überhaupt jedes meiner Bücher, das Sie wollen, erhalten können.

Mit vielem Dank und herzlichen Grüssen

Ihr ergebener

Stefan Zweig

פאַליק לערנער

בוענאָס־איירעס

די פראַגע אַשכנזים־ספרדים אין לאַטיין־אַמעריקע

אויב מיר זאָלן איינגיין אויף דער הנחה אַז „די געשיכטע חזרט זיך איבער", ווי מען איז געוווינט צו זאָגן, ווען מען וויל פאַרגלייכן ענלעכע געשיכטלעכע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אינעם לעבן פון פעלקער מיט געוויסע צייט־הפסקות, קאָן מען פאַר דעם געפינען אַ טיילווייזע באַרעכטיקונג אין דעם יידישן לעבן פון דרום־אַמעריקע. זינט די „דיאַספּאָרע"־צייטן פון בבל און עגיפּטן, צווישן דעם ערשטן און צווייטן חורבן, איז אין יידישן לעבן נישט פאָרגעקומען אַזאַ פּראָצעס פון געשיכטלעכן זיגזאַג ווי עס איז דער פאַל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט יידיש לעבן אין דרום־אַמעריקע. די געשיכטע חזרט זיך דאָ באמת איבער, טאָ לאָמיר אַ בליק טאָן ווי עס זעען אויס די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער איבערחזרונג.

מיטן אויפקום פון אַ יידישן מאַסן־יישוב אין דרום־אַמעריקע האָט די געשיכטע געמאַכט איינעם פון אירע אומקרייזן אויף צוריק. אַ באַדייטנדיקער טייל פונעם יידישן פאָלק איז ווידער געקומען אין באַרירונג מיט פעלקער — און ממילא מיט זייער קולטור, שפּראַך און שטייגער — מיט וועלכע די געשיכטע האָט זיי צעטיילט מיט קנאַפּע 500 יאָר צוריק. אין דעם זעלביקן יאָר — 1492 — ווען די יידן זיינען דעפיניטיוו אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שפּאַניע, האָט אַ שפּאַנישע עקספּעדיציע, אונטער דער פירערשאַפט פון קריסטאָפאָר קאָלומבוס, אַנטדעקט דעם נייעם קאָנטינענט. הגם עס איז שווין אויף אַן אומאָפּפרעגלעכן אופן דערוויזן געוואָרן, אַז אין קאָלומבוסעם עקספּעדיציע האָבן זיך געפונען אַ סך יידן — געטויפטע, נאַטירלעך — און אַז אַ גרויסע צאָל יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַנטדעקונג, אויס־

פֿאַרשונג און דערגראַבערונג פֿון דעם
נײַעם קאָנטינענט, איז אָבער קלאָר, אַז
אין גרויסע מאַסן האָבן ייִדן זיך נישט
באַטייליקט אין דער אַנטוויקלונג פֿון
דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, — ביזן
לעצטן צענדלינג פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם
יאָרהונדערט. באַזונדערס איז דאָס נישט
געשען אין דעם צענטראַלן און דרום־
דיקן טייל פֿון קאָנטינענט, צוליב גאַנץ
פֿאַרשטענדלעכע טעמים. שפּאַניע — די
מאָנאַרכיסטישע און קאַטויליש־מיטל־
עלטערלעכע שפּאַניע — איז געווען די
אַלהערשערן אין דעם דאָזיקן טייל פֿון
דער נײַער וועלט און עס זײַנען געווען
אַ סך געשיכטלעך־פּסיכאָלאָגישע טע־
מים, אַז ייִדן זאָלן זיך אָפּהאַלטן פֿון
פֿאָרן מאַסנווײַז קיין דרום־ און צענ־
טראַל־אַמעריקע, אַפֿילו ווען די אײַנוואַנ־
דערונג וואָלט פֿאַר זיי געווען אַ פֿרײַע;
ווער שמועסט נאָך אַז אויך דער צוויי־
טער צד האָט נישט גוט געקוקט אויף
אַזאַ אימיגראַציע. די ייִדן האָט נישט
געקאָנט לאָקן יענער טייל פֿון דער נײַער
וועלט, ווו די שפּאַנישע אינקוויזיציע
האָט געברענט און געבראָטן די „אומ־
גלויביקע" אַפֿילו אין יענע צײַטן, ווען
אין דער אַלטער וועלט האָבן שוין אָנ־
געהויבן בלאָזן די פֿרישע ווינטן פֿון רע־
נעסאַנס און דאָס ליכט פֿון פֿרײַען גע־
דאַנק האָט אָנגעהויבן צעטרײַבן די
פֿינצטערע שאָטנס פֿונעם מיטלעלטער
מיט זײַנע אָבערגלויבנס און רעליגיעזן
פֿאַנאַטיזם.

ערשט מיט צענדלינגער יאָרן שפּע־
טער, נאָך דעם ווי די פֿעלקער פֿון דרום־
און צענטראַל־אַמעריקע האָבן פֿון זיך
אַראָפּגעוואָרפֿן דעם יאָך פֿון דער מאָ־
נאַרכיסטישער שפּאַניע און זיך עמאַנ־
ציפּירט סאָציאַל, פּאָליטיש און עקאָ־
נאָמיש, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טײלווײַ־
זע אײַנוואַנדערונג פֿון ייִדן קיין לאַטײַן־
אַמעריקע. די מאַסן־אײַנוואַנדערונג פֿון
ייִדן קיין דרום־אַמעריקע האָט זיך אָנ־
געהויבן ערשט אין דעם לעצטן צענדלינג
פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, ווען אַ שיף
האָט געבראַכט צו די ברעגן פֿון אַרגענ־
טינע די ערשטע גרופּע ייִדישע קאָלאָ־
ניסטן, דער עמבריאָן פֿון דער ייִדישער
מאַסן־אײַנוואַנדערונג; דאָס הייסט, קיין
לאַטיין־אַמעריקע בכלל, ווײַל אַרגענטי־
נע איז הײַנט צו טאָג, ווערדליג איר טע־
ריטאָריעלער, עקאָנאָמישער און קולטור־
באַדײַטונג, די לײַטנדיקע מלוכה פֿון
דער שפּאַנישער אַמעריקע.

ווען מען נעמט אין אַכט אַז די עמאַנ־
ציפּאַציע פֿון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע
פֿעלקער איז געווען אַ דירעקטער פּועל־
יוצא פֿון דער רענעסאַנס־באַוועגונג אין
אייראָפּע און פֿון דער פֿראַנצייזישער רע־
וואָלוציע, איז קלאָר, אַז אויך די ייִדי־
שע טענדענץ פֿון אָנהייבן פֿאָרן מאַסנ־
ווײַז קיין לאַטיין־אַמעריקע איז געווען
אַ פֿאַרשפּעטיקטער רעזולטאַט פֿון דער
פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע, אָביעקטיוו
און סוביעקטיוו גענומען. אָביעקטיוו,
ווײַל דאָס האָט געשאַפֿן נײַע, בעסערע
באַדינגונגען אין די יונגע, אומאָפּהענ־
גיקע לענדער פֿון דער שפּאַנישער אַמע־
ריקע; און סוביעקטיוו, ווײַל אין דעם
ייִדישן לעבן פֿון דער אַלטער וועלט זײַ־

נען אנטשטאנען אזעלכע באדינגונגען, וואס האבן גורם געווען דעם דראנג צו זוכן נייע ווינקערטער, ווייל אין די אלטע איז דאס לעבן געווארן אומדערטרעג־לעכער. דער פרייהייטלעכער גייסט פון די נאר־וואס אויפגעקומענע מלוכות פון לאטיין־אמעריקע, באזונדערס פון אר־גענטינע, די בארימטסטע און אנט־וויקלטסטע פון זיי, האט אפעלירט צו די יידישע מאסן וואס האבן, רעכטלאזע און גערודפטע, זיך געמאטערט אין דער גרויסער פעלקער־תפיסה פון צארישן רוסלאנד. דער רוף פון באראן הירש צו קאלאניזירן די ארגענטינער פאמפאס איז געווען ווי א מעכטיקער שאל צו נייע פארמעסטונגען אין דעם יידישן לעבן און האט ווי ארויסגערופן א נייע קאמפלוסט אין דעם געמיט פון די דער־שלאגענע יידן פון די אוקראינישע, בעסאראבער און ליטווישע שטעטלעך.

איצט, ווען מיר קוקן אויף יענער באַ־וועגונג פון דער צייט־פערספעקטיוו פון א קנייטיקער, א קיילעכדיקן האלבן יארהונדערט, זעען מיר די רעזולטאטן לחלוטין אנדערש ווי עס האבן זיך פארגעשטעלט די איני־ציאטארן פון דעם דאזיקן פראצעס. מיר וועלן דא נישט בארירן די רעזולטאטן פון דער יידישער קאלאניזאציע; דאס געהערט נישט צו דער טעמע. עס ווילט זיך אבער יא כאפן א בליק אויף די אלגע־מיינע רעזולטאטן פון אט דעם וויכטיקן פראצעס אין דער יידישער געשיכטע און זען ווי מיר האלטן איצט. היינט, נאך זעקס צענדלינג יאר פון יידישער מאסן־איינוואנדערונג קיין לאטיין־אמעריקע, איז שוין מער־ווייניקער מעגלעך צו זען וואס פאר א ריכטונג אונדזער לעבן דא וועט אננעמען אין דער צוקונפט. אויב מען רעדט איצט וועגן א יידישן לעבן אין די תפוצות, פאראלעל מיט דעם נייעם יידישן לעבן אין דער יידישער מדינה, קאן מען די יידישע ישובים פון לאטיין־אמעריקע נישט אוועקמאכן מיט דער האנט. אין צאל טאקע קליין, פאר־מאגן אבער די יידישע ישובים אין דרום־אמעריקע, באזונדערס דער ארגענ־טינעשער, די זאפטן וואס עס האבן מיט זיך מיטגעבראכט די אימיגראנטן פון די אלטע יידישע ישובים אין מיזרח־אייראָ־פע, זאפטן פון וועלכע די דרום־אמערי־קאנישע יידישע ישובים ציען זייער גייסטיקע יניקה. ווי לאנג אט דער פראַ־צעס וועט אזוי אנהאלטן, קאן מען אויף זיכער נישט זאגן, אבער מען קען שוין מאכן געוויסע אויספירן אויפן סמך פון דעם וואס מיר האבן ביז איצט געזען.

***

ווי אזוי דאס יידישע לעבן אין דרום־אמעריקע וועט אויסזען מיט א האלבן יארהונדערט שפעטער, קאן מען טאקע גענוי נישט וויסן, אבער ס'איז קיין שום ספק נישט, אז עס וועט נישט אויסזען אזוי ווי עס האבן זיך דאס פארגע־שטעלט די גרונט־לייגערס פון דעם דא־זיקן יידישן לעבן. עס איז קלאר: מיטן קומען קיין דרום־אמעריקע האט א באַ־דייטנדיקער טייל פון יידישן פאלק זיך אומגעקערט צוריק צו דער סביבה, וו

די שפּאַנישע שפּראַך, די שפּאַנישע קול־טור און דער שפּאַנישער לעבנשטייגער איז פּרעדאָמינירנדיק. די לאַטיין־אַמע־ריקאַנישע לענדער, הגם זיי זײַנען פּאָלי־טיש, סאָציאַל און עקאָנאָמיש אומאָפּ־הענגיק, זײַנען זיי אָבער על פּי זייער קול־טור און רעליגיעזער לעבן־פילאָסאָפיע דירעקטע יורשים פון שפּאַניע. ביז נישט לאַנג איז שפּאַניע געווען דער פּוסק אחרון בנוגע די ליטעראַטור־ און קונסט־ווערטן פון גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע. דער שרײַבער וואָס האָט באַקומען סמיכה אין מאַדריד איז שוין געווען זיכער מיט זײַן רעפּוטאַציע אין גאַנץ לאַטיין־אַמע־ריקע. הײַנט איז די אויטאָריטעט פון שפּאַניע אויף די דאָזיקע געביטן באַ־דײַטנדיק געמינערט. פון דעסטוועגן האָט מען נאָך אַפילו הײַנט דאָס טיפע געפיל פון רעספּעקט לגבי שפּאַניע ווי צו דער „מאַדרע פּאַטריאַ" פון דער לאַטיין־אַמעריקאַנישער קולטור. דאָס איז אַ גע־פיל וואָס וואָרצלט אין אַן אַלטן, פּרוכ־טיקן באָדן, פון וועלכן מ׳ציט לעבנס־זאַפטן.

נאַטירלעך, אַז דאָס ייִדישע לעבן איז באַווירקט געוואָרן פון דער אַרומיקער סביבה. לייענט מען דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק", וואָס איז אַ טיף־אַנאַליטישער שטודיום פונעם ייִדישן לעבן פון די עלטסטע צײַטן אָן, דער־וויסט מען זיך אַז אַפילו די ייִדישע עטי־שע לערע, אין איר מאָנאָטעיִסטיש־רעלי־גיעזער, פילאָסאָפישער אויפפאַסונג, איז נישט קיין אָריגינעלע דערפינדונג, נאָר אַן אָפּצווײַג פון דער אַלטער בבלישער קולטור. דובנאָווס פּאַרגלײַכן צווישן דעם ייִדישן דעקאַלאָג (עשרת הדיברות) און דעם האַמוראַבי־קאָדעקס פון איבער פיר טויזנט יאָר צוריק לאָזט נישט דעם מינדסטן ספק וועגן דער השפעה, וואָס די אַלטע באַבילאָנישע רעליגיעזע אויפ־פאַסונגען האָבן געהאַט אויף דער גײַס־טיקער עוואָלוציע פון די „עברים". די יניקה און השפעות פון דער אַרומיקער סביבה לאָזן זיך שפּעטער מערקן אין דער ייִדישער געשיכטע אויף טריט און שריט. מיצריים, אשור, בבל, גריכנלאַנד און רוים האָבן געהאַט זייער השפעה אויפן ייִדישן לעבן, כאָטש נישט אַלע מאָל אין דער זעלביקער מאָס. אויב די ערשטע דרײַ קולטורן האָבן אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס משפּיע געווען איבערהויפּט אויף דער אויסבילדונג פון דער ייִדישער רע־ליגיעזער קאָנצעפּציע אין די אורעלטס־טע צײַטן, האָבן די לעצטע צוויי — די גריכישע (העלעניסטישע) און די רוי־מישע קולטורן לכתחילה משפּיע געווען די ייִדישע קולטור און דערנאָך אַליין באַווירקט געוואָרן דורכן קריסטנטום. די גריכישע און רוימישע קולטורן האָבן, בכן, אויסגעווירקט זייער אײַנפלוס אויפן ייִדישן לעבן אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טויזנט יאָר. די אַזוי גערופענע „שפּאַנישע תקופה" איז אפשר די סאַמע בולטסטע אין דעם זין. זינט דער גרי־כישער און דערנאָך רוימישער תקופה, בעת וועלכער גרויסע טיילן פונעם ייִדישן פאָלק האָבן אָנגענומען און פּראַקטי־צירט די אויסערלעכע לעבנפאָרמען פון זייערע שכנים (ביז צו דער תקופה פון

דער מערב־אייראָפּעיִשער אַסימילאַציע), איז אין דער ייִדישער געשיכטע נישט געווען נאָך אַזאַ עפּאָכע, ווען ייִדן זײַנען אויסערלעך, עסטעטיש־קולטורעל אַזוי צו זאָגן, נישט באַווירקט געוואָרן פון דער אַרומיקער סביבה, און געווירקט אין איר, ווי אין דער שפּאַנישער עפּאָכע, סײַ אין איר אַראַבישן און סײַ אין איר לאַטײניש פּעריאָד. קנאַפּע 500 יאָר לעבן אויסער די גרענעצן פון שפּאַניע, האָבן בײַ די אוראייניקלעך פון די „גולי־ספרד" נישט געקאָנט אָפּטעמפּן די רעזולטאַטן פון אָט דער השפּעה, אין שפּראַכלעכן און אין שטײַגערישן זין. ביז צום הײַנטיקן טאָג פאַרמאָגן די ספּרדישע ייִדן, דאָרט ווו זיי לעבן אין קאָמפּאַקטערע מאַסן, אַ פּילפאַרביקן, רײַכן פאָלקלאָר און לעבנשטײַגער, וואָס ציִען זייער יחוס פון די צײַטן ווען ייִדן האָבן געלעבט און געווירקט אין שפּאַניע.

איז דאָ נייטיק אונטערצושטרײַכן, אַז אויך אין לעבן פון די אַשכּנזישע ייִדן איז בולט דער אײַנפלוס פון די שפּראַכן און קולטורן פון די לענדער, אין וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען צו לעבן? איז דאָך די ייִדישע שפּראַך דער וווּנדערלעכער סך־הכּל פון דעם בעסטן, וואָס מיר האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט פון דער סביבה, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט און — מעסטנדיק מיט דובנאָווס געשיכטלעך־אַנאַליטישער מאָס — איז דען די ייִדישע שפּראַך נישט געוואָרן יענער אינסטרומענט מיט וועלכן מיר האָבן אויסגעפורעמט אונדזער אייגנאַרט, אין דער סאַמע מיט פון מעכטיקע קולטורן, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אָפּצווווישן אונדזער אייגענע צורה? אין זין פון שפּראַך האָבן די עטלעכע הונדערט יאָר אינטענסיוו ייִדיש לעבן אויף דער דײַטשער ערד, ביז די צײַטן פון דער גאַלאָפּירנדיקער אַסימילאַציע, געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן ייִדישן לעבן, ווי מיר האָבן דאָס געקענט פון מיזרח־אייראָפּע. די ייִדישע שפּראַך און די גײַסטיקע שאַפונגען אין איר זײַנען דער בולטסטער באַווײַז פון אָט דער השפּעה, פון וועלכער אונדזער דור ציט נאָך זײַן יניקה.

וועט לאַנג נאָך די דאָזיקע יניקה קאָנען ווירקן אין דעם נײַעם ייִדישן לעבן פון לאַטײַן־אַמעריקע?

⁂

אַ פאַקט: דער רוב מנין ורוב בנין פון דעם ייִדישן ציבור אין לאַטײַן־אַמעריקע באַשטייט פון אַשכּנזישע ייִדן, אָבער עס וואָלט געווען דער גרעסטער טעות, ווען מיר זאָלן נישט אָנערקענען, אַז דאָס ייִדישע לעבן אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער מאַכט דורך אַ מין פּראָצעס פון „נעאָ־ספּרדיזאַציע". דער דאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר לאַנגזאַם און עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז אויב דאָ וועט זיך אויספורעמען אַ באַשטימטער לעבנס־נוסח, וועט ער שוין זײַן ענלעכער צו דעם סטאַגנירטן לעבן פון אונדזערע ספּרדישע ברידער איידער צו דעם ברוויזנדיקן און שפּרודלדיקן לעבנשטייגער פון די ייִדישע ישובים

אין דער אלטער וועלט, פון וועלכן מיר זיינען נישט מער ווי עפיגאנען. דער ערשטער קענצייכן פון דעם דאזיקן נייעם יידישן לעבן — אויב אזוינס וועט זיך אויספורעמען — איז די שפראך. שפראכלעך זיינען העבער פופציק פראצענט יידן אין לאטיין־אמעריקע היינט צו טאג שוין אן עדות פון דער געשיכטלעכער איבערחזרונג, וואס קומט פאר. וועדליג דער שפראך זיינען אונדזערע קינדער שוין היינט הונדערט־פראצענטיקע „ספרדים“ און עס איז כאראקטעריסטיש, אז אפילו יענער טייל פון אונדזער יוגנט וואס איז עולה אין מדינת־ישראל לעבט זיך אוים שפראכלעך „ספרדיש“, אזוי צו זאגן, ביז ער דערלערנט די לאנדשפראך — עברית. דער יוגנטלעכער פון דרום־אמעריקע, וואס קומט קיין ישראל קומט שוין א באאיינפלוסטער נישט פון דער יידישער קולטור. ער געפינט זיך אונטער דער השפעה פון דער שפאנישער קולטור; ס'רוב איז שפאניש זיין מוטערשפראך. ווען מ'נעמט נאך אין באטראכט, אז דער דאזיקער יוגנטלעכער האט נישט די מינדעסטע השגה אדער, אין בעסטן פאל, זייער א שוואכן באגריף וועגן דעם, וואס עס איז אין לעצטן האלבן יארהונדערט געשאפן געווארן אויפן געביט פון יידישער קולטור, ווערט ערשט קלאר, אז פון ארגענטינע איז ער אוועקגעפארן נישט קיין אשכנזי, נאר א „ספרדי“ אין פולסטן זין פון ווארט, הגם ער געהערט צום ערשטן דור, וואס שטאמט דירעקט פון יידיש־ריידנדיקע אשכנזים.

נישט צופעליק האב איך געמאכט די דאזיקע באמערקונג וועגן דער היגער יוגנט, וואס וואנדערט אוים קיין ישראל. וועגן די יידן וואס בלייבן דא, און וועלן ווארשיינלעך דא נאך וווינען א סך יארן, וועלן מיר ריידן א ביסל ווייטער. מיט דער באמערקונג וועגן די, וואס זיינען עולה קיין ישראל, האב איך באצייטנס געוואלט אנווייזן, אז פון דרום־אמעריקע פארט קיין ישראל א יונגער ייד וואס איז שוין על פי זיין שפראך און קולטור־השפעה מער נישט קיין אשכנזי, (מעג ער שטאמען פון אשכנזים), נאר א „ספרדישער“ ייד, וועלכער וועט א לאנגע צייט ריידן די שפאנישע שפראך, און וועט ער זיך אויסלערנען העברעיש, וועט שפאניש בלייבן זיין צווייטע שפראך. אויך זיינע קינדער וועלן זי אפשר פארשטיין אדער זי ריידן, ווי עס געשעט אומעטום מיט ניי־איינגעוואנדערטע. קיין איבעריקע באווייזן, אויף צו באשטעטיקן דאס, זיינען נישט נייטיק. עס איז באוווסט, אז אין די קיבוצים פון מדינת־ישראל וווּ עס איז דא א מערהייט יוגנטלעכע פון דרום־אמעריקאנער יידן, איז שפאניש די אומגאנג־שפראך. ווען מ'זאל נישט וויסן אז די ווייט־גרעסטע מערהייט פון די דאזיקע חלוצים שטאמט פון עלטערן, וואס זיינען קיין דרום־אמעריקע געקומען פון לאדזש, ביאליסטאק, קעשענעוו אדער ווילנע, וואלט מען וועדליג זייער אויסשפראך געקאנט מיינען, אז אין דירעקטער ליניע שטאמען זיי אפ פון די „גולי־ספרד“, זיי קומען פון די ספרדי־

שע געטאָס ערגעץ אין יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד אָדער טערקײַ. אין דער אמתן זײַנען זיי דער פּראָדוקט פֿון אַן אומקרײַז, וואָס עס האָט געמאַכט די ייִדישע געשיכטע, אַן אומקרײַז דורך וועלכן אַשכּנזישע ייִדן זײַנען אַ דאַנק זייער שפּראַך און קולטור געוואָרן „ספרדים", פּונקט ווי עס האָט פּאַסירט מיט קנאַפּע 500 יאָר צוריק מיט די אָפּשטאַמיקע פֿון אַ סך ספרדישע ייִדן, וועלכע זײַנען צוליב דער נײַער געאָגראַפֿישער פּאָזיציע, שפּראַך און קולטור־השפּעה פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַשכּנזים. איז דאָך פֿאַראַן אַ השערה אַז י. ל. פּרץ, וואָס האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט דורותדיקע אַשכּנזישע ייִדישע שאַפֿונגען און זיי אויסגעשטראַלט אין דער פֿאָרעם פֿון פּרעכטיקע ווערק, האָט געשטאַמט פֿון ספרדים.

וואָס שייך אונדזער נאָכוווּקס דאָ, אין דרום־אַמעריקע, איז קיין שום ספק ניט, אַז דער אַשכּנזישער עלעמענט פֿון אונדזער לעבן, אַזוי ווי מיר האָבן אים געקענט, וועט אויף אים אויסווירקן זייער אַ קנאַפּע השפּעה. שוין איצט, ווען עס ווירקט נאָך דער דור וואָס האָט מיט זיך געבראַכט אוצרות פֿון אַשכּנזישער קולטור, זעען מיר ווי די ייִדישע יוגנט ווערט באַווירקט פֿון אַנדערע אײַנפֿלוסן, וואָס פֿירן מער צו דעם ספרדישן לעבנשטייגער ווי צום אַשכּנזישן. אַלץ וואָס איז עכט־ייִדיש אין דער קולטור, לעבנשטייגער, שפּראַך, פֿאָלקלאָר, איז איר פֿרעמד. עס וועט נישט זײַן איבערגעטריבן צו באַהויפּטן, אַז אויב עס וועט גיין אַזוי ווי ביז איצט, וועט דער דרום־אַמעריקאַנער ייִד, וואָס שטאַמט פֿון אַשכּנזים, זײַן צוגעבונדן צו זײַן ייִדישן שטאַם — פּונקט ווי דער דורותדיקער ספרדי — דורך אַ שוואַכן פֿעדעמל פֿון פֿלאַכן רעליגיעזן צערעמאָניאַל, און נישט מער. די דאָזיקע השערה לייגט זיך אויפֿן שכל, ווען מ׳זעט אויף וואָס פֿאַר אַ קולטור־ניוואָ עס געפֿינט זיך די היגע ייִדישע יוגנט, אַפֿילו דער באַוווּסטזיניקער, בעסערער טייל אירער. בכלל איז די דרום־אַמעריקאַנישע ייִדישע יוגנט צוגעבונדן צו אונדזער לעבן מער דורך עמאָציאָנעלע פֿעדים ווי דורך אינטעלעקטועל־ראַציאָנעלע. אויך אירע רעאַקציעס בנוגע ייִדישע ענינים זײַנען מער סטיכישע ווי באַוווּסטזיניקע. דאָס ביסל ייִדישע דערציִונג, וואָס אונדזער יוגנט (די וואָס באַזוכט אַ ייִדישע שול) באַקומט, איז צו ווייניק צו קענען גרינטלעך דאָס ייִדישע לעבן און צו ווערן זײַן טרעגער. אונדזערע שולן האָבן גוטע לערן־פּראָגראַמען, ריכטיקע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן, אָבער אין אונדזערע באַדינגונגען זײַנען זיי נישט מער ווי נישטיקע אָאַזיסן אין אַ ריזיקן מידבר פֿון נישט־ייִדישן לעבנשטייגער. אין דעם שול־אָאַזיס טרינקט דאָס קינד זיך אָן מיט אַ ביסל ייִדישן וויסן (טאַקע נאָר אַ ביסל), הערט אַ לעקציע וועגן ייִדישער געשיכטע, זינגט אַ ייִדיש לידל, דערוויסט זיך עפּעס וועגן ייִדישער ליטעראַטור און, ווײַבאַלד ער פֿאַרלאָזט די שול, טרעפֿט ער זיך אָן אויף אַן אָרום, וואָס איז דער פֿולער היפּוך פֿון דעם, וואָס ער

האָט געזען און געהערט אין דער שול. אויך ביי זיך אין דער היים געפינט ער נישט קיין סימן פון דעם, וואָס מען לערנט אין שול. די יידישע שול און די יידישע היים זיינען קעגנזעצלעכע פּאָלוסן. פּשוטער גערעדט: דאָס קינד קומט פון אונדזערע שולן אַרויס ווי יענע פּרוכט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און אויסגעצייטיקט אין אַן אינקובאַטאָר — אומנאַטירלעך. אויף זיין שפּעטערדיקן לעבנסוועג, ווען ער וועט ווי אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אַריינגעצויגן ווערן אָרגאַניש אין דעם אַלגעמיינעם לעבן, וועט דער פּעריאָד פון דער יידישער שול פאַרבלייבן ביי אים ווי אַן אָפּשיין פון אַ ווייטן, אפשר טשיקאַווען עפּיזאָד. אויסלעבן וועט ער זיך — ווי אַ „ספרדי" — אויף שפּאַניש, וועט גיין פאַרברענגען און זיך פאַרווײַלן ווי אַן אַלגעמיינער בירגער פון לאַנד, זיינע קינדער וועט ער דערציִען על פּי דעם אָנגענומענעם שאַבלאָן און פּונקט ווי דער ספרדי וועט ער זיין צוגעבונדן דורך אַ שוואַכן פּעדעמל צום יידישן לעבן. ביים דורותדיקן ספרדי איז דאָס דאָזיקע פּעדעמל די רעליגיע.

* * *

פון געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט איז דער ענין זייער אַן אינטערעסאַנטער; ער פאַרמאָגט אין זיך אַ סך שטאָף פאַר באַלערנדיקע פאָרשונגען און דעדוקציעס. אַ ספּעציאַליסט אין דער מאַטעריע קאָן אויף דעם דאָזיקן געביט אויפשטעלן אַ גאַנצן טעאָרעטישן בנין וועגן די זיגזאַגישע אייגנשאַפטן פון דער געשיכטע בכלל און פון דער יידישער געשיכטע בפרט. ער קאָן דערווייזן, אויפן סמך פון דער דערשיינונג, וואָס מיר האָבן אויבן באַרירט, אַז ביי איר, ביי דער געשיכטע הייסט עס, גייט קיין שום זאַך נישט לאיבוד. אָט — וועט ער רעזאָנירן — שטייען מיר פאַר דעם פאַקט, ווי זי מאַנט זיך אָפּ אירס פאַר די פאַרלוסטן, וואָס די שפּאַנישע אינקוויזיציע און דער גירוש פון מיט איבער 450 יאָר צוריק האָט פאַראורזאַכט אונדזער פאָלק. אונדזער אויפגאַבע דאָ איז נישט צו שרייבן קיין געשיכטע; עס ווילט זיך בלויז כאַפּן אַ בליק, צי איז ריכטיק צו דענקען אַז דורך דעם פּראָצעס פון דער „נעאָ־ספרדיזאַציע" — אַ פּראָצעס וועלכער שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן — ווערט דאָ געשאַפן עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס איז אונדז באַקאַנט ווי ספרדישע קולטור אין איר בלי־פּעריאָד.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דעם בלי־פּעריאָד פון די ספרדישע יידן, מיט דער אַזוי גערופענער „תקופת הזהב", וועט קיין איין מינוט ניט צווייפלען, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אפילו נישט קיין שאָטן פון יענער גרויסער קולטור־עפּאָכע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן גרויסע דענקערס, פּאָעטן, קינסטלערס פון ריזיקן פאַרנעם. מיר ריידן שוין נישט פון דער עפּאָכע פון רמב"ם, ר' יהודה הלוי, איבן גבירול און אבן עזרא אָדער אַנדערע גרויסע יידישע גייסטער פון עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט, ווען

קאסטיליע, אראגאָן, לעאָן, נאוואַרא, סע־וויליע, קאַרדאָווא, טאָלעדאָ און גראַנאַ־דאַ זײַנען געווען צענטערס פון גײַסט־רײַכן ייִדישן לעבן. אַפילו אין די שפּע־טערדיקע צײַטן, ווען דער קאַטויִלישער פאַנאַטיזם האָט וואָס אַ מאָל שווערער געמאַכט דאָס ייִדישע לעבן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה (אין דער צוויי־טער העלפט פון 14טן יאָרהונדערט), איז דאָס ספרדישע ייִדנטום נאָך אַלץ געווען דער סינאָנים פון גײַסטרײַכקייט. דאָס מסירת נפש, וואָס די גרעסטע מער־הייט פונעם שפּאַנישן ייִדנטום אין יע־נער צײַט האָט אַרויסגעוויזן קעגן דעם דרוק פון דער אינקוויזיציע, איז ביזן הײַנטיקן טאָג אַ מוסטער אין דער ייִדי־שער געשיכטע. דער אַפּאָטעאָז פון אָט־דער כאַראַקטער־שטאַרקײַט און ווערדע איז געווען די האַנדלונג פון ר׳ יצחק אברבנאַל, אַ גרויסער ייִדישער געלערנ־טער און מלוכה־מאַן, וועלכער האָט בעת גירוש ספרד בעסער אויסגעקליבן דעם וועג פון גלות צוזאַמען מיט זײַנע אומ־גליקלעכע ברידער איידער די פּריווי־לעגיע וואָס דער שפּאַנישער קעניג פער־דינאַנד האָט אים געוואָלט געבן צו פאַר־בלײַבן אין שפּאַניע ווי זײַן פינאַנץ־מי־ניסטער. די געשיכטע פון די ספרדישע ייִדן איז פול מיט דערהויבענע מאָ־מענטן, פון שאַפן און פון מסירת נפש, וואָס באַרעכטיקן בלי שום ספק די חשי־בות, וואָס זיי שרײַבן זיך צו. דאָס פאַר־וואַנדלען זיך פון אַן אשכנזי אין אַ ספרדי וואָלט לכל הדעות נישט געווען קיין סימן פון פאַרמינערן די אייגענע

קאַטעגאָריע, ווען דער פאַרגלײַך צווישן דעם אַמאָל און דעם הײַנט וואָלט נישט געווען אַזאַ פונדאַמענטאַלער, מיט אַ מי־נוס פאַרן הײַנט.

מיר ריידן שוין נישט וועגן אַ פאַר־גלײַך צווישן די וואָס מיר רופן „נעאָ־ספרדים“ און די ספרדישע ייִדן פונעם 12טן יאָרהונדערט. אין דעם זין איז אַפילו נישטאָ קיין סמיכת הפרשיות. אמת, די אַנטוויקלונג פון דעם ספרדישן ייִדישן לעבן איז אַרײַן אין אַ פולשטענ־דיקער סטאַגנאַציע זינט מען האָט זיי פאַרטריבן פונעם באָדן, וווּ זיי האָבן זיך אַנטוויקלט נאַטירלעך; זייער איצטיקע ייִדישקײַט קאָן אָנגערופן ווערן אַ „מור־מיע־ייִדישקײַט“, אין וועלכער עס זײַנען נישט פאַרגעקומען קיין ענדערונגען אין משך פון גאַנצע יאָרהונדערטער; דאָך מוז מען מודה זײַן, אַז די עכטע ספרדי־שע ייִדן פאַרמאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס די „נעאָ־ספרדים“ פאַרמאָגן נישט און וועלן, וואַרשיינלעך, נישט פאַרמאָגן.

די זאַך שטעלט זיך פאָר אַזוי: דער עכטער ספרדישער ייִד, דער ייִד וועמענס עלטער־זיידע איז בשעתו אַרויס־געטריבן געוואָרן פון שפּאַניע, איז רע־ליגיעז. ווי אַזוי מיר, אשכנזישע ייִדן, זאָלן נישט קוקן אויף אונדזערע ספרדי־שע ברידער פון געשיכטלעך־עוואָלוציאָנעם שטאַנדפּונקט, קאָנען מיר נישט פאַר־לייקענען, אַז אין זייער רעליגיעזער אײַנשטעלונג זײַנען זיי אויסגעהאַלטן; רעליגיע איז בײַ זיי עפּעס מער ווי אַ רעשטל פון שטייגער, ווי עס געשעט בײַ אונדז, אשכנזים. דער אשכנזישער ייִד

קאָן פאַר דער נישט־ייִדישער וועלט זײַן כאַראַקטעריסטיש מיט אַ סך פון זײַנע קולטור־מאַניפעסטאַציעס, אַנגעזאַמלטע בעת די דויערנדיקע קאָנטאַקטן מיט אַנדערע פעלקער; אַנדערש איז עס מיטן ספרדי. אין אַלע אַנדערע לענדער, ווּ זיי האָבן אין משך פון דער געשיכטע דורכגעוואַנדערט, זײַנען זיי מיט זייער שפּאַנישער קולטור און שפּראַך געווען פרעמדע; דאָ אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, פילן זיי זיך ווי „בײַ זיך אין דער היים". לויט דעם געוויינטלעכן אויסלעבן זיך איז דער ספרדי, ווי וועלכער ס'ניט איז בירגער, אָבער אַלס ייִד איז ער טיף־רעליגיעז. אַזוי איז ער געווען צוריק מיט 500 יאָר, אַזוי איז ער הײַנט. אָבער מיט דעם אשכנזישן ייִדן, וואָס פאַרוואַנדלט זיך, ווי אויבן געזאָגט, אין אַ „ספרדי", איז גאַנץ אַנדערש. דאָס ערשטע, וואָס אַזאַ ייִד טוט, ווען ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די אַלטע פעל (פון טויזנטער הי־געבוירענע ייִדן איז נישט שייך צו באַנוצן דעם באַגריף „אַראָפּוואַרפן", ווײַל זיי האָבן דאָס גאָר קיין מאָל נישט געהאַט אויף זיך), איז אָוועקוואַרפן אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט ייִדיש לעבן, אײַנשליסלעך אַפילו דעם רעליגיעזן שטייגער. וועגן דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע איז דאָך אָפּגערעדט. דאָס אַסימילירן זיך שפּראַכלעך (באַזונדערס אין די קלענערע ייִדישע יישובים פון לאַטיין־אַמעריקע) איז דאָך שוין געוואָרן אַ סינע קווא נאָן. עס איז אַפילו דער סינאָנים פון „באָן טאָן". אין די היגע לענדער איז נישט נאָר די יוגנט שפּראַכלעך „ספרדיש"; אדרבה, מענטשן וואָס קאָנען גוט ייִדיש פילן ווי עפּעס אַ פאַראַכטונג צו אונדזער פאָלקשפּראַך און צו אונדזער קולטור. קיין ייִדישע צײַטונג, קיין ייִדיש בוך, קיין ייִדיש טעאַטער קוקט אַזאַ ייִד אַפילו נישט אָן; זײַנע קינדער שיקט ער נישט אין קיין ייִדישער שול און לגבי ייִדישע צרות אָדער עפנטלעכע ייִדישע הצטרכותן קומט ער אָפּ מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער געלט־באַשטײַערונג, וואָס ווערט אָפּט אויף אים אַרויפגעצוווּנגען. וואָלט דער דאָזיקער טיף ייִד, וועמען דאָס אַרומיקע לעבן האָט פאַרוואַנדלט אין אַ „ספרדי", כאָטש געווען רעליגיעז, ווי עס איז דער עכטער ספרדי, וואָלט מען געקאָנט זאָגן: ער וועט זײַן ייִדישקייט אויפהאַלטן אין אַ פאַרגליווערטער פאָרעם און אַזאַ איבערגעבן צו זײַנע קינדער. איז אָבער אויך מיט רעליגיע בײַ אים נישט אין אָרדענונג. ווּהין־זשע קאָן אים פאַרפירן אָט די „ספרדיזאַציע", וועלכע הוילט אים אויס פון זײַן אַלטן ייִדישן אינהאַלט און קיין נײַעם גיט זי אים נישט?

עס איז ניט שווער צו טרעפן, ווּהין עס פירט דער דאָזיקער פּראָצעס פון „נעאָ־ספרדיזאַציע" און וואָסערער עס איז דער קולטור־מצב פון אונדזער יוגנט אין די דאָזיקע לענדער.

***

פאַר דעם וואָס אינטערעסירט זיך מיטן גאַנג פונעם ייִדישן לעבן אין די

לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער איז קלאָר, אַז אונדזער קאָנטאַקט מיט דער שפּראַך און קולטור, וועלכע האָט אונדז אַמאָל געגעבן אַזוי פיל קולטור־ווערטן, האָט אונדז דאָ נאָך דערווײַל גאָרנישט געגעבן. איבער פופציק יאָר אָרגאַניזירט ייִדיש לעבן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער איז אַ גאַנץ סאָלידער צײַטאָפּשניט פאַר דער אויסבילדונג פון עפּעס אַ נײַעם ייִדישן נוסח, זאָל זײַן אויף שפּאַניש. זײַנען פאַראַן סימנים פון אַט אַזאַ נוסח? האָבן די צוויי ייִדישע דורות, וואָס זײַנען געבוירן און דערצויגן געוואָרן דאָ אין לאַטיין־אַמעריקע, שוין געשאַפן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל קאָנען גענומען ווערן אַלס מוסטער פון דעם, וואָס דער נײַער ספרדיזאַציע־פּראָצעס האָט געשאַפן אָדער האַלט אין שאַפן? קאָן מען אונדז אָנווײַזן אויף איין ווערק פון אַ ייִדיש־שפּאַנישן שרײַבער, וואָס זאָל זיך קאָנען גלײַכן אפילו צו אַ מיטלמעסיקן ווערק פון דעם מין וואָס איז אין משך פון דער צײַט געשאַפן געוואָרן אין ייִדיש? מיר דאַכט זיך, איך וועל נישט באַגיין קײַן פעלשונג ווען איך וועל זאָגן, אַז אַזוינס איז נישט בנימצא. אין די ערשטע צײַטן פון ייִדישער אײַנוואַנדערונג האָבן זיך באַוויזן סימנים פון אַזעלכע שפּראָצן. מענטשן האָבן זיך פאַרמאָסטן איבערצוגיסן אונדזערע אשכנזישע גײַסטיקע שאַפונגען אין שפּאַניש; לעצטנס זײַנען אַזעלכע פּרוּוון זייער זעלטענע.

דאָס ייִדישע לעבן פון די לעצטע יאָרן איז פול מיט טראַגישן און דראַמאַטישן שטאָף. וויפיל און וואָס האָט מען וועגן דעם געשריבן אין דער שפּאַנישער שפּראַך? אין ייִדיש זײַנען וועגן די לעצטע טראַגישע יאָרן אָנגעשריבן געוואָרן צענדלינגער און אפשר הונדערטער ווערק אין פּראָזע, אין לידער, אין דער פאָרעם פון אויטאָביאָגראַפיעס און מעמוארן. אָבער אויב אין ייִדיש און אין העברעיִש האָבן מיר וועגן אונדזער טראַגעדיע דערציילט בלויז זיך אַליין, ווו זײַנען די וואָס זאָלן וועגן אונדזער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע דערציילן דער נישט־ייִדישער וועלט אויף איר שפּראַך — אין דעם פאַל אין שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש?

וואָס קאָן מען דרינגען פון אַזאַ נישט־עמפּינדלעכקײַט, אויב נישט אַז דער „ספרדישער" המשך פון אונדזער לעבן דאָ איז אַ לעבן פון „פאַרשטאָפּטע קוואַלן"? אַלבערטאָ גערשונאָוו! איז דאָס העכסטע, וואָס די ייִדישע אַרגענטינע האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אויפן געביט פון שאַפערישע עלעמענטן פון אונדזערע היגע גענעראַציעס. מיר האָבן דאָ אַ באַגאַבטע גרופּע פון ייִדישע אינטעלעקטואַלן, דיכטערס און שרײַבערס אין דער שפּאַנישער שפּראַך, אָבער ווײַט נישט פון יענעם קאַליבר, וואָס זאָל זיי אויסטיילן פון דער דורכשניטלעכער סביבה. די „ספרדיזאַציע" פון אונדזער לעבן אין לאַטיין־אַמעריקע האָט דערווײַל נאָך נישט געגעבן יענע פּרוכטן, וואָס זאָלן קאָנען שאַפן די אילוזיע אַז אויב די קולטור אין ייִדיש האָט דאָ נישט קײַן אחיזה, וועלן מיר כאָטש

האָבן עפּעס ווערטיקס אין שפּאַניש. פון דעם וואָס איז ביז איצט דאָ געשאַפן געוואָרן, זעט מען נישט די סימנים פון שאַפערישן אויפשוואונג. דאָס, וואָס איז ביז איצט יאָ געשאַפן געוואָרן אין שפּאַניש, טראָגט מער דעם כאַראַקטער פון אַן איבערגיסונג פון די אַלטע ייִדישע ווערטן איידער עפּעס נײַעס, אָריגינעלס. אַלץ וואָס מען האָט ביז איצט געשאַפן טראָגט אויף זיך די בולטע סימנים פון דעם אַשכנזישן קוואַל פון וועלכן מען האָט געצויגן און מען ציט די יניקה. וועגן קיין אייגענעם נוסח, אפילו נישט וועגן אַן אייגענעם טאָן, קאָן אפילו קיין רייד נישט זײַן.

אויף אָפּצושאַצן ווי עס זעט אויס אונדזער קולטור־ניוואָ אין דעם נײַעם „ספרדיזאַציע“־פּעריאָד פון אַ באַדײַטנדיקן טייל פונעם ייִדישן פאָלק, איז גענוג בלויז צו כאַפּן אַ בליק אויפן אויסלעבן זיך פון אונדזער יוגנט. אויף די קולטור־אונטערנעמונגען אין דעם ייִדישן טעאַטער אָדער אַנדערע אימפּרעזעס אין דער ייִדישער שפּראַך, זעט מען נישט די ייִדישע יוגנט. ווי־זשע זעען אויס די געזעלשאַפטלעכע מסיבות פון אונדזער שפּאַניש־ריידנדיקער יוגנט גופא? ס'איז גענוג צו כאַפּן אַ בליק אויף די אַנאָנסן אין די ייִדישע צײַטונגען וועגן אירע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, כדי צו שאַפן זיך אַ באַגריף וועגן דעם מיט וואָס אונדזער יוגנט גיט זיך אָפּ. איר זעט אַנאָנסירט די בעסטע דזשעז־אָרקעסטערס פון בוענאָס־אײַרעס פאַר די „ביילעס“ וואָס זי אָרדנט אײַן, אָבער נישט דעם נאָמען פון וועלכן עס איז שרײַבער אָדער רעפערענט. די „העבראַיקאַ“ קאָן אין אַ געוויסן זין זײַן אַן אויסנעם מיט איר קולטור־טעטיקייט, אָבער עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז נישט די קולטור־טעטיקייט איז פאַקטיש די צוציקראַפט פאַר אירע טויזנטער מיטגלידער.

קלאָר. אונדזער לעבן אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער, אין דער פאַזע פון דער אַזוי־גערופענער „נעאָ־ספרדיזאַציע“, איז אין גײַסטיק־שעפערישן זין ניט שטאַרק צוזאַגנדיק. די יוגנט, וועלכע דאַרף זײַן די פאָרזעצערן פון אונדזער לעבן, איז מוראדיק פלאַך און דאָס ביסל טומלעניש אירם אַרום ייִדישע פּראָבלעמען איז נישט מער ווי אַ רעזולטאַט פון אויבנאויפיקער עמאָציאָנעלער צוגעבונדנקייט און האָט נישט דעם מינדעסטן יסוד פון אינטעלעקטועלער באַוווסטזיניקייט. עס איז אַ טרויעריקער פאַקט, אָבער אַ פאַקט.

**
*

איז קלאָר: אונדזער אַנטוויקלונג אין לאַטײַן־אַמעריקע האָט נישט געבראַכט קיין גרויסע ברכות. דער איבערגאַנג פון דעם אַשכנזישן שאַפונג־שטח צום ספרדישן, האָט נישט געגעבן קיין שום ווערטפולס. און מאַכן מיר אַ סך־הכל פון דעם, וואָס מיר האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אויפן געביט פון קולטור און אַנגעזאַמלטע פאָלק־שאַפונגען פון יענע לענדער, ווו מיר האָבן געלעבט ווי אַשכנזים און פון דעם וואָס מיר האָבן

ביז איצט דערגרייכט אין דער נײַער תקופה, ווען מיר ווערן צוריק ספרדים, וועט זיך באַקומען, אַז אונדזערע פאַר־לוסטן זײַנען אומגעהייער־גרעסער ווי די געווינסן. ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו ריידן בלויז וועגן פאַרלוסטן, ווײַל ווי מיר וועלן ווײַטער אַ ביסל זען האָבן מיר אויך צו פאַרצייכענען קליינע דער־גרייכונגען. און די דאָזיקע דערגרייכונ־גען פאַלן אויס נישט אויפן חשבון פון אונדז, אשכנזים, נאָר פון די עכטע ספרדים.

מיט דער מאַסן־אײַנוואַנדערונג אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער האָט פּאַסירט אַ מין ווידער־באַגעגעניש צווישן די צוויי גרויסע סעקטאָרן פון אונדזער פאָלק — אשכנזים און ספר־דים — און די דאָזיקע ווידער־באַגעגע־ניש האָט ניט געקאָנט בלײַבן אָן אַ וויר־קונג. די אשכנזישע ייִדן האָבן פון יע־נער זײַט ים געבראַכט מיט זיך די שפע פון דער אָנגעזאַמלטער קולטור און די ספרדים, וועלכע זײַנען אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער גאַנץ היפש פאַר־טראָטן, האָבן עפּעס „געגנאַשט" פון אָט דעם קולטור־פאַרמעגן. אויב עס זײַנען הײַנט צו טאָג פאַראַן טויזנטער עכט־ספרדישע ייִדן, וועלכע האָבן אַ באַגריף וועגן י. ל. פּרץ, מענדעלע, שלום עליכם, דובנאָוו און אַנדערע שרײַבערס און דענ־קערס פונעם אשכנזישן ייִדנטום, איז דאָס דערפאַר וואָס מיר האָבן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער איבערגע־גאָסן אין דער שפּאַנישער שפּראַך אַ סך פון אָט די קולטור־ווערטן. ממילא איז דורך דעם אויסגעברייטערט געוואָרן דער קולטור־האָריזאָנט פון אונדזערע ספרדישע ברידער, וואָס האָבן ביז איצט געהאַט זייער אַ שוואַכן באַגריף, אויב טאָקע גאָר קיין באַגריף נישט, וועגן דעם קולטור־פּראָצעס וואָס איז אין משך פון די לעצטע הונדערט יאָר אָנגעגאַנ־גען אין ייִדישן לעבן פון אַזעלכע לענ־דער ווי רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, רומע־ניע און אַנדערע. ווי וויניק מיר זאָלן ביז איצט נישט האָבן איבערגעזעצט די דאָזיקע ווערק אין דער שפּאַנישער שפּראַך, איז דאָס געווען גענוג, אַז די ספרדים זאָלן אַ דאַנק דעם האָבן דער־וואָרבן באַדײַטנדיקע ידיעות וועגן אַזעל־כע מאָמענטן פונעם ייִדישן לעבן, וועגן וועלכע זיי האָבן פריִער אפילו גאָר קיין השגה נישט געהאַט. עס איז, אמת, נישט גענוי באַוווּסט, ווי ווײַט די ספרדישע ייִדן האָבן ביז איצט אויסגענוצט אָט דעם דאָזיקן קולטור־באַריר מיט די אשכנזישע ייִדן, אָבער וויפל זיי זאָלן עס נישט האָבן געטאָן, קאָן מען עס דאָך פאַרשרײַבן פאַר אַ פּליוס אויפן חשבון פון אָט דער געשיכטלעכער באַגעגעניש. די שפּאַנישע שפּראַך, וועלכע פאַראײַ־ניקט איצט טויזנטער עכט־ספרדישע ייִדן מיט צענדלינגער אשכנזישע ייִדן וואָס זײַנען געוואָרן „ספרדים", איז גע־וואָרן דאָס פענצטער דורך וועלכן די אמתע ספרדים האָבן צום ערשטן מאָל אַרײַנגעקוקט אין אַזעלכע געביטן פונעם ייִדישן לעבן, וועגן וועלכע זיי האָבן פריִער קיין שום אַנונג נישט געהאַט. אויפן געביט פון ציוניזם און חלוציות

הערשט א פּוֹלשטענדיקע האַרמאָניע צווישן יוגנטלעכע פון אַשכנזישער און ספרדישער אָפּשטאַמונג און עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די לעצטע ווערן באַאײַנפלוסט פון דעם קולטור־שוווּנג פון די ערשטע, וועלכע ציען נאָך זייער יניקה פון אַשכנזישע קוואַלן, הגם די שפּראַך איז שוין דורכוים שפּאַניש. אין דעם זין האָבן מיר צו פאַרצייכענען גע־וויסע געווינסן אין אונדזער לעבן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, אָבער נישט אַזעלכע וואָס זאָלן קאָמפּענסירן די פאַרלוסטן וואָס די „נעאָ־ספרדיזאַ־ציע" האָט גורם געווען צום שאָדן פון אונדזער קולטור־לעבן אין די דאָזיקע לענדער.

די ייִדישע געשיכטע, ווי די געשיכטע בכלל, האָט זיך אירע קאַפּריזן. זי האָט זיך אַ שפּיל געטון מיט אַ טייל פון אונ־דזער פאָלק, וואָס זי האָט צוריקגע־בראַכט אין דעם ווירקונג־קרײַז פון אַ שפּראַך און אַ קולטור, מיט וועלכע דאָס ייִדישע פאָלק האָט אין משך פון אַ לאַנ־גען צײַט־אָפּשניט געהאַט אַ נאָענטע שייכות. יאָ, די געשיכטע חזרט זיך אי־בער, אָבער נישט גענוי; מיר האָבן איצט אַ צווייטע שפּאַנישע תקופה אין אונדזער לעבן, אָבער קיין „תקופת הזהב" אויפן געביט פון גײַסטיקער שאַ־פונג וועלן מיר שוין וואַרשײַנלעך נישט האָבן — אויף שפּאַניש.

י. בירנבוים
בוענאָס־אײַרעס

דער ניט־יידישער דערציִער פון אַ יידישן דור

רודאָלף ראָקער

אין אַ שמועס וועגן רודאָלף ראָקערס דרײַ בענד מעמואַרן * האָט זייער שפּאַנישער איבערזעצער, דיעגאָ אַבאַד דע סאַנטיליאַן, זיך אויסגעדריקט מיט באַזונדערער באַוווּנדערונג און באַגײַסטערונג וועגן דעם צווייטן באַנד זיכרונות, וואָס נעמט אַרום די לאָנדאָנער עפּאָכע, ד"ה, דעם יידישן טייל, די צײַט ווען ער, אַליין אַ געבוירענער דײַטש, וועלכער האָט אַפילו קײַן אַנונג נישט געהאַט וואָס דאָס זײַנען אַזוינס יידן און וואָס איז יידישקייט, איז גאָר געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישן זשורנאַל, אַ לערער און אַ דערציִער פון ברײַטע יידישע מאַסן, וואָס האָבן דאָרטן דעמאָלט געלעבט. ער מיינט, דיעגאָ אַבאַד דע סאַנטיליאַן, אַז דאָס אַרויסברענגען די דאָזיקע עפּאָכע פאַר דער לאַטיינישער וועלט, וועלכע איז לחלוטין נישט באַקאַנט מיטן יידישן לעבן און מיטן אופן פון דענקען און באַנעם פון יידן אין אַלגעמיין און פונעם מיזרח־יידן בפרט — וועט זײַן ממש אַן אַנטפּלעקונג.

אַנטפּלעקט טאַקע די שפּאַנישע אויסגאַבע פון ראָקערס מעמואַרן אַ קאַפּיטל יידישע קולטור־געשיכטע פאַר דער גוייִשער וועלט. רודאָלף ראָקער, נאָך אַלע זײַנע גרויסע אויפטואונגען אויפן יידישן קולטורפעלד, ווו ער איז געווען

*) דער ערשטער באַנד פון רודאָלף ראָקערס זיכרונות אונטערן טיטל La Juventud de un rebelde איז אין 1947 דערשינען אין די פאַרלאַגן „אַמעריקאַלעע" און „טופּאַק"; דער צווייטער באַנד איז אַרויס אין 1949 אין די זעלביקע פאַרלאַגן א"נ En la borrasca

א פּיאָנער, איז אָבער נישט גענוג אַנטפּלעקט אויך פאַר דער יִדישער וועלט. זי קען אים יאָ און קען אים נישט. לכל־הדעות קען זי אים נישט גענוג און זיכער נישט אויף אַזויפיל אויף וויפיל ער האָט זיך עס פאַרדינט. לאָמיר־זשע פרוּוון שילדערן „דעם נס, ווי אַזוי אַ גוי איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישער צײַטונג און האָט אָפּגעגעבן אַלע זײַנע כוחות במשך פון צענדלינגער יאָרן פאַר דער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג", ווי ער אַליין האָט עס פאַרמולירט אין זײַנע „הינטער שטעכיקע דראָטן און גראַטעס".

די צײַט ווען דער „אַרבעטער־פרײַנד" האָט אָנגעהויבן דערשײַנען

דער פּעריאָד, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן ראָקערס טעטיקייט צווישן די ייִדן, איז שוין פּאַקטיש אַ געשיכטלעכער. ער האָט זיך אָנגעהויבן אינעם לעצטן יאָרצענדלינג פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און איז שוין אָפּגעשאַצט געוואָרן לשבח. דאָס באַווײַזט אפילו דער פלאַץ, וואָס ראָקער פאַרנעמט אין ז. רײַזענס לעקסיקאָן פון יִדישע שרײַבערס און שרײַבערס בײַ ייִדן. און דאָס וויכטיקסטע: אַז ראָקערס טעטיקייט איז נישט געבליבן באַשרענקט אויף דער ענגלישער הויפּטשטאָט, ווו עס האָט זיך אויסגעוויקלט זײַן טעטיקייט, און אויך נישט אויף די יאָרן, ווען אָט־די טעטיקייט איז געווען אין פולן צעבלי, נאָר האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין אַלע ווינקלען פון דער דעמאָלטיקער און שפּעטערדיקער יִדישער וואַנדערונג. נאָך היינט פילט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דרום־אַפריקע און טיילווײַז אויך אין אַרגענטינע די השפּעה פון דעם, וואָס ראָקער האָט אין יענע יאָרן פאַרזייט.

ס'איז דעמאָלט, סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אין די יאָרן ביז צו דער ערשטער וועלט־מילחמה פון לויפנדיקן יאָרהונדערט, געווען די צײַט פון דער גרויסער יִדישער וואַנדערונג. דער תחום־המושב אין רוסלאַנד האָט געשטיקט; אויך דאָס קייזערלעכע עסטרייך האָט נישט געגעבן פאַר די ברייטע ייִדישע מאַסן קיין מעגלעכקייט צו לעבן. ס'איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און גרויסע מאַסן האָבן זיך אַהין געצויגן אומאָונטערגעבראָכן און דערווייל פאַרפלייצט די מערב־אייראָפּעיִשע שטעט, פון וואַנען זיי האָבן לייכט געקאָנט פאָרן קיין ניו־יאָרק, אַבי זיי האָבן נאָר געהאַט די עטלעכע דאָלער אויף הוצאות אָדער אַ שיפקאַרטע. אַ סך האָבן אויף דעם געמוזט וואַרטן. פּאַריז און לאָנדאָן זײַנען געווען די שטעט ווו מ'האָט זיך על פּי רוב אוועקגעזעצט וואַרטן, לאָנדאָן מער ווי פּאַריז. לאָנדאָן איז געווען דער לעצטער עטאַפּ אויף זייער וואַנדערונג צו דעם געגאַרטן לאַנד, די אַכסניא פון וואַנען מ'האָט געקאָנט פאָרן ווײַטער.

אָבער גלאַט זיצן און וואַרטן האָט מען נישט געקאָנט; מ'האָט דערווייל געמוזט זוכן חיונה. און היות ס'רוב האָט

מען אָדער בכלל נישט געהאַט קיין פּראַ־
פעסיע אָדער נישט געווען צוגעפּאַסט
צום אַרבעט־סטיל אין די נייע מדינות,
פלעגט מען אַריינפאַלן אין די „שוויצ־
שעפּער", וווּ מ'איז עקספּלאָאַטירט גע־
וואָרן אויפן שרעקלעכסטן אופן און וווּ
אַ 12־ און 14־שעהדיקער אַרבעטסטאָג
האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַזאָרגן
מיט אַ בכבודיקן אויסקום, נישט פאַר
זיך און אוודאי נישט, אויב מ'איז גע־
ווען מיט אַ פאַמיליע.

וואָס פאַר אַן עלעמענט איז געווען
אָט דער וואַנדערער? על פּי רוב יונ־
געלייט און בחורים פון די קליינע
שטעטלעך פון רוסלאַנד, פּוילן און גאַ־
ליציע — אַן עלעמענט וואָס איז בדרך־
כלל געווען ווייט פון יעדן באַריר מיט
דער מערבדיקער קולטור און מיט עני־
נים וואָס גייען אַרויס פונעם גדר פון
דעם יידישן טראַדיציאָנעלן לעבנשטיי־
גער; אַן עלעמענט אַ וועלטפרעמדער און
אָפּגעריסענער פון דער נייער סביבה,
אין וועלכער ער איז מיט אַמאָל אַריינ־
געפאַלן; גייסטיק באַשרענקט און מאַ־
טעריעל אָרעם. בלויז אַ קליינער מיעוט
איז געווען באַהויכט פון דעם אין רוס־
לאַנד אויפקומענדיקן סאָציאַליזם, וועל־
כער איז מיט מסירת־נפש געפּריידיקט
געוואָרן פון „בונד" אָדער געהאַט אַ
שייכות מיט די דאָרטיקע רעוואָלוציאָ־
נערע פאָלקס־באַוועגונגען, צי גאָר מיט
די אידייען, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט
געוואָרן דורך טשערנישעווסקים ווערק
„וואָס איז דאָ צו טאָן" וועגן קאָאָפּעראַ־
טיוויזם. האָט די נייע סביבה געשטעלט
פאָדערונגען, וועלכע מ'האָט געזוכט צו
באַפרידיקן און דער וואַנדערער האָט זיך
געוואָרפן צו אַלע קוואַלן, וווּ נאָר ער
האָט געקאָנט געפינען, וואָס ער האָט גע־
זוכט.

אין פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן
דעמאָלט געבליט די סאָציאַליסטישע
באַוועגונגען. ס'איז געווען די צייט ווען
ס'האָט געהערשט די האָפערדיקע אמונה,
אַז אָט־שוין, היינט־מאָרגן, קראַכט דער
אַלטער עקאָנאָמישער סדר און אויף זיין
אָרט קומט אַן אַנדערער לעבנשטייגער
— אַ סאָציאַליסטישער, אַ פרייער פון
עקספּלאָאַטאַציע, פון „שוויצשאַפּ" און
פון דער מאַוימדיקער אומגלייכקייט,
וועלכע האָט דעמאָלט, אינעם התחלהדיקן
פעריאָד פונעם גרויס־קאַפּיטאַליזם, גע־
הערשט אומעטום. פאַרשטייט זיך, אַז
אָט־די אמונה האָט געמוזט אָנשטעקן
אויך די אָרעמסטע פון די אָרעמע, די
פאַרפּייניקסטע פון די פאַרפּייניקטע, די
אויסגעזויגענע יידישע דורכוואַנדערנדי־
קע מאַסן פון יענע לענדער. עס האָט צו
זיי אַפּעלירט און ביי זיי זיך אָנגענומען.
נישט בלויז די אויסזיכט פאַר אַ גרע־
סערן שטיקל ברויט און פאַר אַ לייטי־
שערער דירה איז געווען דער וויכטיקס־
טער מאָטיוו פאַר זייער צונייגונג צום
סאָציאַליזם; ס'איז אויך, און אפשר טאַ־
קע בעיקר, געווען דאָס מאָראַלישע גע־
פיל און דער יושר־מאָטיוו וואָס האָט
צו זיי אַפּעלירט. ווייל אויב זיי האָבן
פון זייערע אַלטע היימען נישט מיטגע־
בראַכט קיין באַגאַזש פון וועלטלעכן
וויסן און פון געניטער באַקאַנטשאַפט

מיט סאָציאַלע אידייען, האָבן זיי אָבער זיכער מיטגעברענגט אַ טיף־פּאַרוואָרצלט יושר־געפיל, וואָס איז געווען אייגנטימלעך דעם ייִדישן פאָלקסמענטש, אַ געפיל וואָס איז געקומען בירושה פון דורות און איז ממילא געווען נאַטירלעך פאַר אַ פערזענלעך־געדרודפטן יחיד אין די שטאַרקע און מעכטיקע היימלענדער. זײַנען זיי, אַזוי אַרום, אַרײַנגעצויגן געוואָרן אינעם קרײַז פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, זיך אָרגאַניזירט אין קרײַזן, כּדי צו קריגן די ידיעות און דאָס וויסן, וואָס זיי האָבן פון די היימען נישט מיטגעבראַכט. אַזוי זײַנען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע קולטור־צענטערס, וועלכע זײַנען געוואָרן אמתע גײַסטיקע היימען פאַר די גערודפטע און געיאָגטע, בײַ דער אַרבעט אויסגעצויגענע און אין אַלגעמיין מינדערגעשאַצטע ייִדישע פּראָלעטאַריער. אַזוי האָט די סביבה גופא און די באַדערפעניש געשאַפן אָראַטאָרישע און שריפטלעכע טריבונעס, וועלכע האָבן געמוטיקט און געמונטערט די דערשלאָגענע און היימלאָזע.

די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פּאַריז און אין לאָנדאָן איז דעמאָלט געווען פונאַנדערגעטיילט אין צוויי פראַקציעס — אַ מאַרקסיסטישע אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און אַ פרײַ־סאָציאַליסטישע אָדער אַנאַרכיסטישע. דאָס איז אויך געווען בײַ די נײַע ייִדישע אײַנוואַנדערערס, וועלכע האָבן זיך אָפט גרופּירט צוזאַמען, אָבער אידעאָלאָגיש געווען פונאַנדערגעטיילט. דער קאַמף צווישן אָט־די צוויי פראַקציעס, נישט געקוקט דערויף וואָס דער ריס צווישן מאַרקס און באַקונין איז שוין געווען אַן אַלטער, איז נאָך אַלץ געווען אַ טעאָרעטישער און איז נישט דערגאַנגען נאָך צו דער אָנגעצויגנקייט צו וועלכער ער איז דערגאַנגען זינט דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; מ׳האָט זיך נאָך געהאַלטן צוזאַמען, אויפגעהאַלטן בשותפות קלובן און אַרויסגעגעבן בשותפות זשורנאַלן, כאָטש קיין רײַבונגען און רײַסערײַען האָבן נישט געפעלט, באַזונדערס בײַ די דיסקוסיע־אָוונטן צווישן ביידע פראַקציעס. ס׳איז, אגב, צוליב די עקאָנאָמישע באַדינגונגען נישט געווען לײַכט אויפצוהאַלטן באַזונדערע קלובן און אָרגאַנען. פאַרשטייט זיך, אַז די העגעמאָניע פלעגט האָבן יענער סעקטאָר וואָס האָט פונקט געהאַט אַ בעסערן רעדנער אָדער אַ בעסערן שרײַבער, וועלכער איז געווען אין שטאַנד בעסער צו אינטערפּרעטירן די נויטן און באַדערפענישן פון די מאַסן און וואָס שאַרפזיניקער אויסצוטײַטשן טעאָריעס און ספיקות.

אין לאָנדאָן האָט אין יאָר 1886 אָנגעהויבן אַרויסגיין דער זשורנאַל „אַרבעטער־פרײַנד“, וועלכער האָט געהערט צו ביידע סעקטאָרן און געהאַט פאַר רעדאַקטאָרן אַ מאָל אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אַ מאָל אַן אַנאַרכיסט, אָפּהענגיק פון דעם, וועלכער צד ס׳איז אין געגעבענעם מאָמענט געווען שטאַרקער אָדער געהאַט אַ בעסערן מענטשן אַרויסצושטעלן. אַזוי זײַנען געווען רעדאַקטאָרן פיליפּ קראַנץ, ב. פײַגענבוים, מאָ־

רים ווינטשעווסקי, ש. יאַנאָווסקי, וועס. פּרומקין, ראָקער א"א. די עקסיסטענץ פון אַזאַ אויסגאַבע איז טאַקע געווען אַ שווערע. ס'איז נישט געווען לײַכט צו־נויפצוברענגען די אָרעמע עטלעכע שי־לינג וואָס זײַנען נייטיק געווען פאַר אַ וואָכנטלעכער אויסגאַבע, און ס'איז אויך נישט לײַכט געווען אויפצוהאַלטן דעם שלום־בית צווישן די צוויי הויפּט־פראַקציעס צו וועלכע ס'איז נאָך צוגע־קומען אַ דריטער „צד" — די אומפּאַר־טייאישע אָדער די „פּאַרעווע", ווי מ'האָט זיי גערופן. פלעגן טאַקע אַנט־שטיין אָפטע קריזיסן און די אויסגאַבע פלעגט זיך גאַנץ אָפט אָפּשטעלן און דערשיינען פון דאָס נײַ. ווען מ'האָט אויסגעפונען אַ נײַעם רעדאַקטאָר, איז געשלאָסן געוואָרן אַ נײַער „שטיל־שטאַנד" און איינער פון די סעקטאָרן האָט אַליין איבערגענומען די אויסגאַבע אין זײַן רשות.

דאָ גייט נישט אין שרײַבן די געשיכ־טע פון יענער צײַט; נישט דאָס איז אונ־דזער כוונה און אויפגאַבע; מיר האָבן בלויז געוואָלט פאַרשטעלן אַ ביסל די סביבה, אין וועלכער די ייִדישע אימי־גראַציע האָט דעמאָלט געלעבט, כדי עס זאָל קלאָר ווערן ווי אַזוי עס איז געקו־מען צו דעם, אַז אַ דײַטש, וועלכער האָט פריִער לחלוטין גאָרנישט געוווּסט וועגן ייִדן אָדער בלויז געוווּסט פון הערן, וואָס אין דײַטשלאַנד איז דורכשניטלעך געווען פאַרשפּרייט וועגן ייִדן, זאָל ווערן דער רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער־פריינד", זיך פאַרנעמען ברייט און טיף אויפן ייִדישן קולטורפעלד און איבערלאָזן אַזעלכע טיפע שפּורן, וועלכע האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין שטח און אין צײַט און גליִען נאָך ביז הײַנט, וואָס אַזעל־כע שפּורן האָט קיין שום ייִדישער שרײַ־בער פון יענער צײַט נישט געלאָזן.

איידער ראָקער האָט געקענט ייִדן

אין דײַטשלאַנד האָט אין די לעצטע צענדלינגער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונ־דערט געהערשט דער „אייזערנער קאַנצ־לער" ביסמאַרק, וועלכער האָט זיך באַ־זונדערס פאַרפעסטיקט נאָך דעם ווי פּרײַסן האָט באַזיגט פראַנקרײַך אין דער מילחמה פון 1870 — 1871. האָט דאָרט לגבי סאָציאַליסטן געהערשט דאָס „ביסמאַרק־געזעץ", לויט וועלכן סאָ־ציאַליזם איז געווען פאַרווערט. דאָס ביסל סאָציאַליזם, וואָס דאָרט האָט עק־סיסטירט, איז געווען בסוד. און האָט מען עפּעס פון אָט־דער באַוועגונג אַנט־דעקט, איז מען אַוועק אויף לאַנגע יאָרן אין תפיסה אָדער געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. זײַנען טאַקע אין פראַנקרײַך און אין לאָנדאָן געווען היפּשע מחנות אַזעלכע, וועלכע האָבן אָנגעפירט זייער סאָציאַליסטישע טעטיקײַט, אַרײַנגע־שמוגלט ליטעראַטור קיין דײַטשלאַנד אאַז"וו.

רודאָלף ראָקער, וועלכער איז גע־בוירן געוואָרן אין יאָר 1873 אין מײַנץ, העסען, איז אין די גאָר פריִע יאָרן זײַנע געוואָרן אַ יתום און ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קריסטלעכן יתומים־הויז.

ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט בוכבינ־דעריי. זיינער אַ פעטער, רודאָלף נאָר־מאַן, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפעה און אים געלערנט, אַז „אַלץ וואָס דו זאָלסט נישט אונטערנע־מען זאָלסטו טאָן מיט ליבשאַפט און פון גאַנצן האַרצן, ווייל דאָרט ווו ס׳פעלט אינערלעכער דראַנג קומט נאָר ארויס פושער־אַרבעט". האָט אים אויך אַריינ־געפירט יונגערהייט אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. האָט ראָ־קער אויך דעם סאָציאַליזם אין דייטש־לאַנד געגומען ערנסט און דער פועל־יוצא איז געווען, אַז ווען ער איז נאָך קיין 18 יאָר נישט געווען אַלט, אין יאָר 1891, האָט ער שוין געמוזט אַנטלויפן קיין פראַנקרייך, כדי זיך צו ראַטעווען פון ביסמאַרקס נעגל. זיין פאַך דאָס איינ־בינדעריי האָט אים אין פאַריז דער־מעגלעכט צו פאַרדינען אויף חיונה און אים גלייכצייטיק פאַרזיכערט נאָך עפּעס — וואָס איז פאַר אַזעלכע אומרויקע נשמות און קעפּ, ווי ראָקערס, נישט ווייניקער וויכטיק ווי חיונה — ביכער. אַזוי האָט ער אויך אין פראַנקרייך גע־אַרבעט איבער זיך, געשטאַנען נאָענט צו דער דייטשער סאָציאַליסטישער אי־מיגראַציע און אויך צו דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג אין לאַנד, זיך צוגע־קוקט און מיטבאַטייליקט אין די נאַציאָ־נאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַ־ליסטישע צוזאַמענפאָרן, וועלכע זיינען אין יענע יאָרן פאָרגעקומען אין די פאַר־שיידענע אייראָפּעיִשע לענדער, זיך צו־געקוקט און צוגעהערט צום קאַמף צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און אַנאַר־כיסטישער פראַקציע אָדער מאַרקסיסטן און באַקוניניסטן, ווי מ׳האָט זיי דע־מאָלט אָנגערופן, ביז ער האָט, לסוף, אידעאָלאָגיש זיך גענומען אָריענטירן אויף דער פריַיהייטלעכער אינטערפּרע־טאַציע פון סאָציאַליזם, מחמת ער האָט פאַרשטאַנען, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, אַז „דער סאָציאַליזם וועט זיין פריי אָדער ער וועט נישט זיין קיין סאָ־ציאַליזם".

האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז ער איז איין מאָל געגאַנגען שפּאַצירן מיט אַ טשעכישן חבר זיינעם איבער די פאַרי־זער גאַסן און יענער האָט אים אַ פרעג געטאָן צי עת וואָלט געוואָלט צוגיין צו אַ צוזאַמענקום פון ייִדישע אַנאַרכיסטן. ראָקער האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן פון איבערראַשונג. ער האָט גע־ווּסט פון ייִדישע באַנקירן, פון ייִדישע קאַפּיטאַליסטן, אָבער פון ייִדישע אַנאַר־כיסטן האָט ער געהערט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. ער פלעגט פריִער, אין דייטשלאַנד, באַקעמפן די אַנטיסע־מיטן, ווייל די אַנטיסעמיטן זיינען גלייכצייטיק געווען שוואַרץ־פינצטערע רעאַקציאָנערן און אַנטי־סאָציאַליסטן, און זיי פלעגן פונקט אַזוי פאַרשפּרייטן אומגעלומפּערטע רכילות אויף סאָציאַ־ליסטן ווי אויף ייִדן. אָבער... ייִדישע אַנאַרכיסטן?

די ערשטע באַגעגעניש מיט ייִדן

איז ער, פאַרשטייט זיך, אַוועק אויפן פּלאַץ, ווו די ייִדישע אַנאַרכיסטן פלעגן יעדן זונטיק אָפּהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען. דאָרט זײַנען געווען אַ 50־60 מענער און פרויען וועלכע האָבן פאַרן אָנהייב פון דער פאַרזאַמלונג געלייענט ייִדישע צײַטונגען, געשמועסט, דיסקוטירט. מיט זײַן שאַרפן חוש פאַר באַאָבאַכטונג האָט ער זיך צוגעקוקט צו אָט־די מענטשן, געזוכט דעם טיפּ מיט דער אַדלער־נאָז, וואָס די אַנטיסעמיטן פלעגן אַזוי אָפט אַרויסשטעלן, אָבער ער האָט גאָר באַמערקט אַזעלכע מענטשן, וואָס ווען ער זעט זיי אין גאַס נעמט ער זיי אָן פאַר איטאַליענער, גריכן אָדער שפּאַניער; אַנדערע האָבן גאָר אויסגעזען ווי דײַטשן און סקאַנדינאַווער; עס האָבן אויך נישט געפעלט קײַן פּנימער פון מאָנגאָלישן טיפּ; און בײַ אים איז, בכן, באַלד קלאָר געוואָרן, אַז ייִדן זײַנען פּונקט אַזוי ווייניק אַן אײַנהײַטלעכע ראַסע ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

מער ווי פון אַלץ איז ער אָבער דערשטוינט געוואָרן פון דער שפּראַך. תחילת האָט ייִדיש אין זײַנע אויערן געקלונגען ווי אַ דײַטשער דיאַלעקט, וואָס ער האָט פריִער קײַן מאָל נישט געהערט. עס האָט אים ספּעציעל געוווּנדערט, וואָס אייניקע רעדנערס האָט ער פאַרשטאַנען בעסער ווי אַנדערע און וואָס יעדער איינער פון זיי האָט באַנוצט אַנדערע מינים ווערטער אין זײַנע רייד. דאָס איז געווען די צײַט, ווען ייִדיש איז נאָך נישט געווען קריסטאַליזירט; ווייניק ייִדישע שרײַבערס האָבן נאָך דערמאָלט געשריבן ייִדיש. ראָקער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אָט־דעם קרײַז, געוואָרן דאָרט אַ רעגלמעסיקער באַזוכער און פלעגט אַפילו האַלטן דאָרט לעקציעס אויף דײַטש. ער פלעגט זיך אָבער באַמיִען צו ריידן דײַטש אַזוי, אַז די ייִדישע באַזוכערס זאָלן אים לײַכט פאַרשטיין. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צוזאַמענגעלעבט מיט אָט־די מענטשן, אַז ער איז געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער בײַ אַ סך פון זיי אין די היימען.

אין זײַנע זיכרונות פון יענער צײַט מאַכט ער אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וועגן יענע מענטשן, וועגן די ייִדישע פרויען, וועגן זייער צוזאַמענלעבן, וואָס דער אופן איז פאַר אים געווען אַ נײַער, אַן אַנדערשדיקער. ער האָט אַזעלכן בײַ נישט־ייִדן נישט געזען. ער שטעלט זיך די פראַגע, פאַרוואָס יענער קרײַז איז אים געוואָרן אַזוי ליב און אומפאַרגעסלעך און אָט וואָס ער זאָגט וועגן דעם אין זײַנע זיכרונות:

„מיך האָט גערירט די ריינקײַט פון באַזינונג, דער לעבעדיקער גלויבן אין דעם כוח פון גערעכטיקייט און די גרענעצלאָזע קרבנות־גרייטקײַט פון די מיטגלידער. די גרעסטע מערהייט פון יענע מענער און פרויען האָט געלעבט אין זייער געדריקטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, פון דעסטוועגן האָבן זיי שטענדיק געהאַט אַן אָפענע האַנט און פלעגן

אַפּט אָפּגעבן דאָס לעצטע, כדי צו דינען זייערע איבערצייגונגען".
און ער גיט צו:

„היינט — ווען די ייִדישע פראַגע האָט, מחמת דער אַזוי־גערופענער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, באַקומען אַן אַלוועלטלעכע באַדייטונג און האָט אין אַ סך לענדער געפירט צו רדיפות, וואָס שטעלן אַוועק אין שאָטן אַלע יסורים וועלכע זיינען ווען עס איז פריער אַרויסגעקומען פון מענטשלעכער דערנידעריקונג און פון ברוטאַלן פאַרפאַלגונג־שגעון — איז פאַר מיר נאָך גרעסער די באַדערפעניש אַרויסצוקומען מיט מיין אייגענער דערפאַרונג ווי אַ קעגן־פאַקטאָר לגבי אָט־דעם מבול פון שמוץ און באַרבאַריזם".
און לסוף:

„איך האָב בעת מיינע לאַנגיאָריקע באַציִונגען מיט ייִדן אין די פאַרשיידנסטע לענדער קיין זאַך נישט געפונען, וואָס זאָל זיי ווענטלעך אונטערשיידן פון אַנדערע מענטשן־גרופּעס. כ'האָב קיין מאָל נישט געהאַלטן, אַז די ייִדן זיינען דאָס זאַלץ פון דער ערד און גראַד דעריבער איז מיין געפיל און געדאַנק תמיד געשטאַנען אין שאַרפסטן קעגנזאַץ צו יענער באַרבאַרישער אויפפאַסונג, וואָס מאַכט דעם ייִדן פאַר אַ שעיר לעזאזל פאַר אַלע חסרונות פון דער געזעלשאַפט. אין אַלע לענדער איז די שינאה צו ייִדן שטענדיק געווען אַ מיטל פון דער פינצטערסטער רעאַקציע און דאָס איז נאָך ביז היינט צו טאָג אַזוי פאַרבליבן".

ווען ער איז שפּעטער, אין 1895, אַ פאַרטריבענער פון פראַנקרייך, געקומען קיין לאָנדאָן, איז ער שוין געקומען ווי אַ היימישער און באַקאַנטער צווישן די ייִדישע אַרבעטער, וווּ זיין שם איז שוין געווען גוט פאַרשפּרייט און וווּ מ'האָט אים אויפגענומען ווי אַן אָנגעלייגטן גאַסט. ער האָט באַלד אָנגעהויבן זיין אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער, אַן אַקטיוויטעט אַ פּרוכפּערדיקע און אַ דויערנדיקע, וואָס האָט איבערגעלאָזט טיפע און ווערטפולע שפּורן ביז צום היינטיקן טאָג.

זיין ערשטע באַגעגעניש מיט ייִדישע אַרבעטער אין לאָנדאָן מאַכט אויף אים אַ פּיינלעכן איינדרוק. אויך אין פּאַריז האָט נישט געפעלט קיין נויט און אָרעמקייט, דחקות און הונגער, אָבער ס'איז געווען באַשיינט מיט פראַנצייזישן „עספּרי", מיט פראַנצייזישער און פּאַריזער ליכטיקייט, בעת אין לאָנדאָן האָט עס געשמעקט אין גאַנצן מיט „ווייטשעפּל", מיט „שוויצשאָפּ", מיט לאָנדאָנער נעפּל און טונקלקייט. נאָר „דער עולם האָט ביים צונויפקום מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט זיך קאָנצענטרירט אויפן רעדנערס אויספירן און האָט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט פאַרלוירן זיין גייסטיקע ענערגיע אין דער אַכזריותדיקער מיל, וואָס צעטרעט דאָס לעבן". דאָ, ביים ערשטן צונויפקום מיט ייִדישע „שוויצשאָפּ"־אַר־

בעטער אין לאָנדאָן, איז אַוועקגעלייגט געוואָרן דער פּסיכאָלאָגישער יסוד, וואָס האָט אים צונויפגעבונדן מיט אַ פֿאָלק, מיט אַ קולטור און מיט אַ שפּראַך, פֿון וועלכער ער איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען לחלוטין פֿרעמד און אין וועלכער ער האָט געטאָן דאָס בעסטע, וואָס אַ מענטש מיט פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און מיט אַן עטישן צוגאַנג צו זאַכן איז מסוגל צו טאָן.

אין ענגלאַנד — צווישן עמיגראַנטן

געווען דעמאָלט אין לאָנדאָן אַ היפּשע מחנה דײַטשע אימיגראַנטן, אַלע קרבנות פֿון דעם ביסמאַרקישן סאָציאַליסטן־געזעץ. זיי האָבן אַלע געאַרבעט אַקטיוו מיטן אויסקוק אַרײַנצופֿירן קײַן דײַטשלאַנד פֿאַרבאָטענע ליטעראַטור. עס האָט אָבער געהערשט אומאייניקייט צווישן זיי און די קעגנזײַטיקע באַשולדיקונגען אין אומלאָיאַליטעט און אַפֿילו אין שפּיאָנאַזש האָבן די אַרבעט שטאַרק באַשווערט. דאָס — זאָגט ראָקער — האָט גורם געווען, אַז ער האָט וואָס ווײַטער אַלץ מער זיך דערנענטערט צום געטאָ, צום מיזרחדיקן טייל פֿון לאָנדאָן, און זיך אָנגעהויבן שטאַרקער באַטייליקן אין די אַרבעטן פֿון די ייִדישע חברים זײַנע.

לאָנדאָן ווערט באַטראַכט ווי דאָס וויגעלע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט שפּעטער באַקומען אַ מעכטיקן כוח אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. שוין אין 1874 איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן דער פֿאַראיין פֿון ייִדישע שנײַדער־אַרבעטער, דער ערשטער פּראָפֿ' פֿאַראיין פֿון ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די קאַמפּן פֿאַר דער פֿאַרבעסערונג פֿון לעבנס־ניוואָ פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1876, האָט דער באַרימטער ייִדישער סאָציאַליסט אהרן ליבערמאַן געגרינדעט דעם ערשטן ייִדישן סאָציאַליסטישן פֿאַראיין און אייניקע נײַע פּראָפֿעסיאָנעלע ייִדישע פֿאַראיינען פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַכן. אָבער די צאָל ייִדישע אַרבעטער איז געווען אַ קליינע און די אַרבעט האָט זיך נישט אָנגעזעצן. געווען שוין דעמאָלט אין לאָנדאָן אויך אַ געקליבענע ייִדישע אינטעליגענץ; זי האָט נאָך אָבער נישט געקאָנט צעפֿירן די הענט מחמת ס'איז נישט געווען צווישן וועמען צו אַרבעטן.

ערשט נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד פֿון יאָר 1881 קומט אַ שטאַרקער אימיגראַציע־שטראָם, וואָס שטעלט זיך אָפּ אין לאָנדאָן, און ס'הייבט זיך דאָרט אָן אַ פֿיבערדיקע טעטיקייט.

דער אָנגעקומענער אימיגראַנטישער עולם איז על פּי רוב געקומען פֿון די קליינע ייִדישע שטעטלעך פֿונעם תחום־המושב. זײַן קולטור (ווי ווײַט מ'קאָן דאָ באַניצן דאָס וואָרט „באַשרענקט") איז געווען באַשרענקט אויף די ייִדישע געביטן, און דאָס באַציט זיך צו דעם שיכט, וועלכער האָט אין שטעטל עפּעס געלערנט חוץ די עלעמענטאַרע חדר־לימודים, אויך פֿון העברען ייִדישן וויסן

וואָס עס קען געבן דאָס בית־המדרש און די ישיבה. בלויז אַ קליינע מינדערהייט איז געווען באַהאַוונט אין וועלט־ענינים און וועלט־געשעענישן. וועגן סאָציאַליזם אין אַלע זײַנע ניואַנסן האָט געוווּסט בלויז אַ קליינע צאָל.

קומענדיק קײַן ענגלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען דאָס ליבעראַלסטע לאַנד פֿון דער וועלט, וווּ עס האָבן געפֿונען אַ מקום מיקלט אַלע גערודפֿטע סאָציאַליסטן פֿון אַלע אייראָפּעיִשע לענדער, איז פֿאַר די געקומענע ייִדן אַלץ געווען נײַ און פֿרעמד, און זיי האָבן געמוזט אָנהייבן לערנען אַלץ פֿון דאָס נײַ.

דער „אַרבעטער־פֿרײַנד" צווישן צוויי צדדים

האָט זיך דעמאָלט געעפֿנט אַ ברייט פֿעלד פֿאַר די ווינטשעווסקיס, קראַנצס, פֿײַגנבוימס, וועלכע האָבן געפּריידיקט צווישן די וויסן־דאַרשטיקע ייִדישע מאַסן סאָציאַליזם און אויפֿקלערונג.

ווען עס איז אין יאָר 1886 געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן דער זשורנאַל „אַרבעטער־פֿרײַנד" — וואָס האָט אין לויף פֿון אַ ריי יאָרן אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע לטובת דער אַנטוויקלונג פֿון די ייִדישע אימיגראַנטישע מאַסן און פֿון דער ייִדישער קולטור אין צפֿון־אַמעריקע און אין דער ייִדישער וועלט אין אַלגעמיין — איז תּחילת זײַן מערכה געווען אַ שווערע. ער האָט זיך אַ סך מאָל געמוזט אָפּשטעלן צוליבן דוחק אין מאַטעריעלע מיטלען און צוליבן מאַנגל אין רעדאַקטאָרן. לאָנדאָן איז געווען בלויז אַן אַכסניא אויפֿן וועג צו די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע אָדער אַפֿריקע. און אַזוי ווי די פֿאַרדינסט־מעגלעכקייטן זײַנען געווען גאָר שווערע, האָט דער עולם בײַ יעדן נײַעם קריזיס־אויסבראָך אָדער בײַ יעדער שווערער געלעגנהייט זיך אָפּגעטראָגן אין די אַנדערע מדינות און ס'איז שווער געווען צו דעקן די אויסגאַבעס און צו אײַנהאַלטן די פֿעיִקע מענטשן אין לאָנדאָן, בכדי צו פֿאַרזיכערן די רעדאַקציע. די אויסגאַבע איז, אגב, נישט געווען קײַן ריין־פּאַרטייִשע; זי האָט געהערט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַלגעמיין און צו איר האָבן זיך דעמאָלט צוגערעכנט אַלע שטרעמונגען פֿון סאָציאַליזם, וועלכע זײַנען געווען הויפּטזאַכלעך צוויי: אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ס'איז, אמת, קײַן ריכטיקער שלום־בית צווישן זיי נישט געווען; מ'האָט דיסקוטירט, זיך אַרומגעריסן און געקריגט; אָבער פֿאָרט זיך געהאַלטן צוזאַמען, כּל־זמן ס'איז מעגלעך געווען. איז דער רעדאַקטאָר געווען פֿיליפּ קראַנץ — האָט דער „אַרבעטער־פֿרײַנד" זיך אָריענטירט מער אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; איז געווען רעדאַקטאָר וועם אָדער פֿרומקין — האָט ער זיך אַריבערגעוואויגן אויף דער זײַט פֿון די אַנאַרכיסטן; אָבער געלייענט האָבן אים כּסדר אַלע צדדים.

דאָס איז געווען ביזן יאָר 1891. דעמאָלט איז פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין

ענגלאַנד און אויך אַ פֿאָרמעלע שפּאַלטונג צווישן דער יִידישער אַרבעטערשאַפֿט. דער באַרימטער בשותּפֿותדיקער „בערנאַרד סטריטקלוב", די אומפּאַרטייִישע היים פֿון „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־בילדונג־קלוב", צוזאַמען מיטן אומפּאַרטייִישן סאָציאַליסטישן אָרגאַן „דער אַרבעטער־פֿרײַנד", איז בײַ אַ שטורמישער אָפּשטימונג פֿון 25 קעגן 22, אַריבער אין די הענט פֿון די אַנאַרכיסטן מיט ש. יאַנאָווסקי אַלס רעדאַקטאָר. נאָר איבערנעמען אַן אָרגאַניזאַציע און אַן אָרגאַן איז איין זאַך און זיי זײַן אין שטאַנד אויסצוהאַלטן איז אַ צווייטע זאַך. דאָס וואָס איז פֿריִער געלעגן אויף די אָרעמע פּלייצעס פֿון אַ גרעסערן קיבוץ האָט איצט געדאַרפֿט אויסגעהאַלטן ווערן פֿון אַן ענגערן קרײַז. דאָס איז, ווײַזט אויס, געווען אוממעגלעך. ווײַל באַלד האָט זיך אָנגעהויבן מערקן דער דלות און דער „אַרבעטער־פֿרײַנד" האָט זיך ווידער געמוזט אָפּשטעלן.

לאָנדאָן איז אָבער דעמאָלט שוין געווען אַ צענטער. אַלע וואָס זײַנען פֿון דאָרט געפֿאָרן ווײַטער, אין אַנדערע לענדער, האָבן שוין מיט לאָנדאָן נישט איבערגעריסן און פֿון דאָרט דערוואַרט ווײַטערדיקע אויפֿקלערונג, וועלכע זיי האָבן טאַקע אָנגעהויבן באַקומען. דאָס האָט די מענטשן, וועלכע זײַנען געשטאַנען אויבנאָן פֿון די פֿאַרשיידענע באַוועגונגען אין לאָנדאָן, נישט געלאָזט רוען. דאָס האָט אויך פּאַסירט מיט דער גרופּע „אַרבעטער־פֿרײַנד". ווי נאָר די אויסגאַבע האָט זיך אָפּגעשטעלט, צי דאָס איז געווען מחמת דוחק אין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, צי מחמת דוחק אין אינטעלעקטועלע כוחות, האָט מען געהאַלטן אין איין טראַכטן ווי אַזוי אָנצוהייבן פֿון דאָס נײַ.

ראָקער צווישן די יִידן אין ענגלאַנד

די אַרבעט איז אָבער אָנגעגאַנגען סײַווי. לעקציעס, צוזאַמענקונפֿטן און רעפֿעראַטן זײַנען סײַ ווי פֿאָרגעקומען יעדן שבת און זונטיק אין די קלובן, וואָס די פֿאַרשיידענע אידעאָלאָגישע גרופּירונגען האָבן אויסגעהאַלטן. איז אינעם קלוב וואָס עס האָבן אויסגעהאַלטן די אַנאַרכיסטן געווען אַן אָפֿטער גאַסט רודאָלף ראָקער וועלכער פֿלעגט דאָרט ריידן אויף פֿאַרשיידענע סאָציאַלע, ליטעראַרישע, וויסנשאַפֿטלעכע און קונסט־טעמעס. ער פֿלעגט ריידן אין דײַטש, אָבער ער פֿלעגט זיך באַמיִען צוצופּאַסן זײַן שפּראַך צום יִידישן עולם, כּדי פֿאַרשטאַנען צו ווערן. גרינג איז דאָס אים נישט אָנגעקומען. זײַנע טעמעס זײַנען על פּי רוב געווען אַזעלכע, וואָס זײַנען געווען גאַנץ נײַ און פֿרעמד פֿאַר זײַן אוידיטאָריע, וועלכע איז נאָך דערצו געווען אַן אויסגעמאַטערטע פֿון אַ וואָך שווערער און פּײַנפֿולער האָרעוואַניע אין די באַרימטע לאָנדאָנער „שוויצשעפּער", פֿון וואָס עס איז אַגבֿ קוים מעגלעך געווען צו האָבן גענוג אויפֿן צימצומדיקן אויסקום, נישט געקוקט אויפֿן לאַנגן 10 און 12־שעהדיקן אַרבעט־טאָג.

אָבער דער ווילן צו וויסן, צו פֿאַרשטיין, צו לערנען איז בײַם ייִדישן עולם געווען געוואַלדיק גרויס. אַז מ'האָט געטאָן אַלץ אויף אַרײַנצודרינגען אין דער פרעמדער שפּראַך, ראָקערס, און אין דער נײַער גײַסטיקער וועלט, אין וועלכער ער האָט מיט זײַנע לעקציעס אַרײַנגעפירט.

איירָאָפּע האָט דעמאָלט דורכגעלעבט אַ וווּנדערלעך־שיינע ראָמאַנטישע צײַט. הגם דער אינדוסטריאַליזם איז געווען אין זײַן צעבלי־עפּאָכע, ווי דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם, האָט אָבער צווישן דער אַרבעטערשאַפֿט, וועלכע איז געווען באַהויכט אָדער דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע אידייען, געהערשט די איבערצײַגונג, אַז אָט־אָט, שוין, הײַנט־מאָרגן, ברעכט אוים די סאָציאַלע רעוואָלוציע און — אַלץ, דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע עשירות, וועט אַריבערגיין צו די אַרבעטנדיקע מענטשן, וועלכע וועלן אײַנפירן דעם סאָציאַליזם. מ'האָט נישט געצווייפלט אין אָט־דעם אמת; מ'איז געווען זיכער, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זײַן; און אָט־די אמונה האָט אָנגעשטעקט מיט ברויז, מיט לעבן, מיט שטורעם און דראַנג און אויך מיט חשק צו לערנען. האָט אויך דער זעלביקער גײַסט באַהערשט די ייִדישע אימיגראַנטישע מאַסן, וועלכע האָבן געלעבט אין פראַנקרײַך און אין ענגלאַנד. דעריבער איז נישטאָ וואָס זיך צו חידושן, הלמאי נישט געקוקט אויף דעם פּײַנלעכן, דחקותפולן עקאָנאָמישן און מאַטעריעלן לעבן, וואָס זיי האָבן אין די דאָזיקע לענדער געפירט, זײַנען זיי שטענדיק געווען גרייט אָוועקצונעמען דעם ביסן פונעם מויל און אים אָוועקגעבן פאַרן אויסהאַלט פון זייערע קלובן און צײַטונגען, ווו זיי האָבן געקאָנט געפינען אַ תיקון פאַר זייער נשמה־לעכצעניש נאָך דערהייבונג און אָנרעגונג. דעריבער פלעגט עס באַטראַכט ווערן ווי אַ טראַגישע פּאַסירונג, ווען אַן אָרגאַן פלעגט זיך מוזן אָפּשטעלן. מ'האָט נישט געשפּאָרט קײַן קרבנות, נאָך יעדן מאָל אים אָפּשטעלן, אים ווידער אויפצולעבן.

צווישן די יאָרן 1891 און 1898 איז דער „אַרבעטער־פרײַנד" עטלעכע מאָל געווען אָפּגעשטעלט. עס זײַנען אין די צווישן־צײַטן געווען רעדאַקטאָרן וויליאַם וועס און אברהם פרומקין. ווען דער לעצטער איז אָוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן, האָט זיך דער „אַרבעטער־פרײַנד" ווידער אָפּגעשטעלט.

פונקט האָט זיך געמאַכט, אַז רודאָלף ראָקער איז אין 1898 אויף אַ צײַט אָוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן קײַן ליווערפּול. איז דאָרטן אײַנגעפאַלן איינעם אַ געוויסן יעגער אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדיש בלעטל אין ייִדיש און ער האָט פאַרבעטן ראָקערן צו ווערן רעדאַקטאָר. כאָטש ראָקער האָט קוים געקענט איבערלייענען די גרויסע קעפּ אין די ייִדישע צײַטונגען וואָס ער האָט זיך, פאַר קוריאָז וועגן, קוים אויסגעלערנט, אָבער אין געוויינטלעכער שריפט האָט ער נים געקענט אונטערשיידן צווישן אַ „נ" און אַ „ג", צווישן אַ „ט" און אַ „מ" אד"גל. פון דעסטוועגן זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַכט נומערן פון אַ בלעטל „דאָס

פרײַע וואָרט", וואָס ראָקער האָט רע־
דאַקטירט אויף אַ מאָדנעם אופן. דורך
דער פאַרמיטלונג פון אַן „איבערזעצונג"
וואָס יעגער האָט געמאַכט.

אָט־דאָס בלעטל האָט גערופן די אויפ־
מערקזאַמקייט פון די „לאָנדאָנער" אויף
ראָקערן און זיי האָבן אים פאַרבעטן צו
פאַרנעמען די רעדאַקציע פונעם „אַרבע־
טער־פרײַנד", וואָס זיי האָבן געוואָלט
צוריק אויפלעבן. האָט ראָקער אויף דעם
געענטפערט — אין אַ „ייִדיש וואָס
וואָלט זיך גיכער אַרײַנגעפּאַסט אין אַ
מוזיי פון זעלטענע אַנטיקן" — אַז ער
נעמט אָן דעם אָנבאָט. דער דאָזיקער
בריוו איז געווען זײַן ערשטער פּרוּוו צו
שרײַבן ייִדיש. און אַזוי איז דעם 19טן
אָקטאָבער 1898 דערשינען דער ערשטער
נומער פונעם באַנײַטן „אַרבעטער־
פרײַנד" אונטער ראָקערס רעדאַקציע
און מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ
קאַפּיטל אינעם פּעריאָד לאָנדאָן, וועל־
כער איז געוואָרן אַ שם־דבר אין דער
געשיכטע פונעם אויפלעב פון די מיזרח־
אייראָפּעיִשע ייִדישע אימיגראַנטן־מאַסן
און געהאַט אַזאַ שטאַרקע השפּעה אויף
דער אַנטוויקלונג פון די סאָציאַלע באַ־
וועגונגען בײַ ייִדן, באַזונדער אויף יענע
טיילן, וועלכע האָבן דערנאָך אַריבער־
געוואַנדערט אין די פאַראייניקטע
שטאַטן.

„מיר, לאָנדאָנער, — שרײַבט דער
ניט־לאַנג־פאַרשטאָרבענער עסייִסט און
ליטעראַטור־קריטיקער ב. ריווקין, —
מיר, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען לאָנדאָן
אויפן וועג קײַן אַמעריקע, שטעלן מיט
זיך פאַר אַ באַזונדערן שבט. מיר דער־
קענען זיך לויט עפּעס אַ סימן, אַ סימן
פון געמיינשאַפטלעך־דערהויבענער אוי־
בערלעבונג, וואָס נישט יעדער איז צו
דעם זוכה געווען. וואָס איז דער יחוס
מיט אונדז? מיר זײַנען אין לאָנדאָן גע־
אַדלט געוואָרן דורך רודאָלף ראָקערן.
מיר זײַנען דורכגעגאַנגען די קונסט־
שול, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן נישט
געהאַט. מיר זײַנען דורכגעגאַנגען ראָ־
קערס קונסט־שול, ווי דער פּראָפעסאָר,
אַ מענטש מיט קאָלאָסאַלן וויסן, פלעגט
האַלטן זײַנע לעקציעס. ווי האָט ער דאָס
אַלץ געקאָנט אַרײַנפּאַקן אין אַ צוהע־
רערשאַפט נאָר־וואָס פון מיזרח־אייראָ־
פּע, פון שטעטל, פון חדר, דאָס רוב אָן
דער עלעמענטאַרסטער בילדונג, בלויז
מיט דעם פאַרגעפיל פון דער ציוויליִ־
זירטער וועלט. ווי האָט ראָקער באַוויזן
אַרײַנצוגעבן אין אַ רויער מאַסע, וואָס
האָט זיך ערשט אויסגעלערנט לייענען
אַ צײַטונג, אַ ביכל — די רײַכסטע אוצ־
רות פון דער אייראָפּעיִשער קולטור?"

דאָס איז נישט געווען פון די לײַכטע
אַרבעטן, פּונקט ווי ס'איז נישט געווען
לײַכט פאַר ראָקערן אַרײַנצופּאַסן זיך
אין דער נײַער, פאַר אים נאָך פאַרעמ־
לאָזער און סטיללאָזער שפּראַך, אין דער
נײַער סביבה און אין נײַעם לעבן. אָבער,
ווי געזאָגט, דאָס לעבן האָט דעמאָלט
געבלישטשעט און געפינקלט מיט טויזנט
ראָמאַנטישע חנען און דערוואַרטונגען;
דער לערער האָט געפילט הינטער זיך
אַן אויפנעמפעיִקע, אַ ווילן און קרבנות־
גרייטע, ענטוזיאַסטישע און אידעאַליס־

טישע מאסע, וועלכע האָט טאַקע גע־האַט בדוחק „ברויט מיט פוטער“, אין וואָס זי האָט זיך גענייטיקט, און פאַר וואָס זי האָט געקעמפט, אָבער פון דעסטוועגן אויך נישט פאַרזען, נישט פאַרגעסן, אַז נישט פון ברויט אַליין לעבט דער מענטש. און זי איז מיטגע־פלויגן אויף די פליגלען פון דער פאַנ־טאַזיע, אין אַ העכערער וועלט, אין וועלכער ראָקער האָט זי געפירט, אין אַ וועלט ווו מ׳פאַרגעסט צײַטנווײַז די מי־זעריעס פון אַרומיקן לעבן.

רודאָלף ראָקערס בײַטראָג פאַרן ייִדישן וואָרט

ראָקער איז געוואָרן דער לערער, דער רבי, דער מדריך, וועלכער האָט געזוכט אַרומצונעמען אַלע אַספּעקטן פון דעם דע־מאָלטיקן אייראָפּעיִשן מאָדערנעם לעבן. דער „אַרבעטער־פרײַנד“ איז געוואָרן אַ וואָכנטלעכע אויסגאַבע; האָט דער רע־דאַקטאָר דאָרטן זיך אָפּגעגעבן נישט בלויז מיט די טאָג־טעגלעכע פראַגעס, וועלכע זײַנען אויך דעמאָלט געווען פּונקט אַזוי ברענענדיק ווי זיי זײַנען עס הײַנט און זײַנען תמיד געווען; ער האָט אויך אײַנגעפירט רובריקן פאַר ליטע־ראַטור, פאַר קונסט, פאַר סאָציאָלאָגיע. דאָס איבעריקע האָט ער געטאָן אין די אָפּטע רעפעראַטן און לעקציעס, וואָס ער האָט געגעבן אינעם קלוב אָדער אין ספּעציעל־געדונגענע סאַלאָנען. נישט געווען קיין וויכטיקע טעמע, וועלכע ראָ־קער זאָל נישט האָבן באַהאַנדלט. נישט געווען קיין שרײַבער מיט פאַרנעם אין דער אייראָפּעיִשער און אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, קיין קינסטלער, קיין קאָמ־פּאָזיטאָר, וועמען ער זאָל נישט געווען ווידמען איינע אָדער אַ סעריע לעקציעס, וועלכע די נאָך וויסן אויסגעהונגערטע מאַסן פלעגן ממש שלינגען.

און דאָס, וואָס ער האָט בשעתו נישט געטאָן אינעם וואָכנטלעכן „אַר־בעטער־פרײַנד“, האָט ער אַ ביסל שפּע־טער געטאָן אינעם פון אָנהייב צוויי־וואָכנטלעכן און נאָכדעם חודשלעכן זשורנאַל „זשערמינאַל“, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אין 1900 און וועלכער איז געווען אַ שעדעוור אין יענער צײַט און איז אַזאַ נאָך פאַרבליבן ביז צום הײַנטיקן טאָג.

וועגן וואָס האָט ראָקער אַלץ נישט גערעדט און געשריבן אין יענער צײַט? וועגן ניטשען און שטירנערן, וועגן זאָ־לאַן און אַנאַטאָל פראַנסן, וועגן איב־סענען און ביערנסטערן ביערנסאָנען, וועגן סערוואַנטעסן און שעקספּירן, וועגן האַמסונען און מעטערלינקס „בלויען פויגל“, וועגן מיקעל אַנדזשעלאָ און גאָיאַן אין דער קונסט, וועגן די גרויסע מוזיק־קאָמפּאָזיטאָרן פון יענער צײַט און פון אַלע צײַטן — גאָרנישט איז פון אים אויסגעלאָזן געוואָרן פון דעם אַלעם, וואָס אַ מאָדערנער קולטור־מענטש דאַרף און מוז וויסן.

און ער האָט אָנגעטראָפן אויף אָפּע־נע אויערן און איז פון זײַנע אוידיטאָ־ריעס פאַרערט געוואָרן מיט דער גרעס־טער דאַנקבאַרקייט, אויף וואָס עס זײַ־

נען פעיִקע מענטשן, וועלכע ווייסן אַז זיי האָבן נישט מיט וואָס צו באַלוינען איינעם, וועלכער איז צו זיי געקומען פון דער פרעמד.

די דאָזיקע טעטיקייט האָט נישט געקאָנט בלײַבן באַשרענקט אויפן בלויזן וואָכנבלאַט, אויפן זשורנאַל און אויפן רעפעראַט. ברייטערע וויסן שאַפט אַ מאַרק, אַ באַדערפעניש פאַר ברייטערן גײַסטיקן אויסלעבן זיך, שאַפט אַ באַדערפעניש אויך פאַרן בוך. אַזוי אַרום איז נעבן „אַרבעטער־פרײַנד", ד"ה, אַרום ראָקערן, אויך אַנטשטאַנען אַ פאַרלאַג־וועזן, פון וועלכן עס זײַנען פאַרנאַנדערגעשפרייט געוואָרן אַ סך הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן פון בראָשורן, ביכלעך און ביכער, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אומעטום, ווו נאָר עס זײַנען געווען ייִדיש־ריידנדיקע מענטשן, אײַנשליסלעך רוסלאַנד, נישט געקוקט אויף דער צאַרישער שטרענגער צענזור און גרענעץ־באַוואַכונג.

דאָס כאַראַקטעריסטישע דערבײַ איז, וואָס גראָד האָט דער צווייוואָכנטלעכער „זשערמינאַל" אָנגעהויבן דערשײַנען אין דער צײַט ווען דער „אַרבעטער־פרײַנד" איז געווען אָפּגעשטעלט צוליב מאַנגל אין מאַטעריעלע מיטלען. און מעגלעך געוואָרן איז דאָס נאָר אַ דאַנק דער קרבנות־גרייטקײַט פון אַ זעצער, נאַראָדיצקי, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אויסצוזעצן דעם זשורנאַל אומבאַצאָלט, ביז עס וועט מעגלעך זײַן צו שאַפן דעם סכום צו דעקן די אויסגאַבן.

ראָקערן האָט זיך אויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך צו קאָנען אויסהאַלטן אַזאַ זשורנאַל; אָבער דער פאָרלייג איז געווען צו לאָקנדיק, אַז ער זאָל אים פאַרוואַרפן. און אַזוי ווי די באַוועגונג איז געווען אָן אַן אָרגאַן, האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּרוּוו, און ראָקער פון זײַן זײַט האָט באַשלאָסן צו געבן אים אַן אַנדערן כאַראַקטער, אומאָפּהענגיק פון דער באַוועגונג. חוץ פאַרטיפן די פרײַהייטלעכע אידייען האָט ער אויך זיך פאַרמאָסטן צו באַקענען די לייענערס מיט אַ ל ע פרײַהייטלעכע שטרעבונגען פון דער מאָדערנער ליטעראַטור אין יענער צײַט און פון מאָדערנעם געדאַנקען־גאַנג. דעם 16טן מאַרץ 1900 איז דערשינען דער ערשטער נומער „זשערמינאַל". ער האָט געהאַט אַן אונטערקעפּל: „אָרגאַן פונעם אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם". ראָקער איז מיט דעם זשורנאַל אויסן געווען: „צו דערציִען די מענטשן צו פרײַהייט און זיי מוטיקן צו שעפערישקייט און צום אייגענעם דענקען; אַלע עקאָנאָמישע השערות פאַר דער צוקונפט, וועלכע האָבן געדאַרפט פריִער אויסגעפּרוּווט ווערן דורך פּראַקטישע דערפאַרונגען, זײַנען געווען גוט, כל־זמן זיי האָבן פאַרזיכערט פאַרן מענטשן דעם פּראָדוקט פון זײַן אַרבעט און געהאַט אין אויסזיכט די סאָציאַלע אומוואַנדלונג פונעם לעבן, אין וועלכן ס'זאָל אָנגעבאָטן ווערן דעם יחיד די מעגלעכקייט פרײַ צו אַנטוויקלען זײַנע נאַטירלעכע פעיִקייטן".

ערשט דאָ האָט ר. ראָקער געקאָנט צעפירן די הענט און אַרויסגעבן פון זיך

דאָס, וואָס ער האָט אין „אַרבעטער־פרײַנד“ נישט געקאָנט געבן. היות קײַן מיטאַרבעטערס האָט ער כמעט ווי נישט געהאַט, איז ראָקערן אויסגעקומען ס׳רוב אַליין אויסצופולן דעם זשורנאַל. טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, האָט ער נאָך געמוזט צוזאַמען מיט זײַן פרוי, מילי, צוהעלפן אים אויסזעצן מיט דעם אייגענעם שריפטזאַץ, וועלכער איז געשטאַנען אינעם צימער אויפן פערטן שטאָק, ווו די ראָקערס האָבן געוווינט, און דערנאָך שלעפן די שווערע „פאָרמעס“ אויף די געדרייטע טרעפ אין דרוקערײַ צום אָפדרוקן.

דער „זשערמינאַל“ האָט באַקומען אַ פײַנע אויפנאַמע אומעטום, וווּהין ער איז נאָר אָנגעקומען. ער האָט אַזוי אויסגענומען, אַז ער האָט געווירקט אויפן קרײַז, אַז עס זאָל באַנײַט ווערן דער וואָכנטלעכער „אַרבעטער־פרײַנד“. אָבער אַזוי ווי ס׳איז געווען שווער אַרויסצוגעבן אַ וואָכנטלעכן „אַרבעטער־פרײַנד“ און אַ צווייוואָכנטלעכן זעכצײַטיקן „זשערמינאַל“, איז באַשלאָסן געוואָרן דעם „זשערמינאַל“ אַרויסצוגעבן חודשלעך. „ווי אַזוי כ׳בין געווען אין שטאַנד אָנצושרײַבן ביידע אויסגאַבעס און חוץ דעם איינע פון זיי, דעם „זשערמינאַל“ אויסזעצן — נאַראָדיצקי איז נאָכן 12טן נומער אַוועק — און צוגרייטן צום דרוק, איז נאָך הײַנט אַ סוד פאַר מיר. אָבער מ׳קאָן אויפטאָן אַ סך, ווען מ׳איז יונג און מ׳האָט צוטרוי צו זיך“ (צווייטער באַנד זיכרונות, ז׳ 150).

צו דעם זײַנען נאָך צוגעקומען די שבתדיקע און זונטיקדיקע רעפעראַטן און לעקציעס אין די יידישע קלובן און אויך אין די קלובן פון די אַנדערש־שפּראַכיקע סאָציאַליסטן, די דיסקוסיעס און פּאָלעמיקעס מיט די אַנדערש־דענקענדיקע, וועלכע האָבן בײַ ראָקערן פאַרנומען נישט ווייניק צײַט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט ער זיך מיט דעם ניט צופרידנגעשטעלט און באַשלאָסן אויך צו שאַפן אַ פאַרלאַג, וועלכער זאָל אַרויסגעבן אין יידיש פונעם שענסטן און בעסטן, וואָס די וועלט־ליטעראַטור האָט פאַרמאָגט.

אויפן וועג צו דערהייבונג דורך דער וועלט־ליטעראַטור

דער קאַמף פאַרן לעבן און פאַר דער עקסיסטענץ איז געווען אַ שווערער. די פּראָבלעם פון חיונה, אַפילו ווען מ׳האָט געאַרבעט אַ שווערן 10 און 12־שעהדיקן אַרבעטטאָג, איז געווען אַ שווערע; מכל־שכן ווען מ׳האָט נישט געהאַט קײַן אַרבעט. ראָקער האָט די פּראָבלעם געזען אין זײַן גאַנצער שאַרפקייט. ער איז געשטאַנען אויף דער זײַט פונעם יידישן „שוויצשאַפּ“־פּראָלעטאַריאַט און אים געהאָלפן זיך אָרגאַניזירן, כדי אויסצוקעמפן בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. אָבער מיט דעם האָט ער זיך נישט געוואָלט באַנוגענען. ער האָט אים אויך געוואָלט אַרויסהייבן פון דער גרויער טאָג־עלנט און אים העלפן אַרײַנדרינגען אין דער שיינקייט פון גײַסטיקן און קול־

טורעלן לעבן פון יענער צײַט, געזוכט צו געבן דעם לעבן אַ נשמה־יתירהדיקן זין.

די ייִדישע ליטעראַטור און במילא אויך די ייִדישע שפּראַך זײַנען נאָך דעמאָלט, אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, ניט געווען אין דער פולער רײַפקייט. ס'איז נאָך אַלץ געווען די צײַט ווען עס האָבן דאָמינירט די שמ"רם און בלאָטשטיינס. האָט ראַקער געשאַפן אַ קרײַז און מיט אים אָנגעהויבן קנעלן די סדרה וועלט־ליטעראַטור. צו דער גרופּע פון צען פּערזאָן בערך, לכתחילה, האָבן אָנגעהויבן צוקומען הונדערטער מענטשן. ס'האָט שוין געמוזט דינגען פאַר די לעקציעס אַ גרעסערן לאָקאַל.

ראַקער האָט זײַנע תּלמידים באַקאַנט געמאַכט מיט די ווערק פון אַנאַטאָל פראַנס, איבסען, ביערנסאָן, סטרינדבערג, האַמסון, מירבאָ, בלאַסקאָ איבאַניעס, הויפּטמאַן, אואײַלד, טאָלסטאָי, מולטאַטולי, טשעכאָוו, גאָרקי, אַנדרעיעוו און אַ סך אַנדערע. דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען צו די קלאַסיקערס פון דער ליטעראַטור און צו די שאַפערס פון די גרויסע קונסטווערק. דאָס אויספײַנערן דעם געשמאַק פונעם לאָנדאָנער ייִדישן עולם האָט אויך געווירקט אויפן דעמאָלטיקן ייִדישן טעאַטער, וווּ מאָשקאָוויטש האָט געמוזט שפּילן די באַרימטע מאָכערײַיקעס. ווען דער עולם האָט זיך דורך ראַקערן באַקענט מיט די גרויסע שאַפערס פונעם וועלט־רעפּערטואַר, איז מאָשקאָוויטש געווען אין שטאַנד אויפצופירן סטרינדבערגס „פאַטער", גאָרקיס „נאַכט־אַזיל", איבסענס „גײַסטער" און „ראָזמערסהאָלם", גאָרדינס פּיעסן און אַ סך אַנדערע.

אין 1902 איז דער „זשערמינאַל" אָפּגעשטעלט געוואָרן. אָבער דער אויפלעב אין דער פרײַהײַטלעכער באַוועגונג און די אַלגעמיינע אויסגעברייטערטע קולטור־אַרבעט צווישן דעם ייִדישן אימיגראַנטן־עולם אין לאָנדאָן האָט אַרויסגערופן דעם פאַרלאַנג אים ווידער אַרויסצוגעבן. אַזוי איז אין 1904 געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע גרופּע „זשערמינאַל" און אין יאַנואַר 1905, נאָך אַ 2־יאָריקן איבעררײַס, איז אַרויס באַנײַט דער חודשלעכער „זשערמינאַל" אין 16 זײַטן און אַ יאָר שפּעטער, אין אַפּריל 1906, איז ער שוין געווען אַזוי אײַנגעפונדעוועט, אַז ער האָט געקאָנט אַרויסגיין אין 48 זײַטן, אַזוי ביז 1908, און האָט געהאַט אַ טיראַזש פון 2.000 ביז 2.500 עקזעמפּליאַרן.

דער גרעסטער אויפטו איז אָבער בלי שום ספק דער פאַרלאַג, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן בײַם „אַרבעטער־פרײַנד" און „זשערמינאַל", פון וועלכן עס זײַנען אַרויס נישט בלויז קליינע בראָשורן און קליינע דערציילונגען, נאָר אויך גרויספאַרנעמיקע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק און פּיעסן, וועלכע האָבן אין סך־הכל באַטראָפן לערך אַ האַלבן מיליאָן עקזעמפּליאַרן. עס זײַנען, למשל, אַרויס קראָפּאָטקינס „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער", „ברויט און

פרײַהײַט", לואיזע מיטעלס אויטאָביאָגראַפיע, עדלשטאַטס שריפטן, רעקליוס, זשאַן גראַווס און מאַקאַיס ביכער, ראָקערס באַרימט ווערק וועגן דעם אין שפּאַניע דערמאָרדעטן פראַנסיסקאָ פערער און זײַן דערציִונג־סיסטעם און די געשיכטע פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מולטאַטולים „ליבעסבריוו", איבסענס „דער פאָלקספײַנד" און „די זײַלן פון דער געזעלשאַפט", גאָרקיס „די האַרן פון לעבן", ביכנערס „דאַנטאָנס טויט", האָלענדערס, אָסקאַר אואײַלדס, טשעכאָווס, פראַנס, האַמסונס, ניטשעס, מעטערלינקס ווערק, און פיל אַנדערע. דער גרויסער דערפאָלג פון אַט־די אַלע אויסגאַבעס איז מעגלעך געווען, ווײַל ראָקער האָט אין זײַנע וואָכנטלעכע שמועסן, רעפעראַטן און לעקציעס און אין זײַנע אָפּהאַנדלונגען און עסייען אינעם „זשערמינאַל" גערעדט און געשריבן וועגן די אַלע שאַפערס און זייערע ווערק.

זאָל דאָ, אַגב, געזאָגט ווערן, אַז אייניקע פון די דערמאָנטע ווערק זײַנען טאַקע איבערזעצט געוואָרן פון ראָקערן גופא * און די אַנדערע אַרבעטן זײַנען געמאַכט געוואָרן פון שרײַבערס אָדער שרײַבער־אָנפאַנגערס, וואָס אַ סך פון זיי האָט ראָקער צוגעצויגן און מקרב געווען און אָנגערעגט צו שרײַבן און צו איבערזעצן. דעם רוב איבערזעצונג־אַרבעטן האָט אָבער געמאַכט אַברהם פרומקין, דער מחבר פון „אין פרילינג פון ייִדישן סאָציאַליזם".

דער אונטערצי

אין 1914 איז ראָקערס פּראָקפּערדיקע טעטיקייט צווישן די ייִדישע מאַסן אין לאָנדאָן ברוטאַל אָפּגעהאַקט געוואָרן. ווי אַ דײַטשער בירגער ווערט ער דעמאָלט, נאָכן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מילחמה, אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער, וווּ ער ווערט געהאַלטן די גאַנצע צײַט פונעם מילחמה־דויער. אָבער דאָס, וואָס ער האָט פאַרזײַט במשך פון קנאַפּע 20 יאָר, ווערט נישט פאַרווישט. די שבת־יום־טובדיקײַט איז נאָכגעגאַנגען די אַלע וועלכע זײַנען געווען אָנגעהויכט פון זײַן אויפקלערונג, פון זײַן „עפענען אַ פענצטער צו דער וועלט", פון זײַן אייראָפּעיִזירן דעם ייִדישן מיזרח־אייראָפּעיִשן מענטשן און אפילו די ייִדישע ליטעראַ־

*) ראָקער אַליין האָט צווישן 1903 און 1914 איבערגעזעצט אין ייִדיש קראָפּאָטקינס „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער"; זשאַן גראַווס „די אָפּשטאַרבנדיקע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע"; מאַלאַטעסטאַס „דער וויכוח"; מאַקס נאָרדויס „דער עקאָנאָמישער ליגן"; דאָמעלאַ ניווענהויזס „די פּיראַמידע פון טיראַניי"; ניטשעס „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ"; ע. רעקליוס „דער אידעאַל פון דער יוגנט"; פריץ לעמערמייערס „האַשיש". אָריגינעל אין ייִדיש האָט ראָקער אַט־די ביכער: אַ ביאָגראַפיע פון מ. באַקונין; „די געשיכטע פון דער טעראָריסטישער באַוועגונג אין פראַנקרײַך"; דאָס שוין דערמאָנטע בוך וועגן פ. פערערע; „דער וועג צום סאָציאַליזם"; „סאָוו. סיסטעם אָדער דיקטאַטור"; „אַנאַרכיזם און אָרגאַניזאַציע", „באָלשעוויזם און אַנאַרכיזם".

טור, וואס אַ ריי פון אירע היינטיקע גדול־לים ער האָט צוגעצויגן מיטצואַרבעטן אין „זשערמינאַל“ און זיי מקרב געווען; מ׳קען זאָגן, אַז ווען נישט דאָס „קאַפּיטל לאָנדאָן“, ווער ווייסט, צי עס וואָלט גע־ווען אַנטשטאַנען די „קראָפּאָטקין־ליטע־ראַטור־געזעלשאַפט“, וועלכע האָט אַ־רויסגעגעבן פונדאַמענטאַלע סאָציאַלע ווערק אין יידיש; אויך די סאָציאַלע און פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור, וואָס איז אַ־רויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ייד׳ ראַ־ציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט און בוך־געמיינשאַפט ביי דער זעלביקער־אינסטי־טוציע, אין בוענאָס־איירעס, אונטער דער אומדירעקטער ווירקונג פון ראָקערס דינאַמישער קראַפט אין דער לאָנדאָנער עפּאָכע; און ווער ווייסט וויפל יידישע שרייבערס, וועלכע פאַרנעמען היינט פירנדיקע פּאָזיציעס אין דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע, זיינען ביודעים און בלא יודעים ראָקערס תלמידים!

ראָקער איז געווען דער פּיאָנער. סיי ווי אַ רעדנער, סיי ווי אַ שרייבער און לעקטאָר האָט ער אויסגעפורעמט מענ־טשן און פון אַ גרויסער מאַסע געמאַכט באַוווסטזיניקע קאָנסומענטן פון קולטור.

ראָקער איז נישט געווען קיין אַגיטאַ־טאָר — ער איז געווען אַ לערער; נישט קיין פּראָפּאַגאַנדיסט, נייערט אַ דער־ציער. פון דעם שטאַמט די דויערנדיקע ווירקונג פון זיין אַרבעט. ראָקערס פיגור און זיין שטאַרקע פּערזענלעכקייט האָט געצויבערט. זיין אומגעהייערע פריינעבי־קייט, זיין טיילן זיך מיט זיין וויסן און קענטעניש מיט אַן עולם וועלכער האָט אים דערפאַר גאַרנישט געקאָנט אומ־קערן, זיין אָפּגעבן זיך צו אַ קולטור און אַ שפּראַך, וועלכע איז געווען באַשרענקט אין שטח און אין קרייז, אַנשטאָט אוועק־צוגיין צו דער „גרויסער וועלט,“ ווי אַ סך יידן פלעגן טאָן — האָט געשאַפן לעגענדעס אַרום אים און צוגעגעבן זיין נאָמען אַ צויבערקראַפט, וועלכע האָט צו אים צוגעצויגן און געבראַכט צו־טרוי צו אים און צו דעם וואָס ער האָט געפּריידיקט. ווייל ראָקער האָט געווירקט נישט בלויז מיט רייד, נאָר אויך מיט מעשים און זיין באַשיידענעם לעבנ־שטייגער. נישט געקוקט אויף זיין גאַנ־צער האַרעוואַניע, זיין נישט יאָגן זיך נאָך מאַטעריעלער באַלוינונג אָדער גע־זעלשאַפטלעכער פיגורירונג איז געווען דער בעסטער אַטעסטאַט פאַר דער אויפ־ריכטיקייט פון זיינע רייד. און אַט־דעם שטייגער לעבן פירט ראָקער נאָך היינט, אין זיין 79סטן לעבנסיאָר, אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, נישט ווייט פון ניו־יאָרק, וווּ זיין יעדער אַרויסטריט אויף דער טריבונע צווישן יידן איז אַ געשעע־ניש. דאָס איז אַן אָפּגלאַנץ, אַן אָפּ־קלאַנג פון אַ שוין פאַרגאַנגענער צייט און אַ דאַנק־אויסדרוק פאַרן אומפּאַראַינ־טערעסירטן אויפטו, אַ באַווייז, אַז גוט־פאַרזייטער זוימען ברענגט גוטע פרוכט אויך נאָך צענדליגער יאָרן. זיין אויפקלערונג גייט צוזאַמען מיט קולטור און קולטור מיט פרייהייט. און אַט־די אַלע דריי זאַכן האָט ראָקער געזוכט איינצופלאַנצן

אין די מוחות פון די מענטשן, צו וועל־
כע ער האָט גערעדט, וועגן וואָס ער זאָל
אַלץ נישט געווען האָבן גערעדט.

מיט רעכט האָט ב. ריווקין געזאָגט
אין אַן עסיי וועגן ראָקערן, אַז „פאָר זײַ־
נע קינסטלערישע אימפּראָוויזאַציעס
פאַרדינט ראָקער אַן ערנבלאַט אין דער
גײַסטיקער ייִדישער געשיכטע; ער האָט
צענדליקער טויזנטער מיזרח־אייראָפּעיִ־
שע ייִדישע עמיגראַנטן געייִדישט און
אייראָפּעיִזירט און קײַן אַמעריקע זײַנען
זיי געקומען נישט נאָר אויסגעגרינטע,
נאָר זיי האָבן נאָך מיטגעבראַכט זייער
לאַנדאָנער עלית־נשמה“.

ז

זיכרונות

צ. קריטשמאַר

ב. קריטשמאַר

בוענאָס-אײַרעס

אויף אַ זאַמדיקן באָדן

אין די ייִדישע קאָלאָניעס פון ארגענטינע איז געווען אַמאָל אַ שיין און פאַרבנ־רײַך לעבן. רעשטן פונעם דאָזיקן לעבן קען מען נאָך בײַם הײַנטיקן טאָג געפינען. ס'איז אָבער דאָ אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז אַ סך שפּורן פון יענער אינטערעסאַנטער עפּאָכע װעלן מיט דער צײַט פאַרווישט ווערן און דערפאַר איז כדאי צו פאַרצייכענען יענע בילדער, וואָס האַלטן זיך נאָך אויף אין זיכרון פון די פּיאָנערן, וואָס האָבן גע־האָלפן בויען קאָלאָניעס און פאַרפעסטיקן דאָרט ייִדיש לעבן.

דאָס איז אַ פּשוטע געשיכטע פון אַ קאָלאָניסטיש ייִנגל אויף ארגענטינער ערד.

געקומען קײַן ארגענטינע איז בערל אין יאָר 1906 מיט זײַן משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבן מיטגלידער: טאַטע-מאַמע, דרײַ מיידלעך און צוויי ייִנגלעך. דער פאָטער האָט פון אַלע יאָרן געגאַרט צו זײַן אַן ערלעכער ערדאַרבעטער, אַן אַקער־בויער, און דערפאַר איז ער גלײַך פאַרפאָרן אין דער אַלטער רחבותדיקער קאָלאָניע מאָוריציע, וואָס דער שם אירער האָט זיך שוין צו יענער צײַט געהאַט פאַרשפּרייט איבער דער גאָרער ייִדישער וועלט.

בערל שטאַמט פון בעסאַראַביע, פון דער שטאָט קעשענעוו, ווו זײַן פאָטער און זײַן זיידע זײַנען געבוירן געוואָרן און ער איז קוים נײַן יאָר אַלט געווען, ווען ער איז

אנגעקומען אין דער יידישער קאלאניע מאוריציע, ווו דער פאטער זיינער איז געיוארן א פעלדארבעטער.

דער אלטער ר׳ חיים — אזוי האט געהייסן בערלס פאטער — איז געווען א שטארקער אידעאליסט פון ערדארבעט. ווען ער פלעגט זען, ארום קעשענעוו, די שיין באארבעטע פעלדער, די רחבותדיקע וויינגערטנער, די סעדער, די לאנגע ווייץ, מאיס, :ערשטן, האבער און קארן — האט ער זיי שטארק מקנא געווען, די גליקלעכע פויערים, און אים פלעגט אויסערגעוויינטלעך שטארק פארדריסן, ווען א פויער פלעגט אים פארווארפן: „ייד שווינדלער!”. אפגעגעבן האט זיך ר׳ חיים גראד מיט אן ערלעך פאך: ער, מיט זיין ווייב שרה, פלעגן מעלקן קי און פירן פארקויפן די מילך. א שווערע הארעוואניע איז עס געווען: אויפשטיין פרי פאר טאג, ווען „עס בלויט דער הימל” און דערנאך, נאכן אויסמעלקן די בהמות, אליין צעפירן די מילך צווישן די קליענטן. אבער קיין ערד, קיין אייגענע, איז ניט געווען. מ׳האט געמוזט די קי האלטן אין שטאל און האדעווען מיט פוראזש, וואס די ארומיקע פויערים האבן צוגעשטעלט. איז קיין חידוש ניט, וואס ר׳ חיים פלעגט חלומען פון א לעבן אין א יידישער קאלאניע אין ארגענטינע.

געקומען אין דער קאלאניע מאוריציע, האט די גאנצע פאמיליע זיך גענומען צו ערדארבעט, אויף דער טשאקרע פון איציקל חזן, א ייד א רירעוודיקער און אן אויסטויגער, וואס האט באארבעט געדונגענע ערד. פון די דריי מיידלעך און צוויי יינגלעך, וואס ר׳ חיים האט געהאט, איז דאס עלטסטע מיידל אלט געווען דרייצן יאר און דאס יינגסטע — אין גאנצן צוויי יאר. חוץ בערלען איז נאך געווען א יינגלהערשל, פון פינף יאר. מיט אט דער משפחה האט דער צוקונפטיקער קאלאניסט דערווייל גענומען באארבעטן א פרעמד שטיק ערד.

ווען ס׳איז געקומען שניט־צייט, איז געווען די ערשטע גרעסטע געלעגנהייט צו לערנען א טייל פון דער ארבעט ביי דער ערד. מ׳האט געשניטן דעמאלט דעם ווייץ און דעם האבער מיט בינד־מאשינען, וואס ווארפן ארויס סנאפעס. זעקס פערד פלעגט מען שפאנען אין דער מאשין, דריי הינטן און דריי פארנט, און מיט די פאדערשטע האט מען געמוזט אנטרייבן דורך א „קווארטיאדאר” (א יינגל וואס רייט אויף א פערד), וואס פלעגט אנפירן מיט דער מאשין, אונטער דעם באפעל און אויפזיכט פונעם מאשיניסט.

איז בערל געווארן קווארטיאדאר און געהאט די מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען רייטן אויף א פערד. איציק סאדאוניק, דער מאשין־אנפירער, האט דעם קליינעם בערלען ניט געשאנעוועט. פונקט ווי די מאשין, ווען זי ארבעט, רוישט און קלאפט מורא׳דיק שטארק, פלעגט ער זיינע באפעלן צום קווארטיאדאר אויסשרייען אויפן העכסטן קול און בערל האט עס שיער ניט אנגענומען ווי א זידלעריי. אבער א דאנק

דעם איז ער, בערל, שנעל געוואָרן געניט אין דער אַרבעט און ער איז געוואָרן אַ פּעיִקער רײַטער און געניטער „קוואַרטיאַדאָר".

ר' חיים מיט די מיידלעך האָט אָנגענומען דאָס „מאָנטאַנעווען" (צונויפלייגן סנאָפּעס) אין הורט, 3 פּעזעם פון אַ העקטאַר, און ער מיט די צוויי מיידלעך, חנה 13 יאָר אַלט און לאה 11 יאָר, האָבן „אויסגעמאָנטאַנעוועט דעם גאַנצן קאַמפּ. גערופן האָט מען אים „דער ייִד מיט די מיידלעך" און באַוווּנדערן פלעגט מען די שנעלקייט מיט וועלכער דער גרינער האָט צונויפגעשטעלט די סנאָפּעס. אַ ייִד מיט אַ היפּש בערדל, האָט ר' חיים אויפן קוק אויסגעזען אַ סך עלטער ווי ער איז געווען. קוים 38 יאָר, האָט מען אָבער געמיינט, אַז ער איז שוין אין די פופציקער. דערפאַר טאַקע האָט אַזוי געחידושט, וואָס ער וואַרפט די סנאָפּעס מיט אַזאַ קראַפט און ער פאַראַרבעט צוויי אַנדערע פּעאָנעס.

די קאָלאָניע מאַוּריציע איז דעמאָלט געווען אין איר סאַמע בלי־עפּאָכע. דאָס איז געווען אָנהייב 1907, קיין איין קאָלאָניסט האָט ניט געפעלט פון קאַמפּ. אומעטום האָט מען געזען שיין־פאַראַרבעטע פעלדער. ווייץ, האָבער, גערשטן, מאַיִס, ליאָן, סאָנעשניק, האָבן געוואַקסן שפעדיק און שיין. דאָס שענסטע אָבער זײַנען געווען די אַלפאַ־פעלדער, די אייביק־גרינע, וווּ עס האָבן זיך געפּאַשעט פעט־פאַרלאָדענע בהמות.

איז קיין חידוש נישט, וואָס ר' חיים האָט נישט פאַרלוירן קיין איין מינוט און זיך פאַרשריבן אין דער „אַדמיניסטראַציע", ווי אַ קאַנדידאַט געקאָלאָניזירט צו ווערן. פינף קינדער, צוויי ייִנגלעך און דרײַ מיידלעך, זײַנען געווען אַ סגולה אָנגענומען צו ווערן פאַר קאָלאָניסטן.

אין יענער צײַט האָט מען געזאָלט באַזעצן נײַע קאָלאָניסטן אויף דעם שטיק לאַנד וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „עספעראַנסאַ". איז עס געווען פעטע ערד, פרוכטבאַרע, וואָס אַלע האָבן געלעכצט נאָך איר. דאָרט האָט זיך ר' חיימען זייער שטאַרק געוואָלט, אַז מען זאָל אים געבן אַ נחלה.

אַלע האָבן שטאַרק געהאָרעוועט. נאָך דער שניט־צײַט האָט ר' חיים אָנגענומען אַ גאַנצן קאַמפּ מיט צײַטיקן מאַיִס, אָראָפּצונעמען פון זאַק. צו אָט דער אַרבעט האָט ער גענומען די צוויי עלטערע מיידלעך און אונדזער בערלען. מ'האָט זיך אײַנגעאָרדנט בײַ נפתלין אויפן קאַמפּ אין אַ גאַלפּאָן, געפירט אַן אייגענע קיך און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

געדענקט זיך דער סדר־היום: פאַר טאָג, ווען דער מאָרגנשטערן באַווײַזט זיך נאָר, שטייט מען אויף, מען מאַכט אַ טשײַניק הייסע וואַסער און מען טרינקט אָפּ טיי. צובײַסן פעלט אויך ניט. פאַראַן האַרטע גאַליעטן, וואָס אַז מען ווייקט זיי אײַן אין דער הייסער טיי, זײַנען זיי גאָר געשמאַק.

...און הייבט מען נאָר אָן צו זען דעם וועג אין קאמפּ אַריַין, גייט מען זיך אוועק אין מאַיִס־פעלד און מען הייבט אָן „ריַיסן“ די מאַיִס.

ר׳ חיים דערמאָנט זיך, אז בעת ער איז נאָר וואס אָנגעקומען מיט דער שיף און פאַרבליבן עטלעכע טעג אין אימיגראַנטן־האָטעל, ווו ער האָט געדאַרפט וואַרטן ביז ער וועט אויסקליַיבן א קאָלאָניע, וווהין צו פאָרן, האָט ער זיך געטראָפן מיט זיַי־נעם א לאַנדסמאַן, א קעשענעווער, וואס האָט דערציילט ניסים פון קאָלאָניע מאָורי־ציע, פון וואַנען, ווי ער זאָגט, ער איז קוים אַנטלאָפן א לעבעדיקער. דערציילט האָט ער אַזא מעשה: — איך קום אַרבעטן צו א קאָלאָניסט, שטעלט ער מיך אוועק „ליש־טשען“ פּאַפּעשויעס און ער צאָלט מיר דריַיסיק סענט פאַר א זאַק. און אַזוי ווי איך שטיי אין געהאַקטע וואַגן ביַי דער אַרבעט, דער שוויים רינט פון מיר, דערזע איך ווי א מויד, ריַיטנדיק אויף א ווילד פערד, טוט א לויף אָן און אָט פאָרט זי אַרויף אויף מיר און דערקוועטשט מיך. איך אַנטלויף און זי לאַכט פון מיר, דעם „גרי־נעם“, און שרעקט מיך מיטן פערד. דערזען אַזא ווילדקיַיט, אַזא לעבן, בין איך גליַיך צוריקגעפאָרן קיַין בוענאָס־איַירעס.

ר׳ חיים האָט זיך, דעם אמת זאָגנדיק, אויך דערשראָקן. לישטשען מאַיִס פאַר דריַיסיק סענט א זאַק, האָט ער געוווּסט, מוז זיַין א שווערע און שלעכט־באַצאָלטע אַרבעט.

אָבער איצט, ווען אים, ר׳ חיימען, קומט אוים אַליין צו טאָן אָט די אַרבעט, ווייסט ער שוין דעם אונטערשייד פון „לישטשען“ ביז אָפּשיילן די מאַיִס־קאַטשע־נעס. דאָס ערשטע מיינט דרעשן די מאַיִס־קערנער און דאָס טוט מען מיט גרויסע מאַשינען. מיט די הענט טוט מען א סך א גרינגערע אַרבעט: אַרויסשיילן די ציַיטי־קע מאַיִס־זאַנגען, אָדער קאַטשענעס פון דעם אויבערשטן היַיטל אין וועלכן זיי זיַינען איַינגעוויקלט. דערצו נוצט מען א „שפּולער“, וואס מען מאַכט פון א טשוואָק און מען פיַילט נאָר צו דעם שפּיץ. מיט שטיקלעך לעדער אַרבעט מען אוים דאָס הענטל, עס זאָל זיַין באַקוועם פאַר דער האַנט און מיט א פּאַסיקל ווערט דער שפּולער צוגע־פּעסטיקט צו דער רעכטער האַנט, אַזוי אַז ער ווערט גענוצט ווי א מין אָל. ווען בערל האָט דעם ערשטן טאָג נאָכגעשפּירט א היזיקן, א פּעיִקן מאַיִס־ריַיסער, און געוואָלט זען וואס פאַר א סאָרט שפּולער ער טראָגט, האָט ער דאָס פאַר קיַין פאַל נישט געקענט דערגרייכן. אַזוי שנעל האָט דער היזיקער געוואָרפן מיט די הענט, אַז בלויז א שורה מאַיִס, טונקל־גאָלדיקע, האָט מען געזען פאַלן אין דער טאָרבע אַריַין.

אויך די טאָרבע איז אָן ענין פאַר זיך. א גרינגער מאַכט זיך א קורצע טאָרבע, פון א האַלבן זאַק און זי ריַיסט אים אַראָפּ די קריזשעס, ווען די איַינעווייניקסטע משא ווערט שווערער. דאַקעגן מאַכט דער פּראַקטישער פעלד־אַרבעטער א גאָר לאַנ־גע טאָרבע, א סך לענגער ווי א געוויינלעכער זאַק, ער נייט זי אַרום נאָך מיט א

שטיק רויער פעל, אָדער מיט הארטער לאָנע, כדי זי זאָל זיך אזוי גיך ניט אויס־ רײַבן. אנשטאָט זי זאָל אראָפּהענגען און אײַנברעכן די קריזשעס, לייגט מען די טאָרבע אויף דער ערד און מען דאַרף זי נאָר שלעפּן. ווען זי ווערט פול, שיט מען איבער אין אַ זאַק און פון איין טאָרבע מאַיִס ווערט אַ סך מאָל אַ פולער גרויסער זאַק, פון די וואָס מען צאָלט פאַר זיי 40 און 50 סענט פאַר אָנקלײַבן. זיי ווערן טאַ־ קע גערופן „מאַיִס־זעק".

פאַרשטייט זיך, אַז ר' חיים מיט די מיידלעך האָבן זיך נישט אַרויסגעוויזן פונעם ערשטן מאָמענט פאַר זייער פעיִקע מאַיִס־קלײַבער. ס'איז אַ פאַך וואָס מען מוז דערלערנען. אָבער גוטער ווילן האָט זיי ניט געפעלט. בערל אָבער, כאָטש ער איז נאָך אַ קליינער וועווריק געווען, האָט געליטן דערפון וואָס ער קען נישט קלײַבן די מאַיִס אזוי גוט און שנעל ווי דער היזיקער. אין די לײַדיקע שעהן האָט ער אָבער געאַרבעט אויף אַ גוטן קונציקן שפּולער און אויך זיך באַמיט אויפצונייען אַ טאָרבע אַ לאַנגע, אַ באַקרעפטיקטע מיט לאָנע, ווי דער היזיקער פּאַסקוואַל, נישט אזוי פּינקטלעך און גוט, אָבער דאָך אַ נאָענטע קאָפּיע...

אָט אזוי האָט די משפּחה אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר חדשים צײַט בײַ דעם מאַיִס־ גערעטעניש, וואַרטנדיק אַז מען זאָל זי קאָלאָניזירן אויף דער אייגענער נחלה...

מיר קלײַבן מאַיִס און לערנען זיך די מלאָכה פון ערדאַרבעט

דער גרינער, ווען ער לערנט זיך רײַסן מאַיִס, איז די אַרבעט פאַר אים זייער אַ שווערע. אַ גאַנצן טאָג מוז ער שטיין אײַנגעבויגן, טראָגן די פולע טאָרבע מיט קאַטשענעס, צעבלוטיקן זיך די פינגער בײַם אָפּשיילן די טרוקענע און שאַרף־ שנײַדנדיקע האַרטע שאָלעכץ, אין וועלכע די מאַיִס־זאַנגען זײַנען אײַנגעוויקלט, קען־ טיק צו באַשיצן פון אַלע פּלאָגן די געזונטע, טונקל־גאָלדענע, אָדער פײַערדיק־רויטע קערנער.

ווען דער ערשטער פראָסט נעמט דורך די קאַטשענעס, ווערט דאָס שטרוי טרוקן און ווײַס. די פּרוכט איז דעמאָלט צײַטיק און גרייט אראָפּגענומען צו ווערן. אָבער שווער איז צו איר צוצוקומען און דערפאַר איז עס איינע פון די סאַמע אומאָנגע־ נעמסטע פעלד־אַרבעטן, פון וועלכע די מאַשין האָט נאָך ניט באַוויזן צו באַפרײַען דעם מענטשן.

מוז מען, הייסט עס, אָן שום קונצן, ברעכן דעם רוקן און טאָן די שווערע אַר־ בעט אין די פעלדער, אָט טאַקע אין די זעלביקע באַדינגונגען, ווי אונדזער בערל האָט זי דערלערנט מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק אויף דער פעטער ערד פון דער קאָלאָניע מאָוריציע.

די אימיגראנטן־פאמיליע האט געמוזט שווער הארעווען אויף צו פארדינען דאס שטיקל ברויט פון מאַיס־קלייבן.

בערל, דער קלענסטער פון די „ארבעטער", פלעגט זיך פארגינען צו פארקוקן זיך אויפן ארום. אלץ איז געווען פאר אים נײַ און ווונדערלעך.

אין מיטן פעלד איז געשטאנען א ווינטמיל, וואס האט רק געפאמפעט וואסער פאר די קי און פערד, פאר די הינער און קאטשקעס און אויך פארן היימישן געברויך. אין די פארטאגן, ווען דער הימל האט זיך גענומען פארבן מיט דער מארגנרויטקייט, איז פאר בערלען געווען חידושלעך־שיין צו קוקן ווי די ראד פון ווינט־מאטאר באַוועגט זיך. מינוטנווײַז האט די ראד פון דער ווינטמיל קוים זיך באוועגט, געוואלט שטיין בלייבן. נאר אט איז אונטערגעקומען א לײַכט ווינטל און די פליגל אירע צעווייעט, צעפאכעט און אונטערגעטריבן דעם ריטעם פון איר יאגן זיך אין קרײַז־לויף. דער מאנאטאנער ניגון, וואס זי האט אויסגעזונגען, פלעגט בערלען שטארק געפעלן.

מאדנע איז אויך געווען אין די שטילע בײַטאגן, אדער נאך מיטיק־צײַט, צו ארבעטן אזוי פארטראכט בײַם מאַיס־קלייבן, ווו די פלאנצונגען זײַנען העכער פון א מענטשן, און מיט א מאל זאל זיך אויפכאפן ערגעץ א „פערדיס"*), אדער א „מארטינעטע"*) און מיט א געפילדער דורכשנײַדן זיך אין איר פלי הארט איבערן קאפ. דאס ערשטע מאל האט זיך בערל רעכט דערשראקן. אבער ווען ער האט זיך געגעבן חשבון, אז א הונט איז ווו איבערגעפאלן די „פערדיס", וואס האט זיך קוים ארויסגעריסן א לעבעדיקע פון זײַנע לאפעס, האט ער שוין פארשטאנען, אז ס'איז זיך ניטא וואס צו שרעקן, אז די שרעקעדיקע איז גאר דא גאטס באשעפעניש, דאס אומבאשיצטע קוראפאטקעלע, וואס אנטלויפט פונעם יעגער...

ווען ער, בערל, האט צום ערשטן מאל געזען ווי אזא „פערדיס" האט בעת איר אנטלויפן פונעם שונא, הארט איבערן קאפ, אנגעשלאגן זיך אין שטעכעדיקן דראט וואס זי האט אין איר דערשרעק ניט באמערקט און זיך אליין געקוילעט — האט עס אויף אים געמאכט א שווערן אײַנדרוק. שפעטער האט ער זיך אליין אײַנגעוווינט צו כאפן פערדיסן און מאכן פון זיי א געשמאקן מאכל.

די פייגעלעך מיט רויטע בריסטלעך, וואס פלעגן זיך יאגן אויפן מאַיס־פעלד נאך אן אפגעשאטן קערנדל, זײַנען אויך שטארק געפעלן געווארן בערלען. בכלל פלעגט ער נאכקוקן מיט נײַגער יעדעס גאטס באשעפעניש וואס ער פלעגט אנטרעפן אינעם רחבותדיקן, מיט שפעזאטן מאַיס־פעלד.

דער פאטער בערלס, דער אלטער ר' חיים, איז געווען א ייִד א כעסן, אן אײַנ־רײַסער, וואס האט געהאט א טבע צו וועלן אײַנשלינגען די ארבעט, שטענדיק צו

*) פערדיס, מארטינעטע — מינים קוראפאטוועס.

אײַלן זיך. איז קײן חידוש ניט, וואָס דאָס לאַנגזאַמע קלײַבן די מאַיִם פּלעגט אים אויפרעגן, און זײַן עובדא איז געווען אונטערצוטרײַבן דאָס קליינוואַרג.

אין אמתן האָט זיך אָבער גאָר גיך אַרויסגעוויזן, אַז סײַ חנה, סײַ לאה, האָבן אָנגעקליבן מער מאַיִם ווי דער טאַטע. מיט די קליינע הענטלעך, די דינע פלינקע פינגערלעך, מיט זייער קינדערשער בויגעוודיקײַט, האָבן זיי זיך אַ סך שנעלער צו־געפּאַסט צום נײַעם פאַך און גיכער פלעגן זיך שיטן בײַ זיי אין די טאָרבעס אַרײַן די אָפּגעשיילטע קאַטשענעס. אונדזער בערל, דער נײַן־יאָריקער, האָט זיי קוים־קוים נאָכגעהאַלטן.

מאַיִם־קלײַבן איז איינע פון די ווייניקע פאַכן, וווּ דער היזיקער איז ממש אַ ספּעציאַליסט. פון קליינערהייט אָן גיט ער זיך דערמיט אָפּ. די האַנט זײַנע איז אויסגעמאָדולירט אַזוי, אַז דער שפּולער זאָל דאַכט זיך פון זיך אַליין אויפשנײַדן דעם האַרטן אײַנוויקל פון מאַיִם־קאַטשען, אָט דער אײַנהיל מיט וועלכער די נאַטור באַשיצט אים אין דער גאַנצער צײַט פון זײַן וואַקסן און רײַף ווערן. מענטש מוז דאָך אָבער די פּרוכט באַקומען, האָט ער זײַן גאַנצע דערפאַרונג אַרײַנגעלייגט אין אָט דעם פאַך.

שטעלט זיך פאָר: ווען אַ געזונטער, קרעפטיקער, גרויס־גופיקער אימיגראַנט קלײַבט אָן פינף זעק מאַיִם אַ טאָג, האַלט ער דאָס פאַר אַ גרויסע דערגרייכונג. און גראָד דער היזיקער, אַ קליינינקער, מיט אַן אײַנגעשרומפּן קערפּערל, קלײַבט אָן ביז 25 און 30 זעק מאַיִם אין דער זעלביקער צײַט. ער פאַראַרבעט, הייסט עס, פינף אָדער זעקס אימיגראַנטן.

איז קײן חידוש ניט, וואָס זיי, די היזיקע, פלעגן אַ מאָל לאַכן פון די „גרינ־גאָס" ווי אַזוי זיי קלײַבן די מאַיִם. מיט דער צײַט אָבער האָבן קאָלאָניסטישע יִנגלעך דאָס פאַך דערלערנט, און געווען יִדישע היזיקע אין די קאָלאָניעס וואָס האָבן דער־גרייכט די רעקאָרד־ציפער פון 30 זעק אַ טאָג און טאַקע פאַרדינט אַ סך געלט בײַם מאַיִם־גערעטעניש. און וואָלט אונדזער בערל געווען געבליבן אין דער מאַיִם־געגנט פון מאַגוריציע, וואָלט ער זיכער געווען ביסלעכווײַז זיך דערלערנט צו אַ ספּעציאַליסט אין מאַיִם־קלײַבן, אָט ווי אָרעש, למשל, יתומס זון פון לעבן אַלגאַראָבאַ. אָבער דער גורל האָט אים צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן פאַרטראָגן אין אַן אַנדער קאָלאָניע, וווּ מאַיִם איז נישט געראָטן.

אַ פּעולה האָט אָבער פאָרט געהאַט דער לערן־פּעריאָד בײַם מאַיִם־קלײַבן; די הענט זײַנען געהאַרטעוועט געוואָרן, דער רוקן פלעגט מער נישט ברעכן בײַם נאָכ־שלעפּן אַ פולע טאָרבע מיט מאַיִם־קאַטשענעס. מ'האָט זיך אויך צוגעוווינט צו לעבן ווײַט פון אַ ישוב, צו זײַן אַליין דער אַרבעטער, אַליין דער קוכער; צוגרייטן זיך אַן

אָרעמען מיטיק און אָוונטברויט און היימיש ווערן מיט אַלע קלייניקייטן וואָס האָבן א שייכות צום קאָלאָניסטישן לעבן.

גאָרטנוואַרג אין דער יידישער קאָלאָניע

גאָרטנוואַרג, אַז עס געראָט גוט, גיט עס אַן אויסערגעוויינלעכע שפע אין פּראָדוקטן. וואָס שייך אָבער אָפּלייזן ביים פאַרקויפן דאָס גערעטעניש — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. בערלס פּאָטער, דער אַלטער ר' חיים, האָט זיך גאָר גיך געגעבן רעכענונג, אַז די אָפּשיטעניש פון קאָווענעס, מעלאָנעס, אוגערקעס און קאַבאַקעס, חוץ פאַרשיידענע גרינצייג, איז נאָך ווייט נישט קיין ברכה, ווען ס'איז נישטאָ וועמען צו פאַרקויפן דעם פּראָדוקט. פירן אין שטעטל אַריין איז געווען אַ ביסל ווייטלעך, אָבער דאָס וואָלט קיין אָפּהאַלט ניט געווען, אויב מען זאָל נאָר דאָרטן קענען אָפּלייזן אַ גוטן פּריַיז. איז אָבער דאָס גערעטעניש געווען גרויס אין דער גאַנצער געגנט און פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעפּירט וועגענער גאַנצע, אַזוי אַז דאָס קליינע שטעטל קאַרלאָס קאַסאַרעס — אין 1907 — האָט נישט געקענט אַזוי פיל פאַרברויכן.

האָט ער, אונדזער גערטנער־אימיגראַנט, געזוכט קליענטן צווישן די קאָלאָניסטן גופא, און זיי טאַקע געפונען. געווען איז דעמאָלט די קאָלאָניע מאָוריציע פול מיט קאָלאָניסטן. גרויסע איינגעפונדעוועטע משפחות, מיט יידישע פעלדאַרבעטער, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גאָר היפשע באַפעלקערונג. און ווייל די קאָלאָניסטן האָבן קיין געדולד ניט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיטן האַדעווען גאָרטנוואַרג, מיט פלאַנצן און אָפּהיטן אַ ציבעלע, אַ הייפּטל קרויט, אַ בוריק, צי אַ קאָווען אָדער מעלאָן, פלעגן זיי קויפן ביי די „גרינע", וואָס האָבן זיך דערמיט ספּעציעל באַשעפטיקט. ס'האָט ניט געפעלט קיין קריטיק אויפן חשבון פון די קאָלאָניסטן: „ס'טייטש, נישט האָבן קיין אייגן שטיקל גרינוואַרג!", אָבער זיי, די מאָוריציער פויערים, האָבן זיך געהאַט זייער צוגאַנג. זיי האָבן געטענהט: פאַראַן מער איינטראָגלעכע געביטן אין דער לאַנדווירטשאַפט.

וואָס דאַרפט איר מער: בערלס פאָטער האָט אויך אַ סך מאָל געהאַט טענות צו די קאָלאָניסטן פאַר דעם דאָזיקן פעלער זייערן. אָבער געטאָן האָט ער עס נאָר ביז וואַנען ער האָט גענומען אַרומפירן מיטן וועגעלע זיין גאָרטנוואַרג צום פאַרקויפן. ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען ער האָט דערזען וואָס פאַר אַ פּרייזן די קאָלאָניסטן באַטן אָן. פאַר 5 סענט גיב זיי אַ קאָווען; פאַר 50 סענט — אַ מאה אוגערקעס צום זייערן. און קאַבאַקעס — צו צוויי פאַר 5 סענט. שפּעטער האָט מען שוין געוואָלט דריי און נאָך דעם איז גאָר אין גאַנצן קיין קונה נישט געווען אויף זיי. האָט ער געזען, ר' חיים, אַז מאָוריציער קאָלאָניסטן זיינען גערעכט: איי־

דער צו בייגן און ברעכן דעם רוקן בײַם פּראָשעווען דעם גאָרטן, איז גלײַכער פּאַר אַ פּאָר סענט אײַנצוהאַנדלען דאָס בעסטע גרינוואַרג אויף אַ גאַנצער וואָך. די אַלפּאַלפּאַ, דער ווייץ, די מאַיִס, גיבן אַ גרעסערן פּראָפיט און ווינציקער אָנשטרענגונג.

אַ שווער שטיקל אַרבעט איז געווען אַרומצופאָרן איבער דער קאָלאָניע מיטן ווענעלע קאַווענעס. אָבער די אַרבעט אַליין וואָלט נאָך געווען צו דערלײַדן. דאָס לייזונג איז געווען אַ קנאַפּס און די משפּחה האָט קוים באַוויזן זיך דורכצולעבן. פון אָפּשפּאָרן אַ פּאָר פּעזעס, וואָס מען דאַרף זייער נייטיק האָבן צום קאָלאָניזירן זיך, איז שוין אָפּגערעדט. ר׳ חיים פלעגט פרי, פאַר טאָג, אָנלאָדן דאָס ווענעלע מיטן פּראָדוקט, וואָס מערער אַלץ בעסער, און אין זײַן מאַרשרוט אויסמאַרקירן, אַז יעדן טאָג זאָל ער דורכפאָרן אַן אַנדער „גאָס"*), כדי צו באַדינען זײַנע קליענטן. טייל מאָל פלעגט בערל מיטפאָרן מיטן פאָטער און העלפן פאַרקויפן די קאַווענעס, די מעלאָנעס און דאָס גרינוואַרג. דאָרט האָט ער געזען ווי די שענסטע פּרוכט, גאָטס גאָב, ווערט אַזוי נישטיק-וואָלוול, אָן אַ ווערט, אַז עס רײַסט פּשוט דאָס האַרץ.

געווען זײַנען קאַווענדלעך וואָס בערל פלעגט זיך מיט זיי באַזונדערס צאַצקען, פון קליינערהייט אָן. ער האָט זיי געזען בליִען, זיך צוגעקוקט ווי דאָס בלימל טרוקנט אָפּ, דאָס קאַווענדל צעוואַקסט זיך, ווערט פולער, בײַכיקער און נאָך דעם קריגט עס אַזאַ געזונטן גלאַנץ, אַ בלענדיקן, וואָס דערמאָנט אין קראַפט, אין איבערגעלאָדנקײַט, אין לעבנס-ענערגיע... ער, בערל, האָט זיך געפילט איין משפּחה מיט די דאָזיקע געבענטשטע פּרוכטן, וואָס די נאַטור גיט אַרויס, און אים פלעגט דערפאַר שטאַרק קרענקען וואָס לײַט האָבן ניט די זעלביקע מיינונג וואָס ער, וואָס מען וואַרפט זיך גאָר מיט זײַנע שיינע קאַווענעס, די צערטלעך אויסגעהאָדעוועטע.

נאָך אַזאַ טאָג, ווען שפּעט אין אָוונט האָט מען זיך אומגעקערט אַהיים, מיט עטלעכע פּעזעס לייזונג, פלעגט בערל פּרוּוון אײַנריידן דעם פאָטער, ער זאָל אים לאָזן בעסער אַרבעטן אויף דער „קינטע", ווו עס איז דאָ אַ סך צו טאָן, מחמת בײַם אַרומפאָרן איז גענוג איינער, און ער, בערל, ברענגט סײַ ווי דאָרטן קליינע נוצן. איז דאָס ייִנגל שוין געבליבן אויף מאָרגן אויף דער קינטע און געאַרבעט בײַם רייניקן די גראָזן, בײַם אָפּהיטן די געוויקסן און ווידער זיך אײַנגערעדט, אַז אַלץ איז חשוב און ווערטיק, און זיך געשפּיגלט אין די שענסטע קאַווענעס און מעלאָנעס, וואָס זײַנען רחבותדיק געלעגן צעשפּרייטע איבערן פעלד.

---

*) „גאָס" — מיינט אַ טייל פון דער קאָלאָניע.

דער „באַשטאַן"

בערל האָט דערקענט די קאַווענעס לויט די קערלעך וואָס מ'האָט פאַרזייט. די פּאַרטיקע קאַווענעס זיינען געווען אויסגעמאָלט אויפן פּאַפּיר ווי די קערלעך זיינען געווען פּאַרפאַקט. אוודאי זיינען די פּירות שטענדיק שענער אויסגעמאָלטע אויפן פּאַפּיר, ווי אין דער ווירקלעכקייט. אָבער ביי אַזאַ גערעטעניש־יאָר קען זיך טאַקע מאַכן, אַז אין דער אמתן זאָלן די פּרוכט נאָך זיין שענער, ווי דער מאָלער האָט זיי אָנגעצייכנט אויף די פּעקעלעך זריעה־קערלעך. אָט אַזוי איז טאַקע געווען. בערל פלעגט וויסן ווי יעדע פרוכט געפינט זיך און לויט דעם קאָליר האָט ער געטראָפן צי איז דער קאַווען א זיסער, צי האָט ער קליינע אָדער גרויסע קערלעך, צי איז ער געגוג רויט, אָדער ער פאַלט אַריין אין א געלבלעכן קאָליר.

געווען זיינען אויפן באַשטאַן אַזאַ סאָרט קאַווענעס, נישט קיין גרויסע, אָבער זייער רויטע און זיסע. דער פאָטער האָט געבראַכט אין א פּעקעלע, אָן אויפשריפט, א קליין ביסל קערעלעך, וואָס זיינען געווען אַזעלכע פּיצעלעך, אַז מ'האָט זיי קוים געקענט אָננעמען מיט די פינגער. א העלפט די גרוים ווי רייז־קערנדלעך. אָט די זריעה האָט מען פאַרזייט שפּאַרעוודיק, צו צוויי קערלעך אין א גריבל, און דערפאַר זיינען געווען גאָר א גרויסע צאָל „אָדענעס"*). עס זיינען דערנאָך אויסגעוואַקסן קאַווענעס וואָס האָבן געהאַט טעם גן־עדן — אַזוי פלעגן די ווייבער זאָגן — און זייער זיסקייט האָט גאָר קיין שיער ניט געהאַט. די משפחה פלעגט גאָר קיין אַנ־דערע קאַווענעס ניט נעמען אין מויל אַריין. און געווען איז פון זיי אַזוי פיל, אַז עס האָט געקענט קלעקן אויף יאָרן.

בכלל איז געווען א מחיה אָנצוקוקן ר' חיימס קינטע: שאַרף גרינע בלעטער פון אוגערקעס, פון מעלאָנעס, העל גרויע פון קאַווענעס, אויסגעמישט מיט א ים בלויעכצן פון אַלערליי קאָלירן. די שפּיצן פון די אָדענעס, מיט ספּיראַלע בינד־עקן, זוי פון קריך־פלאַנצן, האָבן זיך געריסן צום הימל אַרויף. די מעלאָנעס האָבן זיך געצייטיקט לאַנגזאַם און דער געלער קאָליר האָט עדות געזאָגט אויף זייער רייפקייט. די סאַמע בעסטע מעלאָנעס, די זיסטע, די קאַשיקסטע, פלעגן פון פעטקייט און פון רחבות פּלאַצן און מען האָט זיי שוין ניט געקענט פירן פאַרקויפן. דערפאַר אָבער זיינען זיי צום עסן תיכף, אויף דער קינטע גופא, געווען אויסגעצייכנט: זיי זיינען צעגאַנגען אין מויל פון זיסקייט.

איז קיין חידוש ניט, וואָס די אימיגראַנטן־פאַמיליע האָט גאָר ווייניק אויסגע־געבן אויף שפּייז: פונעם באַשטאַן האָט מען זיך דערנערט. און ווייל מ'האָט אויס־

*) „אָדענעס" — צווילינג־פלאַנצן, צוזאַמענגעוואַקסענע.

געקליבן דאָס בעסטע, האָט עס צום געזונט ניט געשאַדט. וואָס אַ טאָג האָט מען געקענט עסן אַלץ מער קאַווענעס און מעלאָנעס — משמעות זיך שטופּנווייז צוגעוווינט. וואָלט אַ „גרינער“, אַזאַ וואָס ווייסט נישט „מיט וואָס מען עסט עס“, זיך צוגעכאַפּט צו ר' חיימס באַשטאַן, וואָלט ער שוין געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. אָבער די משפּחה האָט גוט אָפּגעקליבן די פּרוכט, און דערפאַר געוואָרן די גרעסטע פאַרברויכער פון דער אייגענער פּראָדוקציע.

האָט מען טאַקע דערקענט אויף זייערע פּנימער: בערל, די צוויי עלטערע שוועסטער, דאָס ברודערל און דאָס קלענסטע דריי־יאָריקע שוועסטערל, האָבן אַלע באַקומען פולע בעקלעך און געשיינט ממש פון גבורה. ס'האָט זיי „פאַליובעט“, פלעגט די מוטער זאָגן; און זי אַליין האָט זיך אויך היפּש פאַרריכט פון די גוטע זאַכן וואָס מען פלעגט אַלע אָוונט אַהיימברענגען פונעם באַשטאַן.

געוווינט האָט די משפּחה עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון דער קינטע, אינעם אַלטן סאַד פון קאָלאָניסט משה לייב. אַ גאַנצן טאָג פלעגט מען זיך אויפהאַלטן אויפן באַשטאַן און דאָרטן טאַקע געהאַט אויסגעבויט אַ מין שטיבל, וואָס ר' חיים האָט גערופן „בורדעי“. מ'האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב, אַ מעטער די טיף און דריי די לענג אויף דריי די ברייט, געמאַכט אַ דאַך פון שטרוי און אים געלייגט טאַקע האַרט איבער דער ערד, נאָר מיט אַ שפּיץ אין מיטן, אַז דאָס וואַסער זאָל אָפּרינען אין ביידע זייטן. אָט דער בורדעי פלעגט נוצן אויף אָפּצורוען זיך, ווען מען האָט מיטיקצייט אוועקגעלייגט די אַרבעט און אויף צו באַהאַלטן שפּייז און נייטיקע מכשירים.

אָט דעם בורדעי פלעגט בערל רעכט ניט אָנקוקן. אָבער איין מאָל איז אים אויסגעקומען דאָרט צו ווערן אַ היימישער. געשען איז עס אַזוי:

יעדן אָוונט פלעגט דער פאָטער קומען מיטן וועגעלע אים אַהיימנעמען. איין אָוונט אָבער איז ר' חיים נישט געקומען. אין אָנהייב האָט בערל געמיינט, אַז דער פאָטער האָט פאַרשפּעטיקט און ער וועט מסתמא באַלד אָנקומען. שפּעטער, אַז ער האָט געזען, אַז די נאַכט פאַלט צו, האָט ער, בערל, זיך גענומען גיין אַהיים צו פוס. קיין גוטער וועג איז נישט געווען, נאָר אַ שטעגל, וואָס ביי טאָג האָט מען עס גוט אָנגעזען. ביי נאַכט אָבער איז געווען שווערלעך צו דערקענען. וואָס ווייטער איז פינצטערער געוואָרן און בערל האָט גענומען פאַרבלאָנדזשען. געגאַנגען איז ער איבער אַ קאַמפּ, וווּ מען האָט ניט לאַנג אָפּגעשניטן דעם ווייץ. ער האָט געפילט, אַז ער טרעט אויף דער „סטערנע“. צום גליק האָט ער דערזען צוויי סטויגן און דאָס האָט אים אָריענטירט. ער איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ האַלבן וועג. לויט איינעם אַ סטויג, האָט ער אויסגעמאַרקירט די ריכטונג, אין וועלכער ער דאַרף גיין, און זיך געלאָזט האַסטיק שפּאַנען. אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך פון ערגעץ אָנגערוקט און פייערדיקע בליצן האָבן דורכגעשניטן דעם דרום־האָריזאָנט, אָט־אָט און אַ שלאַקס־

רעגן פארכאפט אים אין מיטן וועג. דער 10־יאריקער בערל האט, דעם אמת געזאגט, א ביסל מורא געקראגן. אבער אט זעט ער שוין די שטוב. נאר ווי פארחידושט ווערט ער, ווען הינט באפאלן אים. זיינע הינט לויפן דאך אים אנטקעגן מיט א פרייד. פארשטייט ער שוין, בערל, אז ער האט פארבלאנדזשעט. ווען ער קוקט זיך גוט איין אין דער פינצטערניש, זעט ער, אז דאס איז די געוועזענע קעז־פאבריק, וווּ דער קאלאניסט משה־ליב ווינט איצט און טאקע דערביי געפינט זיך זייער באשטאן מיטן בורדעי. דערווייל האט אנגעהויבן צו רעגענען און בערל האט קיין אנדער ברירה נישט געהאט ווי איבערצווענעכטיקן אינעם בורדעי. ער האט זיך ווי עס איז אויסגעבעט מיט ליידיקע זעק און שמאטעס און א מידער באלד איינגעשלאפן. דאס האט אבער, ווייזט אויס, נישט לאנג געדויערט, מחמת א דערשראקענער האט ער זיך אויפגעכאפט אן איינגעטונקענער אין וואסער און בלאטע: דער בורדעי האט זיך גענומען אנפילן מיט רעגן־וואסער, וואס האט געפלאסן פון אלע זייטן. געווען טאקע יענע נאכט א שרעקלעכער גאס־רעגן.

אט אויף אזא אופן האט בערל אויך געפרווט איבערנעכטיקן איינער אליין אין א בורדעי, אין מיטן פעלד, צווישן שרעקלעכע בליצן און דונערן, ווען עס האט זיך אויסגעוויזן אז די וועלט גייט אונטער. זאגן, אז ער האט קיין מורא נישט געהאט — וואלט געווען אין גרונט פאלש. ער איז געווען שטארק דערשראקן און ער האט זיך אין א ווינקל איינגענורעט אין דער פאנטשע און געווארט עס זאל ווערן טאג. יענע נאכט האט זיך געצויגן גענוג לאנג.

די פעלדער זיינען אבער נאכן רעגן אזוי שיין געווען, די דערבייאיקע אלפא האט אזוי געשמעקט, די אויסגעוואשענע קאווענעס און מעלאנעס — גע־גלאנצט קעגן דער אויפגייענדיקער זון, אז בערל האט שנעל פארגעסן דעם דאזיקן עפיזאד.

אויף אייגענער נחלה

ארבעטן ביים אראפנעמען דאס גערעטעניש, קלייבן מאיס, קולטיווירן גארטנ־ווארג — דאס איז געווען דער סדר־הלימוד, וואס די אימיגראנטן־פאמיליע האט דורכגעמאכט אויף די פרוכטבארע ערדן פון דער קאלאניע מאוריציע. געווען אויך זייטיקע ארבעטן, ווי אקערן, בראנעווען, זייען. אבער אינעם פיר העקטארריקן גארטן, האט בערלס פאטער, ר׳ חיים, זיך אויסגעלערנט איינשפאנען דעם פלוג אויפן ארגענטינער שטייגער, בראנעווען גוט די ערד, אזוי אז זי זאל ווערן ווייך, אן גרוד־דעס. שפעטער־צו איז אויסגעקומען אויך בערלען צו אקערן א לענגערע צייט מיט א זייע־פלוג, אין וועלכן עס זיינען געגאנגען געשפאנט פיר פערד. דערמיט איז,

דוכט זיך, דער קורס געווען אַ פֿולשטענדיקער און מען איז געווען ראוי צו ווערן קאָלאָניזירט.

ר' חיים האָט תיכּף זיך פֿאַרשריבן אין דער יק"א-אַדמיניסטראַציע פֿון דער קאָלאָניע, אַז מען זאָל אים קאָלאָניזירן. געוואָלט האָט ער, אַז מען זאָל אים געבן אַ נחלה אין דער געגנט פֿון עספּעראַנסאַ, וואָס גרענעצט זיך טאַקע מיט מאָוריציאָ און וווּ די ערד, שמועסט מען, איז זייער פּרוכטבאַר.

אמת, אויף יענע לענדערייען האָבן געשאַרפֿט די ציין גאָר אַ סך בעלנים: ראשית, האָבן קאָלאָניסטישע זין אַרויסגעקוקט מיט טויזנט אויגן אַז מען זאָל זיי דאָרט קאָלאָניזירן. די יק"א האָט נישט געהאַט דאַקעגן, אָבער לויטן רעגלאַמענט האָט זי נישט קאָלאָניזירט קיין בחורים. האָבן זיך די ניט־חתונה־געהאַטע באַקלערט, אַז מען קען דעם ענין דערליידיקן און קריגן ביי דער יק"א אַ קאַמף. אין יענער צייט איז אַ קאַמף געווען אַ סערן און אַ מיידל פֿלעגט זיך ניט אָפּזאָגן חתונה צו האָבן מיט אַ בחור וואָס וועט אין גיכן קאָלאָניזירט ווערן אויף אַן אייגענער נחלה. האָט פּאַסירט אַז ייִנגלעך פֿון 17 אָדער 18 יאָר, האָבן חתונה געהאַט נאָר און אויסשליסלעך צוליב דעם, אַז מען זאָל זיי געבן אַ קאַמף אין עספּעראַנסאַ.

אויך צווישן די אימיגראַנטן זיינען אַ סך משפּחות געבליבן אומצופֿרידן. אַ גרויסע צאָל האָט נישט זוכה געווען קאָלאָניזירט צו ווערן אויף גוטן באָדן, נאָר אין אַן אַנדער קאָלאָניע. אויך ר' חיים מיט זיין מישפּחה האָבן באַקומען אַזאַ צוזאָג, נאָר נישט קיין נחלה אין עספּעראַנסאַ, ווי עס איז געווען זייער הייסער ווונטש.

ס'איז געווען סוף 1909, ווען בערלס משפּחה האָט באַקומען די מעלדונג, אַז זיי ווערן איינגעאָרדנט אין דער קאָלאָניע נאַרסיס לעווען, לעבן שטעטל בערנאַסקאָני, אין צענטראַל־פּאַמפּאַ. דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געוווּסט וואָס פֿאַר אַ סאָרט ערדן דאָרט זיינען, אָבער ס'האָט פֿאַרדראָסן, למאי פֿאַרשלעפּן זיך אַזוי וויַיט, ווען דאָ נאָענט, ביי דער האַנט, זיינען דאָ אַזעלכע גוטע פֿעלדער...

די אימיגראַנטן, מוז מען זאָגן, וואָס האָבן פֿאַרזוכט אַרגענטינע אין מאָוריציאָ, געלערנט זיך דאָרט ערדאַרבעט, האָבן געמיינט, אַז אומעטום איז דער באָדן אַזאַ פֿעטער, אַזאַ זאַפֿטיקער און פּרוכטבאַרער ווי אין דער געבענטשטער קאָלאָניע. זיי האָט נאָר געאַרט דער מהלך, און ווער ווייסט ווי וויַיט פֿון אַ ישוב דאָס איז. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ערד איז אין נאַרסיס־לעווען לאַין ערך ערגער, ממש אַן אונטערשייד ווי פֿון טאָג ביז נאַכט.

נאָר דערוויַיל, ווען די נייַע קאָלאָניסטן האָבן צום ערשטן מאָל באַטראַכט די פּאַמפּער ערד, איז געווען פֿרילינג־צייט. דער באָדן איז געווען באַדעקט מיט אַזאַ בליִענדיקן גראָז, וואָס האָט זיך געוויגט אונטערן באַריר פֿון לייַכטן ווינטל, זיך גע־כוואַליעט מיט אַזאַ רויטלעכן קאָליר און אויסגעזען פֿון דער ווייַטנס ווי אַ זיַידן

טוך, וואָס פּלאַטערט אינעם ווינט. ס׳איז געווען אַנגענעם שמעקעדיק אין די פּעל־דער, מחמת אין יענעם יאָר האָט געגוג גערעגנט און פּאַמפּער ערד האָט אַרויסגע־געבן מיט דער פולער האַנט אַלערליי געוויקסן.

בערלען איז די נייַע היים שטאַרק געפעלן געוואָרן. זייער טשאַקרע האָט זיך געפונען אויף דער „פּערטער גאַס", „לאַטע"*) צוואַנציק, אַן ערד דרייַסיק קילאָמע־טער פון שטעטל בערנאַסקאָני. געווען זייַנען נאָך ווייַטערע קאַמפּן. מ׳האָט אָבער דעם קאַנדידאַט קאָלאָניזירט צו ווערן נישט געפרעגט ווו עס געפעלט אים בעסער, איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען ווי אייַנצושטימען מיטן גורל.

די שטיבלעך זייַנען אַלע געווען אַלץ איינע. אין גאַנצן פון צינקענע בלעך, סייַ דער דאַך, סייַ די ווענט. אַזוי ווי די פּרילינג־זון פלעגט היפּש באַקן, האָבן זיך די בלעכן אָנגעגליט און ס׳איז געוואָרן היים אינעווייניק ווי אין אַ קאַלך־אויוון. דאָס האָט באַוויזן דעם אַלטן ר׳ חיים אָנצוהייבן באַלד די אַרבעט פון אַרומלייגן די בלעכענע ווענט מיט „וואַלקעס". מ׳האָט אויסגעצויגן דראָט פון אינעווייניק אויף אַ 6 צענטימעטער פונעם בלעך און צווישן דעם דראָט און דער וואַנט געלייגט די וואַלקעס, וואָס מ׳האָט אויסגעקנאַטן פון בלאָטע מיט שטרוי. ערד האָט מען טאַקע גענומען נאָענט לעבן שטיבל. שטרוי האָט מען באַקומען אין קאַמפּ פון די גרויסע פאַרטריקנטע קוסטעס, און אַזוי האָט מען עס גענוצט אַנשטאָט ציגל אויף צו מאַכן גרעבער די ווענט און צו באַשיצן זיך קעגן דער גלייַקער היץ, וואָס די בלעכן גיבן אַרויס פון זיך.

אַז מען האָט אין גאַנצן אויסגעוואַלקעוועט די ווענט, האָט מען צוגעוואַרט זיי זאָלן זיך אָפּטריקענען; נאָך דעם האָט מען געטינקעוועט די ווענט, אויסגעגלייַכט מיט אַ ברעטל און שפּעטער־צו איז מען איבערגעגאַנגען מיט קאַלך. איז דאָס שטיבל געוואָרן אי ריין, ווייַס, אי קיל — אַ מחיה.

געוווּסט האָט מען, אַז די בלעכן וואָס ברענגען זומערצייַט שטאַרקע היץ, זייַנען, פאַרקערט, אויפן ווינטער אויסערגעוויינלעך קאַלט און מען קען זיך דאַרטן ניט באַ־שיצן. זייַנען די „וואַלקעס" געווען אַ סגולה אי קעגן היצן, אי קעגן קעלטן.

בערל האָט געהאָלפן בייַם אויסוואַלקעווען און קאַלכן דאָס שטיבל, געקנאַטן ליים, געטראָגן וואַסער, געטאָן אַלץ, אַז מען זאָל עס וואָס גיכער פאַרענדיקן, כדי צו נעמען זיך צו דער אַרבעט אין פעלד.

וואַסער איז געווען ווייניק. מ׳האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט, אַז דער ברונעם איז צו טיף: עפּעס מער ווי זיבעציק מעטער צו דעם וואַסער. געווען אין קאָלאָניע נאָך טיפערע ברונעמער. אָבער ער, בערל, האָט געזען, אַז טיפער דאַרף מען שוין

*) „לאַטע" — ערד־חלק.

גאָר ניט. דער שטריק, ווען מען לאָזט אים אַראָפּ ביזן וואַסער, איז אַזוי שווער, אַז ער אַליין וועגט מערער ווי דער פולער עמער וואַסער. מוז מען נעמען אַ פערד, צו דער „סינטשע" צובינדן דעם שטריק, און פּאַמעלעך אַרויסשלעפּן דעם עמער. אַזוי ווי דער וועג איז אַ לאַנגער, טרייסלט זיך דער עמער, אַז ער פאַרלירט אַ העלפט פון דעם וואַסער ביז וואַנען ער קומט אַרויף. ביים אַראָפּלאָזן צוריק אין ברונעם אַריין, מוז מען דעם שטריק ציִען אויף כוח, ווייל דער עמער אַליין, אַ ליידיקער, האָט ניט גענוג וואָג אויף צו שלעפּן אַ שטריק פון זיבעציק מעטער די לענג. איז עס גאָר אַ שווער שטיקל אַרבעט געווען, דאָס שלעפּן וואַסער פאַר די וואַלקעס און אויך אויף אָנצוטרינקען די פּופּצן פערד און צוויי קי, וואָס יעדער קאָלאָניסט האָט באַקומען.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס דאָס וואַסער אינעם ברונעם פלעגט זיך שנעל אויסשעפּן. האָט מען געמוזט וואַרטן אַזוי לאַנג ביז וואַנען ס'איז פון דאָס נייַ אָנגעלאָפן וואַסער פון די שוואַכע קוואַלן דאָרט אין דער טיפעניש. אַזוי ווי דער ברונעם האָט געדאַרפט באַטיילן צוויי קאָלאָניסטישע פאַמיליעס, איז פון דער ערשטער וואָך אָן געוואָרן אַ מאַנגל אין וואַסער און איין שכן פלעגט זיך פעדערן אויסצושעפּן דאָס טייערע פליסיקייט, איידער אַנדערער דער האָט עס געטאָן.

אַ היפּשע צייט האָט מען זיך אָנגעפּלאָגט, ביז די קאָלאָניע האָט אויסגעווירקט, אַז מען זאָל אויף יעדן ברונעם אַוועקשטעלן אַ ווינטמיל אויף צו פּאָמפּען דאָס וואַסער. גלייכצייטיק האָט מען מיט אַ בויער־מאַשין דערגראָבן אַ 20 מעטער טיפער, אַזוי אַז עס זאָל קלעקן וואַסער פאַר ביידע שכנים. די ערשטע צייטן האָט מען אָבער געמוזט זיך אונטערגאַרטלען און שעהנלאַנג שעפּן צו ביסלעך וואַסער פונעם טיפן ברונעם. בערל, וואָס איז געווינט געוואָרן אין מאַוריציע אַרויסצוציִען אַן עמער וואַסער אין אַ האַלבער מינוט, פון אַ ברונעם וואָס איז דריי מעטער די טיף, איז גאָר־נישט צופרידן געווען פון אַזאַ אַרבעט, וואָס אויף איר, מוז מען זאָגן, האָט ער זיך גאָר נישט גערעכנט.

אַזוי ווי עס איז אין יענעם יאָר שוין צו שפּעט געווען צו פאַראַקערן דאָס פעלד, האָט ר' חיים פאַרדונגען בערלען פאַר אַ „קוואַרטיאַדאָר" קיין וויזשאַ אַלבאַ, די נאָענטסטע ייִדישע קאָלאָניע. יאָ, אָט די וויזשאַ אַלבאַ, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט עקסיסטירט זינט אַ שיינע פּאָר יאָר, איז געווען דער ריכטיקער שפּיגל פאַר די נאַרסים לעווענער קאָלאָניסטן, ווי עס וועט ביי זיי אויסזען, ווען זיי וועלן די פעלדער באַאַרבעטן. און דאָרט, אין וויזשאַ אַלבאַ, איז דאָס גערעטעניש יענץ יאָר געווען זייער אַ גוטס. הונדערטער און הונדערטער העקטאַרן ווייץ זיינען געשטאַנען גרייט צום שניט און די נייַע קאָלאָניסטן האָבן געהאַט וווּ צו אַרבעטן פון טאָג — ביים אַראָפּנעמען דעם ווייץ.

בערל איז אָנגעקומען ארבעטן צו ליב פעלדמאַנען, א יונגער קאָלאָניסט, א זייער פעיִקער וואָס האָט באַארבעט אפשר דריי הונדערט העקטאר מיט תבואות. גע־קויפט האָט ער יענע יאָר צוויי נייע שנייד־און דרעש־מאַשינען וואָס מען האָט גע־רופן „אויסטראַליאַנקעס", וואָס האָבן אין דער פּאַמפּע די ערשטע יאָרן געגעבן א זייער גוטן רעזולטאַט. בערל איז געפאָרן רייטנדיק און אָנגעפירט די פאָדערשטע פערד. דאָס פאַך האָט ער שוין געקענט פון פריִער, אין מאַוריציע, ווו ער האָט „אָנ־געפירט" מיט א בינד־מאַשין, אזא וואָס שניידט און בינדט אויס סנאָפּעס.

דער 13־יאָריקער בערל האָט זיך צוגעקוקט צום גערעטעניש, צו די פולע און שווערע זאַנגען און ער האָט דערפון געדרונגען, אז אויך ביי זיי, אין נארסיס לעווען וועט אזוי געראָטן די תבואה. ער האָט שוין שיער ניט פארגעסן אין דער שווערער ארבעט ביים שעפּן די וואַסער, און מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דער צייט, ווען אויך ביי זיי אויף דער נחלה וועט אריינפאָרן די שיינע אויסטראַליאַנקע־מאַשין און ארויסוואַרפן פארטיקע זעקלעך אויסגעדראָשענעם ווייץ.

ווען בערל האָט פארענדיקט די ארבעט און באַקומען אויסגעצאָלט די 70 פּע־זעס פאר א קנאַפּן חודש לוין, איז ער שטאָלץ געווען ניט נאָר דערמיט וואָס ער איז שוין א פאַרדינער, נאָר ווייל ער ווייסט שוין ווי אזוי צו שניידן און צו דרעשן ווייץ; ער האָט אויף קיין איין מינוט ניט פארלוירן פון אויג די מאַשין און זיך רק צוגע־קוקט וואָס דער מאַשיניסט, ליב פעלדמאַן, טוט, ווי ער איז זיך נוהג ביי יעדער קלייניקייט, כדי צו וויסן וואָס ער וועט דארפן טאָן, ווען ביי זיי אין דער קאָלאָניע נארסיס לעווען וועט צייטיק ווערן דאָס גערעטעניש.

עס וואַקסט דער נייער יישוב

די נייע קאָלאָניע נארסיס לעווען האָבן די יִדישע קאָלאָניסטן פון וויזשאַ אַלבאַ גערופן „עסמעראַלדאַ". אָט דער נאָמען שטאַמט נאָך פון דער אַלטער עסטאַנ־סיאַ, וואָס האָט זיך אויף יענעם פּלאַץ געפונען און וווּ די יִדישע פּיאָנערן פון דער פּאַמפּע, בעת זיי האָבן נאָר וואָס געהאַט געגרינדעט די קאָלאָניע אין וויזשאַ אַלבאַ, (אויף ערדן פונעם גוט־באַזיצער שטרוידער) האָבן געארבעט ביים פלאַנצן דעם גרויסן סאָד פון „עסמעראַלדאַ", מיט אַלערליי פרוכטביימער.

משמעות, וויזשאַ אַלבער יִדישע קאָלאָניסטן האָבן נישט געהאַט קיין איבעריק אָנגענעמע דערינערונגען פון יענער עסטאַנסיע. מ'האָט זיי, קענטיק, שטאַרק עקספּלואַטירט ביי דער שווערער ארבעט. דערפאַר האָבן זיי זיך נאָך דעם אָפּגע־רעכנט מיט די נייע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף יענע ערדן, און זיי געקרוינט מיטן נאָמען: „עסמעראַלדער שלעפּערס".

די מערסטע נארסים־לעווענער האבן ביים ערשטן גערעטעניש־יאר געארבעט אין וויזשא אלבא ביים אראפנעמען דעם זייער געראטענעם שניט. אויך דער אלטער ר׳ חיים האט דארטן, מיטן קליינעם וועגעלע, וואס יקא האט אים געגעבן, געפירט זעקלעך תבואה צו דער באן־סטאנציע. די פרייזן, וואס מען האט דארטן געצאלט, זיינען, אמת, געווען זייער נידעריקע. צי די וויזשא אלבער האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואס מיט א מאל זיינען צוגעקומען אזוי פיל פעלדארבעטער, נאך מיט אייגענע וועגעלעך דערצו, אדער דערפאר ווייל מ׳האט דארטן אלע מאל געצאלט נידעריקע שכירות — ווי די זאך זאל ניט זיין, די נארסים לעווענער האבן זיך געמוזט באגנוגענען מיט קליינע פארדינסטן. זיי האט עס אבער נישט געארט. סוף־כל־סוף זיינען עס געפונענע עטלעכע פעזעס, וואס קומען גוט צו נוץ ביים איינארדענען זיך די ווירטשאפט. און ווייל די צייט איז נאך ניט געווען פאסיק פאר ארבעט אויף דער אייגענער נחלה, האט מען אי צופארדינט, אי גלייכצייטיק זיך באקענט מיט די ארבעט־מעטאדן אין דער נייער געגנט.

בערל האט זיך צוגעקוקט צו דעם אופן פון ארבעטן אויף די פאמפער פעלדער. חוץ דער אויסטראליאנע־מאשין, וואס טייל קאלאניסטן האבן געהאט דאס ערשטע יאר, זיינען געווען „עספיגאדאראס“ — גרויסע שנייד־מאשינען, וואס אויף יידיש קען מען זיי אנרופן זאנגען־שניידער, ווייל זיי האקן נאר אפ די זאנגען מיט זייער ווייניק שטרוי. אזוי ווי די שטרוי ווערט סיי ווי ארויסגעווארפן אויף די גרויסע תבואה־פעלדער, האט ניט קיין זין צו צאלן די ארבעטער איבעריק געלט פארן צונויפנעמען, פירן און אויסלייגן סטויגן מיט א סך שטרוי. ווען מען שניידט נאר אפ די זאנגען, שטאפט זיך ניט דער עלעוואטער, וואס ציט ארויף, דורך לייוונטענע פאסן, באשטאט מיט שטעקלעך, די זאנגען גלייך אין א ספעציעלן קויש אריין, וואס ווערט צוגעפראוועט צום וואגן. ביידע, סיי די מאשין, סיי דער וואגן, מוזן גיין אין איין טעמפא, כדי די זאנגען זאלן פאלן גלייך אין קויש אריין. דארט שטייט איין ארבעטער מיט א ווידלע, א „טרעטער“, אדער „פיסאדאר“, ווי מען רופט אים דארטן, און ער גלייכט אויס די אנגעפאלענע זאנגען, צעשפרייט זיי און טרעט זיי איין, אזוי אז עס זאל אריין וואס מער. ווערט דער היפשער קויש איבער־פול, פארט אן א צווייטער וואגן און פארנעמט זיין פלאץ ביים עלעוואטער. געוויינטלעך דארף מען זיך צוליב דעם ניט אפשטעלן. די מאשין גייט איר גאנג און ביי א פלינקן „צופאר“, פארלירן זיך נאר געציילטע זאנגען, וואס האבן א קליינעם ווערט אויף די ריזיקע תבואה־פעלדער. צוויי אזעלכע וועגענער זיינען כמעט שטענדיק גענוג, מחמת ביז איינער פילט זיך אן, באוויזט דער אנדערער אויסצולאדן זיין משא און אונטערצוקומען צו דער שנייד־מאשין.

די „עספיגאדארא“, להיפוך צו דער קליינער בינד־מאשין, וואס בערל האט גע־

זען אין מאַוריציע, אין יענער צײַט, האָט צוגעפּעסטיקט דאָס מעסער אין גאַנצן פון פאַרנט און די פערד גייען נאָך הינטן. זי גייט אין דער פאָרעם פון אַ טריסיקל און דער אַנטרײַבער זיצט פון הינטן און דורך דעם וואָס דער רודער דינט אים פאַר אַ זיץ־פּלאַץ, באַוועגט ער אים מיט זײַן קערפּער און קירעוועט אים אין וועלכער ריכטונג ער וויל. דאָס הינטערשטע רעדל איז, בכן, דער אַנפירער פון דער גאַנצער מאַשין; און אַז מען געווינט זיך צו, גייט זי, ווי גרויס זי איז, אַהין וווּ דער אַנטרײַבער וויל און די זעקס פערד וואָס גייען געשפּאַנט, דרײַ פון איין זײַט אײַזערנער רער, און דרײַ פון דער צווייטער זײַט, מוזן נאָכגיין אַהין, וווּ דער אַנפירער קירעוועט מיטן רעדל. איז דעריבער לײַכט צו האַלטן די מאַשין אַזוי, אַז קיין איין זאַנג זאָל ניט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן סיסטעם האָט מען געקענט אָפּשנײַדן מיט אַ גרויסער מאַשין צען מאָל מער העקטאַרן ווייץ טעגלעך, ווי מיט דער קליינער בינד־מאַשין. איז עס אין ווויזשאַ אַלבאַ, וווּ איין קאָלאָניסט פלעגט באַאַרבעטן פינף אָדער זעקס הונדערט העקטאַר, געווען אַ גרויסע זאַך. נאָך אַ מעלה האָט עס געהאַט: אַנשטאָט צו דאַרפן „מאַנטאַנעווען", אויסלייגן, הייסט עס, די סנאָפּעס אין קליינע קופּעס, זיי זאָלן זיך לופטערן, און נאָך דעם ערשט זיי צונויפפירן, אויף צו מאַכן דעם סטויג, פלעגט מען זיי גלײַך צופירן צו דער פּאַרווע", אָדער סטויג, און עס איז ניט געווען די ריזיקע פון רעגנס, וואָס שעדיקן דעם פּראָדוקט און וואָס פונעם פירן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, טרייסלען זיך אויס אַ סך קערנער.

איז די דערפאַרונג אין ווויזשאַ אַלבאַ געווען פון אויסערגעוויינטלעכן נוצן. עס האָט שוין נישט אויסגעמאַכט, וואָס מ'האָט געצאָלט ווינציק און — וואָס נאָך ערגער איז — זיי, די פּעסטע, די אײַנגעפונדעוועטע ווויזשאַ־אַלבער קאָלאָניסטן, האָבן די נאַרסיס־לעווענער געקרוינט מיטן נאָמען „עסמעראַלדער"...

געווען איז די דערפאַרונג אין דער שכנישער קאָלאָניע, חוץ איר פּראַקטישן ווערט, אויך פון גאָר גרויסן, אַזוי צו זאָגן, מאָראַלישן באַדײַט. זען אַזעלכע שיין־אײַנגעאָרדנטע ייִדישע קאָלאָניסטן אַ שפּאַן פון נאַרסיס לעווען, וווּ דער באָדן איז דער זעלביקער, דער קלימאַט אויך — האָט געמיינט אָנפילן זיך מיט די שענסטע האָפענונגען, באַקומען בטחון אין דער צוקונפט פון דער נײַער קאָלאָניע.

די נאַרסיס־לעווענער האָבן זיך שטאַרק גענויטיקט אין דער דאָזע אָפּטימיזם, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט אין ווויזשאַ אַלבאַ, מחמת געוואַרט האָבן אויף זיי גאָרנישט קיין אָנגענעמע סורפּריזן.

האָט מען נאָר אײַנגעשפּאַנט דעם פּלוג, איז מען גלײַך געוווּיר געוואָרן, אַז די ערד איז ניט אַזאַ ווי אין מאַוריציע. בערל האָט עס תיכף דערפאַרן, ווײַל זײַן פּאַטערס קאַמף איז געווען צווישן די ערגסטע אין יענער געגנט. קודם־כל זײַנען אורמעטום געווען „קאַרטשעס", איבערבלײַבענישן פון ביימער וואָס האָבן אָפּגע־

טרוקנט, וואָס מ'האָט אַפּנים אויסגעהאַקט און אויבנאויף האָט מען גאָרנישט אָנ־געזען. האָט מען זיך אויף שריט און טריט געמוזט אָפּשטעלן מיטן פּלוג, מיטפּירן מיט זיך אַ האַק און פֿאַמעלעך אויסהאַקן די ביימער־וואָרצלען, וואָס פונעם האָלץ זייערן איז שווין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. חוץ דעם איז דאָס פעלד געווען אַ געבראָכנס, מיט בערגלעך און טאָלן. דאָס וואָלט קיין גרויסער חסרון נישט גע־ווען; אָבער דער אומגליק איז, וואָס אויף די העכערע ערטער איז שטאַרק נאָענט צו דער „טאָסקאַ" — צום שטייניקן אונטערגרונט, הייסט עס — און די מעסערס פון אַקער־אײַזן שפּרינגען אָפּ מיט אַ טעמפּן געקלאַנג. געוווּסט האָט יִיקאָ פונעם סוד, און דערפאַר געגעבן דיסק־פּלוגעס, אַנשטאָט לעמעשנע, און די האַרטע שטאָ־לענע דיסקן פלעגן זיך אַ דריי־טאָן מיט דער זײַט און איבערשפּרינגען די שטיי־ניקע ערטער.

טאַקע נאָר שטיקלעך ערד אַזעלכע זײַנען געווען. אָבער וואָס קאָן דאָרטן וואַקסן? בערלען האָט רק געמאַטערט דער געדאַנק, אַז היפּשע טיילן פון זייער קאַמפּ וועלן קיין מאָל ניט פּראָדוצירן און מען וועט זיי מוזן אַקערן און זייען אומ־זיסט און אומנישט. אויסמײַדן זיי קען מען ניט. עס קומט נישט אויס. זייערע פאָרמען און דימענסיעס זײַנען אַזוי קאַפּריזנע, אַזעלכע קרומע און נישט־אײַנגע־שטעלטע, אַז דאָס שלעכטע מיטן גוטן זײַנען אויסגעמישט. האָט ער געאַקערט דעם גאַנצן שטח, און ווען אויף די בערגלעך פלעגט דער פּלוג נעמען אונטערשפּרינגען און זיך דרייען הינטערווײַלעכטס, פלעגט בערל נישט איין מאָל פאַרדרייען דעם קאָפּ כדי די סצענע נישט צו זען...

דערווײַל האָט זיך געשטעלט אַ טריקעניש און די ערד האָט נאָך קוים קאָנ־סערווירט אַ ביסל נעץ פון די פריִערדיקע שטאַרקע רעגנס. אַקערן האָט מען אָבער געמוזט. אַזוי האָבן געלערנט אַלטע קאָלאָניסטן פון יענע געגנטן. די טריקעניש קען אַזוי אָנהאַלטן ביז נאָך אויגוסט און נאָך דעם זאָל נעמען רעגלמעסיק רעגנע־נען. דעמאָלט מוז די תבואה שוין זײַן פאַרזייט. אויב נישט איז צו שפּעט און מען פאַרלירט אַ יאָר. איז דעריבער קיין אַנדער ברירה נישט געווען ווי אַקערן די ערד אין דער טריקעניש, מיט דער האָפענונג אַז אָט־אָט, היינט־מאָרגן, וועט גוט אָפּרעגענען.

טריקעניש און ווינטן

דאָס ערשטע יאָר אין דער נײַער קאָלאָניע איז געווען זייער אַ שלעכטס. ס'האָט ניט גערעגנט די גאַנצע צײַט פון אַקערן און זייען, און ווען די תבואות זײַנען געווען פאַרזייט, האָט זיך ערשט געשטעלט דאָס ריכטיקע טריקעניש. שפּע־טער, ימים־טובים־צײַט, האָבן אַלטע לײַט געטענהט צו ערשט, אַז ראָש־השנה מוז

רעגענען. נאָך דעם, ווען דאָס טריקעניש האָט זיך וויַיטער געצויגן, האָט מען אָפּ־געלייגט אויף יום כיפּור. ס'איז אָבער אויך שמחת־תורה אריבער און די פעלדער זיַינען געבליבן הויל און טרוקן.

„דאָס שווארצע יאָר", אַזוי האָט מען באַטיטלט יענץ ערשטע יאָר, וואָס די ניַיע קאָלאָניסטן אין נארסים לעוון האָבן דורכגעלעבט.

שווער זיך פאָרצושטעלן די ביטערניש פון די קאָלאָניסטן, זייער אַנטוישונג, שרעק פאַר דער צוקונפט און חרטה פאַרן שלימזלדיקן שריט זייערן, וואָס זיי האָבן געמאַכט, פאַר דעם וואָס דער רוח האָט זיי געטראָגן אין דער וויסטער פּאמפּע. זיי האָבן אין יענעם ערשטן טריקעניש־יאָר שטאַרק נאָכגעפאָלגט דעם מאַרשרוט פון די וואָלקנס אויפן פּאמפּער בלויִערנעם הימל און אומזיסט געהאָפט אויף רעגן.

בערל, דאָס קאָלאָניסטישע יינגל, וואָס האָט אָקערשט געזען אין דער גע־בענטשטער מאוריציע פּרוכטבאַרע, מיט שפע באַלאָדענע פעלדער, ער האָט אויך אויפן ערשטן קוק באַוווּנדערט די פּאמפּע. דער זעלביקער בערל האָט גאָרנישט גע־קענט פאַרשטיין ווי די געגנט האָט זיך מיט אַ מאָל איבערגעביטן.

די פולע ווייץ־זאַנגען, וואָס ער האָט געזען אין דער שכנישער וויזשאַ אַלבאַ, די גאָלדענע קערנער וואָס האָבן זיך געשאָטן פון דער ניַיער אויסטראַליאַנע־מאַשין און אָנגעפילט די שווערע, בײַכיקע זעקלעך, — דאָס אַלץ איז בײַ אים פאַרשוווּנדן פון זכרון. געזען האָט ער פאַר זיך נאָר אַ מידבר־געגנט, מיט צעבושעוועטע ווירבל־ווינטן, וואָס טראָגן זיַילן שטויב, כוואַליעס זאַמד טריַיבן זיי פון פעלד צו פעלד, די זאַמד ריזלט זיך, לייגט זיך אויס אין קליינע, געקאַרבטע בערגלעך, בײַט יעדע רגע דעם קאָליר און די פאָרמען פון אָט די זאַמד־טורעמלעך און דיר דאַכט זיך, אַז דו געפינסט זיך אין אַ ריכטיקן מדבר.

די קאָלאָניע נארסים לעוון האָט שנעל באַקומען אַ שם צוליב אירע אָר־בעטזאַמע, פליַיסיקע קאָלאָניסטן. פונעם ערשטן יאָר אָן, ניט געקוקט אויף דער טריקעניש, האָט מען אויפגעאַקערט וואָס מער ערד, פאַרזייט מיט ווייץ, האָבער און גערשטן, ווי מען איז זיך נוהג אין יענער געגנט, און געוואַרט אויפן שניט. דאָס „שווארצע יאָר", וואָס איז געקומען ווי די באַלוינונג, ווי דער ערשטער פּריַיז, פאַר אָט דעם פליַיס, האָט זיי, די קאָלאָניסטן, צערודערט, פאַרביטערט, פאַר־מרה־שחורהט. זיי האָבן אָבער דעם מוט נישט פאַרלוירן. פון ערגעצוווּ איז אַרויס־געקומען אַ זאָג, אַז נאָך אַ טריקעניש־יאָר, לאָזן זיך אַראָפּ שטאַרקע רעגנס און דעמאָלט ערשט גיט די פּאמפּאַ אַרויס דאָס אמתע גערעטעניש. האָט מען אויפּ־געכאַפּט דעם דאָזיקן זאָג און ער האָט זיך פון מויל צו מויל צעטראָגן איבער דער גאַנצער קאָלאָניע. איבער צוויי הונדערט זעכציק פאַמיליעס זיַינען געווען אין נאַר־סים לעוון, אויף אַ שטח פון 42 טויזנט העקטאַר. האָבן אַלע ווי איינער איבער־

געהזרט דעם דאָזיקן בטחונדיקן זאָג און זיך אָנגענומען מיט מוט ווידער א מאָל צו אַקערן און נאָך מערער ערד צוצוגרייטן פאַרן נײַעם פּאַרזיי.

איז מען געזעסן פעסט אויף די פעלדער און אפילו נישט געקלערט צו בײַטן דאָס פאַך, אָדער אויסצוּוואַנדערן אין אַ נײַער, בעסערער געגנט.

אין יענער צײַט, ווען אַ גוטער רעגן האָט נאָך געקענט אָפּראַטעווען דעם פּאַרזיי, ווען אַ זונפאַרגאַנג מיט אַן עטוואָס־פאַרכמאַרעטן האָריזאָנט פלעגט נאָך אַרײַנטריפן נײַע האָפענונגען אַז ניט אַלץ איז פאַרלוירן — האָבן קרעמער אין שטעטל ווי עס איז נאָך אויסגעבאָרגט דעם קאָלאָניסט אַ זעקל מעל, אַ קעסטל צו־קער, אַ פּושקע זשערבע, אַ שאַכטל טיי — דאָס סאַמע נייטיקסטע פאַרן קאָלאָ־ניסטישן געברויך. דאָס נאָכשפּירן דעם מאַרשרוט פון די כמאַרעס האָט אויך גע־האַט אַ פּראַקטישע זײַט, חוץ דער פּסיכישער. אַ שטאַרקער רעגן קען נאָך, אויב נישט אין גאַנצן, איז כאָטש אַ טייל פון גערעטעניש אָפּראַטעווען. דערפאַר זײַ־נען אין טריקעניש־צײַט אַלע נאַרסים לעוועגער געוואָרן לויט זייער לשון, „אַסטראָ־נאָמען", רק געקוקט אויפן הימל. די מעטעאָראָלאָגישע קענטענישן זייערע האָבן זיי געבויט אויף אַלערליי סימנים, וואָס זיי האָבן אויסגעפונען אין זייער טאָג־טעגלעכער לאַנגער דערפאַרונג.

געקומען איז אָבער אַ טאָג, ווען אַט די אַרבעט איז זיי נמאס געוואָרן, ווײַל מ'האָט געזען אַז אפילו אַ נס קען שוין אויך דאָס גערעטעניש נישט ראַטעווען. געבראַכט האָט זיי אויף אַט דעם רעאַליסטישן רעיון גראָד דער שטעטלדיקער קרעמער, וואָס האָט אין איינעם אַ ווינטיקן טאָג געזאָגט: מער קען ער שוין אויף באָרג ניט געבן, מחמת ער זעט שוין אַז דער תבואה־פּאַרזיי איז פאַרלוירן.

דעמאָלט האָט זיך געשטעלט פאַר דער קאָלאָניע זייער אַ שלעכטע צײַט. די פערד און קי זײַנען געפאַלן פון די פיס פון מאָגערקייט און הונגער. קײַן ביסל מילך פאַר דער שטוב איז נישט געווען. די הינער האָבן אויפגעהערט צו לייגן, ווײַל ס'איז ניט געווען וואָס צו געבן זיי עסן. האָט די קאָלאָניע זיך גענומען בונ־טעווען.

דאָרט ווו עס איז אַ מאָל געווען די „עסטאַנסיאַ לאַ עסמעראַלדאַ", אין אַ טיפן, זאַמדיקן טאָל, אין מיטן דעם גרויסן, האַלב־פאַרלאָזטן סאַד, ווו עס האָבן געשטאַרט אַ סך אָפּגעטרוקנטע צווײַגן פון די פּרוכטביימער, איז געשטאַנען דאָס הויז פון דער יק"א־אַדמיניסטראַציע. פון דאָרט האָט מען עס אַרויסגעטיילט די קי, די פערד, די וועגענער, און די פלוגעס וואָס יק"א האָט געגעבן די נײַע קאָלאָ־ניסטן אויף אײַנצואָרדענען זיך.

אַהין איז מען אויך געקומען ווען די צײַט האָט צוגעדריקט, ווען עס האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע זאַפּאַסן פון עסנוואַרג און הונגער האָט גענומען הערשן אין דער גרויסער קאָלאָניע. יק"א, וואָס האָט שוין זינט לאַנגע יאָרן אָפּגעשאַפט אין

אירע קאלאניעס דאס סיסטעם פון „שטיצע", ווייל ס'האט געפירט צו שנארעריי, האט לכתחילה זיך געווערט, ניט געוואלט איינגיין אויף דער בקשה פון די קאלאניסטן ארויסצוטיילן הילף אויף שפייז פאר די קאלאניסטישע משפחות און פאשע פאר די בהמות. פלעגן זיך טאג־טעגלעך ציען קאראוואנעס מיט קאלאניסטישע וועגענער, ווו עס האבן זיך אנגעהויפנט צו עטלעכע קאלאניסטן מיט א מאל, און יעדער טאג האט אן אנדערער זיין וועגעלע געשפאנט, כדי צו שאנעווען די אויסגעהונגערטע פערד; געווען זיינען אויך רייטער און פוסגייער, און אלע האבן זיי געצויגן אין דער יק"א־אדמיניסטראציע, אט ווי א דארשטיקע חיה ציט צו דער אויסגעטרוקנטער קארעטע, ווו זי האט א מאל געטרונקען וואסער... ווו זאלן זיי זיך ווענדן, די קאלאניסטן, אז ניט אהין? האט זיי דען יק"א נישט געבראכט אין דער פאמפע, זיי געגעבן ערד און צוגעזאגט גוטע געדעטעגנישן אויפן נייעם באדן? זיינען זיי, די קאלאניסטן, שולדיק, אז טריקעניש האט פארוויסט די פעלדער, אז ס'איז ניטא קיין קערנדל אפילו פאר אן עוף ביי דער שטוב, קיין גרעזל פאר דער בהמה, וואס האלט זיך קוים אויף די פיס און שלעפט נאך אן אויסגעטרוקנטן אייטער?

ווער ס'האט געזען דעמאלט די קאלאניסטן, פארזאמלטע פאר דער אדמיניסטראציע־געביידע, וועט קיין מאל דאס בילד ניט פארגעסן. אפגעריסענע, מיט שמאטעס קוים פארדעקט דאס נאקעטע לייב, מיט זעק ארומגעוויקלט די באוועסע פיס, ווייל שיך און שטיוול זיינען שוין לאנג אויף פיצלעך צעריסן געווארן, פארשטויבטע, פארחושכטע, מיט צעקארבטע, צעפייניקטע פנימער, האבן זיי געקלאפט ארום דער אדמיניסטראציע־טיר, זיך געריסן אריינצוגיין אינעווייניק, געשריען, געליארעמט, פראטעסטירט. אבער דער יק"א־אדון, קענטיק אן איבערגעשראקענער, האט קיינעם נישט אויפגענומען. ערשט ווען די זאך האט געהאלטן ביי אפענעם בונט, איז פארשפרייט געווארן א מעלדונג, אז יק"א וועט ארויסטיילן צו 25 פעזעס א חודש פאר א קאלאניסטישער פאמיליע, פארן סאמע נויטיקסטן אויף איבערצולעבן די שלעכטע צייט.

געגעבן האט מען די הילף דורך דער ארטיקער קאאפעראטיווע, וואס האט זיך, אויף יק"אס אנווייזונג, געגרינדעט, און דער ערשטער קאלעקטיווער איינקויף איז געווען א פארטיע סעמיטע־מעל*), וואס מען האט פארטיילט צווישן די קאלאניסטן.

אין די קאלאניסטישע אויוונס האט ווידער געפלאקערט פרייילעך א פייערל און די קאלאניסטקעס האבן געקנאטן דאס סעמיטע־מעל און אויסגעקאטשעט די היימישע ברויטלעך. געמיינט האבן זיי, די קאלאניסטישע ווייבער, אז דאס טייג

*) קלייענע מעל.

וועט אויפגיין, אַז פון אַ קליין, רוי ברויטל וואָס זיי רוקן אַרײַן, אויף דער לאָפּע־טע, אין אויוון אַרײַן, וועט אַרויסקומען אַ היפּש ברויט, ווי עס פּלעגט אַלע מאָל פּאַסירן מיטן געוויינלעכן מעל. דאָס מאָל איז אָבער דאָס ברויטל געבליבן קליין, האַרט, פאַרשטיינערט. מיט אַ האַק האָט מען עס געדאַרפט האַקן און די ציין פלעגט מען זיך אויסברעכן. געווען איז עס, דאָס „סעמיטע״־ברויט, שוואַרץ און זויער, ביטערלעך אַזש, און פלעגט מען דעם ביסן אַראָפּשלינגען, איז ער געבליבן אין מאָגן ווי אַ שטיין. ניט איין קאָלאָניסט האָט אָפּגעשפּאָרט אַ מאָגן־קרענק פון יענעם ברויט. און ווײַל אויף קיין אַנדערע סאָרט שפּײַזן איז ניט געווען, האָט מען זיך געמוזט דערנערן כמעט אויסשליסלעך מיטן דאָזיקן „סעמיטע״־ברויט.

בערל דער יונגער קאָלאָניסט, וואָס האָט אַקערשט צעפּירט די הענט בײַם נײַעם פאַך, האָט, דעם אמת געזאָגט, ניט שטאַרק געליטן פונעם „סעמיטע״־ברויט, פון דער שלעכטער הלבשה, וואָס אַלע האָבן געטראָגן. מען קען דאָס אַלץ איבער־קומען, האָט ער געטראַכט. געמאַטערט האָט אים נאָר דער געדאַנק אַז טאָמער וועלן זיך אַזעלכע יאָרן אָפּט איבערחזרן.

פלעגט ער אָבער, בערל, ליב האָבן זיך צוצוהערן צו די רייד פון אַלטע ניט־יידישע תושבים פון יענער געגנט, וואָס האָבן אים פאַרזיכערט אַז אַזאַ אומגליקלעך שוואַרץ יאָר איז שוין אין פּאַמפּע ניט געווען זינט צענדלינגער יאָרן. אַז דאָס ווייסטע אומגערעטעניש איז אַן אויסנאַם און אַז בעת מען וועט זיך נעמען אַקערן פאַרן נײַעם פאַרזיי, וועט אָנהייבן צו רעגענען ווי אין די בעסטע יאָרן. מיט דער דאָזיקער האָפענונג האָט בערל געלעבט און קוים דערוואַרט זיך אויף דער צײַט, ווען מען וועט ווידער קענען אײַנשפּאַנען דעם פלוג.

נאָך די ימים־טובים, אָנהייב אָקטאָבער, זײַנען די הימלען נאָך אַלץ געבליבן פאַרשלאָסן און קיין טראָפּן רעגן ניט געגעבן די דאַרשטיקע פעלדער פון נאָרסים לעווען. בערל פלעגט אויפשטיין פרי, אַכטונג געבן, אַז די פּאָר פערד, וואָס זײַנען געבליבן בײַ דער שטוב, זאָלן האָבן וואַסער, זיי געבן אַ פּאָר קערנער פוראַזש. וואָס די יק״אַ האָט סוף־כל־סוף אויסגעליִען די קאָלאָניסטן ביזן קומענדיקן גערע־טעניש. דער עיקר פלעגט ער, בערל, ליב האָבן צו באַטראַכטן דעם פּאַמפּער הימל. ער האָט געוואָלט אויסגעפינען אַ סימן, אַן אָנווונק, וואָס זאָל אים ווײַזן צי וועט שוין ענדלעך אַ מאָל רעגענען.

די פּאַמפּע האָט נישט, אין צײַטן פון פיל־חדשימדיקער טריקעניש, אַ לוי־טערן, וואָלקנלאָזן הימל. פאַרקערט, גאָר אָפט כמאַרעט עס זיך, דער פּאַמפּער הימל באַדעקט זיך מיט גרויע, אַש־קאָליריקע און אפילו נאַכט־שוואַרצע וואָלקנס, וואָס דראָען ממש מיט פאַרטרינקעניש.

בערל פלעגט ליב האָבן צו באַטראַכטן אָט דעם הימל, וואָס „שפּילט זיך אין פאַרבן״, אין די זונאויפגאַנגען און זונפאַרגאַנגען. אָט זײַנען זיי פײַער־רויט, די

במאַרעס, באַלד מאַט־ראַז און אין אַ פּאָר מינוט אַרום לעשט זיך אויס דאָס פֿײַער אין זיי און זיי באַקומען אַ קאָליר פֿון אָפּגעבליאַקעוועטער גרויקייט.

אַ מאָל פֿלעגט נאָך זונאויפֿגאַנג זיך אָנרוקן אַ כמאַרע אין מערבֿ־זײַט, אַ שוואַרצע, אַ דראָענדיקע, אַ בייזע. אין אַ האַלבקרייז האָט זי זיך געשפּרייט אויפֿן הימל און איר ברעג האָט געהאַט די פֿאָרעם פֿון אַ רעגנבויגן. אַ בליץ האָט דורכגע־שניטן דעם שוואַרצן שטח. ס'איז פֿינצטער געוואָרן, ווי אין בין־השמשות און אָט, אָט לאָזט זיך אַראָפּ אַ שטאַרקער רעגן. האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעהויבן דער פּאַמ־פּע־ווינט, גענומען טראָגן די וואָלקנס מיט רוגזה, זיי אַריבערגעטריבן די טרוקענע פּאַמפּע־פֿעלדער, אויפֿגעהויבן אַ מוראַדיקן שטויב, און פֿון לאַנג דערוואַרטן רעגן איז גאָרנישט ניט געוואָרן.

בערל פֿלעגט מיט טיפֿן ווייטיק שעהנלאַנג באַטראַכטן די כמאַרע, וואָס איז אַריבער קײַן מיזרח, זיך דאָרט אײַנגעשטעלט, און מ'האָט געזען ווי ערגעץ ווײַט, אוודאי אין דער פּרוכטבאַרער, געבענטשטער פּראָווינץ בוענאָס־אײַרעס, רעגנט עס אָנאויפֿהערלעך. יאָ, די כמאַרעס האָבן זיך געריצט מיט בערלען; זיי פֿלעגן קומען, אָנמאַכן אַ טומל, דערוועקט האָפֿענונגען, צעשפּילן די פֿאַנטאַזיע און אי־בערלאָזן נאָר אַ ביטערע אַנטוישונג.

אָבער פּונקט ווי די טריקעניש איז אומבאַמערקט פֿון ערגעץ ווו אין די ווײַ־טע אַנדן־בערג געקומען, אַזוי איז זי אויך אומגעריכט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אין אַ בײַ נאַכט, ווען קיינער האָט זיך גאָר ניט געריכט דערויף, האָט אַזוי זיך, אויף קאַטאָוועס, אָנגעהויבן צו רעגענען, און עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד האָט עס, מיט קליינע הפסקות, געהאַלטן אין איין גיסן.

אַז דער הימל האָט זיך נאָך דעם אויסגעלײַטערט, איז ערשט אין קאָלאָניע געוואָרן דער ריכטיקער גערודער. אַלע האָבן זיך מיט אײַפֿער גענומען צום אַקערן. אַ פֿאַרגעניגן געווען אַרײַנצולאָזן דאָס הענטל פֿון פֿלוג וואָס טיפֿער, און אַלץ קײַן טרוקענע ערד ניט דערגרייכן. אַ שאָד נאָר וואָס די פֿערד האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס און מ'האָט דערווײַל נאָר באַוויזן אויפֿצואַקערן אַ שטיק פֿעלד און עס פֿאַרזייען מיט האָבער אויף פּאַשע. די פּאַשע איז שנעל אויסגעוואַקסן און דע־מאָלט ערשט האָט זיך בערל ריכטיק גענומען צום אַקערן. די גאַנצע טשאַקרע, פֿון 150 העקטאַר, האָט ער געוואָלט באַאַרבעטן אַז דאָס גערעטעניש זאָל באַצאָלן פֿאַר אַלע צרות פֿון שלעכטן יאָר.

די שיינקייט פֿון אַקערן דאָס פֿעלד

דער קאָלאָניסטישער זון האָט ליב דאָס אַקערן. ס'איז אפֿשר די שענסטע אַרבעט אין פֿעלד. די רויקסטע — זיכער. מען קען זי ניט פֿאַרגלײַכן מיט דער אַר־

בעט אין שניטציַיט. דעמאָלט נעמט מען אַראָפּ דעם פּראָדוקט פון אַ יאָר פּראַצע און די גאָלדענע ווייץ־קערנער דערמאָנען אין יום־טובדיקייט, אין שפע, אין זעט. אָבער פון אַלע אַנדערע אַרבעטן איז אוודאי דאָס אַקערן די שענסטע.

פון צוויי ביז דריַי מאָנאַטן געדויערט דאָס אַקערן, ביז וואַנען די גאַנצע 150 העקטאַר ווערן פון גרין, אָדער געל־שוואַרץ, זאַפטיק־ווייך, גרייט אויפצונעמען די זריעה־קערנדלעך.

בערל האָט שטאַרק ליב צו אַקערן אין באַגינען, פרי אין פאַרטאָג, ווען די ערד איז פיַיכט, ווייך, און זי ליַיגט זיך אויס מיט אַ טונקעלן גלאַנץ אין גליַיכע איינ־פאָרמיקע שיכטן, אַז עס גלעט ממש דאָס אויג. ווען ער פאַרענדיקט די ערשטע „זמענע", שפּאַנט ער אויס דעם פלוג און פאַרטריַיבט תיכף אַן אַנדער שפּאַן פערד, פאַרלייגט זיי עסן און גייט אַליין עפּעס איבערכאַפּן.

אַ פּראָבלעם פאַר בערלען איז צו באַשטימען — וויפל דאַרף מען אויס־נוצן די פערדלעך צו דער אַרבעט. ער האָט פיַינט ווען זיי „שטייען צו", ווען זיי שלאָגן זיך אַרויס פון די כוחות. דערפאַר מאַכט ער אָפּ ביַי זיך, עס זאָל זיַין אַ גרענעץ, אַן איַינגעשטעלטע נאָרמע: אויף אַ „מעלגע", אָדער פּאַס ערד, וואָס פאַר־נעמט 100 מעטער די ברייט אויף 1.500 די לענג, מאַכט ער פון זיבן ביז אַכט „וועלטעס", אָדער אומקריַיזן, און ער ווייסט אַז אויף אַזאַ אופן וועט ער פאַר־אַקערן אַריבער צוויי העקטאַר דעם טאָג. ער יאָגט נישט די פערדלעך; פאַרקערט, ווען זיי איַילן זיך צופיל, האַלט ער זיי די ערשטע טעג איַין. ער וויל זיי זאָלן זיך „איַינציִען", זיי זאָלן ניט פאַרשוויצט ווערן און אָנווערן דעם געזונטן גלאַנץ. אים געפעלט זייער שטאַרק ווען די פעל זייערע בלישטשעט, און צום ליבסטן האָט ער די נאַכט־שוואַרצע און רויטע פערדלעך, די פאַרקיַילעכטע און גלאַטע, וואָס אָטע־מען מיט גבורה און פאָלגן אים אויפן וווּנק. ווען אים, בערלען, קומט אויס צו אַקערן ביַים וועג, ווו עס פאָרן דורך קאָלאָניסטן שכנים און בכלל מענטשן וואָס זיַינען מבינים און זיי קוקן זיך צו ווי ער אַקערט, האָט ער ליב, אַז זיי זאָלן באַ־וווּנדערן דעם שיינעם געשפּאַן, די צוגעקליבענע, אָפּגעהיטע פערדלעך און די גליַיכקייט פונעם געאַקערטן פּאַס ערד. די שיינקיַיט פון די שוואַרצע „סקיבעס", אויסגעגליַיכט אין רייען, ווו מען דערקענט וויפל „וועלטעס" ער האָט געמאַכט.

און ער איז נישט דער איינציקער, מוז מען זאָגן, וואָס האָט אין קאָלאָניע אַזאַ סאָרט ליבשאַפט צום אַקערן, מיט אַזעלכע קאַפּריזלעך און גוסטן. די קאָלאָ־ניסטישע זין, דערצויגענע אין די פעלדער, באַקומען אָט די אייגנשאַפטן און עס איז ביַי זיי פאַראַן אַ שטאַרקער חשק צו וועלן אויסצייכענען זיך, אַריבעריאָגן אַלע שכנים, אַז מען זאָל פון זיי ריידן, לויבן זיי פאַר דער שיינער און גוטער אַרבעט.

און טאָמער, חלילה, גיט זיך נישט איַין דאָס אַקערן, האָט ער, בערל, עגמת־נפש; און ער קען גאָר ניט קוקן אויפן פּלאַץ ווו די פערד האָבן, למשל, אַרויסגע־

טראָגן דעם פּלוג פון דער „צורקע", פונעם אָנגעצייכנטן אָרט ווו די מעסערס שנײַדן אויף די ערד, און דערפאר איז צעקרימט געוואָרן דאָס געאַקערטע. טאָמער חזרן זיך אָפּט איבער אַזעלכע „אַקצידענטן" בײַ איינעם אַ קאָלאָניסט, באַקומט יענער דעם צונאָמען „שלימזל" און אַלע לאַכן און חוזקן פון אים. בערל, אָבער, היט זיך שטאַרק דערפון און ער דינט טאַקע פאַר אַ בײַשפּיל אין דער גאַנצער געגנט. נאָר איין שכנס זון, וועלוול, טאַקע זײַנער אַ חבר, האַלט אין איבערשטײַגן אים אין אַ סך זאַכן און דאָס פאַרדריסט אים זייער שטאַרק, כאָטש זיי זײַנען די בעסטע פרײַנד. אין הלכת אויפשטיין פרי האָט ער אים איין מאָל געוווּנען: אַ שיינעם אײַנפאַל האָט ער געהאַט — צוגעפּראַוועט אַ לאַמטערן צום פּלוג און געאַקערט אין דער פינצטער.

דעם אמת געזאָגט, איז דער פאַקטאָר פון וועמען זיך, פון וועלכן איבעריאָגן איי־נער דעם אַנדערן אין קאָלאָניע, זייער אַ וויכטיקער. עס סטימולירט די אַרבעט און וועקט אויף אָן אַ שיעור ענערגיע. דער, וואָס האָט נישט די דאָזיקע אַמביציע, איז אַ פאַרפאַלענער שלימזל.

ווען די פערד ציִען זיך אײַן, זיי גייען זיך גלײַך אין „צורקע", האָט בערל ליב, אין די אינדערפריִען דער עיקר, צו פאַרבינדן די לייצעס אַרום רעגוליר־הענטל פון פּלוג, און זיך נאָכגיין צו פוס. אַ מאָל זינגט ער זיך אונטער אַ לידל, כדי עס זאָל פריילעכער ווערן אויפן האַרצן, טראַכט פאַרשיידענע געדאַנקען, קלערט איבער נאָך אַ מאָל, וואָס ער האָט געלייענט אין אָוונט אָדער פאַר טאָג, בעת די פערד האָ־דעווען זיך. און בשעת מעשה פאַרגעסט ער אויך ניט צו כאַפּן אַ קוק ווי עס אַקערט זיך. בעת ער גייט אַראָפּ פון פּלוג, האָט ער אין זינען די מעסערס אַ ביסל טיפער אַראָפּצולאָזן, ווײַל עס ווערט גרינגער דער פּלוג, קריכט ער ווייניקער אין באָדן אַרײַן. עס איז גאָר ניט לאַנגווײַליק צו אַקערן אין פעלד אין די האַרבסט־ און ווינ־טער־טעג. מען שרײַט אויף די פערד און דאָס געשריי הילכט אָפּ אין דער פריש־ריינער לופט. אַ שכן טוט נאָך דעם בײַשפּיל און אַזוי שרײַט מען זיך איבער פון איין קאַמפּ אין אַנדערן. און ווײַל די געאַקערטע ערד פאַרנעמט וואָס ווײַטער אַן אַלץ גרעסערן שטח, פילט ער זיך, אונדזער קאָלאָניסטישער זון, וויכטיק. ער טוט אַ גרויסע אַרבעט. ער גרייט ברויט פאַר דער וועלט.

און בײַם אַקערן איז דער טרוים פונעם קאָלאָניסט אַ ריינער, אַ לויטערער. ער ווייסט, אַז עס קען זיך גרייטן אַ געראָטענער שניט, די גרעסטע שפע. און ווען די אַרבעט גייט גוט, ווײַזט זיך אים טאַקע אויס, אַז אַזאַ אַקערן קען אַנדערש ניט ווי ברענגען דעם גאָר גרויסן, דעם וווּנדערלעכן אויסגאַב, וועגן וועלכן אַלע קאָלאָניסטן דערציילן, אַז עס איז ממש פאַרשאָטן געוואָרן די געגנט מיט ווייץ. בײַם שניט קען דאָס נישט געמאָלט זײַן. דעמאָלט איז דאָ חשבון וואָס ניכטערט אויס.

און ווערט דאָס אַקערן צו די צוויי חדשים פאַרענדיקט, גייט מען מיט דער זיי־מאַשין און מען פאַרזייט די תבואה. דאָס געדויערט געציילטע צוויי וואָכן, אָדער

נאָך ווייניקער, און די אַקער־ און פאַרזיי־אַרבעט איז אָפּגעטאָן. דעמאָלט האָט מען מער פרײַע צײַט צו פאָרן צו גאַסט, צו לייענען ביכער, צו זײַן אָפטער אין ביבליאָ־טעק, אין קולטור־צענטער. דעמאָלט שליסן זיך שידוכים, מען לעבט זיך אויס קול־טורעל־געזעלשאַפטלעך. אין דער אײַלעניש, בײַ דער אַרבעט, גליט אין בערלען די בענקשאַפט צו יענער צײַט, ווען די פעלדער זײַנען שוין פאַרזייט און די תבואה שפּראָצט קוים אויף און עס הייבט אָן ביסלעכווײַז צו גרינען דאָס פעלד. צו ערשט נאָר אַקעגן דער אויפגייענדיקער זון און שפּעטער אַ גאַנצן טאָג. ווער שמועסט נאָך, ווען די לאַנגע ווייץ און האָבער נעמען זיך כוואַליען אונטערן באַריר פון לײַכטן ווינטל, איז דאָס דער אמתער תענוג.

אָפּרו־צײַט אין קאָלאָניע

נאָכן אַקערן קומט די אָפּרו־צײַט אין די פּאַמפּער יידישע קאָלאָניעס. ווי שיין און ליב די אַרבעט זאָל ניט זײַן, איז אָבער דאָס אָפּרוען זיך נאָך שענער, אָנגע־נעמער. און געשמאַק איז די רו אין די פעלדער אויך דערפאַר, ווײַל ניט אַלע מאָל איז דאָס אַקערן און זייען אַזוי שיין. דער קאָלאָניסט האָט צו קעמפן מיט די בייזע נאַטור־כוחות, ווען טריקעניש פאַרהאַרטעוועט די ערד און זײַלן שטויב הייבן זיך אויף אין דער לופטן, מאַכן שווער צו דערזען אפילו די אָנגעצייכנטע ליניע פון דער געאַקערטער ערד. ווען דאָס דינע זאַמד קריכט אין די אויגן, אין האַלדז אַרײַן, פאַרשטיקט דעם אָטעם און אָנשטאָט אַ פרייד — איז די אַרבעט דעמאָלט אַן אָפּ־קומעניש.

אוודאי פאַרגעסט ער ניט דעמאָלט, בערל, אין די שיינע צײַטן, ווען אַקערן די ערד איז אַ פאַרגעניגן, איז אַ קוואַל פון באַגײַסטערונג און דערהויבונג; אָבער מען קען זיך נישט העלפן — אַז די אַרבעט איז שווער, אומאָנגענעם, וואַרט מען מיט אומגעדולד, אַז זי זאָל זיך ענדיקן און מען זאָל קענען געניסן פון פאַרדינטן אָפּרו.

נאָך אַזאַ טאָג, ווען מען שפּאַנט אויס די פערד אַרום 5 אַ זייגער פאַר נאַכט, איז אַ מנהג זיך אַרומצווואַשן, איבערטאָן זיך, אַראָפּוואַרפן דעם פעלד־שטויב פון אַ גאַנצן טאָג, און בײַם איבערכאַפּן עפּעס, אויך איבערקוקן אַ צײַטונג, לייענען אַ בוך, דערוויסן זיך וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט.

די יידישע קאָלאָניע האָט אַ ביבליאָטעק, וואָס די יוגנט האָט געגרינדעט און האַלט אויס. נישטאָ בוכשטעבלעך קײַן איין יידישער אַגראַר־ישוב, ווי קליין ער זאָל ניט זײַן, אַז מען זאָל ניט האָבן דאָרט קײַן ביבליאָטעק, צי אַ קולטור־צענטער, ווו עס זײַנען פאַראַן אַלערליי ביכער. דאָס גרעסטע פּלאַץ פאַרנעמט, פאַרשטייט זיך, די שיינע ליטעראַטור, אין יידיש און אין שפּאַניש. אין דער ביבליאָטעק פון דער

קאַלאָניע האָט מען געקראָגן פון בערענשטיינס נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָלקס־בי־כער ביז טענענבוימס א ראָמאַן, און בערל האָט דורשטיק געלייענט די דאָזיקע ביכער, מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן ברען און חשק צו דערוויסן זיך וואָס עס טוט זיך אויף דער ברייטער וועלט, דערגרונטעווען זיך אין די סודות פון דער מענטשלע־כער נשמה.

עס וואָלט געווען פאַלש ווען מיר נעמען אונדזער בערלען פאַר א מוסטער פון דער גאַנצער קאָלאָניסטישער יוגנט. קען זיין, אַז ער האָט מער נייגונג געהאַט צו לייענען, ווי די אַנדערע. אָבער למען האמת מוז מען צוגעבן, אַז עס איז געווען אַ לענגערער פעריאָד אין די ייִדישע קאָלאָניעס, ווען די יוגנט איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ דראַנג צו לייענען, צו אַנטוויקלען זיך גייסטיק. פאַרדאַנקען דאַרפן מיר עס געצײלטע אינטעליגענטן, וואָס זײַנען געקומען פון אייראָפּע. זיי האָבן מיטגע־האָלפן אין דער גרינדונג פון ביבליאָטעקן, אָרגאַניזירט וואָכנטלעך ליטעראַרישע אָוונטן, ווו עס זײַנען פאַרגעלייענט געוואָרן מוסטערן פון גוטער ליטעראַטור, גע־געבן אַ געלעגנהײַט פאַר קאָמענטאַרן, אַרויסצודרינגען עפּעס, אָפּלערנען זיך: י. ל. פּרץ, נאָמבערג, אַש, בערגלסאָן, מענדעלע און טשעכאָוו, אַנדרייעוו, מאָפּאַסאַן, גע־טע, היינע און אַנדערע פון די אַלוועלטלעכע שרײַבערס. און כדי דעם עולם צו דער־פרייען, אויפהייבן די שטימונג, פלעגט מען פאַרבײַסן מיט אַ שטיקל שלום עליכם, וואָס האָט אויף די ליטעראַרישע אָוונטן קיין מאָל נישט געפעלט.

אָט די ליטעראַרישע אָוונטן, וואָס פלעגן פאָרקומען אין אַקער־צײַט, האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ שטראָם פריש לעבן אין די קאָלאָניעס, און די קאָמענטאַרן און דיסקוסיעס האָבן אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז נאָך אַזאַ אָוונט פלעגט זײַן בײַ דער יוגנט אַ נאָכפרעג אין ביבליאָטעק אויף די ביכער פון די מחברים, וואָס מ'האָט זייערע זאַכן פאָרגעלייענט.

די ראַדיאָ איז נאָך צו יענער צײַט נישט געווען, צײַטונגען פלעגן אויך זעלטן ווען אַרײַנקומען אין קאָלאָניע. איז דאָס בוך געווען די גרעסטע צעשטרײַונג פאַר דער יוגנט. איז דער פאַרנאַכט און דער אָוונט נאָכן אַקערן געוואָרן זייער אַ פּאַסיקע צײַט פאַר קולטור, פאַר לייענען און אָנזאַמלען וויסן. ווי ליב עס איז געווען די צײַט נאָכן אַקערן, ווען פיזיש איז מען מידלעך, אָבער דער קאָפּ איז אויסגערוט, עס בענקט זיך נאָך אַ וועלט, וואָס מען וויל זי ממש אײַנזאַפּן אין זיך, מיט אַלע אירע סודות און אויסטערלישקײַטן...

אונדזער בערל האָט צו יענער צײַט געלייענט בײַ נאַרדױען, אַז ליטעראַטור מוז האָבן אין זיך דעם עלעמענט פון אַ שיין מעשהלע, פון עפּעס אומגעוויינטלעכס, וואָס קען ניט טרעפן אַלע טאָג. אַז דער לייענער וואָס זעט פאַר זיך אין טאָג־טעגלעכן לעבן געוויינטליך גרויע, וואָכעדיקע בילדער, וואָס אַליין לײַדט ער זיך אָן, אין קאַמף פאַר עקסיסטענץ, און ער זעט אַנדערע לײַדן, — דאַרף אינעם בוך געפינען עטוואָס אַזוינס,

נאָך וואָס ער בענקט. פאַר אים, בערלען, דעם קאָלאָניסט פון דער פּאַמפּע, איז אַלץ אין דער ליטעראַטור געווען ניי, ווונדערלעך שיין, צוציִענדיק. דאָס גרויע בילד פון קליינעם שטעטל, די קיניגלעכע פּראַכט וואָס טענענבוים האָט באַשריבן אין זיינע ראָמאַנען, האָבן אים גלייך געצויגן און געכישופט.

אַרויסהייבן זיך פון דער איינטאָניקער פעלד־סביבה און שוועבן אין די פיל־פאַרביקע וועלטן פון דער דיכטערישער פאַנטאַזיע, דאָס זיינען געווען שיינע מאָ־מענטן אין דער יִדישער קאָלאָניע. בערל איז דערפאַר ניט דערוויַיטערט געוואָרן פון קאַמף, נאָר פאַרקערט, וואָס טיפער, וואָס גרינטלעכער ער האָט באַנומען דאָס לעבן, דעם זין פון אונדזער דאָזיין, אַלץ ליבער איז אים געוואָרן די ערדאַרבעט. ניט מער, ער האָט זיך שוין ניט באַגנוגנט מיט דער רוטין, נאָר אים האָט געצויגן צו בעסערע לעבנס־באַדינגונגען אין די פעלדער. ער האָט זיך שפּעטער פאַראינטערע־סירט מיט דער קאָאָפּעראַציע און איז געווען דער מיטגרינדער פון אַ יוגנטלעכן אַגראַר־צענטער.

אחוץ לייענען אין די אָוונטן, איז געווען נאָך עפּעס צו טאָן פאַר דער יוגנט. למשל: גיין צו גאַסט צו שכנים. ווינען זיך די קאָלאָניסטן צו צוויי און צו פיר אין אַ „גרופּע", איז מען אַ סך מאָל ברוגז איינער מיטן אַנדערן. מאָטיוון זיינען שטענדיק פאַראַן איבערגענוג. גייט אַריין אַ שטיקל סקאָט און מאַכט אַן שאָדנס. קריכן די הינער דאָרט וווּ מען טאָר נישט, און ער, דער שכן, מאַכט זיך געפּגרט. חילוקי דעות וועגן אַזעלכע און ענלעכע פּראַקטישע זאַכן פעלן ניט. און שטענדיק ענדיקן זיי זיך מיט אַ קריגעריי און אַ רוגז.

עס קומט אָבער אויך דאָס שנעלע איבערבעטן זיך. אַליין אויפן קאַמף, צוויי אָדער דריי קילאָמעטער וויַיט פון אַנדערע שכנים, מוז מען פאָרט איינער צום אַנדערן אָנקומען און מען מאַכט שלום. דער אָפּקליַיב פון דער יוגנט איז אָבער ניט אַלע מאָל אין הסכם מיט דער נאָענטקייט פון שכן. גראָד קען זיין מער סימפּאַטיע צו אַ וויַיטערער קאָלאָניסטישער משפּחה, און דערויף האָט מען אַ סולקע, צי אַ רייַטפערד. אַז עס גלוסט זיך ניט צו לייענען, מען וויל אַ ביסל פאַרברענגען, זיך אויסריידן, אָדער עפּעס צוגרייטן אַ געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג, איז איַינגע־שפּאַנט די סולקע און צוגעפאָרן. און ווען מען פאָרט אין די אָוונטן דורך דער קאָ־לאָניע, זעט מען אָפט צוגעבונדן צו די סלופּעס אַרום שטוב רייַטפערד און איַינגע־שפּאַנטע סולקעס. דאָס גייט די יוגנט צו גאַסט. ווען אין אַ שטוב איז פאַראַן אַ מיידל, ווייסט שוין דאָס פערד אַליין צו טרעפן אין הויף אַריין... משמעות, דער בחור איז דאָרט אַן אָפטער גאַסט...

און אַז מען פאַרזיצט זיך אַזוי ביז נאָך האַלבער נאַכט, מוז מען אין אַקער־צייַט זיך איַילן אַהיים, וויַיל דריי אָדער שפּעטסטנס פיר אַ זייגער מוז מען אויפ־

שטיין כדי צו פֿאַרטרײַבן די פֿערד אין קאָראַל אַרײַן. אָבער בײַ בערלען איז עס אַ געוויינטלעכע זאַך. די אַרבעט וועט דערפֿון קיין מאָל נישט לײַדן.

וועגן וואָס רעדט מען עס אין די לאַנגע ווינטער־נעכט אין קאָלאָניע? גיכער וואָלט מען געקענט פֿרעגן: וועגן וואָס ניט? דאָרט, ווו די ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ איינפֿלוס, ווי אין דער קאָלאָניע, ווו בערל האָט זיך אויסגעלעבט, איז געווען אַ מאָדע נישט צו ריידן פֿון טריוויאַלע טאָג־זאַכן, ווי אַ שטייגער פֿון פֿערד, בהמות, גערעטעניש, שכנים, רעגן, טריקעניש וכדומה. אָט די זאַכן פֿלעגט מען קוים אַראָפּפּטרן מיט אַ פּאָר ווערטער, אויב מ'האָט עס געמוזט. די רייד זײַנען געווען וועגן ביכער, גרויסע מענטשן, ווײַטע לענדער, טיפֿן, אידייען, פֿילאָסאָפֿיע, וויסנשאַפֿט, רײַזע־באַשרײַבונגען. דער אינטערעס איז געווען אַ גרויסער און גראָד די אָפּגעזונדערטקייט אין דער קאָלאָניסטישער סביבה, האָט נאָך מער גערעגט דערצו.

אַזוי האָט מען זיך אויסגעלעבט אין דער קאָלאָניע בעת דער צײַט פֿון אַקערן.

קאָלאָניסטן וואַרטן אויפֿן גערעטעניש

סוף יולי האָט שוין בערל פֿאַרענדיקט דאָס פֿאַרזייען די תבואות. בשעתו געאײַל אין דער אַרבעט, ווען ער האָט ממש געוואָלט אײַנשלינגען די 150 העקטאַר אַקער־ערד, איבערקערן זי פֿון גרינבלעך־געל אויף שוואַרץ, פֿאַרשטעקן אין איר פּײַכטן אינגעווייד די זריעה־קערנדלעך, אַז עס זאָל קומען דאָס נעגאַרטע גרויסע גערעטעניש, האָט ער טאַקע ניט אַנדערש ווי געחלומט פֿון דער צײַט ווען ער וועט האָבן פֿאַרענדיקט דאָס אַקערן און זייען און קענען רוען און פֿאַרברענגען.

דער קאָלאָניסט פֿון דער פּאַמפּע איז אייגנטלעך אַ ווייץ־פֿאַבריקאַנט און אַ סעזאָן־אַרבעטער. קומט דער אַקער־סעזאָן דאַרף מען זיך צואײַלן און דערנאָך איז דאָ צײַט צו וואַרטן אַ שיינע פּאָר חדשים אויפֿן שניט. אָפּגעבן זיך אין דער צווישנצײַט מיט אַנדערע אַרבעטן, איז קײַן פּלאַן נישט. עס וואָלט אויך ניט געגעבן קײַן רעזולטאַט.

ווען בערל פֿאַרענדיקט זייען די לעצטע מעלגע, קוקט ער זיך אַרום מיט אַ לאַנגן, פֿאַרשנדיקן בליק, צי איז נישט ערגעץ פֿאַרבליבן אין קאַמפּ אַ שטיקל ערד נישט קײַן פֿאַראַקערטס און פֿאַרזייטס. אים ווילט זיך גאָרנישט גלייבן, אַז שוין האָט ער פֿאַראַרבעט די גאַנצע 150 העקטאַר. אָבער ווען ער צײַגט זיך טאַקע איבער, אַז אָט דאָרטן גרינט שוין גאָר שטאַרק דער האָבער, דער גערשט און דער ערשטער ווייץ נעמט שוין אויך ביסלעכווײַז באַדעקן די ערד מיט אַ קוים מערקבאַרער גרינקײַט, צעשפּרייט זיך אַ צופֿרידענער שמייכל איבער זײַן פּנים. „פֿאַרענדיקט". איצט פֿאָרט ער אַהיים אויסצושפּאַנען די זיי־מאַשין ביז איבער אַ יאָר.

דער פּראָגראַם פֿאַר דער אָפּרו־צײַט איז שוין אָנגעצייכנט: פֿאָרן צוויי מאָל

אין וואָך אין ביבליאָטעק בײַטן ביכער. בײַזײַן פּינקטלעך אויף די וואָכנטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן און פּאַרווײַלונגען. לייענען אַ סך ביכער, מאַכן אָפּטע וויזיטן בײַ די שכנים וואָס זײַנען אים, בערלען, ליב. און ווען דער ווייץ הייבט אָן זיך העכער אויפצוהייבן, געדיכטער ווערן, האָט ער ליב צו פאַרקלײַבן זיך אין אַ באַוואָקסן שטיקל פעלד, פאַרשטעלט פון ווינט און וווּהין עס קומען צו די זון־שטראַלן, און דאָרט לייענט ער שעהנלאַנג די גוטע, אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע ביכער וואָס ער קריגט אין ביבליאָטעק פון קאָלאָניע. אַנדערע מאָל שפּאַנט ער אַרום איבער דער גאַנצער טשאַקרע, אַן ערך פינף קילאָמעטער. ער האָט ליב צו באַטראַכטן דאָס גערעטעניש.

כאָטש אַזוי איז די אַרבעט פאַרענדיקט, האָט אָבער בערל, דער אַקער־מענטש, דער וואָס טוט די גרויסע אַרבעטן אין דער ווירטשאַפט, נאָך אויך גענוג וואָס צו טאָן כדי נישט צו לאַנגווײַליקן זיך: מען דאַרף אָנפירן האָלץ אויפן גאַנצן יאָר; פאַרן פון צײַט צו צײַט אין דער ווײַטער פּאַשע־לאַנקע וווּ מען האָט פאַרטריבן די פערד און קי, זיי זאָלן זיך דאָרט פיטערן ביז מען וועט אַראָפּנעמען דאָס גערעטעניש. דאָס פּאַשע־אָרט געפינט זיך דאָרט וווּ די תבואה־פעלדער ענדיקן זיך און עס ציִען זיך גרויסע שטרעקעס לאַנד ניט קיין באַאַרבעטע, באַדעקטע מיט שטעכעדיקע נידעריקע ביימער און ביימעלעך, און אַהינצו פאָרן איז ניט קיין שפּילעכל.

הגם אין דער פּאָמפּע געראָט זייער ווייניק גאָרטנוואַרג, מחמת דאָס ברונעם־וואַסער איז שעדלעך פאַר די פלאַנצן, און רעגנס צו דער צײַט קומען זייער אין זעלטענע יאָרן, דאָך פעלט ניט בײַ בערלס משפּחה קיין גערטל, אין וועלכן ער, בערל, אַרבעט זייער געשמאַק אַלע אין דער פרי, כדי צו קענען נאָך דעם מיט מער חשק לייענען זײַנע ביכער. אינעם גערטנדל פאַרפלאַנצט ער חודש־רעטעכלעך, סאַלאַט, בורעקלעך, ציבעלעס, אוגערקעס, קאַווענעס, מעלאָנעס און קאַבאַקעס. ער וואַרפט אַרײַן די קערלעך אין ווייך אויסגעבעטער ערד, באַגיסט די ערשטע צײַט מיט וואַסער פונעם טאַנק*), וווּ די זון האָט עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד מיט אירע שטראַלן אַ ביסל ווייכער געמאַכט דאָס האַרטע וואַסער, און ווען עס קומען שפּעטער רעגנס אין דער צײַט, איז דאָ גרינס פאַר דער שטוב און אויף צו באַטיילן די שכנים. צום פאַרקויפן נוצט מען עס ניט, ווײַל קיין קונים זײַנען ניטאָ. איז דאָ יאָרן ווען בערלס פאָטער שמט מיט זײַנע קאַווענעס, אוגערקעס און מעלאָנעס. אָבער דערפאַר טרעפט גאָר אָפט אַז אַלצדינג ווערט פאַרברענט פון טריקעניש און מען קען גאָר נישט אָפּראַטעווען.

בײַ בערלס מישפּחה פעלן נישט קיין עופות. אין די הונדערטער זײַנען זיי דאָ. אָבער ער, בערל, גיט זיך מיט זיי נישט אָפּ. דאָס איז אַן אַרבעט פאַרן פאָטער, פאַר

*) טאַנק — וואַסער־רעזערוואַר.

דער מוטער און די שוועסטער. זיי פאָרען זיך אַרום די הינער. דאָס איז אַ טאָג־טעגלעכע אַרבעט פון אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר. אונדזער בערל, דער ווייץ־פּראָדוצירער אַמפּערט זיך טייל מאָל מיטן פאָטער, אַז די עופות עסן אויף מער ווי זיי גיבן. די הויפּט־שפּײַז זייערע איז, אין דער פּאַמפּע, דער ווייץ. נישט די גוטע און גרויסע קערנער גיט מען זיי, נאָר די קלענערע, די פון געמיינערן סאָרט, וואָס מען רופט זיי „טריגיזשע", און זיי האָבן סײַ ווי אַ קנאַפּן ווערט. זיי ווערן פאַרקויפט אויפן מאַרק נאָר ווי פוראַזש. פון דעסטוועגן האַלט ער, בערל, אַז ווען מען זאָל גוט אויסרעכענען וויפל מען וואָלט אָפּגענומען ווען מען פאַרקויפט די „טריגיזשע", און וויפל אַרבעט מען לייגט אַרײַן אויף צו האָדעווען און אָפּהיטן די הינער, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עסק לוינט זיך נישט. נאָר דער פאָטער זײַנער וויל אַפילו נישט הערן פון די דאָזיקע חשבונות.

און וואָס שײַך פאַרווײַלונגען, איז אין קאָלאָניע פאַראַן אויך אַ דראַמאַטישער קרײַז. שפּילט מען פון צײַט צו צײַט אַ פּיעסע. בעתן אַקערן איז זעלטן ווען מען־לעך צו שפּילן. ס'איז קיין צײַט נישטאָ צו מאַכן רעפּעטיציעס. אונדזער בערל איז אַ שטיק שפּילער אין קאָלאָניע, שיער נישט קיין „קינסטלער" אין זײַן אייגענער, קאָלאָניסטישער סביבה. אָבער נאָר נישט דאָס שפּילן טעאַטער, ווי אַ ליבהאָבער, איז בײַ אים דער עיקר, נאָר טאַקע די רעפּעטיציעס, וואָס ציען זיך גאָר אָן אַ סוף. און מאָדנע: ווי ער אײַלט זיך נישט, אונדזער בערל, בײַם אַקערן די ערד און שנײַדן די תבואה, עס זאָל זיך נישט פאַרציִען חלילה אַפילו קיין איין טאָג מער ווי מען מוז, איז בײַ די רעפּעטיציעס אַרט אים נישט די צײַט וואָס גייט אַוועק. קומט מען זיך צונויף יִינגלעך מיט מיידלעך, ווײַצלט מען זיך, דערציילט מען זיך מעשׂות, און דערווײַל חזרט מען אײַן פּיעסעס. וואָס האָט מען אַלץ נישט געשפּילט אין קאָלאָניע: „כאַסיע די יתומה", „גאָט, מענטש און טײַוול", „די שחיטה", „דער אינטעליגענט", „די נבלה", „דער פאָטער" פון סטרינדבערג, טשעכאָווס איינאַקטערס: „דער בער", „דער שידוך", רייזענס איינאַקטערס, שלום עליכמס און אַנדערע זאַכן, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע.

דער זאַל, וווּ מען פלעגט שפּילן טעאַטער, איז געווען אַ גרויסער שײַער פון דער יִקאַ־אַדמיניסטראַציע, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן דער יוגנט אויף צו פאַרווײַלן זיך. די בינע האָט מען אַליין צונויפגעשטעלט פון ברעטער. בענק האָט מען אויך געמאַכט זייער אײַנפאַכע. אָפּטער צוזאַמענגעטראָגן קעסטלעך פון קעראָסין און איבערגעלייגט ברעטער, אַז דער עולם צושויער זאָל האָבן וווּ צו זיצן. אַ פאָרהאַנג האָט מען אויך געקריגן אַ זייער פּראָסטן, פון פּשוטן לײַוונט. אָבער דערפאַר האָט מען די ראָלן אײַנגעחזרט מיט רעליגיעזער איבערגעגעבנקייט און רעספּעקט פאַרן מחבר. די ראָלן פלעגט מען אײַנטיילן לויט דער פּאַסיקייט פון יעדן אָנטיילנעמער פאַר דער אָדער יענער ראָל. אַפילו בײַם אויסקלײַבן אַ פּיעסע, פלעגט מען

פריִער מאַכן דעם חשבון, צי האָט מען דעם עלעמענט אויף צו אינטערפּרעטירן די פאַרשיידענע פּערסאָנאַזשן.

בערל איז גראָד ניט געווען פון די גרויסע „קינסטלער" אין הלכת שוישפּיל. געווען גרעסערע קענער פון אים. און ער פלעגט זיי טאַקע מיט דרך־ארץ אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ און שטילערהייט באַוווּנדערן פאַר זייערע קינסטלערישע פעיִקייטן. דערפאַר אָבער פלעגט ער, בערל, געבן קאָרטן אויף די ליטעראַרישע אָוונטן.

מען האָט בערלען זייער געליבט פאַר זיין שיינער שפּראַך, פאַר די ליטעראַרישע ווערטער וואָס זיינען אים מיט אַזאַ לייכטקייט געפלאָסן פון מויל, און פאַר דער טיפער פאַרשטענדעניש — ווי זיי האָט זיך געדאַכט — פון די ליטעראַרישע ווערק. געווען פאַלן, ווען איינער פון דער יוגנט האָט געהאַלטן אין קאָמענטירן פּרצס אַ סימבאָלישע, אָדער אַלעגאָריש־פילאָזאָפישע דערציילונג, און בערל איז אָנגעקומען אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, פלעגט יענער איבעררייסן און זאָגן: זאָל בערל קאָמענטירן די זאַך, ער פאַרשטייט בעסער פון מיר...

געווען דאָרט אַ יוגנטלעכער אין דער קאָלאָניע — שמואל האָט ער געהייסן — פלעגט ער זיך רייסן פאַרצולייענען און צו דיסקוטירן, אָבער מען האָט אים במעט קיין מאָל נישט דערלויבט. ווייל כאָטש מען פלעגט זאָגן אויף אים, אַז ער האָט אַ פולן בויך מיט ליטעראַטור, האָט ער קענטיק שלעכט פאַרדייעט און ער פלעגט נישט גוט לייענען, נישט מיט געשמאַק און ריכטיקער באַטאָנונג.

בערל האָט זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער אויף די ליטעראַרישע אָוונטן, בשעת די רעפּעטיציעס און ווען מען האָט געשפּילט טעאַטער, און מיט אים צוזאַמען איז די גאַנצע קאָלאָניע פאַרכאַפּט געווען פון אָט דעם קולטור־פיבער, וואָס פלעגט צונויפפירן יינגלעך מיט מיידלעך, ברענגען צו שידוכים, צו ליבעס. טעג און נעכט פלעגן דורכלויפן אַזוי שנעל, אַז מען האָט זיך גאָר קיין חשבון ניט געגעבן. ווי האָט מען געקענט זיך לאַנגווייליקן, ווען די צייט איז אַזוי שיין, אַזוי אינטערעסאַנט אַריבער?

אַזוי זיינען אַוועק פיר חדשים, מער־ווייניקער, פון נאָכן פּאַרזוי, ביז וואַנען מ'האָט זיך גענומען גרייטן צום שניט און געדאַרפט אַוועקלייגן אָן אַ זייט קולטור, טעאַטער־פאַרברענגעניש, ביכער־לייענען און געזעלשאַפטלעך אויסלעבן זיך.

מען נעמט אַראָפּ דאָס תבואה־געוועקס

אַ שיינע פאַר וואָכן איידער די זאַנגען נעמען צייטיק ווערן, האָט שוין בערל וואָס צו טאָן אַרום תבואה־שניט. צו ערשט נעמט ער אַרויס פון קעמערל די שפּאַן־מכשירים, פאַרריכט וואָס מען דאַרף, און מאַכט דעם חשבון וואָס מען דאַרף באַצייטנס צוקויפן. דערנאָך נעמט ער זיך צו דער שנייד־ און דרעש־מאַשין — די

„קאַסעטשאַדאָראַ“, ווי מען רופט זי — קוקט איבער אַלע אירע רעדלעך און שרײַפלעך, רייניקט אויס און פֿאַרזיכערט גוט אַלע שרויפֿן, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעפּאָרן בײַ דער אַרבעט. דאָ, ווו מען מוז בײַטן אַ מאַשין־טייל, איז נייטיק צו וויסן באַצײַטנס, וואָרעם מען דאַרף עס בעטן פֿון דער הויפּטשטאָט.

אַז די מאַשין און דער געשפּאַן זײַנען פֿיקס און פֿאַרטיק צו דער אַרבעט, מוז מען ערשט צוּוואַרטן אַ שיינע פּאָר טעג ביז דער ווייץ איז אין גאַנצן צײַטיק. אויבערפֿלעכלעך באַטראַכט, פֿאַר אײנעם וואָס איז נישט פּראַקטיש, ווײַזט זיך אויס, אַז די לאַנגע ווייץ, גאָלדיק־רויטלעך פֿון דער ווײַטנס, מיט אַ טרוקענעם שאָרש אין דער נאָענט, איז שוין גרייט צום שניט און מען טאָר קיין איין שעה ניט פֿאַרלירן. אָבער בערל שפּאַצירט צווישן ווייץ יעדן טאָג אין דער סאַמע הייסטער צײַט, און ער טאַפּט איבער יעדעס זענגל, צו וויסן, צי עס איז שוין געקומען דער ריכטיקער מאָמענט. ער צערײַבט אַ זאַנג אין דער האַנט, בײַסט מיט די ציין די קערנער.

בערל ווייסט, אַז שנײַדן דעם ווייץ פֿאַר דער צײַט טויג נישט. די קערנער הייבן אָן צו ברענען אין די זעק און פֿאַרלירן אַ היפּשן טייל פֿון זייער ווערט. דאַרף מען האָבן געדולד און אַרײַן מיט דער מאַשין אינעם סאַמע פּאַסיקסטן מאָמענט. אָט דאָס יאָ — הייבט איר אָן די שניט־אַרבעט, טאָרט איר נישט לאָזן פֿאַרלוירן גיין קיין איין רגע. צײַטיקע תּבֿואה האָט ליב אַז מען נעמט זי אַרײַן אין די זעק. בלײַבט זי אויפֿן פֿעלד, לאָזן זיך די זאַנגען אַראָפּ וואָס נידעריקער, עפֿענען זיך אויף די שטרוי־הײַטעלעך, די פּאַלאָווע, אין וואָס די קערנדלעך זײַנען אײַנגעוויקלט, און דער ווייץ שיט זיך אויס. קומט אַ שטאַרקער ווינט, צעטרייסלט די זאַנגען, שלאָגט אָן מיט רוגזה איין זאַנג אין דער אַנדערער, דרעשט זיך דער ווייץ פֿון זיך אַליין אויס. רוקט זיך נאָך אָן אַ כמאַרע, עס פֿאַלט אַ שלאַקס־רעגן, צי גאָר אַ האָגל, דעמאָלט שטייט אין געפֿאַר אַ יאָר פּראַצע און מען פֿאַרשפּאָרט שוין צו גיין מיט דער מאַשין.

האָט ער, בערל, די אַמביציע, אַז בײַ אים זאָל די מאַשין קיין איין מאָל זיך ניט אָפּשטעלן דורכן גאַנצן טאָג. אַלץ זאָל גיין ווי געשמירט. קיין שרײַפל זאָל זיך ניט נאָכלאָזן, קיין פּאַס, וואָס פֿירט די רעדלעך, זאָל זיך נישט איבעררײַסן. די „נאָריע“ זאָל נישט פֿאַרשטאָפּט ווערן, קיין קייטל, וואָס דרייט די רעדלעך מיט די ציינער, זאָל נישט פּלאַצן. ער שטעלט זיך יאָ אָפּ מיט דער מאַשין, אָבער דעמאָלט ווען ער וויל און ווען מען דאַרף. דער קאַסטן ווערט פֿול מיט די גאָלדענע ווייץ־קערנער, מוז מען שטיין בלײַבן כּדי אויסצוצאַפּן דעם ווייץ אין די זעק אַרײַן. אויסגעליידיקט בליץ־שנעל דעם קאַסטן, רירט ווידער די מאַשין און אַזוי אַ גאַנצן טאָג.

אָט האַלט מען בײַ אײנער אַזאַ ערבֿ שניט־צײַט.

ווי נאָר ער, בערל, האָט אײַנגעזען, אַז דער ווייץ איז שוין פֿאַרטיק, שפּאַנט ער אײַן אַכט פֿערד, פֿיר הינטן און פֿיר פֿאָרנט, מיט דער „שטילוואַגע“ און

„אָרטשעקעס" וואָס גייען מיט רעדעלעך און די קייטן ציִען זיך דורך זיי און „שפּילן", און ער שנײַדט אָפּ אַ מעלגע אינעם פּאַרטיקן ווייץ. דאָס זעלביקע סיסטעם ווי בעתן אַקערן, נוצט ער, בערל, מחמת אויך דאָ איז וויכטיק, אַז דער פּאַס זאָל זײַן אַ גלײַכער, אַז מען זאָל זיך נישט דאַרפּן דרייען אויף איין אָרט. די פּערד, אויסגערוטע, פּעסטע, אײַלן זיך צו שלעפּן די שווערע דרעש־מאַשין. די „אויסטראַליאַנע" איז נאָך נישט די סאַמע מאָדערנסטע שנײַד־ און דרעש־מאַשין, וואָס האָט מעסערס און שנײַדט דעם ווייץ מיט אַ טייל שטרוי און שיקט אים, דורך עלעוואַטאָרס, אין צילינדער אַרײַן, ווו ער ווערט אויסגעדראָשן און אָפּגעטיילט פון דער שטרוי און פּאַלאָווע. די דאָזיקע מאַשין — די „אויסטראַליאַנע" — האָט נאָר אַ קאָם אַזאַ, וואָס נעמט אַרײַן די זאַנגען־קעפּלעך, און שנעל זיך באַוועגנדיקע אײַזנ־פּרענטעס, וואָס מען רופט „באַטידאָר", וואָס האַקט אַראָפּ די זאַנגען און טרײַבט זיי אַרויף אין צילינדער אַרײַן, פון וואַנען זיי גייען נאָך דעם גלײַך אויף די רעשעטעס. איז דערפאַר זייער וויכטיק, אַז די אײַזנס זאָלן קלאַפּן גלײַך, איינפאָרמיק, און אַראָפּפּליקן די זאַנגען ריין, נישט איבערלאָזנדיק קײַן איין קערנדל אינעם זאַנג. מוז מען קענען גלײַך און ריכטיק אָנשטעלן דעם „באַטידאָר". צו דעם איז בערל, ווי זײַנע חברים יונגע קאָלאָניסטן, אַ מײַסטער. דאָס געהער איז בײַ אים אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז ער דערקענט גלײַך אין קלאַנג צי אַלץ גייט גוט.

ווען ער, בערל, פירט מיט דער מאַשין, און די משפּחה־מיטגלידער באַגלייטן אים, האָט ער פײַנט אַז מען פּלאָנטערט זיך אים פאַר די פיס. דעם פּאָטער און די שוועסטער הייסט ער נאָכגיין פון הינטן און זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג. מיט דער מאַשין און מיט די אַכט סוסים קען ער זיך אַליין ספּראַווען. דאָס יאָ — צום אויסצאַפּן דעם ווייץ פון קאַסטן, פאַרנייען די זעק, אַוועקפירן זיי אין שײַער אַרײַן — דאָס איז שוין ז י י ע ר אַרבעט. צו דעם מישט זיך נישט בערל. ער, ווי נאָר די מאַשין בלײַבט שטיין, ליגט ער שוין אונטער די רעדלעך און שרײַפלעך, באַשמירט מיט בוימל ווו מען דאַרף, טאַפּט איבער יענע שרײַפעלעך וואָס האָבן מער ווי אַלע אַ טבע נאָכצולאָזן און ווי נאָר דאָס לעצטע זעקל ווייץ ווערט אויסגעצאַפּט, כאַפּט זיך בערל גלײַך אַרויף אויף דער מאַשין און די פערדלעך רירן.

די ערשטע טעג, ווען דער ווייץ איז נאָך אַ ביסל פײַכטלעך, מוז מען זיך גוט אײַנהערן אין יעדן קלאַנג פון דער מאַשין. דערהערט ער נאָר, בערל, אַ טויבן גערויש, ווייסט ער שוין, אַז ערגעץ איז פאַרשטאָפּט. שטאָפּט ער ס'רוב אויף אין גאַנג, כדי נישט צו פאַרלירן אַ מינוט. און מוז מען זיך אַ מאָל אָפּשטעלן — קען ער זיך עס, בערל, גישט מוחל זײַן. ער וועט שוין נאָך דעם, בײַם אויסליידיקן דעם קאַסטן ווייץ, גוט איבערציִען די שרויפן, פעסטער מאַכן די לעדערנע פאַסן, אַכטונג געבן אַז עס זאָל זיך מער ניט איבערחזרן. טרעפט אויך, אַז צווישן ווייץ וואַקסן בוריאַנעס, ווילדגראָז אַזאַ, וואָס קריכט אַרײַן אין דעם „פעינע", אָדער „קאָם"

פון דער „אויסטראַליאַנע"־מאַשין און דאָס פאַרשטעלט דעם צוקום פון די ווייץ־זאַנגען. בלײַבט אַ גאַנצע באַרשט נישט אַראָפּגענומען און פאַרמיאוסט די „ראַס־טראַכע", דעם אָפּגעשניטענעם ווייץ. בערל שפּרינגט האַסטיק אַראָפּ פון דער מאַשין, כאַפּט אַרויס דאָס בינטל בוריאַן און אין איין אויגנבליק איז ער שוין ווידער פון אויבן אויף פירט אַן זיכער און פעסט מיט די אַכט פערדלעך און מיט דער גרויסער שנײַד־ און דרעש־מאַשין. דאָס אַראָפּשפּרינגען פון מאַשין אין מיטן גאַנג, דאָס אויסדרייען זיך מיטן פּנים צו דער „קאַם" און רוקן זיך שנעל, שנעל הינטערווײַלעכס, איז זייער אַ געשיקט שטיקל אַרבעט, און מען מוז עס מאַכן אי גיך, אי פאַרזיכטיק. בערל ווייסט, אַז דער קאַלאַניסט וויסאָצקי, אַ מיטליאַריקער מענטש, האָט עס אויך געפּרוּווט טאָן, האָט אים די מאַשין אַרײַנגעכאַפּט די האַנט און זי אין גאַנצן „אויסגעדראַשן". דערפאַר היט ער זיך, הגם ער טוט דאָס געוואַגט און שנעל.

זאָגן, אַז בערל האָט נישט מורא, בעת ער שפּרינגט פון דער מאַשין, וואָלט געווען גרונט פאַלש. ער שרעקט זיך געוויס. ער קען זיך אָבער ניט העלפן. די מאַשין האָט דעם דאָזיקן חסרון און עס קען זיך נישט אויסשטאָפּן פון זיך אַליין. אָפּשטעלן זיך, ווידער, אַלע מאָל — טויג נישט. דעמאָלט וועט די שניטצײַט זיך פאַרציִען דאָפּלט, און דערווײַל וועט אונטערקומען אַ רעגן, אַ האָגל צי אַ שטורעמווינט און אַלץ צעפּטרן. געטרויט ער, בערל, זײַן פלינקייט, זײַן בויגזאַמען קערפּער, און סײַ זײַנע כוחות, סײַ זײַן דערפאַרונג און אויסגערעכנטקײַט, שטייען אים בײַ אין די שווערסטע נסיונות...

בערל פילט זיך דערהויבן, וויכטיק, אין די שיינע שניטצײַט־טעג אין דער פּאַמפּע.

מיט יעדן טאָג, וואָס גייט אַוועק, זעט ער, בערל, ווי די העל־געלע טייל פעלד, אַ געקאַרבטע פון די ברייטע רעדער פון דער מאַשין, ווערט אַלץ גרעסער און די גאָלדיק־טונקעלע טייל פון דער תבואה ווערט קלענער. ביז צו די דרײַ וואָכן פאַרשווינדט ער אין גאַנצן. דאַקעגן איז דער שײַער, דער „גאַלפּאָן", פול געפּאַקט מיט זעקלעך ווייץ.

אויך דאָ האָט ליב בערל אַ קוק צו טאָן, צי די שכנים האָבן שוין פאַרענדיקט דעם שניט. אים פרייט אוודאי וואָס ער איז דער ערשטער.

די שניט־אַרבעט, אין די דרײַ אָדער פיר וואָכן, וואָס זי געדויערט, פאַרשלינגט אין גאַנצן. אין דער פרי, ווען דער טוי רוט נאָך אויף די זאַנגען, גרייט בערל צו די מאַשין. ער פּרוּווט ווידער אַלע רעדעלעך און שרײַפלעך, אַז מען זאָל זיך נישט דאַרפן אָפּשטעלן אין גאַנג. ווי נאָר די זאַנגען ווערן טרוקן, פאַרלירט ער קיין איין רגע נישט און גייט אַרײַן שנײַדן. מיטיקצײַט ברענגט אים דער פאָטער די פערד ער זאָל זיי איבערבײַטן, און בעת יענער, מיט אַ פּעאָן, אָדער מיטן ברודערל, דעם

סטודענט, שפּאַנען איין די נייע „מודע" פערד, עסט ער, בערל, שנעל אָפּ, און נעמט גלייך ווידער שניידן דעם ווייץ. אַט אַזוי פירט ער זיך און דערפאַר ענדיקט ער די אַרבעט פריִער פון אַלע שכנים קאָלאָניסטן.

פאַרגינט ער זיך, בערל, אויך איצט אָפּצורוען זיך עטלעכע טעג. ער טוט זיך אָן אַ נײַ רײַן זומער־העמדל — און ער שפּאַצירט זיך דורך צו אַ שכן וואָס האָט נאָך היפּש צו שנײַדן. ער וויל זיך מיט קיינעם נישט רייצן, נישט באַרימען זיך חלילה. אָבער יענער ווערט טרויעריק־פינצטער, עס פאַרדריסט אים אַ ביסל...

ווער שמועסט נאָך, אַז עס נעמט רעגענען און מיט יעדן טאָג פאַרלירט דער ווייץ אַלץ מער זײַן ווערט, ווען ער שטייט נאָך אויפן פעלד אַ ניט־אָראָפּגענומענער, דעמאָלט איז בערל נאָך מער צופרידן וואָס ער האָט זיך פריִער געאײַלט, וואָס בײַ אים איז די מאַשין געגאַנגען ווי אַ זייגער און ער האָט אפילו קיין איין מינוט ניט פאַרלוירן...

מען פירט די תבואות אין שטעטל אַרײַן

אַז מען האָט שוין אָראָפּגענומען דאָס געטרעטעניש, די פולע אָנגעפּאַקטע זעק־לעך ווייץ ליגן אין שײַער ביז העט אונטערן האָך און אָפּט מאָל מוז מען נאָך אין דרויסן אויך אויסלייגן אַ „פּילע"*) זעק, דעמאָלט קומט די צײַט אוועקצושיקן די זעקלעך צו דער באַן־סטאַנציע, וווּ זיי ווערן אָנגעלאָדן אויף די וואַגאָנעס און אי־בערטראַנספּאָרטירט צו די האַפנשטעט.

אונדזער בערל האָט ליב די דאָזיקע אַרבעט. ווען ער איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָט ער אַזוי זיך, אויף קאַטאָוועס, געפּרוּווט טראָגן זעקלעך געדשטן און אָנ־געלאָדן דעם וואָגן. געזען האָט ער, אַז עס גייט. ער האַלט אויס. דער אַקסל בייגט זיך נישט אונטער דער לאַסט פונעם פולן זאַק. איז ער אי צופרידן, אי איבערראַשט געבליבן. שוין אַ גאַנצער אַרבעטער! אַ גרויסער געוואָרן מיט אַ מאָל!

שפּעטער־צו האָט ער שוין אויך געפּרוּווט מיט שווערערע זעקלעך ווייץ, און עס איז געגאַנגען. אויף אַזאַ אופן איז בערל געוואָרן טאַקע אַן אמתער קאָלאָניסט. וואָס קען טאָן אפילו די סאַמע שווערסטע אַרבעטן. אייגנטלעך איז גאָר גרינג אָנ־צולאָדן זעקלעך תבואה אויף די קליינע ווענעלעך וואָס מען נוצט אין דער פּאַמפּע. מער ווי פערציק זעקלעך וועט איר נישט קענען אויפלאָדן, ווײַל דער וואָגן נעמט מער נישט צו. און אַז מען דערלאַנגט אײַך דעם זאַק, לייגט ער זיך גוט אויפן אַקסל און איר קענט אפילו אונטערטענצלען מיט אים, ווײַזן קונצן. פאַר אַ קאָלאָניסטישן זון איז נישט נאָר וויכטיק צו טראָגן די זעק מיט אַ פריילעך פּנים, אָן אַ קרום,

*) „פּילע" — קופּע.

נאָר ער מוז אויך באַווײַזן, אַז ער קען גיין פּעסט, זיכער, קיין מאָל זיך ניט קײַן וואַקל טאָן, און נאָך דערצו מאַכן אַ שפּיל, אונטערלויפן, אַ שלײַדער טאָן דעם זאַק, ווי עס טוען די פֿעיִקע זעקל־טרעגער. אַרויפֿגיין אויף טרעפּ, אָדער גאָר אויף אַ בריק, געמאַכט פֿון אַ גראָבער ברעט און נישט פֿאַרלירן דאָס גלײַכגעוויכט. אַ קאַלאָניס־טיש יִינגל ווייסט, אַז סתם אַזוי זיך, וואַכעדיק גרוי, טויג נישט די אַרבעט. מען דאַרף אַלץ צושמעלצן מיט אַ ביסל פֿריילעכקייט, מיט שיינקייט און חן.

בערל רעכנט אויס וויפֿל צײַט דאָס איבערפֿירן דאַרף בײַ אים פֿאַרנעמען. ווען ער האָט, אַ שטייגער, טויזנט זעק צו טראַנספּאָרטירן מוז ער מאַכן פֿון 35 ביז 40 „וויאַכעס"*). מען רופֿט דאָס טאַקע אויפֿן היגן קאָלאָניסטישן לשון „וויאַ־כעווען". פֿיר לעגוועס, דאָס הייסט צוואַנציק קילאָמעטער, איז פֿון זײַן טשאַקרע ביז דער באַן־סטאַנציע. מוז מען מאַכן אַהין און צוריק אַכט לעגוועס. דאָס קען קלעקן אויף אַ גאַנצן טאָג, ווען מען אײַלט זיך נישט. וואָלט דאָס געדויערט אפשר צוויי חדשים צײַט, ווען מען זאָל אַראָפּרעכענען די זונטיק־טעג, די ימים־טובים, די רעגנס און סתם איבערשלאָגן. אָבער בערל מאַכט עס אין אַ העלפֿט צײַט.

קודם, די זעק לאָדט ער אָן פֿאַר נאַכט. דער פֿאָטער דערלאַנגט זיי אים און ער טראָגט זיי פֿון שײַער אַרויס און וואַרפֿט זיי קונציק אַרויף אויפֿן וועגעלע מיט אַ סדר, אַזוי אַז מען זאָל דעם אויסלייג נישט דאַרפֿן נאָך דעם פֿאַרריכטן. אָנגעלאָדן דאָס וועגעלע, דעקט מען עס איבער מיטן ברעזענט, אויב די צײַט ווײַזט אויף רעגן. פֿרי באַגינען פֿאַרטרײַבט בערל די פֿערד, שפּאַנט אײַן דעם וואָגן און מיטן טאָג גלײַך זעט איר אים שוין אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צו דער באַן־סטאַנציע. די פֿערד דאַרף מען דעמאָלט נישט אונטערפּאַשען, וואָרעם אויף די אָפּגעשניטענע תבואה־פֿעלדער פֿאַרבלײַבן גענוג איינציקע זאַנגען בײַ די ווינקלען און ברעגן, און חוץ דעם וואַקסט צווישן טרוקענעם שטרוי אַ זאַפֿטיקע פּאַשע.

אין אַמאָליקע צײַטן פֿלעגן זײַן גאָר גרויסע וועגענער אויף צו טראַנספּאָרטירן די תבואות. „טשאַטעס" פֿלעגט מען זיי רופֿן. די גאַוטשן, וואָס פֿלעגן זיך אָפּגעבן מיט אָט דער אַרבעט, האָבן געקענט אָנלאָדן אויף זיי ביז הונדערט זעק. געשפּאַנט האָבן זיי צוואַנציק אָדער פֿינף און צוואַנציק פֿערד, נישט קײַן פֿיר פֿערד, וואָס די נאַרסים־לעווענער קאָלאָניסטן האָבן באַנוצט פֿאַר יעדן וועגעלע. דערפֿאַר אָבער האָט די הויכע, מגושמדיקע טשאַטע זיך קוים גערירט, אַזוי שווער איז זי געווען. דער אָנטרײַבער האָט אויף זײַן זיץ־פּלאַץ געהאָנגען ווי אין דער לופֿטן, אַ גוטע העלפֿט איבערן „באַרעראָ־פֿערד" (דאָס פֿערד וואָס איז געשפּאַנט אין די האָ־לאָבליעס). אַזאַ סאָרט וואָגן פֿלעגט העכסטנס מאַכן פֿון פֿיר ביז פֿינף לעגוועס אַ טאָג. טריט בײַ טריט פֿלעגט ער זיך שלעפּן און מיטאָגצײַט האָט דער אָנטרײַ־

*) „וויאַכעס" — רײַזעס, ד. ה. טראַנספּאָרטן.

בער אויסגעשפּאַנט די פערד אויף אַ פּאָר שעה, זיי אָנגעפּאַשעט אויפן וועג, דאָרט ווו די פּאַשע איז געווען צום בעסטן, זיי אָנגעטרונקען און פּאַמעלעך זיי נאָך אַ מאָל איינגעשפּאַנט און ווידער זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבער די ברייטע וועגן.

ווען בערל איז געפאָרן מיט זײַן וואָגן, וואָס האָט געהאַט אויף זיך פינף און דרײַסיק אָדער פערציק זעקלעך ווייץ, האָט ער אָנגעטריבן די פערדלעך און איז היפּש אונטערגעלאָפן. פלעגט פּאַסירן אַז ער האָט איבערגעיאָגט אַזאַ סאָרט טשאַטע אויף האַלבן וועג און ווען ער פלעגט שוין פאָרן צוריק אַהיים, האָט ער נאָך אַלץ באַגעגנט די זעלביקע טשאַטע פון אינדערפרי, וואָס האָט קוים דורכגעמאַכט עטלעכע קילאָמעטער.

אָבער אײַלן זיך מיט די זעקלעך, האָט אויך אַ גרענעץ. לויפט איר צו שטאַרק, פאַרלירט איר אויפן וועג אַ זאַק. פּלאַצט ער און איר האָט נאָך דעם צרות. גייט איר פּאַמעלעך, קומט איר שפּעט, מוזט איר שטיין שעהן לאַנג אין דער ריי, בײַ די „גאַלפּאַנעס”, ווו דער תבואה־סוחר נעמט צו דעם פּראָדוקט. מען מוז, דעריבער, געפינען אַ מיטלוועג. דער קאָנטראָל איז געווען דאָס טרייסלען פון וועגעלע. האָט געגנומען צופיל טרייסלען, פלעגט ער אײַנהאַלטן די פערד, אַ צי טאָן מער די לייצעס און פאַרקלענערן דעם גאַנג. איז דער וועג געווען גלײַכער, מיט ווייניקער גריבער, פלעגט ער נאָכלאָזן די לייצעס און נאָך אַ פּאָכע טאָן מיט דער בײַטש. אים האָט הנאה געטאָן, ווען ער פלעגט אָנקומען דער ערשטער צו דער טיר פון „גאַלפּאָן”, ווו מען לאָדט אָפּ די זעק. אָבער דאָס פלעגט טרעפן זעלטן, מחמת פיר לעגוועס דיסטאַנץ איז היפּש ווײַט.

צען אַ זייגער אין דער פרי האָט שוין בערל געהאַט אַראָפּגעפּטרט די משא און זיך אומגעקערט צוריק. דער וועג מיט ליידיקן, איז שוין אַ סך קירצער. בערל שטייט אויף די פיס, מחמת דאָס וועגעלע שפּרינגט אונטער און טרייסלט שטאַרק. ווער שמועסט נאָך ווען עס מאַכט זיך אַ גרוב, דעמאָלט טוען די רעדער אַ פאַל אַרײַן און אַ שפּרינג אונטער אויף אַ מעטער די הייך. פאָרן זיצנדיק וואָלט געמיינט פּשוט אַרויסטרייסלען פון זיך דאָס אינגעווייד. אַ שכן בערלס, נח פיקער, חידושט זיך טאַקע, ווי אַזוי האַלט אוים בערל פון אַזאַ שנעלן פאָרן מיט אַ וועגעלע אָן רעסאָרן. פּאַסירט אַ מאָל, אַז ער, נח, פאָרט אַרוים פון שטעטל אין איין צײַט מיט בערלען, וואָס יאָגט אים אַריבער און ווערט פאַרשווונדן אין אַ וואָלקן שטויב. אַזוי ווי נח וווינט אַ ביסל ווײַטער, מיט אַ פּאָר קילאָמעטער פון בערלס פּאַטער, שטעלט ער זיך אָפּ טאָן אַ טרינק וואַסער. טרעפט ער שוין בערלען אָנלאָדן דאָס וועגעלע מיט זעק פאַר דער צווייטער „וויאַכע”. טייל מאָל שטייען שוין די פערד גרייט געשפּאַנט צום אַרויספאָרן. טאַפּט ער אים, דער גוטער שכן נח, בערלען בײַם גאַרטל. — וואָס ווילט איר? — פרעגט בערל. „איך וויל זען”, ענט־

פערט יענער, „צי האָסטו נאָך די קישקעס אין בויך. פון אַזאַ פֿאָרן קען מען בלייַבן אָן קישקעס און אָן געזונט און לעבן"...

אָבער בערלען, וואָס איז מיט אַ פּאָר צענדלינג יאָר יינגער, שאַדט עס ניט.

בערל לאָדט אָן, צום צווייטן מאָל, דאָס וועגעלע און צוויי אַ זייגער בייַטאָג וואַקסט ער שוין ווידער אויס בייַ דער באַן־סטאַנציע און שטייט אין דער ריי, אַז דער „רעסיבידאָר" זאָל בייַ אים ווידער אָפּנעמען די תבואה. אָט אַזוי אַרבעט ער אָפּ אַ חודש, אָדער אַנדערהאַלבן, און ער פירט איבער דעם פּראָדוקט צום אויפ־קויפער

פֿאַראַן צייַטן ווען די מאַרק־פּרייַזן זייַנען ניט סטאַביל און מען מוז צוּוואַרטן אויף אַ בעסערונג. דעמאָלט ליגן זיך די זעקלעך אין שייַער און וואַרטן אַזוי לאַנג ביז: אָדער מען איז געצוווּנגען צו פֿאַרקויפן אפילו ווען דער מקח איז אַ נידעריקער, וואָרעם עס קען ווערן נאָך ערגער, אָדער מען דערוואַרט זיך אויף אַ העכערער פּרייַז און מען מוז שנעל, אָן צייַטפֿאַרלוסט, צושטעלן דעם סוחר, אָדער דער קאָאָ־פּעראַטיווע, דעם פּראָדוקט.

נישט גוט איז צו „וויאַכעווען" ווען מען מוז צום באַשטימטן טערמין צושטעלן די תבואה. גראָד קען זיך מאַכן אַ רעגנדיקע צייַט און די וועגן ווערן דעמאָלט זייער שלעכט. אין די נידעריקע פּלעצער שטעלט זיך אָפּ וואַסער און עס פֿאַרמירן זיך בלאָטעס אַזעלכע, וואָס מען רופט זיי „פֿאַנטאַנעס", פֿאַר וועלכן ס'שרעקן זיך וועגענער און לאַסט־אויטאָמאָבילן. ס'טרעפט טייל מאָל אַז די אַנגעלאָדענע וועג־נענער שטעלן זיך אָפּ פֿאַר דער „פֿאַנטאַנע", די אַנטרייַבער גייען אַראָפּ און שפּאַ־נען אַרום, כּדי גוט צו באַטראַכטן די בלאָטע און אויסגעפינען ווו עס איז בעסער דורכצופֿאָרן. די פֿערדלעך רוען זיך אויס און נאָך דעם נעמט מען מיט אַ געשריי, מיט מוראדיקע קולות, טרייַבן די פֿערד און דורכלויפן וואָס שנעלער דאָס געפֿער־לעכע פּלאַץ.

בערל שרייַט גראָד נישט הויך, ווען ער דאַרף אַריבערפֿאָרן אַזאַ בלאָטע מיטן אָנגעלאָדענעם וואָגן. הגם אין גאַנצן שטיל בלייַבט ער אויך נישט אין אַזאַ ערנסט סכּנותדיקן מאָמענט. אָבער דער עיקר נוצט ער די לאַנגע בייַטש, וואָס אויב מען דאַרף, שנייַדט זי ממש די רוקנס פון די פערד.

אַז די געוואַלדן און דאָס שנייַדן מיט דער בייַטש העלפֿן, אַז מען זעט זיך פון יענער זייַט מיט דער אָנגעלאָדענער משא, אַז די בלאָטיקע נעסט, אָדער „פֿאַנטאַ־נע" בלייַבט פון הינטן — מעג מען זייַן צופרידן. גאַרנישט גוט איז, ווען מען בלייַבט שטעקן אינעם טיפֿן זומפּ און די פערד נעמען זיך אויסציִען אין דער בלאָטע איי־נער אויפֿן אַנדערן, און עס ווערט פון זיי איין קנויל. דעמאָלט קען מען זיך גאָר־נישט העלפֿן. מען מוז זיך אויסטאָן די שיך, פֿאַרקאַטשען די הויזן ביז איבער די קני און פֿאַמעלעך אַראָפּטראָגן אַלע זעקלעך, זיי אָוועקלייגן אויף אַ טרוקענעם פּלאַץ,

פון יענער זייַט זומפּ. דערנאָך נעמט מען זיך פּאַוואָלינקע די זעקלעך אויפן אַקסל און מען לאָדט זיי צוריק אָן איינס נאָכן אַנדערן. ווען איינס אָדער מער וועגעלעך טרעפן זיך צוזאַמען, איז גרינגער די אַרבעט. אָבער אין אַ סך פאַלן מוז מען איינער אַליין טאָן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט און מען דאַרף שטענדיק זייַן גרייט דערצו.

ווען בערלען איז צום ערשטן מאָל אויסגעקומען דורכצומאַכן אַזאַ איבערלע־בונג, האָט ער גוט „געבידעוועט". ס'איז גאָר נישט קיין געשמאַק מאַכל צו טראָגן זיך מיט די זעק אין דער בלאָטע. נישט גרינג איז אויך אַליין ווידער אָנצולאָדן דעם וואָגן, ווען קיינער פאַרגיט אייַך נישט די זעקלעך. אָבער נויט ברעכט אייַזן.

אויפן גלייַכן וועג טרעפט זיך אויך אַ מאָל אַ שטיקל איבערשלאָג: אַ שינע פאַלט אַראָפּ פון ראָד, אָדער עס צעברעכט זיך אַן אַקס. אַנומלטן האָט דאָס טאַקע בערלען פּאַסירט. אויפן גלייַכן וועג טאַקע, אָן שום סיבה, האָט אַ ביסל אַ טרייסל געטאָן דער וואָגן און קראַך!!! אַן אַקס האָט זיך צעבראָכן. האָט ער שוין געהאַט יענץ שטיקל אַרבעט.

אין וואַלד אַרייַן נאָך האָלץ

פאָרן אין וואַלד אַרייַן נאָך האָלץ, סייַ אויף צו הייצן, סייַ צוליב בוי־צוועקן, איז נישט קיין מוז־אַרבעט אין קאָלאָניע. מען טוט זי ווינטער־צייַט, נאָכן פאַר־אַקערן און פאַרזייען די פעלדער. אַוודאי טרעפט אַ מאָל אַ קאָלאָניסט וואָס פאַר־גרייט זיך ניט געננוג האָלץ אויפן יאָר און ער איז דערפאַר געצוווּנגען אין מיטן ברען פון דער אַרבעט פאָרן אין וואַלד אַרייַן נאָך האָלץ. אונדזער בערל ווייסט זייער גוט, אַז מען מוז אָנגרייטן אַזוי פיל האָלץ, אַז עס זאָל נאָך בלייַבן אויפן צווייטן יאָר. נאָר זייַנען די פעלדער פאַראַקערט און פאַרזייט, גרייט מען צו דעם וואָגן, מען שפּאַנט אייַן פיר, אָדער פינף שטאַרקע פערד און מען טוט אַ פאָר אין וואַלד אַרייַן, וואָס געפינט זיך אַן ערך פופצן קילאָמעטער פון שטוב. דער וואַלד איז דער יִיקאָס און פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל קען מען אָנהאַקן אַ וואָגן האָלץ, פונעם בעסטן וואָס מען קען נאָר קריגן.

דאָרטן זייַנען נישט פאַראַנען קיין הויכע און ברייט־שטאַמיקע ביימער. ס'איז אַ וואַלד פון דינע נידעריקע „קאַלדענעץ", ווייַל די הויכע און דיקע ביימער האָט מען נאָך מיט יאָרן צוריק אויסגעהאַקט. מוז מען האָרעווען ביז מען האַקט אָן אַ גרויסן וואָגן האָלץ. אָבער אייַלן זיך איז, ווי געזאָגט, ניטאָ צו וואָס. מען פאָרט זיך אַרויס אין דער פרי, די קעלט נעמט דורך די ביינער. די לופט איז מחיהדיק פריש, דער הימל — לויטער, מחמת אין אַ שלעכטער צייַט זיצט מען בעסער אין דער היים. אַרום גרינען די יונגע תבואות, די ניט־לאַנג פאַרזייטע, און מען קען דערווייַל זען בייַ וועמען עס וואַקסט אַ בעסער געוועקסניש. בערל פאָרט אין וואַלד אַרייַן מיט

זײַן פֿאָטער, אָדער מיטן ייִנגערן ברודער. זיי פֿאָרן אַרײַן אין אַ ליידיקן שטיק פֿעלד אין מיטן וואַלד. דאָרט שפּאַנט מען אויס די פֿערד. מען בינדט זיי צו אויף שטריק, אָדער מען פּענטעט זיי, זיי זאָלן זיך דערווײַל פּאַשען, און אַליין גייט מען אָפּזוכן גוטע ביימער צום האַקן.

דער וואַלד, וואָס ליגט אין אַ טאָליקער געגנט, דאָרט ווו די קאָלאָניע נאַרסים לעווען ענדיקט זיך, איז פֿול מיט דערנער־פֿלאַנצונגען, אַזעלכע האַרטע, שטעכיקע, וואָס מען דאַרף זיך זייער היטן פֿאַר זיי. די צווײַגלעך פֿלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן און אַז איר ווילט דורכגיין, צערײַסט איר אויף זיך די מלבושים און איר צעבלוטיקט זיך דאָס לײַב. מען מוז זײַן אויסערגעוויינלעך פֿאָרזיכטיק און זייער פּראַקטיש צו קענען דורכשלײַכן זיך דורך סטעזשקעלעך און נאַטירלעכע דורכגאַנגען און ניט פֿאַרטשעפּען זיך אין די נאָדלדיקע שפּיצן פֿון די האַרטע צווײַגעלעך.

און אַפֿילו דאָס טרוקענע האָלץ איז אויך פֿול מיט שטעכערס, און איר קענט גאָר ניט אָננעמען מיט די בלויזע הענט אַ שטיקל האָלץ, אַז עס זאָלן נישט בלײַבן שטעקן אין די פֿינגער אָט די „בודיקעס", וואָס צערײַטשען ביז בלוט. בערל האָט אין אמתן ניט שטאַרק מורא פֿאַר אָט די דערנער. די הענט זײַנע, צוגעוווינטע, געהאַרטעוועטע פֿון קלײנערהייט אָן, האָבן אויף זיך אַ האַרטע שאָל, אַזוי ווי פֿון בלעך, און שווערלעך קענען זיך דאָרט די שטעכערס פֿאַרשטעקן. אויסערלעך איז ער שטאַרק פֿאָרזיכטיק און דערפֿאַרן.

בערלען איז די אַרבעט נישט שטאַרק אָנגעלעגן. אָבער מען מוז דאָך האָבן האָלץ צום הייצן די קיך, צום באַקן ברויט, אָנצוּוואַרעמען זיך אין די קאַלטע ווינטער־נעכט. אין וואַלד קען מען אויך אָפּזוכן אַ גלײַך דרענגל וואָס נוצט צום בויען, אויף צו מאַכן „פּאָסטן"*) פֿאַר די דראָטענע אַרומצוימונגען.

עס מאַכן זיך אַ מאָל שווערע דרענגער וואָס מען דאַרף זיך אונטערגאַרטלען זיי אַרויפֿצופּאַקן אויפֿן וואָגן. די לייגט מען פֿון אונטן, ווען דער וואָגן איז נאָך ליידיק. מען הייבט אויף איין ברעג און מען שפּאַרט אים אָן אויפֿן וואָגן און אָט אַזוי, פּאַמעלעך, רוקט מען אים אַרויף. עס טרעפֿט, אַז מען מוז האָבן די הילף פֿון אַנדערע קאָלאָניסטן, און דעמאָלט שפּאַנט מען זיך צונויף צו צוויי און צו דרײַ און מען העלפֿט זיך קעגנזײַטיק. אַז מען ווערט מיד, מאַכט מען אַ מאַטע. עסנוואַרג און מאַטע־מכשירים מוז מען אומבאַדינגט מיטברענגען אין וואַלד אַרײַן, מחמת דאָרט קומט אויס צו פֿאַרבלײַבן אַ גאַנצן טאָג. איז בײַם אָפּרוען זיך, בעתן עסן און מאַטע־טרינקען, שמועסט מען זיך דורך.

דאָס פֿאָרן צוריק אַהיים איז אפֿשר דאָס שווערסטע בײַ אָט דער אַרבעט. ווי גוט איר זאָלט נישט אָנלאָדן דעם וואָגן, מיט וויפֿל שטריק איר זאָלט נישט אַרומ־

*) „פּאָסטן" — סטויפּעס.

בינדן די צווייַגן וואָס ליגן פון אויבן, צעפאָרט זיך פון דעסטוועגן דער אָנלייג און איר מוזט אויפן וועג זיך אָפּשטעלן פאַרריכטן.

די צרה איז וואָס עס ווילט זיך ניט אַהיימפאָרן מיט אַ קליין וועגעלע האָלץ, וואָס קאָסט אַלץ איינס שטייַער ווי דער גרויסער וואָגן און אַ חוץ דעם מוזט איר זיך צוויי מאָל מטריח זייַן אויף צו ברענגען דעם זעלביקן סכום הייצוואַרג. גרייט מען אָן וואָס מער, און אַז מען נעמט זיך אָנלאָדן, ווילט זיך קיין אָפּגעהאַקטע האָלץ ניט איבערלאָזן. צום צווייטן מאָל וועט מען דאָס שוין ניט געפינען. כאַפּט מען טאַקע איבער די מאָס. אַ דער וואָגן איז צו הויך אָנגעלאָדן און צו שווער איז זייַן משא, אַ דערוויַיל האָט זיך די זון אַראָפּגעלאָזט נידעריק און די נאַכט נעמט צופאַלן.

אויסרעכענען שלעכט די צייַט, איז קיין נייַעס ניט בייַ דער דאָזיקער אַרבעט. בערל, וואָס איז גראָד אַזוי אויסגערעכנט בייַ יעדער סאָרט פעלדאַרבעט, פאַלט אויך טייל מאָל אַרייַן, ווען ער געפינט זיך אין וואַלד. קען ער בייַ זיך ניט פועלן איבערצולאָזן אָט דעם קלאָץ, אָט יענעם שטאָם, און אוודאי מוז ער אויסהאַקן אָט יענעם גלייַכן סלופּ, וואָס וועט אים זייער גוט צו נוץ קומען פאַר דעם דראָטענעם צוים וואָס ער האַלט אין מאַכן. לאָזט ער זיך אַרייַן אינעם דאָזיקן אימפּעט און פאַרפאָרט אַ ביסל צו שפּעט. ווען ער כאַפּט זיך, העלפט שוין נישט דאָס אײַלעניש.

אַז די פינצטערניש פאַלט צו, איז שוין גאַרנישט געשמאַק צו פאָרן איבער די זאַמדיקע און שטייניקע וועגן פון דער פּאַמפּע. אַ סך צופאַלן טרעפן זיך און מען מוז אַ מאָל דעם וואָגן איבערלאָזן אין מיטן וועג און פאָרן מיט די פערד אַהיים נעכטיקן, אָדער איבערשלאָפן בייַ אַ ווייַטן שכן, אַ קאָלאָניסט.

די פּאַמפּער וועגן, דערהויפּט דאָרט, ווו מען פאָרט אין וואַלד אַרייַן, זייַנען זייער „איינגנאַרטיקע". די ערד איז ניט קיין גלייַכע, נאָר אַ געבראָכענע, מיט בערגלעך און טאָלן. אויף די שפּיצן בערגלעך ווערט דאָס זאַמד נאָך לאַנגע יאָרן פאָרן איבערן וועג, אָפּגעשווענקט פון די רעגנס און אַראָפּגעטראָגן פון די ווינטן, אַזוי אַז עס סטאַרטשען אַרויס שטיינער, ווייַסע און געלע. דער שטיין, אָדער „טאָסקאַ", איז ניט פון איין בלאָק, נאָר שטיקערווייַז אָנגעהויפנט, מיט קאָרבן און שפּאַלטן, ווו עס איז דאָ אַזאַ געלבלעכע ליים אָדער זאַמד. די שטאַרקע רעגנס שווענקען אויס גריבער, גאַנצע קאַנאַוועס, וואָס זייַנען טייל מאָל ביז אַ מעטער און צוויי די טיף. אָט יענע גריבער און קאַנאַוועס, וואָס זייַנען פאַראַן אויף די באַרג־אַראָפּ־ און באַרג־אַרויף־וועגן, זייַנען זייער געפערלעכע, פאַר די וואָס פאָרן מיט פולע אָנגעלאָדענע וועגענער האָלץ אין די לבנהלאָזע נעכט. פאָרט מען אַרייַן אין אַזאַ גרוב, מעג מען זייַן זיכער, אַז מען וועט שוין דאָרטן בלייַבן נעכטיקן. דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. מערסטנס קערט זיך דער וואָגן איבער מיט דער גאַנצער משא און מען קען נאָך חלילה דערהרגעט ווערן.

אַט פאַר די געפאָרן שרעקט מען זיך עס דעמאָלט, ווען מען פאַרשפּעטיקט זיך מיטן אָנלאָדן דעם וואָגן האָלץ און די נאַכט נעמט צופאַלן. אָבער ווען מען פאָרט דערנאָכדעם פּאַרזיכטיק, גייט מען דורך בשלום די עטלעכע קילאָמעטער און איינ־געהילט אין די נאַכט־שאָטנס פאָרט מען אַריין מיטן וואָגן האָלץ אין הויף אַריין א מידער, א צעבראָכענער, אָבער א צופרידענער וואָס דאָס שטיקל אַרבעט איז אָפּגעגאַנגען גלאַט. אויסגעשפּאַנט די פערד — קען מען זיך אָפּרוען, זיך אַרומ־וואַשן, אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון זיך.

אַט אַזוי פירט מען זיך פאַוואָלינקע אָן צען ווענגלעך האָלץ, האָט מען באַ־הייצונג אויפן גאַנצן יאָר. דאָס געדויערט דאָך, נאָך אַלעמען, נישט מער ווי צען טעג, און דערצו נאָך קלייבט מען אויס די שענסטע צייט און מען קען נאָך אפילו אויסמאַרקירן אַזוי, אַז עס זאָלן זיך מאַכן לבנה־נעכט, ווען דאָס פאַרשפּעטיקן זיך איז גאָר קיין אומגליק נישט.

איז אויך דאָס האָלץ־פאַרגרייטן נישט אַזאַ אומאַנגענעמע אַרבעט אין דער קאָלאָניזאַציע פון דער פּאַמפּע און אונדזער בערל האָט זי אַלע מאָל געטאָן מיט פאַרגעניגן. אַז ער פלעגט זיך צוקוקן ווי דער באַרג האָלץ ביי דער שטוב וואַקסט, ווערט העכער און העכער, האָט ער געהאַט הנאה. זאָלן שכנים זען, אַז זיי זיינען גוטע קאָלאָניסטן, זיי וואַרטן נישט אויפן לעצטן מאָמענט ווען מען דאַרף שוין לייגן א ביסל האָלץ דאָס ברויט אָפּצובאַקן, נאָר זיי גרייטן באַצייטנס אָן אַז עס זאָל קיין מאָל נישט אויספעלן.

פּאַשע־פעלדער אין דער פּאַמפּע

אַז בערל פאַראַקערט די גאַנצע הונדערט פופציק העקטאַר פון זיין פּאַטערס קאַמפּ, בלייבט קוים איבער א קליינע פּאַשע־לאַנקע, פאַרזייט מיט האָבער, ווו עס קענען זיך פיטערן א רייטפערד, א מילך־קו, און העכסטנס נאָך א פּאָר פערד. דעם איבעריקן לעבעדיקן אינווענטאַר מוז מען פאַרטרייבן אויף פּאַשע, אין די פעלדער, וואָס געפינען זיך א פּאָר לעגוועס פון קאָלאָניע, דאָרט ווו מען זעט פון ווייטן שטענדיק אַזעלכע בלויע טומאַנען, מחמת דאָס אָרט איז א סך נידעריקער ווי עס זיינען די תבואה־פעלדער און עס זיינען פאַראַן דאָרטן בערגלעך און טאָלן, מערסטנס באַדעקטע מיט וואַלד.

אַז מען פאָרט אַוועק אַהינצו, דערזעט מען ערשט, אַז פון דער נאָענט איז די געגנט נישט קיין סך אַנדערש ווי אין קאָלאָניע; דער אונטערשייד איז נאָר אין די פלאַנצונגען, וואָס וואַקסן דאָרט ווילד־פרימיטיוו. נישט קיין וואַלד איז עס אין איינגנטלעכן זין פון וואָרט, נאָר א מין קוסטעס אַזעלכע, צווישן וועלכע עס כאַפּן

זיך אויך ארוים האלב אויסגעוואקסענע ביימער. פאשע איז גראד פאראן ניט קיין שלעכטע, דערהויפט נאך רעגנדיקע יארן.

ווען איר זאלט אים פרעגן, בערלען, פאר וואס לאזט ער נישט א ביסל מער ערד ביי דער שטוב, אויף דער אייגענער נחלה, ווו ער זאל פארזייען גענוג פוראזש און נישט דארפן טרייבן דעם סקאט אין דער פרעמד, אויף דער געדונגענער פאשע־לאנקע, וואלט ער אייך געענטפערט, אז לאזן פאשע אין דער היים לוינט נישט. אין גוטע יארן איז עס א צו טייערער ביסן. מען מוז האבן א היפשע צאל העק־טארן מיט געזייטער פאשע, כדי צו קענען האלטן דאס פי און די ארבעט־פערד ביי דער שטוב. אין שלעכטע יארן, ווידער, ווען עס רעגנט נישט, וועלן אפילו קיין הונדערטער העקטארן געזייטע פאשע נישט קלעקן. די ערד בלייבט שווארץ און דאס פי קומט אום. דאקעגן אין די ניט־באארבעטע, נאטירלעכע פאשע־לאנ־קעס, וואס געפינען זיך אויף יענער זייט גרענעץ פון קאלאניע, אין דער דרום־ריכטונג, וואס פירט צום טייך קאלאראדא, זאמלט זיך אן פאשע פון די גוטע רעגנדיקע צייטן. דאס גראז וואקסט אויס און ווערט פארטרוקנט, אבער עס טויג נאך זייער גוט אויף צו דערנערן דאס פי. חוץ דעם יאוועט זיך נאך פון צייט צו צייט א גרין גרעזל אויף דער קרקע־בתולה, די נישט אויפגערודערטע פונעם אקער, די וויניקער זאמדיקע, צוליב זייער בראשית־צושטאנד, און דארט וועלן די בהמות נישט אויסגיין פון הונגער.

האבן די קאלאניסטן פון נארסים לעווען, זינט די ערשטע צייטן פון דער קא־לאניזאציע, איינגעפירט אוועקצוטרייבן נאך דעם אקערן די קי און פערד אויף „פאסטארעא", אין די פאשע־לאנקעס, הייסט עס, און זיי האלטן דארט ביז נאכן אראפנעמען דאס גערעטעניש. שפעטער־צו איז פאראן פלאץ אויף דער טשאקרע אין משך פון עטלעכע חדשים, צו האלטן דעם גאנצן סקאט אין דער היים. אזוי ווי עס האט זיך אנגעזאמלט ביז פופציק און זעכציק שטיקלעך ביי יעדן קאלאניסט, איז דאס פאשען דעם לעבעדיקן אינווענטאר געווארן א זייער ערנסט פראבלעם. די פי־ציכטלער פון ארום דער קאלאניע, דער עיקר אין דער דרום־געגנט, פלעגן גערן ארייננעמען די „שטיקלעך" באקומענדיק א געוויסן פרייז חודשלעך פאר יעדן קאפ. היטן אבער פלעגט מען זיי נישט. מ'האט זיי אפגעלאזט אויף גאטס באַ־ראט. האט דער קאלאניסט כאטש צוויי מאל אין חודש געמוזט פארן געוואויר ווערן צו זיין ביסל פארמעג און זען צי האט ער זיי נאך, די בהמות זיינע.

בערל האט געהאט אויף זיך די דאזיקע ארבעט. צו ערשט אוועקטרייבן דעם סקאט, דאס פלעגט געדויערן א האלבן טאג, נישט מער. אבער גאר אנדערש איז עס געווען מיט די פעריאדישע וויזיטן.

עס טרעפט ווינטער־צייט, ווען פאשע איז פאראן ווייניק, קומען די בהמות איין מאל אין דריי טעג צום וואסער זיך אנצוטרינקען. דאס פאשע־פעלד איז נישט

קיין קליינס. עס האָט געוויינלעך פיר לעגוועס קאַמפּ, ס'הייסט: צען טויזנט העק־טאַר, און נאָר אַרומפּאָרן אַרום און אַרום מוז מען דורכמאַכן פערציק קילאָמעטער.

א פּאָר טויזנט שטיקלעך סקאָט פּאַשען זיך דאָרט. וואַסער קריגן זיי אין צענטער פונעם קאַמפּ, וווּ עס איז פאַראַן אַ ווינטמיל צו פּאָמפּען וואַסער, מיט אַ ריזיקן „אויסטראַליאַנער" רעזערוואַר. קומט בערל איין מאָל אין צוויי וואָכן און שטעלט זיך אַוועק בײַם וואַסער־פּלאַץ אָפּצוּוואַרטן די בהמות. טרעפט, אַז עס גייט אָפּ מיט מזל, זעט ער זיי נאָך אין זעלביקן טאָג און קען זיך צוריקפּאָרן אַהיים. דאָס אויסגעזאָטלטע פערד, אַ געפּענטעטס, פּאַשעט זיך נישט ווײַט פון אים און וואַרט אויפן מאָמענט נאָך אַ מאָל אָנגעזאָטלט צו ווערן. אָבער עס פּאַ־סירט אָפט, אַז די קי און פערד קומען נישט טרינקען עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד. איז גיי זעץ זיך אַוועק און וואַרט אויף זיי! נעמט ער, בערל, און זאָטלט זיך אָן דעם „סאַינאָ" און פּאָרט זיך דורך איבערן קאַמפּ. וואָלט נישט געווען קיין וואַלד, איז אַ קליינע צרה. לויפט מען דורך שנעל די עטלעכע טויזנט העקטאַר, מען קוקט איבער יעדער שטיקל סקאָט און צווישן די צוויי טויזנט זוכט מען אָפּ די פופציק, אָדער זעכציק אייגענע. זײַנען אָבער די ביימער און ביימלעך אַ גרויסע שטערונג. בערל פּאָרט פּאַרזיכטיק און זוכט אין אַלע ריכטונגען. ער געפינט גאָרנישט. זעט ער אַ מאָל עטלעכע שטיקלעך, זײַנען עס נישט זײַנע. צום ערגסטן איז, ווען ער זעט נישט קיין בהמות און ער פּאָרט זיך אַזוי אָפּ אַ שטיק וועג. ערשט, ער קוקט זיך אַרום, וואַקסן אויס פון הינטן, אַ פּאָר קילאָמעטער ווײַט, עטלעכע בהמות. משמעות, פריִער זײַנען זיי געווען פאַרשטעקט אין וואַלד און שפּעטער פּאַרגלוסט זיך זיי אַ ביסל אַרויסצורוקן זיך אויפן פרײַען פעלד. מוז ער זיך, בערל, אומקערן, וואָרעם גראָד די, קאָנען זײַן זײַנע. איז פּשוט משוגע צו ווערן אַרומלויפנדיק הין און צוריק איבער דער ריזיקער פּאַשע־לאָנקע פון דער פּאַמפּע. פלעגט מען זיך אַ גאַנצן טאָג אומזיסט און אומנישט און עס בלײַבט — אָדער אַהיימפּאָרן און נישט האָבן געזען דאָס ביסל סקאָט, אָדער איבערנעכטיקן און וואַרטן ביז מאָרגן, אַז זיי זאָלן פאָרט קומען טרינקען.

דער בעל־הבית פון קאַמפּ איז דווקא אַ ווילער יונגערמאַן. קאַנאַלע הייסט ער. אַ יונג מיט ביינער, וואָס האָט זיך זייער שיינע וויצן און פילט זיך אין מיטן דעם ווילדן קאַמפּ, ווי אַ פיש אין וואַסער. אַ טרוקענער גאַליעט פעלט נישט, פלייש האָט ער אויך גענוג. ער קוילעט אַ שאָף צי אַ קעלבל און מען מאַכט אַן „אַסאַדאָ". אויף געבראָטנס, זעט איר, איז ער אַ קינסטלער. מאַטע קען ער אויך דערלאַנגען. איז נעכטיקט בערל שוין דאָרטן איבער. קאַנאַלע צעלייגט אַ פײַער, מען זעצט זיך אויס אַרום אויף קליינע בענקלעך, צי גאָר אויף קעסטלעך פון קעראָסין, און אַזוי זופּט מען מאַטע אַ שיינע פּאָר שעה. ווען עס ווערן גענוג קוילן,

שטעקט ער אָן, קאַנאַלע, אויף אַן אײַזן אַ גאַנץ זײַטל פֿלייש און בראָט עס לאַנגזאַם, אַז עס זאָל זיך גוט אײַנפּרעגלען מיטן שמאַלץ.

אין דער אויסגעשטערנטערווינטער־נאַכט, אין דער שטילקייט און איינזאַמקײַט פֿונעם פֿאַרוואָרפֿענעם קאַמף, זיצט ער, בערל, מיטן „פֿועסטעראָ" און מיטן איינציקן פֿעאָן זײַנעם און אין דרײַען טרינקט מען מאַטע און קאַנאַלע האַלט אין איין דערציילן מעשיות. בערל הערט גערן, כאָטש אַ טבע האָט ער, דער יונג, אַלע מאָל איבערצוחזרן די זעלביקע געשיכטעס. מען קען אים אָבער נישט זאָגן אין די אויגן, אַז מען ווייסט עס שוין; מאַכט ער זיך, בערל, אויפֿן היזיקן שטייגער, תמעוואַטע, לאַכט נאָך, דאָרט ווו עס פּאַסט צו לאַכן, און ער באַמיט זיך וואָס בעסער אײַנצולעבן מיטן גוטמוטיקן יונג, וואָס האָט שוין אַפילו דורכגעמאַכט דאָס מיליטער־דינסט און ווייסט אײַך צו דערציילן ניסים פֿון דער גרויסער שטאָט.

אַ געלעגער מאַכט מען זיך ווי עס איז אויפֿן זאָטל און נאָכן געשמאַקן „אַסאַדאָ", וואָס פֿאַרענדיקט זיך שפּעט, איז פֿאָרט גוט צו כאַפּן אַ דרימל. בפֿרט נאָך ווען בערל האָט זיך אומגעיאָגט אַ גאַנצן טאָג מיטן רײַטפֿערד פֿונעם רוחס וועגן, און געזוכט די בהמות וואָס האָבן זיך מעשה־שטן פֿאַרשטעקט ערגעץ אין וואַלד...

אויף מאָרגן הייבט זיך ווידער אָן אַ סדרה וואַרטעניש, און אַ מאָל טרעפֿט נאָך, אַז מען מוז איבערנעכטיקן צוויי נעכט נאָך אַנאַנד. געוויינטלעך גייט עס נאָך אָבער אָפּ מיט חסד, און אויפֿן צווייטן טאָג באַווײַזן זיך די בהמות פּלוצעם בײַם וואַסער. פֿון אונטער דער ערד קריכן זיי אַרויס.

בערל באַטראַכט דאָס באַלעבאַטישקייט, זעט צי זײַנען זיי, די בהמות, פעטער געוואָרן, צי האָט זיך איינע פֿון די טיף־קעלביקע, אָפּגעקעלבט, און צי פֿעלט נישט איינע — אַוועקגעלייגט זיך פֿון הונגער, אָדער פֿון אַ פּעסט. דאָס פּאַסירט אויך זייער אָפֿט אין דער פּאַמפּע. אין שלעכטע יאָרן האָט שוין בערל באַוויזן אַוועקצוטרײַבן קי און צוריקברענגען נאָר די פֿעל. דאָס זײַנען, נישט הײַנט געדאַכט, די שוואַרצע יאָרן, וואָס קאָלאָניסטן פֿון דער פּאַמפּע געדענקען נאָך עד היום. דאָס זײַנען געווען די צײַטן, ווען מען פֿלעגט דאַרפֿן די מאָגערע קי „הייבן" אויף דריקעס, אונטערבינדן אַזעלכע „סינטשעס", פֿון רעדנעם געמאַכטע גאַרטלען, אויף וועלכע די בהמות זײַנען געהאָנגען, כדי נישט אומצופֿאַלן. פֿלעגן זיי זיך אַוועקלייגן — דעמאָלט האָבן זיי שוין פֿאַר שוואַכקייט זיך נישט געקענט שטעלן אויף די פֿיס, און זיי פֿלעגן שוין אַזוי צומאַכן אַן אויג. דאָס האָט בערל נישט געקאָנט דערלאָזן און ער פֿלעגט זיי אונטערשפּאַרן, האָדעווען אַ פּאָר וואָכן מיט פֿוראַזש, מיט געקויפֿטער אַלפֿע און מיט האָבער, ביז זיי האָבן זיך שוין אַליין געקענט האַלטן אויף די פֿיס. איז געקומען אַ געבענטשטער רעגן, די פּאַשע איז אונטערגעוואָקסן, האָבן זיך די בהמות פֿאַרגלעט, געקומען צו די כּוחות און זייער

שיינע קעלבעלעך פלעגן געבוירן ווערן פון קי, וואָס מ'האָט פריִער געמוזט וואָכן־לאַנג האַלטן אויף גאַרטלעך צוגעבונדן צו פיר סלופּעס.

אין די „שוואַרצע יאָרן", ווי מען באַצייכנט אין נאַרסים לעווען די יאָרן פון שטאַרקער טריקעניש, פלעגט גאָר אָפט פאַרלענדט ווערן דאָס גאַנצע ביסל סקאָט און קאָלאָניסטן האָבן געמוזט דערנאָך כמעט אין גאַנצן באַנייען זייער לעבעדיקן אינוועטנטאַר. אָבער דאָס זיינען געווען שרעק־יאָרן, וואָס בערל האָט גאָר מורא גע־האַט וועגן זיי צו טראַכטן אין די געוויינלעכע צייטן. אָט די פאַרענישן און דאָס אַרומזוכן די פי, איז געווען אַ יאָר־יערלעכע זאַך און אין דעם האָט שוין בערל באַקומען געניט דערפאַרונג. אַז ער פלעגט אָפּזוכן זיינע בהמות און פערדלעך, האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט און אַ צופרידענער זיך אומגעקערט אַהיים, אָנצו־זאָגן די פריילעכע בשורה.

צוריקצוועגס איז אים אָנגענעם געווען צו באַטראַכטן רויִק די לאַנדשאַפט, פאָרן זיך אַ קליין טראָטעלע, מיט זיין „סאַינאָ" דעם גוט אָנגעזאָטלטן, זיך אונ־טערזינגען אַ לידל. צו וואָס האָט ער געהאַט צו איילן זיך? אַז די אַרבעט זיינע האָט ער שוין געהאַט אָפּגעטאָן, איז אים אָנגענעם געווען צו באַטראַכטן גאָטס וועלטל...

ז

פון קולטור־קאָנגרעס

פון קאָנפערענץ צו קאָנפערענץ

די אַרבעט פון אַרגענטינער אָפּטייל פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס פאַר דער צייט פון דער צווייטער ביז דער דריטער דעלעגאַטן־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־איירעס דעם 14, 15 און 16טן יולי 1951.

לאָמיר באַלד אונטערשטרייכן:

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע און איינציייטיק דאָס וויכטיקסטע פון אָט דעם צונויפקום איז דער פאַקט, וואָס אין פאָדערגרונט איז אַרויסגערוקט געוואָרן די אידיי, אונטער וועלכער עס איז איינגעשטעלט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט פונעם קולטור־קאָנגרעס, און נעמלעך: „לאָמיר אָנהייבן פון זיך און פון אונדזערע היימען!” ווי אַ לייט־מאָטיוו האָט די לאָזונג באַגלייט אַלע אַרויסטרעטונגען; די לאָזונג האָט אויך צוגעגעבן וואָג און שווּנג דער קאָנפערענץ, וועלכע איז געוואָרן דער אָנהייב פון אַ נייעם עטאַפּ אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פונעם קולטור־קאָנגרעס אין בוענאָס־איירעס.

אין די טעג פון 14, 15 און 16טן יולי 1951 איז אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע אָפּגעהאַלטן געוואָרן די דאָזיקע, דריטע לויט דער ריי, קאָנפערענץ פונעם אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. אַז דער צונויפקום איז פאַרן יידישן ישוב אין אַרגענטינע געווען אַ געשעעניש פון גרויסן באַטייט האָט באַוויזן די צאָל דעלעגאַציעס, וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ. אגב, וועגן דעם אָנזען פונעם קולטור־קאָנגרעס ביים אַרגענטינער יידנטום זאָגט עדות דער וווּקס פון דער צאָל געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם קולטור־קאָנגרעס ווי זיינע פּראָטעקטאָרן און העלפערס. בעת צו דער פריערדיקער, צווייטער, קולטור־קאָנפערענץ זיינען געקומען פאַרשטייערס נאָר פון 34 אינסטיטוציעס (און צווישן זיי אַ סך אַזוי גערופענע „אָבסערוואַטאָרן”), האָבן אין דער דריטער קאָנפערענץ זיך באַטייליקט פאַרטרעטער פון 56 יידישע קערפּערשאַפטן. און נאָך עפּעס: בעת אויף דער צווייטער קאָנפערענץ (יוני 1949) האָבן אַ צאָל שליחים־אָבסערוואַטאָרן בייגעוווינט נאָר די דערעפענונג־זיצונג, האָבן די דעלעגאַטן פון דעם לעצטן צונויפקום אַקטיוו אָנטיילגענומען אין אַלע אַרבעטן פון דער קאָנפערענץ; זיי האָבן אַרויסגעוויזן לעבעדיקן אינטערעס פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן יידישן וועלטלעכן שאַפן פון היינט און פון מאָרגן.

אין אַ שבת־צונאַכטס איז אויסגעפאַלן די פייערלעכע דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ. דער גרויסער עולם, וואָס האָט איבערגעפולט דעם קהילה־סאַלאָן זינגט ספּאָנטאַן די „התקווה” און דעם פּאַרטיזאַנער־הימן „זאָג נישט קיין מאָל”. דער וויצע־פּרעזיצער פון אַרגענטינער אָפּטייל פון קולטור־קאָנגרעס, יונה גאָראָדיסקי עפנט די קאָנפערענץ פּראָקלאַמירנדיק

די לאָזונג: „לאָמיר אָנהייבן פון זיך און פון אונדזערע היימען".

יידישע קולטור איז נישט קיין הויל ווארט, יידישע קולטור איז אַ שליחות פון גאַנצן פאָלק, פון זיין איצט און זיין שפּעטער. לאָמיר אָנהייבן — קלינגט פייערלעך די דערעפענונגרעדע — מקיים זיין די צוואה פון די, וואָס זיינען אַוועק אויף קידוש־השם מיטן טיפן גלויבן אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק. אויב מיר ווילן האָבן אַ נייעם נאָכקום פון יידן, אמתע יידן, וואָס זאָלן ממשיך זיין אונדזער גייסטיק לעבן, דאַרפן מיר עס וועלן אויף גאָר אַן אַנדערן אופן, ווי מיר האָבן עס געוואָלט ביז איצט. מחמת אויף קיין שום דור איז קיין מאָל נאָך נישט אַרויפגעלייגט געוואָרן אַזאַ שווערער יאָך ווי היינט. לאָמיר זיך באַמיען זוכה צו זיין צו טראָגן מיט ווירדע דעם דאָזיקן גרויסן עול.

מיט טיפן ערנסט איז פון עולם אויפגענומען געוואָרן די אַרויסטרעטונג פון דעם איבערגעגעבענעם קולטור־עסקן.

וואָלף ברעסלער, פּרעזידיום־מיטגליד פון קולטור־קאָנגרעס, לייענט איבער אַ גרויסע צאָל באַגריסונג־טעלעגראַמעס און בריוו פון אויסלאַנד און פון אַלע עקן אַרגענטינע. צווישן אַנדערע באַגריסן שריפטלעך די בוענאָס־איירעסער קאָנפערענץ די צענטראַלע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע, די יידישע קהילה אין ראָזאַריאָ, די „קדימה" אין מאָזעסוויל, דער באַוווּסטער אַרגענטינער ליטעראַטור־מעצענאַט אברהם לייב, דער נעסטאָר פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע, א. ל. שוסהיים און פיל אַנדערע.

דערנאָך טרעט אַרויס שמערקע קאַטשערגינסקי, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע. פון אַמט גיט ער אָפּ אַן אויסשעפּלעכן באַריכט פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט פאַר דער צייט פון דער צווייטער ביז דער דריטער קולטור־קאָנפערענץ. קודם־כל רעדט ער וועגן דער גרונט־אידייע פונעם קולטור־קאָנגרעס: דער קולטור־קאָנגרעס, זאָגט ער, וויל אַריינברענגען יידישקייט אין אונדזערע היימען. אַלץ, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט שוין געטאָן און אַלע זיינע פּלענער אויף להבא זיינען פאַרבונדן מיט אָט־דער דערהויבענער מיסיע.

כדי צו רעאַליזירן די דאָזיקע גרונט־איידייע האָבן מיר אָנגעהויבן מיטן יידישן בוך און אין דער ערשטער ריי מיטן זאַמלבוך „אינאיינעם", מיט וועלכן מען איז אויסן אונטער איין דאַך אַרונטערצונעמען אַלע יידיש־שאַפערישע כוחות פון דרום־אַמעריקע.

דער ערשטער באַנד „אינאיינעם"

האָט פאַרקערפּערט אָט־די שטרעבונג. יידישע שרייבערס פון אַרגענטינע, בראַזיל, **אורוגוויי** און טשילע האָבן אין דעם זאַמלבוך באַקומען אַן אַנטשפּרעכיקע טריבונע פאַרן ערנסטן קינסטלערישן און פּובליציסטישן וואָרט.

קליין אין פאָרמאַט, ווינציק אין דער צאָל זייטן, איז אַ צווייטע פּובליקאַציע פונעם קולטור־קאָנגרעס, די תפילה „זאָג און געדענק". וועגן דער נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער אויסגאַבע זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס זי האָט דערגרייכט גאַנצע צוויי אויפלאַגעס; מ'קען דרייסט באַהויפּטן, אַז דער י ז כ ו ר האָט דערגרייכט צו פיל טויזנטער יידן.

עס איז מער ווי נאַטירלעך אַז מיר, דער קולטור־קאָנגרעס, זאָלן זיך מיטבאַטייליקן אין דער פייערונג פון 400טן יאָרטאָג פון איינעם פון די עלטסטע יידישע ראָמאַניסטן, אליהו בחור. צו דער געלעגנהייט האָט דער אַרגענטינער אָפּטייל פונעם קולטור־קאָנגרעס אַרויסגעגעבן אַן אַרבעט פון דר' יעקב שאַצקי, וועלכער איז גראָד געווען אונדזער גאַסט. דר' שאַצקיס בוך „אליהו בחור" איז אָגב זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער פאַכמענישער קריטיק.

דערמאָנענדיק נאָך די קלענערע אויסגאַבעס

ווי ש. קאטשערגינסקים ביכעלע „ישראל און געטא־לידער" (ארויסגעגעבן צו זיין אנקום אין לאנד), א ריי מימיאגראפירטע און געדרוקטע ביולעטינען, דעם ערשטן נומער פון דער צייטשריפט „אין בוענאס־איירעס", האט דער באריכט־אפגעבער ברייטער זיך אפגעשטעלט אויף דער מאנומענטאלער, 10־בענדיקער אויסגאבע פון שמעון דובנאוס „די וועלט־געשיכטע פון יידישן פאלק", וואס דער ארגענטינער אפטייל פון קולטור־קאנגרעס איז צוגעטראטן רעאליזירן.

דובנאוס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאלק"

צענדליקער זיצונגען פון אונדזער אפטייל, פון ניו־יארקער הויפט־ביורא, פון דער ספעציעל־געשאפענער דובנאוו־קאמיסיע מיט די געלערנטע דר' מענעס, דר' שאצקי, ש. ניגער האבן געדארפט פארקומען, בכדי צו געבן דער דובנאוו־אויסגאבע איר אנטשפרעכיקן אויסזען. די רעדאקציע־קאלעגיע האט באדארפט פארגלייכן די פארשיידענע ביז־איצטיקע אויסגאבעס פון דער געשיכטע, וואס דובנאוו גופא האט אן אויפהער פארפולקאמט צוגעבנדיק דא דערקלערונגען, אנדערשוו נייע מאטעריאלן, צוגאבן וכדומה. אנדערש זעט אויס די דובנאוו־געשיכטע אין דייטש, אנדערש אין רוסיש און אנדערש אין העברעיש און גאר אנדערש איז די נישט־פארענדיקטע פארמילחמהדיקע אויסגאבע אין יידיש. נישט ווייניק זארגן האבן פארשאפט די טעכנישע ענינים, וואס זיינען פארבונדן מיטן ארויסלאזן דובנאוס לעבנס־ווערק. עס האבן געמוזט באזייטיקט ווערן מערערע שוועריקייטן ווי אויפזוכן א פאסיקע דרוקעריי, קויפן געהעריק פאפיר, פארזיכערן אן ערנסטע קארעקטור אד"גל. איצט קענען מיר זיין שטאלץ, וואס דער דריטער באנד דערשיינט שוין און דער פערטער באנד געשיכטע איז שוין אין זאץ. אונדזער פלאן איז, אז אין פארלויף פון יאר 1952 זאל פארענדיקט ווערן די גאנצע אויסגאבע.

און ווען מען באַרעכנט די צאל זייטן פון דער דובנאוו־אויסגאבע, איר פארמאט, וועט זיך באקומען אז דאס דובנאוו־ווערק, וואס מיר גיבן ארויס איז גלייך צו 30־35 ביכער פון געוויינטלעכן פארמאט וואס באווייזן זיך אויפן יידישן ביכער־מארק. און פארגלייכט מען די דאזיקע אויסגאבע מיט דעם קאלאסאלן אינהאלטלעכן ווערט פון די צען גרויסע בענד, באקומט זיך ווירקלעך אן אוצר פון יידישן וויסן, וואס עס קען זיך איצט פארשאפן יעדע יידישע היים.

דער אנדענק פון אונדזערע קדושים און גיבורים

דער באריכט האט אויך נישט אויסגעמיטן די אנדערע וויכטיקע ארבעט־געביטן. א שטייגער: דער ענין 19 טער אפריל. דער אלוו' יידישער קולטור־קאנגרעס איז געווען דער איניציאטאר פון פארטיפן אין דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט דעם געדאנק פון ווירדיקן פייערן דעם אנדענק־טאג פון אונדזער נייעסטער מארטירלאגיע און גבורה. די 6 אנגעצונדענע ליכט אינעם ניו־יארקער קארנעגיהאל אין 1948, וועלן שוין קיין מאל נישט פארלאשן ווערן! — האט אויסגערופן דער באריכט־אפגעבער. דער ארגענטינער אפטייל פונעם קולטור־קאנגרעס האט זיך באמיט דעם טאג פון 19טן אפריל אויך צו פארוואנדלען אין א טאג פון אומאפמעקבארן געדענקען, וואס עס איז געשען מיט אונדז. א דאנק דעם קולטור־קאנגרעס איז דער 19טער אפריל און די 6 אנגעצונדענע אנדענק־ליכט שוין אריין אינעם שטייגער פון היגן יידישן לעבן.

דער קולטור־קאנגרעס אין ב.־איירעס האט דאס גלייכן זיך פארנומען מיטן וויכטיקן געביט פון יידישן טעאטער. עס איז געווארפן געווארן דער געדאנק צו שאפן א טעאטער־סטודיע פאר טאלענטירטער יידישער טעאטער־יוגנט; פאראן אויך א פלאן צו שאפן א ליאלקע־טעאטער. עס זיינען געמאכט געווארן באמיונגען געזונט צו מאכן די אטמאספער ארום די עקסיסטירנדיקע יידישע טעאטערס.

ארבעטנדיק אויפן ארגענטינער באדן האט

דער קולטור־קאנגרעס אויך געמאכט אנשטרענגונגען, צו שאפן אפטיילונגען אין א ריי שטעט ווי אין ראזאריא, לא־פלאטא א. א. עס זיינען איינגעשטעלט געווארן ברידערלעכע באציונגען מיט אלע יידישע שולן אין בוענאס־איירעס, מיטן וועד־החינוך ביי דער קהילה, וועד־החינוך הראשי, מיט דער ראציאנאליסטישער געזעלשאפט און פיל אנדערע.

באזונדערע אויפמערקזאמקייט האט דער קולטור־קאנגרעס געשאנקען דער פראגע פון אראפברענגען קיין ב. איירעס די

שרייבער־פליטים פון אייראפע.

עס זיינען דורכגעפירט געווארן א ריי איינטערוועניצן ביים מלוכה־פרעזידענט גענעראל פעראן, וועלכער האט אגב צוגעזאגט דעם עניין ענדגילטיק צו באוויליקן. פרישע שאפערישע כוחות זיינען נייטיק דעם היגן יידישן ישוב. דערלויבט — האט אויסגערופן דער באריכטאפגעבער — אין אונדזער און אין אייער נאמען איבערצושיקן די יידישע שרייבערס אין פראנקרייך און אין איטאליע אונדזערע הארציקסטע ברכות מיטן צוזאג אין גיכן זיך צו זען מיט זיי דא!

ער דערמאנט נאך די נעמען פון א ריי שרייבער וואס וואלטן געוועזן געווונטשן צו זען זיי צווישן אונדז ווי געסט. ער האט אויך אונטערגעשטראכן, אז דער ארגענטינער קולטור־קאנגרעס שטייט אין פארבינדונג מיט מערערע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס אין גאר דער וועלט.

נאכן באריכט וואס האט געגעבן אן אלזייטיק בילד פון דער קולטור־ארבעט צווישן ארגענטינער יידן, זיינען ארויסגעטראטן דעלעגאטן מיט באגריסונגען. מצד דער בוענאס־איירעסער קהילה האט באגריסט ישראל זאלצענשטיין, דר׳ לעאן לאפאקא האט גערעדט אין נאמען פון „דאיא", די רעפרעזענטאטיווע יידישע קערפערשאפט אין ארגענטינע, משה זשוראוולעווקער האט באגריסט מצד דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט פון לא־פלאטא און אין נאמען פון די פראווינץ־דעלעגאטן.

שמואל ראזשאנסקי, דער פארזיצער פונעם ארגענטינער אפטייל פון קולטור־קאנגרעס האט דערנאך געהאלטן א רעפעראט וועגן די

עיקר־פראבלעמען פון דער יידישער קולטור־ארבעט.

עס איז געווען אן ארומנעמענדיקער איבערבליק איבער די דורותדיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער קולטור־שאפונג און איינציייטיק א מין חשבון־הנפש פונעם יידישן מענטש, ווען עס איז נאענט צום הארצן דער קיום פון פאלק און זיינע גייסטיקע דערגרייכונגען. באריכנדיק פארשיידענע אספעקטן פונעם קולטור־פראבלעם ביי יידן האט ש. ראזשאנסקי צווישן אנדערן אויסגעפירט:

„מיר וואס פארלאנגען אזוי פיל, אז „די וועלט" זאל אונדז פארשטיין און פילן, דארפן אליין האלטן פאר א חוב צו קענען, פארשטיין און פילן די פרעמדע וועלט, אנהייבנדיק פון די נאענטסטע שכנים. דאס איז דער פארבאדינג צו ברידערלעכע צווישנפעלקערלעכע באציונגען: קענען איינע די אנדערע! ארייננפירן די שכנים — צו זיך אין שטוב, דאס הייסט, אין דער אייגענער שפראך.

ערשט דא מוזן מיר שטענדיק זוכן און זוכן צו געפינען א גלייכגעוויכט. ווי שטארק מיר האבן זיך אפגעבריט ביי די פרעמדע פייערן, קאנען מיר פון דעסטוועגן אז פייער זיך נישט באגיין. מיר דארפן זיך נאר ק ע נ ע ן מיט אים באגיין, וויסן ווי אויסצוניצן. מיר דארפן זיין פעיק ז י ך פאנאנדערצוקלייבן און וואס אפצוקלייבן: וואס גוט און וואס שלעכט, וואס כשר און וואס טריף. מיר דארפן געפינען מאס און וואג. מיר טארן זיך אליין נישט ארייננשטויסן אין א ווינקל, ווו מיר וועלן אפגעריסן ווערן פון א סך, איבערהויפט פון דער יוגנט, אבער מיר טארן אויך נישט זיין קיין נאכגייערס, געפירטע פאר דער נאז.

אונדזערע תפוצות ליידן פון כאראקטערלאזיקייט. טאמער געפינען זיך יא פירערס מיט גרויסן פארנעם פאר א יידישער פאלק־איינ־

שטעלונג וועלכע זאָל זײַן אין הסכם מיט אַ פֿאָלק וואָס ווערט באַפֿרײַט, ווײַל זײַן לאַנד איז צוריק דעראָבערט געוואָרן, — פֿאַלט אויף זיי אַרויף דער יאָך (און די טראַדיציע) פֿון כאַראַקטערלאָזיקייט. ווילן זיי זײַן ווי זיי זײַנען, מוזן זיי זײַן אײנע קעגן אַלעמען... פֿרעגן זיי: מעגן זיי?

יידישע קולטור אין אמתן זין פֿונעם וואָרט רעדט קעגן דער דאָזיקער כאַראַקטערלאָזיקייט. וואָס פֿאַר דעם אַמאָליקן ייִדן איז געווען קולטור, דאַרף פֿאַר דעם הײַנטיקן ייִדן זײַן קולטור. דאָס דאַרף זײַן קודם כל אַ מאָראַלישע קאַטעגאָריע. קולטור דאַרף דעם מענטשן רופֿן צו זײַן עטיש. ערלעך צו זיך און ערלעך צו יענעם. מענטשלעך צו זיך און מענטשלעך צו יענעם — ווי פּרץ האָט עס געחלומט — אויפֿן וועג צום מענטשלעכן גאָט און צום געטלעכן מענטש...

אברהם גאָלאָמב פֿאָרמולירט דאָס אַזוי אין זײַן אײַנשטעלונג „פּאָזיטיוויסטישע און נאַציאָנאַל־עטישע צילן אין דערציִונג”. ער זאָגט: „ייִדן זײַנען, דאַכט זיך, דאָס אײנציקע פֿאָלק וואָס האָט געבויט זײַן קיום אין דער וועלט אויף לערנען און דערציִונג. דער קיום פֿון פֿאָלק איז כמעט אין גאַנצן איבערגעגעבן געוואָרן אויף דער אחריות פֿון די יחידים אין פֿאָלק. דער נאַציאָנאַלער געוויסן פֿון איטלעכן יחיד איז געווען די פֿעסטונג פֿון קיום פֿון דעם פֿאָלק אין זײַן גאַנצקייט; דער אייגנטלעכער שטייגער אין לעבן, אין די היימען און אין גאַס, איז געווען די אייגענע ייִדישע טעריטאָריע, אָפּגעזונדערט מיט גײַסטיקע גרענעצן פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער. עס איז געווען אַ ייִדישע אויטאָנאָמיע, וואָס ייִדן האָבן פֿאַר זיך אַליין גענומען און זי אָפּגעהיט. דער קיום פֿון פֿאָלק איז געווען דער גלויבן, און דער שטייגערישער אייגנאַרט איז געווען דער מיטל פֿון קיום, וואָס איז געוואָרן די אמונה פֿון פֿאָלק. און די דערציִונג איז געווען די צוגרייטונג צו היטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. דאָס איז געווען אײנציק בײַם ייִדישן פֿאָלק וואָס האָט זײַן קיום אָפּגעהיט דורך זײַן שטייגער לעבן און וואָס האָט זײַן דערציִונג אײַנגעשפּאַנט נישט אין די מאַטעריעלע, פּריוואַטע אָדער קאָלעקטיווע צילן, נאָר אין דעם עצם עקסיסטענץ פֿון פֿאָלק דורך אָפּהיטן און איבערגעבן דורך דורות די ייִדישע קולטור אין וואָרט און אין שטייגער. אָט דער ציל פֿון נאַציאָנאַלן קיום בלײַבט פֿאַר אונדז אויך איצט”. נאָך דעם גיט גאָלאָמב צו: „בײַ ייִדן איז דאָס אינפֿאָרמאַטיווע לערנען געווען זייער נידעריק געשאַצט” און מ'האָט אַזאַ אײנעם צוגעגליכן צו אַ „חמור נושא ספרים”...

איצט, אַז אין דער ייִדישער דערציִונג איז אַרײַנגעקומען דער כּוח פֿון מדינת ישראל, ווערט פֿאַר קײַן פֿאַל נישט אָפּגעשוואַכט דער פֿאַקטאָר פֿון דערציִונג, וואָס איז געבויט אויף אייגנאַרט, נאָר אדרבה, ער ווערט נאָך מערער אונטערגעשטראָכן. עס קומט אַרײַן דער לעבנשטייגער און די קולטור פֿון נײַעם ישראל. מיט אים, צוזאַמען מיט דער קולטור פֿון תּפֿוצות ישראל, צוזאַמען מיט דער אייגנאַרטיקער קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק, מאָלערײַ, פּרעסע און דער דינאַמישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, ווערט נאָך שאַרפֿער און בולטער די דערציִונג פֿאַר קליין און גרויס, פֿאַר יונג און אַלט.

דאָס מיינט: מיט געבן געלט קאָנען זיך ייִדן נישט אויסלייזן, אויב זיי לעבן ווי גויים, און קאָנען זיך נישט ריינוואַשן, אויב זיי פֿאַרמיאוסן מיט זייער פּערזענלעכן לעבן דעם נאָמען פֿון ייִדן.

ווײַל דורכן פֿאַרמיאוסן דעם נאָמען פֿון ייִדן, פֿאַרמיאוסט מען דעם נאָמען פֿון ייִדישן פֿאָלק און ממילא פֿאַרמיאוסט מען דעם נאָמען פֿון מדינת ישראל.

אַנטקעגן אָט דעם איז ייִדישע קולטור אַ רפֿואה.

דעריבער דאַרף אײנע פֿון די הויפּט־אויפֿגאַבן אונדזערע זײַן: זאָרגן ווי אַזוי אַרײַנצוציִען און געווינען פֿאַר דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג אַלע פֿרײַ־געשטימטע קרײַזן פֿון ייִדישן פֿאָלק. עס וועט זײַן נישט גוט, אויב אונדזער עקסיסטענץ וועט אויסגעשטעלט ווערן בלויז אויף דער אָנשטרענגונג פֿון די אינ־

סטיטוציעס, וועלכע זאָרגן זיך פאַרן גייסטיקן לעבן פון די ייִדישע מאַסן", — פאַרענדיקט ראַזשאַנסקי זײַן רעפעראַט.

די ראַדיאָ־אוידיציעס פון קולטור־קאָנגרעס

א פײַערלעכע זיצונג האָט פאַרענדיקט די דריטע קולטור־קאָנפערענץ, מיט וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער עטאַפּ אין דער אינטענסיפיצירטער אַרבעט פונעם אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. און דאָס ערשטע פון אָט דעם נײַעם קולטור־אָנהייב איז געווען דאָס עפענען אַ נײַע וויכטיקע פּאָזיציע אויפן אָפּשניט פון ייִדישער קולטור־אַרבעט: בײַ דעם בײַזײַן פון מערערע חשובֿע דעלעגאַטן איז אין דעם זעלביקן טאָג פאַרגעקומען די ערשטע וואָכנטלעכע ייִדישע ראַדיאָ־אוידיציע פונעם קולטור־קאָנגרעס אין בוענאָס־אײַרעס. ייִדישע קולטור־טוערס, לערערס, שרײַבערס, שוישפּילערס און זינגערס טרעטן אויף זינט דעמאָלט פאַרן מיקראָפאָן פון בוענאָס־אײַרעסער קולטור־קאָנגרעס און טויזנטער, צענדליקער טויזנטער צוהערערס הערן זיך צו מיט פאַרגעניגן און מיט נייגיר צו די דאָזיקע אוידיציעס, וואָס זײַנען שוין געוואָרן אַזוי צו זאָגן אַן אינסטיטוציע אין אַנצייליקע ייִדישע היימען פון אַרגענטינע. מיט דער הילף פון דער אוידיציע ווערט צווישן ייִדן אַרײַנגעפירט דאָס געשמאַקע ייִדישע פאָלקסליד, ייִדישע מוזיק, דאָס סאָלאָ־געזאַנג ווי דער כאָר פון ייִדישע שול־קינדער.

די ראַדיאָ־אוידיציע פון בוענאָס־אײַרעסער קולטור־קאָנגרעס האָט אין יולי 1952 מיט אַ ספּעציעלן פּראָגראַם אָפּגעמערקט דעם „יובֿל" פון איר 50סטע ווענדונג צו איר דאַנקבאַרן ייִדישן צוהערער.

פרוון צו שאַפן אַ טעאַטער־סעקציע

בהסכם מיט דער רעזאָלוציע פון קולטור־קאָנגרעס צו זאָרגן פאַר אַ בעסערן ייִדישן טעאַטער זײַנען דורכגעפירט געוואָרן צוויי גרויסע דיסקוסיע־אָוונטן געווידמעט א) דער אויפפירונג פון לייוויקס דראַמע „אַ חתונה אין פערנוואַלד" אין טעאַטער „סאָלעיל", און ב) דעם דזשיגאַנ־שומאַכערס קליינקונסט־סעזאָן אין טעאַטער „מיטרע". עס ווערט געפּלאַנט צונויפצונעמען אונטערן דאַך פון קולטור־קאָנגרעס די יוגנט, וואָס וויל זיך אָפּגעבן דעם ייִדישן טעאַטער. די ערשטע צונויפקומען האָבן געהאַט דערפאָלג. עס האָבן זיך פאַרשריבן עטלעכע דרײַסיק יוגנטלעכע, וואָס ווילן זײַן דער קערן פון דער צוקונפטיקער דראַמסעקציע. אונטער דער פירונג פון יונגן רעזשיסער מאַקס בערלינער האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען און פּראָבעס פון אַ דראַמאַטיש ווערק.

עס וועט אויך געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער טעאַטער־ראַט, אין וועלכן עס גייען אַרײַן פּ. ביזבערג, זלמן הירשפעלד, ש. איריס און שמואל ראַזשאַנסקי.

דער קולטור־קאָנגרעס אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט

כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון דער אַרבעט, וואָס עס גייט אַן אין בוענאָס־אײַרעסער אָפּטייל פונעם קולטור־קאָנגרעס, ברענגען מיר דאָ אַ צעטל פון דעם, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן בלויז אין משך פון דעם איינעם חודש יולי 1952:

עס ווערן פאַרטיק פון דרוק:

דער 6טער באַנד „וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק" פון שמעון דובנאָוו;

ש. ניגערס גרויס בוך „י. ל. פּרץ";

דער 2טער באַנד פונעם זאַמלבוך „אינאייינעם", אין וועלכן עס ווערן פאַרעפנטלעכט ווערק פון די דרום־אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבער;

עס ווערט דורכגעפירט די 50סטע וואָכנטלעכע ראַדיאָ־אוידיציע מיטן אָנטייל פון שרײַבערס, זינגערס, רעציטאַטאָרן, געזעלשאַפטלעכע טוערס און דרײַ קינדער־כאָרן;

עס ווערט געעפנט אין אייגענעם הויז — די בילדער־אויסשטעלונג פון דעם ייִדיש־אַרגענטינישן קינסטלער אַבֿרהם באַלאַז;

דעם 14טן ווערט דורכגעפירט דער פײַערלעכער אַקט פון פאַרטיילן די ליטעראַטור־פּרעמיע א"נ

פֿון מ. סטאַליאַר, וואָס איז באַשטימט פֿאַר יונגע שרײַבערס;

דעם 28טן — דער גרויסער קבלת־פּנים פֿאַר דער ערשטער גרופּע פֿון די שרײַבערס און קינסטלער־פּליטים, וואָס זײַנען אָנגעקומען פֿון פּאַריז אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון קולטור־קאָנגרעס.

עס גייען אַרײַן אין דרוק:

„יונגער דור", די שריפֿט פֿון די פּרעמירטע אַרבעטן, וואָס זײַנען אויסגעצייכנט געוואָרן מיט די פּרײַזן פֿונעם ליטעראַטור־פֿאָנד אויפֿן נאָמען פֿון מרדכי סטאַליאַר;

דער 1טער באַנד פֿון דער נײַער אויסגאַבע „די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן (10 בענד פֿון י. צינבערג און 3 בענד, וואָס ווערן ספּעציעל צוגעגרייט דורך אָנגעזעענע ליטעראַטור־היסטאָריקערס וועגן די לעצטע 75 יאָר אין דער ייִדישער, העברעיִשער, ווי אין דער וועלט־ליטעראַטור);

דער 7טער באַנד פֿון ש. דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק".

יוגנט־צענטער

שטרעבנדיק צו האָבן אין דער קולטור־אַרבעט אַן אָנשפּאַר אין דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, האָט דער קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע געמאַכט באַמיִונגען צו שאַפֿן אַרום זיך אַן אַנטשפּרעכיקע סביבה פֿון יוגנטלעכע. אָנהייב 1952 איז צושטאַנד געקומען די גרינדונג פֿון אַ יוגנט־צענטער בײַם קולטור־קאָנגרעס, אַן אומאָפּהענגיקער, אומפּאַרטייִשער קרײַז פֿון יונגע מיידלעך און בחורים, וואָס ווײַזן אַרויס אַ נאָענטקייט צו אַלע צווײַגן פֿון ייִדישן קולטור־שאַפֿן און שטרעבן זיך צו באַהעפֿטן מיט אַלץ, וואָס איז ייִדיש — ייִדיש־וועלטלעך, נאַציאָנאַל־ייִדיש. אַט די יוגנטלעכע לערנען זיך סיסטעמאַטיש, באַזוכן אין קולטור־קאָנגרעס די לעקציעס פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ייִדישע ליטעראַטור, ייִדישע געשיכטע אאַז"וו. דער קולטור־קאָנגרעס אין בוענאָס־אײַרעס דינט זיי מיט אַלעם מעגלעכן און זיי, די יוגנטלעכע, האָבן אינעם קולטור־קאָנגרעס זייער אייגענע גײַסטיקע היים.

רעזאָלוציעס

אָנגענומענע אויף דער דריטער אַרגענטינער ייִדישער קולטור־קאָנפֿערענץ

א. די דריטע קולטור־קאָנפֿערענץ וואָס האָט אויסגעהערט דעם באַריכט פֿונעם עקזעקוטיוו, שטאַט־קאָמיטעט און אַלע איבעריקע אָפּטיילונגען, דריקט אויס אַנערקענונג דעם עקזעקוטיוו און אַלע מיטאַרבעטער פֿון קולטור־קאָנגרעס פֿאַר זייער איבערגעגעבענער אַרבעט.

ב. די דריטע קולטור־קאָנפֿערענץ וואָס איז געפֿירט געוואָרן אונטער דער לאָזונג „לאָמיר אָנהייבן פֿון זיך און פֿון אונדזערע היימען!" רופֿט אַלע, וועמען עס איז טײַער די ייִדישע קולטור דורכצופֿירן די דאָזיקע לאָזונג אין לעבן דורך: 1) שיקן זייערע קינדער אין ייִדישע שולן 2) ריידן ייִדיש אין די היימען, 3) אַרײַנברענגען אין די היימען דאָס ייִדישע בוך און דעם ייִדישן לעבנשטייגער, 4) ריידן ייִדיש און פֿירן די קאָרעספּאָנדענץ אין ייִדיש אין אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס.

ג) די דריטע קולטור־קאָנפֿערענץ רופֿט די ייִדישע קולטור־טוער אַרײַנצוציִען די ייִדישע יוגנט אין אונדזער קולטור־לעבן און רעקאָמענדירט דער קומענדיקער עקזעקוטיווע צו שאַפֿן אַ יוגנט־סעקציע בײַ דעם קולטור־קאָנגרעס.

ד. די דריטע אַרגענטינער ייִדישע קולטור־קאָנפֿערענץ באַטראַכט דאָס ייִדישע טעאַטער פֿאַר אַ וויכטיקן קולטור־פֿאַקטאָר אין ייִדישן לעבן און רופֿט צו שטיצן דאָס בעסערע ייִדישע טעאַטער. די קאָנפֿערענץ נעמט אויף מיט סימפּאַטיע דעם פּראָיעקט פֿון ייִדישן אַקטיאָרן־פֿאַראיין צו בויען אַ בנין פֿאַר דעם ייִדישן טעאַטער.

די קאנפערענץ רופט אויף די נייע עקזעקוטיווע צו ארגאניזירן דראמאטישע קרייזן אין שטאט און פראווינץ.

ה. די קאנפערענץ באגריסט די אנגעהויבענע קולטור־ארבעט אויף דער פראווינץ און רעקאמענדירט נאך מער צו פארשטארקן די דאזיקע טעטיקייט דורך שיקן רעפערענטן, קינסטלערס אד״גל׳.

ו. די קאנפערענץ באגריסט די באמיונגען צו שאפן פאלקס־בארן, וואס ווידמען זיך דעם יידישן ליד און רעקאמענדירט אויסצובויערן די דאזיקע אינסטיטוציעס אין דער הויפטשטאט ווי אין דער פראווינץ.

ז. די קאנפערענץ דריקט אויס אנערקענונג דעם עקזעקוטיוו פון קולטור־קאנגרעס פאר דער איניציאטיוו צו מאכן באמיונגען אראפצוברענגען אין ארגענטינע א גרופע יידישע שרייבערס פון אייראפע.

ח. די קאנפערענץ באגריסט דאס יידישע פארלאג־וועזן אין ארגענטינע און רעקאמענדירט דער אנפירונג פון קולטור־קאנגרעס צו זארגן פאר דער פארשפרייטונג פון יידישן בוך.

צו דער געלעגנהייט פון ארויסגעבן דאס 75סטע בוך פון פארלאג „דאס פוילישע יידנטום״ באגריסט די קאנפערענץ דעם פארלאג.

ט. די קאנפערענץ האלט, אז איינע פון די וויכטיקסטע פראבלעמען פון יידישער דערציונג אין ארגענטינע, איז דאס צוגרייטן קאדרען פון יידישע לערערס, און רעקאמענדירט, אז די אנשטאלטן וואס פארנעמען זיך מיט דער דאזיקער אויפגאבע זאלן זארגן דערפאר, אז די לערער זאלן האבן געהעריקע קוואליפיקאציעס צוגעפאסטע פאר אלע טיפן יידישע שולן אין לאנד.

י. די קאנפערענץ רופט די יידישע געזעלשאפט צו באקעמפן די אסימילאציע־טענדענצן אין די פארשיידנסטע פארמען און רעקאמענדירט צו פארשטארקן די פאזיציע פון יידיש אין אונדזער לעבן, שטייענדיק אויפן באדן פון א הארמאנישער צוזאמענארבעט צווישן אונדזערע ביידע נאציאנאלע שפראכן.

יא. די קאנפערענץ דריקט אויס איר ווונטש, אז אין מדינת ישראל זאל דער יידישער שפראך און דעם יידישן קולטור־שאפן געגעבן ווערן די מעגלעכקייטן און דאס געהעריקע ארט פאר זייער שאפונג.

יב. די קאנפערענץ שיקט איבער א גרוס אלע שאפערישע כוחות און טוער פון גייסטיקן לעבן אין מדינת ישראל.

יג. די קאנפערענץ איז טיף באזארגט צוליב דער איזאלירונג פון די יידישע קיבוצים אין די סאוועטיש־באהערשטע לענדער און פראטעסטירט קעגן דער ליקווידאציע פון דער יידישער קולטור און אירע שאפערס אין סאוועט־רוסלאנד.

יד. די קאנפערענץ שיקט איבער די װאַרעמסטע גרוסן די אלע וואס שטייען אין טאגטעגלעכן קאמף פאר יידישער קולטור: שרייבער, לערער, שול־טוער, אקטיארן, קינסטלער און בכלל די אלע, וועלכע העלפן אויפבויען דאס יידישע קולטור־לעבן אין ארגענטינע.

טו. די קאנפערענץ שיקט איבער א הארציקן גרוס די אנפירער פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס אין ניו־יארק.

טז. די קאנפערענץ דריקט אויס א דאנק די יידישע טאג־צייטונגען און די פעריאדישע אויסגאבעס פאר זייער ווארעמער באציונג צו די ארבעטן פון קולטור־קאנגרעס.

פינף אויסשטעלונגען פון פלאַסטישער קונסט

פּראָבלעמען פון סביבה פאַרן קינסטלער און קינסטלער פאַרן יידישן לעבן

אַ סך מאָל וואַקסן אוים פון צופעליקע פרוון ערנסטע אַרבעטן. דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט די קונסט־אויסשטעלונגען פון קולטור־קאָנגרעס אין בוענאָס־אײַרעס. אָנגעהויבן ווי אַ פרוו. אָן דער מינדסטער פרעטענזיע. נישט דערוואַרטנדיק אַז עס זאָל פון דעם אַרויסוואַקסן אַ פערמאַנענטע ערנסטע אַרבעט וואָס זאָל ברענגען רעזולטאַטן, מיט וועלכע מ'זאָל זיך דאַרפן רעכענען. און דאָך. דאָך האַלט בײַ דעם, גלײַך נאָך דעם ערשטן יאָר, אַז עס זאָל גאָר אויפקומען אַפילו זייער אַ ווײַטגייענדיקער פלאַן...

אָנגעהויבן פון אויסשטעלן צופעליק בילדער און סקולפטורן — גיכער ווי אַלץ צו רופן די אויפמערקזאַמקײַט אויפן ערשטן קליינעם בנין, אָבער א יי ג ע נ ע ם בנין פון קולטור־קאָנגרעס — און נאָך דעם ערשטן יאָר אַרבעט וועבט זיך שוין גאָר אַ פלאַן צו שאַפן אַ... ייִדישע שול פאַר קינסטלערישע עקספּערימענטן, אַ קונסט־שול פאַר יוגנט, אָנהייבנדיק פון גראַוויר־אַרבעטן פון יוגנטלעכע.

אַז דאָס געביט פון ייִדישער פלאַסטישער קונסט איז עד־היום אין אַרגענטינע פאַרנאַכלעסיקט, אָנגעוויזן אויף צופעליקײַטן, אָן אַ היים, — איז אַ פאַקט וואָס באַאומרויִקט אפשר בלויז דעם קינסטלער אַליין. און אפשר האָט אויך דער ייִדישער קינסטלער פאַרלוירן דעם קוראַזש צו חלומען, אַז עס דאַרף אַנדערש זײַן...

אויב מ'קען טײַטלען מיט די פינגער אַז אויך בײַ די אומות העולם זײַנען די פלאַסטיקערס אָנגעוויזן דער עיקר אויף זיך אַליין, צומאָל אויף אַ סך נסיונות, איז בײַ זיי אָבער דאָ אַ גרעסערער אָפּנעמער פון בילדער, סקולפטורן און צייכענונגען פאַרן פריוואַטן סאַלאָן. בײַ ייִדן אין אַרגענטינע איז נאָך זייער קליין די דאָזיקע פאַרשטענדעניש און באַדערפעניש. שוין פאַראַן היפש ייִדן וואָס קענען זיך פאַרגינען אַרײַנצונעמען קונסטווערק אין זייערע הײַזער. שוין פאַראַן היפש ייִדן מיט לוקסוסדיקע סאַלאָנען ווו עס בעט זיך ממש אויפצוהענגען ייִדישע בילדער. איז אָבער בײַ דער מערהײַט פאַראַן וויי־

ניק חשק אַרײַנצובערענגען אַזעלכע, וועל־
כע זײַנען נישט „פון די גרעסטע“ און
דער עיקר „פון די באַרימטסטע“. ווײַ־
טער קומט אַ פּראָבלעם, צי דאַרף מען
אַרײַנפירן אין שטוב טרויער, ווײַל ס'רוב
בילדער אויף ייִדישע מאָטיוון אָטעמען
מיט ייִדישן אומעט, אויב נישט מיט
טראַגיזם, חורבן, אומקום. איז אָבער
דאָס ווערק פון ייִדישן קינסטלער נישט
אויף אַ ייִדישער טעמע, שטעלט זיך
בײַם סנאָב די פראַגע הלמאי ער „דאַרף“
דווקא קויפן דאָס בילד פון ייִדן, ווײַ־
באַלד ער קען אײַנשאַפן פאַר זײַן שטוב
קונסטווערק וואָס זייערע שאַפערס זײַ־
נען באַקאַנט נישט בלויז בײַ ייִדן...

עס איז דעריבער זייער אַ וויכטיקע
נאַציאָנאַלע אויפגאַבע צו שאַפן אַ גינ־
ציקע אַטמאָספערע פאַר דעם ייִדישן
קינסטלער. סטימולירן דעם שעפער, אַז
ער זאָל אין זײַנע קינסטלערישע זוכעני־
שן פון ליניעס, פאַרב און פּראָבלעמען
פון האַרמאָניע זיך פאַרבינדן מיט ייִדי־
שע שטימונגען, מאָדעלירן אויפן באָדן
פון ייִדישע געשטאַלטן און ייִדישע סי־
טואַציעס. פון דער אַנדערער זײַט —
סטימולירן דעם ייִדישן עולם אַרײַנצוי־
ברענגען אין דער אייגענער היים די
שײנקײַט פון ייִדישער קונסט.

נאָך דער ערשטער אויסשטעלונג (יו־
ני 1951), אין אויסשטעלונג צו וועלכער
עס זײַנען אפילו קיין פּראָגראַמען נישט
אָפּגעדרוקט געוואָרן, איז אָבער אויף
יעדן פּראָגראַם פון די ווײַטערדיקע פיר
אויסשטעלונגען אין דעם זעלביקן יאָר
שוין געווען די פאָרמולע: „דער אָרגענ־
יזירנדיקער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן
קולטור־קאָנגרעס זוכט צו שטאַרקן אַלע
שעפערישע כוחות פון אונדזער ישוב
און אַרײַנפירן שײנקײַט אין אונדזערע
ייִדישע היימען“.

***

די בחפזונדיק צונויפגעבראַכטע ביל־
דער — אַ טוץ — פון א. באַלאַן און פײַ־
גע ציר, וועלכע דינען איצט ווי דער נו־
מער איינס פון די רעגולערע אויסשטע־
לונגען פון קולטור־קאָנגרעס אין בוע־
נאָס־אײַרעס, זײַנען די איבערצײַגנדיקע
ראיה פאַר דער נייטיקייט אָפּצוגעבן זיך
צו שאַפן אַ סביבה פאַר דעם ייִדישן
פּלאַסטיקער: צווישן ייִדן, פאַר ייִדן,
אינספּירירט פון ייִדישע אידייען.

א. באַלאַן און פײַגע ציר זײַנען פון
יונגן קינסטלער־דור און אַרגענטינער.
„פײַגע“ און „ציר“ קלינגען טאַקע זייער
ייִדישלעך־פאָלקסטימלעך, אָבער זי איז
ביז איצט אַ פרעמדע געווען פאַר דער
ייִדישער סביבה, פונקט ווי ס'איז פאַר
איר אַבסאָלוט פרעמד אונדזער לשון.
איר מאָלערישע וועלט זײַנען בלומען. אַ
סך ליכט און אַ סך קאָלירן דורך בלומען
און בלומען. זיי אָפּעלירן. מ'דערפילט
גלײַך די יוגנט און די היימישקײַט. אירע
לײַוונטן ווייען מיט געמיט פון דער גר־
טער נאַטור, ווײַט פון דער צײַט, בכלל
ווײַט פון צײַט, פונקט ווי פון מענטש.

אברהם (אַמעריקאַ) באַלאַן איז בעיקר
אַ צייכנער. ער האָט זיך אַ שם געמאַכט
ווי אַ קינסטלער פון בינע־דעקאָראַציע,
אין טעאַטער־ספּעקטאַקלען. ער האָט קור־

אברהם באַלאַן: פּייסאַזש

ראַזש פּונקט אַזוי צו ברייטע, פריי־ע ליניעס, ווי צו דינע שטריכן, אַזוי צו די ברייטע ראַמען פון בינע־דעקאָראַציע ווי צו די איידלסטע צייכנס פון פען־גראַוויור. ער ווייכט פון רעאַליזם, האָט ליב קאָנטראַסטן, איבערהויפּט אין דער קאָנצעפּציע, אין אויסמישן פאָרמען און סטילן.

א. באַלאַנס גראַוויור „פּאַניק", די צום ווייניקסטן עקסטראַוואַגאַנטע, האָט געגעבן אויפן גרינגסטן אופן די מעגלעכקייט אָפּצושאַצן דעם קינסטלער. קוקנדיק אויף דעם בילד, נעמט שטעכן איבערן לייב ווי מיט נאָדלען. איר ווייסט נישט פון וואַנען מ'אַנטלויפט — פון שטורעם, פון מבול, פון שלאַכטפעלד, צי פון געטאָ — נאָר די פּאַניק באַפאַלט אייך ווי אַ רוצח. די פינצטערניש הוייערט. מ'לויפט אָן אַ וווהין אין דער פינצטערניש.

פאַראַן, זעט מען, קינסטלערס אין אונדזער סביבהלאָזער סביבה.

**
*

משה פייגנבלום — וועלכער איז געווען פאַרטראָטן מיט 15 עקספּאָנאַטן אויף דער 2טער אויסשטעלונג פון קולטור־קאָנגרעס — איז אַ קינסטלער מיט דער טיף־יידישער טראַדיציע פון דעם פאַרמילחמהדיקן פּוילן, פון וואַנען ער איז געקומען אין בוענאָס־איירעס אין דעם יאָר 1928. ער איז — אַן אינדזל פון יידישלעכער פאָלקסקונסט אויפן רויען אַרגענטינער באָדן. אַ סך יאָרן איינער אַליין פאָרגעזעצט דעם נוסח. זיך געמאַכט אַ נאָמען דורך צייכענען הילעס פאַר יידישע ביכער, פון די מערסטע ביכער פון יידישע שרייבערס אין אַרגענטינע, און דורך... „פּערגאַמינען" פאַר געזעלשאַפטלעכע באַערונגען. געפּרוווט מאָלן דעם פּאָרט, מאָטיוון פון דער נייער וועלט, אָבער אין זיין וועלט איז ער תמיד, מיט דער זיכערקייט פון אַן אויסגעשולטן קינסטלער, מיטן אַפּלאָם פון אַ וועטעראַן, אין זיינע אייל־פאַרבן און אַקוואַרעלן פון שבת־מאָטיוון, פון ספרים און מגילות, פון שלח־מנות און ימים־נוראים, ווו עס פאַראייניקט זיך דער קינסטלער מיטן סופר, דער מאָלער מיטן יורש פון טראַדיציאָנעלער יידישער אָרנאַמענטיק. משה פייגנבלום איז צום אייגנסטן דאָרט ווו עס ברענען שבת־ליכט, ווו ס'איז דאָ דער אָפּגלאַנץ פון טלית און די שטימונג פון תפילות.

משה פייגנבלומס בילדער־אויסשטעלונג האָט אָנגעוויייעט אויף די ווענט פון קולטור־קאָנגרעס די שטימונגען פון אַלט־יידישער טראַדיציע און דורות־נוסח, וואָס איז געווען נאַטירלעך פאַר די יישובים פון דער אַלטער היים אפילו אין די וועלטלעכע קרייזן, אָבער וואָס איז אין אַמעריקע אייגנטימלעך בלויז פאַר יידישער רעליגיע־שטאַמיקער יום־טובדיקייט.

**
*

די 3טע אויסשטעלונג, אָפּגעגעבן פאַר דעם טיפּיש־אַרגענטינער מאָלער מאַנועל אייטשעלבוים, וועלכער איז אַ

געבוירענער פון ענטרע־ריאָס, האָט דורך 17 בילדער, כמעט אַלע אין איילפּאַרב, געוויזן זיך אַ דורך און דורך אַן אַרגענ־טינער קינסטלער. הגם ער האָט מיט יאָרן צוריק קולטיווירט דעם זשאַנער פון קאַרי־קאַטור, פיגורירנדיק אונטער אַזאַ יִדיש־לעכן נאָמען ווי „מענדעלע", דאָך איז אין זײַנע אויסגעשטעלטע בילדער (פון זײַן 15טער אויסשטעלונג) נישט געווען קײַן סימן פון ייִדישקײַט, נישט אין דער שטימונג, נישט אין דער טעמאַטיק.

מאַנועל אײטשעלבוים איז בעיקר אַ פּײַזאַזשיסט. ער ציט אָפּ די פאַרבן, ס׳רוב טונקעלע, מאַטע, שטילע. ער ווײַזט אונדז דעם אַרגענטינער פּײַזאַזש כמעט אָן מענטשן. אַפילו די שטאָטישע גאַסן, אין דער געגנט פון אָרעמקײַט, ווי עס ווימלט מיט מענטשן, ווײַזט אונדז אײטשעלבוים אָן מענטשן כמעט. אַפילו די גערידכטע וויזשאַ־לינטש־פּאַר־שטאָט מאָלט ער אַ פּוסטע, ביפּרט נאָך דעם קאַמף, די ווײַטע פּראָווינצן, די באַרגיקע געגנטן. דאָרטן הויערט די אָרעמקײַט דורך די אײַנגעהויקערטע הײַזקעס, ווי אַרײַנגעמויערטע אין די בערגלעך, צופוסנס, אין די טאָלן. די דאָזיקע בילדער זײַנען ווי געשוווירענע עדות פאַר דעם עלנט און פוסטקײַט אויף די אַרגענטינער קאַמפּן: אַז עס פעלן אײַנוווינערס אויף דער ערד, וואָס איז רײַזיק, אָבער פאַרלאָזט און פּרימיטיוו.

מאַנועל אײטשעלבוים איז דער ייִד וואָס איז ווי אַ מאָלער קריאָזשעדיק דורך און דורך.

*
* *

אהרן ליפּיעץ, דער מאָלער וואָס האָט מיט זײַנע 12 לײַוונטן פּרעזענטירט די 4טע אויסשטעלונג פון קולטור־קאָנגרעס, באַווײַזט די פענאָמענאַלע פעיִקײַט פון אַ ייִדישן קינסטלער אַרײַנצופּאַסן זיך אין אַ נײַער וועלט און זיך פילן אין דער נײַער וועלט בעסער ווי אַנדערע, געבוירענע אויף דער דאָזיקער ערד. זײַן פּאָרטרעט פון אינדיאַנער טיפּ האָט אין זיך אַזאַ אַרגענטינישע אויטענטישקייט און קראַפט, וואָס עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַז זי געהערט צו אַ „פרעמדן" קינסטלער, צו איינעם וואָס וווינט פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק יאָרן אין לאַנד, דערצו אַ ייִד. די פּרימיטיווע פאַרקאַלטנטע גבורה פון דעם אינדיאַ־נער איז פון דעם יונגן קינסטלער אהרן ליפּיעץ אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ מײַס־טערשאַפט, אַז די סאַמע אַרגענטינישס־טע קינסטלערס מעגן אים מקנא זײַן.

אהרן ליפּיעץ וואַרפט נישט אָן קײַן פאַרבן, אָבער ציט אויך נישט אָפּ אַ סך. פאַראַן בײַ אים אַ פּראַכטיקע האַרמאָניע פון פלעקן. עס ציט אים נישט צו זוניקע קאָלירן. ער ווײַזט אונדז די רויע נאַטור, מערסטנס אין די בערג, בהרחבהדיק צע־שפּרײטע, מיט טונקעלער מאַסיווקייט. נישט קײַן וווּנדער וואָס דער אינדיאַנער אַרום די בערג ווערט געוויזן פון ליפּיעצן אויך אַזאַ מאַסיווער, נישט קײַן געשליפענער, ווי ער וואָלט אַרויסגע־ריסן געוואָרן פון די בערג, פון דער טונקלקײַט, פון דער גבורה.

קוקנדיק אויף אהרן ליפּיעצעס לײַוונ־טן קען מען ממש נשתומם ווערן פאַר

משה פייגענבלום: דער עמוד ערב יום־כיפור (אייל)

דער פעיִקייט פון א ייִדישן קינסטלער, וואָס איז אָט־אָט געווען א „גרינער“, און אָט איז ער שוין דער אויטענטישער אַרגענטינישער מאָלער מיט צייכנס פון מייסטערשאַפט.

***

די 5טע קונסט־אויסשטעלונג אין 1951 איז געווען אָפּגעגעבן פאַר א ייִדישער קינסטלערן וואָס איז געשטאָרבן אין 1940 אין עלטער פון 31 יאָר: אידאַ ווייסמאַן. אירע 12 בילדער, אייל־פאַרבן און גראַווירן, זיינען פאַר א סך געווען א טראַגישע דערמאָנונג.

ווען עס וואָלטן אויף די בילדער נישט געווען די אונטערשריפטן, צו וועמען זיי געהערן, און מען וואָלט אַליין באַדאַרפט אורטיילן, וואָלט שווער געווען צו פאַלן אויף דער השערה, אַז א ייִדישע טאָכטער האָט זיי געשאַפן. פאַראַן אין זיי דער שוווּנג פון אוניווערסאַליזם, פון קלאַסיציזם. אין דער פריצייטיק־פאַרשניטענער אידאַ ווייסמאַן, וועלכע איז געקומען פון רוסלאַנד אין עלטער פון 16 יאָר, איז נישטאָ קיין סימן פון דער אימיגראַנטקע, פון דער „פרעמדער“, פונקט ווי ס'איז אין איר מאָלן און גראַווירן נישטאָ קיין סימן פון דער אָנהייבערקע. אין אירע מיידל־געשטאַלטן, ליטאָגראַפישע אָדער מיט בלייפען סקיצירטע ווערק דערשיינט אידאַ ווייסמאַן ווי א יורשטע פון רענעסאַנס, זייט ביי זייט מיט די גרויסע מייסטערס — א שילערן אויפן וועג פון די גרעסטע קינסטלערס, א וווּנדערלעכע שילערן. נישט קיין חידוש, וואָס אירע בילדער זיינען אין דער פריעסטער עלטער שוין געווען אָנערקענט און אַריינגעפירט אין רענאָמירטע אַרגענטינער קונסט־מוזייען. דער טויט איז אָבער דער קינסטלערן פאַר דער צייט פאַרלאָפן דעם וועג...

***

זעען מיר גרויסע קוואַלן פון שעפערישקייט אויך פאַר מאָלעריי, ווי פאַר פּלאַסטישער קונסט בכלל, אין דער ייִדישער אַרגענטינע. אויב זיי ציִען זיך ס'רוב צו דער פרעמד, איז דאָס דערפאַר ווייל זיי לעבן אין דער פרעמד, ווייל זיי נערן זיך פון דער פרעמד, ווייל זיי האָבן נישט קיין ייִדישע סביבה, וועלכע זאָל זיי סטימולירן, אינספּירירן און העלפן זיך אָריענטירן, כדי דאָס ייִדישע לעבן זאָל באַווירקן דעם קינסטלער און ממילא זאָל דער קינסטלער ביישטייערן פאַר דער באַרייכערונג פונעם ייִדישן לעבן.

וואָס איז קונסט אָן לעבן?
און וואָס איז לעבן אָן קונסט?
איינער דאַרף דעם צווייטן.
דאַרף איינער העלפן דעם אַנדערן.

ש. ר.

מרדכי קאָרנהענדלער

וואָס דאַרף זײַן דער יוגנט-צענטער ביים קולטור-קאָנגרעס?

איך וויל געבן אַ כאַראַקטעריסטיק וועגן דאָס וועזנטלעכסטע פון אונדזער יוגנט-צענטער: וואָס ער דאַרף זײַן. כ׳וועל זיך בכן באַמיען דאָס צו באַהאַנדלען מיט דער גרעסטער קלאָרקייט און קורצקייט.

אַ יוגנט-צענטער, וואָס פאַר אַ ציל ער זאָל נישט האָבן, איז קודם־כּל אַן אינסטיטוציע, וואָס זײַנע אידייען עקסיסטירן שוין איידער ער קומט אַזוי צו זאָגן אויף דער וועלט. און נײַע אינסטיטוציעס ווערן געשאַפן ערשט ווען די אַלטע, שוין עקסיסטירנדיקע, אַנטשפּרעכן נישט אין גאַנצן די באַדערפענישן און אידעאַלן פון טייל מענטשן, וואָס מוזן זיך אָרגאַניזירן און אַליין שאַפן די אינסטיטוציעס, וואָס זײַנען זיי נייטיק פאַר זייער אויסלעבן זיך.

דאָס אויבנגעזאָגטע איז אויסן טיילווײַז אויפצוקלערן פאַרוואָס מיר שאַפן אונדזער יוגנט-צענטער. דער קולטורעלער ניוואָ פון די שוין פאַראַנענע יוגנט־אינסטיטוציעס איז אַ מוראדיק נידעריקער און די ייִדישע שפּראַך און איר קולטור זײַנען פרעמד פאַר זיי. אויפן אָרט פון עכטער ייִדישער קולטור טרעפט מען גאַנץ אָפט אין זיי די — טאַנץ-קולטור. אַ קולטור וואָס איז טאַקע אַ ווייניקער פּראָבלעמאַטישע און פאַרפליכטנדיקע, דערפאַר אַנטשפּרעכט זי נישט — ניט דעם גײַסטיקן אינהאַלט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ממילא נישט קיין שום פאָרעם פון רעאַלן ייִדישן לעבן.

צום באַדויערן, טרײַבן מיר נישט איבער. עס איז נישטאָ קײַן ייִדישע קולטור אין די היגע יוגנט-אינסטיטוציעס, אפילו ווען אַזאַ באַגריף איז שווער צו פאַרשטיין, ווײַל דער אַלגעמיינער קולטור-ניוואָ פון דער אַרגענטינער ייִדישער יוגנט איז אַ גאַנץ הויכער, קודם־כּל צוליב דעם וואָס אַ גרויסער טייל פון אונדזער יוגנט איז אַ שטודירנדיקע, און נישט קליין איז די צאָל ייִדישע יוגנטלעכע, וואָס דערגרייכט אוניווערסיטעט־בילדונג.

אפשר האָבן די היגע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס פּאַקטיש נישט קײַן צוציִונגקראַפט פאַר די דאָזיקע קולטורעלע יוגנטלעכע? מעגלעך. פרעגט זיך אָבער, פאַרוואָס פילן נישט די לעצטע די באַדערפעניש צו רעקאָנסטרויִרן די עקסיסטירנדיקע יוגנט-קלובן?

און דאָס נישט עקסיסטירן פון געהעריקע קולטור־אינסטיטוציעס פאַר יוגנט איז אפשר די ערשטע סיבה — די נע־

מאַנועל אייטשעלבוים: פּאָרטרעט (אייל)

גאַטיווע סיבה — פאַרוואָס מיר בויען אַצינד דעם יוגנט־צענטער בײַם אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוו' ייִד' קולטור־קאָנגרעס.

איך וועל זיך דאָ באַמיען קלאָר צו מאַכן די פּאָזיטיווע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דאָס שאַפן פון אונדזער יוגנט־צענטער.

די מענטשהייט איז אײַנגעטיילט אין פעלקער. דעם מהות פון די פעלקער דאַרף מען נישט זוכן אין דער פאָרעם פון זייער קאָפּ אָדער אין די האָר, צי אין עם קאָליר פון דער הויט אָדער אין דער פּראָפּאָרץ פון די בלוטן; שפּעקולאַטיוו־וויסנשאַפטלעך זײַנען דאָס בבא־מעשיות, און אין דער רעאַליטעט האָבן מיר שוין געזען זייערע קאָנסעקווענצן אין דער דיסקרימינאַציע קעגן פאַרשיידענע פעלקער, אָנהייבנדיק פון אונדזער פאָלק: די שווידערלעכע פּאָגראָמען און שחיטות ביז צו דער אכזריותדיקער אויסראָטונג פון אַ דריטל פון ייִדישן פאָלק.

דעם מהות פון די פעלקער, זאָגן מיר, דאַרף מען זוכן אין זייער שאַפן, אין דער פאָרעם, ווי זיי רעאַליזירן דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע, אין דער פאָרעם פון זייער מענטשלעכקייט. נאָר ווערדליך דעם סכום מענטשלעכקייט קען מען זען וואָס פאַר אַ פאָלק עס האָט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה, אַ דערשיינונג וואָס גיט אים נישט קיין העכערע רעכט לגבי אַנדערע פעלקער, נאָר פליכטן לגבי זיי. מען קען נאַטירלעך דערפון נישט מאַכן קיין וואַלאָראַטיווע פאַרגלײַכן צווישן די פאָרמען פון מענטשלעכקייט. אין דעם זין איז קיין שום פאָרעם נישט חשובער און נישט מינדערוויכטיקער פון אַן אַנדערער; דאָס איינציקע, וואָס ס'בלײַבט, איז: אַז יעדעם פאָלק זאָל פלעגן און קולטיווירן זײַן שפּראַך, זײַן ליטעראַטור און קולטור, ווײַל, ווי דער ייִדישער דענקער ד"ר זשיטלאָווסקי זאָגט, עס איז נישטאָ קײַן מענטשהײַט אויסער די פעלקער. מען קען נישט אַריבערגיין צו דער „מענטשהייט" אַרויסשפּרינגענדיק פון אייגענעם פאָלק.

איז וואָסזשע קען זײַן ייִדישקײַט, אויב נישט די לעבנספאָרעם פון ייִדישן פאָלק?

דער אינהאַלט פון יעדער ייִדישער אינסטיטוציע מוז בכן זײַן ייִדישקייט.

אָבער אַזוי ווי אונדזער פאָלק האָט געלעבט אונטער פאַרשיידענע אומשטענדן און אין פאַרשיידענע סביבות, האָט עס געשאַפן פאַרשיידענע פאָרמען פון ייִדישקייט. דער אָנגערופענער דענקער האָט צוגעשריבן דער ייִדישקייט צוויי סוביעקטיווע פאָרמען (די רעליגיעזע און די נאַציאָנאַלע), און צוויי אָביעקטיווע פאָרמען (אָפּשטאַם־ייִדישקייט און שפּראַכלעך־קולטורעלע ייִדישקייט). נישט איצט איז דער מאָמענט אָט אַ דעם ענין ברייטער צו באַטראַכטן, הגם דאָס אָרט איז טאַקע דאָ. שיק איך אײַך אָפּ צו ד"ר זשיטלאָווסקיס צוויי ביכער „ייִדן און ייִדישקייט" און „ייִד און וועלט" און צו י. אָפּאַטאָשוס

באנד עסייען א"נ „יִדיש און יִדיש־קייט".

אָבער דאָ וויל איך פעסטשטעלן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, אַז איינע פון די־אַ פאָרמען, די שפּראַכלעך־קולטורעלע יִדישקייט וועט און דאַרף זײַן דער יסוד און די פאָרמאַטיווע קראַפט פונעם יוגנט־צענטער בײַם קולטור־קאָנגרעס.

די־אַ פאָרעם פון יִדישקייט באַשטייט אין פלעגן און קולטיווירן יִדיש, די יִדישע ליטעראַטור ווי בכלל די יִדישע קולטור.

ווי אַזוי, מיט וועלכע מיטלען וועלן מיר קולטיווירן די יִדישע שפּראַך און איר קולטור? קלאָר: דורך אַלע צווײַגן פון יִדישן גײַסטיקן שאַפן. אין אונדזער אַרבעט וועלן מיר האָבן רינגען פאַר ליטעראַטור, קונסט, היסטאָרישע שטודיומס, פילאָסאָפיע, טעאַטער, מוזיק דורך קלאַנג און וואָרט, אאַז"וו.

מיר וועלן שאַפן אַ ביבליאָטעק פון די בעסטע יִדישע ספרים און ביכער, וואָס וועט שטיין צו דינסט פאַר אַלע מיטגלידער פון י"צ אין זייער דראַנג צו בילדונג און וויסן. מיר וועלן אָרגאַניזירן קאָנצערטן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען פאַר דער יוגנט; מיר וועלן פאַרבעטן באַוווּסטע יִדישע שרײַבערס זיי זאָלן לייענען רעפעראַטן פאַר אונדז.

און מיר וועלן טאָן דאָס בעסטע כדי די יִדישע יונגע מענטשן, וואָס שטרעבן צו ווערן שרײַבער, קינסטלער, רעפערענטן אין יִדיש — זאָלן דאָס בפועל ממש ווערן. צו דעם צוועק וועלן מיר שטרעבן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל פאַר יוגנט, — אַ נײַעס אינעם יִדישן לעבן אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע, און אויב נישט נאָך ווײַטער...

און עקסקורסיעס און פאַרווײַלונגען וועלן מיר דורכפירן, אָבער אויך דאָס וועט גיין האַנט בײַ האַנט מיט יוגנטלעכקייט און קולטור.

מיר וועלן שטענדיק אויפנעמען נײַע אידייען צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן אונדזער אַרבעט צווישן וואָס גרעסערע שיכטן פון דער אַרגענטינער יִדישער יוגנט. אונדזער אַרבעט וועלן מיר פירן אַבסאָלוט אַפּאָליטיש, אַבסאָלוט איבערפּאַרטייִיש, נישט פאָדערנדיק בײַ קיינעם ער זאָל איבערלאָזן אָדער אוועקוואַרפן זײַנע סאָציאַלע איבערצייגונגען. יעדער קולטורעלער יוגנטלעכער וועט בײַ אונדז האָבן די געהעריקע אַטמאָספערע פאַר מיטאַרבעט.

און מיר וועלן אַליין פירן אונדזער אַקטיוויטעט, מיר וועלן אַליין זוכן, מיר ווילן נישט, אַז קיינער זאָל טראַכטן פאַר אונדז, מיר ווילן נישט, אַז עמעצער זאָל טאָן פאַר אונדז.

מיר שטרעבן, אַז דער יוגנט־צענטער בײַם קולטור־קאָנגרעס זאָל ווערן די גײַסטיקע היים פאַר דער אַרגענטינער יִדישער יוגנט, אַ היים, אין וועלכער זי זאָל זיך קענען פולשטענדיק אויסלעבן אין אַלע צווײַגן פון קולטור און דורך יוגנטלעכער אַקטיוויטעט.

מיט דער גרעסטער אחריות גייען מיר צו צו דער דאָזיקער אַרבעט.



אהרן ליפּיעץ: פּייסאַזש פון פורמאַמארקאַ (אייל)

מיט אַלע אונדזערע מעגלעכקייטן ווילן מיר אָנקניפּן אין די קולטור־טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק און וויַיטער ציִען די פעדים פון זיַין המשך.

מיר ווייסן, אַז אָן קיַין יוגנט איז נישטאָ קיַין המשך.

און מיר ווייסן, אַז די ייִדישע יוגנט פון היַינט, איז דאָס ייִדנטום פון מאָרגן; מיר ווילן בכן זיַין די, וואָס זאָלן זיַין ראוי ווי ייִדן אָנטקעגנצושטעלן דעם צוקונפטיקן דור.

ווילן מיר דערפאַר שטרעבן צו לערנען פונעם בעסטן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט: די שלום־וויזיעס פון די נביאים און זייער שטרעבן פון אַ לעבן פול מיט אמת, יושר, שיינקייט; מיר ווילן שעפּן פון תלמוד, פון די ווערק פון די גאונים, פון די פּאָעטן און רעליגיע־פילאָסאָפן פון דער שפּאַנישער תקופה.

מיר ווילן זיך באַקענען מיט די רענעסאַנס־באַוועגונגען פון ייִדישן פאָלק; מיר ווילן זיך באַקאַנען מיט דער ייִדישער ליטעראַטור פון אירע אָנהייבן ביז צו „געהיימשטאָט" און „ר' עקיבא". מיר ווילן לערנען ייִדישע געשיכטע און זיך דורכנעמען מיט די נײַע ווערטן וואָס ווערן געשאַפן אין ישראל. אויף דער באַזע פון אונדזער נעכטן און אונדזער היַינט ווילן מיר, די אַרגענטינער ייִדישע יוגנט, שטרעבן צו שאַפן אַן אייגענע אַרגענטינער ייִדישע קולטור אין י י ד י ש , וואָס זאָל זיַין אונדזער צושטייער צו דער אַלוועלטלעכער און אַלציַיטיקער ייִדישער קולטור. דאָס ווילן מיר.

און מיר גלייבן, אַז ס'איז מעגלעך דאָס צו פאַרווירקלעכן.

מיר הייבן אָן.

ח

יוביליאַרן

דוד פּינסקי

דוד פּינסקין איז געוואָרן 80 יאָר.

דער יובילײ, וואָס ווערט איצט גע־פײַערט אין דער ייִדישער קולטור־וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גע־שעעניש פון נאַציאָנאַלן באַטײַט. במשך פון די זעכציק יאָר שריפטשטעלערי־שע אַרבעט האָט דוד פּינסקי באַרײַ־כערט אונדזער ליטעראַטור מיט ווערט־פולע ווערק פון פאַרשיידענע קינסט־לערישע זשאַנערס: מיט דראַמעס, ראָ־מאַנען, דערציילונגען און עסייען. דער פלייסיקער פּען פון דוד פּינסקין איז אויך נישט פרעמד די קעמפנדיקע פּוב־ליציסטיק. אַן אַקטיווע נאַטור מיט אַ ברייטן געזעלשאַפטלעך־עטישן אויס־בליק, האָט פּינסקי שוין אין זײַנע יונ־גע יאָרן ווי אַ שרײַבער זיך געשטעלט אין דינסט פון פאָלק. אַקסל בײַ אַקסל מיט יצחק לייבוש פּרצן האָט ער מיט־געווירקט בײַ די באַרימט־געוואָרענע „יום־טוב בלעטלעך", האָט געהאָלפן פלאַסטערן דעם דרך־המלך, אויף וועלכן עס איז אַרויף די ייִדישע ליטעראַטור. אַליין אַן אומדערמידלעכער בויער האָט ער דער ערשטער אין אונדזער מאָדער־נעם שריפטום געלייגט דעם יסוד פאַר דער אַזוי־גערופענער פּראָלעטאַרישער דערציילונג. דער ייִדישער אַרבעטער־מאָטיוו, דער גראַנגל פאַר מענטשלעכן יושר אין דער ייִדישער סביבה, דער קאַמף קעגן צוריקגעשטאַנענקייט — איז דאָס נײַס, מיט וועלכן דוד פּינסקי איז געקומען אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור שוין בײַם סוף פון פאַרגאַנגע־נעם יאָרהונדערט. זײַן דערציילונג וועגן ר' ב ש ל מ ה ן, וועלכער איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן אַ פּורץ־גדר אין דער שימלדיקער ייִדישער ווירק־לעכקייט, איז אַ מייל־שטיין אין דער אַנטוויקלונג פון דער הײַנטצײַטיקער וועלטלעכער ייִדישקייט און איר אָפּ־שפּיגלונג אין דעם קינסטלערישן ייִדישן וואָרט. אַ ווײַטערדיקער שריט פאָרויס איז געווען דוד פּינסקיס דראַמע „פאַ־מיליע צבי", אין וועלכער די ייִדישע געזעלשאַפט איז שוין אַ דײַטלעך די־פערענצירטע: פון איין זײַט די מהיכי־תיתידיקע און פון דער צווייטער — די אויפגעברויזטע, די אַליין־באַוווּסטע אין זייער נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן גורל.

בײַ דעם סאָציאַלן מאָטיוו האָט זיך פּינסקי נישט אָפּגעשטעלט. גרויס און פאַרשיידנאַרטיק איז דער דיאַפּאַזאָן פון דוד פּינסקיס שרײַבערישע פאַראינ־טערעסירונגען. אים איז צום האַרצן נישט נאָר דער אַלטאָג פון זײַנע מיט־מענטשן; דעם שרײַבער לאָקט אויך דאָס געשיכטלעכע ווי דאָס לעגענדאַ־רישע אין ייִדישן עבר; די גײַסטיקע גרויסקייט פון היסטאָרישע פּערזענ־לעכקייטן און די העראָיִק פון די פאָלקס־העלדן. די דאָזיקע מאָטיוון האָט ער אָפּגעגעבן אַלע זאַפטן פון זײַן טאַ־לאַנט, וועלכער האָט אין זוכעניש פון אויסדרוק־מיטלען זיך געוואַנדן צום רעאַליסטישן מעטאָד ווי צו דעם סימ־

באַליסטישן. אומעטום אָבער איז דער נוסח־פּינסקי געבליבן אַן אייגנטימ־לעכער: מענלעך, דירעקט, אַן פּליטער־לעך.

און מאָדנע: כאָטש אַליין איינער פון די באַגרונדפעסטיקערס פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור, כאָטש יעדער האָט פאַר זײַן שאַפערישע פּערזענלעכ־קייט אַ וואָרט פון ליב, האָט דוד פּינסקי ביז צו זײַן 80 יאָריקן געבוירנ־טאָג נאָך נישט דערוואַרט זיך אַן אויס־שעפּלעכע, אַלזײַטיקע אָפּשאַצונג פון זײַן גאַנצן שאַפונג־וועג. אויב די טעאַ־טער־אויפפירונגען פון זײַנע מערערע דראַמעס האָבן דאָ און דאָרט יאָ זוכה־געווען אַ געלייפיקע אָפּהאַנדלונג, איז די פּרוכפּערדיקע דראַמאַטישע שאַפונג פון דוד פּינסקין לגמרי ווי פאַרשוויגן געוואָרן. נאָך ערגער, דאַכט זיך, איז עס אין דעם פּרט מיט זײַנע אומציי־ליקע פּראָזע־ווערק — די מערערע בענד פון פּינסקיס דערציילונגען און ראָמאַ־נען. וועגן זיי איז לעת־עתה נאָך נישט אויפגעשריבן געוואָרן קיין איין אַרומ־נעמענדיקע, אַנאַליטישע אָפּהאַנדלונג.

אַז אויך דער חשובער בעל־היובל דוד פּינסקי — וועמען מ׳רימט אַזוי אין „געלעגנהייט־מאמרים, איז אויף דעם אַ ביסל עמפּינדלעך, איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן.

און אין דער אמתן: פאַרוואָס געשעט אַזאַ עוולה? מיר מיינען: מתוך שמחה מעג מען דערמאָנען אויך אַזוינס, וואָס איז עלול צו וואַרפן אַ שאָטן אויף די, וואָס זײַנען באַרופן צו באַשטראַלן אַ דוד פּינסקי.

אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג דאַרף דעקן אָט דעם דרינגלעכן חוב!

י. אָ.

●

אברהם רייזען

אין דעם בוך לידער, געגרייט לכבוד אברהם רייזענס 75סטן געבוירנ־טאָג, אין 1951, איז פאַראַן אַ ליד, „זאָג“, ווו עס קומט צום אויסדרוק די רייזענישע עמכדיקע פאַרליבטקייט אין דער גאַנצער יִדישער וועלט, אין אַלץ וואָס איז שיין־מענטשלעך, אין הײַנט ווי אין אַמאָל, צום דאָ ווי צום דאָרט:

„די בענקשאַפט נעמט דאָך נישט אַוועק
דעם קלענסטן טייל פון שיינקייט דאָ!
די בענקשאַפט ברענגט ביז הינז ברעג
דעם שענסטן טרוים פון יינגסטער שעה!“

דורך דער בענקשאַפט פירט רייזען צונויף פאַרגאַנגענהייט מיט חלום. ער איז פאַרליבט אין מענטשן, אפילו ווען ער רעדט וועגן וואָכעדיקע זאַכן. ער איז יום־טובדיק אין דער וואָכן. גליי־ביק, אפילו ווען דאָס לעבן טראָגט יאוש אַנטקעגן. דערהויבן, אפילו ווען דיווירקלעכקייט שלעפּט אַראָפּ אין שאול־תחתיה. שטאַרק, אפילו ווען דער מענטש איז אַ חלוש. אָט אַזוי „קומט אַ מענטש“ בײַ אברהם רייזענען:

„קומט אַ מענטש פון דאָרטן,
קומט פון יענע לענדער,

איז ער ליטער וואַנדער,
נאָענט און אַ פרעמדער..."

אברהם רייזען איז אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור די בריק פון אונדזער פאָלקסטימלעכקייט און עמך. פון אייִ־דעלן עמך. פון יענעם עמך, וואָס אַז ער קעמפט, איז ער אפילו אין זײַן האָס אינספּירירט און געפירט פון ליבשאַפט צום מענטש. אויך ווען ער זינגט וועגן און קעגן די „קירכן־גלאָקן" איז ער אַ געפירטער פון ליבשאַפט — קעגן. אויך ווען ער רופט צו ברעכן „די וואַנט", ווערט ער נישט געפירט פון האָס. „דאָס געבעט" איז זײַן געבעט פאַר „אַלע וואָס זײַנען פאַר־וואַגלט" און „די ערד גיט קײַן ווינקל זיי נישט".

רייזענס טעמאַטיק שפּיגלט אָפּ אומ־צייליקע מאָמענטן פון עמך־מענטש. מאָמענטאַנישקייט איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר אים פּונקט אַזוי אין ליד ווי אין דערציילונג. ער איז דער צייכע־נער און פאַרצייכענער פון מאָמענטן און שטימונגען אינעם לעבן פון עמך. אָט פון ישיבה־בחור מיט זײַן „מאַי־קאַ משמע לן?" און אָט איז „די אַלטע קשיא". אָט איז דער קליינשטעטלדיקער בחור, וואָס זוכט ליבע בײַ אַן אויסגע־לאָסענער, און אָט איז דאָס מענטשל, וואָס גרינט זיך אויס אין אַמעריקע און קען נישט אויסניצן די גרויסע הנאות, וואָס דאָס לעבן טראָגט אַנטקעגן. אָט איז דאָס שטילע באַלעבעסל, וואָס טרינקט זיך אין קליינע קאַפּריזן, און אָט איז דער שמייכל איבער דעם מיידל וואָס בענקט נאָך ליבע און קען זי נישט פאַנגען, כאָטש עס שמייכלט פאַרבײַ דער נאָז. אָט איז דער אַרבע־טער, וואָס איז מקנא דעם באַלעבעסל, און אָט איז דאָס באַלעבעסל, וואָס איז מקנא דעם אַרבעטער — רק מ'איז איינע די אַנדערע מקנא...

אברהם רייזענס צייכענונגען פון דער ייִדישער עמך־סביבה, כאָטש לײַכטע ראַדירונגען, סקיצן, מיט דינע, אייִלי־קע שטריכן, איז אַן אומגעהייער־רײַ־כער אַלבאָם פון אונדזער פאָלקסטימ־לעכקייט.

ער איז דער גליביקער, אברהם ריי־זען. שטיל, אָבער גלייביק. אָן עקשנות, אָבער גלייביק. דאָס לעבן ברענגט אַנ־טוישונגען, אָבער ער פאַרבלייבט גליי־ביק. ס'דריקט דער צער, אָבער ער הערט נישט אויף צו זײַן גלייביק. ער זינגט, אברהם רייזען:

„בויען צי צעשטערן,
האָסט נאָך נישט פאַרטרויט;
אַנדערש זאָל נאָר ווערן — —
דאָס הייסט אויך געבויט".

אברהם רייזען, וועלכער האָט אַרײַנ־געזונגען לאָזונגען פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין דער ייִדישער פּאָעזיע, איז אין תוך דער דיכטער פון מילדן פאָלקס־מענטש, דער זינגער פון דעם איידעלן פאָלקס־געוויסן, דער באַשרײַבער פון געמיטלעכן עמך.

די ליטעראַטור־קריטיק האָט קײַן מאָל נישט געפונען געניג אַנהאַלט, כדי

צו קענען דערקלערן די סודות פון אב־רהם רייזענס כישוף־קראַפט צווישן עמך, אָבער דערפאַר איז דער לעבנס־אינהאַלט פון עמך אײַנגעקריצט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ דאַנק זײַן געליבטן און פאַרליבטן אברהם רייזען — לעולם ועד.

ש. ר.

•

שמואל ראָזשאַנסקי

די ייִדישע קולטור־וועלט אין אר־גענטינע האָט דעם 14טן אַפּריל ה״י אָפּגעמערקט דעם טאָפּלטן יובילײ פון דעם חשובן שרײַבער און קולטור־בויער שמואל ראָזשאַנסקי: זײַן 50טן געבוירנ־טאָג און 30 יאָר פון זײַן שריפטשטע־לערישער אַקטיוויטעט. צום יובל־אָוונט לכבוד ש. ראָזשאַנסקין האָט אין גרויסן זאַל פון דער בוענאָס־אײַרעסער פּרץ־שול זיך פאַרזאַמלט אַ היפּשער עולם ייִדישע שרײַבערס, פאָרשטייער פון דער קינסטלערישער וועלט, לערערס, אָנ־געזעענע כלל־טוערס און פאַרערער. פון אַלע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, ווו שמואל ראָזשאַנסקיס אָנזען איז זייער גרויס, ווי אויך פון די פירנדיקע ניו־יאָרקער ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און שרײַבערס זײַנען אָנגעקומען אַ צאָל באַגריסונג־טעלעגראַמעס. צווישן אַנ־דערע האָבן פון ניו־יאָרק באַגריסט דעם בעל־היובל די צענטראַלע פון ייִוואָ, דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס, שמואל ניגער, ד״ר יעקב שאַצקי; הארציק האָט באַגריסט יוסף אָפּאַטאָשו, וועלכער איז גראָד גע־ווען דער גאַסט פון אַרגענטינער ייִדישן ייִשוב. טעלעגראַפישע באַגריסונגען זײַנען דערהאַלטן געוואָרן אויך פון דער שרײַבער־מישפּחה אין פּאַריז. גאָר וואַרעם האָבן זיך אָפּגערופן די ייִדישע שולן אין בוענאָס־אײַרעס ווי אויך דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן און זײַן פאַרלאַג, דער פאַרלאַג „ייִדבוך“, די געזעלשאַפט „אָרט“ און די גרויסע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט „העבראיקאַ“.

ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן האָבן די בײַזייענדיקע — אַ חוץ די באַגריסונגען — אויך געגעבן אַלזײַטי־קע אָפּשאַצונגען וועגן דעם יובילאַר ווי וועגן אַ שריפטשטעלער און קולטור־טוער פון הויכער מדרגה.

עס איז נישט שײַך צו געבן אַ באַ־ריכט פון די אַלע אינטערעסאַנטע אַרויסטרעטונגען. אויסצוגן פון דער באַגריסונגס־רעדע פון ראָזשאַנסקיס אַ רעדאַקציע־קאָלעגע וועלן מיר יאָ ברענ־גען, מחמת זי אַנטהאַלט אַ וועזנטלע־כע כאַראַקטעריסטיק פונעם באַערטן שרײַבער. מיר מיינען די

אַרויסטרעטונג פון זלמן וואַסערצוג

ווי אַ חבר פון יובילאַר — האָט ער אָנגעהויבן — מיט וועמען איך טרעף זיך טאָג־טעגלעך בײַ דער אַרבעט אין רעדאַקציע פון „די ייִדישע צײַטונג“, איז מיר באַזונדער שווער צו ריידן. ס'איז פיל גרינגער צו ריידן אָדער

שרײַבן וועגן אַ פרעמדן, אַ ווילד פרעמדן מענטשן אײדער וועגן אַ נאָענטן חבר.

דערפאַר וועט מײַן ריידן פאַר אײַך קלינגען ווי פאַרעלטערט. ווײַל וועגן אַ חבר דאַרף מען דאָך זאָגן אַ פּאָר וואָרע־מע, חברלעכע ווערטער, ובפרט אַז שמואל ראָזשאַנסקי האָט זיי כשר פאַר־דינט. און עס איז עפּעס נישט אָנגענו־מען עפנטלעך צו לויבן אַ חבר. מער פאַרשטענדלעך און אַזוי צו זאָגן נאַטיר־לעך איז אַז מ׳זאָל וועגן אַ חבר דער־ציילן אַ ביסל רכילות. איר וואָלט אפשר דערפון מער הנאה געהאַט... פיל איך זיך דערפאַר אין אַ פאַרלעגנהייט. עס בלײַבט מיר דעריבער בלב מלא זיך אָנצושליסן אין די האַרציקע ווערטער, וואָס זײַנען דאָ שוין אַרויסגעזאָגט גע־וואָרן אויפן חשבון פון אונדזער ליבן פרײַנד ראָזשאַנסקי.

יאָ, חבר ראָזשאַנסקי האָט אַ סך מע־לות און אייגנשאַפטן פון אַן אומפּאַפּ־שאַצבאַרן קולטור־עסקן און קולטור־בויער. זײַנע אויפטוען, וואָס זײַנען דאָ דערמאָנט געוואָרן, זײַנען זייער ווערט־פול, בפרט אַז מ׳זעט זייער באַשיימ־פּערלעכע השפּעה אויף דער קולטור־געשטאַלטיקונג פון אונדזער יישוב. אוודאי, שמואל ראָזשאַנסקיס פּערזאָן אידענטיפיצירט זיך אין גאַנצן מיט אונדזער קולטור־לעבן אויף אַלע זײַנע געביטן. עס איז שווער זיך פאָרצו־שטעלן דעם אַרגענטינישן יישוב אָן זײַן ווירקונג, און עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם קולטור־פּרצוף פון אונדזער יישוב, ווען מיר וואָלטן גע־האַט כאָטש אַ צען אַזעלכע ערנסטע קולטור־עקשנים ווי ראָזשאַנסקי.

ווי איר זעט, שטייט דאָ אין קאָן בלויז גוטס וועגן אונדזער בעל־יובל, רק לויב־ווערטער. כדי נאָכצוקומען כאָטש אַ ביסל אייער שפּאַנונג צו הערן דאָך אַ וואָרט רכילות אויף אַן אייגע־נעם, ווייל איך זאָגן, אַז אַ חוץ די אַלע אויסגערעכנטע מעלות פאַרמאָגט פרײַנד ראָזשאַנסקי אויך גאַנץ לײַטישע חסרו־נות, און עס וואָלט באמת כדאי געווען זיך אָפּצושטעלן אויף זיי. דעמאָלט וואָלט די געשטאַלט פון יובילאַר אַרויסגעקו־מען פולער, אַלזײַטיקער. איז אָבער די מעשה, אַז די חסרונות זײַנע זײַנען נאָך נישט קיין דעפיניטיווע. כאָטש ער האָט זיך ב״ה דערוואַרט צו זײַן אַ יובילאַר, איז ער פון דעסטוועגן ערשט אין זײַן קרעפטיקסטן עלטער, ווען אַ שאַפערי־שער מענטש בליט זיך רעכט פונאַנדער. בײַ די 50 יאָר קלאָרן זיך ערשט אויס די וויכטיקסטע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ מענטש, וואָס איז פול מיט דינאַמיזם און שאַפערישער ענערגיע. און אַזאַ איז דאָך שמואל ראָזשאַנסקי. ערשט צו 80, צי צו 100 יאָר קען מען ריידן וועגן חסרונות ווי וועגן דעפיניטיוו אויסגעפאָר־רעמטע אייגנשאַפטן. מילא, דעמאָלט וועט מען ריידן, מעגלעך טאַקע אין דעם זעלביקן סאַלאָן, בײַ דעם זעלביקן פּובלי־קום.

נאָר זאָגן דאַרף מען שוין, אַז ראָ־זשאַנסקים חסרונות זײַנען אין אַ גרוי־

סער מאָס אויך מעלות. נאָך אַלעם זײַנען חסרונות און מעלות גאַנץ רעלאַטיווע באַגריפֿן, — אָפּהענגיק פֿון דעם געביט וווּ זיי ווערן אָנגעווענדט. אָבער לאָמיר זײַן קאָנקרעט: עקשנות, למשל, ווערט מערסטנס באַטראַכט פֿאַר אַ חיסרון, פֿאַר אַ נעגאַטיווער מענטשלעכער אייגנשאַפֿט. מיר היטן זיך אויס צו באַגעגענען זיך מיט עקשנים אויף אַן ענגער פּלאַך. עקשנות אָבער אויפֿן געביט פֿון קולטור־אויפֿטו, איז גראָד אַ ברכה, אַ מעלה; אַן פֿעסטער עקשנות, אָן אַן אײַזערנעם ווילן און אָן אומגעוואַקלטן גלויבן קען מען אין אונדזערע אומשטענדן גאָרנישט דערגרייכן.

אויך פּעדאַנטישקייט, וואָס צילט צו מאַכן אַן איבערקערעניש צוליב אַ קוצו של יוד, געהערט נישט צו די אייגנשאַפֿטן מיט וועלכע מ'מעג זיך צופֿיל גרויסן. אָבער פּעדאַנטישקייט אויפֿן געביט פֿון פֿאָרש־אַרבעט, בײַ וועלכער עס פֿאָדערט זיך עקזאַקטקייט — איז גאָר אַ מעלה.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז נישט גרינג אויסצוקומען מיט מענטשן וואָס פֿאָדערן כּסדר פֿון אַנדערע, און פֿון זיך אַליין פֿאָדערן זיי גאָרנישט. אַנדערש איז אָבער ווען דער, וואָס פֿאָדערט פֿון אַנדערע — פֿאָדערט אויך פֿון זיך אַליין גאָר אַ סך און גיט טאַקע דעם מאַקסימום. אַזאַ מין פֿאָדערן און געבן פֿאַרפֿליכטעט און רײַסט־מיט אויך אַנדערע צו שעפֿערישקייט.

אויב אַזאַ עקשנות איז אַ חיסרון, איז קאָלעגע ראָזשאַנסקי דער גרעסטער בעלחיסרון.

און נאָך אַ גרויסן חיסרון פֿאַרמאָגט קאָלעגע ראָזשאַנסקי: כ'מיין זײַן אויסערגעוויינטלעכע פֿעיִקייט צו שאַפֿן זיך קעגנער. אַ חוץ אים איז נישטאָ בײַ אונדז נאָך אַ צווייטער ייִדישער שרײַבער, וועלכער זאָל האָבן אָפּגעשפּאָרט אַזויפֿיל קעגנער.

און לאָמיר זיך קלאָר מאַכן, ליבע פֿרײַנד, אַז דאָס אײַנשאַפֿן זיך קעגנער איז נישט קיין גרינגע זאַך. דערצו איז נייטיק צו באַזיצן וויכטיקע אייגנשאַפֿטן, ווי כאַראַקטער־פֿעסטקייט, ווילן, צילבאַוווּסטקייט, קעמפֿערישקייט און קרבנות־גרייטקייט.

מיר ווייסן גאַנץ גוט ווי שווער עס קומט אָן צו פֿאַרשאַפֿן זיך כאָטש איין און איינציקן גוטן פֿרײַנד. צוליב איין פֿרײַנד זײַנען מיר אַ מאָל גרייט צו פֿאַרבייגן אויף פּרינציפּן.

מיר בענקען דאָך צו זײַן אַרומגערינגלט פֿון פֿרײַנד, אָדער פּסעוודאָ־פֿרײַנד, און מיר קויפֿן זיי פֿאַר יעדן פּרײַז. דאָסגלײַכן אײַנשאַפֿן זיך אַ קעגנער איז אויך נישט פֿון די גרינגע זאַכן. ס'איז אפשר אַ סך שווערער צו שאַפֿן זיך אַן אויפֿריכטיקן קעגנער, איידער צו געווינען אַן אמתן גוטן פֿרײַנד.

זיכער איז גוט און באַקוועם צו קענען רעכענען זיך מיט פֿרײַנד און פֿרײַנדשאַפֿט, עס איז אָבער אַ דערגרייכונג און געווינס אַ כּבֿוד פֿאַר אַ פֿולקומען מענטשן צו האָבן אויך קעגנער, ווײַל

קעגנער באַקומט מען נאַר ווען מ׳וויל, מ׳זוכט, מ׳שטרעבט צו עפּעס און מען שטעלט זיך איין פאַר עפּעס אַזוינס וואָס איז טייער און הייליק.

דער דאָזיקער חסרון איז זיכער ראַ־זשאַנסקיס הויפּט־מעלה, דער שטאַרקס־טער שטריך פון זיין כאַראַקטער.

לאָמיר דאָ אייך אָפן זאָגן: אין די שרייבערישע און קולטור־טועריש רייען האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אומגעוווּנטשש־נע עלעמענטן, וועלכע שאַבערן מיטן יידישן וואָרט און דערנידעריקן דעם כבוד פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

ראָזשאַנסקי האָט געגוג מוט, געגוג כאַראַקטער צו קעמפן קעגן די הענדלערס פון יידישן וואָרט; ער דעמאַסקירט זיי ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט. ער אַליין קען אונדז דינען ווי אַ מוסטער פון ריינקייט און ערלעכקייט. ח׳ ראָזשאַנסקי האַלט הויך, זויבער און מיט ווערדע זיין פען, זינט די פען איז געוואָרן זיין באַ־רוף.

יאָ, ח׳ ראָזשאַנסקי האָט די אַלע חס־רונות, וועלכע זיינען אין די געביטן פון זיין אַרבעט אַ ברכה. וואָלט ראָזשאַנסקי נישט פאַרמאָגט די אָקאָרשט דערמאָנטע חסרונות און מסתמא נאָך אַנדערע — וואָלטן מיר אַלע צו זיין היינטיקער באַע־רונג נישט געקומען.

אמת, מען פייערט היינט ראָזשאַנס־קיס שאַפערישע חסרונות — זיין עק־שנות, זיין אומקאָמפּראָמיסלעכע עק־שנות, זיין פּעדאַנטישקייט, די באַגאַבט־קייט צו פאַרשאַפן זיך שונאים, זיין פאָ־דערן פון אַנדערע און אויך פון זיך דעם מאַקסימום.

הלואי וואָס מער אַזעלכע עקשנים און אַזעלכע „משוגעים“, און אונדזער גאַנץ לעבן וואָלט געהאַט אַן אַנדערן אויס־זען!

***

דאָ וואָלט איך אייגנטלעך געקאָנט אָפּשליסן מיינע ווערטער, ווען ח׳ ראַ־זשאַנסקי זאָל נישט האָבן נאָך צוויי וויכטיקע, שעפערישע געביטן, וועלכע איך וויל דערמאָנען כאָטש מיט איניי־קע באַמערקונגען: דאָס איז ראָזשאַנסקי דער זשורנאַליסט און ראָזשאַנסקי דער שרייבער.

פריינד ראָזשאַנסקי איז אַ פּולבלוטי־קער זשורנאַליסט, וועלכער רעאַגירט פלינק און געשיקט אויף יעטווידער גע־שעעניש, נישט פאַרגעסנדיק דערביי צו זאָרגן פאַר דער שיינער פאָרעם פון דעם אַרויסגעזאָגטן. נישטאָ קיין איין וויכ־טיקע דערשיינונג אין אונדזער לאָקאַלן לעבן, אויף וועלכער ער רופט זיך נישט אָפּ אין זיין טעגלעכן קאָלום אין „די יידישע צייטונג“, וואָס ער האָט דער־הויבן צו אַ טריבונע, פונקט ווי ער האַלט פאַר וויכטיק צו אינפאָרמירן די לייענערס וועגן די אַקטועלסטע פּראָב־לעמען פון יידישן לעבן און שאַפן אי־בער דער גאָרער וועלט.

נישט אַנדערש: פריינד ראָזשאַנסקי איז געבוירן געוואָרן מיט דער זשורנאַ־

ליסטישער פּראָפעסיע. און ווי אַ זשור־נאַליסט איז ער אומקאָמפּראָמיסלעך: דער וואָס פאָדערט פון אַנדערע פּונקט ווי ער שטעלט זיך גופא גאָר גרויסע פאָדערונגען.

מיר באַוווּנדערן אָפּט מאָל זיין אַר־בעטזאַמקייט, זיין אָרגאַניזירטקייט, זיין ריטעם פון אַרבעט און מערער נאָך — דעם אימפּעט וואָס טראָגט זיך פון אים. נאָר ווען מ׳האָט אַ סך ליבשאַפט און גלויבן אינעם כוח פון יידישן וואָרט, קען מען אַרבעטן מיט אַזאַ פליים און אימפּעט.

מיר ווונדערן זיך אָפּט מאָל אויפן ח׳ ראָזשאַנסקי, פון וואַנען ער נעמט אַזוי פיל צייט, אַזוי פיל ענערגיע און אַזוי פיל געדולד פאַר אַלע זיינע פאַרצווייג־טע באַשעפטיקונגען, און אומעטום איז ער גאַנץ, אומעטום מיט התלהבות. אַזוי ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך אַזוי איז ער תמיד אָנגעלאָדן מיט איי־ניציאַטיוו.

ח׳ ראָזשאַנסקי באַמיט זיך אין זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט אַנצוהאַלטן דעם טאָן פון אַ בעלעטריסט, און ס׳איז באמת שווער אַנצוווייזן ווו עס איז ביי אים די גרעניץ צווישן טאָג־טעגלעכן זשורנאַליזם, דעם פיינעם עסיי און דער שיינשרייבעריי.

צומאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז ראָ־זשאַנסקי דער קולטור־טוער שלינגט איין ראָזשאַנסקין דעם שרייבער.

עס איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף ראָזשאַנסקים זעקס ביכער וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן — ביכער בעלעטריסטישע, מיט עסייען, ליטעראַטור־קריטיק, פראַגן פון יידישער דערציִונג. נישט איך האָב די צייט דערצו און איר — די נייטיקע געדולד, דאָך איז נייטיק אָנצוווייזן אויפן כאַראַקטער און תוך פון זיינע דערציי־לונגען און סקיצן.

אין אַן אַריינפיר צו איינעם פון זיינע ביכער, זאָגט ראָזשאַנסקי אַז מיט זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן שטעלט ער זיך די אויפגאַבע צו „געפינען דעם פרייען יידישן מענטשן. געפינען דאָס מענטש־לעכע... אומעטום זוכן דעם מענטש מיט ווערדע און כאַראַקטער".

דאָס איז דער שליסל צו ראָזשאַנס־קים ליטעראַרישער אַרבעט און אויך צו זיין קולטור־טעטיקייט. דאָס איז זיין אני־מאמין — זוכן און ווייזן דעם מענ־טשן אַ ווירדיקן, אַ שטאָלצן.

אומצאָליקע סיטואַציעס און פּערסאָ־נאַזשן שילדערט ראָזשאַנסקי אין זיינע דערציילונגען, ווו ער ברענגט אַרויס די ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן מיט זייע־רע שוועריקייטן, פּיין, הונגער און בענ־קעניש. אָבער ער ווייזט אייך שטענדיק די העלדן, אפילו ווען הונגעריקע וואָס קריכן איבער אַ פּרעמדער אַסאָטעאַ צו גנבענען אַ פּאָר קאַרטאָפליעס — ווייזט ער אַזוינעם אַ שטאָלצן, אַן אויסגע־גלייכטן, מיט זיין מענטשלעכער ווערדע און חשיבות. נאָר נישט קיין רחמנות, נאָר נישט קיין נדבה! — דאָס איז די הויפּט־שטרעבונג פון זיינע העלדן אין אַלע סיטואַציעס. אָפּהיטן דאָס מענטש־

לעבע, דאָס איז דער לייטמאָטיוו וואָס גייט דורך איבער אַלע זײַנע נאַראַטאָרישע שאַפונגען. און דאָס איז זײַן פאָדערונג אויך אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב — אָפּהיטן דאָס אייגענע ביסל חשיבות.

הלואי זאָל דער הײַנטיקער יום־טוב סטימולירן און אויפוועקן אין ראָזשאַנסקין די אַמביציעס פונעם שרײַבער, וועלכער ווערט באַעוולהט דורך ראָזשאַנסקין דעם זשורנאַליסט און קולטור־עסקן.

בײַ אונדז אין שטעטל איז געווען זייער אַ פרומער רב, וועלכער פלעגט כסדר ארומגיין איבערן בית־המדרש און צונויפקלייבן פון דיל די בלעטלעך שמות און זיי אויסקושן. מיר, קליינע חברה, פלעגן הינטער דעם רבס פלייצעס צעוואָרפן די שמות, און וויפיל ער האָט זיי צונויפגעקליבן, האָט ער זיך אַלץ נישט געקאָנט באַטון. גאַנצע טעג האָט ער געהאַלטן אין איין אויפקלײַבן די איינזאַמע צעוואָרפענע בלעטלעך שמות און זיי קושן. עס האָט זיך אים זיכער אויסגעוויזן, אַז נאָר די השגחה אַליין באַזאָרגט אים מיט אַזויפיל מצוות.

מיט זײַן טיפן גלויבן און אָפּטימיזם, מיט זײַן אומגעהייערער ליבשאַפט צום יידישן וואָרט און צו זײַנע ווערטן, פאַרקערפּערט ה' ראָזשאַנסקי אַ סך פון יענעם רב אין אונדזער שטעטל.

זאָל ער נאָך אַ סך יאָרן שאַפן, קלייבן, זאַמלען, אָפּהיטן די אַלע שמות פון יידישן שאַפן פאַר דער דערהייבונג פון אונדזער לעבן.

ט

אַוועקגעגאַנגענע

משה דוד גיסער

משה דוד גיסער איז געשטאָרבן אין דער סאַמער מיט פון זײַן רײַפער שאַפערישער עלטער.

זײַן ליטעראַרישע ירושה איז אַ װערטיקע און באַשטייט פון זײַנע זעקס לידער־ביכער: „פלעמלעך און פײַערלעך", לידער פאַר קינדער, 1929; „לידער און באַלאַדן", 1931; „לידער און פּאָעמען", 1933; „לידער און לענדער", 1945, „יוליוס און מאַרי" (1905) — 1950 און פון אַ צאָל נישט־געדרוקטע כתבים.

גיסער כאַראַקטעריזירט זיך אַליין אין זײַן ליד:

„כאָטש מײַן פערז איז לײַכט און צאַרט,
(צו װאָס פאַרלײקענען די װאָר?)
איז אויסגעשמידט, אָן רחמים, האַרט
דער לעבנס־לויף פון מײַנע יאָר".

גיסערס לעבן איז באמת געװען אַ שװערס, מיסתמא אָבער נישט קײן ערגערס װי פון די אַלע װאָס גיבן אָפּ זייערע יאָרן דער דיכטערישער לירע. משה דודן דעם געמיטלעכן מענטש האָט עס צום מיינסטן פאַרדראָסן, הלמאי דאָס האַרטע לעבן מישט זיך אַרײַן אין זײַנע צאַרטע געזאַנגען. זײַנע לידער װעגן הונגער און נויט זײַנען געװען מער אינדיװידועלער װי סאָציאַלער פּראָטעסט. זײַנע תרעומות קעגן דעם װאָס די אַכזריותדיקע װירקלעכקייט באַװאָלהט דעם זינגער און לאָזט אים נישט זינגען װעגן שײנקײַט און שטערט צו שפּינען און װעבן זײַנע שפּילעװדיקע חלומות.

אַן אָפּשטאַמיקער פון מעשנגיסערס איז משה־דוד נישט געבליבן בײַ דער שײנער פּראָפעסיע פון גיסן שבת־לײַכטערס, כאָטש ער האָט זיי אַזוי װוּנדערלעך באַזונגען; ער איז נישט געבליבן בײַ דער דרייבאַנק, בײַם בלויען שמעלץ־פלאַם, בײַ דער גיסערײַ, װאָס װאָלט געגעבן ברויט צו דער זעט זײַן הויזגעזינט און געלאָזט אים אפשר זינגען פרײַער און פולער — ער האָט אויסגעקליבן די דערנערדיקע פּראָפעסיע פון זײַן ב ל ו י ז דיכטער בײַ ייִדן, זײַן גורלדיקע באַשערטקײַט, זײַן נחת אין דעם װעג פול מיט שטרויכלונגען, דערנידערונגען און ביטערן געראַנגל.

די בוענאָס־אײַרעסער גאַסן זײַנען פאַרן פּאָעט געװען פײַנדלעכע, גרויזאַמע לאַבירינטן; ער האָט נישט געקוקט אַרויף צו די בלויע ליכטיקע הימלען, ער האָט נישט געזען די אַלייען, די פּאַרקן, די געביידעס, די פרײלעכע מענטשן פון דער נײַער אַרגענטינער היים — גאָרנישט האָט צו אים גערעדט מיט דער צוזאָגנדיקער שפּראַך פון אַ האָפענונגפולער צוקונפט, פון אַן אַרויפאַרבעטן זיך — דער חלום פון יעדן פריש־אַרײַנגעקומענעם אין לאַנד. פאַר אים איז געשטאַנען די פּערספּעקטיװ פון נויט, פון גלײַכגילט מצד דער סביבה, װאָס האָט אפשר געקוקט אויפן דיכטער מיט גרינגשאַצונג, װאָס ער טראָגט זיך אַרום מיט אַזאַ נישט־געהויבענער סחורה װי לידער־ביכלעך, בעת זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט דורך ממשותדיקער סחורה.

בײַ װעלכער מען קען פֿאַרדינען.

אָבער משה דוד גיסער איז געװען דער ביטחון־פֿולער פּױלישער ייִד, אַ זון פֿון נגינה־ליבנדיקע מאַשיאַנזשניקעס, אַ חדוהדיקער און אױפֿגעלײגטער ראַדעמער יונגערמאַן, װאָס געזאַנג האָט געקװאָלן פֿון אַלע פּיבערן פֿון זײַן מהות; דורות געזאַנג האָט געשפּרודלט פֿון אים. װען אַרגענטינעם פּאַלמען־בײמער, זוניקע הימלען, רחבותן פּלעגן אים באַמעכטיקן, האָט גיסער סקאַנדירט זײַנע ריטמישע געזאַנגען אין מיטן גאַס, אין אַ סקװער, אין אַ פּאַרק, און אפֿשר בײַ די כװאַליעס פֿון לאַ־פּלאַטאַ טײַך האָט ער אױפֿגעשנירלט װערטער װי פּערל אױף אַ האַלדזבאַנד און מיט זײַן דריבנענקער שריפֿט זײ פֿאַרשריבן אױף שמאָלע לאַנגע בלעטלעך.

װען די נױט האָט אים גאָר צוגעדריקט האָט דער דיכטער באַשלאָסן אַריבערגײן די אַנדן קײַן סאַנטיאַגאָ דע טשילע װוּ ער האָט „געפּעלשט“ אין דער מוזע, װעלכער ער האָט געװאָלט דינען, אױסשליסלעך איר. ער האָט עס געמוזט טאָן: עס האָבן דאָס געפֿאָדערט דאָס געליטענע װײַב און די הונגעריקע קינדער. און משה דוד איז נישט קײַן צעבראַסטעטער פּאָעט, װאָס האָט אין זינען געהאַט נאָר זײַן עגאָ; ער האָט ליב געהאַט מיט אױסערגעװײנטלעכער ליבשאַפֿט זײַן הױזגעזינט און אין סאַנטיאַגאָ דער שײנער האָט שױן פֿאַר אים אױפֿגעשימערט אַ ממשותדיקע פּרנסה: אַ דרוקערײַ, װאָס האָט אים געגעבן אַ ביסל מנוחה און מעגלעכקײטן צום שאַפֿן.

משה דוד גיסער האָט אָבער נישט געשטרעבט צו עשירות, צום אַרױפֿאַרבעטן זיך. ער איז װײַטער געבליבן דאָס גרױסע זינגעװדיקע קינד, װאָס האָט װײַטער געשפּונען די דריבנענקע לידעלעך מיט די שמאָלע שורהלעך, ריטמישע שורות, װאָס האָבן געלאָקט צו געזאַנג בחבֿרותא.

גיסערס לידער זײַנען געװען אין טאָן פֿון פֿאָלקסליד: פּשוטע, די װערטער, די מעטאַפֿאָרן ניט צופֿיל אױסגעזוכטע, דער גראַם אַ דירעקטער, װי בײַ די פֿאָלקסזינגער, בײַ װעמען די אינספּיראַציע איז אַ ספּאָנטאַנע און אימפּראָװיזירנדיקע, פֿון דעם מין: לאָמיר זינגען אַ זמרל, װוּ װאָרט, ריטעם און ניגון האַרמאָניזירן. משה דוד גיסער האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אי דאָס טרובאַדורישע, אי דאָס התלהבֿותדיק־חסידישע און דערצו דאָס אײגנאַרטיקע, מיט אַן אײגענעם טאָן, װאָס האָט אים געגעבן זײַן בכבֿודיקן פּלאַץ אין דער פּלעיאַדע פֿון די ייִדישע דיכטער — מיט אַ שפּאָרן רכוש פֿון לידער, װאָס זײַנען װערט געלײענט, דעקלאַמירט און געזונגען צו װערן מיט דער אױסדריקלעכער באַטאָנונג — דאָס איז משה דודס שאַפֿונג, דעם דיכטער פֿון פּױלן, אַרגענטינע און טשילע, דער פּאָעט װאָס האָט דעם פֿײגנבױם, דעם פּאַלמען־בױם, די אַנדן־בערג אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

משה דוד גיסערס לידער־ביכער זײַנען אַ בײַטראָג צו דער ייִדישער װעלט־ליטעראַטור.

פּ. ב.

אביגדור שפּריצער

די לעצטע 26 יאָר פון זײַנע 54 יאָר (1898 — 1952), האָט אביגדור שפּרי־צער אויסגעלעבט אין אַרגענטינע. און אַז ער איז אַרומגעפאָרן איבער די אַמעריקעס אין דער צײַט אַ צוויי יאָר, האָט ער אויך געלעבט אין אַרגענטי־נע. מיט אַרגענטינע זיך אַרומגעטראָגן ווי מיט זײַנע חלומות און אַמביציעס.

און חלומות און אַמביציעס האָט אביגדור שפּריצער געהאַט נישט קיין קליינע. געקומען פון זײַן גאַליציאַנער היים מיט זײַן דראַמאַטישער פּאָעמע „איוב", אָפּגעדרוקט אין וואַרשע אין בוכפאָרעם, האָט ער געטרוימט צו זען אויף דער בינע דווקא אַזאַ טיפּ דראַ־מע, וואָס האָט נישט אינעם פּראָפעס־סיאָנעלן טעאַטער קיין דריסת הרגל: הוילע סימבאָליק פון גיגאַנטישע גע־שטאַלטן, וואָס קענען פאַרשטאַנען ווערן בלויז אין דער טעזע, אין דער הויפּט־אידייע, אָבער וועלכע זײַנען פאַרנעפּלט אין זייער אויסוויקלונג, ווײַל זיי זײַנען ווײַט פון מענטש און ערד, כאָטש זיי גייען אַרום מיט איובס ליידן.

פון פּראָפעסיע אַ לערער, איז ער אַרײַן אין צײַטונג־וועזן דורך קינדער־ליטעראַטור, אייגענע מעשהלעך און לידער, ער האָט רעדאַקטירט בײַלאַגעס, לערנביכער, אַנטאָלאָגיעס. דעם קאָנ־טאַקט מיטן צײַטונג־לייענער האָט ער געזוכט דורך דער דערציילונג, ווײַט פון זײַן אייגנטלעכן נוסח על־פּי „איוב". ווײַל ער איז אַוועק צו דער מעשה שהיה, אָבער נישט שיהיה... דערפאַר אָבער האָט ער זיך פאַרמאָסטן, און טאַקע אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם „חומש־מעשהלעך", ווו דער סטיליסט אין שפּריצערן האָט געזוכט אייגנאַרטי־קייט. ער איז געווען דער שריפטשטע־לער, וואָס האָט זיך געשלאָגן פאַר אַ וואָרט, פאַר אַ גראַם, פאַר אַ המצאה אין פאָרעם. אָנגעטרונקען מיט חומש און תנ"ך, האָט ער געזוכט אייגענעם נוסח אין דערצייל־סטיל.

דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט אין אַרגענטינע האָט מיט אביגדור שפּרי־צערס טויט פאַרלוירן אַ שריפטשטע־לער, וועלכער האָט גערופן צו שיינקייט פון סטיל און יידישן נוסח.

ש. ר.

וועגן

פאַרלאַגן אין דער ייִדישער אַרגענטינע

מיטן יאָרן צוריק האָט די ייִדישע אַרגענטינע נישט פאַרנומען קיין גאָר גרויסן פּלאַץ אין ייִדישן פאַרלאַגוועזן. אונדזער ייִשוב איז גיכער געווען אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר ביכער, זשורנאַלן און אפילו טאָגצײַטונגען, וואָס מען האָט אַרײַנגעפירט פון פּוילן און פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס באַדערפעניש נאָך אַן אייגן פרעסע־וועזן, וואָס איז רעאַליזירט געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מילחמה, האָט מיט זיך אויך געבראַכט אַז אַרגענטינער ייִדן זאָלן אַ פּרוּוו טאָן דרוקן און איבערדרוקן ביכער און ספרים, וואָס האָבן דאָ אויסגעפעלט. ייִדישע בוכהענדלער זײַנען געוואָרן פאַרלעגער. קודם־כל האָבן זיי באַפרידיקט דעם מאַנגל אין ספרי רומ״ל, אין מחזורים, סידורים, הגדות. מיטן וווּקס פון די וועלטלעכע שולן האָט מען זיך אויך גענייטיקט אין לערנביכער. דער בוכהענדלער ג. קאַפּלאַנסקי האָט דער ערשטער אַרויסגעגעבן דאָס עלעמענטאַר־ביכל אין ייִדיש „נײַע בלעטלעך“, פאַר די אָנהייב־גראַדן (אין צוויי טיילן). דער נאָכפרעג איז געווען גרויס און די „נײַע בלעטלעך“ האָבן דערלעבט זיבן־אַכט אויפלאַגעס. אויך די צווייטע וועלט־מילחמה, דאָס אָפּגעריסן ווערן פון די גרויסע ייִדישע צענטערן און די כליה פון פּוילישן ייִדנטום זײַנען געווען די גורמים פון פאַרשטאַרקטער פאַרלאַגטעטיקייט אין ב.־אײַרעס. די בוכהאַנדלונג פון ש. סיגאַל איז אין דער ערשטער ריי אַרויס מיט איבערדרוקן ייִדישע געשיכטע פאַרן שול־געברויך, ווי אויך מיט אַ גרויסע צאָל פּאָפּולערע נאַציאָנאַלע פאָלקס־לידער מיט נאָטן און פּיאַנאָ־באַגלייטונג.

אין ש. סיגאַלס פאַרלאַג זײַנען דערשינען אין ייִדיש 7 בענד „ייִדישע געשיכטע“ פון גרעץ, אַ קיצור פון דובנאָווס געשיכטע פון ייִדישן פאָלק מיט צאָלרײַכע אילוסטראַציעס. דאָס זעלביקע ווערק איז אויך אַרויסגעגאַנגען אין שפּאַניש. דער פאַרלאַג האָט זיך קונה־שם געווען מיטן פאַרמעסט אַרויסצוגעבן די צען בענד דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק“, איבערגעזעצט אין שפּאַניש פון דר׳ לעאָן דוכאָוונע. אין דעם פאַרלאַג זײַנען דאָסגלײַכן דערשינען לערנביכער פאַר ייִדיש און העברעיִש (צוויי טיילן „בלימעלעך“ און ערשטער טייל „נצנים“ פון פּנחס ערליך); אַן איבערדרוק פון דר׳ יצחק אונטערמאַנס „אונדזערע ימים־טובים“ און אַ גרויסער אויסוואַל פון ספרי רומ״ל.

צום ייִדישן דרוק־וועזן אין אַרגענטינע דאַרף מען אויך צורעכענען די יחידישע פּובליקאַציעס, די בראָשורן, ביכער, יובל־אויסגאַבעס, פּאַרטיי־ און פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, יזכור־ביכער און אַלמאַנאַכן, וואָס באַצייכענען יובל־

דאטעם פון אינסטיטוציעס און ווערן ארויסגעגעבן דורך קאמיטעטן, פאריייען, שול־געזעלשאפטן, קולטור־ארגאניזאציעס וכדומה. לדוגמא דערמאנען מיר די סעריע לייען־ביכלעך פאר קינדער פון דער שלום־עליכם־שול, יובילעי־ביכער פון פינאנץ־אינסטיטוציעס, דאס יובל־בוך פון „עזרה“ און יידישער שפיטאל (טויזנט זייטן אין יידיש און שפאניש) און א גאנצע ריי פון יזכור־ביכער פון די לאנדסמאנשאפטן.

אויך דער ליטעראטן־ און זשורנאליסטן־פאראיין „ה. ד. נאמבערג“ האט גענומען שטעלן זיין פארלאג־חתימה אויף ביכער פון ארגענטינער שרייבער ווי דר׳ זשיטניצקיס „פרץ — פילאסאפיש און סאציאל“, שרה בירנבוימס לידערבוך, מ. פארישעווסקים רייזע־ביכער און בערל גרינבערגס „ליבשאפט“, מאשע פאיוקס קינדער־לידער „זינגענדיק“.

די בוך־געמיינשאפט ביי דער ראציאנאליסטישער געזעלשאפט גיט זיך אפ מיט די אויסגאבעס פון טעאריע און פראקטיק פון פרייען סאציאליזם. א חוץ א צאל בראשורן פון און וועגן די פירער פון דער באוועגונג זיינען אין דעם פארלאג דערשינען די צוויי מאנומענטאלע ביכער (700 און 800 זייטן) פון רודאלף ראקער „נאציאנאליזם און קולטור“ און „אין שטורעם“.

דעם אויבנאן פון די היגע פארלאגן קומט בלי־ספק דעם פארלאג פון „פוילישן יידנטום“, וואס האלט, צוזאמען מיט די ביכער וואס זיינען אין דרוק, שוין באלד ביים נייניקסטן בוך. עטלעכע זעכציק שרייבער האבן פארעפנטלעכט אין דער דאזיקער ביכער־סעריע זייערע ווערק וועגן לעבנשטייגער, עקאנאמישן און גייסטיקן לעבן, וועגן זוייטן אמאל ווי פון נאענטן עבר; ווערק וועגן געטא, פארטיזאנער, פארלענדונג־לאגערן, אשוויענטשים, טרעבלינקע, מיידאנעק, וועגן שארית־הפליטה, וועגן נע־ונד, וואנדערונגען און אלע פאזן פון דער כליה, וואס די נאצים האבן אויסגעפירט איבערן שוצלאזן פוילישן יידנטום.

מיטן ארויסגעבן די ערשטע דריי ביכער („טראנסניסטריע“ פון מתתיהו קארפ, אליעזר שטיינבארגס „משלים“ און יצחק קארנס „קישיניעוו“) האט זיך אנגעהויבן די טעטיקייט פון פארלאג „בעסאראבער יידן“.

ווי א צווייג פונעם פארלאג וואס גיט ארויס די סעריע „דאס פוילישע יידנטום“ דארף מען דערמאנען „אונדזער בוך“, וואס האט שוין ארויסגעגעבן זיגמונט טורקאווס „שמועסן וועגן טעאטער“, דר׳ שאשקעס, „רייזע איבער לענדער“, שלמה סיימאנס „מדינת ישראל און ארץ־ישראל“.

א נייער אויפגייענדיקער פארלאג איז דער „יידבוך“ ביי דער „געז׳ פאר יידישוועלטלעכע שולן אין ארגענטינע“, וואס האט ארויסגעגעבן: אין אלבום־פארמאט, דריי חסידישע פרץ־דערציילונגען געכתיבהט פון קינסטלער מ. פייגענבלום; ח. ש. קאזשדאנס, „מעטאדיק פון יידישער שפראך און ליטעראטור“; י.

י. טרונקס „בעלעמער חכמים" און „אמאליקע ייִדן" פון שלמה סיימאָן.

דער אַרגענטינער ייִוואָ האָט אויך אויפצוווייזן אַן אייגענע פאַרלאַג־אַרבעט. אַזוי זיינען ביז איצט דערשינען מיטן ייִוואָ־עמבלעם: 5 בענד „אַרגענטינער ייִוואָ־שריפטן", נח קאַצאָוויטשס זיכרונות וועגן „בראשית מאָזעסוויל" און א. ליפינערס „ביי די טייכן פון פּאַרטוגאַל", וואָס איז אַן עקסטראַקט פון שמואל אושקים ווערק אויף פּאָרטוגעזיש (וואָס האָט אגב זוכה געווען צו דער „לואיס־למד־פּרעמיע").

דער אַרגענטינער ייִשוב האָט אויך געהאַט אַ ליטעראַטור־מעצענאַט, דעם נישט־לאַנגסטיק פאַרשטאָרבענעם קולטור־טוער דוד לערמאַן ז"ל, וואָס האָט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער פון ה. וואָלף: „מענטש און גאָט" און „ביאָלאָגישע אויפפאַסונג פון מענטש און געזעלשאַפט", מ. קולבאַקס נאָוועלן „משיח בן אפרים" און „מאָנטיק", צוויי ביכער פון מלך ראַוויטש: „67 לידער" און „וועגן ספר הספרים", אויך אַ בוך א"נ „מאַמע־ייִדיש", פון י. באַטאָשאַנסקי.

דער איקוף־פאַרלאַג אין ב.־איירעס האָט אַרויסגעגעבן אַ צוויי צענדלינג ביכער פון מחברים. כדאי צו דערמאָנען די צוויי בענד סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט" אין דער ייִדישער איבערזעצונג פון פּ. קאַץ.

וועגן דער פאַרלאַג־אַרבעט פון אַרגענטינער אָפּטייל פון קולטור־קאָנגרעס דאַרף מען ריידן ווי וועגן אַ באַזונדערן קאַפּיטל, אַ וויכטיקן קאַפּיטל. גענוג צו דערמאָנען דאָס אָקערשט דערשינענע 368־זייטיקע בוך „י. ל. פּרץ" פון ש. ניגער און דעם פּאַרמעסט פון קולטור־קאָנגרעס שוין איצט אַרויסצוגעבן דאָס גרויסע ווערק „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי ייִדן" אין 13 בענד (פון דר' י. צינבערג אין 10 בענד און 3 בענד ספּעציעל אָנגעשריבענע פון באַוווּסטע ליטעראַטור־פאָרשער). אויך איז כדאי צו אונטערשטרייכן אַז די 10־בענדיקע אויסגאַבע פון דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק" ווערט אַרויסגעגעבן אין 5000 עקזעמפּליאַרן, וואָס דאָס איז אַ גרויסער פּאַרמעסט ביי די באַדינגונגען פון היגן ביכער־מאַרק.

•

ליטעראַרישע פּרעמיע פאַר יונגע שרייבערס

די מישפּחה פון מרדכי סטאָליאַר ז"ל, דעם פאַרשטאָרבענעם דירעקטאָר פון „די אידישע צייטונג" אין בוענאָס־איירעס האָט ביים אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוו' ייִדישן קולטור־קאָנגרעס געשאַפן אַ יאָרלעכע פּרעמיע פאַר יונגע שרייבערס. די דאָזיקע ליטעראַטור־פּרעמיע טראָגט דעם נאָמען פון מרדכי סטאָליאַר. האיאָר דעם 14טן יולי איז די סטאָליאַר־פּרעמיע צום ערשטן מאָל צוגעטיילט געוואָרן די שרייבער־אָנפאַנגערס אברהם ראָטענבערג, בצלאל קופּער און הערשל טושינער.

אברהם ראַטענבערג האָט באַקומען דעם ערשטן פּרײַז (3000 אַרג' פּעזעס) פאַר זײַן עסיי „יונגע און יוגנט אין ישׂ־ראל און אין אַרגענטינע"; בצלאל קאָ־פּער — דעם צווייטן פּרײַז (2000 אַרג' פּעזעס) פאַר דער דערציילונג „די באַ־גענעניש" און הערשל טושינער — דעם דריטן פּרײַז (1000 אַרג' פּעזעס) פאַר זײַן דערציילונג „שרעק".

די זשורי איז דאָס מאָל באַשטימט געוואָרן פון קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק און איז באַשטאַנען פון די ניו־יאָרקער שרײַבערס ש. ניגער, דר' יעקב שאַצקי, יעקב פּאַט און באַריס סמאָ־ליאַר.

דער קולטור־קאָנגרעס אין בוענאָס־אײַרעס האָט די פּרעמירטע אַרבעטן אַרויסגעגעבן אין אַ זאַמלביכל א"נ „יונגער דור".

●

נײַע שאַפערישע כוחות פאַרן יישוב

דער ייִדישער ייִשוב אין אַרגענטינע איז אין דער לעצטער צײַט באַרײַכערט געוואָרן מיט נײַ־צוגעקומענע שרײַ־בערס. מיר מיינען די שרײַבער־פּליטים יוסף אַקרוטני, מרדכי בערנשטיין און מלך טשעמני, וואָס זײַנען פון צווישן דער גרעסערער גרופּע ניצול־געוואָרע־נע ייִדישע אינטעלעקטואַלן די ערשטע אָנגעקומען פון אייראָפּע קײַן בוענאָס־אײַרעס און דאָ זיך שוין אײַנגעלי־דערט אין דער ייִדיש־שאַפערישער סביבה.

יוסף אַקרוטני, אַ שרײַבער מיט סטאַזש (שטאַמט פון לאָדזש), האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער פון קינסטלערישער פּראָזע און באַלד נאָך זײַן אָנקומען אַהער האָט דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" אַרויסגעגעבן זײַנעם אַ נײַעם באַנד שריפטן — „דאָס בוך פון די עלנטע". עס איז אַ ווירדיקע מתנה פאַרן שרײַבער און אַ דערמוטיקונג פאַר זײַן ווײַטערדיקער שאַפונג.

מרדכי בערנשטיין, אַן אַקטיווער קולטור־טוער און לאַנג־יאָריקער באַ־וווּסטער זאַמלער פון קולטור־היסטאָ־רישע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן דעם ווײַטן ווי נאָענטן ייִדישן עבר איי־נעם חורבן פּוילן און אין דײַטשלאַנד — האָט פאַר זײַן קורצן זײַן אין לאַנד זיך שוין קונה־שם־געווען אין דעם גאַנצן ייִשוב פאַר אַן אויסגעצייכנטן לעקטאָר, פלייסיקן קולטור־בויער און שרײַבער אויף קולטור־געשיכטלעכער טעמאַטיק.

מלך טשעמני, אַ דערציילער, וואָס האָט נאָך אין אייראָפּע אַרויסגעגעבן דרײַ בעלעטריסטישע ביכער, האָט אויך זיך שוין געפונען זײַן אָרט און אין דעם טאָגבלאַט „די פּרעסע" פאַרעפנטלעכט ער קורצע רעפּאָרטאַזשן און סקיצן וועגן דער ייִדישער אַרגענטינע, אירע מענטשן און זייערע שטימונגען.

אַלע דרײַ האָבן שוין געפֿונען אַ ביסל היימישקייט אין זייער נײַער אַרגענטי־נער היים. ייִדישע קולטור־אינסטיטוצ־יעס האָבן פֿאַר זיי געשאַפֿן פּאַסיקע אַרבעט־באַדינגונגען באופֿן, אַז זיי ווערן, ווי שאַפֿערישע מענטשן, נישט אָפּגעשניטן פֿון די קוואַלן וואָס קענען באַגײַסטיקן זייער ווײַטערדיקע מי. יוסף אָקרוטני איז באַשעפֿטיקט בײַ רע־דאַקציאָנעלער אַרבעט אין אַרגענטינער אָפּטייל פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קול־טור־קאָנגרעס ווי אויך אין בוענאָס־אײַרעסער ייִוואָ. מרדכי בערנשטיין האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער דאַנקבאַרער דערציִערישער אַרבעט ווי אַ לערער פֿון דער מיטלשול א"נ פֿון י. ל. פּרץ אין צענטער, איז רעדאַק־טאָר פֿון דער באַנײַטער בונדישער אויסגאַבע „אונדזער געדאַנק" און שרײַבט עסייען וועגן היסטאָריש־שטײַ־גערישן לעבן פֿון די אַמאָליקע ייִדן אין מדינת אשכנז.

מלך טשעמני האָט, ווי געזאָגט, זיך געשטעלט צו זשורנאַליסטישער אַרבעט און האָט מיגלעכקייטן פֿאַר ווײַטער־דיקער שרײַבערישער אַנטוויקלונג.

די ייִדישע אַרגענטינע, וועלכע האָט אַ סך גוטע אייגנשאַפֿטן איבערגענו־מען פֿון די אַמאָליקע ייִדישע ייִשובים אין פּוילן, ליטע, רוסלאַנד און רו־מעניע, האָט מיט נייטיקער וואַרעמ־קייט אַרומגערינגלט אירע נײַע מיטברי־דער.

***

צו דער גרופּע נײַ־אָנגעקומענע שרײַ־בער־פּליטים פֿון אייראָפּע, מיט וועלכע די ייִדישע אַרגענטינע איז לעצטנס באַרײַכערט געוואָרן, דאַרף מען צורע־כענען אויך די שרײַבערס און קינסט־לער־פּליטים פֿון פּאַריז, וועלכע האָבן דעם 16טן יולי 1952 באַטראָטן די אַר־גענטינער ערד. דאָס זײַנען די שרײַ־בערס ברוך האַגער, יצחק יאַנאַסאָ־וויטש און משה קנאַפּהיים, די שוישפּי־לערס שימחה און רות שוואַרץ און די זינגערנס יהודית מאַרעצקי און פּערע־לע שעכטער.

די בוענאָס־אײַרעסער ייִדישע געזעל־שאַפֿטלעכקייט האָט די נײַ־אָנגעקומע־נע באַגעגנט מיט גרויס האַרציקייט.

זאָל אַגב באַמערקט ווערן, אַז די אַרײַנפֿאָר־דערלויבענישן פֿאַר די אַלע שרײַבערס און קינסטלערס זײַנען אויס־געפֿועלט געוואָרן בײַ דער אַרגענטינער רעגירונג אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און די באַמיאונגען פֿון אַרגענטינער אָפּ־טייל פֿון קולטור־קאָנגרעס אין בוענאָס־אײַרעס, בײַ דער אַקטיווער מיטווירקונג פֿון די רעפּרעזענטאַטיווע ייִדישע אָר־גאַניזאַציעס אין דער הויפּטשטאָט.

ענלעכע אַרײַנפֿאָר - דערלויבענישן זײַנען אַרויסגעגעבן פֿאַר נאָך אַ צאָל ייִדישע פּען־מענטשן פֿון אייראָפּע. זיי ווערן דערוואַרט גאָר בקרוב.

אונדזערע מיטאַרבעטערס

י ו ס ף א ק ר ו ט נ י : מחבר פון די ביכער: „אונדזער אַרים ברויט" (דערציילונגען), וואַרשע, 1936; „אַ הויז אויף אַלטשטאַט" (ראָמאַן), וואַרשע 1938; „אַ בוים אין ווינט" (דערציי־לונגען), וואַרשע, 1948; „דאָס בוך פון די עלנטע" (דערציילונגען), ב"א, 1952.
אין אַרגענטינע פון נאָוועמבער 1951.

פ נ ח ס ב י ז ב ע ר ג : מחבר פון בוך „נײַע היימען" (דערציילונגען), ב"א, 1939; „מיגעל סאַכאַראָוו" (מאָנאָגראַפיע), ב"א, 1940; „שבת־יום־טובדיקע ייִדן" (נאָוועלן־ציקל), ב"א, 1949. מיטאַרבעטער פון „אַרגענטינער ייוואָ־שריפטן", מיטרעדאַקטאָר פון „די אידישע צײַטונג".
אין אַרגענטינע פון 1927.

י. ב י ר נ ב ו י ם : אין בוכפאָרעם זײַנען אַרויס זײַנע איבערזעצונגען פון רודאָלף ראָקערס װיכטיקע װערק: „די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער װירטשאַפט און דער אַרבעטער־קלאַס"; „נאַציאָנאַליזם און קולטור"; „אין שטורעם".
אין אַרגענטינע פון 1924.

ש ר ה ב י ר נ ב ו י ם : מחברין פון די לידער־ביכער: „זינג איך מיר", ב"א, 1938 און „געזאַנג אין שטורעם", ב"א, 1950.
אין אַרגענטינע פון 1937.

י צ ח ק ב ל ו מ ש ט י י ן : מחבר פון לידער־בוך „בײַ די אַנדן", ב"א, 1935.
אין אַרגענטינע פון 1928.

מ ר ד כ י ב ע ר נ ש ט י י ן : מחבר פון עסייען אויף ייִדישע קולטור־געשיכטלעכע טעמעס און רעפּאָרטאַזשן וועגן די עלטסטע ייִדישע קיבוצים אין דײַטשלאַנד. באַדייטנדיקע פאַרדינסטן אויפן געביט פון זאַמלען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן דעם אויפקום, אַנטוויק־לונג און אונטערגאַנג פון די ייִדישע ישובים אויף דײַטשער ערד.
אין אַרגענטינע פון יאַנואַר 1952.

ח י ם ב ר א ק א ז ש : אין בוכפאָרעם דערשינען זײַנע איבערזעצונגען פון סטעפאַן צווײַגס װערק: „דערוואַכונג", „אַמאָק", „דער פלאַנטער פון געפילן", „ירמיהו", „די באַגראָ־בענע מנורה".
אין אַרגענטינע פון 1936.

ז ל מ ן װ א ס ע ר צ ו ג : מחבר פון די ביכער: „פאַר די קינדערס וועגן" (דערציי־לונגען), ב"א, 1932; „מיט אייגענע אויגן", און מיט אביגדור שפּריצער צונויפגעשטעלט די כרעסטאָמאַטיע „נײַע קוואַלן" אין צוויי טיילן, ב"א.
מיטרעדאַקטאָר פון „די אידישע צײַטונג".
אין אַרגענטינע פון 1930.

א י נ א ײ נ ע ם

מ ל ך ט ש ע מ נ י : מחבר פון די ביכער: „די מישפּחה פינצטער" (דערציילונגען), וואַרשע, 1936; „טעג אַזעלכע" (דערציילונגען), מינכען, 1947; „אוזבעקיסטאַן" (טיפּן און בילדער), מינכען, 1948.
אין אַרגענטינע פון יאַנואַר 1952.

פּ אַ ל י ק ל ע ר נ ע ר : מחבר פון רעפּאָרטאַזשן־בוך „מענטשן און לאַנדשאַפטן", ב"א, 1951, מיטרעדאַקטאָר פון דעם בוענאָס־אײַרעסער טאָגבלאַט „די פּרעסע".
אין אַרגענטינע פון 1927.

נ ח מ ן מ י ז ש ע ר י צ ק י : מחבר פון די ביכער „צווישן די ווענט פון שפּיטאָל" (דערציילונגען), ב"א, 1942 און „שאָטנס" (דערציילונגען), ב"א, 1952.
פּראַקטיצירנדיקער מעדיצין־דאָקטאָר.
אין אַרגענטינע פון 1911.

מ אַ ש ע ש ט ו ק ע ר ־ פּ אַ י ו ק : אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם לידער פאַר קינדער א״נ „קינדערלעך", ב"א, 1947 און „זינגענדיק", ב"א, 1951.
אין אַרגענטינע פון 1925.

מ ש ה ק ו י פ מ אַ ן : מחבר פון די לידער־ביכער: „אַרקע פון טאָל", ב"א, 1936: „פון אַלע מײַנע היימען", ב"א, 1944. איבערזעצער פון שפּאַנישער דיכטונג.
אין אַרגענטינע פון 1928.

נ ח ו ם ק ר י ט ש מ אַ ר : פּובליציסט, וואָס ווידמעט זיך בעיקר פּראָבלעמען פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.
אין אַרגענטינע פון 1906.

א ס ת ר ש ט ײַ נ ב ע ר ג : דיכטערן. אין בוכפאָרעם פון אירע ווערק גאָרנישט דער־שינען. געוויזענע אײנוווינערן פון באַראָן הירשס קאָלאָניעס.
אין אַרגענטינע פון יאָר 1918.

א ב י ג ד ו ר ש פּ ר י צ ע ר : מחבר פון די ביכער „איוב" (דראַמאַטישע פּאָעמע), פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע, 1926; „רות" (דראַמאַטישע פּאָעמע), ב"א, 1933; „מאָרגן־פרייד" (קינדער־מעשיות), ב"א, 1936; „צידעלע — פּידעלע" (מעשהלעך, לידעלעך), ב"א, 1937; „דער גאָלדענער פאָדעם" (דערציילונגען), ב"א, 1944; „חומש אין מעשהלעך פאַר קינדער", אין צוויי בענד, ב"א, 1948.
אין אַרגענטינע פון 1926. געשטאָרבן אין בוענאָס־אײַרעס, פעברואַר 1952.

ר אַ ז ש אַ נ ס ק י ש מ ו א ל : מחבר פון די ביכער: „דר' חיים זשיטלאָווסקי", ב"א, 1936; „דאָס ייִדישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין אַרגענטינע", ב"א, 1941; „הונגער צו דער זעט" (דערציילונגען און סקיצן), ב"א 1941; „אונדזערע אידייען, סביבה, עלטערן און קינ־דער", ב"א, 1941; „אין בוענאָס־אײַרעס" (סקיצן און מיניאַטורן), ב"א, 1941. מיטאַרבעטער פון „אַרגענטינער ייִוואָ־שריפטן", מיטרעדאַקטאָר פון בוענאָס־אײַרעסער טאָגבלאַט „די אידישע צײַ־טונג".
אין אַרגענטינע פון 1922.

רעדאַקציע־קאָלעגיע: פּנחס ביזבערג, יוסף האַרן, שמואל ראָזשאַנסקי
רעדאַקציע־סעקרעטאַר: י. אַקרוטני
הילע נעצייכנט: משה פײַנענבלום

Este libro se terminó de imprimir el día 29 de Agosto de 1952, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, Av. Corrientes 1976 — Buenos Aires